STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10451

GEKLIBENE DERTSEYLUNGEN

B. Shlevin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. שלעווין / געקליבענע דערציילונגען (1933-1963)

פֿאַרענדיקט דרוקן אין אָקטאָבע־
1964, אין דער דרוקעריי „א.ב.צ.״
פּאַריז.

B. SCHLEVIN
Nouvelles choisies
(1933-1963)

Imp. Abécé, 21, rue Juliette-Dodu - Paris-10e

ב. שלעווין

געקליבענע דערציילונגען

(1933-1963)

בוך-קאָמיטעט

פּאַריז 1964

פאָרטרעט פון קינסטלער : י. מאַרקיעל



אין 1963 איז געוואָרן 30 יאָר זינט ס'איז דערשינען דאָס ערשטע בוך פון ב. שלעווין, און 30 יאָר ווי ב. שלעווין לעבט און שאַפט אין פּאַריז; מער ווי אַ האַלב לעבן, איבער אַ צענדליק ביכער, ראָמאַנען און דערציילונגען, די מערסטע געשריבן אין פּאַריז; ביכער, וואָס שפּיגלען קינסטלעריש אָפּ דעם גאַנג פון אונדזער יידישן דור.

מיר האָבן יעדן טאָג צו פאַרצייכענען וויכטיקע דאַטעס, געדענק־טעג, אַז דער שעפערישער וועג פון אַ שרייבער זאָל פאַרבייגיין אומבאַמערקט. ס'איז אפשר אויך נישט קיין צייט און קיין געמיט צו פּראַווען יובילעאומס. כאָטש באַשיידנקייט איז נישט גאָר קיין געהויבענע מידה אין אונדזערע טעג, מיינען מיר אָבער, אַז דאָס פרוכטבאַרע שאַפן פון ב. שלעווין איז נישט קיין פּריוואַטער ענין. זעלטן ווען יידישע שרייבער היינט צו טאָג ווערן ערנסט, אָן־פּניותדיק, אָפּגעשאַצט. האַלטן מיר דערפאַר פאַר וויכטיק דאָס דערשיינען פון אָט דער קליינער זעלבסט־אַנטאָלאָגיע פון ב. שלעווינס געקליבענע דערציילונגען, אויסצוגן פון פריערדיקע ווערק און נייע דערציילונגען, אַ מין קאָנדענסירטער קוואַר־שניט —

„געקליבענע דערציילונגען" (1933-1963). כדי טיילווייז אָפּ-
צושאַצן דאָס ווערק פון ב. שלעווין במשך די 30 יאָר, האַלטן
מיר אויך פאַר וויכטיק צו ברענגען דאָס תוכיקע פון דעם,
וואָס איז אין די 30 יאָר געשריבן געוואָרן איבער זיין שאַפן.

בוך-קאָמיטעט:

ד"ר נח גרים,
מאַקס וואָלפסהוט,
באָרים זיידעל,
מ. מעלמאַן,
נ. מילנער,
ח. קערבער,
מאַרסעל קאַראָליצקי,
מאיר שאַרי,
פּ. שמייער,
י. שעכטער.

פּאַריז, 1964

אינהאַלט

1. פון בוך־קאָמיטעט — — — — — — — — — — 11
2. אהרן־לייב מיט די בנים — — — — — — — — 14
3. אין די האָרינער וועלדער — — — — — — — — 25
4. אין חודש אַפּריל — — — — — — — — — — — — 37
5. אין די אַלטע שפּורן — — — — — — — — — — — 45
6. רות און נעמי — — — — — — — — — — — — 59
7. דוב כייקין — — — — — — — — — — — — 73
8. חבר אהרן — — — — — — — — — — — — 103
9. די מעד.־שוועסטער מאַיאַ — — — — — — — — 123
10. גאָלדפּאַרעניאַדע — — — — — — — — — — — 141
11. דער צוקער־בעקער פון „פּלעצל" — — — — — — 149
12. די כלה פון קאָלאָמב־בעשאַר — — — — — — 161
13. „אָ, גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן" — — — 177
14. קאָסמאָפּאָליטן — — — — — — — — — — — 193
15. סעטימענטאַלע רייזע — — — — — — — — — 203
16. מיט שלום אַש'ן אין נים — — — — — — — — 215
17. וועגן די ווערק פון ב. שלעווין — — — — — — 221
18. ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — 273

אהרן־לייב מיט די בנים

איבערן דורכגערעדערטן טראַקט, פאַרביי די פאַרהעמערטע און אויסגעשטאַרבענע יידישע שטעטלעך קאַמעניץ, זשאַבינקע, מאַלאָריטע, קאָברין, ערגעץ אין דער טיפער זומפּיקער פּאָלעסיע, האָט זיך געשלעפּט אַן אײנציקע, פאָל־אָנגעלאָדעוועטע בויד מיט איבערגעדרייטע בענקלעך, שאַפקעס, טשייניקעס, אַ פּאָר לייכטער, אַ גאַנג מחזורים, פאַרבונדן אין אַ טישטוכל, אַ בייכיקן, פאַרסאַדזעטן סאַמאָוואַר און מיטן רויט־אָפּגעצויגענעם ביסל בעטגעוואַנד. די נישטגעשמירטע רעדער פון דער ברייטער דראַבינע־פור האָבן געסקריפּעט איבער דער אויסגעטריקנטער בלאָטע, איבער די גריבער און הויכקייטן. די בויד האָט געאיילט מיטן זון־זעצן־זיך באַצייטנס אָנצוקומען אין שטאָט אַריין, איבער די טרייסטלענדיקע פאַראָם־בריקן. כאָטש ס'האָט שוין, איידער וואָס־ווען, געהאַט אונטערגעיאָגט דער ערב ראש־השנה, איז נאָך געשטאַנען אַ שווערע, מיטזומערדיקע חמימה אונטערן טיף־בלויען, אויסגעשרפהטן הימל. די אָרעמע, זאַמדיקע פעלדער צווישן די זומפּיקע פליינען, זענען געלעגן צעטראָטן, פאַרוויסט.

באַלד הינטער דער בויד האָבן מיט ברייטע, פּויערישע שפּרייזן באָרוועס געשפּאַנט אין זאַמד צוויי פעסטע, פאַרברוינטע בחורימלעך, די שטיוול פאַרוואָרפן אויף אַן אָפּגעריסענער ווערבע־צווייג, איבער די אַקסלען. דער עלטערער, דוב, אַ ייִנגל פון אַ יאָר זיבעצן, איז געווען אַ קרעמפּער, ווי אַ פּניאַק, מיט אַ ברויטנעם לאָק פון אונטערן געשפּאָלטענעם דאַשיק. דער ייִנגערער, וואָלף — מיט אַ קאָפּ העכער, דין און שוואַרץ ווי אַ ציגייִנער. דאָס בידנע פערדל האָט אָנגעטריבן דער פאַרוואַקסענער ייד אַהרן־לייב, דער לאַנגיאָריקער שמיד פון גרויסן, שטרויענעם גמינע־דאָרף פּרילוקי. דער ייד האָט פאַריסן דאָס שיטערע, פעך־שוואַרצע בערדל, איז געווען פאַרהאַוועט, פאַרשוויצט, אַז די הייסע, אָפּבריענדיקע אויגן אונטערן נידעריקן שטערן זענען אים שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען; ער האָט אונטערגעשמיסן די שקאַפּע, זי זאָל נישט אָפּשטיקן.

— וויאָ, פאַדלע! — האָט ער פון צייט צו צייט אַרויסגעוואָרפן אַ קאַרג וואָרט, געפאָכעט מיט דער ווערבע־צווייג און אַלעמאָל זייטיק געכאַפּט אַ קוק פון הינטן, צי די בחורימלעך שפּאַרן כאָטש אונטער אַן אַקס, אונטערצושטופּן די בויד באַרג־אַרויף.

מיט די הויפּט־שליאַכן, וואָס זענען באַלייגט געווען מיט פוסגייער־מיליטער, אַבאָז און אַרטילעריע, איז שוין אין יענעם סוף־זומער שווער געווען דורכצוקריגן

זיך. ס׳איז געווען אַ גרויס איינשטעלעניש צו לאָזן זיך אונטערוועגנס אין אזעלכע אומרואיקע צייטן. זיי האָבן זיך דעריבער אַלץ פאַרנומען מיט זייטיקע זאַמד־וועגן, דורך די נידעריקע, זומפּיקע אַליעכע וועלדלעך, ווייט פון אַ ישוב. ערשט אַרום מנחה־צייט איז די בויד געקומען אָנצוטרייסלען ביז צו די פּאַראָם־בריקן איבערן גרינעם, שטראָמיקן טייכל, וואָס וואַרפט זיך, ערגעץ הינטער די וואַלן פון דער אַלטער פעסטונג, אין בוג אַריין.

פון די סאַמע לעצטע אין דער משפּחה איז אהרן־לייב, דער דאָרף־שמיד, צוזאַמען מיט זיין הויזגעזינד, מיטן צעטרייסלטן ביסל באַלעבאַטישקייט, ערב ראש־השנה, געקומען אָנצוציען און שטאָט אַריין. לענגער פאַרבלייבן ווינען אין דעם עק איז געווען אַ סכנה. ס׳איז געווען דער זומער, ווען די צעיושעטע פּוילישע פּיל־סודסקי־לעגיאָנערן האָבן אַ שפּאַר־געטון אַזש ביזן דניעפּער, הינטער קיעוו.

אין קילן פרילינג פון יענעם יאָר האָבן זיך די בושלען שפּעט, ערשט אַרום שבועות צייט, אומגעקערט צו די נעסטן איבער די מאָכיקע סטרעכעס פונעם שטרויענעם דאָרף פרילוקי. זיי זענען געפלויגן אין אַ קרומער שורה, נידעריק איבער די שיטער־פאַרזייטע און שלעכט־אויפגעאַנגענע אַקער־פעלדער, טונקענדיק די שפּיצן פליגל אין די פאַרגריזעטע וואַסערלעך. אַלטע, פאַרוואַקסענע פּאַליעשוקעס האָבן פאַר די שוועלן געמאַכט האַנט־דעכעלעך קעגן דער ווילעכער זון, וואָס איז געשטאַנען ערגעץ בידעריק, פאַרשלייערט און וואַלקנדלעך, האָט מער געשטאָכן, ווי געוואַרעמט; זיי האָבן כמורנע געבלאָזן דעם מאַכאָרקע־רויך אין די קאַלטענע־וואַטע בערד אַריין:

— שלעכטע סימנים!... — האָבן זיי געקרעכצט, די אַלטע לייט — קיין גערע־טעניש, זעט זיך, וועט מען שוין דאָס יאָר נישט האָבן... עך, טאַטעלעך...

פון דער מלחמה האָבן זיך די זין שפּעט אומגעקערט צו דער פאַרלאָזענער באַלעבאַטישקייט. אַרומגעשליסענע, פאַרלייזיקטע, זענען זיי, ווי די וועלף אין לויער, געקומען אָנצולויפן דורך אַלע אָפּן־געלאָזענע גרענעצן. ווער ס׳איז צוריקגעקומען פון „פלען״, ווער פון „יענער זייט״ און ווער ס׳האָט זיך שוין מער אינגאַנצן נישט אומגעקערט, איבערגעלאָזן דאָס געביין אין די ברידער־קברים, ווייט פון די היימישע, אויף אַ פרעמדער ערד.

באַלד נאָך־פּסח האָט אהרן־לייב געקליבן זיך, אויף שטענדיק שוין, צוזאַמען מיט דער אָרעמער באַלעבאַטישקייט, מיטן הויזגעזינד, צו פאַרלאָזן דעם פאַרוואָרפענעם העק פרילוקי, אינאַזייט פון די ראָזשינאַיער וועלדער, און אַריבערצוקלייבן זיך אין שטאָט אַריין. ס׳איז אים שוין גענוג געווען. ס׳איז אָבער אַלץ שווער געווען אַרויסצורירן זיך פון דאַנען. אַלעמאָל האָט זיך געמאַכט עפּעס אַנדערש. געגאַנגען איז דאָס אַכצנטע יאָר זינט ווען ער האָט איבערגענומען ביים שווער, עליו־השלום, ביים אַלטן פרילוקער פּאַסטעך קאַפּל־מאיר, די ברייטע קרעטשמע־שטוב אויפן זאַמדיקן טראַקט, וואָס פירט, דורך די געדיכטע ראָזשינאַיער וועלדער, צו דער קרייז־שטאָט סטעפּין און ווייטער אַרויף, ביז צום בוג. דאָס ווייב מינדע איז דאָ געבוירן געוואָרן, האָט זיך זעלטן ווען געהאַט אַרויסגערירט פון דעם עק; אויסער

די פּאָר מאָל, ווען מ'האָט זיך מיט די באַלייַגטע פּורן אַראָפּגעלאָזן פּראַווען די פּראָסטע, אָרעמלעכע חתונה פון די דאָרפס־לייט אין שטאָט אַריין.

פּונקט אַזוי ווי ס'האָט אים, אהרן־לייבן, אַלע יאָרן געצויגן צו זיין צווישן יידן, אַזוי איז עס איר, דער דאָרפישער יידענע, שטאַרק נישט געווען צום האַרצן דאָס איבערציען זיך אויף שטענדיק אין שטאָט אַריין. אַלע יאָרן האָט זי זיך אָבער געשראָקן דערפאַר; זי האָט זיך בלינד געשראָקן פאַר די אומבאַקאַנטע שטאָטישע פּירעכצן, פאַר די נייע „פּאַראַנדקעס", ווי זי האָט זיך אַלץ געפלעגט אָנצוהערן. אין אירע בלויע אויגן, ווי די קאָרן־קוויטן, האָט זיך אַלעמאָל, ווען ס'איז געקומען דערפון צו־רייד, באַוויזן אַ טעמפּע בענקשאַפט און אַ שרעק. דאָ האָט זיך אָפּגעשלאָסן איר היימיש וועלטל. דאָ, אין די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך, איז זי געוואַקסן; אַהערצו איז ס'ערשטע מאָל געקומען זי אָנקוקן אַהרן־לייב, ווען ער איז באַפרייט געוואָרן פון „פּאָניעך", צוליב אַ געמאַכטן מיחוש אין אַן אויער. אַזוי האָט מען זיך שוין געפירט מיט די זין און שטיף־זין אין הלל רימערס גרויסער משפחה — אונטערגערוקט אַ פּאָר גילדן „נאַטשאַלסטווע" און זיי האָבן שוין אויסגעפונען עפּעס אַ מיחוש. און כאָטש צווישן דער פולער שטוב קינדער פון דעם ערשטן און צווייטן ווייב ביי הלל דעם רימער, האָט אהרן־לייב יינגלווייז קיין האָניג אַוודאי נישט געלעקט, אויסגעשטאַנען כלערליי געברענטע צרות, האָט אים דער אַלטער, ביים אויסקויפן פון גויישע הענט און ביים חתונה מאַכן, באַהאַנדלט ווי אַן אייגן קינד. אהרן־לייב איז געווען אַ שטאַלטנער יונג, מיט אַ פּאָר גילדערנע הענט צו דער מלאכה. ער האָט שוין קיינעמס טובות נישט באַדאַרפט. גלייך אויפן ערשטן קוק, איז ער מינדען, מיט זיין זיכערן געשטעל, מיטן זייטיקן קוק פון אונטער די הייסע, אָפּבריענדיקע אויגן, אַריין אין האַרץ אַריין.

אונטערן צעלעכצטן פּידאַשיק פון דער קרעטשמע־שטוב האָט אַהרן־לייב באַלד נאָך דער חתונה איינגעריכט די קוזשניע. זיין פּנים, אויסגעשאָטן מיט אַ שטעכיקן אויסוווקס, האָט זיך איינגיכן באַדעקט מיט געדיכטע האָר־קעמפּעס. פון אונטערן שטערן ביי אים האָבן טראָציק אַרויסגעגליט די אָפּבריענדיקע אויגן, מיט די רויטע פעדעמלעך אין די ווייסלעכצן, ווי ביי אַ רוצח; ווי ער וואָלט אַליין אויך געווען אַרויסגעוואַקסן פון אַלטן פאַכטער קאָפּל־מאירס פאַרצווייגטער משפחה, אביסל פאַרגרעבטע, שווייגנדיקע, אָבער ערלעכע יידן, צעזייעט אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך פון דעם קאַנט; אין זייערע אָדערן איז געראונען געזונט, הייס, פּויעריש בלוט. ביי די דאָרפס־לייט האָט אהרן לייב גלייך אַרויסגערופן דרך־ארץ. ער איז געווען אַ שווייגער און אביסל שטומפּיק אויף דער צונג. פון צייט צו צייט איז אָבער צוגעשטאַנען צו אים די ביטערע עקשנות און זיינס האָט ער געמוזט אויספירן.

ס'האָבן גאָרנישט געהאָלפן אירע בעטעניש, דער יידענעס, באַלד נאָכן טויט פון שווער, אַז אהרן־לייב זאָל אָוועקוואַרפן די קוזשניע און זען צוהעלפן פירן די קרעטשמע. „פון דאַנען ביז אַהער" האָט ער זיך נישט געוואָלט מישן. ער טויג זיך נישט, האָט ער געטענהט, צו די שיכורע פּויערימלעך. זיי, די פּויערימלעך, פלעגן, צוריקפאָרנדיק פון שטאָט, אָדער אין די זונטיקן, אָפּשטייגן ביי אים, אויסצוטרינ־

קען אַ קוואַרטירעלע אָקעוויט. אָנהאַלטנדיק זיך דערנאָך אין די פאַרענטשטס פון גאַניק, פלעגן זיי שפעט, אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל, אַרויסשיטן זיך פון דער שענק־שטוב, אונטערזינגען מיט פאַרשטיקטע גאַרגל־טענער, אַקוראַט ווי דאָס שווינדזיכטיקע דיאַקל פראַכאַר ביי די זונטיק־תפילות אין גרינעם קלויסטערל. אהרן־לייב האָט אויך נישט געפלעגט אַרויסצווייזן קיין אונטערטעניקייט, ווי זיין שווער, דעם וואָנסיקן פריץ פון טירנע, גראַף זשאַרקאָוו, האָט זיך נישט געניגט פאַר אים ביז אין דער העלפט, ווען יענער האָט זיך אין זיין צוויי־רעדערדיק בריטשקעלע פאַרהאַלטן לעבן גאַניק.

זיי האָבן אונטערגעקרעכצט, די פויערימלעך, אַז מיטן אלטן קאָפּל־מאירס אוועקשטאַרבן האָט זיך איינגאַנצן אָפּגעטון דאָס מזל פון דער היימישער קרעטשמע. חיונה איז אין די ערשטע פאָר יאָר אַזוי אויך געווען בריוח. ס'האָט איר פונדעסטוועגן שטאַרק געאַרט, הער יידענע, וואָס די פויערימלעך ליידיקן נישט אויס אויפן טומבאַנק דאָס פאַרפעטסטע ביסל קליינגעלט, פאַרוויקלט אין אַ שפיץ העמד; וואָס אין די האַרבסט־נעכט קאָפּטשעט נישט דער בייכיקער לאָמפּ אין דער גרויסער, ליידיקער קרעטשמע־שטוב און ס'הערט זיך נישט דער איינגעשפּאַרטער געפלאַפּל פון די בגילופנדיקע דאָרפס־לייט. די געווינטשאַפט צו זען דעם טאַטן באַוועגן זיך, דעם דאַשיק פונם היטל מיט דער הויכער דענקע ווייט איבערן שטערן, הינטער דער טומבאַנק, איז איר כסדר נאָכגעגאַנגען.

— ביי־בי — האָט זי געקלאָגט— וואָלט דער ברודער שמיל־יוסף נישט אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט צו זיבעצן יאָר אין מאָזלען... אַ זשעבורע וואָלט ער אים אונטערגעהאַקט, דער טאַטע, און די קרעטשמע וואָלט געבליבן קרעטשמע... אַזאַ יונג אַ ריז...

דערפאַר איז מען געקומען צו אהרן־לייבן אונטערן פידאַשיק שמידן אַ יונג פערדל, פאַריכטן די ספּריכעס פון אַן אויסגעבראָכענער ראָד, די בראָנע, אונטערקאָווען אַן אַקס פון אַ וואָגן. זיי האָבן מיטגעברענגט אַ צענדליק אייער, אַ מעסטל קאָרן, אָדער אַ זעקל געריבטן. מפלענדיק מיטן ערשטלינג, צוליב אַן אומגליקלעכן שטורך ביים מעלקן אַ יונג, חוצפּהדיק קיעלע, האָט אים, אהרן־לייבן, ס'ווייב מיט אַ קאָרג יאָר שפּעטער געברענגט אויף דער וועלט אָט דעם רויטלעכן יונג, דובן, אין אַ יאָר צוויי־ דריטהאַלבן אַרום וואָלפן, און צולעצט — דעם פעסטן, בלאָנדן זאַלקען, וואָס איז שוין איצט געגאַנגען אין אַכטן יאָר און האָט נאָך רעכט קיין בלעטל עברי נישט געקענט צעקייען.

מלחמה־צייט זענען די ייִנגלעך אונטערגעוואַקסן פריי און ווילד. זיי האָבן, פונקט אַזוי ווי די פויערים, הינטער דער סאַמע נאָז פון די דייטשע פעלד־זשאַנדאַרמען, בגנבה געפירט אַ ביסל קאַרטאָפל אין די שטעטלעך אַרום, אַמאָל אַ געשאָכטענעם באַראַן, געטריקנטע שוואָמען, און צוריקגעברענגט האָבן זיי נאַפט, זאַלץ און שוועבעלעך. ערגעץ נאָנט, הינטער די וועלדער אַרום פינסק, זענען די דייטשן אין משך פון עטלעכע יאָר געלעגן פאַרשאַנצט אין די פאַרגאָסענע אָקאָפּעס. אַמאָל האָבן די דייטשן, אונטער דער באַשולדיקונג אין שפּיאָנאַזש, אויפגעהאָנגען אַ ייד, אָדער אַ

פויערל אויף אַ סאָסנע און אַלעמען פון אַרום צונויפגעטריבן, מען זאָל צוקוקן די עקזעקוציע. די פאַרמאַרעטע רוסישע געפאַנגענע האָבן זיי פאַרשאָטן אין די זומפּן, איבער וועלכע מ׳האָט געוואָרפן אַלטע, הונדערטיאָריקע ביימער אין דער קווער, צו־צופירן די שווערע אַרטילעריע אין די בלאָטיקע מקומות.

מילא, פון עלטערן, פון דובן, האָט ער זיך שוין צוביסלעך געהאַט מיאש געווען, אהרן־לייב; כאָטש דער ייִנגערער, וואָלף, איז אויך, דוכט זיך, געגאַנגען אין זיבענע דרכים. ס׳האָט זיי נאָכאַנאַנד געטראָגן, די ייִנגלעך. זיי האָבן דאָ מער נישט געקענט איינזיצן. דוב האָט אַלע פאָר טעג זיך אויפגעכאַפּט און איז ערגעץ פאַרפאַלן גע־וואָרן אין די אַרומיקע שטעטלעך. וואָס האָט עס איבּ אַזוי געטראָגן? עפּעס ביכלעך האָבן זיי אָנגעברענגט. מינדע האָט צוערשט אַפילו געמיינט, אַז נישט אַנדערש, נאָר אַ שיקסע... כ׳ווייס וואָס... דאָס האַרץ איז איר אַנטפאַלן ביים בלויזן געדאַנק... אַביסל האָבן פונדעסטוועגן די ייִנגלעך צוגעהאָלפן אין דער באַלעבאַטישקייט, אַרום הויז, אין קאַרטאָפל־פעלד, אין דער קוזשניע; אָבער ס׳איז אַלצאיינס קיין תכלית נישט געווען. אין די פאָר מלחמה־יאָרן האָבן זיי געטון אַ וואַקס־אונטער. מאָדנע רייד האָט ער גענומען לאָזן פאַלן אין שטוב, דער עלטערער, דוב:

— די וועלט איז גרויס... און דאָ שטיקן מיר זיך...

אהרן־לייבן איז שווער געווען עפּעס צו דערכאַפּן פונעם ייִנגלס מאָדנע רייד. ער האָט אים אָנגעקוקט מיט די הייסע, אָפּבריענדיקע אויגן פון אונטערן שטערן, פרעמד, מיט פאַרדאַכט. צי האָבן עס אים די אַלע ביכלעך אַזוי פאַרדרייט דעם קאָפּ? פאַרקערט, צי וואָלט אים דען אַליין נישט ליב געווען, ווי אַלע דאָ, נאָכצוגיין די אָקסן, אויפשניידן די ערד פרילינג־צייט, אַקערן, זייען, דרעשן און אַריינפירן די גע־רעטעניש אונטערן פידאַשיק? נאָר דאָס אַלץ איז עפּעס נישט פאַר קיין ייִד. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז שטענדיק וועט הענגען איבער זיין הויז אַ געפאַר, די קינדער וועלן דאָ אויפוואַקסן ווילד און וועלן נאָך טאַקע אפשר חתונה האָבן מיט שיקסעס. ווער קאָן וויסן? ניין, דאָס אַלץ איז נישט פאַרן ייִדישן שטייגער. אָבער געצויגן האָט עס אים ווי ס׳חיות צו דער אויפגעגאַנגענער תבואה, ווען זי שטייט אין סאַמע בליען. שפּעט אין זומער אַריין, ווען די זאַנג איז געוואָרן אַ העכערע, אַ פולערע, איז ער אַרומגעגאַנגען לעבן שכן כוועדאָר, אַרויסגעצויגן אַ קעפּל, געוויגן עס אין דער האַנט, געקייט צווישן די ציינער אַ קערנדל און שווער געלאָזן פאַלן:

— גאָטס גאָב... ס׳איז די ערלעכע גאָב דעם מענטשן פאַר זיין מי...

— אַזוי יאַקאָש באַקומט זיך... — האָט דער שכן, אַ צופרידענער, קענטיק, אויס־געזונגען מיט אַ באַסל, געבלאָזן דעם מאַכאָרקע־רויך אין דער געדיכטער, קאָלטע־נעוואַטער באָרד אַריין.

די צייטן נאָך דער מלחמה זענען געווען שווערע. די פאַרפרוירענע ערד האָט שפּעט אויפגעטייעט, נאָך די מוראדיקע פרעסט אום ווינטער. דער פאַרשלאָפענער פויער איז אַראָפּגעקראָכן פון פּיעקעליק צו דער סאָכע, צום אַקער און צום וועגע־לע אויף די אונטערגעבראָכענע אַקסן. מ׳האָט אַלצדינג איך דער באַלעבאַטישקייט באַדאַרפט אויספאַריכטן. זענען זיי געקומען צו אהרן־לייבן. קיין מזומנעם גראָשן

האָט מען, אמת, בײַ זײ נישט אָנגעקוקט, פֿון די פּאַזוכעס האָבן זײ אַלץ אַרויסגעטרײסלט „קערענקעס", „קאַרבאָוואַנצעס", אַלט ניקאָלאַיעווער געלט, אויף וועלכן קײנער האָט זיך מער נישט געוואָלט אומקוקן. אויסהאַלטן פֿאַר די ייִנגלעך אַ מלמד איז ער פּשוט נישט בכּוח געווען, אהרן־לייב. וויפֿל ער האָט אַלײן דעם ייִנגסטן, זאַלקען, נישט אַרײַנגעהאַקט אין קאָפּ אַרײַן דאָס פֿאַרגרײַזטע בלעטל דאַווענען, איז עס געווען ווי אין דער וואַנט אַרײַן. נאָך אַ פּאָר יאָר און עס יאָגט אונטער דעם ייִנגלס בר־מצווה. מען ווערט פֿאַרגרעבט פֿון ווײַנען שטענדיק צווישן גויים. געווען איז ער בלאָנד, זאַלקע, מילך־ווײַס, ווי די מאַמע, אָבער די אויגן זענען בײַ אים אהרן־לייבס — אָפּבריצנדיקע, מיט אַ קאָליר פֿון אָפּגעשטאַנענעם ביר. דאָס פֿאַריסענע נעזל האָט גלײַך אויסגעגעבן די געירשנטע עקשנות פֿון טאַטן. דעם קלײנעם האָט עס גאָר געצויגן צו דער אַלטער ווינט־מיל. אָנהענגענדיק זיך אײנמאָל אין אויסגעבראָכענעם פֿליגל, ווען ס'האָט געבלאָזן אַ לינדער ווינט פֿון די זומפּן, איז דאָס ייִנגל אַרונטערגעפֿאַלן, אויפֿגעשפּאָלטן זיך אַ שטיק באַק און אויסגעלענקט זיך דעם עלנבויגן. פֿאַרנאַכט האָט זיך די באַנדע אָפּגעשליסענע קינדער אַראָפּגעלאָזן פֿון בערגל צו דער קרעטשמע מיט אַ ליאַרעם; און ווען אהרן־לייב איז אָנגעלאָפֿן פֿון הינטערן פּידאַשיק, איז דער קלײנער געהונקען אים אַנטקעגן, ווי קײנמאָל גאָרנישט.

— כ'וועל דיר, ממזרוק, ממיתן !... — האָט אים אהרן־לייב געוואָלט אַ נעם געבן בײַם אַקסל. ער האָט זיך אָבער אַ ריס געטאָן:

— אוי, וועסט מיר די האַנט...

אויפֿן גאַניק האָט זײ שוין מינדע אָפּגעוואַרט מיטן לאָמפּ איבער די קעפּ. ס'האָט שוין געגומען טונקלען. דער קלײנער האָט פֿאַרביסן געשוויגן און אַביסל פֿאַרשולדיקט געשמײכלט.

— דאָס ווײנט אפילו נישט... — האָט מינדע, פֿאַרענדיק זיך אַרום אים מיט נאַסע טיכער, געוואָרטשעט — דער ביטערער עקשן... דאָס טאַטעלע פֿון אויג...

אין דער נידעריקער קרעטשמע־שטוב איז דער לאָמפּ אַרונטערגעהאַנגען אויף אַ קרומען דראָט פֿון באַלקן. מ'האָט אים שוין איצט זעלטן ווען אָנגעצונדן. דער קאָפּטשענדיקער לאָמפּ האָט נישט וויקניק קוואַרטירעלעך נאַפֿט אויסגעצויגן. אָוונט־צײַט זענען אַלע טירן און אַלע שפּאַרעס פֿאַריגלט געוואָרן. די צײַטן זענען געווען אומרויִקע. אָפּגעשליסענע באַנדעס האָבן געלויערט אויף ייִדן, תּבֿואה־הענדלער, פּאַרבײַפֿאָרער, אונטערוועגנס. די קרעטשמע־שטוב איז געשטאַנען ווײַט אַרויסגערוקט פֿון דאָרף, צו די פּאָליאַנעס, אײַנמיטן הפֿקרן טראַקט. אַפֿילו די טיר, וואָס האָט געפֿירט צו דער פֿאָרנטיקער שטוב, האָט מען אויף בײַנאַכט צוגעשפּאַרט מיט פֿלעקער און דרענגער. די שטוביקע האָבן זיך געפּאָרכטן אַרײַנצוגײן אין דער טונקעלער שטוב, גרויס ווי אַ פֿעלד. עס האָט דאָרט נאָך אַלץ געשמעקט מיט פֿאַרבאַקענע זויערע ריחות פֿון „סאַמאָגאָן" און ביר־פֿעסער, ווי אין אַ קעלער. די עלטערע ייִנגלעך זענען, ווי געווינלעך, אין שטוב נישט געווען.

אין הינטערשטן חדר, וווּ ס'שטײען די מאַסיווע, דעמבענע בעטן, וווּ ס'שטײט דער לאַנגער, רוי־געהובלטער טיש, איז אהרן־לייב געזעסן אין זײַן וואַטענעם

שפּענצער, אַ צעכראַסטעטער, און האָט געגעסן וועטשערע פון אַן ערדענער שיסל, וואָס מינדע האָט פאַר אים אַוועקגעשטעלט. אין די נאָך־שבועותדיקע שטשאַוו־באָרשטן האָט ער ליב געהאַט צו פאַרבראָקן אַ סך דאַרע שטיקער ברויט, און, איינגעצנדיק זיך די טערקישע מייזן־וואָנסן, דזשאַמדזשען מיט גרויס הנאה. אָפּ־שפּיליענדיק זיך מיט איין האַנט דעם אייגעצויגענעם פּאַסיק אַרום דיך און מיט דער אַנדערער — אַראָפּציענדיק אייגעבויגענעהייט אַ שטיוול, האָט ער אָפּגע־פּרעפּלט דעם קריאת־שמע און מיט אַ פאַרלאָפן אויג, אַ רויטס, געבלאַנדזשעט אין טונקלסטן ווינקל, וווּ ס'זענען געשטאַנען די אויפגעראַיעטע בעטן.

— נו־אַ... — האָט ער אויף שטום־לשון, נישט אויסצורעדן, געוועקט דעם קליי־נעם יונג. מינדע, וואָס איז געלעגן אונטער דער שווערער איבערבעט, האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט; דער קליינער יונג איז אַוועקגעפאַלן שלאָפן אין טאַטנס בעט און האָט ווידער פאַרגעסן אָפּצולייענען קריאת־שמע; כאָטש אהרן־לייב האָט אים יעדן טאָג געהאַקט דערפאַר מיטן הויזן־פּאַסיק.

איידער אהרן־לייב האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין, האָט ער נאָכאַמאָל געפּרוווט צו די פאַריגלטע טירן, איינגעהאָרכט זיך מיט די טויבלעכע אויערן צו די פאַר־העמערטע לאָדן, געפּרוווט די דרעגנגלעך צו דער פאַרנטיקער קרעטשמע־שטוב. ער איז אַרומגעקראָכן אין די הוילע גאַטקעס, אַ געהאָרבטער, ווי אַ לויערנדיקע חיה. דערנאָך האָט ער מיט איין בלאָז פאַרלאָשן דאָס נאַפט־לעמפּל און האָט מיד אָנגע־טאַפּט דאָס בעט אין דער פינצטער.

נישט די מידיקייט פון אָפּהאָרעווען פון שאַריע ביז טונקל אונטערן פידאַשיק האָט עס אַראָפּגעזונקען זיינע אַקסלען און זיינע האַריקע הענט מיט די אָנגעדראָלע־נע אָדערן. אַ סך דאגות האָבן אים געמאַטערט. די עלטערע ייִנגלעך... די מוראַדיקע געשיכטעס וועגן איבערפאַלן, וואָס מ'האָט זיך אַלץ אָנגעהערט. ס'איז איבעריק גע־וואָרן דער טאָג אין דעם פאַרוואָרפענעם עק. ס'איז אַ מורא געווען ביינאַכט אַרויס־צורירן זיך. מ'האָט זיך אַלץ אַנדערציילט וועגן באַנדעס אין די וועלדער; אַז זיי באַפאַלן יידן, וואַלד־סוחרים און תבואה־הענדלער. ס'איז קיין ווונדער נישט געווען אויך. דאָס אָנגעצונדענע בלוט ביי די סאַלדאַטן, דעזערטירן, איז שווער געווען אָפּ־צוקילן. ס'איז זיי שווער געווען אומצוקערן זיך צום ציווילן לעבן; ס'איז שווער גע־ווען צוריק אויפצושטעלן די הפקר־געבליבענע באַלעבאַטישקייט; ס'אַלטוואַרג — אויסגעשטאָרבן, די קרומע סטעזשקע צו דער כאַלופּע — פאַרוואַקסן מיט ווילד־גראָז. האָט עס זיי צוריקגעטריבן אין די וועלדער אַריין; די וועלדער, וואָס האָבן שוין איצט געהערט צו פרעמדע פוילישע פּאַנעס...

איז שוין אפשר גלייכער, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט — האָט אהרן־לייב טויב באַטראַכט אין די נעכט — דער פעטער הלל, וועלכער פלעגט אים אַלעמאָל באַ־פוילן אַריינצוקומען אויף אַ שבת אין שטאָט אַריין, ווייל זייער ער זאָל קומען צו־ציען מיט זיין הויזגעזינד אין דער פול־אָנגעלאָפּענער „קאַמעניצע". אי ער, אי דאָס הויז — האָט ער אים באַפוילן — נויטיקן זיך שטאַרק אין אים.

אָבער איבערציִען זיך מיט האַק־און־פּאַק אין שטאָט אַריין האָט אהרן־לייב, נאָך לאַנגע קלערענישן, אָפּגעמאַכט, אַז נייִן — ער וועט נישט קענען פֿריִער ווי ערשט נאָך די יום־טובים, מערטשעם. וועגן דעם טאַקע האָט ער שוין עטלעכע מאָל געהאַט באַפֿוילן אין שטאָט אַריין, צום אידל־אויסגעבליכענעם ייִד, דעם חלוש. דער זקן האָט די לעצטע פּאָר יאָר געליטן פֿון אַ שטאַרקער אַסטמע. געשלאָפֿן איז ער אויפֿן גאָרן־שטיבל, איז מער געלעגן אין בעט, ווי אַרומגעגאַנגען.

וואָרעם אָט איז די ייִדענע שוין געווען אין די הויכע חדשים, האָט זיך אַ ליאַדע טאָג געריכט אין קימפּעט אַריין. און פֿון פֿאַרוואָרפֿענעם העק פּרילוקי ביזן כּרך אויפֿן בוג איז אַ קימאַ־לן פֿון שטאַרקע זיבעציק מייל מיט אַקס, אויב נישט מער. גיי טרייסל זיך מיט אַ מעוברתער ייִדענע, מיטן ביסל שטוב־כּלים און מיטן מעלקנדיקן בהמהלע איבערן „באָטשנעם" טראַקט אפשר אַ טאָג מיט אַ נאַכט. אויף די עלטערע ייִנגלעך, ווידער, האָט ער זיך אויך נישט געקענט שטאַרק פֿאַרלאָזן. זיי האָבן אים מער נישט געהאָרכט, פֿאַרטון געווען מיט עפּעס ביכלעך און נאָכאַנאַנד אַרומגעלאָפֿן איבער די אַרומיקע שטעטלעך. זיי זענען אויך שטאַרק נישט צופֿרידן געווען, האָבן זיך געשעמט, וואָס די מאַמע גרייט זיך איצט אויפֿסניי אין קימפּעט אַריין. ס'איז, אויסער אַלעמען, געווען אַן איינשטעטלעניש. פֿאַרקויפֿן, ווידער, דאָס מעלקנדיקע בהמהלע מיטן ביסל תּבֿואה צו די דאָרפֿס־ייִדן, די אויפֿקויפֿערס, פֿאַר אַ שיבוש, איז אים אויך געווען אַ ריס אין האַרצן. אין שטאָט איז אַ היימיש ביסל מילך פֿאָרט אַ האַלבע הוצאה אין שטוב און אין אַ געזינדל, מיט אַ פּיצל קינד, קיין עין־הרע, זעט זיך עס אַוודאי שטאַרק אָן. מיטן ביסל פּאַשע גיט מען זיך שוין ווי־נישט־איז אַן עצה.

און דאָ האָט זיך אויך אַקוראַט געמאַכט, אַז דער אַכט־יאָריקער בחורעץ, זאַלקע, געזונט ווי אַ בוס, ליגט זיך אַוועק אין היץ און שרפֿה'ט. אויף מיילן אַרום האָט מען אַפֿילו קיין פֿעלדשער אויף קיין רפֿואה נישט געקענט געפֿינען. אַ ביסל באַרויִקט האָבן די כמאַרע דאָרפֿישע ווייבער, וואָס האָבן זיך צווישן טאָג און נאַכט אַרומגעשטעלט די שלאָף־באַנק:

— טייערינקע... — האָבן זיי אַלץ געגאָדערט ווי אַ סטאַיע גענדז איבער דער צערויטלטער, פֿול־אָנגעגאָסענער מינדעץ — דער „דאָקטער" וועט נאָר הייסן מאַכן קאַבעס און האָדיע... אַמער וועט ער זיך איבערליגן אַ טאָג־דריי און ס'וועט איבערגיין...

דאָס איבערציִען זיך אין שטאָט אַריין האָט אָבער אין יענעם הייסן זומער אונטערגעאײַלט אַזוי אומגעריכט, אַז אהרן־לייב האָט שוין נישט באַוויזן מער, ווי אויפֿצוזעצן אויפֿן דראַבינע־פֿורל די מעוברתע ייִדענע מיטן קראַנקן ייִנגל, קוים אײַנגעבעטן זיך בײַ די עלטערע בחורימלעך זיי זאָלן כאָטש צוהעלפֿן, איבערגעלאָזן כּמעט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט אויף הפֿקר און האָט פֿאַרטאָג־צו, קוים מיטן לעבן, אַוועקגעטריבן די שקאַפּע איבערן טראַקט.

די פּוילישע לעגיאָנערן האָבן אין יענעם זומער באַקומען אַזאַ מעכטיקן שטויס פֿון דער באָרוועסער רויטער אַרמיי הינטער קיעוו, אַז זיי זענען, ווי אונטערגעשאָסענע, צוריקגעפֿלויגן אין גרויס פּאַניק. נאָך האַלבער נאַכט, ווען די אַרומיקע ראָזשי־

נאָיער וועלדער האָבן אויפגעפלאַמט אין שרפות, האָבן זיך ווי אַ ווינט אַנגעטראָגן צום דאָרף פינף פּוילישע אולאַנער אויף ווילד־צעפּאַרעטע אַגערס; זיי האָבן דורכ־גאַלאָפּירט די אויסגעשטאָרבענע גאַס און אַנבינדנדיק די הערשוויצטע פערד אין אַ נידעריק שטאַכעטן־פּלויטל, האָבן זיי מיט שפּיזיקע לאַמטערלעך דורכגענישטערט דעם כוטאָר. פון ערגעץ האָבן זיך שוין געטראָגן געוואַלדן, שיסערייען. פּאַר אַהרן־לייבס גאַניק, אויפן קרייץ־וועג, האָבן זיי דורכגאַלאָפּירט, ווי נאָר ס'האָט געגומען בלויען אויף טאָג. היגטערן פּיהאַשיק איז שוין דאָס דראַבינע־פּורל גע־שטאַנען אַן איינגעשפּאַנטס, גרייט אין וועג אַריין. זאַלקע, פאַרוויקלט אין אַ באַרג בעטגעוואַנד, האָט נאָך אַלץ געשרפה'ט אין היץ, און מינדע, אַ שווערע, אַ פרייכנדיקע, האָט זיך נאָך אַלץ געעקשנט און נישט געוואָלט קריכן אין פורל אַריין.

— אַ שטומע צונג, נעבעך... — האָט זי געקלאָגט איבערן בהמהלע, וואָס אהרן־לייב האָט נישט געוואָלט מיטשלעפּן מיט זיך — דאָס פייער וועט זי אַרומכאַפּן... בינד זי אָן אין דער דראַבינע, זאָג איך... אהרן־לייב... עקשן ביטערער...

אין גרויען ליכט פון טאָג־אויפברוך איז אהרן־לייב, אַ צעכראַסטעטער, אַן אָפּגע־גאַסענער אין אַנגסטן, שטיינגעבליבן אויפן גאַניק, לאַנג זיך געישובט, געקראַצט זיך אין אויסגעפּליקטן נאַקן. ער האָט זיך דאָסמאָל געלאָזן איבעררעדן פון דער יידענע, כאָטש ער האָט נישט געזען ווי אַזוי ער וועט דאָס בהמהלע דערפירן ביזן שטאָט. מיט איין דריי האָט ער צוריק אַראָפּגעריסן דאָס שלעסל פון שטעלעכל און, אונטער־שטויסנדיק זי פון הינטן, אַרויסגעפירט דאָס גרוי־געפלעקטע בהמהלע מיט די קורצע, שטעכיקע הערנער. דאָס פאַרחידושטע יונגע בהמהלע איז שטיינגעבליבן אויף די דראָטיקע, ציטערדיקע קניען און געשלונגען די קילע פרימאָרגן־לופט, אָנגעזאַפּט מיט פאַרטראָגענע פעך־ריחות. ס'האָט שווער אומגעדרייט דעם קאָפּ צום וועלדער־רינג, וואָס האָט געפלאַקערט, און האָט זיך ראַפּטום אַ זעץ אַראָפּ געטון צו דר'ערד. אין אירע געלבע וויסלעכצן האָט אויפגעטוקט דער ווייטער פלאַם פון די וועלדער און מיט אַ בענקענדיקן מרוטש האָט זי אויסגעצויגן איר פלאַכן שאַרבן צו די פאָדערשט־אַרויסגערוקטע קניען, פאַרגראָבן זיך מיט די קאָפּיטעס אין זאַמד.

— האָב איר אַכציק שוואַרץ־יאָר !... — איז אהרן־לייב שטיינגעבליבן און אומ־באַהאָלפענער, אַז די הייסע אויגן פון אונטערן שטערן זענען אים שיער נישט אַרויס־געשפּרונגען — וואָס איר פאַלט איך, דער יידענע... בהמה, מירן דאָ נאָך אַלע אומ־קומען... ריר זיך...

די ווערבע־צווייג, האָט מיט אַ שאַרפן פייף דורכגעשניטן די לופט; און מער האָט ער זיך שוין צו זיי נישט אומגעקוקט — נישט צום אַוועקגעפאַלענעם בהמהלע, נישט צו די ייִנגלעך, נישט צו מינדען. ער האָט ראַפּטום, פון הינטן אַרום, דער יידענע אַריבערגעוואָרפן די דראַבינע, האָט נאָך אַמאָל אַ שאַרפן שמיץ געגעבן די שקאַפּע איבער די פּיס און האָט זיך, צוזאַמען מיטן וועגעלע, אַראָפּגעשאָטן צום טראַקט.

נידעריק איבערן כוטאָר האָבן זיך געטראָגן רויכיקע וואָלקנס. איבער די שטאַר־קע זיבעציק מייל מיטן „באַטשנעם“ טראַקט, ביז צו דער שטאָט, האָט ער פיל מאָל אויסגעמיטן די אָפּגעמאַטערטע „אָבאָזן“; זיי האָבן אין וואָלקנס רויך, צוזאַמען מיטן

פֿאַרטאָג, אָנגעצויגן אים אין רוקן אַריין. געהאַלטן האָט ער זיך אָבער אײַנאַזייט, פֿאַרקירעוועט איבער די משופּעדיקע אָפּריסן און אין די טאָלן פֿון יונגע, שיטערע אַליעכץ־ווערלדלעך. ער האָט די הינטער־וועגן גוט געקענט. פֿון צווישן די קוסטן האָט ער אַראָפּגעקוקט אין אַ דעכעלע און געזען, ווי זיי ציען אין אַ גרויער, געבויגענער ליניע איבערן טראַקט, טויב קלימפּערנדיק מיט די נאָכהענגענדיקע קעסעלעך. פֿון צײַט צו צײַט האָט דאָרט עפּעס שאַרף אויפֿגעלויכטן אין דער קראַנקער, פֿאַרוויכיקטער זון — אַן אָפּגעריבענע מעטאַלענע זאַך, אָדער אַ שטיקל גלאָז.

אויף די פֿעלדער פֿון זומפּיקן פֿלאַכלאַנד האָט זיך געגאָלדיקט דער שיטער־אויפֿגעגאַנגענער קאָרן, דער גערשטן און די גריקע, וואָס מ'האָט זיי נישט באַוויזן אַראָפּצונעמען, האַלב־אומגעלייגטע פֿון די פֿערדישע קאָפּיטעס. דערנאָך, אַנשוויימענדיק צוריק איבערן טראַקט, האָבן די פֿורלעך אויפֿגעהויבן אַ שטויב ביז אין הימל אַריין, קריכנדיק פּאָראויס אין איינטאָניקן געקלימפּער. פֿון הינטער די פֿאַרווישטע וועלדער, זיי אין רוקן, האָט אַלץ אָפּטער אָפּגעהילכט אַ נאָכאַנאַנדיקע שיסערײַ.

צום ערשטן מאָל פֿאַר דער גאַנצער צײַט האָט זאַלקע אויפֿגעריסן די הייסע, פֿאַרגלייזטע אויגן. דער קליינער האָט דערפֿילט, אַז עפּעס אומגעווייניטלעכס קומט דאָ פֿאָר אַרום אים. אין נעפּל, האָט זיך אים אויף שטענדיק אײַנגעקריצט די לאַנגע ריי פֿורלעך, אין אויפֿגעהויבענעם שטויב, וואָס האָט פֿאַרשטעלט די זון, ווי אַ טומאַן. דער געקלימפּער האָט, ווי אַן אײַנגעשפּאַרטע פֿליג, לאַנג געבוירעט זיין פֿאַרטויבט געהער. ער האָט נאָר געפֿילט איבער זיך, ווי אין חלום, דער מאַמעס פֿרייכנדיקן אָטעם, דעם טאַטנס פֿאַרטייעטן שאָטן און ער האָט זיך אַלץ געפֿרעגט — ווו זענען זיי ערגעץ, דוב און וועלפּקע, ווייל ער האָט זיי נישט געזען באָכשפּאַנען פֿון הינטן מיט די באָרוועסע פֿיס אין זאַמד. און מער האָט דער קליינער שוין דערנאָך נישט געדענקט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך געבראָנגט צוטרייסלען ביז צו די פֿאַראָם־בריקן איבערן אײַלנדיקן טײַכל, אין דעם געדיכט־אָנגעלאָפֿענעם הויז אַריין.

1934

אין די האָרינער וועלדער

.1

נאָכן האַלבן טאָג, וואָס האָט זיך געזעגנט הינטער די שייבלעך אין דער פּאַרוויַיטער קאַשטאַן־אַלייע, איז דער משונהדיקער צערקווע־שמש טיכאָן האָווריליטש ווידער אַמאָל געשטאַנען אין דער מיט פון דער נידעריקער, אָנגעהייצטער שטוב, אַ צעכראַסטעטער; אָבער אָנשטאָט אויסצוהערן די מוסר־רייד, ווי ס׳פירט זיך, אין די פייערלעכע און פּאַרכטיקע טעג ערב דעם געבורט פון איסוס כריסטאָס, האָט ער גאָר געמוסרט דעם לאַנגן, אייביק־שיכורלעכן פּאָפּ:

— נישט שיין, כ׳לעבן, פאַר אַ פּראַוואָסלאַוונעם מענטש... נישט שיין, פּאַטערל... זיבן קוואַרטירעלעך „סאַמאָגאָן"... און וויפל האָט דיר פּאַראַסקע געזען אַריינגיסן ?...

— יעי באָהו... — האָט זיך דער לאַנגער פּאָפּ נישט אויפגעהערט צו שווערן און זיך קוים דערהאַלטן אויף די פיס — יעי באָהו, ווי אַ צוויי־דריי דאָרט, נישט מער...

— שיין, שיין... — האָט טיכאָן געשאָקלט מיטן פּאַרוואַקסענעם קאָפּ — און ווער ס׳איז געווען דער הייליקער יאָהאַנאַן און וואָס ער האָט געפּרעדיקט פאַר די ברידערלעך, וועסטו מסתמא דאָס מאָל אויך מער נישט געדענקען... אַ שאַנדע, אויף מיין וואָרט, פאַר די פרומע שעפעלעך, וואָס קומען זונטיק אין גאָטס הויז אַריין...

ווייל דאָס האָט טיכאָן געגרייט פאַר אים יעדעס מאָל די פּרשה פון דער וואָך, פון דער הייליקער עוואַנגעליע אַרויס, איינגעחזרט מיט אים, מיט אַ ניגון, מיט אַ טאָלק, מיט אַלע פּשטלעך, ציטירט די אַפּאָסטאָלן, די הייליקע, געבראַנגט ראיות; אָבער ווען ס׳איז געקומען דער זונטיק אין דער פרי, האָט מען דעם פּאָפּ געמוזט ברענגען צעשלעפּן און קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטן אויף די פיס.

מען ווייסט נישט פאַרוואָס, נאָר פאַר די דייטשן האָט ער געציטערט אימת מות; כאָטש זיי זענען זעלטן ווען געקומען אין דעם אָפּגעלעגענעם העק, צווישן די אונטערגעשוועקטע וועלדער, ווו ס׳איז געווען אַ סכנה פון פּאַרטיזאַנער. טיכאָן האָווריליטש, וואָס האָט דאָ איינמאָל פאַרבלאָנדזשעט, איז אים אַראָפּגעפאַלן אַזוי ווי פון הימל — אַ שוויגער, האָט געשמייכלט נאַריש, אָבער אַמאָל, אַז דו ציסט ביי אים אַרויס אַ פּאָר ווערטער, לייגן זיי זיך דווקא אויפן שכל.

דעם גאַנצן זומער איז ער אָפּגעלעגן מיט די קי און שעפּסן צווישן די אונטערגעשוועקטע לאָנקעס, אין די טאָלן, וויַיט פון אַ מענטשן, האָט זיך אומגעקערט ערשט סוף וואָך. געשלאָפן איז ער אויף די היי־בוידעמער. ער איז געגאַנגען אויף דער

ערד שטיל, מ׳האָט אים קוים באַמערקט. דער לאַנגער פּאָפּ האָט זיך אַלעמאָל אויפ־סניי דערפרייט מיט אים, ווייל דער זונטיק איז אונטערגעלאָפן און די זונטיק־דרשה איז נישט געווען צוגעגרייט. דער עולם פון די אַרומיקע כוטאָרלעך איז מלחמה־צייט געוואָרן גלויביקער, פרומער, האָט דורשטיק אויסגעהערט די קלוגע רייד פון די הייליקע שריפטן אַרויס. געגנוג עבירהלעך, משמעות, האָבן זיך אָנגעקליבן, דער עיקר ביי די, וואָס זייערע זינדלעך האָבן זיך אויסגעסטראָיעט אין די שוואַרצע, פּאָלי־ציאישע אוניפאָרמען און זענען אַוועק, צוזאַמען מיט די דייטשן, צעשיסן די יידי־שע געטאָס אינעם קאַנט...

— נאָכוואָס לייקענען ?... — האָט אים דער פּאָפּ אַלעמאָל באַגעגנט — ביסט מיר, טיכאָן, אַריין אין האַרץ אַריין... לאָמיר אויסטרינקען...

און ער האָט אים, נאָך די אַלע מוסר־רייד, אונטערגערוקט דאָס קוואַרטירעלע.

— ביי דיר, טיכאָן, קען מען זאָגן, איז גאָר אַ וואַזשנער קאָפּ... וואָס, כ׳זע נישט? אַן אַרכיערייי, ביי אַלע הייליקע, ווי ס׳קען פון דיר אַרויסקומען...

— נאָכוואָס, פּאָטערל ?... — האָט טיכאָן תמימותדיק אַוועקגעמאַכט און אויס־געזונגען מיט אַ באַסל — מיר זענען, פּאָטערל, מענטשן איינפאַכע, ערד־אַקערער... נו, און אין די הייליקע ספרים האָבן מיר אויך ווען נישט איז אריינגעשמעקט... דאָס אַלץ איז פאַרן מענטש, וואָס טראָגט אַ גלויבן אין האַרצן... אָט — אַ קיילעכ־דיקער יתום פאַרבליבן... די מלחמה האָט אַלץ אָפּגעמעקט... האָט עס אַרויסגעטריבן צווישן גוטע מענטשן, דאָס שטיקל ברויט ערלעך צו פאַרדינען...

די געשטופּלטע פּאַראַסקע, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין דער באַלעבאַטישקייט ביים פּאָפּ, האָט אים אַלעמאָל אונטערגערוקט אַ פעטן ביסן. די אָרעמע האָט זיך דאָ אויך נישט ווינציק געלאַנגווייליקט; איבערהויפּט אין די לאַנגע, פאַרווייעטע ווינטער־נעכט, ווען וועלף קומען אַרויס פון די וועלדער, פאַרטייען זיך שטיל צו אַ ישוב.

דאָס מאָל איז דער פּאָפּ געווען אָן דער ברוינער געווענטעגער ריזע אויף זיינע אַקסלען, נאָר אין די בלויזע לייוונטענע פלחדערן, דאָס העמד אַריבערגעוואָרפן אויפן היפשן בויך, די גרוילעכע פלאַקס־קוטשערן זענען אים געפאַלן אין די אויגן. אַ פינצטערער וואָלקן איז געלעגן אין די פאַרגאָסענע אַפּלען.

— אין קאָפּ איז טאַקע אַביסעלע אַ טומאַן, אָבער נישט צוליב די פּאָר קוואַרטי־רעלעך... — האָט ער רונד אויסגעשריפּט דאָס פינצטערע מויל — אוך, מען זאָגט, טיכאָן, אַז — פאַרטיזאַנער... דייטשן, מאַשינעס און הינט זענען אויפן ווצג אַהער...

— דייטשן ?... מאַשינעס ?... הינט ?... — איז טיכאָן אַזויווי קלענער געוואָרן — אָט האָסטו דיר, טאַטעלעך...

און ער האָט פאַרזיכטיק אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, ווייל אַ שאָטנדל, האָט ער דערפילט, לייגט זיך דין אין דער נידעריקער טיר, הינטער אים. ס׳איז געווען די נידעריקע טיר צו דער אָנגעהייצטער קיך, וו פּאַראַסקע האָט זיך געפּאָרעט. אומבאַמערקט

איז זי אויסגעוואַקסן. זעט אויס, אַז אַ ליאַדע שאַטנדל האָט אים אָפּגעשראָקן, דעם משוגעדיקן פּאַסטוך און צערקווע־שמש פון פאַרוואָרפענעם כוטאָר, טיכאָן האַוורילישן.

וואָרעם טיכאָן האַוורילישן איז געווען אַ מאָדנער פּאַסטוך און אַ מאָדנער צערקווע־שמש. ער האָט געטראָגן לאַנגע, ווייצענע וואָנסאַלעס, פאַרוואַקסענע קוטשערן און די פּאַרטיפּטע, בוימלדיקע אויגן זענען אים געווען צעשטעלט נאָענט פון די בולטע קינען. דאָס האָט די אויגן זייער נאָך טיפער געמאַכט. אָבער אַזעלכע פּלאַכע, סלאַווישע פּנימער טרעפן זיך אָפּט אויך אין די סאַמע געדיכטענישן פון ווייסרוסישע און וואָליבער יידישע שטעטלעך און זענען געקומען צו אונדז ווער ווייס דורך וואָסערע ווייטע בלוט־קרייציקונגען, אין צייטן פון מלחמות, פּאָגראָמען און מהומות אַוודאי. זיי, די דאָזיקע, מיט אַזאַ גליקלעכער צורה, איז, ווי באַוווּסט, פיל לייכטער געווען דורכצוטראָגן דעם בלוטיקן יידישן נסיון אין די עטלעכע פינצטערע יאָר, ווען די היטלערישע חיילות האָבן, ווי אַ זומפּ, פאַרשוועכט די פּוילישע, ווייסרוסישע און אוקראַינישע ערד. אָבער אויך נישט אַזוי לייכט, ווי מען מיינט.

ווייל אין דער אמתן האָט גאָר טיכאָן האַוורילישן געקענט זיך זלמן, זאַלקע, לויטן פאָטערס נאָמען — אהרן־לייב. ווען די גרענעצן, די פראָנטן זענען אין יענער אומפאַרגעסלעכער יוני־נאַכט איבערגעריסן געוואָרן, האָט ער שוין מער נישט באַוויזן אַוועקצוגיין מיט דער רויטער אַרמיי.

אין די האָריבער וועלדער איז שוין טאַקע לאַנג שטיל געווען. דורכן גאַנצן רעגנדיקן זומער, ווען די זומפּן האָבן דאָ אונטערגעשווענקט די אוראַלטע פּאָליעסער וועלדער, די קעמפּעס, וווּ ס'האָט פול געראַיעט מיט געווילד און פייגל, האָבן זיי זיך זעלטן־ווען אַראָפּגעיאַוועט אַהער, די באַרוועסע, אַרומגעפליקטע יינגלעך. מ'האָט זיך אָנדערציילט פון זיי, אַז ערגעץ אין די נאָענטע קאַנטן לאָזן זיי אַרונטער עשאַלאָנען פון די רעלסן, באַפאַלן די פּראָוויאַנט־מאַגאַזינען, די אַמוניציע־סקלאַדן, קוילענען אַוועק די דייטשן, זייערע אָרטיקע משרתים, קעמפן העלדיש און גייען, אַז מען דאַרף, העלדיש צום טויט.

אין טיפן ווינטער, ווען אַלע וואַסערלעך אַרום זענען געלעגן איינגעקאָוועט אין אייז, די סטעזשקעס פאַרוויעט אונטער מעטערדיקע שנייען, איז אָפּט אויסגעקומען צו באַמערקן די פּאָרזיכטיקע שפּורן זייערע, ווי מען באַמערקט אין שניי די שפּורן פון פוקסן, אָדער האָזן, ביים ראַנד פון די וועלדער, ווען זיי האָבן זיך איבערגעוואָרפן פון קאַנט צו קאַנט. טיילמאָל האָבן זיך עטלעכע פון די וואַלד־יינגלעך, צווישן טאָג און נאַכט, מיטן בלוי־אָנגעפאַלענעם שאָטן אויפן שניי, ווי די וועלף, אַראָפּגעשלייכט אַהער, אין אָפּגעלעגענעם כוטאָר, געבעטן אַ שטיקל ברויט, אַ ביסל וואַרעמס, אַ העמד איבערצוטון, אַ פּאָר קאָרע־לאַפּטשעס, און זענען פרידלעך צוריק אַוועק. דער כוטאָר איז געלעגן אינאַזייט פונעם הויפּט־טראַקט, אינאַזייט פונעם קנופּבאַן־ליניעס, ווייט פון אַ שטאָט, אַ קילאָמעטער 16 פון אַ וואָקזאַל.

— אוי, זיי וועלן קומען און צושטיין... — איז דער לאַנגער פּאָפּ געווען אין איין שרעק — „גיט אַרויס די פּאַרטיזאַנער!“... אַוועלכענע פּאַרטיזאַנער, פרעגסטו?

ביי זיי העלפט נישט קיין צלמען און קיין פאַלן צו די פיס אויך נישט... אָך, טאַטע־לעך...

„איז שוין טאַקע גלייכער אַוועקצוגיין מיט די ייִנגלעך, אויב זיי וועלן זיך דאָ אויף אַן אמתן באַווייזן... — האָט עס אויפגעלויכטן אין זאַלקען. ס'איז אָבער לייכט אָפּצורעדן... אַז דער אומצוטרוי קוקט אַרויס פון זייערע אויגן, ביי די וואַלד־ייִנג־לעך: ווער ביסטו פאַראַ איינער? וואָס טוסטו דאָ? פון וואַנען?"...

ס'איז נמאס געווען. אין די פאַרוואָרפענע כוטאָרן אַרום האָט מען שוין אַלצאיינס גענומען אונטערמורמלען, אַז אָט דער משונהדיקער צערקווע־שמש, דער פּאַסטוך טיכאָן, איז דיר עפּעס אַ צו־קלוגינקער, כאָטש אַ ווילדער שוויגער... מ'האָט שוין געהערט פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נאָכדעם אויסגעגעבן פאַר גופּערלעכע. די גע־שטופּלטע פּאַראַסקע מיטן לאָק אין די גרינע אויגן, איז כסדר צוגעשטאַנען צו אים: „דו, טיכאָן, נעם זיך נאָר נישט איבער, וואָס זיי פּלאַפּלען דאָרט"... און האָט אים אַלץ אויסדערציילט, ווען זי איז שטיל געקומען צו אים אין די נעכט אויפן היי־בוידעם.

זי איז טאַקע געווען אַביסל אַ ווילדלעכע, די מויד; מ'האָט זי קינדווייז אונטער־געוואָרפן; און כאָטש אַ געשטופּלטע פון פּאָקן — אַ שטאַלטנע, מיט אַ בלאָנדן לאָק אין די גרינע אַגרעס־אויגן. גוטע מענטשן האָבן זי געהאַט אַריינגענומען צו זיך, און ווען דער פּאָפּ איז פאַרבליבן אַן אלמן, האָט זי געפירט ביי אים די באַלעבאַ־טישקייט. אָבער אויף די זאַבאַוועס אין כוטאָר האָט זיך קיינער אויף איר נישט אומגעקוקט, מ'האָט זי אויסגעמיטן, מ'האָט זי נישט איינגעלאַדן צום טאַנצן. נו, און ווען די דייטשן האָבן זיך אַראָפּגעיאַוועט, איז דאָ געווען אַן אויסכאַפּעניש אויף די אַלע יונגעלייט. מ'האָט געזאָגט, אַז זי לעבט מיטן פּאָפּ. ס'איז נאָר געווען צום לאַכן פון אַזאַ מין חשד. ווער וואָלט דען געוואָלט ווערן אים אַ ווייב, דעם וויסטן שיכור? די ברוינע געוועטענע ריזע האָט ער סיי זומער, סיי ווינטער נישט אַראָפּגעלאָזן פון לייב. מ'האָט אים געהאַלטן פאַר אַ שטיקל חסר־דעה אויך; ווייל פאַרוואָס איז דען פּלוצים אָנגעפאַלן אויף אים אַזאַ שרעק, אַז די דייטשן קומען אַהער? אַז איינגאַנצן אַ פּאָר מאָל האָבן זיי זיך דאָ אַראָפּגעיאַוועט, אויפגעכאַפּט אַ פּאָר פּאַרדעכטיקע, וואָס האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער געגנט און נישט גע־קענט געבן דערוויזן פון וואַנען זיי קומען, ווער זענען זיי.

דערפאַר איז טיכאָן, אָדער זאַלקע, אַזויווי קלענער געוואָרן און האָט פּאָרזיכטיק אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, ווען ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי אַ שאָטנדל לייגט זיך דין אין דער נידעריקער קיך־טיר. לאָזן זיך אין אַזאַ וועג אַריין, אַצינד, ערב ניי־יאָר, אין די טיפע שנייען, אַנטרונען ווערן אין די אומבאַקאַנטע וועלדער, איז גע־ווען אַ צו־גרויסע ריזיקע. וואָלט מען כאָטש דאָ ווי־נישט־איז געקענט דערציען ביזן פרילינג. אָבער איינשטעלן — איז אויך נאַריש. טאָמער יאָ ווען זיי זיך טאַקע אַראָפּ אויף אַן אמת? ער האָט זיך פלינק דורכגעגליטשט די פינצטערע קיך און דורכן פאָדער־הייזל דערקריגן זיך צו די היי־בוידעמער. דאָרט האָט ער שוין פון

לאַנג געהאַט אָפּגעלייגט אַביסל ברויט־סוכאַרעס, זאַלץ, שוועבעלעך אין זיין פּאַסטוך־טאָרבע — ווי אַ מעשה מאַכט זיך...

אינעם היי האָט די קעלט אַזוי שאַרף נישט געצויגן. די שפּאַרעס האָבן, איבער די גערטנער, אַרויסגעקוקט צו ביידע זייטן וועג. עטלעכע ברעטער זענען געווען אָפּגעשפּאַרט. דאָס קליינע, הילצערנע צערקווע־לע, אַן אויסגעלאָשנס, איז געשטאַנען הינטער די כאַלופּעס, אויפן בערגל, און אין די בלינדע שויבן איז פּלוצים אויפגעגאַנגען אַ ווייטער, ראָזער פלאַם פון האָריזאָנט. אין ליידן אַפּריל — איז אים איצטער אַ שאָד געווען — ווי נאָר די שנייען וועלן נעמען שמעלצן, האָט ער סיי־ווי שוין גערעכנט צו לאָזן זיך מיט די וועלדער, גיין זוכן זיין חיה׳ש גליק פון אַ פאַרפאָלגטן. צו לאַנג זיך פאַרהאַלטן דאָ. ווען נישט די פּאַראַסקע, וואָלט טאַקע שווערלעך געווען. צי האָט זי דען נישט געוווּסט עפּעס, די כיטרע? וויפל מאָל איז זי אין די נעכט דאָ געלעגן שטיל, איינגעהאָרכט זיך אין אַרום און פּלוצים הייס געפּליסטערט:

— כ׳ווייס, טיכאָן... ווען די מלחמה וועט זיך אויסלאָזן, וועסטו סיי־ווי אַוועק... ביסט אַ פויגל פון אַ פרעמדער נעסט...

— און ווען כ׳נעם דיך מיט?... — האָט ער, פאַרשנדיק, געפּרוווט זי צו פאַרעדן אין געלעכטער — כ׳וועל דיך אויסטראַיען ווי אַ קראַסאַוויצע, אין שטאָטישע קליידלעך און בענדלעך...

— ביז אין עק וועלט, ליבינקער... — איז איר אָטעם געווען אָפּגעהאַקט און הייס

— ביסט צו־קלוג פאַר אונדזערס אַ פּויער... דאָס זעט זיך גלייך...

צו־אונטערצו האָט דער רייסיקער ווינט זיך געלייגט. אונטערן גריק־אויסגעשטערנטן הימל האָבן די פאַרזיכטיקע טריט זיך געבראָכן גלאָזיק אויפן איינגעפרוירענעם שניי. דער הימל־ראַנד ביי די וועלדער האָט אַלץ מער זיך גערויטלט און פון דאָרטן, דוכט זיך, זענען עס געקומען די פאַרשטיקטע, אַזויווי אָפּזיפצנדיקע אויפרייסן. דאָס האָט אים דערמאָנט אין יענער נאַכט, אינעם שטעטל ביים ראַנד פון די וועלדער. שוין מער ווי אַנדערטהאַלבן יאָר אַזוי, ווי ער האָט דעם פלאַטער מער נישט דורכגעשוידערט; זינט ווען ער איז אין יענער נאַכט אַנטלאָפן פון לאַגער, זינט ווען ער האָט דערפילט, אַז דאָ דאַרף זיין עפּעס אומגעוויינלעכס.

אין דער נידעריקער, אָנגעהייצטער כאַטע האָט דער פּאָפּ נאָך אַלץ געשטעקט אין אָפּגעהויכטן, פיר־קאַנטיקן שייבל, פאַרלאָפן פון אָוונט־טוי. די פּלייצע האָט זיך ביי אים געהויקערט; און אָן דער ריזע האָט ער גאָר אויסגעקוקט ווי אַ סטראַשידלע; הינטער אים — פּאַראַסקע, מיט פאַרבראָכענע הענט. זאַלקע האָט מער נישט געוואַגט ווייטער צו גיין פון דער שוועל איבער די סקריפּענדיקע ברעטער. ער האָט זיך נאָך אַלץ עפּעס נישט געקענט אַנטשליסן.

אין דעם פאַרוואָרפענעם העק האָט מען שוין לאַנג מער נישט געוווּסט וואָס עס טוט זיך אָפּ אויף דער ברייטער וועלט. פריִער, ווען די ייִנגלעך פלעגן זיך אַראָפּיאַווען אויף אורלויב, האָבן זיי געברענגט די נייעס. אַצינד זענען זיי מער נישט געקומען. גלייכער, וואָס זיי זענען נישט געקומען. אָבער די, וואָס האָבן צו־

געשמעלט קאַרטאָפל און היי פאַר דער קאָמענדאַנטור אין דער קרייז־שטאָט, האָבן, אומקערנדיק זיך, דערציילט, אַז ס׳האַלט שמאָל. די רוסן שפּאַרן. אָבער אַז ס׳זאָל שוין טאַקע האַלטן אַזוי נאָנט, האָט מען זיך נישט געריכט. דאָס האָבן זיי עס אַוודאי אָנגעשראָקן דעם שיכורן פּאָפּ. אָנפּאָרנדיק נאָך האַלבן טאָג מיט די שליטנס, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן ביי דער קאַשטאַן־אַליי און דורכשניידנדיק די סטעזשקע מיט די גערטנער, זענען זיי אַריין אַביסל דערוואַרעמען זיך אין דער אָנהייצטער קיך.

— אוך, ביז זענען זיי, די דייטשן... זיי קלייבן זיך, שמועסט מען, אין די קאַנטן... מען זאָגט, אַז — פּאַרטיזאַנער. אָבער יאַקאָש זעט מען זיי נישט. צי זאָלן עס אַמאָל נישט זיין די פון דער „גרויסער ערד״? — האָבן זיי כיטרע געפּאָרשט איינער ביים אַנדערן — כ׳מיין די, וואָס פאַלן פון הימל...

אַזוי האָט דער איינזאַמער מענטש, וואָס האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן געטאָ און צעשיסונג־גריבער, צווישן אָפּגעריסענע פּאַרטיזאַנער־אָפּטיילן און אויפן איי־געגעם וועלפישן באַראָט, גענומען אַרויסקריכן פון דער פאַרשטעקטער באַהעלטע־ניש, מיטן צוריק־דערנענטערן זיך פון דער רויטער אַרמיי צו די היימישע קאַנטן. ס׳איז נאָך געווען טיפער ווינטער אויף דער ערד, אָבער אין הער שאַרפער פּראָסטי־קער לופט האָבן זיך שוין געטראָגן די באַפרייאונג־ווינטן פון שיינעם פרילינג 1944. אַזש פון וויטן סטאַלינגראַד, ביי דער וואָלגע, האָט זי אַ שפּאַר געטון, ביזן רוים פון מערב־ווייסרוסלאַנד און מערב־אוקראַינע, ביזן רוים פון די ווייסל־געביטן.

דעם ברויט־זאַק האָט ער געלאָזן פאַרשטעקט, די אונטערגעקאָוועטע שיך אויך און איז מיט אַ נייעם, דרייסטערן טראָט אַוועק צו דער קיך. פּאַראַסקע איז געשטאַנען אויף דער שוועל. אין דער טונקל האָט איר אונטערגעבונדן קאָפּ־טיכל זיך געבלייכט און די קאָפּטע איז געווען פונאַנדערגעשפּיליעט. זי האָט קיין איין וואָרט נישט גע־קענט אַרויסברענגען. איר ברוסט האָט זיך געהויבן; ווייל אין זיין זיכערן טראָט, אין זיין אומהיימלעכן שווייגן, האָט זי באַלד דערפילט, אַז טיכאָן האָט נאָר־וואָס אָנ־גענומען אַ פעסטן באַשלוס. „טיכאָן!״ — האָט זי זיך אָפּגערופן פאַרשטיקט און ער האָט ביים שיין פון אויפגעלויכטענעם האָריזאָנט אויף איין רגע דערזען אירע גרינע אויגן. ווי זי וואָלט מער ווי אַלעמאָל זיכער געווען אין איר חשד, וואָס זי האָט א גאַנץ יאָר אַרומגעטראָגן אין זיך. „וועסט אַוועק, כ׳ווייס״... — האָט זי אומגעריכט אַ פליסטער געטון.

— די וועלדער רופן... — האָט ער געוויזן צום האָריזאָנט — כ׳קען נישט מער דאָ... פאַרשטיי... אָבער מיר וועלן זיך נאָך, האָף איך, באַגעגענען...

ער איז שוין צוריק אין דער ליכטיקער שטוב נישט אַריין. דער האָריזאָנט האָט וואָס אַמאָל מער אויפגעלויכטן מיט אַ שפּיזיק ליכט און אין דער שייך האָבן זיך געזען די סילועטן פון כוטאָר אין דער נידער. עפּעס זענען זיי דאָרט געלאָפן, אַראָפּ־טראַקט. זי האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג צום פערדער־הייזל און איר בליק איז געווען פאַרטראָגן צו די שטאַכעטלעך, וווּ ס׳זענען צעהאָנגען די איבערגעדרייטע ערדענע טעפּ. אַ ווײַלע האָט זי אים נישט דערקענט. אויפן פּאָן פון האָריזאָנט, האָט

זיך איר געדוכט, זענען עס די זעלבע סילועטן, וועלכע זיי האָבן נאָר־וואָס באַ־מערקט אויפן טראַקט. און ער האָט זיך בלינד געלאָזן פירן פון איר, פון אירע גרויסע, פויערישע, וואַרעמע הענט, וואָס האָבן געפּלאָנטערט; ווייל נישט איין מאָל, אין די נעכט, איז אויסגעקומען אַזוי צו טראַכטן, אַז די פּאַראַסקע... ווי שיקט זיך עס... און אפשר איז זי דאָרט פּאָרט אַרויס אַ לעבעדיקע פונם פייער, דינקע ?... און אפשר פּאַרטיזאַנעוועט זי... ער האָט געוואָלט אַרויסרייסן זיין האַנט פון פּאַראַסקעס פאַרקלעמטע פינגער און באַלד נעמען און אַוועקלאָזן זיך אַהין, מיט די טיפע שנייען, צו די וועלדער.

די ערד האָט געבריט אונטער די פיאַטעס. אַוועק, אַנטלויפן, נאָכגיין דעם בליבדן גורל. ער האָט געוואָלט, אַז די לאַנגע ווינטער־נאַכט זאָל שוין וואָס גיכער זיך אויס־לאָזן. פרימאָרגן וועט אפשר אַלץ קלאָר ווערן. נישט נאָר דער האַריזאָנט האָט גע־פלאַקערט, מ׳האָט דייטלעך געזען גריבע און רויטע לויכט־ראַקעטן פון דער אַווי־יאַציע און פון דער אַרטילעריע. אַזוי פייערלעך האָט ער זיך שוין לאַנג נישט דער־פילט. באַלד, האָט ער זיך געזאָגט, ענדיקט זיך די נאַכט. זי האָט אים נאָך אַ ווײַלע געלאָזן הינטער די ווענט פון אויסגעלאָשענעם קלויסטערל און אַליין האָט זי אַוועק־געפּלאָנטערט צו דער ליכטיקער שטוב.

— גיי נישט אוועק... — האָט זי גערופן — וואַרט !...

אָבער ער האָט זיך שוין מער נישט געקענט דערוואַרטן.

.2

ס׳איז געווען אַ לאַנגע, פינצטערע נאַכט, פון וועלכער ער האָט זיך אַרויסגעפּלאָנ־טערט. אין זייערע פיס־טריט איז ער געגאַנגען. זיי זענען דאָ, זעט אויס, אין דער לעצטער נאַכט ערגעץ אַנגעפלויגן, דורכגעריסן זיך און פאַרשוווּנדן צווישן ווייס־פאַרשנייטן וועלדער־רינג. זייער פייער־וועג האָט באַדאַרפט צו זיין אינגאַנצן אַ קילאָמעטער צען פון די פאַרלוירענע כוטאָרן.

דער דורכגערעדערטער שליאַך צו דער קרייז־שטאָט האָט אים געפירט. ער האָט זיך געשניטן צווישן די פאַרווייטע, קלינגענדיקע וועלדער און האָט זיך מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזן צום גלייכן, נאַקעטן טאָל. דער שניי איז באַגאָסן געווען מיט ראָזיקייט. ער האָט געצויגן צום רויכערדיקן האָריזאָנט. סטייעס קראָען האָבן זיך געטראָ־גן נידעריק איבער די קאַרליק־סאָסנעס. אין פריען באַגינען האָט זיך פון דאָרט אויפגעהויבן אַ קליינע, רויטע זון, און ס׳איז געווען ביי אים דער איינדרוק, אַז דאָס איז נאָך אַלץ דער אָפּשיין פון די ביינאַכטיקע שרפות. אָבער געזען האָט ער זיי נישט. די לופט איז נאָך פול געווען מיט פאַרטראָגענע רויכן, מיט האַרבע פּער־ריחות, וואָס האָבן זיך געזונט געלאָזן איינאָטעמען.

איצט האָט שוין מער נישט אויסגעמאַכט וווהין ער שפּאַנט. כאָטש ער איז נאָך פול געווען מיט פאַרדאַכטן. אַהין, אין זיינע היימישע קאַנטן, האָט עס אים דערווייל נישט געטראָגן. נאָך וואָס ? צי ווייסט ער דען נישט ? קיין שום אילוזיעס זענען נישט געווען, ווי ביי אַנדערע, איין מאָל נאָך א קוק צו טון — אפשר...

הינטער זיך האָט ער געלאָזן די פאַרווייטעטע כוטאָרן. קיין פערד האָט נישט גע־הירזשעט, קיין קו האָט נישט געמרוטשעט. אַפילו די גלייכע, דינע רויכלעך זענען נישט אויפגעגאַנגען פון די איינגעזונקענע סטרעכעס.

„וווהין, אַ שטיגער, שפּאַנט אַזוי דער לעצטער ייד, אויף דער ערד פון די סלאַוון ?״ — האָט ער געפרעגט ביי זיך אַליין און איז נאָך פונדעסטוועגן אַליין פאַר־גאַפט געווען פונם פּלוצימדיקן פריי־זיין, פון שפּאַנען איינער אַליין, ווען אַרום האָט אויף טריט און שריט געלויערט דער טויט. דריי־פיר יאָר האָבן, דאָ אַרום ערגעץ, געוויכערט די קוימענס פון פאַרברענטע יידישע גופים; די ליימיקע גריבער האָבן זיך אָנגעפילט, אַז די ערד האָט זיך טעג־לאַנג דערנאָך געהויבן פון די אָנגעשוואָ־לענע לייבער. וועט נאָך זיין רחמנות אויף דער ערד פאַר די רעשטלעך פון יידישן שטאַם ?

איז אים אָבער אויסגעקומען אין הילצערנעם שטעטל, אויפן מארק, אין זעלבן פרימאָרגן, אָנצובאַגעגענען נאָך אַ לעבן־געבליבענעם ייד, אַ רויט־אַרמייער, אַ טאַנ־קיסט. ווי אַזוי נישט דערקענען אַ ייד, אַ רויט־אַרמייער, מיט אַ שוואַרצן, נישט־געגאָלטן האָר־אויסשיט, מיט אַ שויבער פון אונטער דער פּילאָטקע ? אַ מאַרק פון אַ צעגראָמירט יידיש שטעטל. מיטן אָנגעטראָגענעם געהילך פון די האַלב־חרובע הייזער האָבן דאָרט די סאָלדאַטן פון פּינצטערן באַגינען אָנגעלייגט אַ שייטער, זע־נען געשטאַנען אַרום און ס׳האָט געזעצט אַ פּאַרע פון זייערע מיילער, פון זייערע שינעלן. עטלעכע זענען דערביי געלעגן אויסגעצויגן און געפּאַרעט זיך ביים פאַריכטן און אויסשמירן די הינטערשטע צאָן־רעדער. דער טאַנק איז דאָ, זעט אויס, שטעקן־געבליבן אין די טיפע שנייען און מ׳האָט אים באַדאַרפט שנעל צורעכט מאַכן. ביים קלויסטער, ארויפצו, זענען געשטאַנען עטלעכע פויערישע שליטלעך און פאַרוויקלטע פויערים האָבן שטום געגלאָצט צום ווונדער, וואָס איז געשען איבער נאַכט. עפּעס דראָטן האָט מען שוין געצויגן איבער דער גאַס, און איינער, א געל־וואָנסיקער, האָט געליאַרעמט מען זאָל דאָ גיכער פאַרטיק ווערן און נישט פאַרשטאָפּן דעם דורכפאַר.

אַזוי איז זאַלקע שטיינגעבליבן קעגנאיבער דעם פרעמדן און מאָדנע־אייגענעם, שוואַרץ־פאַרוואַקסענעם טאַנקיסט, אָן לשון. זעט אויס, אַז אין זיין אויג האָט אויך געגליווערט אַ שטומע טרער. אַנישט וואָלט זיך אפשר יענער נישט אַזוי פּלוצים אומגעדרייט צו אים, הונגעריק זיין האַנט אַ דריק צו טון, פּעסט אַ דריק צו טון:

— אַ ייד... ווי כ׳בין אַ ייד !... — און ער האָט מיטאַמאָל דערפילט אויף זיך די האַרבע ריחות פון מאַכאָרקע און שוויס פון שטייפע, דורכגעפּעטשטע קליידער. אַרום זיי איז שוין געווען אַ קליין, זשומענדיק געזעמל.

— אַ ייד און — איז דיר עפּעס נישט קיין ייד... — האָט דאָרט אײנער, אַ רויט־פּנימדיקער, לאַכנדיק ברייט, אים באַטראַכט אַקוראַטנע, צוגעטראָגן אַ פלעשל מיט עפּעס שאַרפס צו זיין מויל — פון וואַנען, זאָג, זענען ביי דיר אַזעלכע טיפע, ניש־טערנדיקע אויגן ?...

די איבעריקע האָבן אים געקלאַפּט אין דער פּלייצע און אים ערנסט פאַרזיכערט, אַז אַ סך אַזעלכע געראַטעוועטע יידן זענען שוין צו זיי אַרויס פון די וועלדער...

— אוך... האָבן זיי געשניטן פּאַסן פון דייטש !...

ביי זאַלקען איז רעכט געווען שוין צו כאַפּן אַ ביקס און גיין העלפן אויסרויכערן דעם שונא; אָבער דער רויט־פּנימדיקער טאַנקיסט, יעפימאָוו לויטן נאָמען, האָט אים רואיק געראָטן צוּוואַרטן און מעלדן זיך פאַרנאַכט אין שטאַב אַריין, וואָס וועט אונ־טערקומען אַ ליאַדע מינוט.

אויפן שטאַב איז, פאַרשטייט זיך, מער נישט אויסגעקומען צו דערוואַרטן זיך; ווייל ס'זענען מיטן אויסגעפאַרענעם טראַקט אונטערגעקומען אַלץ נייע עשאַלאָנען פון דער געפּאַנצערטער דיוויזיע, פון דער אַרטילעריע און פון דער ווינטערדיק־סיביר׳ער קאַוואַלעריע. זיי האָבן זיך אָן אויפהער, נישט איבערגעריסן, ווי אַ וויכער, געטראָגן איבער דער איינגעזונקענער גאַס אויף בידעריקע, פלינקע פערדלעך פון אַ טיף־געפלעקטן ברוין. אַ טאַנק האָט אים, זאַלקען, נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט גע־בראַכט ביז צו די פאַרוויילטע שטעטלעך, נאָנט פון קאָוועל. דאָרט האָבן זיך קאָנ־צענטרירט עטלעכע דיוויזיעס, צו פאַרסירן דעם פאַרפרוירענעם בוג.

אין די עטלעכע גליקלעכע טעג, פול מיט רעש און ווילדער פרייד, איז זאַלקען אויסגעקומען זיך צו איבערצייגן, אַז ער איז נאָך נישט דער לעצטער ייד אויף דער ערד פון די סלאַוון. אין שטעטל האָבן זיך אָפּגעפונען אַרום אַ צענדליק אַזעלכע ווי ער. זיי זענען אַרויס פון די וועלדער, פון די באַהעלטענישן, אָפּגעשליסענע, אין אָנגעבלאָזענע, וואַטאָווע הויזן, אין קורצע פּויערישע פּעלצן, אין באַראַשקענע היט־לען; טייל האָבן אפילו געטראָגן דייטשע שינעלן. געזען אויך אַ יידישע פרוי צווישן זיי — טאַניע. אַ פּולבלעכע, אַ פעסטע, אין הויזן. וועגן איר האָט מען גערעדט, אַז זי איז אַ גרויסער העלד. זי איז געקומען פון די ראָזשינאָיער וועלדער.

„די ראָזשינאָיער וועלדער"... דאָס זענען דאָך זיינע וועלדער, איינגעבאַקן פון דער פּריסטער קינדהייט; און ער האָט זיך, אַביסל שעמעוודיק, געגומען נאָכפרעגן ביי איר וועגן סטעפּין, זועגן אַטריאַד אויפן נאָמען פון דימיטראָוו. ס'איז געווען באַלד אויפן אַנדערן אויפדערנאַכט, אין אַ גערוימער, אָנגעהייצטער שטוב. ס'האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז זי אַליין האָט אויך ערגעץ געלאָזן אַ מאַן מיט אַ קינד אין די געטאָס, האָט זיך אַרויסגעריסן אין דער לעצטער מינוט. זי האָט אויסגעזען צו זיין פאַרנומען, איז נישט איינגעזעסן אויף קיין אָרט.

ערגעץ אויבן, אין טיף־פאַרשנייטן ווייסרוסלאַנד, אַרום די ביאַלאָוועזשער וועל־דער, און אַ טריט פון דאַנען, ביים בוג, זענען נאָך אָנגעגאַנגען פאַרביטערטע שלאַכ־

טן. דאָ איז געווען דער קלין, וואָס די רויטע אַרמיי, די פלינקע סיבירער קאַוואַלעריע, האָט אומגעריכט אַריינגעשניטן זיך אין רוקן פון לאַנג־פונאַנדערגעוואָרפענעם פראָנט.

פון שטעטל האָט מען זיך דערווייל נישט גערירט. טאַניע האָט יעדן אויפדערנאַכט געקאָכט גרויסע טעפּ היימיש געקעכטס. יעדן טאָג האָט עמעץ אַנדערש געברענגט פון די דערבייאיקע דערפער און שטעטלעך אַ שעפּס, אַ מילך־חזירל, אַ פּאָר הינער. פון דער אויטאָ־באַזע פּאַר רעמאָנט, וווּ זאַלקע איז באַלד אַוועק אַרבעטן, האָט ער געבראַכט סאַמאָגאָן, מאַכאָרקע און יעדן אָוונט איז פריילעך געווען אין נידעריקן שטיבל. ס'האָט זיי נישט געאַרט, וואָס די דייטשישע אַעראָפּלאַנען האָבן דאָרט איינמאָל אַראָפּגעריסן אַ שטיק דאַך. אין מיטן דער נאַכט האָבן זיי ערגעץ אויפגעזוכט אַן אַנדער נאָרע און ס'איז דאָרט צוריק פריילעך געווען.

אין שטאַב פון דער דיוויזיע האָט מען טאַניען, דעם פאָרשטייער פון דער קליינער גרופּע באַפרייטע פּאַרטיזאַנער, כסדר באַרואיקט מיט צוזאָגן:

— פאַרוואָס איז אייך באַפאַלן אַזאַ אומגעדולד ?... אייך איז צייט אַביסל אָפּצורוען...

מיטגעקומען איז מיט איר דער שטאַבס־לייטענאַנט, יעגאָרקין — אַ פריילעכער יאַט, אַ וויצלער און אַ זעלטענער אַקאָרדעאָניסט. ער איז אין אָוונט געזעסן אין נידעריקן ערד־שטיבל אויף אַ פויערישער דריי־פיסיקער טאַבורעטקע, איין דער מיט פון אָנגעהייצטן צימער, און האָט אויסגעשפּילט אַלערליי פריילעכע און אומעטיקע לידער פון גרויסן היימלאַנד. דער עולם האָט צוביסלעך געטרונקען, צוביסלעך געריכערט, אָנדערציילט זיך וועגן די ביטערע פּאָר יאָר אין די וועלדער. נאָר ווען טאַניע איז שפּעטלעך אַרויס באַגלייטן דעם לייטענאַנט דורך דער הויפּט־גאַס, צום שטאַב, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דעם איינציקן געמויערטן הויז, אין מאַגיסטראַט, איז דער עולם זיצן־געבליבן אָפּהענטיק, מיט אַראָפּגעלאָזענע הענט.

— איך ווייס וואָס אייך קוועטשט... — האָט דער ביעלסקער, אַ קליינער, קרעמפּער, פאַרוואַקסענער ייד, הייזעריק זיך צעלאַכט — די באַבע אין די הויזן ! עך, איר ! אין די עטלעכע יאָרלעך איז אייך קיין צייט נישט געווען אַפילו אָפּצואָטעמען, דער קאָפּ איז נישט געלעגן דערביי, וואָס ? און אָט, אַצינד... צי דען ווען אייך פעלן באַבעס ?...

די איבעריקע האָבן געשטומט ווי די פיש.

— פּאָר אונדז, די רעשטלעך — האָט ער גערעדט פּאַוואָליע — בלייבט איין זאַך: ווען די מלחמה וועט זיך אויסלאָזן, צו לעבן אַביסעלע קליגער, ווי פריער...

זיי האָבן אַראָפּגעדרייט דעם לאָמפּ, אַנידערגעוואָרפן זיך אין שטרוי אַריין. אין דער טונקל האָבן נאָך לאַנג געפינקלט די פייערלעך פון זייערע מאַכאָרקע־טרייבלעך, פאַרדרייט אין צייטונגס־פּאַפּיר. מ'האָט געהערט, ווי דער רייסיקער ווינט קלאַפּט צו די

אָפּן־געלאָזענע הויז־טירן און לעדלעך. דעם הימל, באַלויכטן פון ראַקעטעס, האָבן געזעגט אַעראָפּלאַנען.

ביזן פרילינג זענען עטלעכע פון זיי אויסגערונען, אָן אַ זיי־געזונט. ווער ס'איז אַוועק אין די רויט־אַרמייאישע אָפּטיילן, ווער אין די נייע פוילישע דיוויזיעס, וואָס האָבן אַ שפּאַר געטון אַהער פון הינטער לענינגראַד. טאַניע איז אַוועק פאַר אַ קראַנקן־שוועסטער און זאַלקע איז שוין פאַרבליבן אין באַוועגלעכן רעמאָנטיר־גאַראַזש. מ'האָט זיך, זעט אויס, אומעטום גיך דערקענט אויף זייערע גילדערנע פּאָר הענט. ער איז מיטגעווען מיט זיין אָפּטייל ביים פאָרסירן דעם בוג, ביים אַריינרייסן זיך קיין לובלין, און אין שפּעטן האַרבסט איז ער שוין געווען אין גרויסן ווייסל־רוים, ערגעץ הינטער וואַרשע.

1945

אין חודש אַפּריל

אויף זיינע אייגענע אַקסלען, מיט אַ נישט־געשטילטער עקשנות, האָט ער עס אַלץ אַליין דורכגעטראָגן, דער קליינער מענטש פון הויט־און־ביינער, דער אייביקער זוכער, גריבלער און געשיכטע־פאָרשער, ישראל אידלסאָן. די היימישע זאַפטן האָבן נאָך אַלץ געיערט אין אים. ס׳איז געווען אין די קאַרגע עט־לעכע חדשים, ערב דעם אַפּריל־אויפשטאַנד.

קיינער האָט שוין כמעט נישט געדענקט, אַז אין די פאַר־מלחמה־יאָרן איז ער אַמאָל געווען אַ לערער אין דער אָרעמער יידישער פאָלקס־שול, אין די געגנטן אַרום מוראַנאָוו, אַרום די געדיכטע, אומלעגאַלע אַרבעטער־בערזעס. זיינע פאַר־כאַפּנדיק־בלויע אויגן, גרעסער־געוואָרענע, ווי ביי אַ צעבראָכענער פּופּע, האָבן נאָך אַלץ קינדעריש־אומשולדיק געקוקט אויפן רשעות, אויפן טאָג־טעגלעכן אומ־קום אין געטאָ־וואַרשע.

פאַרבליבן איז ער אין לעצטן זומער כמעט איינער אַליין פון אַלע זייניקע. ער האָט שטיל, פאַרטון אין זיך, געוואָגלט פון איין הפקר׳ער דירה אין דער צוייטער, פון קליינעם געטאָ אין גרויסן געטאָ, געזוכט זיין נערונג, ווי אַ פויגל, אויף אַלע צופעליקע, געדיכט־אָנגעלאָפענע „פּונקטן״. אין זיין בליק איז געווען דער שטומער צער פון אַ זקן און פון אַ קינד. ער האָט אויסגעזען צו גראָבן נאָכאַנאַנד, צו ניש־טערן און עפּעס צו זוכן אַרום זיך. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ער קוקט מענטשן מאָדנע אין די אויגן, דער שאָטן פון הויט־און־ביינער. בלויז פרעמדע יידן פון דער פראָווינץ זענען געווען אויף די הפקר־אָנגעלאָפענע דירות. געוווסט וואָס ער זוכט האָט נאָר זיין גורל־חבר, דער יונגער היסטאָריקער יהושע מאַנדל־קערן; צוזאַמען האָבן זיי אַלץ געזאַמלט, פאַרשריבן און באַגראָבן, ס׳זאָל בלייבן אַ זכר לדורות.

ס׳איז שוין איצט מער נישט אַזוי לייכט געווען צו געפינען זיי אויף דער אויבער־פלאַך, די שטרענגע, פעסטע, גוטמוטיקע חברה פון די געדיכטע אַרבעטער־בערזעס — די פון נאָדל־פאַך, די שטריקערס, די שוסטערס, די בעקערס, די ברייט־פּלייצי־קע יינגלעך פון טראַנספּאָרט־פאַראיק; דאָס יונגוואַרג פון אַמאָליקן פאַרנאַכטיקן גאַסן־פּלאָנטער אין מוראַנאָווער ראַיאָן, אָדער „מורדזשיעל״. ס׳רוב, די מערסטע אפשר, זענען באַלד אין די ערשטע מלחמה־וואָכן געהאַט אַוועק מיטן גרויסן שטראָם, מיט דער בהלהדיקער פעלקער־וואַנדערונג, אויף מזרח, אויף יענער זייט בוג.

נישט ווייניק זענען זיי דערנאָך אומגעקומען בעת די אַקציעס פון דער אויסגעראַטענער יידישער אינטעליגענץ, ביי די סעלעקציעס אין די שאָפּן, ביי די בלאָקאַדעס פון די הייף און — ווען מ׳האָט זיי ביינאַכט, אומגעריכט, אַרויסגענומען פון די שטובן, צעשאָסן און געלאָזן זיי אַזוי ליגן אויף די טראָטואַרן, ביי די טויערן, אָנצושרעקן דעם געטאָ.

דער קליינער מענטשן־שאָטן האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו נישטערן. אומעטום איז ער אומגעריכט געווען. ערגעצוו, איז ער געווען זיכער, באַדאַרף נאָך פּאָרט צו קלאַפּן דאָס אָדערל, דער פּולס פון דער דערשטיקטער אונטערערד.

ער האָט בשום־אופן נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז די רעדער פון דער געשיכטע — ווי זיי חזרן עס דאָרט איבער מיט אַזאַ זעלבסטמערדערישן ציניזם — קאָנען טאַקע אַמאָל, גאַנץ שיק, דרייען זיך אויף צוריק, אויף יאָרהונדערטער. אויך אין בערשטער־שאָפּ, אויף דער שוו. יערסקע, וווּ די מענטשן האָבן, קאַשאַרירטע, אָפּגעשלאָסענע ביי דער שקלאַפּישער אַרבעט, ביים אויספּאַריכטן די פּאַרלייזיקטע און פּאַרבלוטיקטע דייטשע שינעלן, קוים נאָך געזשיפּעט פון דער וואַסערדיקער זופּ, האָט ער שוין לענגער מער נישט געקענט אויסהאַלטן. ער האָט דאָרט נישט געגלויבט מער די פאַלשע דייטשע מייסטערס מיט זייערע פּייערלעכע צוזאָגן. ס׳איז שווער געווען אַריינצובאַקומען זיך; ס׳איז אָבער אויך נישט לייכט געווען אָפּצוטראָגן זיך. ער האָט דאָרט מער קיינעם נישט געפונען, ווי ער האָט עס אַזוי הייס באַגערט. די מענטשן אַרום זענען געווען פאַרשלאָסן אין זיך, אָן אַ ברעקל צוטרוי; און ער האָט אַלץ איבערגעלעבט דאָס שאַרפע געפיל, אַז ער מוז נאָך דאָ ערגעצוו זען לויפן, איינרייסן, אָפּראַטעווען.

ווען ישראל אידלסאָן האָט זיך אין פאַרנאַכט, צום לעצטן מאָל, ווידער אַריבערגעכאַפּט פון דער טוכלער מלינה אויף דער שוו. יערסקע, האַרט הינטער די מויערן פון בערשטער־שאָפּ, צוריק צום אַלטן הויף אויף דער נאָוואָליפּיע, איז שוין די שפּעטער־שעה באַלד געווען צוגעפאַלן. זיך גרויער, צעאָדערטער בגד האָט זיך מאָדנע צוזאַמענגעגאָסן מיט די אָפּגעריבענע ווענט, הינטער וועלכע ער האָט, אָפּגעשוואַכט, אָבער געניוג לייכט, געטראָגן זיין גוף. מיט די לאַנגע הענט און בלייכע פינגער האָט ער געטאַפּט אַרום זיך, ווי ס׳וואָלט געווען שטאָק־פינצטער; כאָטש געווען איז נאָך כמעט גרויסער טאָג.

די אָפּגעקראָכענע מויערן פון אַ האַלבער נאָוואָליפּיע גאַס זענען אין זון־זעצן־זיך געשטאַנען אָפּגעגאָסן אין אַ צו־שאַרפער בלענדיקייט, אַז ער האָט אַ ווײַלע די מידע אויגן צוגעמאַכט אין דינע שפּעלטעלעך. ס׳איז געווען ווי אַן אומגעריכטע בלענדיקייט, וואָס גייט־אויף פון אַלטע ספרים. ער איז שוין גאָרנישט געוווינט געווען צו אַזויפיל ליכט. בלינדערהייט האָט ער זיך פאַרנומען און איז פליגק, ווי אַ שאָטן, פאַרשוווּנדן אין נידעריקן טויער, באַלד דערלעבן.

דאָ ערגעץ, אויפן לעצטן שטאָק, האָט ער געהאַפּט צוריקצוגעפינען דאָס היימישע ווינקל, וווּ ער האָט זיך אויפגעהאַלטן באַלד נאָך דער ליקווידאַציע פון די עטלעכע

אַרומגעשניטענע קוואַרטאַלן, באַקן פאַרלירן, אין דער גרויסער בהלה, די פּרוי מיטן בלייכן, אַנעמישן מיידעלע.

ער האָט שוין גאָר מער נישט געגלויבט צו געפינען דאָרט עמיצן. איצט האָט ער שוין אַלץ געוווּסט; ער האָט שוין געוווּסט, אַז זיי לעבן נישט מער, די פרוי מיטן מיידעלע, אַז זיי זענען אַלע אַוועק מיטן לעצטן טראַנספּאָרט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. פון טאָג צו טאָג איז אַלץ ענגער געוואָרן. ס׳האָבן זיך שוין געטראָגן קלאַנגען, אַז מען וועט אינגיכן אינגאַנצן ליקווידירן דעם קליינעם געטאָ; דאָרט, פון וואַנען מ׳איז אין גרויס איילעניש, אין דער פּאַניק, אין יענער לעצטער נאַכט אַנטלאָפן. דאָרט איז פאַרבליבן זיין ביבליאָטעק, זיינע שריפטן און פּאַרש־אַרבעטן; ס׳זענען פאַרבליבן די איינגעבאַקענע שאָטנס, וואָס האָבן אים מער פאַר אַלץ ווי געטון.

אָבער מ׳האָט פּאָרט באַדאַרפט שטאַרק צו זיין, נישט אונטערגעבן זיך, נישט לאָזן זיך אינגאַנצן באַהערשן פון דער מערדערישער האַנט, וואָס איז געהאַנגען איבער אַלעמענס קעפּ; ווייל ער האָט אַלץ מער איינגעזען, אַז דער שונא צילט נישט נאָר צו דערשלאָגן דעם מענטש אין געטאָ, נאָר אויך אָפּטויטן אין אים זיין וואַכזאַמקייט, זיין קילן שכל. אַז — ס׳לוינט נישט מער, ס׳איז אומזיסט, קיין שום אויסוועג איז מער נישטאָ. ס׳איז נישט אמת — האָט אין אים געקאָכט די נישט־געשטילטע עקשנות — ס׳איז נאָך פאַראַן אַן אויסוועג !

און איבער די אַלטע, אָפּגעקראָכענע מויערן פון געטאָ־וואַרשע איז אַלץ געהאַנגען דער אויסגעוואַשענער, אומשולדיק־בלויער הימל. פון דער לוילעכער לופט, אָנגעזאַפּט מיט ריחות פון קאַרבאָל און שריפה, האָט מען ממש געפילט, אַז ערגעץ שיסן שוין אַרויס די אָנגעגאָסענע קנאָספּן אויף די אַלטע פּוילישע ליפּעס און קאַשטאַנען; אַז ערגעץ שפּאַרט שוין דאָס גראָז פון אונטער דער ערד, פון אונטער אַ שטיין אפילו; אַז די פייגעלעך וועקן זיך אין די שטילע פּאַרטאָגן; ווייל שוין לאַנג, אַז די גרויע וואָראָביייען זענען מער נישט צוריקגעקומען צו די נעסטן הינטער די הויכע שטאָטישע דעכער אין געטאָ, און דאָס זעלטענע ביסל גרינס אין דער שטאָט פון שטיין, אַלטע, קרומע גאַסן מיט פינצטערע, אויסגעזעצטע לאַמטערן, האָט אָפּגעטיילט אַ וואַנט — די הויכע, באַוואַכטע מויערן.

פון אָט דער גאַסן־געדיכטעניש, פון די אַרומגעשטעלטע הייף, בוידעם־שטיבלעך און קעלערס, האָט ער זיך דערמאָנט מיט ווייטיק, זענען זיי געקומען, די בלייכע, אַרומגעשליסענע קינדער אין דער אָרעמער יידישער שול אַריין. אָבער נאָך איידער מ׳האָט זיך רעכט אַרומגעקוקט, האָט מען די דינע מיידעלעך מיט די מייזן־צעפּלעך שוין געזען שטיין אויף די ראָגן מיט קוישן בייגל, פּאַרטויבן די גאַס מיט רויע קולות אויף זייערע בלוטלאָזע ליפּן; די בלייכע, געשלעכטלאָזע יינגלעך, וואָס די שטימען האָבן זיך ביי זיי ערשט קוים געגומען טוישן — אַרומדרייען זיך, די הענט אין די קעשענעס, דעם דאַשיק פּאַרשאַרצט, אויף די אומלעגאַלע פּאַראַיין־בערזעס, אויסמישן זיך צווישן רויטן פלאַטער פון דעמאָנסטראַציעס און מאַסוווקעס אויף די הילביקע ברוקן פון שטאָט און — אַוועקגיין דערנאָך אויף לאַנגע יאָרן אין די תפיסות פון לאַנד. ווען זיי האָבן אים אַמאָל אָנבאַגעגנט אויף די אָרעמע יידישע גאַסן, האָבן

זיי אים נאָך אַלץ, אַביסל שעמעוודיק, געזרופן „לערער ישראל". זיי האָבן זיך געפּלאָנטערט אין די רייד און נישט געפונען קיין ווערטער; ווי ער וואָלט די אויגן פון אַט די קינדער דאָרט אַמאָל געהאַט אויסגעוואַשן, געעפנט פאַר זיי אַ ליכטיקע שפּאַרע, אַ פענצטערל, צו דערזען די שיינע, אומבּרחמנותדיקע וועלט אַרום זיך.

ער האָט אין יענע יאָרן אַליין אויך צוגעהונגערט. די שול־אַרבעט, דער עיקר דעם געשיכטע־לימוד, האָט ער געטראָגן ווי אַ מיסיע. די קינדער האָבן עס גלייך דערפילט. נישט געגוג אָבער וואָס פון קאַרגן לוין, האָט ער מיט זיין קלייִנער משפּחה קוים געקענט אַדורכלעבן. האָט אים נאָך אייגמאָל די שול־פּאַרוואַלטונג באַזייטיקט פון לערער־פּאָסטן. ס'האָט געהייסן, אַז ער שטעלט אין געפאַר די שול קעגנאיבערן מלוכהשן שול־קוראַטאָריום, מיט זיין מעטאָד פון געשיכטע לערנען. ער האָט נאָך איילמאָל געפּלעגט אָפּצוואַרטן ביים אַרויסגאַנג פון שול די קינדער. אין זיין שטילן, פאַרהונגערטן בליק איז געווען צער.

— לערער ישראל... — האָבן זיי געזעגנט מיט שטילן דרך־ארץ, מיט אַרונטערגעלאָזנע אויגן צו דר'ערד — מיר האָבן פּראָטעסטירט...

ער האָט אויך נישט געקענט מסכים זיין מיט די עטלעכע פאַרעלטערטע, רעזיגנירטע יידישע היסטאָריקער, וואָס האָבן נאָך דאָ ערגעץ ווו געזשיפּעט אין געטאָ. די זענען פאַר דער צייט אַריינגעפאַלן אין טיפער עצבות, אין מיסטישע שטימונגען, אַפילו אין גאָט־זוכעריי, אין נישטערן גמטריאות, איראַציאָנעלע סברות וועגן דער נאָנטער ישועה, ווייט פון וועלכער ס'איז קילער, וויסנשאַפטלעכער, רעאַלער באַגרינדונג. ער האָט נישט געקענט מסכים זיין מיט זיי, אַז יידישע קהילות האָבן אַלעמאָל עקזיסטירט נאָר אין זכות פון שתדלנות און — בטחון. ס'איז נישט געווען בלויז בלינדער קידוש־השם ביי יידן דורך די פינצטערע יאָרהונדערטער, אַנישט וואָלטן מיר שוין טאַקע פון לאַנג מער נישט אויסגעהאַלטן. צווישן די יידישע גרייזן פון די מיטלאַלטערלעכע געטאָס, צווישן די בלייכע, דערשראָקענע יונגעלייט, האָבן אויך געלעבט יידן מיט געזונטן גייסט און פיזישן כוח אין זייערע מוסקולן. פּונקט ווי ס'איז נישט ריכטיק, אַז די געשיכטע ביי אַלע פעלקער, איז די געשיכטע בלויז פון קעניגן, מלכים און מלחמות, נאָר קודם־כל — ס'לעבן און דער קאַמף פאַרן לעבן פון פאָלק גופא.

איבערגעלעבט אַ וואַרעמע ציטערניש האָט ער דער עיקר פאַר זיין גורל־חבר, יהושוע מאַנדלקערן, אַ היסטאָריקער פון יונגערן דור. די מענטשן האָט פאַרבונדן אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, אַ הייליקער עול; ס'האָבן זיי פאַרבונדן די געמיינזאַמע פאָרשונגען וועגן דער עמאַנציפּאַציע פון יידן אין 19־טן יאָרהונדערט. זיי האָבן אין געטאָ ביינאַנד שטיל געגראָבן, ווי די מוראשקעס. אים האָט ישראל אידלסאָן כסדר באַגלייט ווי אַ שאָטן, פון איין באַהעלטעניש אין דער אַנדערער, פון איין מלינה אין דער צווייטער; געהאָלפן אים, אין דער שטרענגסטער קאָנספּיראַציע, צונויפנעמען דאָקומענטן, פאַקטן, שמועות, גבית־עדותן פון יידישן אומקום, געלאָפן דערוויסן זיך די קלענסטע פּרטים, קאָנטראָלירן זייער אויטענטישקייט. אַפילו אין משך פון די לעצטע עטלעכע חדשים האָבן זיי נאָך אויפגעהאַלטן זייער טעטיקייט

אונטערן פארשטעלטן נאמען פון א חברה „תומכי עניים". זיי האבן געגראבן איין דער טיף, פארצייכנט יעדן פאקט פאר די קומענדיקע געשיכטע־שרייבער, ווייל זיי האבן נאך געגלויבט אין א גערעכטער וועלט, וואס מוז קומען און אפמעקן דאס רשעות פון פנים פון דער ערד; כאטש קיינער פון זיי איז נישט זיכער געווען צי ער אליין וועט עס טאקע דערלעבן. עס האבן זיי געפרעסן אנדערע מיני צווייפלען — און אויב דאס אלץ גייט פארלוירן פאר דער יידישער געשיכטע? צי טאר עס פארלוירן גיין? צי איז געגוג בלויז צו זאמלען? צי טאר מען זיך לאזן אויסקוילענען ווי די לעמער?

ער האט באלד געוואלט לויפן אנזאגן אים וועגן די צוויי הונדערט טויזנט פארלייזיקטע און פארבלוטיקטע דייטשע שינעלן, וואס האבן דארט פארוואלגערט די האליעס פון בערשטער־שאפ. די צוויי הונדערט טויזנט דייטשע שינעלן האבן אים אצינד געוואראמט. אין פיל פון זיי זענען געפונען געווארן בלעטלעך, געווארפן פון די סאוויעטישע ליניעס — זיי זאלן נישט פארגיסן דאס בלוט פון ארבעטער; אפילו אין די שינעלן פון אפיצירן האבן זיי געפונען בלעטלעך. די צוויי הונדערט טויזנט שינעלן, דאס איז זיכער געווען נישט מער ווי א קליינער רעזולטאט פון עפעס א סעקטאר, נאכן ערשטן ווינטער אויפן רוסישן פראנט. אין דער לופט, האט ער ממש געפילט, טראגט זיך עפעס א פרישער ווינט. אויפהייבן די פאן פון מרידה, באפרייען זיך פון די אייגענע יידישע פארעטער, די פאליציי, דעם יודען־ראט. זיי הוליען, פרעסן און טרינקען, אין דער מיט פון גוססדיקן געטא.

פון הינטער פארהעמערטע טירן, נאך דער שפער־שעה, האבן זיך אין אויסגעלאשענעם געטא נאך אלץ ארויסגעריסן די טאנגאס, די אומעטיקע יידישע פליט־און פידל־טענער. פייפלעך האבן געלאכט. אן אויסגעריבענער פאטעפאן האט אויסגעלאסן געגרילצט אלטע וואלסן און שלאגערן. זיי האבן זיך ארויסגעריסן פון נאכט־לאקאל „אריזאנא", אויף מילנע 18, באלד ביים פארדריי צו דער קארמעליצקע־נאוואליפיע. ישראל אידלסאן איז אין שפעטן פארנאכט לאנג שטיינגעבליבן אויף דער פינצטערער טרעפ. צו זיינע אויערן האט זיך באנג, ווי פון אונטער דער ערד, דערטראגן:

א, דאננא קלארא,
איך האב דיך טאנצן געזען . . .

דאס האט אים, איבער עפעס, שטארק א דערמאן געגעבן וועגן דעם, וואס ער האט אנומלטן געלייענט ערגעץ, אז אויף דער אונטערגייענדיקער שיף „טיטאניק" האט נאך דער ארקעסטער אויפן אויבערשטן דעק, ביז דער סאמע לעצטער מינוט, געשפילט פריילעכע טאנץ־מוזיק. ס'האט אים אויך שארף ווי געטון, וואס אויף דער ארישער זייט איז געגאנגען דאס חוזק־ווערטל: „מען ווילט זיך ווי אין געטא". אפילו אהין, אין נאכט־לאקאל „אריזאנא", האט זיך אים איינמאל, מיט אן אויסריד, איינגעגעבן אריינצוכאפן דורך א הינטער־טיר. די קיך־ריחות האבן אים פארכאפט דעם אטעם. ער האט זיך געשטארקט, נישט אומצופאלן. ער איז געגאנגען אין שלי־

חות פון יהושוע מאַנדלקערן, פון דער פאַרבאָרגענער אינסטיטוציע „תומכי עניים”. מ'האָט עס אַלץ באַדאַרפט צו זען מיט די אייגענע אויגן. מ'האָט דערציילט, אַז גאַנצווייך אַליין, פון „13”־טל אויף דער לעשנע, כאַפּט זיך אָפּט אַריין אַהער מיט זיין חברותא. ס'איז געוואָרן שפּעטלעך. די וואַנט־שמוגלערס האָבן זיך שוין געהאַט אויפגעשטעלט, באַפוילן דער דיקלעכער, לאַכנדיקער מויד הינטערן בופעט אָנצוגיסן זיך נאָך צו פולע גלעזלעך פון היימישן „סאַמאָגאָן”, און געקליבן זיך צו גיין אויף דער נאַכט־אַרבעט. זיי האָבן מיט ביטול אַרויסגעצויגן פון וועסטל־טאַש, מיט צוויי פינגער, און אַוועקגעוואָרפן אויפן בופעט עטלעכע צעקנייטשטע פאַפּירלעך...

אין צוגעפאַלענעם אָוונט האָט ישראל אידלסאָן נאָך באַוויזן צו דערקריכן ביזן לעצטן שטאָק. ערגעץ טיף אין זיך האָט ער באַנג געזונגען: „בעלז, מיין שטעטעלע בעלז”... ער האָט זיך אַלע ווילע פאַרהאַלטן אויף אַ טרעפּל, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. פון זיינע איינגעפאַלענע ריפּן איז די לופט געקומען מיט אַ פייף. די פאַרענטשע איז געווען אַרומגעבראָכן, אַנדערע טירן — האַלב אויפגעריסן. ס'איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן אַריינצוקוקן אַהין. דאָרט, קען זיין, האָט זיך נאָך אפשר ווער אויפגעהאַלטן, נאָך די אַקציעס, בלאָקאַדעס, נאָכן אַוועקשלעפּן די אַלטע לייט, די קינדער און די, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַרבעטס־שיינען. מ'האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו קענען די צופעליקע שכנים; פרעמדע, אָנגעלאָפענע, שאָטנס, אָפּגעהאַקטע שטאַמען. מענטשן זענען פאַרשוווּנדן, זענען מער נישט אַהיימגעקומען. ווער האָט זיך דען נאָכגעפרעגט אויף זיי? זיי האָבן געשוואָלענערהייט דערשלעפּט ערגעץ די פיס זייערע, אַוועקגעפאַלן אויפן טראָטואַר און די פאַרבייגייער האָבן זייער פּנים צוגעדעקט מיט אַ צייטונג. מ'האָט זיי יעדן טאָג אין געטאָ צונויפגעקליבן אויף די פינקערט־וועגעלעך, באַגראָבן זיי אין די מאַסן־קברים אויפן גענשער בית־עולם. דער טיפוס, דער הונגער, די דערשיסונגען האָבן ביסלעכווייז אויסגעליידיקט הייזער, גאַנצע הויפן. ס'האָט אויסגעזען גרוימער צו ווערן אין געטאָ.

פון הינטער אַלטע, דיקע ווענט און מויערן האָט זיך אים נאָך אַלץ געדוכט צו פאַרנעמען די טאַנגאָס, די אומעטיקע יידישע פלייט־און פידל־טענער און ווייטע, אַזוי ווי אונטערערדישע אָפּהילכן. דאָס שטיקל אָנגעטריפטע ליכט, וואָס ער האָט שטענדיק מיטגעהאַט אין אַ קעשענע, האָט זיך געשמאָלצן צווישן זיינע דורכזיכטיקע פינגער. אויף די נידעריקע ווענט האָט זיך נאָכמער אויסגעצויגן זיין אומגעלומפּערטער שאָטן. די שויבן האָט נאָך דאָ עמיץ באַוויזן געדיכט צו פאַרהענגען, אָבער קיינעם איז נישט געווען צו זען אין די דעמפּיקע דאַך־צימערלעך. ס'איז אפילו נישט געווען דאָ ווו צוצושפּאַרן זיך, ווו אַראָפּצולאָזן זיך. ער האָט פונדעסטוועגן באַשלאָסן איבערצוּוואַרטן דאָ די נאַכט און באַלד אינדערפרי לויפן ערגעץ אויפזוכן דעם שווייגנדיק־פאַרשלאָסענעם יהושוע מאַנדלקערן, אָנזאָגן אים וועגן די צוויי הונדערט טויזנט דייטשע שינעלן.

אַ צוג־ווינט האָט פּלוצים געצויגן הינטער זיינע פּלייצעס. ער האָט זיך אומגעדרייט און דערזען דאָס נידעריקע טירל, וואָס פירט צו די בוידעמער איבערן הויז; ווי עמיצער וואָלט עס דאָ אומגערן אָפּן געלאָזן; ווייל ס'איז געווען אין אַ זייט פון

טיפן אויסהויל אין דער וואַנט, אַנצובייגן זיך אין דער העלפט, לייכט צו פאַרשטעלן מיט אַ שאַפע, אָדער אַ שענקל. די בלויליכע טאַפּעטן פון שטיקל וואַנט זענען דאָ טאַקע געווען העלערע, ווי מען וואָלט די שאַפע נישט לאַנג צוריק געהאַט אוועקגערוקט פון דאַנען.

די לאַנגע, פאַרדריסטע בוידעמער איבערן הויז האָט ער גוט געקענט. ס'איז דאָרט געווען פאַרפאַלן צו ווערן. זיי האָבן, דורך לעכער אין די ווענט, געפירט צו אַנדערע גאַסן און פאַרהוילענע אַרויסגענג. ס'איז אים אַליין איינמאָל אויסגעקומען צו אַנטרינען דורך די לאַנגע, פאַרדריסטע בוידעמער, אונטער די נידעריקע, אָנגעגליטע בלעכן, ווען די אוקראַינער און די יידישע פּאָליציי האָבן אָפּגעשלאָסן דעם גאַנצן ראַיאָן. ער האָט, טאַפּנדיק בלינד, געקענט די דעמפיקע ווינקלען צווישן די לופטעס און דאַך־פענצטערלעך. די מויערן האָבן האַרט באַרירט די הייזער פון מילנע־געסל, וואָס דרייט זיך קרום צווישן פּשעיאַזד און דער קאַרמעליצקע. און ס'איז אים מיטאַמאָל עפּעס איינגעפאַלן...

זיינע פיס האָבן זיך, ווי אָפּגעשטאָרבן, אַראָפּגעזעצט צו דער פּאָדלאָגע, ביים פאַרהאַנגענעם פענצטער. ער האָט זיך נידעריק אָנגעבויגן און אין געדיכט־אָנגעפאַלענעם שטויב, וואָס האָט געבלאָזן דורך אָפענע טירן און פענצטער, האָט ער בולט דערקענט עמיצנס פרישע טריט. ווי דער געניטער וואַלד־מענטש, וואָס דערקענט די שפורן פון געווילד אין אַ פאַרהויבענער צוויַיג, אין אַן איבערגעדרייט בלעטל, דעם לייכטן אָפּדרוק פון טלאָען אויפן זאַמד; אַזוי האָט ער זיך, לויט דער אומאָרדענונג אין הפקרן הויז, לויט דער פּאָזיציע פון אַ בענקל, צי פון אַ טיש, אויסגעלערנט צו דערקענען דעם דורכגאַנג פון פרעמדע מענטשן. זיין אויער האָט אויפגעכאַפּט דעם מינדסטן געשאָרך ערגעץ אויף די שטאָקן אין אויסגעשטאָרבענעם הויז.

הייסט עס, אַז עמיצער איז דאָ נאָר־וואָס געווען, האָט זיך דאָ אפשר פאַרשטעקט, ווען ער האָט דערהערט זיינע שטילע טריט אויף די שטיגן. ס'האָט אים אַ מיש געטאָן אין מוח, ער האָט מער נישט געפילט ווי דער קאָפּ איז צוגעפאַלן צו דער וואַנט און ער איז אַזוי אַ ווילע זיצן־געבליבן, אַ פאַרדרעמלטער. ס'האָט אוודאי לאַנג נישט געדויערט, ווי פלוצלונג האָט אים אַ שאַרפע שיין אַ שטאָך געטאָן אין די אויגן. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ פּאָר פיס, יונגע, קרעפטיקע פיס. ער האָט זיך נאָך געפּרוווט אויפשטעלן און נישט געקענט. אַ פּאָר שטאַרקע אָרעמס האָבן אים אַ הייב געטאָן פון דער פּאָדלאָגע.

— נאָך וואָס ביסטו צוריקגעקומען אַהער ?... — האָט עמיצנס אַ פאַרשטיקט קול געפרעגט — ווער ביסטו ?...

ס'איז געווען ווי אַ נעפּלדיקע וויזיע, ווען דער מוח איז איבערגעשטרענגט און אין האַלבן דרעמל הייבט מען אָן צו חלומען אויף דער וואָר. ער האָט אַ זשמורע געטאָן די אויגן־שפּעלטלעך און זיך נאָך אַמאָל שאַרף איינגעקוקט אין פרעמדן. ניין, ס'איז נישט געווען קיין דייטש, נישט קיין אוקראַינער, נישט קיין יידישער פּאָליציאַנט; אַ פּנים, וואָס איז אים אָבער באַלד קענטלעך געווען. ער האָט יאָרנלאַנג געדענקט עפּעס אַ יינגל, יאַסעלע, אַ פריילעך בחורל מיט רויטע, פרישע בעקלעך און

פעסטע, אָנגעגאָסענע דלאָניעס, גאָרנישט פאַר זיין עלטער. ער איז געהאַט אַריבערגעקומען קיין וואַרשע מיט זיינע עלטערן פון דער פּראָווינץ. אויף דער שול־באַנק איז ער, געדענקט זיך, לאַנג נישט איינגעזעסן. אַ פּעאיק ייִנגל, האָט מער ווי די אַנדערע דערכאַפּט פונעם געשיכטע־לימוד. ער איז אָבער גיך אַוועק אַרבעטן אין אַ מעטאַל־פאַבריק אויף דער אָקאָפּאָווע. מ׳האָט אים דערנאָך דערציילט, אַז ער איז פאַרמשפּט געוואָרן אין אַ פּראָצעס פון עטלעכע־און־צוואַנציק. אַצינד, אין אָט דער נעפּלדיקער מינוט, איז ער מאָדנע זיכער געווען, אַז דאָס איז דער זעלבער יאָסעלע; אָבער ווי אַזוי קומט ער פּלוצים אַהער ?

— יאָסעלע... — האָבן זיינע ליפּן האַלב געשטאַמלט — ווען דו ווייסט, יאָסעלע, ווי כ׳האָב דיך אומעטום אַרומגעזוכט...

יענער האָט זיך אַ רגע שאַרף איינגעקוקט אין קליינעם מענטש פון הויט־און־ביינער און האָט אים אַזויווי אָנגעהויבן צו דערקענען; און כאָטש ס׳איז צוריק פינצטער געווען, האָט ער אים געזען אַרויסשניידן זיך, דעם באַקאַנטן סילועט.

— כ׳הייס נישט יאָסעלע... נאָר וואָס איז דען די נפקא־מינה ? איר געדענקט, לערער ישראל, די געשיכטע־לעקציעס ?... ווי איר האָט אונדז אַמאָל געהאַט דערציילט...

— אַוודאי געדענק איך, יאָסעלע...

— ווי איר האָט אונדז אַמאָל דערציילט וועגן די געטאָס, וועגן תחום־המושב... און ווי זיי האָבן אויסגעקויפט זייערע קינדער פון סאָלדאַטן, די בעלי־טאַקסע... ווי זיי האָבן געלעקט בײַם פּריץ די שטיוול... טאָ זאָלט איר וויסן, לערער ישראל, אַז מ׳דאַרף זיך נישט לאָזן מער... מ׳דאַרף נקמה נעמען אין די דייטשע רוצחים... אויב צו שטאַרבן, איז כאָטש מיט כבוד...

— טאָ ווי אַזוי, יאָסעלע ?...

און ס׳איז געווען וואַנזיניקע פרייד אין אים. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, ווי אַ פעסטע, וואַרעמע, זיכערע האַנט נעמט אים אָן און פירט אים מיט זיך. ער האָט מער נישט געפרעגט וווהין. דאָס קול זיינס האָט שוין לאַנג אַזוי וואַרעם נישט וויברירט. טאַקע, וואָס האָט נאָך דעם מענטש־שאָטן ביז איצט דערהאַלטן אויף זיינע וואַקלדיקע קניען ? ס׳איז צוריק געווען לעבן אין זיינע לאַנגע, אומרואיקע הענט, ווען יענער האָט אים געפירט דורך די בוידעמער; און דעמאָלט האָט דער קליינער מענטש פון הויט־און־ביינער טיף אין זיך אַריינגעזשעט, אָן טרערן און אָן אַ קול.

ס׳איז פונדעסטוועגן וווּנדערלעך, ווען ס׳קומען נאָך איך מאָל צוריק די אויפגערייזטע טרערן פון דער ווייטער קינדהייט; ווען מען געפינט ענדלעך דעם, וועלכן מ׳האָט אַזוי לאַנג אַרומגעזוכט. ווייל נאָר דאָס אַליין, קען מען זאָגן, האָט דעם לערער ישראל אידלסאָן נאָך אויפגעהאַלטן ביי דער בידנער עקזיסטענץ אין געטאָ־וואַרשע, ביז סאַמע ערב דעם אַפּריל־אויפשטאַנד.

1949

אין די אַלטע שפּורן

.1

שוין ס'אַנדערע מאָל, אַז דער געעלטערטער ייד טאָני מינסקער, האָט זיך אויפגעהויבן און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פונעם מאָלערישן שטעטל אין די פּראָנצויזישע אַלפּן, אָן אַ שפּור נאָך זיך.

דאָסמאָל האָט זיך זיין ווייב, לאַני, שוין מער אַזוי שטאַרק נישט איבערגענומען, איז מער נישט געווען אַזוי צעטראָגן, ווי דעמאָלט, און נישט געשיקט מער דאָס ייִנגערע טעכטערל צו אַליאַרמירן דאָרט צו זייערע קרובים אין פּאַריז. זי האָט זיך נאָר אַביסל געשראָקן פאַר זיין אַסטמע, ווייל זי האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אין שטאָט, צווישן די ענגע מויערן, אין די זומער־חדשים, צווישן די בענזין־ריחות פון די מיליטערישע אויטאָס, וועט אים פּשוט אויספעלן לופט צו אָטעמען. זי האָט אָבער געקענט זיין עקשנות, נישט פון היינט; מיט רייד, האָט זי געוווּסט, וועט מען ביי אים גאָרנישט פועלן.

צו פירא אַבראַמאָוונאַ, די צעדרייטע און גוטמוטיקע פלימעניצע פירא, האָט זי פונדעסטוועגן גלייך אָנגעשריבן: „גיב דאָרט אַכטונג, כ'בעט דיך, אויף טאָניץ, אויב ער באַווייזט זיך ביי דיר אין הויז. מילא, פאַר מיר זאָרגט ער זיך שוין פון לאַנג נישט, אָבער די קינדער... טאָלסטאָי — האָט זי נאָך באַמערקט, נישט אָן איראָניע — איז אויך דעם לעצטן מאָל קראַנקערהייט אַנטלאָפן פון יאַסנאַיאַ פּאָ־ליאַנאַ... אָבער ער איז נאָך נישט טאָלסטאָי... זאָל ער זיך געזונטערהייט האַלטן מיט זיינע משוגעתן... כ'קען אים”...

זי האָט זיך אין שפּעטן פרימאָרגן אויפגעהויבן פון בעט מיט אַ געפּערלעכער מיגרענע, און צוזאַמען מיטן ייִנגערן טעכטערל גענומען אַביסל אַרומרוימען אין צע־רודערטן הויז, נאָך דער פאַרשטערטער שמחה. די בלויע רעדער אונטער די אויגן זענען אַרויסגעטריטן שאַרפער. דאָס האָט נאָכמער אונטערגעשטראָכן דעם טיפן ברוין פון איר פריזור, פאַר דער צייט דורכגעוועבט מיט גרויע פּעדים, די געזונטע ראָסאָווע מאַטקייט פון אַ פרוי אין געפערלעכן איבערגאַנגס־עלטער.

די טירן צו דער וועראַנדע זענען געשטאַנען ברייט צעפּראַלט. ס'איז געווען זוניק און ווינטלדיק. דער ווייכער שניי־קאָפּ פון מאָן־בלאַן האָט געלויכטן אין רעגנבויגנ־דיקע אָפּשיינען. זי האָט אַלץ געוואָלט פאַרגעסן, אונטערגעכאַפּט, צוזאַמען מיט

דער טאָכטער, דעם היימן פון די פּאַרטיזאַנער און האָט יוגנטלעך־פלינק אַ לויף געגעבן נאָכן מיידל. זי האָט פונאַנדערגערוקט די שטולן, אַרויסגעטראָגן די דאַליאַס און די היאַצינטן איןביידע וואַזעס פון איידעלן פּאָרצעלאַן, וואָס די מוטער דעם איידעמס, די אַלטע באַראָנעסע דע פליוויע, האָט זיי בעכטן געלאָזן צושיקן פון שלאָס; אַרויסגעטריבן פון הויז די פרעמדע, שיכורע אַראָמאַטן, האָט זי זיך אַ ווײלע פאַרהאַלטן אויף דער שוועל צו דער וועראַנדע, אָנגעשפּאַרט אין דער קערבאַרשט.

— כ׳האָב מורא, אַז כ׳וועל זיך באַלד אומקערן אין בעט אַריין. פאַרוואָס קומט עס אונדז ?... — האָבן זיך צווײ טרערן אַ זילבער־געטון אויף אירע לאַנגע וויעס — פאַרוואָס זאָל ער אונדז כסדר פאַרצאַפּן דאָס בלוט ?...

מיט אַ טאָג פריער האָט זי דאָ איינע אַליין, אין פאַרוואָרפענעם באַרג־קלויסטערל, געפירט צו דער אומעטיקלעכער חתונה־צערעמאָניע די עלטסטע טאָכטער, עליסן. עס זענען געווען שטייפע אויפנאַמעס און טומלדיקע פאַרווילונגען פון דער יוגנט. אויסגעפאַלן איז עס גראָד אין דעם פייערלעכן זונטיק, צום יאָרטאָג פון דער באַפרייאונג. אַלע זענען פאַרבעטן געוואָרן אין שלאָס אַריין: דער פּאַראָפיע־גלח, פּאָטערל גראָפּיראָן, אַ גוטמוטיקער אַלטיקטשקער, אַ ליבער מענטש און אַ געפּערלעכער ווײן־טרינקער, האָט זיך דאָרט, נאָך די אַלע אויפנאַמעס, ווען דער עולם איז שוין מיד געווען, צוגעזעצט צו איר אויף דער סאָפע אין רויכער־סאַלאָן; דעמאָלט, ווען די יוגנט איז אין קאַלטן ריטער־זאַל פאַרנומען געווען ביים קאָלעקטיוון טאַנץ, דעם ראָמאַנטישן מענועט פון שיינעם 19־טן יאָרהונדערט.

— גאָט מיינער... — האָט ער לייכט געגעבן אָנצוהערן מיט אַ זיפצל — איר זייט דאָך, נאָך אַלעמען, נישט אַנדערש ווי מיר אַלע. פאַרוואָס די ליידן ?

ער איז געווען אַ ליבעראַלער מענטש, דער גלח, און איז נישט געווען אַזוי באַליבט ביים אַלטן באַראָן, ווען יענער האָט נאָך געלעבט. ס׳האָט אַמאָל געזאָלט פון אים ווערן גאָר עפּעס אַנדערש, ווי אַ היטער פון אַ פאַרוואָרפן קלויסטערל אין די בערג. ער האָט דאָ נישט ווייניק געהאָלפן די פּאַרטיזאַנער און די פאַרבייוואַנדערנדיקע יידן. מען האָט זיך וועגן אים איבערגעגעבן פון מויל צו אויער.

— דעם שוואַכן שלאָגט מען... — האָט ער געקרעכצט — לויטער פּחדנים, פאַרשטייט זיך... אָבער אונטערגיין וועט איר נישט — דאָס איז באַוויזן. ס׳איז אָנגענעם געווען צו שמועסן מיטן מסיע מינסקער. אַ קלוגער מענטש. כ׳האָב עס אים נישט איינמאָל געזאָגט: פרויען, האָב איך אים געזאָגט, האָבן נישט קיין נאַציאָנאַליטעט. זייער אמת פאָטערלאַנד איז, ווי פאַרן פרייען, וואַנדערנדיקן פויגל — די זון און די ליבע... אַ פאָטערלאַנד אָן גרענעצן, אַ שיין פאָטערלאַנד, נאָך אַלעמען... דאָס איבעריקע — קליינלעכע פאָראורטיילן פונעם מענטש, דעם זינדיקן... אָ, מיר האָבן אויך אַמאָל נישט ווייניק געליטן פון אָט די פאָראורטיילן...

דאָס שטעטל, אַלט און יונג, האָט איך דעם טאָג באַלייגט די חתונה־פּראָצעסיע, דאָס געסל באַרג־אַרויף, נאָך דער חתונה־פּראָצעסיע; פּשוטע באַרג־לייט, וואָס האָבן

אויף די אויסגעקאַרטשעוועטע אָפּריסן פאַרזייט אַ ביסל גאָרטנוואַרג, פאַרנומען זיך מיטן אויסהאַקן די סאָסנע־וועלדער אין די בערג.

אַלע האָבן זיי דאָ געקענט די קליינע יידישע משפחה, וואָס האָט זיך עטלעכע חדשים פאַר דער באַפרייאונג אויסבאַהאַלטן פאַר אַ ווייטיק אויג. די מאַמע מיט ביידע טעכטער — אין וואוקס, אין געשטעל, ווי דריי שוועסטערן — האָבן גוטע מענטשן דאָ געהאַט פאַרשטעקט אין מאָנאַסטיר ביי די שווייגנדיקע נאָנעס, און דעם געעלטערטן ייד — אין שלאָס. זיי זענען אַהערגעקומען אין אַ נאַכט פון שלאַקס־רעגן און פון וואָלקן־ברוך. זיי האָבן אַ טאָג מיט אַ נאַכט געבלאָנדזשעט אין די בערג; מ׳האָט זיי געפירט און פאַרפירט. צולעצט האָט זיי אָבער די שווייצאַרישע גרענעץ־וואַך צוריקגעשיקט קיין פראַנקרייך, ווו די געסטאַפאָ־באַנדעס, די פעטען־מיליץ האָבן געמאָרדעט און פאַרשלעפט יידן. שפעט ביינאַכט האָבן זיי געקלאַפט אין פרעסביטער ביים קלויסטערל, און דאָס איז דער אַלטער, גוטמוטיקער פאַראַפיע־גלח אַליין געלאָפן אין שלאַקס־רעגן אין שלאָס אַריין. אין דער פרי האָט אַפילו קיין האָן נישט געקרייעט, אַז פרעמדע לייט זענען דאָ געווען און פאַרהאַלטן זיך אויף נאַכטלעגער. ווייניק זענען זיי דעמאָלט אַרונטערגעקומען פון די בערג, די אַרומגעשליסענע יינגלעך, פאַרוואַקסענע, מיט בייזע פייערלעך אין די אויגן ? זיי האָבן געבעטן עסן, אַ העמד איבערצוטון און זענען צוריק פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די ווילדע אָפריסן.

דער אַלטער באַראָן האָט שוין נישט געלעבט אַ שיינע פאָר יאָר. פאַרבליבן איז די באַראָנעסע, ווייס ווי אַ טויב, אַ שטאַרק גאָטספאָרכטיקע, מיט אַ הויכן גרעק און מיט אַ בריל. זי איז יעדן אין דער פרי אַרונטער די שטיגן צום באַרג־קלויסטערל, צום מאָנאַסטיר פון די שווייגנדיקע נאָנעס. דער עלטערער זון, אַ לייטענאַנט אין דער אַרמיי, האָט ערגעץ געשטעקט אין דאַקאַר, ביי דע גאָל׳ס רעוואָלטירטע טרופן. מען האָט אין די עטלעכע מלחמה־יאָרן נישט געהערט פון אים. די אַלטע האָט געקלאָגט, אַז ער לעבט נישט מער און דערפאַר שטאַרק אָפגעהיטן דעם יינגערן. ער איז געווען אַ בלאַס, אויסגעצויגן בחורל, אַביסל אַ קרענקלעכער, מיט אַ נערוועזן צוק אינעם רעכטן אַקסל; ס׳האָט זיך אים כסדר געדוכט, אַז דער קאָלנער איז צו ענג, שטיקט אים. ער האָט שטודירט אָריענטאַלישע שפראַכן אויפן ליאָנער אוניווערזיטעט; און דאָ האָט ער זיך, אָקופאַציע־צייט, אַליין אויך אויסבאַהאַלטן אין אַ זייט פון אַ פרעמד אויג, אין אַ זייט פון די דייטשע זשאַנדאַרמען, וואָס זענען דאָ אָפט געקומען נישטערן. יונגעלייט ווי ער האָט מען געווינלעך געכאַפט און פאַרשיקט זיי אויף אַרבעט אין די דייטשע אַמוניציע־פאַבריקן, אונטערן האָגל פון באָמבאַרדירונגען. מיט די פרעמדע, די אַנגעלאָפענע, איז אָפט געווען אַ שיסעריי אין די בערג. דער יונגער עדמאָנד האָט נישט ליב געהאַט די דייטשן. ער האָט זיי געהאַסט פאַר 1870, פאַר 1914, פאַר 1940. ער האָט נישט געהאַלטן פון זייער מאַניאַקישער פילאָזאָפיע, פון זייער איבער־מענטש־קאָמפלעקס. זיי זענען אין בעסטן פאַל, האָט ער געזאָגט, נאָכמאַכער. זיי פאַרמאָגן די פעאיקייט צו פאַרפולקומען דאָס, וואָס איז שוין פריער דורך אַנדערע, פאַר זיי, דערפינדן און דערטראַכט געוואָרן. זייער טעכנישער אַרויפשטייג איז אַן אויסדרוק פון ראָבאָטן — אָן עכפרי, אָן האַרץ, אָן

נשמה. אפילו זייער מיליטערישער זשעני איז געווען קאפירט פון אונדזער גרויסן נאפאלעאן...

דער ייד מיט די באזילבערטע שלייפן, מיטן מידן בליק פון אונטער די מאטע ברילן־גלעזער, האט אים באלד פון ערשטן אוונט אינטריגירט. אין שטרענגן, ביינערדיקן געזיכט מיטן שטעכיקן האר־אויסוווקס, האט ער געפונען עפעס ענלעכעס צום פארגייסטיקטן בליק אין קריסטוס־פארטרעט ביי די פלעמישע מייסטער. אין יענער נאכט פון שלאקס־רעגן און וואלקן־ברוך האט ער אים דא צום ערשטן מאל געזען אויסוואקסן דורך די הינטער־טירן, באגלייט פונעם אלטן פאראפיע־גלח.

ס'איז אלץ צוגעגאנגען שטיל, כמעט אן רייד. דער אלטער, וואס האט אים געברענגט צופירן, איז פארשוווּנדן אין דער נאכט; און דעם פרעמדן ייד, אויסגעווייקט און דערשראקן, האט מען דערנאך אין דער פינצטער געפירט איבער א שווינדלטרעפ, ערגעץ הויך, צום שלאס־טורעם. ער האט דערפילט אונטער זיך אביסל שטרוי, א קאלדרע און איז באלד איינגעשלאפן. אין דער פרי האט ער געפונען לעבן זיך א טעפלווארעמע מילך, ברויט און א בריוול פונעם ווייב מיט די מיידלעך, אז זיי געפינען זיך אין זיכערע הענט.

זייער טעגלעכער צוזאמענטרעף, טאניס און דעם בחורלס, איז געווען אין דער לאנגער, פינצטערלעכער משפחה־ביבליאטעק. די קילקייט, דער סדותדיקער ווידערקלאנג, האט דערמאנט אין א קירכע. פון אלע ווענעציאנישע פענצטער איך ביבליאטעק־זאל, איז נאר איין לאדן געווען קוים אפגעשפארט. דארט האט ער געשטעקט, דאס בחורל. ער האט אראפגעקוקט צו די מיטלאלטערלעכע באשיצונגען, די איינגעמאסטעטע וואלן, צו דער הענג־בריק איבערן טיפן גראבן, ווייל נאר דורך דאנען האט זיך א פרעמדער געקאנט אריינבאקומען אין שלאס. די טעג זענען געווען אומרואיקע. ס'איז געווען נאכן לאנדן פון די אליירטע טרופן אויף די ברעגן פון דער נארמאנדי. אין ליאן און גרענאבל — עקזעקוציעס, צוזאמענשטויסן. אויך אין שטעטל האט מען זיך א ליאדע טאג גערירכט אויף איבערפאלן, שיסערייען.

דער יונגערמאן איז געווען אנגענעם־איבערראשט, וואס דער צופאל האט אים אין דער איינזאמער אנטרינונג צוזאמענגעברענגט מיט א ייד, אן אויסלענדער, מיט א זעלטענער קענטעניש פון די פראנצויזישע קלאסיקער, פון די פילאזאפישע שטרעמונגען אין פראנקרייך און אין דייטשלאנד. ער האט באטראכט פון דער זייט דעם מענטש, וואס האט נישט אויפגעהערט צו שפאנען צווישן די שווערע שויבן־שרענק, וווּ עס זענען געווען צעשטעלט די געליישטע רוקנס פון די פראנצויזישע ענציקלאפעדיסטן און די מייסטער פון 19־טן יארהונדערט. די זעלטענע פאליאנטן זענען געווען א ירושה נאך א פעטער, א מיניסטער אין קאבינעט ביי קלעמאנסא, א הייסער רעפובליקאנער.

— ס'וועט אייך אפשר אויסזען אומגעווײנלעך — האט זיך דער ייד אזוי ווי פארענטפערט — ווען כ'וועל אייך זאגן, אז אייערע ענציקלאפעדיסטן האבן אריינגעברענגט א טיפע גייסטיקע און רעליגיעזע אויפטרייסלונג אין די פארוואָרפענע יידישע ישובים פון מזרח־איראפע, אז זיי זענען אונדז גייסטיק שטארק נאנט...

— מיט דעם אומרו מאַכט איר אונדז אויך אומרואיק... — האָט עדמאָנד באַקומען פאַרבן — כ'וואָלט געזאָגט, אַז דעם זעלבן אומרו געפין איך ביי אייך, ווי אינעם בליק פון קריסטוס־פּאָרטרעט ביי די פלעמישע מייסטער...

— זיי זענען אַוודאי געבומען, אפשר געבוי קאָפּירט, פון יענע האָלענדישע יידן, וועלכע האָבן נאָך געטראָגן אין זייערע אויגן דעם פחד פון די שייטערהויפנס, פון דער קאַטוילישער אינקוויזיציע אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל... ווי מיר אַנטריגנען אַציגנד פון די קרעמאַטאָריע־פלאַמען... אַזאַ אויפפאַסונג פון דער קריסטוס־געשטאַלט איז זיכער גרויס...

ער אַליין האָט באַדאַרפט אויסוואַנדערן אַ וועלט, אין שליחות פון יידישע צרות, פון יידישע קולטור־נויטן, צו דערגיין צו דער שוועל פון אָט דעם חיהשן אייראָפּע. ס'איז שוין באַקאַנט געווען וואָס מיט יידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד איז אָפּגעטון געוואָרן; דורך וועגט און צוימען איז דערגאַנגען דאָס אומהיימלעכע געבריל פון די טויטן־לאַגערן אויף יענער זייט רהיין.

דער יונגער באַראָן האָט ליב געהאַט פראַנקרייך און געהאַסט די דייטשן. ס'איז געווען ביי אים זעלבסטפאַרשטענדלעך, וואָס די אַלע מינים אויסלענדער זענען פריי־וויליק געגאַנגען לייגן זייערע קעפּ צו באַפרייען דאָס לאַנד. אומעטום זענען זיי געווען — אין די בערג ביי גרענאָבל, אין די וואָגעזן, אין טולוז, אין פּאַריז, אין דער צפון־זאָנע. זיי האָבן אויפגעריסן בריקן, אַמוניציע־סקלאַדן, אַראָפּגעפירט באַנען פון די רעלסן, אַטאַקירט קאַזאַרמעס, דרייסט געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין ביי די תליות און אויף די עקזעקוציע־פּלעצער. שאָקירט האָבן נאָר די פרעמדע לאַזונ־גען אין זייערע מיילער. ס'וועט זיך פאָדערן אַ פעסטע און זיכערע האַנט. דער שטראָם ביטערע רייד ביים געיאָגטן ייד האָט עס אים באַשטעטיקט. די גאַל־ביטער־ניש פון זייערע נביאים טראָגן זיי מיט זיך אויפן גאַנצן וועג פון זייער געשיכטע.

ס'איז געווען טיפער שאָטן צווישן די ווענט פון אַלטן שלאָס, ווו די גייסטער פון מיטלאַלטער האָבן זיך אַרומגעקריגט מיט די ענציקלאָפּעדיסטן. די טריט פונעם יונ־גערמאַן האָבן זיך פאַרלוירן אין דער שטילקייט פון די טעפּיכער. ער האָט ווידער אָפּגעלענט אַ לאָדן און איז דערנאָך אומבאַמערקט אויסגעוואַקסן הינטערן רוקן פון דעם ייד. דער מיטליאָריקער מאַן האָט לייכט אויפגעציטערט, אים אָנגעקוקט דורכן העלן אָפּבליאַסק פון די ברילן־גלעזער, ווו ס'האָט זיך געזעצט דער ווייטער אָפּשיין פון הינטער די שטאַכעטן־לאָדן. געברענט האָבן נישט די בערג אין לעצטן אָפּשיין, דאָס האָט דער הימל איבערן בלוי־פאַרשוומענעם מאָל געברענט פון אַוועקגעלאָזע־נע אַמוניציע־סקלאַדן, פון אויפגעריסענע בריקן, אָבער גערעדט האָט ער וועגן עפּעס אַנדערש, דער יונגער באַראָן.

— כ'וואָלט געוואָלט — האָט ער געזאָגט — קענען אייער פרוי און אייערע טעכטער...

ס'האָט אים פאַראינטריגירט דער שטראָם מאָדנע־פאַרעקשנטע רייד; און דווקא, ווען ער געפינט זיך אויף זיין גענאָד, איז דער גאַסט ביי אים אין הויז. פון וואַנען קומען זיי? וווהין גייען זיי?

און ער איז שטום געטרעטן הינטער אים אין די קאָרידאָרן, איבער דער ספּיראַ־לער שווינדל־שטיג, צום טורעם. ס'איז געווען די לעצטע נאַכט, וואָס זיי האָבן דאָ פאַרבראַכט צוזאַמען. דורך איינעם פון די פליגלען האָבן זיי אַראָפּגעקוקט פון דער הויכקייט אין טאָל. אין שטילן יולי־אָוונט האָט דער דופטיקער באַרג־ווינט זיך אָנ־געטראָגן מיט שאַרפן ריח פון שרפה.

איבער דער וועלט איז געגאַנגען דער אומפאַרגעסלעכער זומער 1944. אין די טאָלן פון רהאָן און פון איזער האָבן אויפגעשטורעמט די לעצטע שלאַכטן. דער פראָנט האָט זיך אוממיטלבאַר דערנענטערט צו די ברעגן פון רהייק.

.2

אָ, ווען נישט דער וווּנדערלעכער, ראָזער אויפדערנאַכט, דאָס דינע, פלאַפּלענדי־קע גלעקערן פון קלויסטערל אין די בערג, דער ים נאַציאָנאַלע קאָלירן, איך פלאַטער פון ווייסע הייזלעך אויך הענגענדיקע וועראַנדעס; דער אויפגעשאָסענער שייטער־פלאַם אויפן מיטן פלאַץ; די פאַרטיזאַנישע לידער, די האַרמאָניקע־מוזיק און די געדיכט־באַזעצטע טעראַסע פון דער איינציקער קאַפע אין שטעטל. מען ווייסט נישט פון וואַנען זיי זענען דאָ אויסגעוואַקסן, די אַרומגעפליקטע ייִנגלעך פון די בערג, מיט די קורצע, פאַרוויכערטע בייקסן אין די פאַרשטייפטע פינגער. פון אַלע ווילדע אָפּריסן זענען זיי אַראָפּ, צו טאַנצן און צו פייערן דעם זיג און דעם פאַרשפּעטיקטן 14־טן יולי.

ער איז זיי אין דעם אָוונט שטום נאָכגעגאַנגען, דער יונגער באַראָן, שטום האָט ער באַנעצט די ליפּן פון די בלאָנדע, שוימיקע געטראַנקען אויף דער טעראַסע. אַ שטיפערישע האַנט האָט אים די ליידיקע גלעזלעך נאָכאַנאַנד צוריק אָנגעפילט. ער איז אָבער נישט שיכור געוואָרן. ס'איז געווען אַ קראַנקע, איידעלע דורכזיכטיקייט אין זיינע דינע מויל־שטריכן, אין קינדערישן לאָק, וואָס איז אים געפאַלן איבערן בלייכן שטערן, אין גלאַנץ פון די שוואַרצאַפּלען, אין שיין פון די פייערן אין דער נאַכט.

טאָני איז געזעסן, אומעטיק און פאַרשלאָסן; די פרוי און עליס, די עלטערע טאָכטער, האָבן גאָרנישט אַזויפיל געטרונקען, און זענען פונדעסטוועגן געווען מאָדנע אויפגעהייטערט פון די הילכיקע געלעכטערן. בלויז ביי דער קליינער, אָנ־קוקנדיק דעם פאָטערס פּראָפיל, איז דער געלעכטער פאַרגליווערט געוואָרן. דאָס מיידל פון אַ יאָר אַכצן האָט זיי דאָ אַלעמען באַטראַכט פון דער זייט.

יעדעס מאָל, ווען עליס האָט זיך דאָ ערגעץ אַרויסגעגליטשט צווישן די באַזעצטע טישלעך, אונטער די לאַמפּיאָנען, איז עדמאָנד אומרואיק באַלד געלאָפן זי אויפ־זוכן אויפן פלאַץ, אין ליאַרעם פון דער היימישער קאַרוזעלע־מוזיק, פון די טאַנצנ־

דיקע פֿאַרלעך אַרום שייטער. ער האָט זי עטלעכע מאָל פּשוט אַרויסגענומען פֿון די אָרעמס פֿון צעוואַקסענעם פּאַרטיזאַן אין דער אָפּגעשאָסענער אוניפֿאָרם. דער יונג מיט דער טשופּרינע אין ווינט, מיט די פֿאַרשווומענע אויגן, האָט געטאַנצט ווי אַ רוח; אַלע מיידלעך האָבן געקלעפּט אַרום אים.

די אַלטע באַראַנעסע האָט געהאַלטן אין איין פֿאַריכטן זיך די ברילן. דאָס בלוט־לאָזע געזיכט, דער בוימלדיקער בליק, איז פֿאַרבליבן קאַלט און פֿאַרשלאָסן.

— טרינק נישט אַזויפֿיל, קינד... — האָט זי געבעטן ביים ייִנגל מיט אַ שוואַך קול.

די האַנט, וואָס האָט נאָכאַנאַנד שטיפֿעריש אָנגעפּילט דאָס גלעזל ביי אים, איז געווען — עליס אַליין. זי האָט עס אומבאַמערקט אָנגעפּילט, ווען ער האָט אַ רגע אַוועקגעקוקט און איז באַלד דערנאָך נעלם געוואָרן. זי האָט געהאַט גרינע, קעצישע אויגן, ווי די מאַמע, און האָט אָפּגעדעקט אירע ציינער אין פֿאַרשייטן געלעכטער.

ס'איז געווען לופֿטיק, און הייס, און פֿליסטערנדיק אַרום. די רייד עדמאָנד'ס זענען אויך געווען הייסע און פֿליסטערנדיקע. ער האָט עפּעס געפּלאַפּלט, ווי אין די העלדישע ריטער־ראָמאַנען — „...און מיר וועלן אַוועק קיין איטאַליע... כ'וועל ליגן ווי אַ שקלאַף ביי דייִנע פֿיס“...

ווען די גרינע, בולטע שטערן האָבן גענומען פֿאַרבלאַסן איבער די בערג, האָט זיי דאָס פֿיבערנדיקע ייִנגל באַגלייט. הויך איבער די העלע ווערענדעס איז געהאָנגען אַן אָפּגעבראָכענע לבֿנה. אַרום שייטער, וואָס האָט נאָך געריכערט, האָבן זיך אין מילך־נעפּל שאַרף געצייכנט די צעוואָרפֿענע גרופּקעס פּאַרטיזאַנער. אַציינד האָבן זיי שוין געוואַכט. די לופֿטיקע מיידלעך אין ווייסן האָבן נאָך דאָרט גע־פּלאַפּלט, געלאַכט; און אין דער מיט האָט אַ מויל־האַרמאָניקע, אומעטיק און מיד, ביזן האָנען־קריי, געצויגן דאָס ליד פֿון די פּאַרטיזאַנער.

מיט אויסגעלאָשענע, וואָכעדיקע טריט האָט היינטער זיי געשפּאַנט דער פּאָטער. די גרויסע פֿרייד פֿון דער באַפֿרייאונג איז ביי אים געווען אויסגעמישט מיט אַ סך צער און ביטערניש. געשפּאַנט האָט אַ מענטש נישט אין די מיטעלע פֿופֿציקער, נאָר אַ זקן. ס'האָט אים דאָ אונטערגעהויבן פֿון דער ע־שטער מינוט אָן. ער האָט גלייך געוואָלט כאַפּן און אַנטלויפֿן פֿון דעם פֿאַרוואָרפֿענעם העק. ער האָט געוואָלט לויפֿן קיין פּאַריז, זען אויב, אַ חוץ אים, איז נאָך עמיץ פֿאַרבליבן.

— לאָני... — האָט ער זיך געבעטן ביים ווייב — פֿיר מיך אַרויס פֿון דאַנען...

זי האָט זיך אָבער אין די פֿיקערלעכע טעג געבלאָזן, ווי אַ מיידעלע. ער האָט זי אינגאַנצן נישט אָנגעהויבן צו דערקענען, זינט דער קורצער צעשיידונג אין יענער נאַכט פֿון שלאַקס־רעגן און וואָלקן־בראָך. יעדן אָוונט זענען געווען פֿאַרוויילונגען, בעלער. זי איז אַרומגעשוומען, צוזאַמען מיט די מיידלעך, האַלבע נעכט; אויפֿגע־הויבן האָט מען זיך שפּעט אין טאָג אַריין. צווישן ביידע טעכטער האָט זי ווירקלעך נאָך אויסגעזען ווי אַ שוועסטער זייערע, נישט ווי קיין מאַמע. ער האָט פֿון דער זייט און שאַרף נאָכגעקוקט איר ערגעריניש ביים שפּיגל, די געדיכטע ראָזיקייט, וואָס איז אויפֿגעשטיגן פֿון איר שייִנעם האַלדז ביז די באַקן, ווען די ספּאָרט־שיך

מיט די קורצע סאָקעטן, דאָס געבלימלטע קאָפּ־טיכל, שיין פֿאַרפּלאָכטן, מיטן ווייסן, אָפּגעפּאַסטן סוועטער, האָבן עפּעס נישט אינגאַנצן געשטימט מיט די גרוי־ווערנדיקע לעקעלעך ביי איר. די מאָדע, וואָס האָט זיי דאָ אַלעמען פֿאַרכאַפּט איז געווען — ווינטער־ספּאָרט און פּאַרטיזאַנער; קליידער — אוניפֿאָרמען, די האָר — סאָלדאַטיש־צעשויבערט, אַפֿילו דער האַנט־בייטל — אַ מין מיליטערישער ברויט־זאַק.

פֿון אַלע זייטן האָט מען זיך מיטאַמאָל גענומען זאָרגן פֿאַר די אַרומגעשליסענע יינגלעך פֿון די בערג. מען האָט זיך אָנגעהאָנגען אין זיי, אַרומגעפֿירט זיך מיט זיי. די אַלע, וואָס זענען עפּעס יאָ געווען און נישט געווען, האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָלע פֿון פּאַרטיזאַנער, געקליידט זיך האַלב־מיליטעריש; אויסגעגראָבן פֿון ערגעץ פּאַפּירלעך, באַווייזן, אָפּצייכנס. יעדער איינער האָט געפֿונען אַ זכות, אַז ער האָט אין די ביטערע יאָרן מיט עפּעס צוגעהאָלפֿן. ס׳איז אויך געווען אַן אָנגעלויף פֿון אומבאַקאַנטע פּנימער; ווייל מיט די זעלבע וועגן איז מען איצט צוריקגעלאָפֿן פֿון דער שווייץ. פֿון דרום און פֿון מערב האָבן זיך אָנגערוקט און אויפֿגעהויבן אין די בערג די שווערע טאַנקען און די פֿלינקע „דזשיפּס" פֿון די אַמעריקאַנער. זיי זענען דאָ געשטאַנען אַ טאָג־צוויי. מען האָט געטאַנצט, געגעסן שאָקאָלאַד, געראויכערט „לוקי סטריק", געשפּיגן דעם קיי־גומי. דער קלייניקער, שאַרף־באַלויכטענער זאַל פֿון דער מוניציפּאַליטעט איז אין די אָוונטן געווען פֿול און רוישיק. די אָנגעלאָפֿענע האָבן געקלעפּט אַרום זיי, געמסחרט, געדרייט.

דער זיסלעכער האָניג־ריח פֿון „לוקי סטריק" און „טשעסטערפֿילד" האָט איצט אויך אָנגעפֿילט דאָס שטילע הויז. מען איז דאָרט געגאַנגען און געקומען. מען ווייסט גאָרנישט פֿון וואַנען זיי האָבן דאָרט אַלע מיטאַמאָל אָנגעהויבן רעדן ענגליש. אין גרויסן ליכטיק־אויסגעווייסטן צימער האָט מען אָוונט־צייט געטרונקען שטאַרק־פֿאַרבריטן טיי, אַראָמאַטישע קאַפֿע, מען האָט געהאַלטן אין איין אויפֿמאַכן קאָנסערוון־שאַכטלען. אַן אויסגעצויגענער בלאָנדער אַמעריקאַנער האָט זיך געדרייט מיט די מיידלעך אין דער מיט שטוב, צו דער גערעמפּטער דזשאַז־מוזיק פֿון אַ פּאַטעפֿאָן; איז אונטערגעקומען, געקלאַפּט גוטברודעריש דעם אַלטן איבער דער פּלייצע, ווי ער וואָלט אים שוין געקענט פֿון ווער ווייס ווי לאַנג.

— העלאָ !... — האָט ער געוויזן אין געלעכטער די לאַנגע, פֿערדישע ציינער, גערעדט האַלב־דייטש, האַלב־ענגליש — ניקס מער דזשערמאַני !... קאַפּוט !...

אומעטום איז זיי אָבער עדמאָנד שווייגנדיק נאָכגעגאַנגען. מיט די פּאַרטיזאַנער האָט ער זיך געהאַלטן אַביסל פֿון דער ווייטן. ער איז געווען בלייך, פֿאַרביסן, אויפֿגערעגט. וויפֿל מאָל ער האָט געבעטן צו רעדן מיטן אַלטן, האָט ער אים אויסגעמיטן.

צווישן איין טומלדיקער פֿאַרעניש אָוועקצוגיין און דער צווייטער, האָט זיך לאָני אַמאָל אויף אַ מינוט אַריינגעכאַפּט צו אים אין זייטיקן צימער, וווּ ער האָט זיך אָפּגעשפּאַרט און געהאַלטן אין איין אַרומשפּאַנען. ער האָט טעג־לאַנג קיין וואָרט נישט אויסגערעדט צום ווייב מיט די טעכטער. די ברילן־גלעזער האָבן זיך אים טיפֿער איינגעשניטן איבער די רויטלעכע, אָנגעשטרענגטע אויגן.

— וואָס זאָגסטו נישט, טאַטי ?... — האָט זי געפֿרווט איידל — עדמאָנד גייט אויס

באַכן קינד... האָסט כאָטש אַמאָל אַ טראַכט־געטון דערפון ?...דו זעסט אַפילו נישט, ווי איך לייד... ווי די קינדער ליידן... מ'דאַרף זיין אַביסעלע רעאַל אין לעבן, אַביסעלע מער עלאַסטיש... אַלץ, זעסטו דאָך, איז קעגן אונדז... מ'דאַרף גיין מיטן שטראָם...

— די גאַנצע געשיכטע אונדזערע — האָט עס אים שוין אונטערגעהויבן — איז אַ גאַנג קעגן שטראָם. די עקשנות וועסטו ביי מיין לעבן נישט אַוועקנעמען ! וואָלט זי כאָטש גענומען דעם ערשטן־בעסטן פּאַרטיזאַן, וואָס איז געגאַנגען אַוועקגעבן זיין לעבן פאַר אַ הייליקער זאַך... אָבער נישט דעם־אָ פּחדן און שטילן פּאָגראָמשטשיק פון דעגענערירטן אַדל. כ'האָב עס אים געזאָגט אין די אויגן, ווען ער האָט מיך אויסבאַהאַלטן ביי זיך, ווען איך האָב געגעסן פון זיין ברויט. די קינדער גייען אַוועק פון מיר — כ'ווייס עס ! די שולד איז מיינע ! כ'האָב עס אָפּגעלייגט פון יאָר אויף יאָר. כ'האָב געזוכט דאָס ווינקעלע אויף דער ערד, וווּ צו לעבן אַ פּשוט יידיש לעבן. כ'האָב עס דערוויילן נישט געפונען, אין ערגעץ נישט. איך ווייס אָבער נישט וווהין דו ווילסט מיך פאַרפירן ?...

— רעכנסט טאַקע פון דיינע שרייבערייען, פון דיין פאַרזאָרגן דאָס יידישע פאָלק, חתונה צו מאַכן די מיידלעך ?... און איך אַליין, ווי אַזוי זע איך אויס ?... כ'בין חרוב קראַנק, טאַני ! באַמערקסט עס אַפילו נישט. דאָס אַלץ איז גוט געווען, ווען מיר זענען געווען יינגער.

— מיין טאַטע איז געווען אַ פּראָסטער ייד... — האָט ער אויסגעזען נישט צו דערהערן וואָס זי רעדט צו אים — אַ בעל־מלאכה. צו 71 יאָר האָט מען אים, צוזאַמען מיט אַלע יידן, אַוועקגעפירט צום טויט... און נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען יידן... כ'שעם זיך פאַר מיין אַלטן טאַטן, דו הערסט ?... ס'איז מיר אַ חרפּה !...

ס'זענען געווען טרערן, היסטערישע אויסברוכן, אָבער געהאָלפן האָט עס נישט. ער איז געבליבן פאַרשלאָסן, איינגאַנצן אויפגעהערט צו וויזן זיך צווישן מענטשן. עדמאָנדן האָט ער מער נישט געוואָלט זען, ווען לאַני איז געקומען קלאַפּן צו אים אין טיר. ער האָט נישט געוואָלט הערן וואָס עדמאָנד זאָגט, וואָס די באַראָנעסע זאָגט, וואָס עליס זאָגט.

ס'איז מער נישט געווען די זעלבע לאַני וואָס אַמאָל. ער האָט זי גענומען, ווען זי איז געווען קוים צוואַנציק יאָר, און ער — איך די דרייסיקער. ס'איז געווען פרילינג אויף דער וועלט. נאָכן קאָשמאַר פון מלחמות, פּאָגראָמען, האָט זיך געדוכט, אַז די וועלט איז יינגער געוואָרן. וואַרשע... פרילינג... טעאַטערן... שולן... צייטונגען... אַרבעטער־קלובן... אַ פאָלקס־אינטעליגענץ און אַ דור פון יידישע טוער מיט אַן עקשנותדיקן ווילן אַריינצוברענגען אַביסל ליכט אין פאַרחושכטן יידישן לעבן. אַזאַ איבערגעגעבענע וואַרעמקייט, ווי ס'האָט געשטראָמט פון דער ליבער יידישער פּראָווינץ, וואָס האָט איך די שבתים, אין די פּייערלעשער־שאָפּעס געשלונגען יעדעס נייע וואָרט פון לעקטאָר, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון וואַרשע.

טאַקע אין איינס פון די וואָלינער יידישע שטעטלעך, ווו ער איז געקומען אויף אַ

לעקציע, האָט ער זי באַגעגנט, לאַנייִן. די משפּחה איז געקומען אַנצולויפן פון „יענער זייט״, פון די פּעטליורישע פּאָגראָמען.

ער האָט אָבער פאַרויסגעפּילט דעם שטורעם, וואָס איז געהאַנגען איך דער לופט, אַנאַליזירט די עקאָנאָמישע באַדנלאָזיקייט, געפּרווט צו געפינען אַ לייזונג, געזוכט ערגעץ־ווו אַ נישט־באַוווינט ווינקל אויף דער גרויסער וועלט, דורכצוהאַקן אַ וועג, בויען אַ יידיש לעבן. ער האָט נאָך דעמאָלט געגלויבט, אַז אויף דער וועלט וועט זיך סוף־כל־סוף אָפּגעפינען אַ ווינקל פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע; זאָל עס זיין אין אַפריקע, אין אויסטראַליע, אין מאַדאַגאַסקאַר. מיניסטאָרן און לאָרדן האָבן געגעבן אינטערוויוען, מ׳האָט אָנגעשפּאַרט אומעטום, ס׳איז אַפּעלירט געוואָרן צום וועלט־געוויסן דורך שיין־פאַרפאַסטע מעמאָראַנדומס. אַלעמאָל איז אויפגעשווומען אַן אַנדער פּלאַן, מ׳האָט געשיקט אויספאָרשונגס־קאָמיסיעס, געצאָלט, עקאָנאָמיקער, זשורנאַליסטן. אָבער אַלעמאָל האָט עס אומגעריכט געפּלאַצט, ווי אַ זייפנבלאָז. אַ דערקלערונג פון עפּעס אַ צענט־ראַנגיקן באַאַמטן האָט אַלץ צונישט־געמאַכט. אַ ים טינט איז פאַרגאָסן געוואָרן, אַ ים ענערגיע איז אויסגעגעבן געוואָרן אויף גאָרנישט...

דאָס מיידל האָט געפּלאַטערט, ווען ער האָט זי צום ערשטן מאָל אַראָפּגעבראַכט קיין וואַרשע. די וועגן האָבן זיי שויך דערנאָך געפירט דורך בערלין; זיי זענען געשווומען איבער די הויפּט־שטעט פון אייראָפּע. טאָני האָט זי אָפט געלאָזן מיט די קינדער אוך אַליין האָט ער אויסגעמאָסטן די וועלט, אין שליחות פון יידישע צרות, פון יידישע קולטור־נויטן. ער איז אַלעמאָל צוריקגעקומען פון ווייטע רייזעס אויף אַן אַנדער אַדרעס, אין אַן אַנדער לאַנד און אין אַן אַנדער שטאָט. די צלטערע, עליס, איז נאָך געבוירן אין וואַרשע, ניני — אין בערלין. די קינדער האָבן גערעדט מיט דער מוטער רוסיש, געלערנט איך שול דייטש; און ער אַליין, אַריינפאַלנדיק אין הויז, האָט, לאַכנדיק האַרציק, גערעדט צו זיי יידיש. ער האָט זיי אַלעמאָל געפּרטען פאַרענדערט, די קינדער. אומגעריכט האָבן זיי געטון אַ וואַקס אונטער. ווען איז עס געשען ? די מלחמה האָט זיי געטראָפן אין פּאַריז, ווו עליס איז געווען אויפן צווייטן קורס מעדיצין.

ער איז שויך דעמאָלט מיד געווען. אַ שטילער, פאַרשוויגענער דיכטער מיט אַ גרויען קאָפּ און יתגגע אויגן. אין פּאַריז האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צו דער ניי־מאַשין. ווי מאָריס ראָזענפעלד, האָט ער אָפּגעפינצטערט, פאַרקויפט זיינע טעג אין די פּאַריזער יידישע שניידער־אַטעליעס, ווו מ׳האָט באַדאַרפט זיין פלינק, געשיקט, אַרויסוואַרפן וואָס מער „שטיקלעך״. די שניידעריי איז געווען אין זיין טראַדיציע. ער איז אַמאָל אַוועק פון די דווינסקער אַרבעטער־בערזעס, געלעבט יאָרן איך די געדיכטענישן פון לאָנדאָנער ווייטשעפּל, דורך וואַנען ס׳האָט געפירט דער וועג פון די ערשטע רעוואָלוציאָנערע יידישע דיכטער־עמיגראַנטן. דאָרט האָט מען אַרויסגעגעבן סאָציאַליסטישע ביכער, בראָשורן, אַריינצושמוגלען זיי אומלעגאַל קיין רוסלאַנד. אין אָקטאָבער 1917 איז ער, צוזאַמען מיט אַלע פּאָליטישע עמיגראַנטן, געלאָפן „אונטערשטעלן אַ פּלייצע״ דער רעוואָלוציע.

אין פּאַריז האָט ער, מיט זיין קליינער משפּחה, געלעבט אין אַ שטיל, שטאָנדיק

הויז, צווישן ביכער, בילדער, בלומען און אַנטיקער מוזיק. ער האָט דאָ אָפּגעפּר־נען די שטילע סטעזשקעלעך צום קבר פון זיין באַליבטן פּאָעט היינריך היינע, וועלכער איז אויך געשטאָרבן אין דער פרעמד.

זי איז שוין דעמאָלט געווען אַן אומרואיק־צעפלויגענע, דאָס עלטערע מיידל. זי האָט געשריבן פּערזן, געמאָלן און צו ניינצן יאָר האָט זי שוין געהאַט אַן עקסטראַוואַגאַנטע פאַרליבעניש אין לאַטייניש קוואַרטאַל מיט אַן אינדאָכינעזישן סטודענט, האָט זיך געריסן צו ווערן אַ פילם־אַרטיסטקע. ביזן סוף 1942 איז זי פאַרבליבן איינע אַליין אין אָקופּירטן פּאַריז, אָן די עלטערן; אויסבאַהאַלטן זיך ביי אַ פראַנצויזישן אוניווערזיטעט־קאָלעגע אין אַ מאַנסאַרדע. אויף די אַלאַרמירנדיקע בריוו פון די עלטערן, האָט זי אַ שטיק צייט אינגאַנצן נישט געענטפערט. דערנאָך איז זי געקומען אַנצולויפן דורך דער דעמאַרקאַציע־ליניע, אַן אויסגעמאָגערטע, מיט אַ מאַטן, גאָלדיקן שימער אין איר שיינע, ברוינע שויבערן און מיט אַ צלמל אויפן האַלדז. אירע ערשטע ווערטער זענען געווען: „כ׳בין אַנטוישט אין לעבן, מאַמע... אַלץ האָט זיך פאַר מיר געענדיקט“... די מוטער האָט זי אָנגעקוקט עפּעס אַזאַ פרעמדע, אַ ווייטע, אַ נייגעריקע, נישט ווי אַ לייבלעכע טאָכטער. זי האָט אויך ביי איר געפונען די בלויע רעדער אונטער די אויגן. צום ערשטן מאָל איז עליס געוואָרן גאָר אַן אַנדערע נאָך דער באַפרייאונג.

די יינגערע, פאַרקערט, איז געווען אַ שטילע, אַ געהאָרכזאַמע און — אַן עקשן. זי איז שטיל נאָכגעגאַנגען דעם פאָטער, ווען אין שטוב זענען געווען די צאַנקערייען, די היסטעריעס, די געוויינען. דאָס איז זי געלאָפן קיין פּאַריז אים אויפזוכן, דעם פאָטער, ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן און איז פאַרשוואונדן פונם מאָלערישן שטעטל אין די בערג.

אויסגעפאַלן איז עס ערב ניי־יאָר. מען איז דאָ געקראָכן ביז טיף איבער די קני אין שניי. די קליינע איז פּונקט אַריינגעפאַלן צו דער פלימעניצע פּיראַ אַבראַמאָוונאַ אין דער צייט פון די מאַסן־בעלער, פון פריילעכע אויפנאַמעס. די צעהרייטע און גוטמוטיקע פלימעניצע האָט איצט צוריק פאַרנומען איר גערוימע וווינונג אויף פּאַסי, אין אַריסטאָקראַטישן פּערטל. זי איז געווען די טאָכטער פון לאַני׳ס עלטערן ברודער, אַ וואַלד־סוחר, אַ דרייער, אַ מאַכער, וואָס האָט זיך פון די הייסע רעוואָלוציע־ווינטן אָפּגעטראָגן, מיט אַ פאַרמעגן, איינגענייט אין די אונטערוועש. די טאָכטער האָט ער דאָ רייך חתונה געמאַכט מיט אַן אינזשיניער. באַלד דערנאָך האָט זי זיך מיט אים געגט, אויפסניי חתונה געהאַט מיט אַ פראַנצויז, אַ מיליטערישן דאָקטער. זי איז געווען אַ קליינע, מידע בלאָנדינקע, אַ פלאַפלעריך, אַ שטיק ברען. פונעם מאַן, וואָס איז אין 1940 אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו די דייטשן, האָט זי מער נישט געוואָלט הערן. קיין קינדער זענען אויך נישט געווען. זי האָט שוין איצט גערעדט ענגליש, געאַרבעט אין די ביוראָען ביי די אַמעריקאַנער טרופּן און אַלעמאָל האָבן די „דזשיפּס“ געוואַרט ביי דער טיר. אַ גאַנצן טאָג האָט זי געהאַלטן אין איין אַריינשרייען אין די טעלעפאָנען: אייבי... אייבי אַהער, אייבי אַהין... אייבי...

ס׳איז געווען אַ ביטערער ווינטער אין פּאַריז, ווען ניני איז אַריינגעפאַלן צו דער

פלימעניצע פירא, אַלץ איז געווען אָפּגעשטעלט; נישט קיין וואַסער, נישט קיין גאַז, נישט קיין עלעקטרע. ס'איז נישט געווען מיט וואָס צו באַהייצן די גרויסע, רחבות־דיקע דירה. האָט זי זיך פאַרקליבן אין קיכל, מיטן בעט, מיטן הינטל, מיט די טור־אַלעטן. אויף די קליידלעך און סוועטערס האָט זי אַרויפגעצויגן אַ געבלימלטן שטוב־ראָק מיט קימאָנע־אַרבל, און האָט געהאַלטן אין איין טרינקען טיי פון ירושהדיקן טולער סאַמאָוואַרל.

— וואָס איז פלוצים ?... — האָט זי אויסגעשטעלט אַ פאָר אויגן אויף דער קלייַנער, ווען זי האָט איך ווינטערדיקן באַגינען אָנגעקלאַפּט אין דער פאַראַדנער טיר — דיין מאַמעטשקע האָט זיך אַמאָל נישט פאַרליבט אין אַן אַנדערן ?... כ'וועל שווערן, אַז — יאָ...

— ניין... — האָט די קליינע אַראָפגעלאָזן דעם קאָפּ — ס'איז עליס... ער וויל נישט זי זאָל חתונה האָבן...

— וואָס הייסט ?... ער וויל זי אפשר באַהאַלטן פאַר זיך, דעם טייערן שטיק אוצר ?... ער איז אַ משוגענער, דיין פאָפּאַ...

— איר פאַרשטייט אים קיינס נישט... איך עליסן ליבט זיך דער זון פון אַ באַראָנעסע... דער טאַטע זאָגט, אַז ער איז אַ פאַשיסט, אַ פּחדן... ער וויל נישט, זאָגט ער, זיינע פאַרמעגנס און וויל נישט עליסן לאָזן פירן אין קלויסטער אַריין...

— ווי איז מיר !... צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן מאַכט מען עס אָן סקאַנדאַלן אין שטוב ?... — האָט זי נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטייך און גיך־גיך געמאָלן מיטן פיסקל — אַ משוגענער, יעי באָגו... זאָל ער זיך נאָר באַווייזן... כ'וועל אים שוין געבן די אמתע לעקציע... כ'האָב געמיינט — גאָט ווייס וואָס !... ס'גייט אים נישט אין דעם, אַז עליס זאָל זיין גליקלעך, נאָר אין עפעס נאַרישע קאַפריזן, וואָס פאַסטן גאָרנישט פאַר אַ מאָדערנעם מענטש... אַך, די מענער !... דו ווייסט נאָך נישט ווער זיי זענען... כ'קען זיי !...

טאָני מינסקער האָט אָבער געפילט, אַז נישט קיין אַנדערע, נאָר די קליינע, וועט גלייך לויפן אים אויפזוכן. דערפאַר האָט ער זיך באַוויזן אין הויז ביי דער צעדרייטער פלימעניצע פירא אַבראַמאָוונא. אויפן מבול רייד, האָט ער קורץ אָפגעהאַקט, נישט געענטפערט. ער האָט איבערגעשוידערט די נאַכט אויף דער אַטאָמאַנע אין גרויסן, קאַלטן זאַל און אַרום פינף פאַרטאָג, צום ערשטן צוג, האָט ער געוועקט דער קליינער. ס'האָט אים אַרויסגעטריבן.

דער אומעטיקער בליק פון ייִנגערן מיידל, די בריוו און די אַסטמע האָבן אים צוריקגעפירט צום שטעטל אין די בערג. ביז פרילינג איז ער אָפּגעלעגן אין בעט. עדמאָנד האָט זיך מער נישט געוויזן, נאָר לויט די שטילע גערודערן אין הויז, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס פייער איז נישט איינגעלאָשן. לאָני איז אין די טעג גוט געווען צו אים, ווי צו אַ קראַנק קינד, אָבער אין אַלע אירע נערוועזע באַוועגונגען איז געלעגן ביידזקייט און פאַרוואורף. איבער אַ ליאַדע וואָס האָט זי זיך אויפגערעגט, אָנגעבלאָזן זיך. ער האָט פאַרנומען פאַרשטיקטע געשרייען פון הינטער די טירן, אָבער פאַר אים האָט מען אַלץ אויסבאַהאַלטן.

ווען ס׳האָט זיך געשטעלט אַביסל אַ לינדער וועטער, איז ער אַראָפּ פון בעט, אָנגעלענט אין אַ שטעקן. ער האָט אויסגעמיטן די שפּיגלען, ווו ער האָט מורא געהאַט צו דערזען זיין אָפּבילד; אויסגעמיטן דאָס צימער, ווו די מאַמע מיט די מיידלעך זענען פאַרוויקלט געווען אין בחנטע שטאָפן, געפּאַסט, געניט און ווי געגרייט זיך צו עפּעס. ער האָט זיך געוואַרעמט אין דער לוילעכער זון אויף דער וועראַנדע, די אויגן־דעקלעך צוגעלענט. מיטן וויגן זיך פון די אַרומגעשטעלטע סאָסנעס, אין שטילן שוידער, וואָס איז אַדורך צווישן דיביימער, האָט זיך אים געדוכט צו פאַרנעמען אַזאַ ווייטע, אויסגייענדיקע מוזיק. ס׳איז באַנג געווען פאַר אַלץ, פאַר אַלץ. פאַר די צוגעלענטע אויגן־לעדלעך, אין גרינלעך־בלייכן ליכט, האָבן זיך געוויגט די סאָסנעס צווישן די אָטוואָצקער וועלדער און זאַמדן, אין יענעם פרילינג, וואָס וועט זיך שוין מער קיינמאָל נישט אומקערן. דאָרט זענען געווען טעג פון פאַרבענקטן זון־און־שאָטן־שפּיל. לאַני איז געווען ביי זיין זייט. אַ גליקלעכער פלאַטער איז געווען אין איר דינער מיידלשער געשטאַלט; דאָס וויברירנדיקע לעקעלע אויף איר איידל־געשניטענעם, פאַרברוינטן נאַקן, דער ראָזער, אָפּגעדעקטער אויער.

אין הויז איז וועגן גאָרנישט מער גערעדט געוואָרן; ער האָט אָבער געפילט, אַז אַלץ ווערט דאָ שטילערהייט אָפּגעטון הינטער זיינע פּלייצעס. ס׳איז איצט געווען צו אים אַן איבערגעטריבענע צוגעלאָזנקייט פון עליסן, אַן הכנעהדיק נאָכגיין; די פּלוצימדיקע זאָרג אַרויפצוואַרפן אים אַ לייכטן כוועטער אויף די אַקסלען. „מען רעכנט זיך שוין נישט מיט מיר... ווי כ׳וואָלט שוין געווען מיט איין פוס אויף יענער זייט... ווי כ׳וואָלט שוין מער נישט באַלאַנגט דאָ אַהער“... פון הינטער טירן האָט ער אָבער דערפילט ווען עליס גייט אַוועק, ווען לאַני גייט אַוועק. שפּעט ביינאַכט האָט ער געהערט זייער צוריקקומען אין הויז אַריין; ער האָט געהערט אַ באַקאַנט קול הינטערן פענצטער, געהערט זייער פאַרזיכטיק טרעטן אויף די שפּיצן פינגער אין פאַרנטיקן צימער. די שטוב איז פול געוואָרן מיט קליינע געשאַנקען, וואָס האָבן זייער געשטאַמט פון שלאָס; און אויפן האַלדז ביי עליסן, אויפן שיינעם האַלדז, ווי ביי דער מאַמען איהער אין יענע יאָרן, האָט ער אַנומלטן דערבליקט אַ קליינעם, אָריגינעלן מעדאַליאָן, אַן אויסשניט אין גאָלד, מיט עטלעכע איינגעפּאַסטע שטיינדלעך. ער האָט שוין מער נישט געפרעגט. „זיי גייען אַוועק פון מיר... ווי לאַנג איך האָב זיי אויסגעהאַלטן, בין איך גוט געווען“... בלייך, אומעטיק און דערשראָקן האָט צו אים אַמאָל אַריינגעבליקט די קליינע, בינה.

אַוועק פון הויז איז ער פאַרטאָג, מער קיינמאָל נישט אומצוקערן זיך, אַן אַ שפּור נאָך זיך.

1945

רות און נעמי

.1

אין וראָצלאַוו, אויף דער גאַס פון הייליקן פראַנציסקוס, האָט דער ייד, דער וואַלד־בראַקער שלמה הורוויץ, נאָר־וואָס צוריקגעקערט פון דער ביטערער פאַרטיזאַנקע, אין אומפאַרגעסלעכן פרילינג 1945, צוזאַמען מיט ביידע בלייכע טעכטערלעך, פאַרנומען דעם גאַנצן פראַנטאָון פליגל ביים „רעכט־אַנוואַלט" קאַרל האָפמאַיער. ער איז געווען אַ גבר און כּעסן, דער ייד. אין די ביטערע פאָר יאָר, אין די ראָזשינאַיער וועלדער, האָט ער אַפילו פאַרלוירן די יידישע צורה זיינע: ס'פּנים אויסגעשמיסן פון ווינטן און פון רעגנס, מיט רויטע אָדערלעך אין די וויסלען, אין אַ צעטאָרטער וואַטאָווער קורטקע, די הויזן טיף אַריינגעלאָזן אין די קורצע שטיוול, מיטן נאַגאַן, פאַרשטעקט אויף די לענדן, האָט ער זיך מער נישט צעשיידט — ווי אַ זאַך מאַכט זיך...

ס'קליינע מענטשל, דער אַדוואָקאַט מיט די אויפגעבלאָזענע וואָנסן, צוזאַמען מיט די צווי טאַנטעס מיט די ווייסע צעפּ, האָט ער באַלד אויפן אַנדערן טאָג דורכגעטריבן, געהייסן פאַרנעמען זיך. ער האָט זיך אַפילו מער נישט אומגעקוקט אויף זיי; אַרומגעדרייט זיך איבער די רחבותדיקע צימערן, ווי ביי זיך אין דער היים, באַטראַכט אַלץ מיט אַ קלענער געוואָרן אויג פון אַ באַלעבאָס; מיט רציחה אַראָפּגעשמיסן פון די ווענט די פאָטאָגראַפיע פון זון, דעם ס.ס.־לייטענאַנט, די געמעלן פון די דיק־פיסיקע יעגער־הינט מיט די פאַרבלוטיקטע האָזן צווישן די פיסקעס, די נימפעס מיט די ראָזע בעקלעך...

— פאַרנעמען זיך !... — האָט זיך דער ייד אָנגעגאָסן מיט בלוט — איר האָט אונדז דאָס אויך נישט געלאָזן... גזלנים פינצטערע...

ס'האָט אים קנאַפּ־וואָס געאַרט, וואָס זיי פאַרשטייען דאָרט נישט אַזוי גענוי זיין „האָך־דייטש" פון אַ ריכטיקן פינסקער דיאַלעקט... דער דייטש מיט די אויפגעבלאָזענע וואָנסן האָט פאַרגלייזט אַ וואַסערדיק אויג אונטער אַ שטרענגער ברעם, אַ כאַפּ געטון פון הענגער דאָס גרינע יעגער־קאַפעלושל מיט דער פעדער און, צוזאַמען מיט די אַלטע טאַנטעס, צום לעצטן מאָל אַרונטער די שטיגן צום עוואַקואַציע־פונקט, פון וואַנען עס זענען יעדן טאָג אָפּגעשיקט געוואָרן די פול־געפּאַקטע עשאַלאָנען קיין דייטשלאַנד.

ס'איז געווען איינס פון די זעלטענע גאַנץ־געבליבענע הייזער אין שטאָט, מיט אַ געשניצטן פאַסאַד, מיט וועראַנדעס, מיט קריכנדיקע פלאַנצן, און אַ זייטיקער,

שטילער גאַס, איך שכנות פון דער רויט־ציגלדיקער קאַרמעליטן־קירכע. די שטאָט איז נאָר־וואָס באַפרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי און דורך די טיילן פון דער פוילישער קאָשטשיושקאָ־דיוויזיע. דאָ האָבן זיך נאָך די ס.ס.־באַנדעס, די וולאַסאָווצעס, פאַרטיידיקט ביזן סאַמע לעצטן מאָמענט, ווען בערלין איז שוין געווען געפאַלן. זיי האָבן סיסטעמאַטיש אויפגעריסן הויז נאָך הויז.

די צימערן און די זאַלן, אָנגעשטעלט מיט די טייערסטע מעבל, האָבן זיך איינגיכן אָנגעפילט מיט אַ נייַ, רוישיק לעבן. דער ייִד האָט אָוונט־צייט פאַרבעטן צו זיך אַ פולע שטוב פון די לאַגער־מענטשן און פון די פריש־אָנגעפאָרענע, ס'זאָל היימלעך זיין. ביידע טעכטערלעך, רות און נעמי, אַ געראָטענער צווילינג פון אַ יאָר זיבעצן, מיט גלייך־געשניטענע האָר, בלאָנדע, מיט אַ ווייסרוסישן אומעט אין די פאַרבלוטיקטע אויגן, האָבן זיך דאָ דערפילט ווי פאַרלוירן, איך פרעמדן הויז, אין די אומהיימלעך־גרויסע זאַלן. זיי זענען געווען אַביסעלע פאַרווילדעוועט, די מיידלעך. קאַרגע דריי יאָר האָבן זיי, צוזאַמען מיט די פּאַרטיזאַנער, אַרומגעיאָגט זיך אין די וועלדער. זיי האָבן מורא געהאַט צוצורירן זיך צו די מאַסיווע, געשניצטע מעבלען אין הויז, אַפילו צו דער קיך־ווירטשאַפט מיט די משונהדיקע כלים אונטער די אויסגעגייטע פאַרהענגלעך; זיי האָבן מורא געהאַט צו שלאָפן אין די הויכע באַלדאַכין־בעטן. זיי האָבן אָוונט־צייט לאַנג געשלאָסן די טירן צום קאָרידאָר.

ביינאַכט איז געווען אַן אימה אַרויסצוגיין אין דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט. מ'האָט יעדע נאַכט געהערט שיסערייען. דאָס צוגעווינטע אויער האָט געניט אויפגעכאַפּט דעם קאַליבר פון די סעריעס פון רוסישן „מאַקסים". עס זענען נאָך אויסגעדריכערט געוואָרן די רעשטלעך פון דייטשע באַנדעס אין דער אומגעגנט, די פוילישע ב.ס.ז. פון די וועלדער. 8 אין אָוונט האָט מען שוין קיין לעבעדיקן נפש נישט אָנגעזען אויף דרויסן.

דעם גאַנצן טאָג איז דער ייִד שלמה הורוויץ ערגעץ אַרומגעלאָפן. ער האָט געאַרבעט, איז געווען פאַרפאַרעט. ער האָט געוואָלט פאַרגעסן, נישט געדענקען מער; ווייל געפרעסן האָט אים אַ טיפער אומעט, דעם ייִד. ס'לעבן, האָט ער זיך אַרומגעקוקט, גייט זיך ווייטער זיין גאַנג; און אַליין איז מען ערשט איך די עטלעכע און פערציקער; ענערגיע איז געווען איבערגענוג. די מיידלעך וואַקסן באַלד אונטער און וועלן מסתמא, איידער מען קוקט זיך אַרום, אויסגעכאַפּט ווערן, חתונה האָבן; ווייל נאָך די שחיטות, זענען ווייבער פאַרבליבן ווייניקער ווי מאַנסלייט. די פריש־געקומענע און די פון די לאַגערן, דרייען זיך אין הויז, זיצן אַפּ גאַנצע אָוונטן, ווערטלען זיך, זינגען. אַן עולם, אַ פריילעכער. ס'איז ממש אַ וווּנדער געווען צוצוזען, ווי אַזוי די דאַרע ביינער האָבן זיך צוריק באַדעקט מיט פלייש, ווי אין זייערע פנימער שלאָגן געזונטע פאַרבן. זיי האָבן איצט אַלע געוווינט אין די שענסטע דירות, אין די ווילעס, פון וואַנען די דייטשן זענען אַרויסגעשמיסן געוואָרן; געפאָרן אין מאַשינעס, געמאַכט פלענער ווי אַזוי איינצואָרדענען דאָ דעם ישוב, געלאָפן קיין לובלין, דערנאָך קיין וואַרשע, צום צענטראַל־קאָמיטעט פון ייִדן אין פוילן. פון דאָרט

זענען געקומען קאָמיסיעס, אָנווייזונגען, געלט, צו באַזעצן יידן אויף געזונטע יסו־דות.

די וועלט האָט אויסגעזען ווי אָנצוהייבן פון דאָס ניי, פון בראשית. און דער ייד האָט זיך, פאַרקערט, דערפילט פאַרלוירן; און אַזוי ווי אין קאָמיטעט אַריין האָבן זיך יעדן טאָג געמאָלדן יידישע ווייבלעך, וואָס זענען ערגעצוו על פי נס לעבן־געבליבן, האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט איינס אַזאַ ווייבל, מיטן נאָמען פעסל, און זיי האָבן גאָר גיך באַשלאָסן, אַז אינצווייען וועט אַוודאי זיין מער היימלעכער צו וווינען.

דאָס ווייבל איז געווען מער־ווייניק אין זיין עלטער. זי האָט שוין איצט צוריק גע־טראָגן אַ שוואַרצע, אויפגעטורעמטע פריזור; ווייל אין די ביטערע יאָרן האָט זי זיך געפאַרבט אויף בלאָנד און אויף איר שייגעם האַלדז איז געהאָנגען אַ צלמל. דערצו איז זי נאָך געווען אַ רעדערקע און אַ ספּריטנע, דאָס ווייבל פעסל. ס׳האָט געברענט אונטער אירע הענט. זי האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן מיט די רח־בותדיקע „פּאָקאָיעס“, מיט די טייערע מעבלען אין הויז. באַלד אויף צומאָרגנס האָט זי פאַרקאַשערט די אַרבל און, צוזאַמען מיט די מיידלעך, גענומען זיך מאַכן אַביסל אָרדענונג, אַרומרוימען די אָפּגעלאָזענע צימערן.

אין די טעג איז שלמה הורוויץ אַרומגעגאַנגען אַ צופרידענער און געבורטשעט אין די וואָנסן אַריין.

— וואָלסט, נישקשה, געמעגט אַראָפּנעמען דיינע צווי וואָנסאַליעס, שלמהלע...

— האָט אים דאָס ווייבל לאַכנדיק געפּעטשלט — דיין פּנים שטעכט, ווי אַ ריבאייזן...

אַזוי צערטלעך, כאָטש נישט זייער איידל, האָט מען שוין לאַנג נישט גערעדט צו אים. האָט ער, אַביסל פאַרשעמט, זי געפאָלגט, גענומען מער צוזען זיין הילוך, אַרומ־געגאָלט זיך אָפטער, איינגעשאַפן זיך אַ שטיקל לייטישערן בגד.

אין גרויסן זאַל מיטן קאַמין, מיט דער פּיאַנע, מיט די פּליושענע סאָפעס, איז כמעט יעדן אָוונט געווען פריילעך. דאָס ווייבל פעסל האָט זיך דאָרט, אַ פאַרפלאַמ־טע, אַרומגעפאָרעט, געזעסן ביים טיש, אַרומגעפּיסקעוועט מיט איר קעלצער לשון, געטרונקען צוגלייך מיט די מאַנספּאַרשוינען, נישט פאַרקרעקט זיך אַפילו, געוויגט מיט די שווערע אויערינגען, אין מעסער־גלאַנץ פון די אויפגעלויכטענע אויגן. זי איז פאַר דער קורצער צייט נאָך פולער געוואָרן, שענער געוואָרן און דעם ייד שלמה הורוויץ איז אַפילו אַביסל נישט אָנגענעם געווען פאַר די אונטערגעוואַקסענע מיידלעך. דער עולם אַרום טיש איז געווען אַ צופעליקער, אַ פאַרבייפאָרנדיקער; מ׳האָט זיך געהאַלטן אין איין שושקען אין די ווינקעלעך. דאָס ווייבל האָט זיי אַלע־מען דאָ ברייט אויפגענומען, געווען מיט אַלעמען אויף „דו“. די מערסטע יונגעלייט זענען געגאַנגען אין אויסגעפּאַסטע, אָפּיצערסקע שטיוול און געהאַט פולע קעשענעס מיט וואַלוטע.

ס׳איז געווען די צייט, ווען מ׳האָט געפירט פּאַרטיעס יידן איבער דער גרענעץ, ווען מ׳איז געלאָפן אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד — פונם שוידער, פון דער מורא, וואָס די נ.ס.ז.־באַנדיטן האָבן אָנגעוואָרפן אויפן לאַנד. „די ייִנגלעך פון וואַלד“, די נ.ס.ז. האָבן אָפּגעשטעלט צוגן, געקוילעט יידן, רויט־אַרמייער און לאָיאַלע פּאָליאַקן.

די פלינקע, צעקאָכטע יונגעלייט האָבן אין הויז ביי שלמה הורוויץ געהאַט גאַנצע געטועכצער, ווי אַזוי בעסער צו פאַרשטעקן די פאַרמעגנס, ווי אַזוי איבערצוכיטרע־וועו די גרענעץ־וואַך. זיי פלעגן פאַרשווינדן אויף אַ טאָג, אויף צוויי, פירן הויך־אָנגעלאָדענע מאַשינעס מיט מעבלוואַרג, מיט טעפּיכער, מיט טייערע קרישטאָלן, מיט פיאַנעס, אין די צענטראַלע געביטן, און נאָכדעם פאַרפאָרן צום הויז מיט פרעמדע יידן, מיט ווייבער און קינדער און מיט פּעק בעטגעוואַנד. זיי האָבן אָנגע־ברענגט אין שטוב אַריין פון כליער גוטס און האָבן זיך שוין גאָר אויפן באַלעבאָס נישט אומגעקוקט, ווי אין אַ אכסניה.

דעם ייד האָט די גאַנצע גראַטשקע אין הויז ביי אים נישט אָנגעהויבן צו געפעלן. נאָר וואָס קען מען זאָגן יידן, וואָס אַנטלויפן פון אַ סכנה? די מיידלעך האָט ער פונדעסטוועגן אָוונט־צייט געטריבן צו זיך אין צימער, און אַליין האָט ער אַ האַלבע נאַכט געוואָרפן זיך אויפן פרעמדן הימל־בעט און ס׳איז צו אים קיין שלאָף נישט געקומען. ער האָט נישט געקענט צו־טון קיין אויג, כאָטש ער איז געווען מיד פון אַנלויפן זיך דעם גאַנצן טאָג איינצושאַפן מאַשינען פאַרן שניידער־קאָאָפּעראַטיוו, וואָס האָט זיך דעמאָלט געגרינדעט. פאַרשיידענע רעיונות האָבן אים געמאַטערט. ער וואָלט ביי זיך פאַך אויך גאַנץ שיין געקענט געפינען אַרבעט, מ׳האָט זיך געבעטן, מ׳האָט געפאָדערט ספּעציאַליסטן צו וואַלד־אַרבעט. נאָר ער האָט בעסער געוואָלט זיין צווישן יידן.

ער האָט מער נישט געהערט, ווען דאָס ווייבל האָט זיך געלייגט אין בעט אַריין. דער העלד, וואָס האָט קאַלטבלוטיק אַראָפּגעלאָזן צוגן פון די רעלסן, אַוועקגעלאָזן מיטן רויטן האָן פייַנטלעכע דערפער און אויסגעלייגט דייטשן, האָט דאָ פּלוצים עפּעס מהרא באַקומען פאַרן ווייבל פּעסל און פאַר די שיינע פרייַנד אירע. פּונקט ווי זי איז אים די ערשטע צייט נאָנט געוואָרן, אַזוי האָט ער מיטאַמאָל דערפילט צו איר אַ גרויסע פרעמדקייט. אויך זענען אים די לאַגער־רייד זייערע נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין זיך אויף די „האַרטע" און „ווייַ־כע", אויף די „חזירימלעך"... די מיידלעך זיינע האָבן גאַרנישט גערעדט, נאָר איך זייערע פאַרלוירענע בליקן האָט ער זייטיק דערכאַפּט אַ פאַרשעמטקייט און — ווי די הרייען זיך אָפּ אָנצוקוקן אים גלייך אין די אויגן אַריין.

— זאָלסטו מיר געזונט זיין... — האָט ער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין — דאָס סודען זיך איך די ווינקעלעך... גאָלד... גאָלד... ס׳איז איך וויניק געווען אייַנצוזען וואָס פאַרא ווערט דאָס גאָלד האָט...

— ביסט אַ שלימזל, אַ בטלן !... — האָט זי זיך געהאַלטן ביי די זייטן, ס׳ווייבל, וויגנדיק מיט די שווערע אויערינגען, אין מעסער־גלאַנץ פון די אויפגעלויכטענע אויגן, אָפּן, פאַרן גאַנצן עולם אַרום טיש — אַבי כ׳האָב געמיינט, שלמהלע, אַז ביסט אַן אויסטויגער... ווען איך וויים עס פריער... צען פאַר אייגעם האָבן זיך געריסן איבער מיר... ווי די הינט האָב איך זיי געטריבן...

אַזעלכע רייד ! ס׳איז אים אַ חרפה געווען פאַר די אומגעקומענע, פאַר זיינע איי־

גענגע מיידלעך, פֿאַר דער פֿולער שטוב פּרצמדע יידן. ס׳איז אים ביטער געווען, דעם ייד. ער האָט באַטראַכט, אַז ס׳איז שוין באַלד אפשר גלייכער צו נעמען דאָס פּעקל און לויפֿן צוזאַמען מיט די אַלע יידן, אַוועק פֿון דאַנען, אָפּהאַקן וואָס פֿריער. אָבער וווהין לויפֿן? ער האָט געוווסט וואָס די פּרצמד איז — די צופּעליקע בעטן, די צוזאָגענישן פֿון די יונגעלייט, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום. ער האָט זיך פֿונדעסטוועגן צוגעהערט מיט קאָפּ צו די הייסע געהעדעריקען פֿון די איבערגעשראָקענע יידן:

— איי, אַן אייגן ווינקעלע!... — האָט דאָרט איינער, אין אַ לאַנגער בעקעשע, געזיפֿצט — אַז איך וויל זיי מער קיינס נישט קענען... אָט־דאָ ליגן זיי מיר...

— און איר מיינט, ר׳ ייד — האָט שלמה הורוויץ געטענהט — אַז ערגעץ אַנדערש זענט איר זיי שוין פּטור? אומעטום וועט איר זיך דאַרפֿן שלאָגן פֿאַר אַן אייגן שטיקל היים...

אדרבא, ארץ ישראל איז אים געפֿעלן. די מיידלעך האָט עס אַוודאי געצויגן צו פֿאָרן זען אַ וועלט. מילא, אַז זיי וועלן דווקא וועלן. דאָס איז אָבער גוט פֿאַר יונגוואַרג. איבער דריי יאָר האָט ער פֿאַרטיידיקט דאָס נאַקעטע לעבן אין די וועלדער. ער האָט זיי ליב געהאַט, די וועלדער. ער האָט געפֿילט, ווי דער זאַפֿט רינט אונטער דער קאָרע, ער האָט פֿאַרנומען די האַרבע סמאָלע־ריחות. אויב לויפֿן, האָט ער געהאַט אַ פֿאַרלאַנג, איז אַהין, אין זיינע קאַנטן, ווו ער קען יעדן שטעג. אָבער צוריק אַהין — איז אויך נאַריש. צו וועמען? ס׳וועט אַרויסטרייבן.

און כאָטש דער יונגערמאַן מיט די אויסגעגלאַנצטע שטיוול איז דאָרט אָפּגעלעגן טאָג און נאַכט, געוואָרפֿן זיך מיט טויזנטערס, געהאַלטן זיך אין איין סוד׳ען אין די זייטיקע צימערן מיטן ווייבל, און זי האָט געלאַכט, איז גראָב געוואָרן פֿון בלויזן לאַכן, האָט זי דעם מאַן נאָך אַלץ גערופֿן „שלמהלע”, געלאָפֿן אים דערלאַנגען טיי, אַוועקגעשטעלט פֿאַר אים דאָס איבערגעשטאַנענע עסן, ווען ער איז שפּעט צוריקגעקומען פֿון גאַס, און האָט איידל אונטערגעבייזערט זיך אויף די מיידלעך, פֿאַר וואָס זיי גיבן נישט אַביסל מער אַכטונג אויפֿן טאַטן. דעם ייד האָט געפֿרעסן אַ בייזער וואָרעם, איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער, נאָר אויסצושיסן; כאָטש ס׳איז גאָרנישט געווען אין זיין טבע נישט אַ שריי צו טון אַמאָל. דער יונג אין די אויסגעגלאַנצטע שטיוול איז איצט אָפּט זיצן־געבליבן ביז שפּעט, צווישן אַ חברה, געשפּילט אין קאָרטן, געשפּילט מיט די שווערע רינגען אויף זיינע פֿינגער.

„טפֿו זאָל עסן ווערן!”... — האָט זיך דער ייד לסוף אויפֿגעריסן פֿון טיש, אַ שפּיי געטון און געקלאַפּט נאָך זיך מיט אַלע טירן.

נאָך דעם זעלבן אָוונט איז ער אַוועק שלאָפֿן אין אַן זייטיק צימער, איבערגעלאָזן איר דאָרט מיטן הימל־בעט אין דער אויסגעפּוצטער שלאָף־שטוב. דאָס ווייבל פּעסל האָט עס אויפֿגענומען ווי קיינמאָל גאָרנישט, מיט אַ לאַכעלע.

— שוין?!... — האָט זי געוויגט מיט די שווערע אויערינגען — האָסט מיך שוין מער נישט ליב, שלמהלע?...

ס׳איז איר אַפֿילו גאָרנישט איינגעפֿאַלן אַרויסצוציען זיך פֿונם הויז. עס זענען נאָך דאָרט געשטאַנען גענוג פֿאַרקלאַפּטע, ליידיקע צימערן. פֿון איצט אָן זענען אירע

געכט געקומען דורכן הינטערשטן אַרײַנגאַנג. דער יונג איז איצט געוואָרן גאָר אַן אָפּטער אײַנגײער בײַ איר דאָרט. מ'האָט אַפילו דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געוועזן אַ גאַנצער מאַכער אין די לאַגערן, אַז ער האָט מיטגעבראַכט אַ סך גאָלד. ער האָט איר אָנגעבראַכט פון כל־ער גוטס. ביזן האַלב טאָג האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין די צעפלויגענע פּיזשאַמעס, געדרייט זיך אין דער קיך, אַרום די בראָט־אויוונס, געקאָכט, געבאַקן, געפליקט פעדערן פון הינער און גענדז, געהאַט כסדר פאַרנאַשטע ליפּעלעך.

— צ'זענט נישט קאָן לאַאַט... — האָט זי געבראָקט איר קעלצער יידיש, מוסרבדיק די מיידלעך — בײַ מיר וואָלט ענקאָ פּוטאָ נישט געגעסן אין דער ביליקער קעך, בײַ די קאָמיטעט־פאַרזאָרגערס !...

די שעמעוודיקע מיידלעך האָבן זיך אָוועקגעדרייט, נישט געענטפערט, דורכגעשאַרט זיך דעם קאָרידאָר מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ; אויסגעמיטן אַפילו די בליקן פון אַלע זײַטיקע. דעם ייד, שלמה הורוויץ, האָט עס איבערוויניק געקאָכט. ער איז, נאָך אַלעמען, געווען אַן איידעלע נשמה. ווען ער שרייט זיך אויס, וואָלט אים אַוודאי לײַכטער געוואָרן. ער איז פאַר דער קורצער צייט געוואָרן צוריק אָפּגעלאָזן. די האָר האָבן זיך געזילבערט און די ווילדע וואָנסן, וואָס ער האָט זיי געטראָגן אין וואַלד, האָבן צוריק פאַרדעקט זײַן געקאָרבט פּנים. אַ נעץ קנייטשעלעך איז אים געשטאַנען אַרום די אויגן. ס'איז געווען פון צער. ער איז אַוועק באַגיבען און אומגעקערט זיך שפּעט אין אָוונט. אַזוינס זאָל אים פּאַסירן, נאָכן וואַלד, נאָך די אַלע ביטערע יאָרן, האָט ער זיך נישט פאָרגעשטעלט. ס'האָט זיך אים געמומען דוכטן, אַז נאָר דער ערב־רב איז לעבן־געבליבן; און אויף וועמענס חשבון ?

פון אירע צימערן דאָרט האָט זיך איצט געטראָגן מיט פריילעכן טומל; מ'איז געגאַנגען אַריין און אַרויס. דער ייד האָט פּשוט מורא באַקומען פאַר זײַנע אייגענע מיידלעך, פאַר זייערע באַקאַנטשאַפט; און אַפילו די שטילע יונגעלייט, וואָס זענען אין אָוונט געזעסן בײַ אים, האָט ער איידל געגעבן אָנצוהערן, זיי זאָלן מער נישט אַרויפקומען.

דווקא זײַנע פיינע יונגעלייט. איינער פון זיי, מהניע, אין דער מיליטערישער רובאַשקע, איז דאָ נישט לאַנג דעמאָביליזירט געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי און האָט געטראָגן אַ פולע ברוסט מעדאַלן. ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער וואַקסט אַרויס פון דער רובאַשקע, צעשפּאַרט זי. ער האָט פאַרנאַכט־צייט אָפּגעוואַרט נעמיין אויף די ברייטע טרעפּ און איז צוגעפאַלן צו איר :

— ס'אַרט דיר, נעמי... איכל שוין רעדן מיטן טאַטן...

— רעד !... — האָט זי געמאַכט, כמעט ברוגזלעך, און דערבײַ נישט אויפגעהערט צו לאַכן — וועד לאָזט דיר נישט...

דער אַנדערער, הערצקע, אין די גאַליפע־הויזן, האָט אומגעדולדיק געוואַרט פאַר דער טיר, אין דרויסן, שפּאַנענדיק הין און צוריק אויפן טראָטואַר. ער האָט אָבער געוווסט, אַז רות'ן ציט עס אויך צו מוניען און דערפאַר איז זי אײַנגאַנצן נישט אַראָפּגעקומען...

זיי האָבן זיך געקליבן אויף ערד־אַרבעט, די יונגעלייט, דאָ אין דער נאָענט ערגעץ, און זיי האָבן זייער געוואָלט, אַז די מיידלעך זאָלן מיט זיי מיטפאָרן. צוזאַמען וועט זיך הימלעכער, און בכלל... ס'איז געווען זייער חלום נאָך פון האַטנפאַרבאַנד, אין קאָלכאָז, צו האָבן אַן אייגן שטיקל ערד און באַאַרבעטן עס מיט אייגענער מי.

אויפגעריסן, ווי אַ בלאָטער, האָט דעם גאַנצן פּלאָנטער די אומגעריכטע מעשה מיטן גאָלד. דאָס ווייבל איז נאָך געוואָר געוואָרן דערפון אַ סך פריער. סיי־ווי האָבן זיי זיך שוין געגרייט אַ ליאַדע טאָג אַריבערצופּעקלען „אויף יענער זייט", אין די לאַגערן פון דייטשלאַנד. איז געקומען עפּעס אַן אַלטער פּאָליאַק און דערציילט, אַז ערב זייער מפּלה האָט דער אַדוואָקאַט געזאָלט פאַרשטעקן דאָ ערגעץ אַ סך גאָלד, וואָס זיין זון, דער ס.ס.־מאַן, האָט מיטגעבראַכט פון „אָסטן". געזאָגט האָט ער פּונקט פאַלן אויפן ווייבל פעסל. עטלעכע טעג איז שטיל געווען. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געיאַוועט. זי האָט אים דאָרט אַריינגעכאַפּט צו זיך, אים לאַנג אָפּגעהאַלטן און מ'איז, זעט אויס, נישט דורכגעקומען. דער יונג אין די אָפּיצערסקע שטיוול האָט זיך אָפּטער גענומען דרייען בייטאָג אין הויז; מ'האָט געהערט ווי ער רייסט דאָרט אויף די פּאָדלאָגעס, די טירן, די ווענט, ווי מען נישטערט. מ'האָט געהערט אַ קריגעריי, עס זענען געפאַלן בענקלעך, ס'ווייבל האָט געקוויטשעט.

דערנאָך האָט זיך דאָס ווייבל אויף די שפּיצן פינגער גענומען דריקן אין קאָרידאָר, רעדן שמייכלענדיקע רייד צו די מיידלעך, צושטויק:

— איך אויף ענקער אָרט... — האָט זי געפּאַטשט מיט די פאַרנאַשטע ליפּן — וואָלט גליקלעך געוואָרן... צ'זענט נאַרישע מוידן...

די מיידלעך האָבן דאָ גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, האָבן זיך מיט פּלאָטער אָפּגעדרייט. זיי האָבן נאָר באַמערקט פון דער זייט, ווי זי באַלעקט זיך די ליפּן, נישטערט מיטן בליק אין אַלע ווינקעלעך. דאָס ווייבל איז געווען מער ווי זיכער, אַז דאָס גאָלד ליגט ערגעץ פאַרשטעקט ביי זיי דאָרט אין די צימערן, מען דאַרף עס נאָר אַ גוטן זוך־טון. אַז די מיידלעך האָבן זיך אָפּגעדרייט, איז זי זיי נאָכגעלאָפן פון איך טיר אין דער אַנדערער. אַ גאַנצן טאָג האָט זי אַריינגערעדט אין זיי. זי האָט שוין מער גאָרנישט געפרעגט, אַרומגעדרייט זיך מיט אויסגעשרויפטע אויגן, געזוכט, געגנישטערט, געפּרווט דעם אָפּקלאַנג פון די פּאָדלאָגע־ברעטער, איינגעהערט זיך צום סקריפּ פון די טירן און איז שטיינגעבליבן אויף דער שוועל מיט אויסגעלופּעטע אויגן, ווי אַ משוגענע. זיי האָבן נאָר געציטערט, די מיידלעך, אַז דער יונג אין די אָפּיצערסקע שטיוול זאָל אַמאָל נישט אָנקומען. אין זיינע האַמעטענע באַוועגונגען, אין זיין בליק, איז געווען עפּעס שלעכטס. ער האָט געפּיפן פון צווישן זיינע דיקע ליפּן און אַלעמאָל אָנגעקוקט זיי דורכדרינגלעך.

ס'איז געווען צווישן טאָג און נאַכט; און וואָלט כאָטש געווען אָנגעקומען עמיצער. די מיידלעך האָבן געוואָלט אַ פאַרקלאַפּ־טון די טיר און אַרונטערלויפן די שטיגן.

דער ווינטערדיקער פאַרנאַכט איז אומגעריכט צוגעפאַלן. זוכנדיק דאָרט אויפצודרייען דאָס ליכט, האָט זיך דאָס ווייבל פאַרפּלאָנטערט אין די שווערע פאָרטיערן און איז אַרויסגעפאַלן אויפן דיוואַן. זי האָט דאָרט הויך געהעשעט און די מיידלעך־

האָבן גאָר מורא געהאַט צוצוגיין. צו די הויכע פענצטער האָט געקלעפּט אַ ווינטערדיקער נעפּל, עס האָבן זיך געזען אײַנציקע, צעשמירטע פײַערלעך איבער דער אויסגעלאָשענער שטאָט אין חורבות. זיי האָבן אַ לויף געטון צו דער טיר. דאָס ווײַבל האָט זיך אויפגעריסן און גענומען נאָך זיי היפּערן, ווי אַן אונטערגעשאָסענע קראָ. זיי האָבן נאָך דערהערט אַ שווער פאַלן, אַ דינעם, לאַנגן קוויטש, ווען זיי זענען, אין איין אָטעם, אַרונטערגעלאָפן די ברייטע טרעפּ צום דרויסן.

.2

לאַנג איז דער ייִד מיט די טעכטערלעך סײַ־ווי מער נישט פאַרבליבן אין דעם הויז. ס׳איז געווען אַ ווינסטע בהלה. יידן האָבן אין די נעכט געצויגן צו דער גרענעץ. אײַנגעפאַלן־עוועטע דירות, געשעפטן, וואַרשטאַטן זענען ווידער שטיינגעבליבן אויף הפקר. נאָכן טומל דאָרט, נאָך זייער פאַרשווינדן, האָט שוין איצט מער קיינער אין די צימערן נישט אַרײַנגעשמעקט, ווי מען וואָלט פון דאָרט אַראָפּגעטראָגן אַ מת. „טפו זאָל עס ווערן !... — איז דער ייִד אַרומגעגאַנגען און געבורטשעט אין די וואָנסן אַרײַן — אַ פאַרשאָלטן הויז !״... ס׳האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז דאָ איז נאָך אַלץ מער פאַרפלאָנטערט, ווי אין די וועלדער. דאָרט איז אַלץ געווען פּשוט : מען לויערט אויפן שונא, מען באַפאַלט אים אין אַן אומגעריכטער מינוט. רות האָט געשריגן : „לאָמיר גיין נאָך ארץ״... און די דינערע, נעמי, האָט געוואָלט אַהין, צו דער פערמע, וווּ מוניע, אין דער רויט־ארמייאישער רובאַשקע, באַאַרבעט די ערד.

ווײַל כאָטש זי האָט אים געטריבן פון זיך, האָט עס איר נאָך פונדעסטוועגן געצויגן צו יענער אויסגעשטערנטער נאַכט, אינם בריטשקעלע; צום ווילדן קוש, פאַר וועלכן זי האָט אים באַצאָלט מיט אַ פּאַטש... ס׳איז געווען אַן אויסגעשטערנטע נאַכט אין אַ ניי, פרעמד, אומבאַקאַנט לאַנד, וווּהין די מיידלעך זענען פאַרבעטן געוואָרן. געמויערטע ריינינקע דײַטשע דערפער, און די ערד אין די טיפענישן איז פול מיט אוצרות. יידן אַרבעטן, גייען נישט מיטן אײַנגעבויגענעם רוקן, ווי דאָרט, ווי אַמאָל, קוקן דעם שכן, דעם פויער, גלײַך אין די אויגן אַרײַן.

„כ׳וועל צעריסן !״... — האָט שלמה הורוויץ געבורטשעט; און אַלע פאָר טעג זענען די יונגעלייט געקומען און צוגעשטאַנען :

— קומט צו אונדז, ר׳ שלמה... אַ שטוב — ווי אַ פּאַלאַץ ! קוילן און האָלץ אַ פולינקע שטאַל. פרישע מילך פון דער קו־אַוועק... ס׳איז פריילעך... מען פאָרט אין „סאַנקעס״... מיר גרייטן זיך צום פריילינג־פאַרזיי...

ס׳איז געווען אַ גרויער פרימאָרגן, אין שפּעטן מערץ, ווען דער ייד מיט די טעכטערלעך האָט פאַרלאָזן די שטאָט. ביז נאָכן האַלבן טאָג האָבן זיי זיך אָפּגעשאָקלט אין אָנגעוויכצרטן וואַגאָן. צוויי יונגע רעקרוטן, נישט אויסגעשלאָפענע, האָבן גע־

געסן שוואַרצע קישקע, געזופּט פון זעלבן פלעשל און ביי יעדן שלוק, אַ מעסט געטון מיט אַ פאַרקוועטשט אויג : „אַ, יעזו !”... פּויערימלעך האָבן געשאָלטן דאָס וועטער און געהוידעט וועגן פרייז פון זריעה. די באָבע ביים פענצטער איז געזעסן און פרום געשאָקלט זיך איבערן סידורל...

ביידע מיידלעך, פאַרוויקלט אין טיכער, און דעם קלענער־געוואָרענעם ייד, אין דער צעאָדערטער וועסט, האָבן די פלינקע יונגעלייט, מוניע און הערצקע, שוין אָפּגעוואָרט מיטן ברויטשקעלע פאַרן קליינעם וואָקזאַל. דאָס יונגע רייט־פערד, וואָס זיי האָבן איינגעהאַנדלט פאַר אַ שיבוש ביי די עוואַקואירטע דייטשן, איז נישט איינגעשטאַנען אויף איין אָרט, אויסגעקלאַפּט פונקען פון די שטיינער, איז געפלויגן אַקעגן נאַכט צווישן דער שורה באַקעטע ליפּעס. ס'האָט געגאָסן אַ דינער מערץ־רעגן. אַ ווינט האָט ביי די מיידלעך געריסן די טיכלעך פון די קעפּ. דאָס יונגוואַרג אויף דער קעלניע האָט נישט אויפגעהערט הילכיק צו לאַכן :

— מיר האָבן געמיינט, ר' שלמה, אַז איר וועט שוין נישט קומען... כ'ווייס... אלצאייִנס מאַכן אַזאַ „יאַזדע”, איז שוין אַביסל ווייטער... „אויף יענער זייט”... יידן ציט עס, זיי האָבן נאָך ווייניק האָניג געלעקט...

— זאָלן זיי לויפן... — האָט דער ייד טויב געשריגן אין ווינט אַריין — מיך ציט עס נישט דערוויייל... אַכיבאַ...

ס'זענען אים געפעלן די פּראָסטע, איינפאַכע רייד זייערע, די ווילדע ענערגיע, וואָס שפּראָצט אין די געזונטע בחורים. מיט אַזעלכע... — האָט ער זיך דערמאָנט די ייִנגלעך אין די וועלדער — איז גוט געווען אַוועקצולאָזן זיך אויף אַן אַקציע... דאָס מאַכט נישט אין די הויזן... ס'איז גוט — האָט ער באַקלערט — ס'איז אפשר בעסער, וואָס ס'האָט זיך אַזוי געמאַכט — ערד... וועלדער... ס'שמעקט עפּעס מיט היים... און אַזעלכע יונגעלייט קען מען די מיידלעך אויך אָנגעטרויען... נאָר עפּעס וואַרפן זיי זיך — דער געפעלט זיי נישט, יענער געפעלט זיי נישט... יונגע קאַפּריזן...

און ער האָט ראַפּטום אַ נעם געטון ביי איינעם פון זיי דאָס בייטשל פון דער האַנט אַרויס. ביים פאַרדריי צום בריקל האָט דער אָנפאַרנדיקער וואָגן שיער נישט צעטומלט דאָס יונגע רייט־פערד. די פייערן האָבן עס אַ שפּריץ געטון אין די אויגן. דאָס פערדל האָט פאַרריסן די פאָדערשטע פיס. נאָך גוט, וואָס דער שאָפער האָט באַצייטנס פאַרהאַלטן די מאַשין. ער האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער שאָפערקע און געגוואַלדעוועט :

— וואָסי ?... מען זעט שויך הייַנט נישט ווו מען פאָרט ?...

— כ'זאָל אַזוי לעבן, ווי ס'איז בערמאַן !... ער פאָרט נאָך די יאַלעשקעס קיין ווילטשע !...

— פירסט זיי, די אורחים ?... — האָט דער שאָפער, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געביידערט, היימיש געטריבן קאַטאָוועס — געמעגט מיטנעמען אַ זון־שירעם ! ס'גיסט...

פון דער פינצטער האָט זיך אַרויסגעשניטן דאָס טהרעמל פון שלאָס. די הינט זענען אָנגעלאָפן אַנטקעגן מיט אַ פאַרשטיקטער בילעריי. די נאַכט־וואַך, מיטן אויטאָמאַט, פאַר זיך, איז געגאַנגען אויפשפּאַרן דעם אײַנפאָר־טויער.

דערנאָך איז מען געזעסן אין דער בידעריקער פויערישער שטוב מיט די סקריפענדיקע קאַמאָדן, מיטן אַלטמאָדישן וואַנט־זייגער, ווו אַ פויגל איז אַלע פערטל שעה אַרויסגעשפּרונגען און צעקרייעט זיך ווי אַ האָן. איבערן ברייטן טיש איז אַרונטערגעהאָנגען אַ הענג־לאָמפּ. דער געבלימלטער סערוויס איז געווען באַשטעלט מיט ריינינקע טעלער, מיטן שטעמפּל פון דער פירמע „גראַודענץ" אין ברעסלאַו. די יונגע באַלעבאָסטע, אַ וואַרשעווער ווייבל, האָט דערלאַנגט צום טיש פאַרעדיקע קרעפּלעך פון קאָרענעם מעל, אָנגעפילט מיט קעז, אַוועקגעשטעלט אַ גרויסע קרוג מילך און האָט דערציילט וועגן די בהמות, וואָס מעלקן זיך דערווייל שוואַך.

— מיט דער ערשטער זון וועט מען זיי אַרויסטרייבן אויף פּאַשע... דאָס שטייט דעם גאַנצן מעת־לעת און מאַלעגיירעט, קען עס צפּעס רעכטס זיק ?... פאַרזוכט פונדעסטוועגן מיינע קעז־קרעפּלעך... זיי האָבן טעם גן־עדן...

זיי זענען געזעסן אין דער אָנגעהיצטער שטוב ביים אַגראָנאָם שאַיע. ער האָט געהאַט אַ ווילדע טשופּרינע און אַ קרום וואָנסעלע אונטערן פאַרדרייטן דאַשיק. „איי, ווען מיר האָבן כאָטש אַזאַ־אָ שטיקעלע ערד אין עמק"... — האָט ער געזיפצט און דערביי געשאָלטן אַלע קאָמיטעטן, בישט געהאַט קיין ברעקל צוטרוי ווהין עס קומען דאָרט אַהין די קהלשע געלטער.

— פערד האָבן זיי אונדז אײַנגעהאַנדלט ביי די אָנגעפאָרענע פּאָליאַקן ! כ'וויס גאָרנישט ווי אַזוי כ'וועל אַרויספאָרן מיט זיי אַקערן, אַז ביי אַ ליאַדע „יאַזדע", ווערן זיי מיר נאַס און כ'מוז אַרויפוואַרפן דעם פּאַלטן, אַנישט באַקומען זיי ס'קדחת... שטייען און פרעסן ! ס'ביסל מיסט אַרויסצופירן, איז מיר אַ רחמנות אויף די חיות. וויפל מאָל מ'האָט זיי געבעטן אַ טראַקטאָר ! היינטער קוביבישעוו, אין קאָלכאָז, האָבן זיי באַדאַרפט קומען ! מיטן פאָרזיצער פון מיין קאָלכאָז, מיט האַווריליוקן, האָבן זיי באַדאַרפט האָבן צו טון ! ער וואָלט זיי שוין אָנגעריבן אַ מאָרדע !...

— כ'קען זיי דאָרט — האָט שלמה הורוויץ געוועדט שווער, געזאַגט, אין די וואָנסן אַריין — גלויבט מיר, זיי האָבן דאָרט אויך גענוג קאָפּ־פאַרדרייעניש... איר מיינט, אַז מען קען אַזוי אַלעמען נאָכקומען ?...

די בידעריקע, אָנגעהייצטע שטוב האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעפילט מיטן פויערישן צולם. מ'איז אַריינגעקומען, געכאַפּט אַ וואַרעם טוך די הענט אין ווינקל, ביים צעגליטן אויוון, היימיש באַגריסט זיך מיט די פריש־אָנגעפאָרענע געסט.

— אייך, דוכט זיך, קען איך פון טאַשקענט... — האָט זיך צו שלמה הורוויץ א ווענד געטון אַ בידעריקער, פעסטער יונגערמאַן, אין אַן אויסגעריבענעם פרענטש — איר האָט נישט אַמאָל געאַרבעט ביי די צושנײַדער, אויפן „פּאַרטנאַי זאַוואָד" ?

— און ער האָט קורץ אַ־ויסגעלאַכט — איי, וואָס ס'האָט זיך דאָרט דערנאָך אָפּגעטון אויפן „טאָלטשאָק"... פרעגט נישט !...

ער האָט פאַרשטעקט די הענט אין ביידע טאַשן פון די גאַליפעיהויזן, געשטאַנען

אינמיטן שבת, זיצט ער געכאַפּט אַ קוקער טשיקאַווע בליק צו די צעראַטלטע מיידלעך אַרום טיש. נאָר אַרום די מיידלעך זענען שוין אַרומגעשפּרונגען ביידע, מוניע און הערצקע. דאָס אַביסל שעמעוודיקע בחורל מוניע האָט נישט געוווסט וואָס פריער צו טון פאַר די ליבע געסט. ער איז געלאָפן אַריין און אַרויס און איז צוריקגעקומען אַ שייטעלדיקער: „בעמי... — האָט ער איינגערוימט דאָס פאַרפּלאָנטעטע מיידל — ס'וועט באַלד אַלץ זיין גרייט”... רות, די דיבערע, מיטן בלאָנדן לאָק אין די אויגן, האָט זיך געמאַכט נישט ווייסנדיק, ווי נישט איר מיינט מען. זי איז געזעסן מיט פאַרשנורצוועטע ליפּן, אָבער מ'האָט געזען, אַז זי איז נישט אַזוי אומצופרידן. רות, וואָס איז געווען שווייגנדיק און פאַרביסן, האָט שוין איצט צוריק געשמייכלט און האָט געהאַט חן־גריבעלעך. אפשר האָט זי אַזוי דין געשמייכלט, וואָס הערצקע איז דאָ געשטאַנען אַ פאַרלוירענער אינמיטן דער גערידערייַ און נישט געוווסט ווו אַהינצוטון זיינע הענט. „הערצקע... — האָט זי אים אַ רוף געטון — הערצקע”... זי איז געזעסן אַ צעשפּיליעטע און אַ וואַרעמקייט האָט געשלאָגן אין אירע באַקן. זי איז געווען אַ פולערע; דאָס ווייסע סוועטערל האָט בולט אויסגעטיילט די מאַטקייט פון איר רונדיק פּנים מיט די שפּרענקעלעך.

די מיידלעך האָבן זיך דאָ דערפילט זייער היימיש, היימלעכער ווי אין די גרויסע זאַלן אין שטאָט, אָנגעשטעלט מיט די שווערע, געשניצטע מעבלען; היימלעכער ווי צווישן די יידן מיט די הייסע אויגן; די, וואָס האָבן געפירט טונקעלע געשעפטן און געצויגן איבער דער גרענעץ. אויסגעפּרוּווירן און מיד, איז ליב געווען צו געפינען אַ ברייט בעט מיט גרויסע היימישע פּערינעס, איך אַ שטוב מיט וואַזאָנען אויף די נידעריקע דאָרפישע פענצטער. איבערן דאַך האָט ווידער אַ גאָס געטון אַ רעגן, וואָס האָט פאַרוויגט. אַ וועק־זייגער האָט דאָ ערגעץ געקלאַפּט. עפּעס איז דאָ אַלץ שיער נישט געווען אַזוי ווי דאָרט, אין דער אַלטער היים, ווו זייערע קינדערישע וויגן זענען אַמאָל אַרונטערגעהאָנגען פון נידעריקן באַלקן, אויף אַ האָקן, און ס'איז פאַרגאַנגען אַ זויערלעכער ריח פון מילכיקס.

מ'האָט זיי צוגעטיילט צוויי גרויסע שטיבן מיט די פענצטער אין סאָד אַריין. די פורן האָבן געבראַכט אַביסל מעבל פון שטאָט, די פּיאַנע אויך. די שפּערלען זענען אין דעם יאָר פרי צוריקגעקומען אין די אָנגעשלאָגענע הייזלעך איבער די פויערישע דעכער. דאָ איז מען געווען ווייט פון שטאָטישן גערודער, פון די היימלאָזע, וואָס האָבן געצויגן טאָג און נאַכט איבער די חרובע גאַסן. מען האָט געהערט ווי די באַן גייט פאַרביי. אין דער פרי איז דער טאַטע אַרויסגעפאָרן מיט די אויפגעלאָדענע פורן מיסט אין פעלד אַריין. ער האָט פריילעך געשמיצלט די פערד און איבערגעטערעלט זיך מיט די יונגען. אַביסל האָבן די מיידלעך געאַרבעט אין שטאַל, אַביסל ביים איבערקלייבן די זריעות.

דער אַגראָנאָם שאַיע איז אַרומגעגאַנגען אין באַגינען איבערן הויף מיט אַ שטרויעלע אין מויל, אַ פאַרחושטער, דעם דאַשיק אויפגעשטעלט. ער האָט שוין באַצייטנס געבראַכט זיך דעם קאָפּ וועגן פאַרזיי — אויף וועלכן שטיק פעלד צו מאַכן ווייץ, אויף וועלכן גערשטן און אויף וועלכן קאַרטאָפל. ער האָט זיך אויך געקליבן אין וואָיע־

וואָדישן קאָמיטעט אַרײַן, צו געבן זיי דאָרט די אמתע עליה פאַר די אײַנגעהאַנדלטע פערד. אַ מיטלוווקסיקער, אַ פעסטער, ווי אַ פניאַק, וואָס קיין שום שטורעם קען אים נישט אַרויסרײַסן, איז ער דאָ געגאַנגען ווי אויף אייגענער ערד. אין די ביטערע פאַר יאָר איז ער פאַרוואָרפן געוואָרן אין מערב־סיביר, אין אַ קאָלכאָז. ער האָט דאָרט אויסגעפונען און געוויזן זיי אַ ניי סאָרט מיטל פון קינסטלעכער באַמיסטיקונג. זיי האָבן אים גאָרנישט געוואָלט אַוועקלאָזן פון דאָרט, נאָר ס'האָט אים, ווי אַלע יידן, געצויגן אָפּצוזוכן די היימישע. איז ער אַוועק מיט דער פוילישער אַרמיי און ווי אַן אונטער־אָפיציר, געהאָלפן באַפרייען די מערב־געביטן. ער האָט געהאָלפן אויסרויי־כערן די דייטשן. דאָ, ביים אָדער און ביי דער ניסע, האָט ער זיך געשלאָגן, נקמה גענומען. ער האָט אַ נעם געטון צווישן זיינע פאַרהילצערטע פינגער אַביסל ערד פון ניהערשלעזיע און האָט איינער פון די ערשטע געלאָזן פאַלן: „דאָס וועט אויך זיין מיין נקמה". ער איז געווען צופרידן צו זען יידן באַזעצן זיך דאָ אין די שטעטלעך, נאָנט פון די לאַגערן, פון וואַנען זיי זענען באַפרייט געוואָרן. ער איז אַרומגעלאָפן צו די קאָמיטעטן, פאַרגעלייגט, גערעכנט אויף די פינגער און האָט זיך זיינס דורכ־געשלאָגן. דער ערשטער איז ער אַראָפּגעפאָרן אַהער, אַרומגעדרייט זיך, באַקוקט און געזוכט יונגעלייט, וואָס זאָלן אים העלפן.

מוניע און הערצקע, וואָס האָבן אין ראַטנפאַרבאַנד געאַרבעט אויף ערד, זענען אים נאָכגעגאַנגען יעדן טריט. זייך וואָרט איז געווען אַ באַפעל. מיט די איבעריקע, וואָס זענען די ערשטע צייט צוגעפאַלן, האָט ער געהאַט גענוג צרות. זיי זענען גע־קומען, אַ שמעק געטון און באַלד נעלם געוואָרן. „זאָלן זיי לויפן — האָט ער גע־זאָגט — די דאָזיקע וועלן שוין איך ערגעץ קיין לייט נישט זיין"... ס'איז נישט אַזוי לייכט געווען מיט דער צעטראָגענער ווירטשאַפט. אַביסל האָט ער אַליין אויספאַ־ריכט, אַביסל איז ער געלאָפן צו די קאָמיטעטן.

דער ייד שלמה הורוויץ איז אים גלייך געפעלן. ער איז נישט קיין רויער, ווייסט וואָס אַ פלאַנץ איז. מיט אים קען מען זיך באַראַטן. ס'איז אויך געווען היימלעך, ס'איז פריילעכער געוואָרן איך דער משפחה. אין דער פרי האָט שאַיע יעדערן איינגע־טיילט זיין טאָג אַרבעט.

— איר, מיינע איידעמלעך — האָט ער מיט אַ ווונקעלע פון אונטערן פאַרדרייטן דאַשיק, אָפּגערופן זיך צו מוניען און צו הערצקען — איר וועט אַרויספאָרן מיט די שקאַפּעס צום אַקער. נאָר זעט, פאַרמאָרעט מיר דאָרט נישט די חיות! אַרויפוואַרפן אַ קאָלדרע, טאָמער נעמען זיי שוויצן... איר הערט?...

ביידע האָבן זיי זיך אויסגעצויגן מיליטעריש־שטייף, מיט אַ פול מויל געלעכטער, איידער זיי האָבן אַריבערגעוואָרפן די פיס איבער די פערדישע רוקנס.

— ווי מיינט איר? — האָט שאַיע גערעדט צו שלמה הורוויץ — איז דען נישט גלייכער אַליין אַרויסצושלעפן דאָס שטיקל ברויט פון דער ערד, ווי צו לויפן אין די קאָמיטעטן?...

— בזעת אפיך תאכל לחם... — האָט דער ייד געענטפערט מיט אַ פסוק — איך, צופעליק, ווייס יאָ וואָס דאָס הייסט, חבר שאַיע... און מיינע מיידלעך זענען אויך

נישט קיין אויסגעצערטלטע קינדערלעך... זיי האָבן זיך, גלויבט מיר, געגנוג אָנגעבידעוועט...

— עפּעס הייסן זיי דאָך ביי אייך, ר׳ שלמה, אַקוראַט ווי אין תנ״ך... אַ שאָד, וואָס מען רופט מיך שאַיע, נישט בועז... איי־איי־איי !... — האָט ער ממזריש אַ בליק געטון צום אייגענעם ווייבל, וואָס איז געשטאַנען דערביי.

— אַזאַ אַלטער ביין !... — האָט זי פאַרשטאַנען דעם ווונק, האָט געלאַכט, דאָס ווייבל, געהויבן מיט די אַקסלען און אונטערגעטריבן די קי פון די געמויערטע שטעלער צום טויערל.

— זיי זענען, פאַרשטייט איר מיך, געבוירן געוואָרן ביי מיר אַקוראַט אום שבועות, ווען מען פּוצט אויס די שטוב מיט גרינס...

— אַ געלעכטער אין אַ זייט... — האָט שאַיע אַרויפגערוקט העכער דעם דאַשיק — וואָס, כ׳זע נישט ?... די יונגעלייט געפינען זיך נישט קיין אָרט... מאַכט זיי חתונה מיט די מיידלעך און פּטור... זאָלן זיין שמחות ביי יידן... טאַקע, ווי ס׳שטייט ביי אונדז געשריבן : „און בועז האָט גענומען רות׳ן און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווייב״... עצבות, גלויבט מיר, האָבן מיר שוין גענוג געהאַט...

אַלע האָבן איינגעפונען, אַז ס׳איז גאָרנישט אַזאַ קרומע זאַך. מ׳האָט דיביידע פּאָר־פּעלקער אָפּגעגעבן דאָס פאַרקלאַפּטע הויז אין גאָרטן. ס׳איז דאָרט פריער געווען אַ זומער־וווינונג פאַר די פּריצישע יונקערס, וואָס האָבן אַ גאַנץ יאָר אַרומגעהוליעט אין די גרויסע שטעט. ס׳איז געווען אַן איינשטאָקיק הילצערן הויז, מיט לופטיקע צימערן, מיט וועראַנדעס, נאָר אַביסל אָפּגעלאָזן. מ׳האָט עס אויסרעמאָנטירט, איבערגעפאַרבט עס פון אויסנווייניק אויף גרין, און דאָרט טאַקע איז געפּראַוועט געוואָרן די טאָפּלטע חתונה. ס׳איז געווען אַ פריילעכע חתונה. עס זענען זיך אָנגעפאָרן פולע בריטשקעס מיט כלי־זמר, מיט געסט. עס זענען געקומען גראַטולאַציעס און מתנות פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט און אַפילו פון צענטראַל־קאָמיטעט אין וואַרשע.

דער שניט איז אין דעם יאָר אויסגעפאַלן זייער אַ גוראָטענער. ס׳איז געשטאַנען אַ שיין, טרוקן וועטער. די ווייבער האָבן געברענגט דאָס עסן אין פעלד אַריין. הינטער די בערג, אויפן האָריזאָנט, וווּ עס האָבן גערויכערט די קוימענס פון די קוילן־גרובן, פון די פאַבריקן, איז געשטאַנען אַ געקרייזלטער, זילבערדיקער וואָלקן און ס׳האָט געשפּאַרט פון דאָרט אַ שטאַרקע ליכטיקייט. די ליכטיקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין אַ רעגנבויגן איבערן דאָרף און איבערן פּריצישן טורעמל.

פאַרנאַכט האָבן זיי זיך, נאָך אַ טאָג אַרבעט, אומגעקערט פון פעלד אַהיים. רות און נעמי זענען געגאַנגען מיט פאַרביקע טיכלעך אויף די קעפּ, פאַרבראָנזטע פון דער זון. אַרום — די פריילעכע חברה.

— מ׳וואָלט זיי אפשר באַצייטנס באַדאַרפט באַפרייען פון דער אַרבעט, אייערע טעכטער... — איז דער אַגראָנאָם שאַיע, דעם דאַשיק פאַררוקן איבערן שטערן, גע־

גאַנגען זייט־ביי־זייט מיט שלמהן — זיי ווצלן אתּגדזו אַ ליאַדע טאָג ברענגען אויף דער וועלט נייע יידישע פּויערימלעך...

— דאַכט זיך, וואָס ?... — איז ער געווען גליקלעך, פּאַרחושט, דער ייד. אויף זיך פּנים איז געווען לייטזעליקייט, בלאָזנדיק דעם רויך פון פּאַפּיראָסל — פאַר־וואָגלטע יידן אויף אַלט־פּוילישער ערד... ווי מיר וואָלטן דאָ געבוירן געוואָרן, ווי מיר וואָלטן דאָ געלעבט פון כמה דורות...

— ווי שיין ס׳וואָלט געקענט זיך... וואָלט מען גיכער באַדאַרפט זאָגן, ר׳ שלמה, אַלט־פּוילישע ערד, צי נישט... די ערד איז אַלעמענס און קיינעמס נישט. זי שפּייזט דעם מענטש, די בהמה און איז צו אַלעמען גלייך גוט... צי איז עס דען אויף די פעלדער פון קרים, פון כערסאָן און אין אונדזער היימישער ביעלאָרוסיע נישט שיין געווען ? צי וואָלט עס דען נישט געקענט זיך שיין אויף די פעלדער פון עמק ? אוי, ווי שיין ס׳וואָלט געקענט זיך...

1948

דוב כייקין

.1

אין די לעצטע טעג פון חודש אדר, שנת תש״ט, נאָך וואָכן־לאַנגע, ווינטערדיקע גאָס־רעגנס, ווען די זיבן אַראַבישע אַרמייען זענען שוין פאַריאָגט געוואָרן אויסער די גרענעצן; ווען אין די טאָלן און אויף די שיפּועים האָבן די אַרומגעבראָכענע פּרדסים און וויך־גערטנער ווידער זיך באַדעקט מיט אַ פּוכיקן גריך, אויפסניי האָט די לינדע זון אַ וואַרעם־געטון אין לאַנד — האָט אַראָפּגעגיידערט אַ מאַן פון אויבערשטן גליל, צופוסנס דעם באַרג חרמון, מיט אַ רוקזאַק אויף זיך אָרעם, אין די אויסגעלאַטעטע אַרבעטס־קליידער אויף זיינע לענדן, מיט אַ קרומען מאַנדל־שטאָק אין זיין קנאָכיקער האַנט. ער האָט איבערגעלאָזן זיך הויזגעזינד אין אַ קיבוץ, בשכנות פון כפר־גלעדי און תל־חי, און איינער אַליין האָט ער געצויגן צו באַזעצן זיך אין אַ פאַרלאָזן אַראַביש הויז אין באר־שבע, וואָס איז נאָר־וואָס געשטורעמט געוואָרן דורכן העלדישן פּלמ״ח.

ביז גדרה האָט זיך דער ייִד, דוב כייקין, מיטגעכאַפּט אַביסל מיט די מיליטערישע טראַנספּאָרט־וואָגנס, וואָס האָבן פאַרפּאַקט די שאָסייען, אַביסל מיט די ציווילע מאַשינעס; און כאָטש ער איז שוין נישט געווען אַזוי פלינק, ווי די בחורים און בחורות, אין די קורצע הויזן, אין די העמדלעך, וואָס האָבן, נאָכלויפנדיק, קונציק אָנגעכאַפּט זיך ביי אַ שטאַנג, געקלעטערט אויף די הויכע לאַסט־וועגן, מיט די שויבערס אין ווינט, האָט ער זיך פונדעסטוועגן פעסט איינגעקלאַמערט מיט זיינע קנאָכיקע הענט און איז, ווי אַ יונגערמאַן, אַרויפגעשפּרונגען סאַמע אויבן.

דער חורבן אויף די וועגן איז נאָך געווען גרויס. אַ שטראָם פון פריש־געקומענע אין לאַנד אַריין איז אַוועק באַזעצן זיך אין די פאַרלאָזענע הייזער, האַלב־פאַרטיליקטע, פון די דעראָבערטע שטעט און ישובים. אומעטום האָט מען שוין צוריק פאַריכט, געבויט, געצאַקערט, געפלאַנצט. ס׳איז געווען שווייגן און שטומע, קילע פאַרביסנקייט אין די דורכגעווינטיקטע פּנימער פון די פלייסיקע לייט. קאַרגע רייד. מ׳האָט נישט באַוויינט די געפאַלענע.

פון גדרה, ווו דער וועג פאַרקירעוועט זיך צו באר־טוביה, צו גבעה, וועגן וועלכע מ׳האָט זיך אָנדערציילט וואונדער, ווי אַזוי זיי האָבן דאָרט אויסגעהאַלטן דעם אַנשטורעם פון די מצריים, האָט דער ייִד נאָכן האַלבן טאָג שוין געשפּאַנט צופוס, אין אַ זייט פון שמאָלן פאַס כביש, ווייל דאָ האָט דער שאָסיי מיטאַמאָל אָפּגעווייכט דרום־מערב צו; ער איז אין יענע יאָרן אויף דער שנעל אויסגעבויט געוואָרן דורך די ענגלענדער, ווי אַ סטראַטעגישער וועג, ביז צו דער עגיפּטישער גרענעץ. „מען

וועט אַצינד באַדאַרפן נעמען זיך אויסברייטערן די שמאָלע שאָסייען אין סטעפּ" — איז דעם ייד דורכגעפלויגן. דערפאַר אפשר האָט אים די „סולל בונה" געשיקט אַהער. געבויט האָבן זיי דאָ נאָר פאַר זיך, די ענגלענדער, פאַר זייער קאָלאָניאַלן נוצן וועגן. אויך איז דאָ קיין בוי־מאַטעריאַל נישט געווען, איך דעם נאַנטן סטעפּ. מ'האָט זיי באַדאַרפט צו ברענגען פון ווייט, די אָנגעשפּאָלטענע קיזל־שטיינער, אָנ־לייגן זיי הויך, שיכטנווייז, די ערד זאָל זיי נישט איינזינקען בעת די ווינטערדיקע שלאַקס־רעגנס, די כאַמסין־ווינטן מיטן אָנגעטראָגענעם, דינעם זאַמד זאָלן זיי אין די הייסע חדשים נישט פאַרווייען און אָפּמעקן.

דאָ האָבן זיך שוין די פלינקע מיליטערישע דזשיפּס און לאַסט־מאַשינען מער אַזוי אָפּט נישט פאַרהאַלטן. זיי זענען געפאָרן אין לאַנגע, שטומע קאָלאָנעס, אַראָפּצו, אין מדבר אַריין. דער ציווילער טראַנספּאָרט איז נאָך געווען אַ גאַנץ קנאַפּער; די איינציקע אויטאָבוסן, וואָס האָבן קורסירט, זענען באַזעצט געווען קאָפּ־אויף־קאָפּ, באַהאָנגען פון אַלע זייטן. דאָ האָט זיך שוין געוויזן בלויזער נאַקעטער סטעפּ, וויניק ישובים, ווילדע שטעכיקע קרייטעכצער האָבן שיטער באַדעקט די שטחים, וואָס האָבן געלעכצט נאָך באַוואַסערונג. ס'איז אים אָבער ליב געווען דאָס שפּרייזן, דעם ייד. ביז נאַכט איז נאָך געווען ווייט. ס'איז געווען מחיהדיק־לינד, ערב־פּסחדיק. ער האָט צעשפּיליעט דעם ענגן קאָלנער פון אַרבעטס־העמד, פאַררוקט אין שטערן אַריין דעם דאַשיק, פאַרשפּריצט פון וואַפּנע און פון ליים; און פון צופיל ליכט, באַ־טראַכט מיט צוגעזשמורעטע אויגן־שפּעלטלעך, אַזוי ווי צום סאַמע ערשטן מאָל, די בלויע, דורכזיכטיקע, וויסטע רחבות, וואָס האָט זיך ווייט געעפנט פאַרן בליק.

דער סטעפּ, אונטערן טיף־אויסגעבלויטן הימל־געוועלב, האָט זיך געפּאַרעט אין דער יונגער זון. די ווינטער־טייכלעך, די וואַדיס, האָבן גענומען איינגיין, אויסטרי־קענען, מען האָט שוין די טיפע גראָבנס באַלד געקענט אַריבערשפּריזן צופוס. דאָ זענען אַפילו זעלטענער געווען די פאַרלאָזענע אַראַבישע דערפלעך, די פינצ־טער־צונויפגעצוליעטע ערד־שטיבלעך, צונויפגעקלעפּט פון בלאָטע און אייזל־מיסט, אָפּגעשלאָסענע פון דרויסן, מיט בלינדע ווענט צום טראַקט.

דורך די קורצע עטלעכע חדשים, זינט ווען די אַראַבישע געזינדלעך האָבן אינמיטן נאַכט עוקר געווען פון דאַנען, זענען שוין פאַרוואַקסן געוואָרן די שטעגן, וואָס האָבן געפירט צו די קליינע, פאַרלאָזענע מעטשעטן. אויף די געוועלבטע באַלקאָן־טורעמלעך, וווּ דער מועדזין איז עטלעכע מאָל אין טאָג אַרויף און מיט אַ גאָרגלדיקן ניגון גערופן די גלויביקע צו דער תפילה, האָבן זיך געקליבן טשאַ־טעס ווילדע סטעפּ־פייגל. דאָס זענען געווען גרויסע, גרוי־באַפעדערטע רויב־פייגל. זיי זענען לענגאויס דעם וועג געווען צעזעצט אויף די האַלב־אומגעלייגטע טעלע־גראַף־דראָטן, נאָכגעשפּירט מיט איין אויגל, פון אַ פייערדיקן געל, די פריידיקע געטשוויטשערײַ פון די מחנות גן־עדן־פייגעלעך; זיי זענען געשפּרונגען איבער די צעריסענע דראָטן, די פייגעלעך מיט די רויט־בלויע העלדזלעך און בייכלעך, מיט אויפגעשטעלטע קרויז־פעדערן, געהיפּערט איבער די טרוקענע, שטעכיקע קרייטעכ־צער פון סטעפּ און דורכגעשניטן די לופט, ווי אַ פיילך־שאָס.

דער ייד האָט, שוין נישט צום ערשטן מאָל, צופֿוס אויסגעשפּריזט אַלע ווינקעלעך פֿון זוניקן לענדל. געטראָטן איז ער דאָ אויף אייגענער ערד. מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק איז ער איינמאָל געקומען אָנצופֿאָרן צו די ברעגן פֿון לאַנד אויף אַן אַלטער גריכישער שיף, צוזאַמען מיט אַ פֿריילעך־צעזונגענער חברה. זיי האָבן גאָרנישט פֿאַרמאָגט און גאָרנישט באַדאַרפֿט. געקומען זענען זיי אַהער פֿון פּוילן, פֿון עפּעס אַ הכשרה־קיבוץ אויף וואָלין, אין פֿאַרביק־אויסגענייטע העמדלעך, מיט שויבערדיקע האָר, מיט עקסטאַז און התלהבות פֿאַר די שווערסטע אַרבעטן אין לאַנד; מיט אַ פֿולן קאָפּ ציטאַטן פֿון באָראָכאָוו און הערצל, פֿון מאַרקס און א. ד. גאָרדאָן. דאָרט איז סײַ־ווי מער גאָרנישט געווען וואָס צו פֿאַרלירן. ס׳איז אַפֿילו נישט אַזוי לײַכט געווען אַרײַנצופּאַסן די אַלע ציטאַטן אין דער היגער ביטערער ווירקלעכקייט, אָבער קיין שום זאַך איז דאָ לײַכט נישט אָנגעקומען.

זיי זענען אַוועק צו די ביידלעך פֿון עמק, פֿון גליל, געטריקנט די זומפּן, אויפֿגעריסן די פֿעלזן, אַרויסצובאַקומען אַביסל גרינס פֿון דער נאַקעטער לאַנדשאַפֿט, דורכגעשניטן שאָסייען צווישן די ווילדע הויכקייטן און טאָלן, געטאַנצט הוראַס ביזן לעשן זיך פֿון די שטערן, און דורך די פֿינצטערע נעכט פֿון סוף חודש געהיטן אויפֿן וואַסער־טורעם, מיט דער ביקס אין האַנט, פֿאַר די פֿײַנטלעכע אַראַבישע שכנים. דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל — די ראָמאַנטיק, די הוראַ־טענץ, די לידער. זײַן דור, יענער דור, האָט זיך שוין אַביסל אויסגענײַכטערט דערפֿון. גיכער איז עס געווען די ראָמאַנטיק פֿון דער האַרבער ווירקלעכקייט. „מען טאַנצט אַצינד — האָט ער זיך געכאַפּט — ווייניקער די עקסטאַטישע הוראַ־טענץ. ווייסעך... די יוגנט דאָרט... אָבער ס׳איז נישט דאָס, וואָס אַמאָל"...

און אַט בליִען פֿונדעסטוועגן יידישע ישובֿים אומעטום, וווּ ס׳איז פֿריִער געווען וויסטעניש. מענטשן זענען געקומען און אַוועק. ווייניק זענען זיי פֿאַרבליבן פֿון יענעם דור; איינצלנע, עקשנים. איז ער דען נישט געווען איינער פֿון זיי, דוב בייקין? אַ וועטעראַן פֿון זומפּן־טרוקענען און מאַלאַריע־פֿיבער, שליח אין קיבוצים־ראַט, אין דער „הסתדרות", דעלעגאַט צו די אויסלענדישע הכשרה־גרופּעס, דער נערוו פֿון דער אומלעגאַלער „הגנה" אונטער דער מאַנדאַט־מאַכט אין זײַן סעקטאָר, אין אויבערשטן גליל, אַפֿילו קאַנדידאַט אין כנסת און — איז פֿאַרבליבן אַ שוואַרץ־אַרבעטער, אַ טראַקטאָריסט, אַ כביש־לייגער, מיט שווערע, אַדערדיק־אָפּגעאַרבעטע הענט, מיטן געלן מעסער פֿאַרשטעקט אין די הויזן־קעשענעס.

וועגן דוב בייקינס אַוועקגיין אַרבעטן אויפֿן כביש איז אַדורך אַ פֿאַרשטיקטער געמורמל, מ׳האָט אַפֿילו גערעדט דערפֿון אין דער לאָקאַלער קיבוץ־פּרעסע, אויף די אַלגעמיינע פֿאַרזאַמלונגען, אָבער מ׳האָט פֿאַרשוויגן, דערשטיקט.

וואָס האָט אים אונטערגעטריבן, דעם מאַן אין די אויסגעלאַטעטע אַרבעטס־קליידער? ביז נאַכט איז נאָך ווײַט געווען. ביזן אויפֿפֿלאַמען פֿון די גרויסע, ליכטיקע שטערן אין סטעפּ, וואָלט ער שוין נישט באַוויזן אָנצוקומען צו די טיפֿע גראָבנס, די אַלטע מויערן פֿון דער אוראַלטער שטאָט. אין אויפֿגעהויבענעם שטויב, האָט אָנגעיאָגט אים אין רוקן אַ קאָלאָנע פֿון דזשיפּס, מאָטאָציקלעטן, וואָגנס; ער האָט נישט

געפּ־חוט מער צו פאַרהאַלטן זיי מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. ס'האָט אים נישט געאַרט. פאַרקערט. ער האָט זיך דאָ, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, דערפילט מיטאַמאָל זייער פריי, אין דער רחבות פון סטעפּ. איידער די זון איז אַריינגעפאַלן אין ים אַריין, האָט אָנגעיאָגט אַ לאַסט־מאַשין; און כאָטש ער האָט מער זיך נישט אומגעקוקט, האָט זי זיך זייער פלוצים פאַרהאַלטן האַרט הינטער אים.

— היי, דאָרט ! — האָט מען זיך צעלאַכט הילכיק אין סטעפּ אַריין — ווילסט נישט אַמאָל, אַז די שאַקאַלן פון מדבר זאָלן פּראָווען איבער דיר אַ סעודה ?... אויף די וועגן איז נאָך אומרואיק און ער שפּאַנט זיך אַזוי געמיטלעך, פאַרטיפט אין התבודדות...

דוב האָט פּאַמעלעך אומגעדרייט דעם נאַקן און באַלד דערקענט, פון אונטערן דאַשיק, סאַמע אויבן, צווישן דער קליינער בעטאָן־מישעריי, צווישן די געציקן־קאַסטנס און דער חברה יונגוואַרג, לייבעלע רומי, דעם אַרבעטס־פּקיד פון „סולל בונה" אין טבריה.

— וואָס שלעפּסטו זיך עפּעס דאָ אַרום אויף די וועגן ? — האָט יענער געגוואַלדעוועט אין דער פאַרנאַכטיקער ליידיקייט — יאַללאַ !... מיר האָבן נאָך הייַנט אַ וועלט מיט אַרבעט אָפּצוטון !

דוב כייקין האָט זיך, ווי זיין טבע, נישט געאיילט. אַריבערגעשפּרייזט דעם טיפן גראָבן, אָנגעכאַפּט זיך אין די הינטערשטע שטאַנגען און באַלד האָט ער זיך שוין מיטן ווינט געטראָגן איבערן שמאָלן טראַקט פון סטעפּ. דער אויפגעהויבענער שטויב האָט אים איינגעהילט. אַלצאיינס איז ער שוין ווייס געווען פון שטויב.

די לעצטערע ווינט־בלחוע האָט ער נישט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, לייבעלע, זינט ווען ער האָט איבערגעלאָזן דעם קיבוץ, מיט אַלץ און אַלעם, און איז געוואָרן אַן אַרבעטס־פּקיד אין „סולל בונה".

— ביסט געשטאַנען ביי אונדז אויף דער טאָג־אָרדענונג, בחור ! — האָט ער דובן טויב אַריינגעשריגן אין די אויערן אַריין, אין ווינט פון דער פליענדיקער מאַשין.

— אַזוי ?... — האָט דוב כייקין אַראָפּגעלאָזן דעם קרומען דאַשיק און האָט געפּרווט אָפּצוהאַקן.

— ביסט אַ ביטערער עקשן, אויף מיין וואָרט... דאָס ווייסן מיר שוין פון לאַנג. אָבער האָסט דאָרט, זאָגט מען, אויפגעהויבן פראַגן, וואָס האָבן אַלעמען אַביסעלע צעררודערט...

— אַז מען וויל — יאָ... — האָט ער קאַרג געענטפערט, צוריקגעהאַלטן געשמייכלט מיט די גרויסע, קרומלעכע ציינער — אָבער מער פון אַלעמען — צערודערט זיך אַליין... ווייל דו, איר אַלע, איר נעמט זיך קנאַפּ־וואָס איבער... איר דערשרעקט זיך, אַ שטיגער, פאַרן וואָרט „קריזיס". נישט שייך צו באַהאַלטן און פאַרדעקן אַ חולאת, וואָס פרעסט דעם גוף. כ'וועל, פאַרשטייט זיך, פון קיבוץ נישט אַוועקגיין. דאָרט לעבט מען כאָטש ערלעך...

— און אַז יאָ, וועט דיר די „התסתדרות" נאָך אַלעמאָל צוטיילן אַ פּאָר טעג אַרבעט... כאָטש מען קוקט נישט גערן, אַז מען גייט נישט אין אַלגעמיינעם שפּאַן פון

אונדזער אויפבוי־ווערק... אָבער צוריקגערעדט — דער קיבוץ... מען לאַנגווייליקט זיך דאָרט... אַזוי איז — באַוועגונג, טעמפּאָ... זיי ווערן דאָרט אַנטשלאָפן, פאַר־שימלט, די חברה. אַ מאָנאַסטיר, בחיי... „טשאָרט פּאָביערי“... פאַרשטייסט, אָבער דו בעמסט טאַקע אַלץ אויפן פּונקט, ווי אַמאָל...

— נאָכוואָס, לייבעלע, די רייד ? וואָס, מיר קענען זיך פון היינט ? איך געדענק נאָך די חברה פון דיין עליה. ווו זענען זיי דען, די אַלע ? און דיך אַליין האָט עס דען נישט אונטערגעהויבן ? ס'האָט דיר אָבער אַלצמאָל געצויגן צו ווערן אַ שטיקל פּקיד, זיין „אַ מענטש פאַר־זיך“... קאָלעקטיוו... קאָלעקטיווער גייסט... פראַזן וועגן סאָציאַליזם, גאָרדאָניזם, בּרענעריזם... כמעט טאָלסטאָיאַנער, ווי מיר זענען דע־מאָלט געווען... דאָס אַלץ איז גוט געווען פאַר אייך, ווען איר זענט אַביסל ייִנגער געווען. ווען ביסט פאַרליבטערהייט נאָכגעגאַנגען צפּורהן פון אייך קיבוץ אין אַנ־דערן, געריעדט צו איר פּאָעטישע רייד, ציטירט ביאַליקן... אַפילו דעם שיר־השירים, אויב כ'בין זיך נישט טועה... זי איז אָבער קלוגער געווען ווי דו, זעסטו. היינט איז זי די מאַדאַם פון אַ מיניסטער, באַגלייט אים אויף אַלע זייַנע ריזעס קיין אויס־לאַנד, וווינט אין אַ שיינער ווילע אויפן הר הכּרמל און לאָזט זיך באַדינען פון די קליינע תימנער מיידלעך...

— ווייסט וואָס כ'וועל דיר זאָגן, דוב ? — האָט זיך שוין יענער געפילט אַבּיי־סעלע געטראָפן — מ'האָט דיר אָבער אַלעמאָל געהאַלטן פאַר אַ שטיק בטלן...

— אָבער פון קיין אַרבעט בין איך נישט אַנטלאָפן און וואָס כ'האָב געהאַט צו זאָגן, האָב איך געזאָגט !

ווען די נאַכט איז פּלוצים אַראָפּגעפאַלן אין סטעפּ, זענען זיי שוין געהאַט פאַר־פאָרן ביז צו די געוועלבטע קאָלאָנען־געביידעס אויפן האַלב־רונדיקן שוק. קיין עלעקטריע איז אין דער נאָר־וואָס דערבאַרטער שטאָט נאָך נישט געווען. דאָ און דאָרט האָבן נאַפט־לאָמפּן געקאָפּטשעט אין די פענצטער, אונטער פלאַכע, רונדיקע, שאַרף־אָפּגעהאַקטע דעכער. אין דער אַנגעפאַלענער פינצטערניש האָט דאָ אַלץ אויסגעקוקט ווי אַ הויפן צעשאָסענע חורבות. די בלינדע ווענט פון די משטרה־געצ־ביידן (פּאָליציי) זענען געווען אָפּגעגאָסן מיט אַ העלישער ליכטיקייט. דאָס האָבן די סאָלדאַטן אין אַ ווינקל גאַס, אַרום די אויסגעלאָשענע לאַסט־מאַשינעס, ביי דער „שעל“־סטאַציע, אָנגעצונדן אַ שייטער אין אַ סמאָלע־פאַס; אַ צוויי־דריי מויל־האַרמאָניקעס האָבן נאָכאַנאַנד געצויגן דעם עכאָ פון אַ סענטימענטאַלער רוסישער מעלאָדיע, דאָס העבראַישע ליד וועגן נגב. אונטער דער קאָלאָנאַדע פון דער קאַפע „אשל“ האָבן נאָך די בחורים און בחורות אין לינדן אָוונט געטרונקען זויערלעכן „מיץ“ פון קאָנסערוון־שאַכטלעך, געזויגן אַמעריקאַנער סיגאַרעטן און אַרומגעפלאָפּלט.

אַ בחור האָט דאָרט אַרום אַ טישל, צווישן צוויי פאַרשטויבטע ציפּרעסן, געפּרוווט אַראָפּבייגן די האַנט פון אַ מוסקולירט מיידל, אַ סאָלדאַט, מיט גראַד סערזשאַנט און מיט אַ הויכן, פעסטן בוזעם. דער בחור האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט און בשום־אופן נישט געקענט אַראָפּבייגן איר די האַנט. די מויד איז דער אויפאָרם האָט הויך גע־לאַכט, מיט אַ פול מויל געזונטע ציינער, און דער בחור האָט זי שטאַרק געריימט;

— הדסה, את איזן־בעטאָן... בחיי...

— ס'איז אַזאַ היץ, און ער רעדט צו איר העברעאיש !... — האָט אַ קליינער, יונגערמאַן, די קעפּי אָנגערוקט אין אַ זייט, צעקוועטשט צווישןביידע פינגער דעם „קאַמעל".

שטייענדיקערהייט, האָבן זיי נאָך געטרונקען גאזאז ביי דער לאַנגער טומבאַנק, אין דער קילער האַליע פון דער קאַפע „אשל", אַראָפּצושווענקען דעם שטויב פון די העלדזער, און איידער ער איז צוריק אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן, האָט לייבעלע רומי צוגעוואָרפן:

— קום אַריין צו מיר מאָרגן אין דער לשכה פון „סולל בונה". ס'איז דאָ באַלד, לעבן דער משטרה. מיר האָבן איבערצושמועסן מכוח וויכטיקע ענינים...

מיט מידע שפּרייזן פון אַן איינזאַמען וואַנדערער, איז דוב כייקין אַוועק זוכן צר־געצווו אַ נאַכטלעגער איבער דער אויסגעלאָשענער שטאָט אין מיטעלן נגב.

.2

אויפן נאַקעטן בערגל, צופוסנס דעם שניי־באַדעקטן חרמון, איז אויסגעקומען אַרויפצוגיין, ווען אומעטום האָט זיך דאָ געגאָסן בלוט; דער אַראַבישער טעראָר, כיטרע אויפגעהעצט דורך די ענגלישע קאָלאָניאַלע אָקופּאַנטן, האָט געווילדעוועט דורך די פינצטערע נעכט איבערן לאַנד. אַהער, האַרט ביי דער סירישער גרענעץ, האָט מען געשיקט אַלטע און אויסגעפּרוווטע. ישובים זענען דאָ, אין אויבערשטן גליל, געווען ווייניק, אָבער איינגעפונדעוועטע, באַשיצטע, אויסגעקעמפטע, שיטער־צעזייט און ווייט־אָפּגערוקט איינער פון אַנדערן.

דאָס קינדער־הויז, געבויט ווי אַ פעסטונג, האַלב־איינגעגראָבן אין פעלז, און די געמויערטע רפת, זענען געווען פון די ערשטע בעטאָן־געביידעס אויפן נאַקעטן בערגל. אויך איז מיטן וואַסער־צופירן שווער געווען צווישן די געבערג. אָבער געאַרבעט האָט מען מיט פיבער און מיט צאָרן. דער נאָענטסטער פּלאַן איז געווען: דער וואַסער־טורעם, אויף די לײדיקע שטאָקן איבעוויניק — די ביבליאָטעק, און אויפן דאַך — דאָס טורעמל, די פּראָזשעקטאָרן. צום סאַמע לעצט האָט מען געזאָרגט וועגן די מענטשן גופא.

ביז טיף אין חודש שבט האָבן זיי זיך געוויקלט אונטער די ווינטערדיקע רעגנס אין די ביידלעך אויפן פעלז. ערשטן אויפן פרילינג האָט מען זיך גענומען בויען די לאַנגע ריי הילצערנע צריפים און דעם חדר־האוכל.

אַ ביסל קרעדיטן האָט געגעבן דער קרן־היסוד, אַ ביסל די סוכנות, נאָר אָן די הלוואות פון די פּריוואַטע בענק וואָלטן זיי נישט אַרויסגעקראָכן. ס'איז אויך נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. גיכער האָט מען באַדאַרפט רעכענען אויף אייגענער איינ־צערונג און האָרעוואַניע; און מ'האָט אויסגעהאַלטן. ווייל ביז דער ערשטער גע־

רעטעניש איז געווען צו וואַרטן בישט ווינציקער ווי אַ יאָר־אַנדערטהאַלבן. די טאָלן זענען נאָכנישט געווען אָפּגעריכט פונעם געשטיין; וויפל מ'האָט זיי נישט אַרויסגעקליבן פון רויטן, פּעטלעכן באָדן, זענען זיי צוריק אַרויסגעקומען פון אונטערשטן שיכט. די אַגראָנאָמען האָבן דווקא איינגעפונען, אַז דאָ קען וואַקסן ווייץ, גערשטן און אַפילו קאַרטאָפל, וואָס איז נאָך געווען אַ זעלטנקייט אין לאַנד. און כאָטש ס'האָבן דעמאָלט כסדר אויסגעפעלט הענט, האָט מען געמוזט שיקן מענטשן פון קיבוץ צו אַרבעטן אין דרויסן, אין דער „נשר"־צעמענט־פאַבריק, אין די ראַפינעריעס, אין די כעמישע פאַבריקן און אין די אייזן־גיסערייען לעבן חיפה, צו קענען כאָטש דעקן אַ טייל פון די חובות, וואָס האָבן שווער געלאַסטעט אויף זיי. אַליין דוב בייקין האָט פאַרהאַנדלט מיט די פּריוואַטע בענק־קרעדיטאָרן. „גיי — האָבן זיי אים דאָרט אונטערגעטריבן אין דער קיבוץ־הנהלה — וועסט שוין וויסן ווי אַזוי צו רעדן מיט זיי, מיט די פּאַראַזיטן, וואָס האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אונדזער גוף"...

ס'איז געווען איינע פון די יידיש־ענגלישע בענק, וואָס האָט דעמאָלט, ווען מ'האָט שוין געהאַלטן אין אַרויסענדיקן דעם חדר־האוכל, אַראָפּגעשיקט אַהער אַ דעלעגאַציע אין דער פּערזאָן פון עפּעס אַ מאָדנעם סאָרט ייד, אָנצוקוקן אויף וואָס זיי גייען דאָ געבן די הלוואה און צי זיי וועלן קאָנען צוריק עפּעס אויפמאָנען. דער לאַנגער, טרוקענער ייד האָט גערעדט אַביסל דייטשמעריש, אַביסל ענגליש, האָט געטראָגן גאָלדענע ברילן־רעמלעך אויף אַ דינער, שטרענגער נאָז. ער איז אויסגעשטיגן פון אַ גלאַנציקן „פּאָרד" און דוב אַליין האָט אים דאָ אַרומגעפירט איבער דער ווילדעניש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצובויען, געוויזן אים וואָס זיי פּראָיעקטירן אַלץ צו באַלעבן און צו פאַראַקערן. אַ שטרענגער, אַ ניכטערער, האָט יענער געקוועטשט מיט די פּלייצעס, געהאַלטן איך איין אָפּשטויבן זיך מיט אַ טיבעלע די הויזן, די שיך, עפּעס אַ מורמל געטון מכוח „אונדזער גרויס נאַציאָנאַל אויפבוי־ווערק" און — איז באַלד צוריק אַוועקגעפאָרן. קיין גרויסע זיבן זאַכן איז פון דעם באַזוך סיי־ווי נישט אַרויסגעקומען; און דאָך האָבן זיי אויסגעהאַלטן, מיט אייגענע כוחות אויסגעהאַלטן.

פאַרנאַכט איז דוב בייקין אַוועק מיט לאַנגזאַמע טריט צום צריפל, אַן אָפּגעהאָרעוועטער, אַביסל אַ פאַרכמורעטער. די פאַרשטויבטע וועסט איז אים געהאָנגען אויף די אַקסלען. ער האָט געדיכט געבלאָזן פון זיך דעם רויך פון סיגאַרעטל. ער האָט אַראָפּגעקוקט צו דער ציפּרעסן־אַליי און געזען ווי די בנינים צווישן אויפגייענדיקן גרינס וואַקסן זיך פונאַנדער, ווי דער וואַסער־טורעם הייבט זיך שוין אַרויס פון די אַרומיקע געביידן, די נייע וועגן צייכענען זיך שוין אָן. ס'איז אים ליב געווען אַלץ אַרום. ער האָט דערפילט, ווי אַ וואַרעמקייט צעגיסט זיך אין אים. ער האָט זיך געגאָלט און געוואַשן אין דרויסן, ביים שטיין־בעקן, צווישן זיינע בלומען־בייטן און די נישט לאַנג פאַרפלאַנצטע עפּל־ביימעלעך, וואָס האָבן ערשט קוים אַרויסגעלאָזן דינע שפּראָצן. ער איז געזעסן אויף דער קליינער, באַהאָנגענער וועראַנדע, אַריינגעקוקט אין אַ ביכל, אין „דבר" און אומרואיק געזויגן סיגאַרעטלעך.

ס'איז אַפילו אויסגעקומען אַזוי, אַז ער האָט זיך מיט רחלען אויך אויסגעמיטן אין חדר־האוכל. זי איז שטאַרק פאַרפאָרעט געווען דעם גאַנצן טאָג אין דער וועשעריי; פאַרנאַכט האָט זי שנעל עפעס אַ כאַפּ געטון און איז באַלד געלאָפן צום יינגל אין קינדער־הויז. אַ יאָר זיבן־אַכט מסתמא איז ער דעמאָלט אַלט געווען, אבנר. ער איז געוואַקסן אַ בלייכינקער, אַ דינער, אַ נערוועזער, גאָרנישט, דוכט זיך, ענלעך צו קיינעם פון זיי ביידן. בלויז דער קוטשעראַווער לאָק איז אים, געגנוי ווי ביי דובן, געפאַלן איבערן בולטן שטערן, די גרויסע פאַרפל־ציינער האָבן דאָס קינדערישע געזיכט צוגעגעבן די גרימאַסע פון שטענדיקן קילן, פילאָזאָפישן שמייכל.

— די סאַברעניקס... — האָט דאָרט איינע אַן עלטערע ידענע, וואָס קינדער האָבן זי געהאַט אַריבערגעבראַכט פון דער אַלטער היים און זי האָט דאָ אַביסל צוגעהאָלפן אין דער קיך־ווירטשאַפט, אַביסל ביי די קינדער, אָנגעמאַכט — דאָס וואַקסט דאָ אויס, ווי אַ פרעמד געוויקס... אויף מיין וואָרט, ווי זיי זענען טאַקע שטעכעדיק... די חוצפה זייערע! שקצים... אין דער היים אַ יידיש קינד, איז עס געווען שטיל, הכנעהדיק, ס'האָט מורא געהאַט פאַר אַ הויך וואָרט...

— וואָס זשע, איר בענקט טאַקע אַזוי שטאַרק צו אייער שטעטל אין דער ליטע, מומע פראַדל?...

— בענקען... בענקען... מ'האָט דען צייט צו בענקען, אַז מ'אַרבעט אין קיך... אַז מ'דאַרף אָנקאָרמענען, קיין עין־הרע, אַזאַ כאַליאַסטרע... — און די ידענע האָט אַרויסגעלאַכט — כ'האָב, הערט איר, קיינמאָל נישט געזען ביי אונדז, אַז ס'גאַנצע שטעטל זאָל אין איין טאָג עסן לאָקשן...

רחל האָט שטאַרק געלאַכט, איבערטרעטנדיק די שוועל פון קליינעם, דושנעם צריף. צוויי שאַרפע קנייטשן זענען איר געשטאַנען אויפן מאַט־פאַרברוינטן שטערן, און זי האָט עס אַלץ איבערדערציילט דובן.

— זאָלן זיי טאַקע וואַקסן ווי די שקצים!... — איז ער געווען צופרידן, דוב — זאָלן זיי קענען דערלאַנגען אויך און נישט אַראָפטראָגן זיך, ווי מיר טראָגן זיך אַרום אַ גאַנץ לעבן, מיט אַ הויקער פון פראָבלעמען... דערפאַר אויך זענען מיר דאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין אָרדן פון אַסקעטן... מיר קעמפן מיטן ווינט און אַרום אונדז וואַקסט דאָ אויס, דוכט זיך מיר, גאָר עפעס אַנדערש, פון וואָס מיר האָבן געחלומט.

דער עולם דאָ איז טאַקע געווען גאָר אַן אַנדערער, ווי אין שטאָט — אַ לאַנגזאַמער, אַ דורכגעטראַכטער, האָט ליב געהאַט צו גיין מיט אַ זייטיקער סטעזשקע, פאַרמוחט צו קייען אַ שטרויעלע צווישן די ציינער. אויך די שטאָט־לייט האָבן זיי לייכט דערקענט, די קיבוצניקעס, אין אויטאָבוס, אויף די גאַסן פון תל־אָביב און פון חיפה. ס'איז נישט געווען בלויז זייער פראָסטער, אָרעמלעכער הילוך, זייערע שווערע, אָפגעאַרבעטע הענט, זייערע איינפאַכע רייד. די קינדער, וואָס זענען אַמאָל מיטגעקומען אויף אַ טאָג אין שטאָט אַריין, האָבן זיי, די מוטערס, געריסן ביים קלייד, פאַרבייגייענדיק אַ געשעפט פון שפּילצייג, צי פון געבעקס־זיסיקייטן, אָדער נאַשוואַרג. די האַלב־דערוואַקסענע מיידלעך האָבן לאַנג זיך איינגעקוקט אין די

מאָדער־שויפענצטער, מיט נייגער אַך פאַרגאַפט. די קינדער זענען צוגעפאַלן צו די פאַרקויפער:

— אדוני, תן לי בובה!... (מיין הער, גיב מיר אַ ליאַלקע!).

— תן לי... — האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי די זייטן, די כיטרע געוועלב־לייט — און באַצאָלן דאַרף מען שוין הייבט נישט?...

די מוטערס, וואָס זענען געקומען מיט די געציילטע פאָר פיאַסטער אין שטאָט אַריין, האָבן זיך דערפילט זייער פאַרלעגן און אַוועקגעשלעפּט זיי ביי די הענטלעך, די קינדער.

— ער איז אַ שלעכטער, דער דוד (פעטער)! — האָבן זיי זיך נאָך אַלץ געריסן, די קינדער — ער איז אַ חמור... ער האָט אַזויפיל בובה'ס...

אבנר איז אונטערגעוואַקסן אַ מאָגערינקער, אָבער אַ פעסטער. ער האָט זיך גוט געשלאָגן אין פּלמ"ח. ס'איז געווען אַן איבערראַשונג מיט אָט דער ווילדלעכער חברה סאַברעס, וואָס האָט פריער נישט געוואָלט וויסן אַפילו וואָס די טאַטעס און די מאַמעס זייערע האָבן געטראָגן מיט זיך פון דאָרטן, פון די אַלטע היימען, וועגן זייער שענסטן אידעאַל פון אַן אייגן, סאָציאַליסטיש לאַנד, פון זייער האָרעוואַניע און מסירת־נפש, סיי ביים קומען אהער, סיי ביים אויסקעמפן דאָ יעדן שפאַן ערד. זיי זענען גאָרנישט געווען איבערראַשט, ווען מ'האָט זיי, למשל, דערציילט, אַז דאָ, ביי די הרי־גלבוע, האָט זיך דער מלך שאול דערשטאָכן מיט דער שווערד, ווען ער איז אַרומגערינגלט געווען דורך די פּלישתים; אַז דאָ האָט גדעון געפירט זיינע באַוואָפנטע לייט. פאַר זיי איז עס אַלץ געווען פשוט, זעלבסטפאַרשטענדלעך. זיי זענען געטראָטן אויף אייגענער ערד. זיי האָבן זיך דערפאַר גוט געשלאָגן, אַרומגעיאָגט זיך פון כפר־גלעדי ביז אילת, געגאַנגען אין פייער אַריין, דורכצורייסן די שאָסייען, באַלאַגערט פון די אַראַבישע קוילן־וואַרפער־נעסטן אין די בערג, דורכגעשניטן די לופט לענגאויס די ים־ברעגן, איבער די בערג, אין די „פרימוסן", די אַלייך־צונויפגעשטוקעוועטע אַוויאָנדלעך. זיי האָבן אין די בערג אַרויסגעשטעלט וואַסער־רערן, אָנגעמאַכט אַזאַ טומל און טראַסקעריי, דער שונא זאָל מיינען, אַז דאָס קלאַפּט אַזוי די שווערע אַרטילעריע. זיי האָבן זיך שנעל צוגעאייגנט דאָס האַרטע לעבן אין די מיליטערישע לאַגערן; ס'האָט זיי געצויגן דאָס פרייע, הפקרדיקע לעבן אין די דעראָבערטע דערפער און שטעט; געענוג אכזריות האָבן זיי אַליין אויך באַוויזן איבער אַראַבער; שנעל און פלינק האָבן זיי איבערגענומען די נייע ציווילע און מיליטערישע אַדמיניסטראַציע.

אין קיבוץ אַריק איז אבנר געקומען צופליען אין הזשיפּ, ווילד געהיפּערט איבער די הילגלען, איבערן געדרייטן קיבוץ־טראַקט, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ, אַ פרעמדער, אַן אָפּגעפרעמדטער. אַביסל האָט ער זיך טאַקע דערפילט וויכטיק אין די אויגן פון די קיבוץ־מיידלעך, כאָטש אויך זיי, די מיידלעך, זענען נישט אָפּגעשטאַנען אין העלדישקייט ביים פאַרטיידיקן די באַפעסטיקונגען צווישן די בערג, אין די פאַרלאָזענע, וויים־אַרויסגערוקטע פונקטן. אָנפליענדיק אַמאָל אויף אַ פאָר שעה, האָט ער קוים צוגערירט די ליפּן צו דער מאַמען און באַלד אַוועקגעדרייט זיך.

אַפילו אַ פאַרהאַרטעוועטער סאָלדאַט, איז געווען עפּעס ביי אים פון דוב׳ס איינגעבוירענער שעמעוודיקייט. מיטן טאַטן, דערפאַר, האָט ער זיך גוט פאַרשטענדיקט; ווייל ער איז נישט געווען סענטימענטאַל, אויף אַ האָר נישט. דעם טאַטן האָט ער נאָך אַלץ גערופן אויפן נאָמען זיינעם, דוב, און ס׳איז געווען צווישן זיי די האַלטונג ווי צווישן צוויי חברים. ער איז אויך נישט ווייניק שטאָלץ געווען, דוב, מיט זיין אונטערגעוואַקסענעם בנ׳אָק, ווען ער איז סוף מלחמה אַראָפּגעקומען אַהער מיטן גראַד סערזשאַנט.

— אים וועט עס שוין, דוכט זיך, אין קיבוץ אַריין נישט ציען... — איז זי, נאָך זייך אָוועקפליען מיטן דזשיפּ, געווען צעטראָגן, רחל — טאָ ווער, כ׳בעט דיר, וועט אונדז דאָ אַמאָל פאַרטרעטן ביי דער שווערער האָרעוואַניע ?...

נאָכן יינגלס אָוועקפליען, איז אַלעמאָל הענגען געבליבן אַ פוסטקייט; אין זייער קליינעם צריף, מיטן איינציקן בעט, מיטן סטאַנדאַרטן, ביליקן מעבל, איז העגגען געבליבן צפּעס אַן אומעט. די ווענט — נאַקעט, דער פענצטער — פאַרצויגן מיט דער דראָטן־נעץ פאַר די אינזעקטן זומער־צייט, האָט אַרויסגעקוקט צום שניי־באַדעקטן חרמון. דאָס יינגל איז, ווי געוויינלעך, מער נישט געקומען צולויפן פאַרנאַכט, אַ פאַרפלאַמטער, פון זיינע שפּילערייען, פון קינדער־הויז, צוצופאַלן צו טאַטע־מאַמע. מ׳האָט געזען, אַז רחל געפינט זיך ממש קיין אָרט נישט. זי האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אבנרן.

ווי וויט דאָס אַלץ איז שוין געווען ! ס׳איז געווען איינמאָל, אין יענע ערשטע יאָרן פון די פלאַמיקע, עקזאַטישע הויראַטענץ, אין די שטורנדיקע, לעבלעכע נעכט פון עמק. מער קיין געמיט איז שוין נישט געווען — די שווערע האָרעוואַניע, דאָס האַרטע, אומבאַקוועמע לעבן. אויך האָט דאָס יינגל שווער זיך געהאָדעוועט, ער איז געווען אַ קרענקלעכער, אַ בלייכינקער. וויפל נעכט האָט זי נישט פאַרברענגט ביי זיין בעטל אין קינדער־הויז ! און ס׳איז איר נישט איין מאָל געקומען אויפן געדאַנק, אַז ס׳איז אפשר געווען אַ מאָדנע קרייציקונג פון צוויי צופיל רואיקע נאַטורן; און — דאָס, וואָס זי האָט נאָך יאָרנלאַנג געדענקט עפּעס אַ בחורל, מיט לאַנגע האָר, מיט צוויקערס, אין יענע שטעטלעך אין פוילן; ער האָט זי דאָרט אַוודאי איינמאָל אַ קוש געגעבן אויך. אָבער אין אַ געוויסע עלטער האָט זי דערפילט, אַז ס׳וואָלט ליב געווען נאָך אַמאָל צו פילן אויף די הענט די צאַפלדיקע וואַרעמקייט פון אַ קינד, צו ניאַנטשען עס. דעמאָלט זענען זיי שוין אָבער געווען אַזוי ווי אָפּגעפרעמדט. אַלץ האָט אויסגעזען גרוי, איינטאָניק, גאָרנישט מער צו אַנטדעקן. צי איז דען אינטערעסאַנט צו לעבן אָן אילוזיעס, אָן דערוואַרטונגען ? טאָג־טעגלעכע, גרויע קלייניקייטן. וואָלט ער כאָטש געווען אַ מיידל, אבנר, האָט זיך איר געדוכט, מיט אַן אונטערוואַקסנדיק מיידל וואָלט זי זיך געפילט מער אינטימער. זי וואָלט איר געקענט איבערגעבן עפּעס פון אירע אייגענע, נישט־אויסגעלעבטע טרוימען, פון איר יוגנט, וואָס האָט זיך אַזוי שנעל און אַזוי נאַריש פאַרענדיקט...

אַלעמאָל, פאַרנאַכט־צייט, האָט דוב דערפילט איר אומרו און ער האָט געפרווט זי צו מונטערן, רחלען :

— וואָלסט נישט אַמאָל אַ פּאָר געגעבן אַביסל קיין תּל־אָביב אויף אַ שבת, אַריינכאַפּן זיך זען „בערבות הנגב" אין דער „הבימה" ?

— מען זאָגט, אַז אין תּל־אָביב איז לעצטנס, מיט די פּריש־אָנגעפּאָרענע, פּונקט ווי אין דער היים — האָט זי געקוקט אין ביליקן וואַנט־שפּיגעלע און אָוועקגענומען די גרויליקע פּאַסמע האָר פון איבערן זון־ און ווינט־צעאַקערטן שטערן — ס׳זיצט דאָרט אַן עולם פּוסט און פּאַס אויף די טעראַסן, אין די קאַפייען, און מען ציט פון אַ שטרויעלע אָראַנזשן־זאַפט... פון וואָס, כ׳בעט דיר, לעבן זיי, די אַלע ?

— וואָס פאַרשטייסטו נישט ? מען דרייט, מען האַנדלט, מען וואַנדלט... די באַלעוורקעס... אומעטום ברענגען זיי מיט זיך די באַלעווקעס... און מיר זענען אַלעמאָל געווען ביי די־אַ — נאַראָנים... סאָציאַליזם, הערסטו... זיי לאַכן זיך אויס !...

מער האָט זי נישט איבערגעפרעגט. זי איז מיד געווען. אַ לאַנגע צייט איז זי נישט געפאָרן, נישט קיין חיפה, נישט קיין תּל־אָביב. אָבער אַמאָל, אויף אַ יום־טוב, האָט זי זיך יאָ געפּרווט אָפּצורייסן און אַריינכאַפּן זיך אויף אַ טאָג־צוויי אין שטאָט אַריין. ווי האָט זי דען דאָרט אויסגעזען מיט אירע אָפּגעטראָגענע און אָפּגעבליאַקעוועטע קליידלעך, מיט אירע אויסגעדרייטע שיך ? זי האָט געפּלעגט צוריקקומען נאָכמער שווייגנדיקער, ווי פריער.

— מער פאָר איך נישט! — האָט זי קורץ אָפּגעהאַקט.

— זעסטו דען נישט — האָט ער גערעדט געלאַסן, דוב — אַז ס׳איז דאָ אומבאַמערקט אויסגעוואַקסן ביי אונדז אַ נייער שיכט ? אין די קיבוצים — דאָס זעלבע. אַ נייער קלאַס, אַז מען וויל. מען האָט זיך עס גאָר אַנדערש פאָרגעשטעלט אין יענע יאָרן, אין די עקסטאַטישע הויראַ־טענץ... שליחים, פּקידים, באַאַמטע, מיניסטאָרן. נאָך יעדער רייזע איז שווער צוריקצוקערן זיך צו דער טוריע אין פּרדס, צום טראַקטאָר אין פעלד.

זייער דעמאָקראַטישע פּקידים, שליחים, מיניסטאָרן. אויף אַ שבת האָבן זיי זיך אַמאָל אַראָפּגעכאַפּט אַהער אין קיבוץ אַריין, אָפּגעלאַנגווײַליקט זיך דעם טאָג, געזעסן צוזאַמען מיט זיי ביים טיש אין חדר־האוכל, אַריינגעקומען צו עמיצן אין צריף, געזעסן אַביסל אויף דער קליינער וועראַנדע, אָבער דער קאָפּ האָט זיי שוין געטראָגן ערגעץ אַנדערש. באַלד אויף צומאָרגנס האָט מען זיך שנעל אָפּגעזעגנט, צוריקגעכאַפּט זיך אין שטאָט אַריין, געלאָזן זיך ווייזן אין קאָמיסיעס, אין אונטער־קאָמיסיעס, געפאָרן אין אָפיציעלע שליחותן קיין אויסלאַנד. ס׳איז מער נישט געווען די צייט, ווען די אַלע מיניסטאָרן און הויכע מלוכה־לייט זענען דאָ, מיט זיי צוזאַמען, אַרומגעקראָכן אין די קורצע הויזן, אין די העמדלעך, געטריקנט זומפּן, פאַרזעצט ביימלעך אין די זאַמדן, געקראָכן אויף די רושטאָוואַניעס פון בנין, געלייגט שטיינער אויפן כביש. ס׳האָבן זיך דאָרט מיט־אַריינגעכאַפּט אין די הויכע אַמטן ווייטע, אָפּגעפרעמדטע, חשודיקע יידן, וואָס האָבן זיך אַלע יאָרן מיטגעדרייט אין די קוליסן פון אַלע אינטערנאַציאָנאַלע פעלקער־אימפּרעזעס; יידן מיט פאַרבינדונגען צווישן פינאַנסיסטן, קאָלאָניאַליסטן, אינדוסטריעלער. זיי רעדן עפּעס אַ נייע שפּראַך, אַז

אַפּיציעלע; אַפילו דער זעלבער בן־יוסף, דער אַגראָנאָם, וואָס האָט זיך דאָ פריער, דוכט זיך, מיט גאָרנישט באַזונדערס אויסגעטיילט.

— דאָס לאַנד נויטיקט זיך אין אויסלענדישע קאַפּיטאַלן... — האָט ער פלוצים גענומען רעדן וויכטיק, מיט אַ באַסל — אַ נייע אינדוסטריע... איבערוואַרפן זיך אויף אַנדערע רעלסן...

— אָבער עפּעס אַנדערש — האָט אים דוב אָנגעקוקט מיט חידוש — איז געווען אין די ביכלעך, אין די בראָשורן, אין די פריערדיקע רעדעס וועגן בויען אַ סאָציאַליסטיש ארץ־ישראל...

ס'איז נישט געווען מער דער זעלבער בן־יוסף. פריער איז ער דאָ געווען אַן אַגראָנאָם, אַ גערטנער, איז אַרומגעקראָכן אין די טיפע, פאַרבלאָטיקטע גומי־שטיוול איבער די פעלדער, אין פּרדס, אין תבואה־סקלאַד. עפּעס אַ נייע הויט איז אָנגעוואַקסן אויף אים; כאָטש אַריינכאַפּנדיק זיך אַהער אויף אַ שבת, האָט ער פונדעסטוועגן דעם קראַוואַט אַראָפּגעוואָרפן, געטראָגן אַ צעשפּיליעט העמדל, ווי זיי אַלע דאָ.

— נו, וואָס, דוב ? — האָט ער אים אָפּגעשטעלט ביים אַריינגאַנג צום חדר־האוכל און נאָכגעפרעגט זיך פאַראינטערעסירט — מען לאַנגווייליקט זיך דאָ צוביסלעך... אַ ? ווייסט וואָס כ'וועל דיר זאָגן ? אַז לויט דער נייער ליניע פון אונדזער מלוכה־לעבן, איז עס, דוכט זיך מיר, מער קיין תכלית נישט, ניין. מיר דאַרפן אַצינד קאַפּיטאַלן... אַן אינדוסטריע... פאַבריק־קוממענס... — און ער האָט זיך צעזונגען — וואָס ווערט אונדז, נאָך אַלעמען, געבן דאָס ביסל ירקות ? אַז אויסהאַדעווען אַ טאָמאַט קאָסט ביי אונדז אַ סך טייערער, ווי אַן אַריינגעפירטער. נישקשה, מיר וועלן שוין פּועלן, אַז די אַראַבישע שכנים זאָלן זיך מיט אונדז איבערבעטן... גרינוואַרג קענען זיי אונדז גענוג ליפערן און מיר וועלן זיי דערפאַר באַדינען מיט אַלעם נויטיקן פון אונדזערע פאַבריקן פאַר הצר ווירטשאַפט. טו, למשל, אַ טראַכט — דער גאַנצער נאָענטער מזרח באַשטייט, איינגעטלעך, פון האַלב־אָפּגעשטאַנענע שבטים, די מער'סטע פון זיי גראַבלען נאָך מיט אַ פרימיטיוון האָלץ־אַקער די ערד, לאָזן נאָכשלעפן זיך די ווייבער הינטערן איזעלע, אָדער טרייבן זיך אַרום אין די סטעפּעס, צווישן די געבערג, מיטן ביסל שאָף. נישקשה, דאָס, וואָס אַנדערע האָבן באַוויזן, קענען מיר אויך באַווייזן. מיר האָבן אַ טיפן גלויבן אין יידישער ענערגיע...

ער איז געשטאַנען און האָט אים אָנגעקוקט. אפשר נישט אומזיסט, האָט ער זיך דערמאָנט, דוב, וואָס אַליין שטאַמט ער פון אַ מיטעלער אינדוסטריע־שטאָט אין פּוילן, אַז זיין טאַטע איז געווען אַ קליינער, פאַראָרעמטער פאַבריקאַנט; און כאָטש ער האָט אַמאָל אַזויפיל געשאַטן פעך און שוועבל אויפן יידישן לופט־מענטש, אויפן יידישן קליינבירגער, אויפן מנחם־מענדל, איז צוריקגעקומען צו אים עפּעס פון זיין אייגענעם פאָטער. פון זיין פלאַמיקער טשופרינע איז פאַרבליבן נישט מער ווי אַ געדעכעניש.

— און מיר דוכט זיך, בן־יוסף, אַז איצט איז — אָדער מיר, אָדער — זיי... דו הערסט ? זיי קומען דאָ אַהער, די אַמעריקאַנער געלט־מענטשן, טוען אַ קוק, אַ שמעק, באַטראַכטן אונדזערע אויפטוען, וואָס האָבן געקאָסט חלוצישע, פּיאָנערישע

מי, שוויס, לעבנס, און זאָגן : גוט, גוט... אָבער וואָס טראַכטן זיי זיך דען ביי זיך ? „אַריינליגן קאַפּיטאַלן צו אַט דער באַרוועסער חברה, וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט און לעבט אין „קאָמוניסטישע קאָלכאָזן" ?... די ראַפינעריעס ביי חיפה, די פּאַטאַש־עקספּלואַטאַציעס פון ים־המלח — דאָס יאָ. וואָס טוען זיי דען, צו שיקן די פרישע עולים אין קיבוץ אַריק ? ס'פעלן ביי אונדז אַרבעטס־הענט. זיי אינטערעסירט אָבער די פּריוואַטע איניציאַטיוו, מיר ווייסן. שלימזלען און בטלנים זענען מיר אין זייערע אויגן. אַט זאָגסטו דאָך אַליין... האָבן דאָך די פּריוואַטע קאָלאָניסטן פון די פּרדסים אין פּתח־תקוה, רחובות און ראשון־לציון קליגער געטון — זיי האָבן באַלד געצויגן פאַר־זיך. מיר האָבן אָבער אַריינגעלייגט ענערגיע טויזנט מאָל מער, ווי אויפצובויען פּריוואַטע היימען. דאָס לאַנד האָבן מ י ר באַלעבט, באַפּעלקערט און אויפגעבויט...

יאָ, דער חשבון האָט עפּעס מער נישט געשטימט. ס'רעדט זיך נאָר אַזוי לייכט אָפּ : אַוועקגיין... די זיסע האַרעוואַניע פון יעדן אויסגעטראָטענעם שטעגעלע, פון יעדן פאַרפּלאַנצטן ביימל, פון די אָנגעוואַלגערטע באַריקאַדן און טיפע ערד־בונקערס, ווען די סיריער האָבן זיי דאָ באַשאָסן.

3.

איבערגענעכטיקט אין דער פּרעמדער, אויסגעלאָשענער שטאָט, אויף די אָנגעוואַלגערטע זעקלעך זאַמד, אין אַן אויפגעבראָכענעם גאַראַזש, צוזאַמען מיט די סאָלדאַטן און היימלאָזע, איז דוב באַגינען אַרויס אויף דער צענטראַלער גאַס און זיך געלאָזן גיין אויפזוכן די געביידע, וואָס עס האָט פאַרנומען דער מושל־צבאי (מיליטערישער גובערנער). לויט זענען נאָך איז שטאָט געווען ווינציק, ס'רוב סאָלדאַטן. די פלינקע אַמעריקאַנער דזשיפּס און שווערע לאַסט־וועגן, אויף קייטן־רעדער, האָבן זיך איינגעשניטן אין שלעכט־געפּלאַסטערטן ברוק, אַרום פּלאַץ, פאַרן מעטשעט. דער מעטשעט, פון אַ געלן מדבר־קאָליר, איז שטיק געבליבן אַ פאַרלאָזענער, מיט אויסגעזעצטע שויבן, מיט קאַרבן פון קוילן־סעריעס, אַרומגעלייגט מיט זעקלעך זאַמד, מיט בערג זשאַווערדיקן שטעכל־דראָט; ווייל דאָ, אין העכערן טייל שטאָט, וואָס דאָמינירט די וויסטע אומגעגנט, און אויפן טורעמל פון מעטשעט איז, זעט אויס, פריער געווען אַ וויכטיקער אויסקוק־פונקט, אַ באַפעסטיקטע פּאָזיציע, נישט לייכט צו דעראָבערן. פון מעטשעט און פון די משטרה־געביידן, קעגנאיבער, האָט מען אויך געקענט לייכט קאָנטראָלירן דעם הויפּט־שאָסיי, פאַרלוירן צווישן די זאַמדן. ווי אומעטום אין לאַנד, איז די משטרה געווען געבויט ווי אַ פעסטונג, מאַסיוו, פּירעקיק, מיט העכער איבער העכער, מיט הויכע ווענט, מיט טורעמלעך און שיס־לעכער, מיט גראָבנס און בריקלעך. אַזוי האָבן זיי דאָ אומעטום געבויט, די ענגלענדער.

ציענדיק מיטן שאַסיי, לענגאויס די בלינדע, צעשאָסענע ווענט, מיט אויטאָבוסן, מיט אַלטע מאַשינעס, זענען זיך דאָ יעדן טאָג אָנגעפאָרן פרישע לייט. זיי האָבן געצויגן אַהער פון אַלע ווינקלען לאַנד; ס׳רוב אַזעלכע, וואָס האָבן נאָר־וואָס פאַראַנקערט ביי די ברעגן, אויף די וויסטע פּלאַזשעס, מיט די אומלעגאַלע פּליטים־שיפלעך — פון מאַרסייל, פון גענוא, פון ציפּערן, מיטן „עקזאָדוס״; פּלינקע, אויסגעקאָכטע ייִדן, וואָס זענען פון די לאַגערן אין דייטשלאַנד אַוודאי אויך נישט אַראָפּגעקומען אינגאַנצן מיט קיין לייִדיקע הענט. זיי האָבן דאָרט איבערגעלאָזן די זאַמל־פּונקטן, די איבערגעפּאַקטע מעברות, אַרום תל־אָביב, אַרום חיפה, איבערגעלאָזן די גליקן, וואָס מ׳האָט זיי דאָרט צוגעזאָגט, און אַראָפּגעכאַפּט זיך אַהער אַ שמעק טון, אַ נישטער טון; אָנגעלאָפן אַהער באַצייטנס צו פאַרנעמען אַ לייִדיק הויז; פּונקט אַזוי ווי די פּלינקערע האָבן עס געטון דאָרטן, אַרום די רוישיקע, קאָמפּאַקטע פאָרשטעט פון תל־אָביב, אין יפו און אין חיפה, באַלד ווי ס׳איז אויסגעבראָכן די בהלה. טייל האָט דאָ אָבער אָפּגעשראָקן די ווילדעניש, דער חורבן און זיי זענען באַצייטנס צוריק אַוועק צו די רוישיקע שטעט אין צפון, צו די מסחרימלעך, לופט־געשעפטן און אומזיסטע קיכן.

פון פאַרנט, צום שאָסיי־אַרויס, האָבן די פריש־אָנגעלאָפענע אייניקן געלאָזן אויסהאַקן אַ טיר, אַ פענצטער, אויפגעמאַכט אַ קליינעם רעסטאָראַן, אַ קאַפע, אַ גזוז־געוועלבל, אַ שפּייז־געוועלבל. מענטשן פון אַרבעט האָבן אויפגעמאַכט אַ וועשעריי, אַ גאַראַזש, צו פאַריכטן אַלטע מאַשינעס, אַ היימישע בעקעריי. זיי האָבן שוין אונטערגעהאַנדלט מיט די סאָלדאַטן, מיט די בעדואינער, וואָס זענען געקומען אַנצוציען כמאַרעסווייז אויף די נידעריקע איזעלעך פון סטעפּ, אויף קעמלען, אויף די פערדלעך פון אַ קליינער, אָבער הייסער ראַסע. מיט זיי האָט מען באַלד געכאַפּט ווי צו פאַרשטענדיקן זיך אויף שטום־לשון, אויף די פינגער, מיט אַ פּאָר ווערטער ענגליש, אָדער העבעראַיש. די בעדואינער האָבן אונטער זייערע לאַנגע כאַלאַטן אָנגעבראַכט געבונדענע שעפּסן, עופות, האָבן באַלאַגערט די געוועלבלעך, ווי די ציגיינער, זענען געווען אויסגעזעצט, צוזאַמען מיט די ווייבער און קינדער אויף דר׳ערד. די אָנגעבונדענע איזלטעס האָבן געהירזשעט, ס׳איז אַרום זיי געשטאַנען אַ געשריי פון קאָלירן און פון קולות. אַלץ האָבן זיי געקויפט.

פּלינקע ייִדן האָבן שוין געקוקט נאָך ווייטער, גאַנץ ווייט. זיי האָבן שוין דאָ גערעדט די אַנטדעקטע נאַטור־אוצרות פון נגב, פון ים־המלח; זיי האָבן שוין דאָ אַפילו גערעדט דעם סטראַטעגישן וועג, די סטראַטעגישע אַעראָדראָמען פאַר קומענדיקע מלחמות — אין אַט דעם נעוראַלגישן פּונקט פון נאָענטן מזרח. זיי האָבן זיך אַוודאי ערגעץ געהאַט אָנגעלייענט מיט די אַוואַנטוריסטישע באַשרייבונגען, מיט וואָס פאַראַ טעמפּאָ עס זענען דאָרטן, אין די אַמעריקעס, איבער־נאַכט, אויפגעשטאַנען מיליאָניקע רייך־שטעט, נאָענט ביי די גאָלד־אָדערן, ביי די קוילן־מינעס און נאַפּטקוואַלן. מאַלע וואָס זייער פאַנטאַזיע האָט זיי אַלץ נישט אויסגעמאָלט...

צום קילן אויפנעם־זאַל, אין אַראַבישן הויז, געבויט אין ווייסן קיזל־שטיין, וואָס איז באַזעצט געווען פון „מושל צבאי״ און פון זיין אַפּאַראַט, האָט דוב זיך קוים דער־

שפּאַרט ערשט אַרום מיטאָג־צייט. אַ מאַסע אינטערעסאַנטן האָבן באַלאַגערט די טירן. דער וואַך־סאָלדאַט האָט אַריינגעלאָזן איינציקווייז. דער „מושל צבאי" — דאָס איז געווען אַ פּשוטער בחור פון אַ קיבוץ אין עמק. ער האָט דורכגעמאַכט די קאַמפּן מיטן פּלמ״ח, איז עטלעכע מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן. דוב האָט אים באַלד דערקענט. ער האָט נאָך אַפּילו געקענט דעם טאַטן זיינעם, וואָס איז אומגעקומען בעת די אַראַבישע איבערפאַלן אין 1936. דער בחור האָט געטראָגן געדיכטע, ברוינלעכע וואָנסן, אויפן שטייגער פון די ענגלענדער, אַ באַגאַן ביי דער זייט, און האָט אויפגענומען דובן זיצנדיק אויף אַ שפּיץ טיש, די לאַנגע פיס זיינע אַוועקגעוואָרפן אויפן אָנלען פון אַ פאָטעל.

— חבר דוב... — איז דער „מושל צבאי" געווען איבערראַשט, ווייל ווער אין לאַנד האָט נישט געקענט דובן ? — וואָס טוסטו דאָ פּלוצים, אין מיין גבול ?...

— די „סולל בונה" האָט מיך אַהערגעשיקט — האָט ער אים בקיצור דערציילט, דעם בחור — כ׳דאַרף אַן אָרט, ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

— אַלץ איז דאָ נאָך אין ווערן. טו ווי אַלע טוען : נעם ס׳ערשטע בעסטע הויז, הענג אַרויף אַ שלעסל, זאָג, ס׳איז דיינס און פּטור...

האָט ער אַזוי געטון. נאָר פריער האָט זיך דוב אַריבערגעכאַפּט אין דער טומלדיקער לשכה פון „סולל בונה", און האָט שוין דאָרט געטראָפן לייבעלע רומי, אַ צעקאָכטן, צוגעקלעפּט צום טעלעפאָן־טרייבל.

— אַ סעקונדע, דוב... — האָט ער זיך ערשט דערנאָך געכאַפּט, אַז ער שטייט שוין דאָ הינטערן באַריערל אַ היפּשע ווילע — די וואַסער־רערן הייבן שוין אָן אָנצוקומען. זיי ווערן געלייגט ווערן אין אַ זייט פון אויסגעברייטערטן שאָסיי. כ׳מיין, אַז אויף דיר קען מען זיך פאַרלאָזן. וואַרט... אַללאַ... מלוכהשע אַרבעטן, פאַרשטייסט ? מיר וועלן נאָך באַזונדער רעדן וועגן די לוין־פּרייזן... מען וועט צאָלן, אָבער מען וועט פאָדערן אַרבעט...

— נישט איך וועל עמיצן אונטערטרייבן מיט אייער אַראַבישן „יאַללאַ" — האָט אים דוב גלייך אויפן אָרט פאַרזיכערט — דאָס פאַרשטייסטו דאָך אַליין...

מען איז טאַקע באַלד אַרויסגעפאָרן מיט דער קליינער לאַסט־מאַשין צום כביש. ס׳איז געווען אַן אָפּגעלעגן אָרט, אַ קילאָמעטער פופצן דרום־מערב פון דער שטאָט. אויפן גאַנצן וועג, לענגאויס די איבערגעריסענע טעלעגראַפן־דראָטן, זענען שוין געווען אויסגעלייגט קופּעס שטיינער, פעסער סמאָלע, רערן, אַן ערך זיבעציק צענטימעטער אין דיאַמעטער. עטלעכע פּועלים האָבן צונויפגעקלאַפּט פון ברעטער און געקאַרבטע בלעכן דאָס געצייג־ביידל, אַוועקגעשטעלט די באַריערן מיט די רויטע וואָרן־פענדלעך, מיט די פאָספאָר־לאַמטערלעך פאַר די ביינאַכטיקע פאָרער, און אַן אינזשיניער מיט געהילפן האָט שוין, ערגעץ ווייט אין סטעפּ, געמאָסטן דעם ניוואָ פון די שטחים.

ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אַלטע שטיקל שאָסיי טויג צו גאָרנישט. די

פיאַשן האָבן שווער אויסגעהאַקט פון דער פאַרהאַרטעוועטער ערד די צעמאַלענע קיזל־שטיינדלעך. צום לייגן וואַסער־רערן האָט זיך דערפאַר דער באָדן, לענגאויס דעם שטיקל כביש, נאָך די ווינטערדיקע רעגנס, אַ ביסל לייכטער געלאָזן אויסהאַקן. די ערד איז דאָ געווען אַ רויטלעכע אין דער טיף, אַ לײמיקע, דורכגעוואַקסן מיט פּאַראַזיטישע וואָרצלען. מיטאָג האָט מען געגעסן, צעזעצט הינטערן אויפגעשטעל־טן באַראַק. דער וואַרעמער ווינט פון סטעפּ האָט אָנגעיאָגט אַ דינעם זאַמד־שטויב אין די אויגן אַריין.

— מ׳האָט אונדז צוריקגעפירט אין מדבר אַריין און פּטור... — האָט אַ פּועל גע־לאַכט, פונאַנדערגעלייגט אויף די קני אַ נעכטיקן „דבר”, וווּ ער האָט געהאַלטן איינ־געוויקלט זיין גאַנצן מיטאָג: צוויי טאָמאַטן, אַ פּאָר אַליוון און אַ שטיקל ברויט, דין אָנגעשמירט מיט מאַרגאַרין.

— אַ פונט אַכציק אַ טאָג און רעד אים נאָך העברעאיש... — האָט אַ פּריש־גע־קומענער, אַ פאַרוואַקסענער, הערשטיקט אַ ביטערן שמייכל צווישן די ציין — אַנדערש, זאָגט ער, וויל ער נישט...

פאַרנאַכט, נאָך דער אַרבעט, האָבן זיך אַלע צונויפגעטראָפן אַרום די זשומענ־דיקע טישלעך אין „מטבחי הפועלים” (אַרבעטער־קיך) ביי דער „הסתדרות”. די עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס זענען נאָך געווען איבערגעריסן און ס׳איז דאָרט גע־ווען אַ ביסל פינצטערלעך פון די אָנגעשטעלטע, קאָפּטשענדיקע נאַפט־לאָמפּן. לייבעלע רומי איז דאָ אַריינגעפאַלן מיט זיין לעדערנער וועסט, מיט זיין טעקע, מיט די אַר־בעטס־פּלענער און מעסט־מכשירים. מ׳האָט דאָ געגעסן דעם אָרעמלעכן מאָלצייט פאַר קאַרגע פינף־און־צוואַנציק פּיאַסטער. יעדער איינער האָט זיך אונטערגעאײלט, וואָס גיכער אויסקצוואַרפן די מידע ביינער, וויל באַלד באַגינען האָט מען שוין ווידער באַדאַרפט שטיין אויף די פיס.

אין פינצטערן הויז האָט ער זיך אַליין געפּאָרעט, דוב, אויפגעהאָנגען אויף אַ טשוואָק דעם נאַפט־לאָמפּ; אויפן פענצטער־ברעט, פאַרקלאַפּט מיט בלעכן פון „שעל”־בענזין, האָט ער געלאָזן רוישן דעם „פּרימוס”, געקאָכט זיך אַ גלאָז טיי, געזעסן און פאַרלאַטעט, מיט אָנגעזאָטלטע שפּאַקולן אויף דער נאָז, די צעריסענע הויזן, דאָס רעקל און איז נישט געווען אומצופרידן פון דער אַליינקייט. פאַרקערט. אויפן הויכן, ליידיקן סופיט האָט זיך אומגעוויגט זיין אומגעלומפּערטער שאָטן. דער מענטש פון קיבוץ, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף דער נאַקעטער לאַנדשאַפט, האָט זיך אומעטום אַליין אויך גאַנץ גוט געקענט אן עצה געבן. אַ דאַר פעלד־בעטל האָט ער זיך דאָ איינגעשאַפט, אַ קאָלדרע, אויפגעשטעלט אַ שענקל פון אַ פּאָר מאַראַנצן־קעסטלעך און האָט זיך ביז שפּעטלעך געבלענדט די אויגן איבער די פאַך־זשורנאַלן, פאַרטיפט זיך אין די וויסנשאַפטלעכע ביכער. אים האָט אינטערעסירט יעדע מינדסטע פּראַקטישע אָנווענדונג פון באַוואַסערונג און גאָרטנזאַרג, די קריציקונגען פון פּרוכטן־ביימער, לויט מיטשורינען, די נייע מע־טאָדן אין דער קאַנאַליזאַציע, בכלל אין דער בוי־אַרבעט. אַזאַ לעבן האָט אים נישט אָפּגעשראָקן. ער איז געוווינט געווען דערצו נאָך פון יענע ערשטע ביטערע

פאַר יאָר אין לאַנד, פון דיביידלעך אין שמייסנדיקן רעגן אויפן נאַקעטן פעלז. אין די טויבע נעסט, ווען די שטילקייט קלינגט איבער דער אויסגעשטאָרבענער שטאָט אין ווילדן סטעפּ, ווען דער לינדער ווינט פון בראשית באַוועגט קוים די קרוינען פון די פּאַלמען און ציפּרעסן, איז דער שכל קלאָר און ס'לאָזט זיך ווייט באַטראַכטן.

אַ פאַרטייַטע קילקייט האָט געהערשט אונטערן הויכן געוועלב, אויפגעהויבן זיך פון פּאַרקעט, אויסגעלייגט מיט קאָלירקע מאָזאַאיק־שטיינדלעך, אין שיינע אַראַבעסקן־מוסטערן, אונטער די פיס. ס'איז געווען אַ קאָלאָנען־זאַל פון איינעם אַ זייער רייכן אַראַבישן עפענדי, אַוודאי; ער האָט דאָ מסתמא געוועלטיקט איבער די אָרעמע פעלאַכן פון די קליינע אָאַזיסן אַרום, איבער די בעדואינער פון מדבר און איבער די ווייבער אין דער באַלעבאַטישקייט. ס'איז פונדעסטוועגן מאָדנע — האָט ער ווייט באַטראַכט — מיר זענען אַראָפּגעקומען אַהער פון די טומלדיקע שטעט אין איראָפּע, מיט אונדזער אומרו, מיט אונדזער ווילדער ענערגיע, און צעשטערט זיי דעם רואיקן, טויזנט־יאָריקן דרעמל. צי זענען זיי, פרעגט זיך, נישט גליקלעכער געווען פריער, צו חלומען דאָ, אונטער די קילע, הויכע געוועלבן, הינטער פאַרשפּאַרטע לאָדן, ווען אין דרויסן באַקט די זון פון באַכמיטאָג? צי זענען זיי אַמאָל נישט גליקלעכער געווען מיטן סטעפּ און מיטן מדבר? „קולטור"... „ציוויליזאַציע"... — דאָס זענען, נאָך אַלעמען, געווען נישט מער ווי צבועקישע פראַזן אין מויל פון די קאָלאָניאַליסטן. זיי האָבן צוערשט געשיקט דעם מיסיאָנער מיטן צלם, דערנאָך זענען זיי אַליין געקומען מיטן אַלקאָהאָל, מיטן אָפּיום און... מיטן מאַשין־געווער; אָבער מיר — נישט ווי קאָלאָניאַליסטן זענען מיר געקומען אַהער. מיר זענען געקומען אַהער צו זיך, אויף שטענדיק. ווייל וווּ איז דען די באַשטענדיקע היים, אויב נישט דאָ? מ'האָט עס אונדז דען ווייניק געגעבן צו פאַרשטיין? דרום איז דאָ גענוג פאַר אַלעמען. אָבער צי דאַרפן מיר אַ סך נישט לערנען ביי זיי, וואָס לעבן שוין אונטער אָט די הויכע, טיף־בלויע הימלען, איך אָט די סוב־טראָפּישע קלימאַטישע באַדינגונגען זינט דורות? צי וועלן מיר מיט דער צייט אַליין נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַזאַ מין סטעפּ־שבטן? מיר זענען אַראָפּגעקומען אַהער מיט דער קאָכעדיקער ענערגיע פון די קאַלטע איראָפּעאישע לענדער, דערפאַר נוצן מיר זיך דאָ שנעל אויס. זייער אַ סך דערציִען קוים ביז פאַר די פופציק און בלייבן אינוואַלידן, מיט אויסגעברענטע כוחות. ווער וויל זיי דען דערנאָך נעמען צו אַן אַרבעט? די פרויען פון די קיבוצים זענען מערסטנס יונג פאַרוועלקט. זיי היטן זיך אויף נאָך שווערלעכער ווי די מאַנסלייט.

אין די זייטיקע חדרים האָט ער נאָך כמעט נישט געהאַט אַריינגעשמעקט. ער האָט זיי געלאָזן אַזוי שטיין פאַרהאַקט, זינט ווען ער האָט זיך אַריינגעצויגן אין דעם הויז. דאָרט האָבן זיך אוודאי ביים עפענדי אַרומגעדרייט די ווייבער זיינע — אַרום אויסגעטריקנטן באַסיין, הינטער די קאָלאָנאַדעס, אין קילן שאָטן פון די פאַרשטויבטע ציפּרעסן. איך אָט די אַלע פאַרקלאַפּטע טירן האָבן זיי מסתמא געוווינט מיט די קינדער זייערע. אַזויפיל טירן, אַזויפיל הינטער־טירן, אַזויפיל זיי־

טיקע, געדרייטע דורכגענג. אין די טויבע נעכט איז אים טיילמאָל באַפאַלן אַ ווייטער פּחד, ביי אַ ליאַדע סקריפּ פון אַ פענצטער־בלעך אין ווינט, כאָטש ער איז נישט געווען פון די שרעקעוודיקע.

דערנאָך איז אים איינגעפאַלן, אַז אפשר וועט אויך רחל אין איינעם אַ טאָג אַריבערקומען אַהער. וואָס־וואָס, נאָר דאָס הויז וועט איר אַוודאי געפעלן ווערן. אָבער זי איז נאָך אַלץ געווען פאַרביטערט, איינגעקשנט. זי איז שוין לאַנג נישט מסכים געווען מיט אים. זיי זענען, איז אים צום ערשטן מאָל איינגעפאַלן, בכלל צוויי באַזונדערע וועלטן, און ס׳איז אפשר אין אַלע פאַלן גלייכער, אַז מ׳איז אַ שטיקל צייט פון דער ווייטנס...

באַגינען, אין ראָזן זריחה־ליכט, האָט ער זיך געגאָלט און געוואַשן אונטערן קראַן אין אָפּגעשלאָסענעם הויפל, און האָט זיך אייביק געאיילט. ער האָט נאָך אַלץ קיין צייט נישט געהאַט גענוי אַרומצוקוקן זיך דאָ. די גאַסן האָבן נאָך דאָ אַפילו קיין נעמען נישט פאַרמאָגט, האָבן געטראָגן ציפערוויילעקע נומערן. זייך גאַס, אין אַ זייט פון דער הויפּט־אַרטעריע, איז געווען, למשל, די רחוב „ט״. בלינדערהייט האָט ער שוין אָוונט־צייט אַליין געטראָפן אַהער. ס׳איז געווען מאָדנע, די זייטיקע גאַסן אַרום האַלב־רונדן שוק, אַרום די קאָלאָנאַדעס פון דער קאַפע „אשל״, זענען גיך, אין משך פון געציילטע וואָכן, באַלעבט געוואָרן מיט אויפגעהאַקטע טירן און פענצטער, מיט אָפּגעווייסטע פאַסאַדן, מיט שילדן, מיט אַרונטערגעלאָזענע זון־דעכלעך. מען האָט שוין גענומען אויספאַריכטן די אַלטע, צעשאָסענע ווענט און לעכער, די איינגעפאַלענע געוועלב־סופיטן; ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס הויז, וואָס ער, דוב, פאַרנעמט אין אַ זייטיקער הינטער־גאַס, איז איצט שוין געווען כמעט אין סאַמע צענטער פון באַלעבטן האַנדלס־קוואַרטאַל, איבערהויפּט אין אָוונט, ווען אַלץ אַרום איז שוין פאַרגאָסן געווען מיט רווישיק עלעקטריש ליכט; פאַר די געוועלבער פון זיסוואַרג און דערפרישנדיקע געטראַנקען, איז אָוונט־צייט געווען דער געדיכטסטער שפּאַציר־גאַנג. די הויפּט־גאַס האָט געלויכטן מיט שיינע וויטרינעס, ס׳האָבן געלויכטן די לעמפּ איבערן סינעמאַ „עדן״, ווו מען האָט געוויזן עפּעס אַן אַמעריקאַנער גענגסטער־פילם. פון אַן אימפּראָוויזירטן קאַבאַרעט האָבן זיך געטראָגן אין דער טיפער נאַכט פון סטעפּ, אונטער די גרויסע שטערן, אַלטע ווינער וואַלסן וועגן בלויען דונאַי, פאַרבענקטע, הייס־בלוטיקע אַרגענטינער טאַנגאָס און די סענטימענטאַלע לידער פון די פּאַריזער שאַנסאָניערן. אין גרעלן, רויטלעכן ליכט, האָט מען געטאַנצט, ס׳רוב סאָלדאַטן און מיידלעך. עס זענען שוין דאָ אַפילו געווען געשלעגן און מעסער־שטעכערייען אין די הינטער־שטיבלעך, צווישן די מאַראָקאַנער יידן מיט די איראַקישע, מיט די סירישע, און פּאָליציי איז געקומען אינטערווענירן.

און דאָס הויז, וואָס דוב האָט פאַרנומען, איז דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען פאַרהאַקט, מיטן אָנגעהאַנגענעם שלעסל אויף דער טיר. אַ הויכע שטיג האָט געפירט צום גאַניק. דער קליינער קופּאָל איבערן פלאַכן דאַך האָט זיך קוים געשאָטנט צווישן די עטלעכע פאַרשטויבטע פאַלמען און ציפּרעסן. אין דער נידער איז אויך געווען

אַן אַריינפֿאָר פֿאַר אַן אייגענעם אויטאָ. פּלינקע ייִדן, ספֿרדישע און פּוילישע, זענען עטלעכע מאָל שוין געקומען קלאַפּן ביי אים אין דער צוגעשלאָסענער טיר. זיי האָבן אים אָבער קיינמאָל ביי־טאָג נישט געטראָפֿן. די שכנים, ביי וועלכע זיי האָבן זיך נאָכגעפֿרעגט, האָבן דערציילט, אַז ער קערט זיך אום שפּעט פֿון דער אַרבעט ביים כביש; אַז ס׳איז עפּעס אַ ייִד פֿון אַ קיבוץ; ער וווינט דאָ איינער אַליין, און פֿאַרנעמט דאָס גאַנצע רחבותדיקע הויז.

און איך שטאָט זענען שוין אָנגעגאַנגען ווילדע שפּעקולאַציעס מיט דירות. מען האָט שוין געצאָלט צו עטלעכע הונדערט פֿונט, און פֿאַר אַן אָפֿענער טיר צום דרויסן — נאָך טייערער. צום „מושל צבאי״ זענען געקומען ביטעס, אָנקלאַגעס; עס זענען געקומען מענטשן מיט פּראָטעקציע פֿון ווילדע פּערזענלעכקייטן איך דער רעגירונג, מיט פֿאַרשיידענע פּאַפּירלעך און באַשטעטיקונגען פֿון דער אַרמיי, אַז זיי האָבן זיך געשלאָגן פֿאַרן לאַנד, אַז זיי זענען דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, מאַרטירער פֿון די לאַגערן, וכדומה.

אַ נייער ערב־רב, וואָס די נאָך־מלחמה־עליה, דער עיקר טאַקע די מלחמה גופֿא, האָט אָנגעבראַכט צו די ברעגן פֿון לאַנד; דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן, מיטל־ אַפֿריקע, וואָס האָבן געזוכט אַרבעט און נישט געפֿונען, האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט אין זייער האַלב־מיליטערישער הלבשה, פֿאַרפֿולט די קליינע, זייטיקע, אַנגערויכערטע קאַפֿייען, די קאַבאַרעטן. טייל זענען געשלאָפֿן אויף די אָפֿענע בוי־שטעלעס, אין די אויטאָבוסן־סטאַציעס. עס זענען שוין געווען פֿאַלן פֿון רויבערייען, פֿאַרגוואַלטיקונגען; וועגן איינברוכן און גנבֿות האָט די ציישונג־כראָניק זייער אָפֿט געבראַכט; אויף אַלע עפֿנטלעכע פּלעצער, אין די אויטאָבוסן, אויף די סטאַציעס, ווו ס׳איז אַלעמאָל אַ גרויס געדרענג, זענען געווען צעקלעפּט אילוסטרירטע אַפֿישן, מען זאָל זיך זען צו היטן פֿאַר די קעשענע־גנבֿים, די „כייסים״. עס האָבן זיך אַרומגעדרייט אויסגעוואָרצלטע, דעקלאַסירטע אינטעלעקטועלע און מענטשן פֿון אַלע מעגלעכע פֿרייע פּראָפֿעסיעס, געקומענע פֿון אַלע לענדער אין אייראָפּע. דאָס לאַנד האָט גאָרנישט באַדאַרפֿט צו האָבן אַזוי־פֿיל גאַליציאַנער דאָקטוירים און אַדוואָקאַטן, וואַרשעווער אינזשעניערן, בערלינער גימנאַזיאַל־פּראָפֿעסאָרן, ווינער און בודאַפּעשטער מוזיקער. זיי האָבן אָפּגעקלאַפּט די טירן פֿון אַלע טעאַטערן, אָנגעבאָטן זייערע הויכע קוואַליפֿיקאַציעס אין אַלע שפּראַכן, וואָס פֿאַרבלאָנדזשעטע ייִדן האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון אייראָפּע.

— עבֿרית! עבֿרית! — האָט מען ביי זיי דאָרט אומעטום האַרב געפֿאָדערט און שנעל אָפּגעפּטרט זיי — לערנט איך קודם אויס אַ ביסל עבֿרית!... דערנאָך וועט מען שוין זען... אפֿשר וועט זיך עפּעס מאַכן...

אַמשווערסטן איז די דייטשע ייִדן אָנגעקומען אויסצולערנען זיך אַ פּאָר ווערטער עבֿרית. עפּעס האָט זיך די צונג ביי זיי נישט געלייגט; מ׳האָט זיי קיינמאָל נישט אַזוי גענוי פֿאַרשטאַנען, ווען זיי האָבן זיך פּשוט נאָכגעפֿרעגט אויף אַ גאַס. זיי האָבן אויך מורא געהאַט צוצוגיין, ווען דער טעלעפֿאָן האָט געקלונגען. „דער שפּריכט בעשטימט איווריט״... — האָבן זיי מורא געהאַט אויפֿצוהייבן דאָס טרייבל.

דוב האָט זיך אָונט־צייט פאַרביזגעשאַרט די ליטעקע טירן און איז לאַנגזאַם געגאַנגען זיך וועג. אַלץ איז געווען פאַר אים מאָדנע־ניי. ער האָט זיך, אמת, די לעצטע צייט וויניק געהאַט אַרויסגערירט פון קיבוץ, ווו מען האָט געהאַלטן און איך אַרומגראָבן זיך און באַפעסטיקן, נאָך די איבערפאַלן פון די סיריער. אָבער דאָס אַלץ דאָ האָט אים שוין צופיל דערמאָנט אין די הינטערשטאַטישע קוואַרטאַלן פון יענע אומהיימלעכע, נישט־יידישע שטעט, וועלכע ער האָט נאָך אַזוי גוט פאַרגעדענקט און פון וועלכע ער איז אַמאָל אַנטלאָפן.

4.

סוף כל סוף איז אויך רחל אַריבערגעקומען אַהער. אַ וואָך צייט האָט זי זיך אַרומגעדרייט אין תל־אָביב, אָפּגעווען אַ טאָג ביי צפורהן, אַ טאָג ביי אביבהן, אויפגעזוכט די אַלטע באַקאַנטע, וואָס זענען שוין לאַנג געהאַט אַוועק פון קיבוץ. אַנדערע האָבן שוין פאַר דער צייט פאַרמאָגט אייגענע הייזער אויף רחוב אַלענביי, אַרום רחבותדיקן פלאַץ פון דער „הבימה" און אין די שטילע זייטן־גאַסן, אַרום טומלדיקן ככר דיזענגוף, מיט זייערע פיל־שטאָקיקע געביידעס, טעראַסן, סקווערן, ווו ס'האָבן וויט אַרום געלויכטן די בלענדיקע נעאָן־פייערן פון סינעמאַס און רעקלאַמעס. פיל פון זיי זענען איצט געווען ווייבער פון וויכטיקע מלוכה־פּקידים, כנסת־חברים, טאַטן, האָבן פאַרמאָגט ווילעס אויפן הר־הכרמל, האָטעלן, קאָנצעסיעס, אַקציעס אין גרויסע אונטערנעמונגען; אינדוסטריעלער, מיט שווונג, מיט געוואַלטיקע פּלענער. די ווייבער זענען נישט געווען אַזוי אויסגעמאַטערט ווי די קיבוץ־פרויען, האָבן זיך געלאָזן באַדינען אין דער הויז־ווירטשאַפט דורך די אָרעמע תימנער מיידלעך. זיי האָבן געשיקט די אונטערגעוואַקסענע קינדער זייערע אין מיליטערישע הויכשולן, אין אויסלענדישע אוניווערזיטעטן, געגרייט פאַר זיי דיפּלאָמאַטישע קאַריערעס און געטון צווישן זיך רייכע שידוכים.

רחל האָט זיך פאַר די עטלעכע טעג אַביסל אָפּגערוט, איז מיטגעפאָרן מיט זיי אין די אויטאָס, אין די סינעמאַס, אין די טעאַטערן, אויף קאָנצערטן.

— בחיי, ווי איך פאַרשטיי אים נישט... — זענען זיי געווען פול מיט פאַריבל און מיט פאַרוואונדערונג, די ווייבער — דובן זאָל אייננפאַלן אַזאַ משוגעת און פאַרלאָזן דעם קיבוץ, גיין זוכן אַרבעט אין דער פרעמד... איז שוין טאַקע עק וועלט...

— וואָס איך פאַלט איין... — האָט אים רחל פאַרענטפערט — חלילה, ער האָט דעם קיבוץ נישט פאַרלאָזן. די „סולל בונה" האָט אים געשיקט אויף כביש־ און קאַנאַליזאַציע־אַרבעט...

— יאָ, אָבער עפּעס הער איך, אַז ער בונטעוועט זיך קעגן גייסט פון קיבוץ... קריטיקירט... דער גייסט, וואָס האָט געמאַכט אויפלעבן אונדזער גרויס נאַציאָנאַל אויפבוי־ווערק...

געזעסן איז מען אונטער־צייט אויף דער טעראַסע ביי די שיין־סערווירטע טישן, כאַטש אין שטאָט האָבן שוין צוביסלעכ גענומען אויספעלן אַ סך פּראָדוקטן פון ערשטן געברויך, נאָכן איינפירן די „צנע״, נאָך די דעוויזן־באַגרענעצונגען. וואָס האָט זי זיי הײַנט געהאַט צו ענטפערן, רחל ? האָט זי צוגעשוויגן.

אין דער ווייכער אויסלייג־שטול, אויף דער טעראַסע, האָט זי געפילט אויף זיך דאָס מחיהדיקע אונטער־ווינטל פון ים; נאָך אַן אַנגעגליטן, חמימהדיקן טאָג, האָט דער ים קיל געשוועבט אין דער נידער די שיינע אַלייען לענגאויס דעם ברעג, די באַ־האַנגענע טעראַסן, די באַלקאָן־דעכער. איר בליק איז געווען ווייט און פאַרשוואומען. זי האָט אים טאַקע אַציַנד אַביסל אַנגעהויבן צו פאַרשטיין, דובן. ער איז אפשר נישט אינגאַנצן אומגערעכט. זי איז אָבער נישט געווען ווי די אַלע, פול מיט קנאה און מיט באַהאַלטענער בייזקייט, מיט קוים־פאַרשטעלטער נישט־פאַרגינערישקייט. די וואָך צייט איז געווען פאַר איר איבערגעגנוג. מער האָט זי נישט אויסגעהאַלטן; ווי לאַנג קען מען דען פאַרברענגען אין געסט ? זיי האָבן איר נאָך דאָרט גאָר־נישט געוואָלט אוועקלאָזן, אָבער רחל האָט באַלד נאָך שבת זיך אויפגעהויבן און איז אַריבערגעפאָרן צו דובן.

ער איז געווען נישט קיין קליין ביסל איבעראַשט, ווען ער האָט זיך אונטער־צייט, מיט לאַנגזאַמע, באַטראַכטע טריט, אומגעקערט פון דער אַרבעט, פון דער אַרבעטער־קיך, און פלוצים דערזען רחלען וואַרטן פאַר דער הויכער שטיג. ער האָט, ווי זיין טבע, פאַמעלעך אַרונטערגענומען דאָס שלעסל און זי געלאָזן אַ ווילע אין קאָרי־דאָר, געטאַפּט אין דער פינצטער, געריבן שוועבעלעך, ביז ער האָט אָנגעצונדן דעם נאָפט־לאָמפּ אויפן טשוואַק, צווישן ביידע פענצטער אין הויף אַריין.

— ווי אַ וואָלף — אַליין !... — האָט זי געלאַכט פרעמד — און ס׳אַרט דיר גאָרנישט ? באַדאַרפסט טאַקע קיינעם נישט צו האָבן ?...

ער האָט עפּעס אַ מורמל געטון און זי האָט נישט באַלד דערכאַפּט וואָס. אין קילן הויז, פול מיט אומהיימלעכע שאָטנס, האָט זי זיך געהאַלטן נאָנט לעבן אים. זי איז עפּעס פאַרט נישט געווען די זעלבע רחל. וויפל ליכט און וויפל אייל־קאַניצלעך זי האָט נאָר געפונען אין הויז, האָט זי זיי אַלע אָנגעצונדן און צעשטעלט זיי אין די ווינקעלעך, ס׳זאָל דאָ אַביסל היימלעכער ווערן. זי האָט זיך גלייך געכאַפּט צוזאַ־מענצונעמען די אַנגעוואַלגערטע צייטונגען, די ביכער, די וועש, די מלבושים און געפונען פאַר זיי עפּעס אַ נישע, אַ טשוואַק. זי האָט פאַרצויגן דעם הויכן פענצטער מיט אַ ליילעך, איידער וואָס־ווען אַרומגעדוימט אַביסל, צוגעקליבן און מיט אומ־געדולד געוואַרט אויפן מאָרגנדיקן טאָג, צו נעמען זיך דאָ מאַכן אַביסל אָרדענונג.

דוב איז געזעסן אויפן שפּיץ פון דאַרן פעלד־בעטל, הויך געזופּט פונעם געב־לימלטן טעפּעלע דעם הייס־פאַרבריטן טיי, קאַרג צוגעביסן מיט צוקער, און האָט זיך, אַביסל פאַרשעמט, געהאַלטן איך איין נאָכפרעגן וועגן די אַלע געשעענישן אין קיבוץ במשך פון די עטלעכע חדשים זינט ווען ער איז אוועק פון דאָרט.

— אַזוי ?... — האָבן זיך געשטעלט צוויי שאַרפע קנייטשן אַרום זיינע העל־גרויע אויגן — האָבן זיך טאַקע די צוויי „האָלענדישע״, „ברוריה״ און „שחורה״, אָפּגע־

קעלבט ?... פיינע קעלבעלעך אוודאי... מיט ווייסע לאַטקעלעך צווישן די אויגן, פונקט ווי ביי די מוטערס זייערע...

— דערפאַר איז אין איינקובאַטאָר געשען אַ מכשול — האָט רחל דערציילט מיט אַ סך זאָרג — שיינע עטלעכע צענדליק הינדעלעך זענען דעם נאָך־פסח אוועקגע־פאַלן. מ׳זאָגט, אַז ס׳זאָל אַרומגיין אַ הינער־עפּידעמיע אין לאַנד...

— טאַקע ! — איז ער געבליבן מיטן אויסגעקילטן טעפּעלע אין דער האַנט — אַבי מ׳האָט געהאַפט אויף היינטיקס יאָר שוין צוצוטיילן אַביסל מער אייער פאַר די קינדערלעך...

מ׳האָט געזען, אַז ס׳פאַרדריסט אים ביז גאָר, אַז ס׳ציט אים צוריק אַהין, ווי ס׳חיות, כאָטש ער איז נישט געווען פון די, וואָס איינמאָל עפּעס באַשלאָסן און אָפּגעטון, נאָך אַ לאַנגן אַדורכקלערן, האָבן זיי אַזוי לייכט חרטה.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט שוין דוב מער נישט דערקענט דאָס פּרעמדע, אומהיימלעכע אַראַבישע הויז. ער איז אָונט־צייט צוריקגעקומען פון דער שווע־רער האַ־עוואָדיע אַרום כביש, אוועקגעוואָרפן די פאַרשפּריצטע וועסט אויף אַ בענקל און זיך אַרומגעקוקט מיט חידוש. רחל איז גאַנצענע טעג אַרומגעלאָפן, איינגעקויפט אַ טיש, אַ טעפּל, אַ שטיקל שאַפקע, געלאָזן אויספאַריכטן די אַלטע עלעקטרישע אינסטאַלאַציעס; און דער זאַל האָט זיך אָונט־צייט אָנגעגאָסן מיט אַ צו־רוישיק און צו־פרייליך ליכט. דאָס האָט עפּעס די ווענט נאָך ווייטער און העכער געמאַכט, אַז דוב האָט זיך אַ ווײַלע דערפילט פרעמד, שטיינבלייבנדיק אויף דער שוועל, אָנגעקוקט זיינע פאַרשטויבטע שיך און האָט גאָר מורא געהאַט ווייטער צו שטעלן אַ טראָט איבערן אויסגעגלאַנצטן פּאַרקעט, אויסגעלייגט מיט אַ דיוואַן.

— אויף שבת וועלן מיר האָבן אַ גאַסט... — האָט זי אים דערציילט, אַ פאַר־פלאַמטע — אבנר קומט...

— אַזוי ? ווען האָט ער דאָס געשריבן ?

— ס׳איז געקומען אַ קצין (אָפיציר) פון זיין אָפּטיילונג. ער האָט דאָ אַביסל גע־בלאָנדזשעט. דער מושל צבאי האָט אים אָנגעוויזן ווו מיר וווינען. ער איז געווען איבעראַשט — האָט זי זיך געדרייטלט — „אַזאַ הויז”... האָט ער געזאָגט...

אַביסל האָט ער זיך טאַקע מיטאַמאָל דערפילט אומבאַקוועם פאַרן ייִנגל, אויפ־צונעמען אים דאָ, און נישט, ווי געוויינלעך, אין זייער קליינעם, ענגן צריף, אין קיבוץ. שוין לאַנגע חדשים, אַז דאָס ייִנגל האָט זיך נישט געוויזן. ער איז דאָרט ערגעץ אַרומגעפלויגן מיטן דזשיפּ איבערן לאַנד, אין וויכטיקע שליחותן פון דער אַרמיי. מ׳האָט אים נאָך, זעט אויס, גאַרנישט געהאַלטן ביים דעמאָביליזירן. ער האָט אַרויסגעוויזן באַזונדערע פעאיקייטן אין דער מיליטערישער ווירטשאַפט־אַדמיניס־טראַציע. „וואָס וועט ער טראַכטן, דאָס ייִנגל — איז אים דורכגעפלויגן — אַז דער טאַטע האָט אוודאי געגנומען, אוועקגעוואָרפן דאָרט אַלץ מיט אַלעם און געלאָפן אַהער, צוגלייך מיט די אַלע, פאַרכאַפּן פאַר זיך אַ הויז מיט לוקסוס, מיט באַקוועמ־לעכקייטן... ווייל, ווי שיקט זיך עס, טאַקע ?”... ער איז אין דעם אָונט לאַנג אָפּ־געזעסן אויפן דאָרן פעלד־בעטל, דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישן ביידע הענט, און

איינגעהערט זיך צום מאָנאָטאָנעם געריוש פֿון פּרימוס, הינטער דער טיר, אין פּאָסטן קאָרידאָר, ווו רחל האָט ציטערדיק איינגעאָרדנט איר קיך־באַלעבאַטישקייט.

— דאָס האָסטו אַוודאי פֿון תּל־אָביב מיטגעבראַכט אַזאַ פֿלייש איינצואָרדענען אַ הויז מיט גרויס־שטאָטישן געשמאַק... — האָט ער גערעדט מיט קוים־מערקבאַרער איראָניע, אָפּגעריסן, דוכט זיך, סתּם אַזוי — נו, מילא...

ווי פֿאַרפֿאָרעט זי איז נישט געווען אין הויז, רחל, האָט ער באַמערקט, אַז דאָ איז זי מער אויסגערוט, אויפֿגעלייגט, כמעט צופֿרידן; זי איז געזעסן, אויסגעפּאַקט זיך און איבערגעדרייט אירע אַלטע קליידלעך. ס'איז אַפֿילו צוריקגעקומען צו איר אַ געוויסע יוגנטלעכקייט. זי האָט זיך באַוועגט פֿלינק. וועגן קיבוץ האָט זי שוין איצט וויניקער דערמאָנט, האָט גאָר געהאַלטן אין איין אָנהערציילן זיך וואָס עס טוט זיך דאָ אַלץ אָפּ אין שטאָט, ווי מען בויט זיך פֿונאַנדער, ווי מענטשן ווערן רייך איבער נאַכט. סוף וואָך האָט זי געגנבֿי איבערגעציילט די פּאָר פֿונט מיטן קליינגעלט, וואָס דובֿ האָט איר אַהיימגעבראַכט, און פֿאַר אים אויסגעלייגט אירע פּלענער, וואָס אַלץ זי דאַרף נאָך אָפּשפּאָרן אויף איינצוקויפֿן פֿאַר דער באַלעבאַטישקייט אין ליידיקן הויז.

— ס'איז דאָ געווען איינער אַ ייד — האָט זי גערעדט צו אים פֿון דער פֿאַרטראָגנקייט — עפּעס אַ מאָדנער סאָרט ייד... ער האָט זיך אַרומגעקוקט איבערן הויז און געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט אַדורכרעדן זיך מיט דיר...

— ווער איז דער ייד און וואָס האָט ער אַדורכצורעדן מיט מיר ?... — האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט מיט ווייטן, קילן פֿאַרדאַכט.

— כ'ווייס נישט. ער וועט דאָ אַריינקומען, האָט ער געזאָגט, פֿרייטיק פֿאַר ליכטצינדן...

נישט אומזיסט האָט רחל אַזויפֿיל אָנגעקאָכט און אָנגעבאַקן אויף שבת. זי האָט אָבער געהאַט אַ ווייטן פֿאָרגעפֿיל. ס'איז געווען אַ סוד אויסצוזאָגן, נאָר דאָ, אין מיטעלן נגבֿ, ווו די בעדואינער זענען כמעט־עסווייז געקומען אין שטאָט אַריין איינקויפֿן, האָט מען נאָך גיכער, אין די זייטיקע רעסטאָראַנדלעך, געפֿונען איינצוהאַנדלען אַ שטיקל שעפּסן־פֿלייש, אַמאָל אַן עוף, פֿאַר אַ געצאָלטענעם פּרייז, פֿאַרשטייט זיך; און אַבי ס'איז נאָר געווען אַ שטיקל פֿלייש, איז שוין אַלץ געווען באַטעמט און באַשמאַלצן. נאָך אַזויפֿיל יאָרן נישט צוריקק זיך צו אַן אייגן טעפּל, קומענדיק אַלעמאָל צום גרייטן אין חדר־האוכל, האָט זי זיך איצט, מיט אַ באַזונדערן פֿלייס, געפּאָרעט אין דער קיך־באַלעבאַטישקייט, זיך דערמאָנט די אַלע פּאַטראַוועס פֿון דער ווייטער היים, וואָס מ'האָט געפּלעגט צו באַקן און צו קאָכן ביי איר מאַמען אין הויז. אין הויפּל האָט זי אַנטדעקט אַ קעלטער, אַראָפּצוגיין מיט אַ שטיג, מיט אַ גוטער ווענטילאַציע, אַ קיל ווינקל, פּונקט אַזוי פּראַקטיש ווי די אַלע עלעקטרישע אייז־קאַסטנס. דאָרט האָט זי אַראָפּגעשטעלט די פֿאַרקילטע צוף, די געפֿילטע פֿיש, דעם אַראָמאַטישן פּרוכטן־פּודינג. יעדעס ווינקעלע אין הויז האָט געפֿינקלט. אין דעם פֿרייטיק האָט זי באַלד פֿון באַגינען אָן געוואָרט מיט אומגעדולד, דובֿ זאָל זיך נאָכ־

מיטאָג אומקערן פון דער בוי־שטעלע; זי האָט געוואָרט, אַז אפשר וועט אוין אבנר פלוצים אַריינפאַלן.

אַריינגעפאַלן איז ער טאַקע פלוצים, אבנר, אָבער נישט אַליין. ער איז אַרויסגעשפרונגען פון דזשיפּ פאַר דער שטיג און געלאָזן אַ ווילע וואַרטן אין דער מאַשין אַ מיידל מיט אַ בלאָנדן האָר־שוויבער, אונטערגעבונדן מיט אַ בלוי בענדעלע. רחל האָט זיי אויפגענומען אַ פאַרפלאָמטע. עפּעס האָט זי נישט פאַרשטאַנען; ווייל זי האָט אים נאָך אַלץ געהאַלטן פאַר אַ שעמעוודיק יינגל, אבנרן. אָבער דערפילט האָט זי באַלד, אַז ס'איז נישט סתם אַזוי אַ מיידל. זי האָט נישט געוווסט וואָס פריער צו טון פאַר די ליבע געסט. דאָס מיידל איז דווקא נישט געווען אַזוי שעמעוודיק. זי האָט זיך דאָ באַלד דערפילט זייער היימיש, האָט אַרומגעקוקט דאָס הויז אין אַלע ווינקעלעך און באַלד אויפן אָרט הויך געלאָזן וויסן אבנרן און דער מוטער, אַז ס'געפעלט איר דאָ זייער שיין...

ס'איז געווען אַ סך און רוישיק ליכט אין אַלע ווינקעלעך און איבערן שיין־געגרייטן טיש, פאַרצויגן מיט אַ בלאַנקצנדיקן טישטוך, אין דעם דאָזיקן פרייטיק־צונאַכטס. אַזאַ מונטערקייט, וואָס קיינער פון זיי האָט שוין לאַנג נישט געפילט. אַזאַ ענדערונג, אַזאַ סיטואַציע, אין משך פון די קורצע עטלעכע חדשים, האָט זיך דוב גאָרנישט פאַרגעשטעלט. זיין נאָכקלערערישע טבע האָט אים געבראַכט צו אַ סך מאָדנע געדאַנקען און אויספירן; אָבער אַזוי נישט ווילנדיק, איז ער אַליין אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מיט פון דער לעבעדיקער גערעדעריי אַרום טיש, וווּ רחל האָט אים אומבאַמערקט צוגעטיילט אַלע כבודן פון ערשטיקייט, פון אַ הויז־באַלעבאָס. ווי קומען צו איר אַזעלכע פירעכצן ? אויך דאָס האָט אים אויסגעקוקט מאָדנע. ס'איז, הייסט עס, געוווג, אַ וואָרף צו טון אַ שטיין פון באַרג־אַראָפּ... ווער ווייס אָבער וווהין ער קען זיך דערקייקלען ?... וואָס האָט ער דאָ אויפגעטון און וווהין וויל זי אים אַלץ דערפירן ?

רחל, אַ גליקלעכע פון דעם אַלעם דאָ, האָט שוין גאָר מער אַזוי פיל נישט געוואָלט אַריינקלערן. זי האָט נאָר דערפילט, אַז איר לעבן האָט זיך מיטאַמאָל פאַרקירעוועט אין אַ ליכטיקער געסל. זי האָט שוין געקענט אַביסל זיין ווילדלעכע נאַטור, דובס, נישט פון היינט, אָך האָט דאָס מאָל געהאַפּט אים איינצונעמען, אַרומגיין אַרום אים. אָבער צווישן זון און פאָטער, האָט זי פאַרשטאַנען, צווישן זיי דריי, אייגנטלעך, וועלן אַלעמאָל פאַרבלייבן גאָר אַנדערע חשבונות; חשבונות פון אַ מאָראַלישן כאַראַקטער און — מען וועט זיי אַזוי לייכט נישט אַריבערשפּרינגען.

איז זי דעריבער צופרידן געווען, וואָס ס'איז כאָטש אַריינגעקומען נאָך אַ פרוי אין זייער לעבן; מיט איר הילף, איז איר דורכגעפלויגן אַ וויטער געדאַנק, וועט זיך אפשר אַלץ אויסגלייכן. פאַר אַן אונטערגעוואַקסן קינד באַדאַרף מען פונדעסטוועגן צו זאָרגן. זי האָט דעריבער אין דעם אָוונט אַרומגערינגלט מיט אַ סך וואַרעמקייט דאָס פרעמדע מיידל, האָט זי גערופןביים נאָמען אירן, יהודית, און האָט זיך באַמיט צו מאַכן דעם איינדרוק אויף דובן, אַז זי קען איר שוין אַ סך פריער. זי האָט גאָרנישט געוואָלט, אַז דאָס מיידל זאָל איר צוהעלפן ביים גרייטן צום טיש,

ביים אויפגעבן די געשמאַקע מאכלים, וואָס זיי האָבן שוין לאַנג נישט געפילט דעם טעם זייערן. אָבער יענע, אַ פּלינקע, אַ לייכטינקע, אַ צערויטלטע, איז כּסדר געלאָפן נאָך איר אין קאָרידאָר אַריין.

— געפעלסט מיר, דוב... — האָט זי געהערט אבנרס שפּאָסיקע רייד פון אַ סאָל־דאַט — טויגסט זיך, זע איך, אויס נישט ערגער פון אַנדערע... מדוע לא ? ...

און ס׳פלינקע מיידל, וואָס האָט שוין גאַנץ נישקשהדיק גערעדט העברעאיש, כאָטש זי איז ערשט אין לאַנד געווען אַ יאָר־אָנדערטהאַלבן, האָט זיך זייער היימיש אָנגעלענט אין אבנרס אַקסל. זי איז, קענטלעך, געווען אַ פּאָר יאָר עלטער פון אבנרן, אָבער זי האָט אויסגעזען נאָך גאָר אַ מיידעלע, אַ טענצלדיקע, אַ בלאָנדע, האָט געהאַט די טבע גלייך צוגעלאָזן צו ווערן. אַפילו דוב האָט לייכט אונטערגע־שמייכלט, ווען זי האָט מיט קוראַזש אַ רוק געטון איר שטול נענטער צו אים, צו רעדן מיט אים און נאָכצופרעגן זיך װעגן אַלעם. ער האָט מיטאַמאָל באַמערקט אויף אירע דינע הענט דעם אויסגעצברענטן לאַגער־נומער אויף זיי. די חשבונות פון דעם אויסגעברענטן נומער האָבן אים שוין גאָר ערגעץ אַנדערש פאַרפירט.

אין די טיף־געוועלבטע פענצטער האָבן זיך געווינטלט די פאַרהאַנגען. נאָכן חמימהדיקן טאָג, האָט געבלאָזן אַ לינד ווינטל פון סטעפּ, וו די נעכט זענען גע־ווינלעך קילערע ווי אין עמק. די רוישיקע גאַס איז געלאָפן האַרט פאַר די פענצ־טער. די ראַדיאָ־הילכערס האָבן פונאַנדערגעטראָגן אַמעריקאַנער דזשאַז־קולות, טאַנץ־מוזיק, גאָרגלדיקע, סטעפּישע, אַראַבישע געזאַנגען, דעם פרייטיק־צונאַכטיקן לכו־נרננה און דעם נייעם טאַנגאָ, וואָס איז געווען ביי אַלעמען אויף די ליפּן, „ארצנו הקטנטונת“. ס׳האָבן זיך געטראָגן געלעכטערן, באַלעבטע רעדערייען, ווי אַמאָל, אין די פרייטיק־צונאַכטיקע יידישע שטעטלעך אין זייערע קאַנטן.

ווען מ׳האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרקילטן פּרוכטן־פּודינג, פון אַ גליענדיקן טיפן באָרדאָ, ווי רויטער רובין, דערלאַנגט אויף גלעזערנע טעצלעך, האָט מען שטיל אָנגעקלאַפּט אין דער פאָרנטיקער טיר. רחל אַליין איז געלאָפן אויפמאַכן און איז צוריקגעקומען אויף דער שוועל מיט אַ הויכן, גאַנץ עלעגאַנטן יונגערמאַן. ער האָט געהאַט אַן אָנדולירטן האָר־שויבער מיט דיך־פאַרשניצטע פּיאהלעך און אַ דין, אויסגעשיט וואָנסעלע, ווי איינער פון די, וואָס מען זעט אין די אַמעריקאַנער פילמען. ער איז געווען אָנגעטון אין אַ העלן אָנצוג און אויף זיין פינגער האָט עפּעס אַ פינקל געטון.

— צי שטער איך נישט אַמאָל ?... — האָט זיך דער פרעמדער אַרומגעקוקט און געפרעגט אין אַ האַרטלעכן העברעאיש.

— ניק... פאַרוואָס ?... — האָט זיך רחל געפילט אַביסל פאַרלוירן, און דוב, וואָס האָט זיך געהאַט אויפגעשטעלט פון טיש, האָט, אַביסל צעררודערט, געגנוג העפלעך אים געבעטן זיצן. אָבער דער יונגערמאַן איז גאָרנישט געווען פאַרלוירן. ער האָט זיך באַלד אַנטשולדיקט און געפרעגט, צי קען ער רעדן דייטש, למשל, ווייל מיט דער היגער עברי, האָט ער זיך שמייכלענדיק פאַרענטפערט, איז ער נאָך נישט גאַנץ שוה־בשוה.

— אַביסל פאַרשטייען מיר נאָך... — האָט דוב געזאָגט פשוט — אָבער איר קענט רעדן... יידיש...

האָט זיך יענער נאָך אַמאָל שאַרף אַרומגעקוקט, און ווען ער איז פאַרבליבן ביים טיש איינער אַליין מיט דובן, האָט ער צוערשט גענומען אויספּרובירן זיין שטים, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אַרויפצוגייך אויף דער בינע.

— איר פאַרשטייט, אדוני... — האָט ער גערעדט מיט אַ צו־הילכיקן טעמבער — אונדזער שטאָט דאָ, קען מען זאָגן, וואַקסט זיך גאָר שנעל פונאַנדער — אַ סינעמאַ, אַ טעאַטער־זאַל, קלובן, רעסטאָראַנען, קאַפייען, קאַבאַרעטן... נו, האָט מען מיר איבערגעגעבן, ס׳הייסט, מ׳האָט מיר דערציילט, אַז איר זענט גאָר אַן אַרבעטס־מענטש...אַ פּועל... און אַז איר האָט גאַרנישט בדעה אויפצומאַכן דאָ אַן אָפענע טיר... אַ געוועלב, למשל... דאָ אין סאַמע צענטער... און איך, זעט איר, בין אַ מענטש פון דער ווינער אָפּערע... פון פאַרשיידענע קאַבאַרעטן אין די איי־ראָפּעאישע שטעט — דאָ האָט ער געלאָזן הערן זיין באַס־שטים — כ׳מיין, אַז אַ פאַרוויילונגס־לאָקאַל, פאַר דער יוגנט דאָ... אוונט־צייט...

און ער האָט זייער פּלוצים אָפּגעהאַקט, ווייל דובס קיילעכדיקע, גרויע אויגן האָבן אים זייער דורכדרינגלעך אָנגעקוקט.

— זייט מוחל... — האָט זיך יענער צוריקגעכאַפּט און צוגעגעבן, שוין אַ ביסל שטילער — ווייל אַזעלכע לאָקאַלן צאָלן זיך היינט זייער גוט אָפּ... קיין דירות פאַר אַ פאַר הונדערט פונט פעלן נישט אין שטאָט, אין זייטיקערע גאַסן. מען בויט דאָ, מען ציט אַרויף שטאָקן, מען האַלט אין איין בויען...

שווייגנדיקערהייט האָט זיך דוב אויפגעשטעלט און שווייגנדיקערהייט האָט ער באַגלייט דעם פרעמדן, אויסגעפּוצטן יונגערמאַן, פון וועלכן ס׳האָט זיך געטראָגן אַן אומבאַקאַנטער ריח, פון שמעק־זייף, צי פון אָדעקאָלאָן; באַגלייט אים ביז צו דער טיר אין פאָדערהויז, האָבן אַלע נאָך געהערט, ווי יענער האָט זיך דאָרט עפּעס פאַרענטפערט, צוגעזאָגט נאָך אַמאָל אַריינצוקומען, אַז אפשר וועט ער זיך איבער־קלערן...

— קיין געשעפטן אַהער בין איך נישט געקומען פירן! — האָבן זיי דאָרט אַלע געהערט דובס אַביסל פאַרשעמט, אָבער אַנטשלאָסן קול און — ווי ער פאַרריגלט באַלד דערנאָך, האַסטיקער ווי געוויינלעך, די הויז־טיר.

.5

זונטיק באַלד באַגינען האָט זיך שוין דוב ווידער געפּאָרעט אין הויז, אין אַרומ־געצוימטן הויפל, צווישן באַסיין און וואַסער־אָפּגוס, אַרויפגעצויגן די אויסגע־לאַטעטע אַרבעטס־קליידער, איינגעוואַשן זיך מיט קאַלטן וואַסער, צוגעגרייט זיין

ברויט־זאַק און באַצייטנס געקליבן זיך צו גייך כאַפּן פאַר דער משטרה דעם קליינעם לאַסט־וואָגן, וואָס האָט זיי יעדן אינדערפרי אַרויסגעפירט צום כביש. ער איז צופרידן געווען וואָס ס'שטעלט זיך די אַרבעטס־וואָך. די שבתדיקע מידקייט איז פאַרמעלעך אויסגערונען. ס'איז אים אָבער פאַרבליבן עפּעס אַ האַרבער ביי־טעם נאָכן שבתדיקן טאָג, נאָך די אומגעריכטע געסט, כאָטש ער האָט זיך, אמת, זייער געפרייט מיטן יינגלס קומען.

און דאָ האָט זיך אָבער סוף וואָך ווידער אַראָפּגעיאָוועט מיטן חושיפּ און מיטן מיידל. דאָס איז שוין געווען אומגעוויינלעך. אַ גאַנצן טאָג איז ער אים נאָכגעגאַנגען, דעם פאָטער, און האָט אַלץ נישט געפונען די פּאַסיקע מינוט און די געהעריקע ווערטער צו רעדן מיטן „אַלטן“.

— אבא — האָט ער אים דאָסמאָל נישט גערופן מער, ווי געוויינלעך, דוב, און האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל; די געענדערטע שטים זיינע האָט אַביסל אונטערגעציטערט — כ'בין געקומען רעדן מיט דיר... כ'בין דיר געקומען זאָגן, אַז דאָס מיידל... יהודית... איז מיין ווייב... מיר וועלן אינגיכן חתונה האָבן... זי איז דאָ ערגעץ אין אַ קיבוץ, אָבער כ'וויל נישט... זי פּאַסט זיך דאָרט נישט צו... און איך וועל שוין אויך מער נישט צוריקגיין אין קיבוץ אַריין ...„

— טאָ וואָס־זשע ווילסטו ווערן ? — האָט אים דוב אָנגעקוקט מיט בולטן צער

— אַ פּראָפעסיאָנעלער סאָלדאַט ?... אַ פּקיד ?... וואָס וועסטו טון אין שטאָט ? אַרומדרייען זיך ? מאַכן געשעפטן ?...

— כ'וועל נישט פאַרלירן, גייך, אבא... — האָט ער דעם פאָטער פאַרזיכערט.

און ער האָט גלייך דערפילט, דוב, אַז נייך, נישט אבנרס שכל שטעקט אין דעם אומגעריכטן באַשלוס; אַז דאָס רעדט אַרויס אַ פרעמד קול, אַ פרעמדער שכל. צי איז ער דען נישט דער זעלבער אבנר ? ס'שטילע, שעמעוודיקע יינגל מיט די גרויסע פאַרפּל־ציינער, מיט די דיקלעכע ליפּן, וואָס האָבן אַזוי שאַרף און ווייטיקלעך דערמאָנט זיינס אַ פאַרעלטערטע פאָטאָגראַפיע פון מיט לאַנגע יאָרן צוריק, ערגעץ אויף אַ הכשרה־קיבוץ אין וואָלין. אַפילו אין קינדער־הויז, האָט ער זיך איצט דערמאָנט, איז ער נישט דרייסט געווען מיט די אונטערוואַקסנדיקע מיידלעך פון זיין עלטער. ער איז אויך אַלעמאָל געווען אין אַ זייט פון די שפּילערייען און האָט צופרי גענומען זיך פאַרטיפן אין די ביכלעך. די אומגעריכטע געשעענישן האָבן אים אַזוי ווי איבערגעוואָרפן פון אַ לעטאַרגיע. ס'איז זיך צופעליק גוט צונויפגעפאַלן מיטן אויפוואַכן פון די מענערישע כוחות ביים יינגל. אָן שום ספק: גלייכער — האָט ער ווי אַ דערוואַקסענער טאַטע באַטראַכט — וואָס ער איז ערגעץ ווייט פון קיבוץ און פון די אייגענע. די פרעמד וועט מאַכן אין אים דעם געהעריקן איבערברוך. זאָל ער נאָר נישט זיין אַזוי ווי איך, מיט די קאָמפּלעקסן, מיט די פּראָבלעמען, מיטן גריזשען זיך אַליין. נו, איז אַט זענען די פאָלגן ! דער סאָלדאַט איז אים אַריין אין די ביינער. און אפשר נאָכמער... ווער ווייס ?

ער האָט זיך איצט נענטער גענומען צוקוקן צום מיידל, צו איר היימישן אַרומפלאָטערן איבערן הויז, איר צופאַלן צו רחלען, די שטילע גערעדערייען זייערע אין

די ווינקעלעך. וואָס קען ער, נאָך אַלעמען, האָבן צו אַ ייִדישער טאָכטער, וואָס האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די גיהנום־לאַגערן, פון די פלאַמען ? און פאָרט... ס׳איז נישט אומזיסט יוגנט, וואָס איז דאָ פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין נסיונות. זיי קומען איצט פון דאָרט, האָט ער באַטראַכט, מיט גאָר אַנדערע חושים. ס׳וועט נאָך לאַנג דויערן ביז די־אָ וועלן זיך איבערקאָכן. וואָלט מען כאָטש געזאָרגט דערפאַר. נו, מילא... ס׳איז נישט יענער איִדעאַליסטישער דור, וואָס איז געקומען געבן קרבנות פאַרן לאַנד. וויפיל האָבן זיי דאָרט געליטן ? מען קען עס אפשר גאָרנישט פאָדערן ביי זיי.

ביים טיש, ווען די קינדער זענען נישט געווען, האָט רחל שטיל געלאָזן פאַלן :

— אַ ווויל קינד, באמונות... ווהיך וועט זי הען גיין ? זאָל זי שוין פאַרבלייבן מיט אונדז אין הויז...

און אַזוי איז דאָס פרעמדע מיידל שוין פאַרבליבן ביי זיי אין הויז. אבנר האָט איצט מער נישט איינגערעדט. ער איז עטלעכע מאָל דורך דער וואָך געקומען צופליִען מיטן דושיפ. צעריקגעקערט זיך אין אָוונט פון דער אַרבעט, האָט דוב באַלד דערפילט, אַז אבנר איז דאָ היינט ווידער געווען. ער האָט געפילט, אַז עפּעס טוט זיך דאָ אָפּ הינטער זיינע פּליִיצעס, ווי מען וואָלט עפּעס אויסבאַהאַלטן פאַר אים. פון וואַנען האָבן זיי אָנגעברענגט אַזויפיל קאָסטבאַרע זאַכן אין די צימערן אַריין ? אַפילו ביי רחלען האָט ער אַנומלט באַמערקט אַ פינקל טון אויפן פינגער...

אָבער די אַרבעט אַרום כביש — דאָס האָט אים מער פון אַלץ געוואַרעמט. דער פלאַסטער איז דאָרט פון טאָג צו טאָג געוואַקסן פאַר די אויגן כמעט. די רערן האָט מען פאַרשאָטן און גענומען גראָבן פרישע קאַנאַלן. דורך אָט די רערן וועט רינען פריש, קוואַליק וואַסער אין דער געגנט אַ־ייך. ס׳וועט אויפבליִען יונג גרינס, און די אָרעמע נאַקעטקייט וועט מער אַזוי באַנג נישט פאַרכאַפּן דאָס אויג. פון דער שמאָלער סטעזשקע איך סטעפּ האָט אָנגעהויבן אויסצוציִען זיך אַ ברייטער, גלאַטער שאָסיי אין ווייסער בלענדיקייט. די הויך־אָנגעלייגטע שפּיציקע שטיינער האָבן זיך אויסגעקרומט אין אַ האַלב־ראָנד, צווישן די אויסגעטריקנטע וואַדיס, גראָבנס, איבערן בריקל, און האָט פאַרגאָסן מיט אַ ליכטיקער העלקייט אין דער הייסער זון. מען האָט שוין געשאָטן זשוויר, געגאָסן סמאָלע, עס זענען אָנגעפאָרן די פּרעס־מאַשינען, און דאָס זעצנדיקע רויכל פון לאָקאָמאָביל האָט באַלעבט די ווייטע, גאָרע לידיקייט. נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָט זיך דער אויסבליק אין סטעפּ, כמעט פאַר די אויגן, געענדערט. ס׳איז דעם גאַנצן טאָג געשטאַנען אַ רעש פון די לאַסטאויטאָס און פון די פועלים, וואָס האָבן אָפּגעלאָדן די שטיינער, די זעק צעמענט.

אָבער דאָ איז לייבעלע רחמי ווידער אַראָפּגעקומען, צוגעשטאַנען מיט זיינע געמיינע געלעכטערלעך און איינגעגעסענע ריִיד. ער איז אומגעריכט אַראָפּגעקומען, פאַרשוווּנדן און ווידער אויסגעוואַקסן; אַ בליק געגעבן דאָ און דאָרט, און אַרום אים הערט ער זיך נישט אויף צו דרייען. „דוב — מאַכט ער — ס׳גייט נישט ! מיר האָבן, ווייסטו, אויסגעצייכנט אויף אַן אַנדערן טעמפּאָ. פון די פרישע עולים האָבן מיר נישט קיין נחת, נײַן... זיי מיינען, אַז אַלץ קומט זיי... כ׳וויל דו זאָלסט

אַכטונג געבן. קיינער באַדאַרף גאָרנישט זאָלסט שטיין גלייך מיט אַלעמען ביים כביש"... עטלעכע מאָל אַזוי. דוב האָט אים, פאַרשטייט זיך, באַלד אויפן אָרט גע־שיקט צו אַלדי טיוּול, אָך ער — לאָזט זיך אויס:

— כ'האָב געדערעדט — מאַכט ער — מיט דיין רחלען די וואָך. אַזוי, דוב... ענ־דע־לעך האָב איך אַביסל נחת פון דיר... א הויז, אַ באַלעבאַטישקייט, קיין עין־הרע... און דיין בנ'אָק, הער איך, שמעקט עס שוין אויך נישט צוריק אין קיבוץ אַריין... ער האָט זיך איינגעשאַפן, זאָגט מען, אַ ליטיש ווייבל, פון די פריש־געקומענע... מיט זייער פּראַקטישקייט, הערסטו, שאָקלען זיי אונדז אַלעמען אויס פה אַרבל. אַרבעטן, זאָגן זיי, זאָלן אַנדערע... שפּילסט זיך מיט די לאַגער־עכבּרושים! זיי דערשמעקן שוין...

— איך זע דאָך, בקיצור, לייבעלע, וווהין דו צילסט. וואָס ווילסטו? ווילסט כ'זאָל שטיין און רייסן פון זיי פּאָסן? דאָס נישט! אַ פרישער עולה באַדאַרף אויך צו לעבן. די, וואָס גייען אַרבעטן אויפן כביש, זענען דאָך אַוודאי נישט געקומען מיט קיין פאַרמעגנס. און נישט איך וועל זיי אונטערטרייבן... דאָס פאַרשטייסטו דאָך אַליין...

דערצו זענען די רעגנס אין דעם יאָר געקומען פריער ווי געוויינטלעך. אַפילו דאָ, אין מיטעלן נגב, האָט עס די גאַנצע וואָך נאָך סוכות געגאָסן, ווי מיט צעבערס. די קאַנאַל־ראָוועס זענען פול געוואָרן מיט אַ מוטנע, ליימיק וואַסער, וואָס האָט גע־ריזלט האַסטיק אין אַלע אויפגעפּלאַצטע שפּאַלטן און באַלד ערגעץ איינגעזאַפּט גע־וואָרן אין דער דורשטיקער ערד. אַלץ האָט געקלעפּט. ס'איז שווער געווען אויפ־צוהייבן אַ רידל, אַ פּיאָש. די פיס זענען געזונקען אין דער ווייכער ערד. די כוואַ־ליעס פון ווינט אין אָפענעם סטעפּ, אונטערן נידעריקן, גרויען הימל, האָבן שיער נישט צעטראָגן דאָס געציילג־בײדל. צוליב די פריע רעגנס איז די אַרבעט געגאַנגען לאַנגזאַמער, אָבער פון כביש איז קיינער נישט אָפּגעטראָטן. מיט די פּאַפּיר־זעק פון בעטאָן אַרויפגעצויגן אויף די קעפּ, אויף די פּלייצעס, איז מען געשטאַנען אין שמייסנדיקן ווינט, אין רעגן און געאַרבעט. מ'האָט גאָר מורא געהאַט אומצודרייען דעם קאָפּ צום געציילג־בײדל, וווּ לייבעלע רחמי האָט געהאַט איינגעריכטעט זיך ביוּרקע און וווּ ער האָט יעדן פרייטיק צוגעציילט יעדן איינעם זיין לוין.

פרייטיק נאָכן האַלבן טאָג איז דוב אַהיימגעקומען, אַ פאַרזאָרגטער, אַ שוויגנדי־קער. שוין אויף דער שוועל האָט רחל באַלד דערפילט זיין אחמרו. זי האָט אַרונטער־גענומען פון אים די אויסגעווייקטע, פאַרבלאָטיקטע קליידער, צוגעטראָגן אים די שטעק־לאַטשן און דערלאַנגט אים וואַרעמע גלעזער טיי מיט ציטרין צום האַרץ פעלד־בעטל, פון וואַנען ער האָט זיך מער נישט געקענט אַראָפּרירן. אַן אַלטער רעוּמאַטיזם, צי גאָר דער מאַלאַריע־פיבער, איז צוריקגעקומען צו אים. ער איז געווען בלייך און געל, ווי ליים, די אויגן צוגעשלאָסן און דאָס פאַרהאַקטע מויל — אין שווידער. ער האָט נישט געקענט איינבליגן. אויפן מידל, וואָס איז געווען אין הויז, האָט ער זיך מער נישט נאָכגעפרעגט, כאָטש זי האָט דאָ געהערט ערגעץ איר

אַרומפּלאָנטערן, איר קלינגענדיק שטימעלע. נאָר אויף אַבנרן האָט ער זיך געהאַלטן אין איין נאָכפֿרעגן.

— ניין — האָט רחל געלייגט אַ האַנט אויף זיין וואַרעמען שטערן — ער איז נאָך נישט צוריקגעקומען, אַבנר.

פּרי איז די נאַכט צוגעפֿאַלן. ס׳האָט זיך כּסדר געדוכט, אַז שאָקאַלן וואָיען הינטערן פֿענצטער, אַז ס׳גייט דאָס מאָנאָטאָנע גלעקלען פֿון אַ קאַראַוואַן אין די זאַמדן. אָבער דאָס האָט אַזוי דער ווינט געוואָיעט איך סטעפּ, און דער רעגן האָט אַ גאַנצע נאַכט געשמיסן איבער די דעכער. ער איז איינגעשלאָפֿן ערשט פֿאַרטאָג, מיט אַ שווערן, געדיכטן שלאָף, אין פֿיבער, אין אַנגסטן. ס׳האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן. „שוויך־זשע אַזוי נאָכגעבן זיך, דוב ?... — האָט ער פֿון צייט צו צייט אויפֿגעמאַכט איין אויג, אַ פֿאַרלאָפֿנס מיט בלוט, און זיך אַליק נישט געקענט מוחל זיין — און אויך רחל... זי אויך״...

דורכן אָפּגעלעגטן לאָדן האָט ער באַגינען ווידער דערבליקט דעם נאַקעטן סערפּ פֿון דער לבֿנה. דער ווינט האָט זיך געלייגט און קיין אייך וואָלקנדל איז מער נישט געווען אויפֿן הימל־געוועלב. די ציפּרעסן האָבן אומבאַוועגלעך, שטאַר אַריינגעקוקט דורך דער שויב, ווי לאַנגע, טרוקענע בעזעמער.

זונטיק אין דער פֿרי האָט זיך דוב מער נישט געאײַלט צו זײַער בוי־שטעלע אויפֿן כּביש. ס׳איז נמאס געווען. מיטן מאַנדל־שטאָק אין דער קנאָכיקער האַנט, אין די אויסגעלאַטעטע אַרבעטס־קליידער, פֿאַרשפּריצט פֿון וואַפּנע און פֿון ליים, האָט ער צוריקגעשפּאַנט אַהין, פֿון וואַנען ער איז מיט אַ שטיקל צייט צוריק יאָהער אַריבערגעקומען.

אַזוי איז, אַז מען וואַרפֿט אַ שטיין פֿון באַרג אַראָפּ: ער קייקלט זיך, אָבער מען ווייס קיינמאָל נישט וווהין ער קען זיך דערקייקלען. וואָס־וואָס, נאָר דאָרט לעבט מען פֿונדעסטוועגן ערלעך — האָט ער זיך דערטראַכט. ערגעץ־ווו — האָט ער זיך געזאָגט — וועט עס שוין מוזן פֿירן...

1950

חבר אהרון

.1

אַלערליי האַלב־פֿאַרגעסענע בענקשאַפֿטן זענען אים לאַנג נאָכגעגאַנגען, דעם חבר אהרון, ווען ער האָט זיך אין יענעם שפּעטן פֿאַרנאַכט מיט אויסגעלאָשענע טריט צום לעצטן מאָל אומגעקערט פֿון פֿאַרלאָזענעם קינדער־הויז אויף דער פֿאַרשטאָט העלענעווק, אין לאָדזש. דאָס פֿאַרנטיקע טויערל איז געשטאַנען אויפֿגעריסן, הפֿקר; דאָס קינדער־הויז אין דער טיף פֿון אַלטן פּאַרק — פּוסט, פֿאַרלאָזן. „פֿאַרוואָס האָט זי מיך פֿונדעסטוועגן נישט געזאָגט, די לערערין נחמה? — האָט ער זיך נישט געקענט שענקען — איז אפֿשר — האָט ער זיך באַלד געכאַפּט — האָט זי עס גאָרנישט באַדאַרפֿט צו זאָגן"... ער האָט זיך אָבער אין דער קורצער צייט אַזוי שטאַרק געהאַט צוגעבונדן צו עלנטן מיקהצלע. ס'איז נישט געווען זיין קינד, ניין; נאָר וואָס איז דען די בפֿקא־מינה? אַ קינד... אַ יידיש קינד...

ער האָט זיך דאָ מער קיין אָרט נישט געפֿונען. דעלעגאַציעס פֿון די קאָמיטעטן זענען דעמאָלט געפֿאָרן אין כל־המינים אַנגעלעגנהייטן קיין אויסלאַנד; איז ער אויך געפֿאָרן. די „גרינע גרענעץ" איז נאָך כמעט געשטאַנען אָפֿן פֿאַר יידן, וואָס האָבן זיך דורך די נעכט געשוואַרצט דורך די שטעטלעך אין ביזערושלעזיע, איבער דער פֿול־וואַסערדיקער ניסע. ער האָט אָבער אויך דאָס מאָל געוואָלט זיין איך „אָרדענונג". ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט ער געהאַט ביי זיך אין טאַש אַן אמתן, נישט־געפֿעלשטן פּאַס, אויסגעשטעלט אויף זיין ריכטיקן נאָמען. דער וועג האָט אים געפֿירט איבער די לאַגערן פֿון בייערן, צווישן די אַנגעלאָפֿענע, צעטומלטע יידן.

איך פֿעלדהאַפֿינג האָט ער זיך לאַנג נישט פֿאַרהאַלטן. יידן זענען טאָג און נאַכט געקומען אַנצוציען פֿון איבער גרענעצן. מ'האָט יעדן צוגעטיילט אַ בעטל אין באַראַק, אַ ראַציע אין דער קיך. ס'איז אַרום געשטאַנען אַ ווינסטער האַנדל מיט די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, מיט די דייטשן; מ'איז געלאָפֿן אין די קאָנסולאַטן, געוואַרט אויף וויזעס מעבר־לים; ס'האָבן זיך פֿאַרטייען אַרומגעדרייט די שליחים; ס'האָבן גערודערט די פֿול־געפּאַקטע פֿאַרזאַמלונגען, די יזכור־אַוונטן. מענטשן זענען, ווי אויף

א וואָקזאַל, געקומען און פאַרשוואונדן. מ׳האָט שטיל געשמועסט, אַז עס זענען דאָ געהיימע וועגן אַריבערצופירן צו די ברעגן פון ארץ ישראל.

— זאָל ברענען די דייטשישע ערד !... — האָבן ייִדן געשאָלטן.

חבר אהרון האָט געוווּסט, אַז דאָ פאָרן זיי פאַרביי, די דערציִער מיט גרופּעס קינדער. ער האָט אָבער מורא געהאַט אַזויפיל נאָכצופרעגן זיך. דאָ איבערגעשלאָפן אַ נאַכט, האָט איבערגעשלאָפן אַ נאַכט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אין דער פרי און מיט די הזשיפּן פון די אַמעריקאַנער ייִדישע סאָלדאַטן, געצויגן ווייטער. זיי האָבן אים דאָרט אָנגענומען פאַר אַ באַפרייטן פון קאַצעט, עפּעס אַ צעטראָגענעם ייִד מיט איינגעקוועטשטע דראָטענע ברילן איבער די פאַרגרויטע שליפן, וואָס לויפט אַרום זוכן משפחה. קיין שפּורן פון דער דערציִערין נחמה מיט די קינדער, זענען אָבער אין ערגעץ נישט געווען. דערפאַר האָט ער געטראָפן אַזעלכע, וואָס האָבן אים דער־ציילט, אַז זיי האָבן, דוכט זיך, ערגעץ ווו, אין אַ שטאָט אויף דער וואָלגע, מלחמה־צייט, אָנגעטראָפן זיין ייִנגסטע שוועסטערל, דבורלען; דערנאָך — ווייסן זיי נישט. אין איין לאַגער, ווו ס׳איז געקומען אָנצוציִען אַ גרופּע קינדער, האָט ער זיך דער־וווּסט זייטיק, אַז די גננת נחמה זאָל זיך געפינען אויף אַן עטאַפּ־פונקט ערגעץ אין רהיינלאַנד. אין אַ לאַגער האָט אים די פּאָליציי, וואָס איז אַריינגעפאַלן אויף אַן אַבלאַווע, אָנגענומען, צוזאַמען מיט נאָך אַ באַנדע, פאַר אַ שמוגלער. זיי האָבן ביי אים דורכגעטרייסלט די אָרעמע וואַליזע, אָבער מער ווי די פּאָר צעאָדערטע העמ־דער, האָבן זיי ביי אים גאָרנישט געפונען. עטלעכע טעג איז ער פונדעסטוועגן אָפּ־געלעגן אין אַרעסט. די פלינקע יונגעלייט זענען דאָרט לאַכנדיק צוגעשטאַנען צו אים :

— פעטער... שפּילט נישט דעם טויבן־מאיר... זאָגט דעם אמת ! זיי האָבן ביי איך אָנגעפּאַקט עפּעס אַ וואַזשנע קניפּל „האַרטע” מיט „ווייכע” ?...

ער האָט זיי אָנגעקוקט פון אונטער די דראָטענע ברילן מיט אַ מרה־שחורהדיקן בליק, אַן אַנדערער האָט זיך פּלוצים געכאַפּט :

— אוי, כ׳זאָל אַזוי לעבן, ווי כ׳קאָן אים... כ׳האָב אים געזען אין פעלי־האַפּינג... עפּעס אַ ווייבל זוכט ער, דער ייאָלד...

און זיי האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער, די יונגעלייט אין די שטיוועלעך, אין די לעדערנע רעקלעך.

זיי האָבן אים אויך נישט פאַרשטאַנען, ווען ער איז געקומען נאָכפרעגן זיך אין די קאָמיטעטן, פאַרשיידענע לייט זענען דאָרט געזעסן. ווען זיי האָבן געהערט, אַז ס׳האַנדלט זיך וועגן דער גננת נחמה, זענען זיי מיטאַמאָל געוואָרן פול מיט חשד, נישט געענטפערט. דאָס זענען געווען לייט אין ציוויל, אָבער אין יעדן קער זייערן איז געלעגן דער סאָלדאַט. ער האָט עס באַלד דערקענט, ער האָט עס געדענקט פון אַנדערע צייטן, פון אַנדערע ערטער.

ס׳איז געווען אַ נייער, אומבאַקאַנטער פריילינג אויף די וועגן פון מיטל־אייראָפּע.

ס'האַרץ האָט געבאָגט. ער האָט זיך לסוף דערפֿרעגט, אַז די גננת נחמה מיט די קינדער זאָל זיך שוין געפֿינען ערגעץ אין פֿראַנקרייך, אין אַ דורכפֿאָר־קאָלאָניע. און ער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט קיין פּאַריז. דער שטראָם אַנטלאָפֿענע יידן האָט זיך דאָ אָפּגעזעצט אין די זייטיקע, פֿאַרשטעקטע עמיגראַנטן־האָטעלן. דער אומעטיקער מענטש איז מיטגעטראָגן געוואָרן מיט די אַלע פֿאַרוואָגלטע יידן. מ'האָט גערעדט צו אים און ער האָט געקוקט מיט אַ ליידיקן בליק. געשלאָפֿן איז ער אין אַ צחפּעליקן האָטעל, צווישן צחפּעליקע מענטשן.

פֿון מאַרסעיל, האָט מען געהערט, גייען שוין אָפּ שיפֿן. עס פֿאָרן קינדער מיט זייערע מדריכים. האָט ער געוואָרפֿן פּאַריז, מיטגעשפּאַרט זיך אין דער פֿאַררויכערטער וואָקזאַל־האַליע. ביז האַלבע נאַכט האָבן די קינדער אַרום די וואַגאָנען געטאַנצט הורא'ס. ער האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַ ווינקל און איז מיטגעפֿאָרן אין דער נאַכט אַריין, צו די דרום־ברעגן פֿון לאַנד. אין ענגן דורכגאַנג האָבן די יונגעלייט געשפּילט אויף מויל־האַרמאָניקעס, געזונגען לידער פֿון באַפֿרייטן לאַנד. צוגעשפּאַרט אין זייט ווינקל, האָט חבר אהרון לאַנג געזויגן סיגאַרעטלעך, ביז ס'איז אים ביטער געוואָרן אין מויל. די שויבן האָבן זיך געטרייסלט. דורך די שפּאַרעס האָט געצויגן אַ קעלט. אין פֿאַרטונקלטן וואַגאָן זענען אַלע אײַנגעדרימלט, צונויפֿגעפֿאַלן, פֿאַרוואָרפֿן איינס אויפֿן אַנדערנס די קעפּ. ווען ער האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן, האָט ער דערזען, ווי דער דרויסן דעקט זיך אָפּ פֿון דער לעבעדיקער דרום־נאַכט. עס שיילן זיך אַרויס בריקן, וויאַדוקטן, פּאַלמעס; עס טוט אַ פֿלי פֿאַרביי אַ נעפּלדיקער, אומענדלעכער פֿליין. פֿייערלעך, גרינע, רויטע, דרייען זיך אין אַ קרייז. דורך דעם אַראָפּגעלאָזענער שויב האָט אַ ווייע געטאָן דער שאַרפֿער ריח פֿון ים. ס'איז געווען ווי זיי וואָלטן מיטאַמאָל שוין דערזען די ברעגן פֿון ווייטן לאַנד, וווהין זיי ציען.

קעגנאיבערן אַלטן פּאָרט, אין ליסטיקן קינדער־הויז אויף די טעראַסן, האָט מען אָבער קיינעם נישט צוגעלאָזן. ער איז לאַנג געשטאַנען פֿאַר די הויכע שטאַכעטן צו דער גאַס. קענטלעכע קינדערישע שטימען האָבן געהילכט דורך די ברייט־צעעפֿנטע פֿענצטער. אומגעדולדיקייט איז געווען אין דער לופֿט פֿון דער מילדער, פֿאַרביקער דרום־שטאָט, אַרום אַלטן פּאָרט, אַרום די אַנקער־טראָטואַרן, אַרום די טראַנספּאָרט־אַנגאַרן. אַלע באַריערן זענען אין יענעם פֿאַרנאַכט געווען דורכגעבראָכן. אין פֿלאַמיקן זון־פֿאַרגאַנג האָט אַ בלענד געטאָן אַ בלוי־ווייסע פֿאָן אויפֿן קוימען פֿון קליינעם דאַמפֿער. אַרום — אַ המון. ער האָט זיך מיטגעשפּאַרט, חבר אהרון. פֿנימער, וואָס ער האָט שוין באַשטימט ערגעץ ווו געזען, אויף אַלע זייַנע וואַנדערונגען; באַלאָדן מיט פּעק, מיט וואַליזעס. אַ פֿאָלק האָט זיך געשפּאַרט צו די באָרטן פֿון אַ קליין־טאָנאַזשיק שיפֿל, אַן אַלטער דאַמפֿער, פֿריש־איבערגעפֿאַרבט, צווישן פֿליגל־געפּאָך פֿון ווייסע מעוועס. ס'איז אָבער אַלץ געווען אַ באַריער, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט.

צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט פֿון די אַנגאַרן, האָט ער גענישטערט צווישן די פֿאַר־

שוומענע פנימער אויפן מיטלסטן דעק. די פאַרענטשעס זײַנען געווען פול באַ־לייגט. מיידלשע טיכלעך האָבן געפּאַכעט, געלעכטערן, געזאַנג און געוויין האָבן זיך אויסגעמישט. אין דער לעצטער מינוט האָט זי דערכאַפּט מיטן בליק. יאָ, ס׳איז געווען זי, די לערערין נחמה. זי איז געשטאַנען אַרומגעריגלט מיט אירע קינדער, ביים הויכן מאַסט, אויפן בריקל. די קינדער האָבן געפּאָכעט מיט די הענטלעך. ס׳איז געווען אַזויפיל פריידן אויף אַלעמענס פנימער, וואָס מען קען עס מיט קיין ווערטער נישט איבערגעבן; ס׳איז געווען אײדער די שיף האָט זיך לאַנגזאַם גענו־מען אָפּרייסן פון ברעג.

אַזוי ווײַט האָט עס אים די בענקשאַפט פאַרפירט. און צום ערשטן מאָל איז אים אויסגעקומען צו טראַכטן וועגן ווײַטן ברעג, וווהין די רעשטלעך ייִדן ציִען.

.2

ס׳קלענערע שוועסטערל, דבורל, האָט דעם עלטסטן ברודער, אהרונען, כמעט ווי נישט געדענקט פון דער היים. ער איז איינמאָל געהאַט אַוועק, אַנטלאָפן, אַ ייִנגל נאָך, אין יענעם הייסן זומער 1920, צוזאַמען מיט דער באָרוועסער רויטער אַרמיי, וואָס האָט אַ שפּאַר געטון ביז צו זייערע מקומות, אַרום בוג. יאָרן האָט ער זיך ערגעץ אַרומגעוואַלגערט אין דער פרעמד; האָט זיך נאָך איין מאָל, אומ־געריכט, באַוויזן אין דער היים, אַ פאַרטייער, היינטער פאַרמאַכטע לאָדן; איז אָפּגעווען אין שטוב אַ טאָג צוויי־דריי און איז ווידער פאַרפאַלן געוואָרן. מ׳איז באַלד דערנאָך אין מיטן נאַכט געקומען אים זוכן. די פּאָליציי האָט אים לאַנג אַרומגעניושטערט, איבערגעזוכט די שטוב. זיי זענען געווען אויף זיינע שפּורן.

פון צייט צו צייט האָבן פאַרט פאַרבלאָנדזשעט פון אים קורצע בריוועלעך, מיט אַ סך שטעמפּלען, פאַרפּאַטשקעט פון דער צענזור אין די תפיסות, ווו ער איז אָפּ־געזעסן יאָרן. דער טאַטע מיט דער מאַמען, פאַרהאָרעוועט אין געוועלבל, זענען פאַר דער צייט גרוי געוואָרן פון צרות. צווישן די ייִנגערע קינדער איז הויז איז ער אָבער פאַרבליבן ווי אַ לעגענדע, דער ברודער אהרון, פּונקט ווי צווישן אונטער־געוואַקסענעם יונגוואַרג איך שטעטל. מ׳האָט גערעדט וועגן אים מיט האַלבע ווערטער, מיט רמזים, און ס׳קלײנע מיידל דבורל איז שטילערהייט נישט ווייניק שטאָלץ געווען מיט איר עלטסטן ברודער אהרון.

עטלעכע קורצע חדשים איז איר אַליין, די איינציקע פון דער היפשער משפחה, נאָך אויסגעקומען נאָנט צו זיך צום ברודער אהרון. זי איז נאָר־וואָס, צוזאַמען מיט שטראָם פליטים, געקומען אַנטלויפן פון יענער זייט בוג. דאָס איז געווען אין ביאַליסטאָק, אין סעפּטעמבער 1939. די מלחמה־בהלה און די רויטע אַרמיי האָבן דעם ברודער אהרון באַפרייט פון דער שעדלעצער תפיסה. ער איז אומגע־

ריסט אויסגעוואַקסן אין ביאַליסטאָק, אַריינגעוואָרפן זיך מיט ברען אין דער אַרבעט אין וויכטיקע אַמטן און אינסטיטוציעס. ער איז געווען אין אַ לעדערנער וועסט, אין אַן אויסגענייט העמד, מיט אַ נאַקעט־אַרומגעגאָלטן קאָפּ, ווי די אַלע אָנגעפּאָרענע סאָוויעטישע מענטשן, אַ שטרענג־באַשעפטיקטער; די פּלייצע האָט זיך ביי אים באַצייטנס ייִדישלעך געהויקערט, די דראָטענע ברילן, פאַרבונדן מיט שטריקלעך, זענען אַרומגעפאָרן אויף זיין ברייטלעכער נאָז. ער האָט איר דאָרט איינמאָל, אויף דער שוועל, עפּעס צעטראָגן אַ פרעג געטון וועגן דער מאַמען, וועגן דער משפּחה און האָט באַלד אַוועקגעאיילט אין אַ קאָרידאָר, הינטער שטרענג־פאַרהעמערטע טירן. זי האָט אים נאָר געוואָלט אַ פרעג געבן, כ׳ווייס... צי האָט ער כאָטש אַ שטיקל היים... אַ ווייב... אַ קינד...

אידער וואָס־ווען, איז ער ווידער פאַרלוירן געוואָרן. ווידער האָט מען באַדאַרפט לויפן. די מערדערישע דייטשע „שטוקאַס" האָבן אין לויטערן יוני־הימל נאָכגעיאָגט די עשאַלאָנען עוואַקואירטע, געברענט די הילצערנע שטעטלעך, די וואָקזאַלן, אַראָפּגעלאָזן זיך נידעריק איבערן שטראָם אַנטלויפנדיקע אויף די שאָסייען און געקאָסעט מיט מאַשין־געווער. דורך אַ נס האָט זיך איינער פון די לעצטע עשאַלאָנען, אַ צעלעכצערטער פון קוילן, דורכגעריסן ביז סמאָלענסק, ביז צו דער וואָלגע, ביז נאָוואָ־אוזיענסק, ביז אָרענבורג. דאָרט האָט ס׳קליינע, פאַרבלאָנדזשעטע מיידל געאַרבעט פיר שווערע, ביטערע יאָר אין שניידער־זאַוואָד א. נ. פון דימיטראָוו, ביים נייען סאָלדאַטסקע שינעלן. ערשט אין 1946 האָט זי זיך, צוזאַמען מיטן שטראָם „ביעזשענצעס", אומגעקערט מיט די פול־געפּאַקטע עשאַלאָנען קיין נידערשלעזיע, אין פּוילן, אין די ניי־באַזעצטע געביטן, ביים אָדער. פאַר דער צייט האָט זיך אויף די געדיכטע זאַמל־פּונקטן אויך אָפּגעזוכט אַ יינגל, פון די היימישע ווייסרוסישע קאַנטן, און זיי זענען אינגיכן געגאַנגען וווינען צוזאַמען. ס׳איז געווען די צייט פון קעלץ, פון לויפן איבער דער גרענעץ אין די דייטשע לאַגערן; זענען זיי אויך געלאָפן. פון דאָרטן זענען שוין געגאַנגען געהיימע טראַנספּאָרטן מיט די אומלעגאַלע שיפלעך, דורכצוגליטשן זיך צו די באַוואַכטע אַרץ־ישראל־ברעגן.

דער מאַן איר׳ער, דוד, אַ נידעריקער, פעסטער בחור פון אַ שטעטל אַרום די ביאַלאָוועזשער וועלדער, איז געווען שווערלעך אויף דער צונג, ווי ס׳גיבן זיך אויס די האַלב־דאָרפישע לייט פון דעם קאַנט. אין דער היים האָט ער אין די ווינטערן געאַרבעט ביים גרוזעווען ס׳געהילץ פון די וועלדער. אין ראַטנפאַרבאַנד איז ער אַוועק אין אַ קאָלכאָז. אין די טומלדיקע מעברות, די זאַמל־לאַגערן אַרום חיפה, האָט ער אויך לאַנג נישט געקענט איינזיצן. ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבן און מיט געלאַסענע, געזעצטע טריט אַוועק אין קיבוץ אַריין. ער האָט זיך אויסגעטויגט צו פערד, צו מויל־אייזלען, צו קי, צו שעפּסן, צו אַקערן, צו זייען, אַפילו צו אַ טראַקטאָר. דבורל איז געווען פאַרנומען אין היינער־לול, אין קינדער־הויז און פעלד. מ׳האָט זיי, פונקט ווי אַלעמען, צוגעטיילט אַ צריפל, אַ ראַדיאָ, ביכער, צייטונגען, אַן עלעקטרישן טיי־טשייניק. די צוויי קינדערלעך, וואָס זענען דאָ געבוירן

געוואָרן און וואָס האָבן געטראָגן די נעמען פון איר אויסגעקוילעטער משפּחה, האָבן זיך, ווי די קרוליקלעך, געהאָדעוועט מיטן קליינוואַרג אין קינדער־הויז. חבורל האָט פון דער הייסער זון, פון די ווינטן, פרי באַקומען אַ געקנייטשטן שטערן, אַ פאַרבראָנזטע, פאַרהאַרטעוועטע הויט. אירע האָר זענען געוואָרן אָפּגעשאָסן פון דער זון. זי איז געווען אַן איינפאַכע, מיט אַן אָפן געלעכטער, מיט שיטערע ציין, דאָס פּנים באַזעצט מיט קלייִנדלעך, מיט אָפּגעהאָרעוועטע הענט. אין קיבוץ האָבן זי אַלע גערן געהאַט.

ווען די אויפגעהעצטע אַראַבער פון די דערפלעך און פון די אַרומיקע באַרג־נעסטן אין די הרי אפרים, האָבן גענומען באַשיסן דעם קיבוץ, האָט דוד שווייגנדיק אַ נעם געטון דעם צוגעטיילטן סטען אין זיינע געזונטע הענט אַריין און איז מיט געלאַסענע טריט אַוועק. ער איז אַוועק, און לאַנגע וואָכן נישט צוריקגעוויזן זיך. חבורל האָט זיך מיט די פּיצלעך פון קינדער־הויז, צוזאַמען מיט די דערציערינס, פאַרשטעקט אין בעטאָן־בונקער, וואָס זיי האָבן דאָרט באַצייטנס געהאַט צוגעגרייט. זי האָט זיי געהיטן, די יונגע שוועלבעלעך, ווי אַן אויג אין קאָפּ; זי האָט גוט געדענקט וואָס ס'איז דאָרט, אין דער היים, געטון געוואָרן צו יידישע קינדער דורך די רוצחים.

אַפילו דערנאָך, ווען ס'האָט זיך איינגעשטילט, ווען דוד איז שווייגנדיק צוריקגעקומען מיט דער פאַרשטייפטער ביקס, מיט די בלאָנדע, ווילדלעכע וואָנסן, האָבן זיי נאָך געהאַט גענוג צרות פון די קינדערלעך. ס'איז אַרומגעגאַנגען אַן עפּידעמיע פון מאָזלען. די מאַמעס פון קיבוץ האָבן גאַנצע נעכט באַלאַגערט די טירן פון קינדער־הויז. חבורל האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. אין חדר־האוכל האָט מען געגעסן אַבי־ווי. קיינער האָט זיך נישט געקלאָגט. דעם שבתדיקן טאָג האָבן זיי אָפּגערוט אין צריפל. די קינדער זענען געקומען צולויפן, האָבן אָנגעפילט מיט אַ פריילעכער זשומעריי די קליינע צימערלעך. ס'איז געווען ווי זיי וואָלטן צוריקגעפונען די פּראָווינצער געמיטלעכקייט פון שטעטל, ווייט פון אַ באַן; וווּ ס'איז געוואַקסן אַ געזונטע יוגנט, גאַנץ ווי אַ נוס; וווּהין די אידייען פון די גרויסע שטעט האָבן אָנגעוויעט אַביסל פאַרשפּעטיקט, און ס'האָט קיינעם, חלילה, גאָרנישט געשאַדט.

מ'האָט זיי דאָ גערן געהאַט, חבורלען מיט דודן. אַרבעטסזאַמע, אָן פּרעטענזיעס, מיט זיך־פליקש. ס'האָט זיי נישט געטראָגן אין די גרויסע שטעט אַריין. ווען זי האָט באַקומען דאָס בריוול פון ברודער אַהרון, אַז ער וועט זיך אַוודאי אַראָפּכאַפּן אויף אַ פּאָר וואָכן צו זיי, האָט זיך חבורל געוואָרפן צום ביליקן וואַנט־שפּיגעלע: ווי זעט איך אויס? זינט דעם קימפּעט מיטן אַנדערן קינד, אַ ייִנגעלע, האָבן זיך איר עטלעכע פאָדערשטע ציין גענומען שאָקלען. אין שכנותדיקן קיבוץ איז געווען אַ דענטיסט. דער ציין־דאָקטער האָט איר אַרויסגעריסן צוויי ציינער מיט לאַנגע וואָרצלען און איר אומגעריכט אַ פּרעג געגעבן פון וועלכע קאַנטן זי שטאַמט; ווייל דאָס וואַסער, די גרינסן, דאָס קאָרן־ברויט — האָט ער געזאָגט — האָבן אַ גרויסע שייכות צו דער געזונטקייט פון די ציין־וואָרצלען ביים פאַרמירן זיך. זי האָט לויז

געמאכט דאס געבלימלטע קאפ־טיכל און א בארג שאטינע האר האבן זיך צעשאטן אויף איר פעסטע, דארפישע אקסלען. זי איז נאך קיין גאנצע זעקס און צוואנציק יאר נישט אלט געווען. זי איז באלד אוועקגעלאפן באקן א עוגה, איז ארומגעלאפן איבער די צריפים און אלעמען, א פארפלאמטע, אנגעזאגט ווען איר ליבן גאסט, וואס קומט צופארן מיט דער שיף „קדמה".

ס'איז געווען א מאדנע באגעגעניש פון עלטסטן ברודער מיטן יינגסטן שוועסטערל, נאך אזויפיל יארן. זי האט זיך באפרייט אויף דעם טאג פון דער ארבעט, כאטש ס'איז געווען שניט־צייט, מ'האט געהאלטן אין מיטן אראפנעמען דעם ווייץ; די ארבעט האט געברענט אין פרדס, אין כרם. זי האט אויסגעפוצט ביידע קינדערלעך. ס'יינגערע, חיימקען, האט זי אנגעטון אינגאנצן אין ווייסן, פארקעמט אים דעם בלאנדן, טראציקן לאק, וועלכער איז אים, פונקט ווי ביים טאטן, געפאלן אין די אויגן אריין. ס'מיידעלע, ריקעלע, האט זי אריינגעפלאכטן א בלויע סטענגע אין די האר; און איז מיט ביידע קינדער ביי דער האנט אראפגעפארן קיין חיפה, צום פארט.

לאנג און געדולדיק, ווי א פויערטע, האט זי פון באגינען אן געווארט מיט הארצקלאפעניש די שיף זאל זיך דערנענטערן צום ברעג. ס'איז געווען א שיף מיט עולים, מערסטנס יונגוואַרג. זי איז אנגעקומען שפעט אין אוונט און ערשט אין דער פרי האט זי זיך דערנענטערט צום ברעג. אלצמאל, ווען איר איז אויסגעקומען צו זייך אין פארט, האט דבורל דורכגעלעבט א טיפן ציטער — די בלויע, פארנעפלטע האריזאנטן האבן פארבארגן ערגעץ די ווייטע, אונטערגעגאנגענע היים.

זי האט געטוליעט צו זיך די קינדער, געזוכט צווישן די פנימער אויפן אויבערשטן דעק צו דערקענען דעם ברודער אהרון. די שפערע פון דער ברעג־פאליציי האט נאך קיינעם נישט צוגעלאזן. זיי האבן נאך דארט געהאט פארמאליטעטן דורכצוגיין, די קאנטראל פון באגאזש. די שיף־פארענטשעס זענען געדיכט באקליבט געווען מיט א בונטן עולם. מען האט געפאכעט מיט די הענט, איבערגערופן זיך. אנדערע האבן געווישט די אויגן. מיט ביידע קינדער ביי דער האנט האט זי זיך קוים דורכגעשטופט די באריערע. אין הילכיקן רעש, האט זי זיך אינגאנצן פארלוירן.

— ווו איז דער דוד ? (דער פעטער) — האבן די קינדער ביי איר גענומט און זי האט זיי בארואיקט :

— איר זעט ? דארט אויבן... באלד קומט ער אראנטער...

כאטש אין רעש, האט זי שוין אליין באלד אויפגעהערט צו גלויבן, צי ער איז טאקע דא, אהרון. די פאסאזשירן האבן זיך גענומען ארויסשיטן, ס'איז געווארן ליידיקלעך; און זי האט זיך אלץ געטוליעט מיט די קינדער אין א ווינקל.

א קליינע, צעשטויסענע וואליזע האט ער געהאט מיט זיך, אהרון, נישט מער. ער איז שטיינגעבליבן קעגנאיבער דבורלען; גיכער מיטן אינסטינקט האבן זיך בריד־

דער און שוועסטער דערקענט, געוואָרפן זיך קושן. זי איז געווען אַזוי צעטראָגן, אַז זי האָט נישט באַלד דערזען זייַנע אָפּגעטראָטענע שיך, דעם מידן בליק פון אונטער די חראָטענע ברילן, דעם נאַקעט־געוואָרענעם קאָפּ, די פאַרגרויטע שלייפן. ס'איז געווען ווי אַ קינדערישער חלום וואָלט פּלוצים געוואָרן וואָר; ווי ס'וואָלט נאָך איין מאָל אַ שיין געטון די איינגעבאַקענע היים אונטערן נידעריקן באַלקן. ער האָט געטראָגן ס'ייִנגעלע, חיימ'קען, און ס'מיידעלע, רייזעלען, האָט זי געפירט בייַ אַ האַנט. בייַם אָפּגיין פון אויטאָבוס האָבן זיי נאָך געהאַט צו וואַרטן אַ האַלבע שעה. זיי זענען געגאַנגען איבערן ברייטן, זחניקן דוד־המלך־בולוואַר, צוגעזעצט זיך אונטער אַ שאָטנדיק אָפּדעכל, בייַ אַ קאַפע. ווי אַלע ווערטער, וואָס ער האָט דערשטיקט געטראָגן אין זיך, פאַרנדיק אַהער, וואָלטן מיטאַמאָל פונאַנדערגעפלויגן זיך.

— דבורל... — האָט נאָר געשטאַמלט — ס'איז גוט וואָס מען זעט כאָטש, חבורל...

זי האָט אים באַלד געפירט צו דער אויטאָבוסן־סטאַציע, וואָס גיכער, אײדער ס'פאַלט צו די נאַכט, אָנצוקומען אין קיבוץ אַריין. זאָל ער זיך אַביסל אַרומוואַשן, אָפּקילן זיך אָפּרוען. אַן ערך דרייַ־פערטל שעה איז געווען צו טרייסלען זיך אין פול־געפּאַקטן אויטאָבוס, ביז צו די הרי אפרים. ער איז געזעסן, דעם קאָפּ אָנגעלענט אין דער שויב, די מידע אויגן פאַרזשמורעט, פון צופיל ליכט, אָבער ער האָט גיריק געשלונגען אַלץ — ס'גרינס, די פעלדן, די נייַע שכונות אויף די בערגלעך, די בלאַטיק־געפּלאַסטערטע שאָסייען, די ביימער, וואָס ער האָט אין אייראָפּע און אין אַזיע אַזעלכע נישט געזען. ס'איז דאָ פאַר די פאַר יאָר עפּעס אויפגעטון געוואָרן — האָט ער באַטראַכט — וואָס טויגן מיר די אַלע קריגערייען און די טעאָריעס... יאָ גערעכט, ניט נישט גערעכט... מיר זענען אָבער אַלעמאָל גערעכט געווען... טעאָרעטיש. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אייַנגעקוקט זיך אין דער שוועסטער מיט בײדע קינדער בייַ דער זייט. ס'איז געווען גוטע תמימות אין איר פּנים, ווי בייַ אַ שעפּס, ווי בייַ דער מאַמען זייַערער, האָט ער זיך דערמאָנט. וויפיל צרות האָט ער אָנגעטון דער מאַמען, ווען ער איז נאָך געווען אַ ייִנגל ? ווען ער האָט געפּלאָנטעט מיט די גערער הײמען בראַשורן ?... און ס'שוועסטערל האָט ער איבערגעלאָזן נאָך גאָר כמעט אַ פּיצל. געוויינלעך זאָרגט זיך אַן עלטערער ברודער וועגן אַ ייִנגערער שוועסטער. ווען אַלץ איז אַזוי טרויעריק פאַרשניטן געוואָרן. האָט זי זיך אָבער, זעסטו, אַליין דורכגעשלאָגן אין לעבן; אינסטינקט, געזונטער אינסטינקט, אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ אויף דער ערד. טאַקע, וואָס קען מען נאָך צוגעבן ? קיינער האָט דאָ קלוג נישט געקענט זייַן.

דורך די געדיכטע ציפּרעסן־ און עקאַליפּטוס־אַלייען האָט אים דבורל אין שפּעטן האַלבן טאָג געפירט צו זייער צריף. זי איז באַלד אויך געלאָפן אָנזאָגן דודן. ער איז געווען אין שטאַל. אַ נידעריקער, אַ קרעמפּער, מיטן בלאָנדן לאָק אין די אויגן, מיט די בלאָנדע, צעפּלאָשעטע וואָנסן, וואָס ער האָט מער נישט אַרונטערגענומען זינט ער איז געווען אין דער הגנה, איז דוד פּאָוואָליע געקומען צוגיין, אָפּגעריבן די פיס אין טרעטער בייַ דער טיר, איז אַריין און אַהרונען דערלאַנגט אַ שווערע, פעסטע האַנט מיט אַ „שלום". ווי מיד ער איז נישט געווען, ווי פאַר־

טראַגן, האָט אהרון מיט אַ סך געריריטקייט געדריקט די אויסגעהאָרעוועטע האַנט; דער וואָרעמער שמיכל האָט זיך אָוועקגעלייגט צווישן די טיפע קאַרבן אויף זיינע אַש־גרויע באַקן.

— אַזוי... כ׳האָב נחת... — האָט ער אים גלייך דערקלערט — כ׳האָב ליב צו דריקן אַן אַרבעטער־האַנט...

דוד האָט שווער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מער נישט געפונען קיין רייד. ער האָט זיך נאָך עטלעכע מאָל אַ דריי געטון איבערן צריף, געקייט דאָס שטרויעלע צווישן די ציינער, באַלד אַנטשולדיקט זיך אַז איז פּאַמעלעך צוריק אַוועק אין שטאַל אַריין.

אהרון האָט זיך צוגעלעגט אין דער ליג־שטול אויף דער וועראַנדע. שפּעט נאָך־מיטאָג איז דאָ געווען שאָטנדיק. די לויטערע לופט האָט געזשומעט. צווישן די אַלייען, אויף די בערגלעך, איז דער הייסער אַרבעטס־טאָג שוין באַלד געגאַנגען צום סוף. ער האָט אַלץ געפילט אַרום זיך דער שוועסטערס פּאָרען זיך אין דער קליינער באַלעבאַטישקייט. זי האָט נישט געוווסט מיט וואָס פריער אים מהנה צו זיין. זי האָט אים געהאַלטן אין איין דערלאַנגען פרוכטן־זאַפט, טיי, מאַנדאַרינען, נאָר וואָס פון בוים. קיינער האָט שוין אַזוי לאַנג אַרום אים מיט אַזאַ צערטלעכקייט נישט געפלאָטערט. אַזוי, אַ לעבן אָפּגעטומלט. ס׳שוועסטערל האָט אַפילו נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן די אַרעמע יידישע פאָלקס־שול אין שטעטל, ווי ס׳אומגליק האָט זיך פלוצים אַראָפּגעלאָזן. מיר האָבן זיי נישט געזען, נישט געוואָלט זען, די פּשוטע, געזונטע שטרעבונגען פון פאָלק. און דאָרט... וואָס איז דאָרט פון אַלעם געוואָרן ? אַ ווינט... אַ רויך... אַש...

איבערגעשלאָפן אַ נאַכט, איז דער רויש אַביסל אַוועק. ער האָט זיך באַלד אין דער פרי אויפגעריסן. זיי ווילן דאָ אוודאי געוויר ווערן, די לייט אין קיבוץ, קומען צו אים, רעדן, אויספרעגן זיך, דיסקוטירן אפשר. וואָס וועט ער זיי דען זאָגן ? ער האָט זיך דערפילט מאָדנע פאַרשולדיקט קעגנאיבער אייגענעם שוועסטערל. דער דרך־ארץ אירער צו אים, נישט בלויז ווי צו אַן עלטערן ברודער. וועט זי זאָל וויסן ווי מיד ער איז פון אַלעם.

דעם גאַנצן טאָג איז ער דאָ אַרומגעגאַנגען, באַקוקט די באַלעבאַטישקייט, דעם ווייטן אויסבליק אין די הרי אפרים. פאַרנאַכט איז דבורל צוריק אַריינגעפאַלן, אַ מידע פון דער אַרבעט. זי איז שוין געווען ביי די קינדער אויך; האָבן אָפּגעגעסן, געקושט דער מוטער און די דערציערינס האָבן זיך געקליבן זיי צו לייגן אין די בעטלעך, לייענען זיי אַ מעשהלע פאַרן איינשלאָפן. איצט זענען די עלטערן רואיקער, וואַשן זיך איך, נעמען אַ דוש, ציען אַרויף אַ ריין העמדל און גייען מיט די סטעזשקעס אין בלוי־אַנגעפאַלענעם אַוונט צום חדר־האוכל. די סטעזשקעס דרייען זיך צווישן קוסטן־אַלייען, בלומען־בייטן, צום פּלאַץ, ווו ס׳הייבט זיך אויף דער וואַסער־טורעם, ווו ס׳איז דער גאַראַזש, ווו ס׳פאָרן זיך צונויף די טראַקטאָרן, דער קאָמביין, די עטלעכע דזשיפּן. דאָרט איז די לאַנגע, איינשטאָקיקע געביידע מיט דער שורה ליכטיק־צעעפנטע פענצטער.

ער זיצט ביי דער זייט פון דבורלען און פון דודן. ס׳פּנים פלאַמט אים. ער עסט זייער ברויט. ער פילט אויף זיך פון דער זייט בייגעריקע בליקן. מסתמא ווייסן זיי שוין. אָבער וואָס ווייסן זיי? גאָרנישט, אָדער כמעט גאָרנישט. אפילו דבורל ווייסט דאָך אויך אַזוי ווייניק פון זיין שטורמיש לעבן, פון זיינע ראַנגלעניש מיט אַנדערע און מיט זיך אַליין. זי ווייסט אַזוי ווייניק, אַז ס׳איז אַ רחמנות. ווען זי זאָל נאָך ווייסן וועגן דער גנבת נחמה... וועגן מיידעלע... צפּעס האָט ער זיך טאַקע דאָ דערפילט, ווי ער וואָלט זי אָפּגענאַרט. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקן פאַרלאַנג אַוועקצוזעצן זיך מיט איר, מיט דודן. ער האָט געוואָלט דערציילן זיי, אפשר פאַרענטפערן זיך.

ער איז אַרויס. די טעראַסע האָט דאָמינירט די טאָלן. דער ים איז געווען ערגעץ באַזונט, אַריבערן כרמל. מ׳האָט אים דאָ געפילט, דעם ים. אַ לינד ווינטל האָט, נאָכן חמימהדיקן טאָג, געבלאָזן פון דאָרט. ער איז אַוועק נאָך זיי צום צריף. ער האָט בלויז באַוויזן אַ דריק צו טון די האַנט פון דעם, פון יענעם. פאַרבראָנזטע פּנימער, צעאַקערט פון זון, פון ווינטן און פון שווערער אַרבעט. מערסטנס פאַרגרויטע קעפּ. זיי זענען מיט 20 און מיט 30 יאָר צוריק אַראָפּגעקומען אַהער, אויפן נאַקעטן פעלז; וויסטעניש, זומפּן, מאַלאַריע, פרעמדע, פייַנטלעכע אַראַבישע נעסטן אין די בערגשפּאַלטן, אין די טאָלן; אַ ביטערער קאָלאָניאַלער אָקופּאַנט. די זעלבע פאַרביסענע עקשנות, וואָס האָט אונדז אַמאָל געהאָלפן אויסצוהאַלטן תפיסות, קלעפּ, הונגערשטרייקן, פאַרשיקונגען, קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פיזישע און מאָראַלישע וויטיקן — די זעלבע עקשנות ביקצוקומען אַלע ביטערע שוועריקייטן; און זיי האָבן אויסגעהאַלטן! זיי האָבן געוואונען דאָס רעכט צו לעבן אונטערן דאָזיקן הימל, באַאַרבעטן מיט בלוט און שווייס דאָס שטיקל זאַמדיקע און פעלזיקע באָדן. קיינער קען עס ביי זיי מער נישט אַוועקנעמען. פאַרשרייען זיי — איז נישט ערלעך. צי דען האָבן מיר אַוועקגעגעבן לעבן און געזונט פאַר דעמאַגאָגיע? ווייל די ביטערע עקשנות אונדזערע קומט דאָך פון די זעלבע קוואַלן, פון די זעלבע נויטן. מיר האָבן געוואָלט אויסקעמפן דאָס לעבן אויף דער ערד, ווי גלייכע מיט גלייכע; און אַז מען נעמט דאָס אַוועק, מען באַטראַכט דיר ווי אַ מיטבירגער פון אַ נידעריקער מדרגה — האָבן מיר, הייסט עס, געזיגט שטורעם און געשניטן ווינט. גיי גיב עס צו פאַרשטיין ס׳קליינע שוועסטערל. זי קוקט אַריין, אַן אָנגעצבלעדטע. ווי מיד זי איז. באַלד באַגינען דאַרף זי זיך ווידער אויפריכטן צו אַ נייעם טאָג מי.

— ס׳געלעגער — זאָגט זי שטיל — איז גרייט. גייט לייג זיך.

ער קוקט אויף איר מיט וואַרעמקייט פון אונטער די פאַרהויכטע ברילן.

— כ׳וועל זיך אפשר אויף אַ פּאָר טעג אַראָפּכאַפּן קיין תל־אָביב. חברים... באַקאַנטע...

— וואָס איז די איילעניש? רו זיך נאָך אויס אַביסל. די חברים האָבן מיר געזאָגט, האָסט זיך נישט וואָס צו איילן. זיי האָבן געהערט, זאָגן זיי, וועגן דיר... כ׳האָב עס גאָר אַליין נישט געוווסט...

פאַרוואָס קומט אים אַזויפיל פשוטע פריינטלעכקייט ? מען בעט ביי אים גאָר־ניושט. ער זעצט זיך צוגליך מיט אַלעמען צום פראָסטן, היימישן טיש, ער עסט מיט זיי דאָס אָרעמע ברויט. אפנים, אַז דער אמתער גייסט פון קאָלעקטיוויזם שטעקט ערגעץ טיף אין אונדז, נאָך פון ווייט, פון יענע אומרואיקע גייסטער, די ייִדישע נביאים. זיי האָבן זיך דאָ אַמאָל אַרומגעדרייט צווישן אָרעמען פאָלק, די פישער, די פויערים, און געפּרעדיקט, אין יענע באַרבאַרישע צייטן, ליבע פון מענטש צו מענטש, שלום. צי האָט זי דען אַלץ געקענט אַרויסלייענען פון זיין פאַרלאָפענעם בליק, דבורל ? — האָס, גרויל, פאַרביטערונג, דאָס וועלן אויפעסן איינער דעם אַנדערן. און ער האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט קליין קעגנאיבער אָט די פשוטע האָרעפּס־לייט, וואָס לעבן מיט דער האַרטער וואָר, קעמפן מיט איר יעדן טאָג פאַר אַ ביסל גריינס, פאַר אַ שטיקל שאָטן, פאַר אַ ביסן ברויט, פאַר אַ טראָפן וואַסער.

נאָך עטלעכע טעג אַרומדרייען זיך, ווי אין אַ פלייסיקן בינשטאָק, וווּ אַלץ אַרבעט, אַלע זענען פאַרזאָרגט וועגן דער עפּידעמיע צווישן די הינדעלעך אין לול, וועגן קאָקלוש פון די קינדערלעך, האָט עס אים שוין אונטערגעהויבן. ער האָט געזאָגט, אַז מוז אַביסל אַ פאָר טון קיין תל־אָביב, אָבער אין דער אמתן האָט עס אים אַרויסגעטריבן.

דבורל איז שטייענגעבליבן, די רויטע, אָנגעדראָלענע הענט אַראָפּגעלאָזן, און האָט גאָרנישט געוווסט ווי אַזוי צו פאַרהאַלטן אים כאָטש ביז איבער שבת; ווייל זי האָט געזען, אַז ער איז אומרואיק, מיד, שלאָפט שלעכט ביינאַכט, הייבט זיך אויף, קריכט אַרום אויף די שפּיצן פינגער, גייט אַרויס אויף דער וועראַנדע, זיצט און רויכערט.

— אין שטאָט אין אַזאַ שטיקעניש... — האָט זי זיך געבעטן — בלייב נאָך, אהרן. פריטיק־צונאַכטס האָבן מיר אַ נשף. וועסט זען ווי די קינדערלעך טאַנצן, וועסט הערן, ווי שיין זיי זינגען, ווי זיי שפּילן אויפן חליל, אויפן אַקאָרדעאָן... ס׳אַ נחת אָנצוקוקן...

.3

באַלד באַגינען האָט ער גענומען דעם אויטאָבוס קיין תל־אָביב און איז אָפּגע־שטיגן ביי דער תחנה מרכזית. ער האָט געזען אַ פאַרפאָרעטן עולם לויפן, שמייכן, זוכן פּרנסה צווישן די אָנגעהויפטע, פאַרפאַטשקעטע געוועלבלעך רחוב אַלענבי, רחוב ליליענבלום — די נאַלעווקעס... ס׳שטעטל מיטן מאַרק קראָמען איך אַ יאַריד־טאָג... ער איז אַראָפּ מיט רחוב יפו, צום אַמאָליקן אַראַבישן פערטל, לאַנג גע־בלאָנדזשעט, צו געפינען די רעדאַקציע. אַ מאַן מיט דיקע ברילן אויף אַ היפּשלע־כער נאָז, האָט אים נאָנט אַ באַקוק געטון, זיך לסוף געכאַפּט :

— אַהאַ, חבר אהרון... געהערט, געהערט...

אין אַ שמאָל, שטויביק רעדאַקציע־צימערל, פֿול אָנגעוואָרפֿן מיט צייטונגען אויף די טישן, אין די ווינקלען, אויף דער ערד, זענען זיך צונויפֿגעקומען פֿון דער דרוקעריי אַ פּאָר יונגעלייט. מ׳איז געזעסן אויף די אָנגעוואָרפֿענע פּעק צייטונגען, אויף אַ טאַבורעטקע, מ׳האָט געריכערט. אהרון האָט געוואָלט וויסן ביי זיי איינס:

— צי דערשאַצט איר ס׳געמיט פֿון די אַלע אָפּגעראַטעוועטע פֿון מאָרד, וואָס קומען אַהער?

אַלץ כמעט געוועזענע — ציוניסטן, שומר־הצעירניקעס, אַפֿילו קיבוצניקעס, האָבן זיי אים אויפֿגעזונגען די אַלטע טעאָריעס וועגן „קאַמף אויפֿן אָרט", צוזאַמען מיטן נישט־ייִדישן אַרבעטער־קלאַס... ער האָט געהערט, געהערט און גאָר־נישט מער געהאַט וואָס זיי צו זאָגן. ער איז אַרונטער פֿון דאָרט נאָכמער אומעטיק, געלאָזן זיך שווימען צווישן פֿאַרביקן המון, אַראָפּ, צום ים. ער האָט געוואָלט זיך אויסמישן, מען זאָל אים מער נישט קענען.

ווי ער וואָלט דאָ נאָך אַמאָל אַריינגעפֿאַלן אין אָפּשיין פֿון דער וועלט־אָפּגעלאָפֿענער יוגנט — אַלטע אידייען, אַלטע דיסקוסיעס, אַלטע פֿאָרמולן פֿון לאַנג־אויסגעוועפּטע אידעאָלאָגיעס. זיי האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט, די געעלטערטע לייט, ווי די שאָטנס פֿון אַ לאַנג־פֿאַרגאַנגענעם לעבן, אַרום די האַלב־נאַכטיקע קאַפֿייען אויף רחוב דיזנגוף. מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויף די אַמאָליקע בירזשעס, אין די פֿאַררויכערטע פֿאַראיינס־לאָקאַלן; וועטעראַנען פֿון 3־טע, 4־טע, 5־טע פּאַרטיי־צוזאַמענפֿאָרן, פּאַרטיי־פּלענומס... ווין... לאָנדאָן... באַזעל... פּאַריז... האָבן געקענט פּערזענלעך דעם, אָדער יענעם באַרימטן פֿירער, וואָס איז שוין לאַנג געוואָרן לעגענדע. אַ שטיק געשיכטע פֿון דער ייִדישער, פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך אַ מיש געטון אין זיין מידן זכרון. ס׳איז געווען אַ געפֿיל, ווי ער וואָלט געבלעטערט פֿאַרגעלטע בראָשורן; ווי די מענטשן וואָלטן אויפֿגעטויכט פֿון די בראָשורן אַרויס. ס׳איז געווען אַ וווּנדער פֿאַר זיך אַליין — זיי דרייען זיך דאָ נאָך אַלץ אַרום, די לעבעדיקע עדות פֿון אַ גרויסן, שטורמישן דור. זייערע קעפּ זענען גרוי, אָדער נאַקעט. אין זייערע אויגן — אַ וויטער, נישט אויסגעלאָשענער פֿלאַם. מיט ניגער, מיט אַלטער ביסיקייט, מיט קילער איראָניע; און ביי אים, ביי אהרונען, זענען די־דיבע ליפּן פֿאַרשלאָסן. קיין שום האַס, דעם אַלטן, ביטערן פּאַרטיי־האַס, פֿילט ער נישט צו זיי. פֿאַרקערט, ער פֿילט אויפֿגייען אין זיך אַן אַלטע ייִדישע וואַרעמקייט פֿון יענער באָדנלאָזער ייִדישער יוגנט, וואָס האָט דאָרט אַמאָל אויף די רוסיקע ייִדישע בערזעס, אָדער אין די פֿאַרחלומטע שטעטלעך, געלעבט מער מיט וויזיעס, ווי מיט דער רעאַליטעט.

ער זיצט אונטער אַן אָפּדעכל, ביי אַ קאַפֿע. אַרום פֿלייצט דער בולוואַר, רעשט מיט יוגנט, מיט ייִדישער יוגנט. מען דאַרף נישט היטן זיך מיט אַ העכער וואָרט, מען דאַרף נישט ציטערן פֿאַר פֿאַרהוילענע בליקן, וואָס לויערן דאָ ערגעץ אומגעזען פֿון הינטער אַ ראָג. יאָרנלאַנג האָט ער געלעבט מיטן דאָזיקן אינסטינקט פֿון

קאָנספּיראַציע, ביז ס'איז געוואָרן ביי אים אַ מין צווייטע נאַטור. דער מאַן קעגנ־איבער האָט פאַרשטעקט אין אָפּגעביסענע ליולקע צווישן די פאַרביטערטע ליפּן. זיין פּנים, אויסגעטרוקנט, קופּערן, שלעכט־ראַזירט, צעאַקערט אין קנייטשן, מיט אַן איבערבלייב פון אַ לייבן־טשופּרינע; ווי אַ פאַרגעסענער טעאַטער־רעקוויזיט פון אַ לאַנג־אָפּגעשפּילט טעאַטער־שטיק. סטאַטיסטן... סטאַטיסטן זענען מיר אפשר אַלע געווען. אויף יעדנס פּנים, אויסגעשמיסן פון זון און ווינטן, ליגט איינגעפרעגט די געשיכטע פון אַ דור. זיי זענען באַוואָלטע און — דעראָבערער, אויסגעשפּיגענע און — קאָלאָניזאַטאָרן, שקלאַפן און — באַצווינגער, טרוימער און — ביזן מינדסטן פּרט רעאַלע ביטראַקעס. זיי זענען גרייט אַוועקצוגעבן ס'לעבן און — לייכט אַפילו צו מאָרד. זייערע שווערע הענט, וואָס קענען קיין פליג נישט דערהרגענען, זענען גרייט צו ווערן פויסטן. זיי קענען בעטן און — האַרט און ביטער באַפעלן. זיי האָבן אַלע בריקן הינטער זיך פאַרברענט. ס'איז דער בונט פון אייביק־באַשפּיגענע און שוואַכע. זיי וועלן טרעטן איינס אויפן אַנדערן, אָבער זיי וועלן אַדורך. „אָן אייגן לאַנד דערלאַנגט מען נישט קיינעם אויף אַ זילבערנער טאַץ" — זיי האָבן עס פאַרשטאַנען, אָהאָ, ווי זיי האָבן עס פאַרשטאַנען. אַלץ פראַזן ווערן בטל אין הייסן, דורכגעליטענעם בליק. מען וועט זיי מיט קיין שום פראַזן מער נישט פאַרפירן. די שוידערלעכע געטאָ־ און לאַגער־וואָר ריינט, ווי אַ סם, אין זייערע אָדערן. זיי זענען אימון. זייער אָרגאַניזם וועט שוין אויסהאַלטן. לאָזט זיי. זיי האָבן מקריב געווען זיך אַליין פאַר אַנדערע און מ'איז דערפאַר זייער שיין דאַנקבאַר געווען — קאָסמאָפּאָליטן... „אָן־פּאַספּאָרטיקע בראָדיאַגעס"... זיי ווילן נישט מער!

אָט גייט ער, דער מאַן, איבערן טראָטואַר. ער פאַרמאָגט גאָרנישט, אויסער די סאַמעטענע, אויסגעריבענע פאָר הויזן, דאָס העמדל מיטן אָפּגעלייגטן קראַגן, וואָס ער טראָגט אויף זיך. ער האָט שוין אַלץ טעמפּלען און אַלע געטער הינטער זיך. ער האָט זיי אַלע צעבראָכן און זיך אומגעקערט צו די יידישע אוראַלטע נביאים. זיי זענען דאָ אַמאָל געטרעטן איבער דער דאָזיקער פאַרברענטער ערד, די באָרוועסע נביאים. זיי האָבן האַרב געשטראָפט און געמאָנט. זיי האָבן פאָראויסגעזאָגט אַלע אומגליקן, וואָס זענען מקוים געוואָרן. אָבער אַ שפּראָץ פון די דאָזיקע אָפּשטאַמיקע איז געבליבן אויף דער ערד. דאָ וועלן זיי זיך, ביזן לעצטן, פאַרטיידיקן מיט די ציין און מיט די נעגל.

דער לערערין נחמה האָט ער נישט קיין מוט געהאַט צו גיין אויפזוכן; דערפאַר האָט אים דער צופאַל צוזאַמענגעפירט אין דער קאַפּע מיט בערלען, דעם חבר פון ערשט גאָרנישט לאַנג. ער האָט געטראָגן אַ לעדערנע וועסט. „פון וואַנען ביסטו אַראָפּגעפאַלן אַהער, אהרן?... אַ כאַליערע"... אַ תפיסה־חבר, פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין קאַרטוז־בערעזע, פון דער שעדלעצער תפיסה, פון יענע הייסע פאַר חדשים אין ביאַליסטאָק. ווי מענטשן פאַרפירט עס — אַ „קאָמאַנדיראָווקע" אין די דאָנבאַסער קוילנגרובן... מאָביליזירט, פאַרוואונדעט הינטער קיעוו, עוואַקואַציע, טאַשקענט. דערנאָך — די צוריקוואַנדערונג דורך פוילן, די מעפּילים־שיפלעך, די

מלחמה אין נגב. דאָ האָט ער זיך אַריינבאַקומען אין דער „אגד"־אויטאָבוסן־קאָמ־פּאַניע. ער ווייזט אים דעם נאַגאַן. ער באַגלייט אַן עקספּעדיציע ביז אילת.

— אַ כאַליערע... כ'לאָז דיר שוין נישט אָפּ, אהרן... פאַרסט מיט מיר מיט...

און ער דערציילט אים, ווי אַזוי ער איז דאָ אַריינגעפאַלן באַלד אין אָנהייב:

— כ'האָב עס באַלד פאַרשטאַנען! ס'איז געווען יענער אַמאָליקער פּלאָם, וואָס האָט די מענטשן געפירט אין שלאַכט אַריין. מיט מיינע אייגענע אויגן האָב איך עס געזען. ווו, האָב איך געטראַכט, נעמט מען זיי דאָ אַהער, די אַמאָליקע יוגנט אונדזערע? דאָס מאָל האָבן זיי זיך געשלאָגן פאַר זיך. מיר האָבן געוווסט, אַז נישט קעגן די אַראַבער, די אָרעמע טיקולאָנים, שלאָגן מיר זיך. הינטער זיי זענען געשטאַנען, און שטייען נאָך, אַלע אונדזערע אַלטע קלאַסן־שונאים — די נאַציס... די פּוילישע און אוקראַאינישע פּאָגראָמשטשיקעס... די שפּיצלעס, די פּראָקוראָרן, די ענגלישע קאָלאָניאַליסטן...

— מ'האָט אונדז אָבער אַלעמאָל געשראָקן מיטן וואָרט — נאַציאָנאַל... — האָט דוב געלאַכט האַרב — פון נאַציאָנאַל ביז נאַציאָנאַליזם איז אַ קליינער שריט...

— כ'וויל דיר עפּעס פרעגן — צי האָסטו אָט דעם קליינעם שריט אַלעמאָל געזען קאָנטראָלירט, דאָרט, ביי זיי, צווישן די פּאָליאַקן, אוקראַאינער, רוסן?...

— איך האָב עס דווקא יאָ קאָנטראָלירט, אָבער ס'איז שוין געווען צו שפּעט.

— דאָ ווועלן מיר עס אַליין קאָנטראָלירן, צווישן איגענע. מיר האָבן אַ סך יאָרן אַוועקגעגעבן די ציוניסטן אַזוינס, וואָס מיר האָבן זיי נישט באַדאַרפט אַוועקגעבן: כ'מיין, דעם פּשוטן געפיל פון היים. מ'האָט אונדז פּשוט אָפּגענאַרט. ווייל ביי אַלע אַנדערע איז קאַמף פאַרן סאָציאַליזם געווען — היים... און מיר... מיר זענען אַלע־מאָל פאַרבליבן הימלאָז...

— מיר זענען בכלל נישט פאַרבליבן. מ'האָט אונדז אויסגעקוילעט. ס'וועט לאַנג דויערן ביז ס'וועט ווידער אויפשטיין אַזאַ גרויסער, מוטיקער דור יידישע אַרבעטס־לייט. לויט מיר נאָך, איז נישט מעגלעך, אַז יענער דור זאָל האָבן אומזיסט געפאַלן אויף די באַריקאַדן פון דער געשיכטע...

ער האָט אים פאַר אַזעלכע רייד געוואָלט אַרומכאַפּן און קושן, בערעלע. אָבער ס'איז קיין צייט נישט געווען. ער האָט אהרנען אַריינגעפּאַקט אין אויטאָבוס, וואָס האָט געוואַרט דערלעבן, אַליין אַוועקגעזעצט זיך ביים רעדל און אַוועקגעטרייסלט זיך איבער די ברוקן, אַרויס פון תל־אָביב, איבער די כבישים, ביז באר־שבע, וואָס ליגט אויף דער שוועל פון דער גרויסער וויסטע.

ביי דער קאַפע „אשל" איז מען אָפּגעשטיגן. דאָרט האָט שוין פון אין דער פרי אָן געוואַרט אויף זיי די באַנדע זשורנאַליסטן, פאָטאָ־רעפּאָרטערן, צווישן זיי עטלעכע מיידלעך אין הויזן, מיט טיכלעך אויף די קעפּ. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט.

— חברה, מען פאָרט הײַנט נישט... — האָט בערעלע זיי איבערגעשריגן.

— וואָסי געשען?

— ביינאַכט פֿאָרט מען נישט דורכן נגב... — האָט ער זיך, זייער פֿריילעך, אַ טאַפּ געטון ביים נאַגאַן אונטער דער וועסט — מאָרגן, כעלות השחר.

די פֿריילעכע באַנדע איז דאָרט געווען איינקוואַרטירט אין דער אכסניה, אויפֿן ערשטן שטאָק. מיטן צופֿאַל פֿון אָוונט, האָבן זיך אָנגעצונדן די שויי־פֿענצטער, די סינעמאַס, די קאַפֿייען. ס'איז געווען אַ לעבעדיק געגיי — פּויליש, רומעניש, אונגאַריש. אַלע חורבות פֿון דער קליינער אַראַבישער שטאָט, וויט אַרויסגערוקט אין דער וויסטעניש, זענען פֿאַר די עטלעכע יאָר שוין געווען אויסגעפּאַריכט, באַזעצט. די גאַנצע שטאָט איז פֿול געווען בוי־שטעלעס. ביז שפּעט זענען זיי אַרומגעקראָכן. אומעטום — פֿריילעכע געזעמלעך, אַקאָרדעאָן־מוזיק.

באַגינען האָט מען אַרויסגעריטן. דער סטעפּ האָט זיך אָפּגעדעקט פֿון האָריזאָנט ביז האָריזאָנט, אַ נאַקעטער, מיט פֿאַרברענטע קרייטעכצער אויף דער צעשפּאָלטענער, דורשטיקער ערד. דער שמאָלער כביש האָט זיך געדרייט אַרויף, אַראָפּ. ווי אין אַ טומאַן, איז געהאָנגען די אומברחמנותדיקע זון. אַפֿילו די גרויע, פּוכיקע רויב־פֿייגל זענען געוואָרן זעלטענער, האָבן, ווי מעוועס נאָך אַ שיף, געלאָזן זיך נאָכן שטויביקן רויכל פֿון אויטאָבוס. ווי די מענטשן אינעווייניק וואָלטן פֿאַרוואָרפֿן געוואָרן אויף אַ פֿאַרלוירענעם אינזל אין מיטן ים. ס'איז געלאָזן געוואָרן אין גאַנג דער ראַדיאָ־הילכער. איך רויש פֿון דער מאַשין, האָבן אָנגעפּליצט איינטאָניקע אַראַבישע געזאַנגען. זיי זענען געקומען פֿון איבער די נאָענטע גרענעצן, פֿון מזרח און פֿון מערב. דאָס מיידל אין די הויזן, יפֿה, איז געשפּרונגען איבער קני און אַקסלען צו בערעלע שאָפֿער. זי האָט אויסגעשאַלטן דעם קאָנטאַקט, פֿאַרקליבן זיך אין אַ ווינקל אויף די טרעפּלעך און אַריינגעזונגען אין הילכער מיט אַ דינן, ציטערדיק שטימעלע. מאָדנע לידער. דעם קאָפּ אַריינגעשפּאַרט אין דער שויב, האָט אַהרן זיי געהערט אין פֿאַרטראַכטקייט, ווי פֿון זייער ווייט. לידער וועגן געפֿונענעם וואַסער... וועגן אַן אייזעלע אויף אַ שמאָלן באַרג־שטעג... וועגן אַ ביסל שאָטן און פֿרישע רעגן־טראָפּנס אויפֿן קאָפּ...

ערשט איצט האָט ער זיך געכאַפּט, אַז דער דזשיפּ מיט די דריי סאָלדאַטן באַגלייט דעם אויטאָבוס דעם גאַנצן וועג פֿון באר־שבע. דער קוילן־וואַרפֿער, וואָס ווערט ביים שיסן געקילט דורכן לופֿט־שטראָם פֿון די לעכעלעך, איז צוגעפּעסטיקט פֿון פֿאָרנט. זיי פֿליִען אין אַ זיג־זאַג, אין אַ ים פֿון שטויב, קוקן זיך אום, מאַכן עפּעס צייכנס צום שאָפֿער.

ביים זייט כביש שטייט אַ מיידל, אַ סאָלדאַט, מיט אַ ביקס און מיט אַ קינד אין די אָרעמס. דאָס ברעטל דערלעבן מיט דער אויפֿשריפֿט: כפֿר־מנוחה, ווייזט צו אַ שטעג, צו אַ קליינעם אָאַזיס אין דער וויסטעניש. דאָס מידע אויג פֿרישט זיך אָפּ מיט אַ גרינעם פֿלעק — ציפּרעסן, קוסטעס, שטעכיקע סאַברעס, צעשניטענע גערטנער, בייטן, וווּ ס'דרייט זיך אַ וואַסער־שפּריץ; ביידלעך אין דינעם שאָטן, אַ וואַסער־טורעם, אַ נישט פֿאַרענדיקטער. ס'מיידל מיט דער ביקס און מיטן קינד אויפֿן אָרעם, פֿירט זיי נאָך זיך צו די אָפֿענע טירן אויפֿן פּלאַץ, צום חדר־האוכל.

— די פּאָסט האָסטו געבראַכט ?

— געבראַכט... — האָט ער זיך דערווייל אַריינגעפּרייט אין בלאָנדן קינד אויף איר אָרעם, אַ כאַפּ געטאָן עס אויף דער האַנט. ס'קינד האָט געלאַכט מיטן מילך־ציינדעלע פון פאָרנט, פאַרגאַנגען זיך.

אויף דער וועראַנדע, אין שאָטן פון אַ ציפּרעס, ביי אַ קאַלטן טרונק, צווישן דער פריילעכער חברה, האָט זיך אהרון ווי אויפגעכאַפּט. סאָלדאַטן און — קינדער־לעך... זיי שיידן זיך נישט מיט דער ביקס, מיטן נאַגאַן ביי דער זייט. זיי עקס־פּערימענטירן דעם באָדן, רייניקן אים אָפּ פון געשטיין, וואַשן דעם זאַמד. די שטיי־נער בילדן אַ געגנוג הויכן צוים אַרום באַאַרבעטן שטיקל באָדן. אַן אָאַזיס אין דער מיט פון פאַרשטיינערטע, פאַרקוילטע, אויסגעלאָשענע וווּלקאַן־בערג; אַ פּאָר שעפּסן, אַ פּאָר ציגן, אַ קו, אַן אייזעלע, אַ וואַסער־רער, אַ שטיין־בעקן, אַ רעזערוואַר צו־נויפצוזאַמלען די ווינטער־רעגנס; אַ לעבן, וואָס גייט אויף ווונדערלעך אונטער דער הייסער זון. אין אַ זייט פון כביש — אַן איבערגעקערטער סקעלעט פון אַן אויטאָ־קאַר. דאָס איז עס געשען. דאָ זענען זיי, ווי די מייז, געקומען צושלייכן פון הינטער די בערגלעך, פון הינטער די פעלזן, מיט מעסערס צווישן די בלאַנקענדיקע ציי־נער. טויט, אומקום. און צוזאַמענגנס זענען ווידער דאָ געלאָפן אויטאָבוסן, מ'האָט ווידער פאַראַקערט די ערד. קיין שום מורא, קיין קראַפט שטעלט זיי נישט אָפּ צו פאַראַקערן די ערד. מיט דער ביקס און מיטן קינד אויף די אָרעמס. זיי וועלן דאָ שוין בלייבן...

און דער אויטאָבוס איז אַלץ טיפער אַוועק צו דרום. ס'איז נאָך אַלץ געווען גרוי־סער טאָג. די האַנט פון מענטש איז אַדורך די וויסטעניש — דער גלאַטיקער שאָ־סיי, די אָפּגעקאַלכטע צעמענט־פּעסער, די וועג־צייכנס ביי די אָפּריסן, ביי די פּאָר־דרייען. ס'האָבן זיך צוריק באַוויזן פייגל. מ'האָט געפילט ציען אַ לינדן ווינט פון נאָענטן ים. מיטן אויפפלאַמען פון די ליכטיקע שטערן איבערן קאָפּ, האָט מען זיך דערנענטערט צו דער שטאָט. רושטאַוואַניעס, סילועטן, באַראַקן, ליכט־רעפלעק־טאָרן. דער ים איז געלעגן אין דער נידער, אַ פאַרהוילענער. ביי די הויכע טרעפּ האָט מען זיך פאַרהאַלטן. ס'איז געווען די פריילעכע קאַפּע ביים פּאָרט. בערעלע שאָפער, מיטן נאַגאַן ביים פּאַס, איז אַרומגעשווומען צווישן די טישלעך, אַרומ־פלאַפּלט און געטעשפּעט מיט אַלע מיידלעך.

ביידע פול־באַזעצטע זאַלן זענען געשווומען אין רעש. אַ געמיש פון מאַטראָסן, סאָלדאַטן, פישער, פּאָליציי־לייט, קיבוצניקעס. דער מיטלוואָקסיקער, קרעמפּער קאַפּיטאַן פון דער קליינער פראַנצויזישער האַנדלס־שיף „לאַ מועט", מיט דער שמאָלינקער פרוי ביי דער זייט, מיטן ראָזן ייִנגל, האָבן פאַרנומען דאָס ווינקל ביים פענצטער, ברייט־צעעפנט צום ים אין דער נידער. הינטערן פענצטער איז געלעגן אַ פינצטערע נאָוועמבער־נאַכט, אַן לבנה־סערפּ, אָן וואַרעמע ווינטן. סוף נאָוועמ־בער בלאָזן דאָ נישט קיין הייסע ווינטן פון די מדבריות. אַקאַבאַ, דער יאַרדאַנישער ברעג, איז געלעגן ערגעץ זייער נאָענט, ליינקס, האָט געגליט אין פייערלעך.

דער הויכער, רויטער קאַפּע־מאַן הינטערן טומבאַנק, ווי די קאַפּע־לייט פון אַלע פּאָרטן אין דער וועלט, איז אַרומגעלאָפן מיט אָפּגעדעקטע, האָריקע הענט, אַליין

אַראָפּגערוימט פון די טישן, דערלאַנגט און איז צוריקגעלאָפן סודען זיך מיט די משטרה־לייט, צעזעצט אויף די הויכע באַר־זעסלען, מיט די גרויסע נאַגאַנען, מיט די פאַרשאַרצטע אַרבל, די קעפּיס ווילעריש פאַררוקט אין שטערן אַריין. זיי האָבן לאַנגזאַם געזופּט פון די קליינע גלעזלעך און זייטיק אַרומגעבליקט דעם זאַל. דער דזשיפּ־זייגער האָט געוואַרט ביי די טרעפּלעך. דער זאַל, אין הייסע רעדערייען, איז געשוואומען אין רויך.

.4

פאַרנאַכט איז אהרון ווידער געגאַנגען איבערן געפּלאַסטערטן שטעג פון קיבוץ. די אַרומיקע הרי אפרים זענען געוואָרן אַלץ ברוינלעכער, ווי באַשאָטן מיט בשמים. מער ווי די מידיקייט, האָט ער געטראָגן אויף זיך, ווי אַ משא, דאָס שולד־געפיל. וואָס וועט ער איר זאָגן, דבורהלען? זי מיינט אַוודאי, אַז ער האָט אין זיין לעבן אויפגעטון עפּעס אַזוינס, כ'ווייס וואָס, נישט פאַר איר איינפאַכן וויבערישן שכל. וואָס פאַראַ העלד בין איך דען? זי איז אין דער אמתן אַ גרעסערער העלד פון מיר. זי ווייס עס אפילו נישט.

ער איז פאַרביי די ליכטיקע פענצטער פון חדר־האוכל און האָט עפּעס נישט מער געוואָגט אַריבערצוטרעטן די שוועל, אַוועקזעצן זיך ביים טיש, צו עסן פון זייער שווער־פאַרהאַרעוועט ברויט. דורך די זייטיקע סטעזשקעס איז ער אַראָפּ צום צריפל. די טיר איז געשטאַנען האַלב־אָפּגעלענט, אָבער קיינער איז אויף דער שוועל נישט געווען, נישט דבורל, נישט דודי. ער האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן אויפן בעטל, ס'ליכט נישט אָנגעצונדן, איז אַ לאַנגע ווילע אַזוי זיצן־געבליבן אין דער טונקל. הינטער די ווענט איז נאָך אויפגעגאַנגען דער פריילעכער געוויש פון די קינדער; אַ מויל־האַרמאָניקע אין טאָל האָט געזעגט דאָס ליד וועגן בלויען כנרת. אַ ווייטע, קיינמאָל נישט געזאָנטע בענקשאַפט, איז אויפגעגאַנגען. ווען זי איז אַריין, דבורל, און אויפגעדרייט דאָס ליכט, האָט זי דערזען אהרונען זיצן, דעם קאָפּ אַריינגענומען צווישן די הענט.

— ווען ביסטו געקומען? כ'האָב געמיינט... פאַרוואָס ביסטו נישט אַריין אין חדר־האוכל?...

— די קינדערלעך שלאָפן שוין? כ'האָב זיי עפּעס מיטגעבראַכט פון אילת.

ער איז געשטאַנען האַלב־אומגעדרייט, מיט דער הויכער פּלייצע צום פענצטער, פאַרוויקלט אין רויך.

— פאַר נאָך נישט אַוועק, אהרון... — האָט זי אין זיין אומרו דערפילט זיין באַשלוס און אַז עפּעס שטיקט אים.

— כ'פאָר נאָך נישט... נישטאָ אין ערגעץ ווו צו איילן זיך... ווו איז דודי?

— ער איז היינט אויף שמירה. איז אַוועק נאָכן סטען. ער וועט צוריקזיין נאָך האַלבער נאַכט, ביי דער אָפּוועקסלונג.

זי האָט געמאַכט ליכט, פאַרצויגן די פאָרהאַנגען, איז געלאָפן און געברענגט דאָס אָונט־עסן פון קיך, האָט אויפגעקאָכט אַ גלאָז טיי, אָנגעשטעלט פול דעם טיש און נישט געפונען קיין מינוט אָוועקצוזעצן זיך, געשראָקן זיך צו הערן דאָס, פאַר וועלכן זי האָט אַזוי מורא געהאַט. זי איז מיטן טאָג נישט אויסגעקומען; געוואַשן, געראַמט, געלאָפן פון לול צום קינדער־הויז, אין פעלד. אירע הענט זענען מידע, געלעגן אויפן טיש. ער האָט פון דער זייט אַ בליק געטון אויף זיינע אייגענע פאַרוויסטע הענט; בריקטע האַנט־פלאַכן. זיי וואָלטן געקענט ציען אַ דראָטווע, פירן אַ הובל, האַלטן אַ רידל. זיי זענען דורך די יאָרן ווייס און אויסגעאיידלט געוואָרן. די דראָטענע ברילן איינגעקוועטשט, די פאַרגרויטע שליפן, די בריקטע דלאָניעס, נישט פון אַן אינטעליגענט — האָבן נאָך אַלץ אָבער גיכער אויסגעגעבן אין אים אַ באַל־מלאָכע, איידער אַ פּאָליטישן מענטש, אַ לאַנגיאָריקער פונקציאָנער, וואָס האָט זיך אַ לעבן אָפּגעוואַלגערט אין די פאַררויכערטע פּאַרייענס־לאָקאַלן, אין די תפיסות. אָפּגעוווינט זיך פון פיזישער אַרבעט, אָבער ס'האָט אים נאָכאַנאַנד צוריקגעצויגן. אַחוץ, פאַרשטייט זיך — איך די וועלדער פון ווייטן צפון... דאָרט האָט ער שווער געהאָרעוועט; דאָס פאַרגרייטן די האָלץ־שיכטן אין די אוראַלטע טייגעס... ס'לעבן פירט טיילמאָל אומגעריכט אַ מענטש אַוועק פון דעם אַלעם, צו וועלכן ער איז אין דער אמתן באַרופן געווען. ער געדענקט, אַז ס'ערשטע מאָל, ווען מ'האָט אים אָפּגעריסן פון דער שטעפּער־מאַשין, האָט ער זיך דערפילט, ווי אַ שוואַכער שווימער, ווייט פון ברעג, אין טיפע וואַסערן.

ס'שוועסטערל איז געזעסן קעגנאיבער, די מידע הענט אָנגעלענט. די הענט פון דער מאַמען ! — האָט ער זיך געכאַפּט. זי האָט זיך, נעבעך, שטאַרק געפלעגט צו מאַטערן אין דער אָרעמער באַלעבאַטישקייט, די מאַמע. זיבן מיילער זענען געגאַנגען צום טיש; און פון וואָס, פרעגט זיך, האָט מען געצויגן די ביטערע חיונה? פון אַ וואַרשטאַטל און פון אַ געוועלבל. ער האָט זיך געפילט פאַרשעמט פאַר די אויסגעהאָרעוועטע הענט. ער האָט זיי אַמאָל פאַראורטיילט, די פשוטע מענטשן פון פאָלק, האָט זיי צוגעקלעפּט אַלערליי עטיקעטן און פראַזן — קליינבירגער... מיטל־קלאַס... נישט קיין קאָנסטרוקטיווע עלעמענטן... אַז זיי מוזן פאַרשווינדן... זיי זענען טאַקע פאַרשוווּנדן. טרויעריק פאַרשוווּנדן. און ער, וואָס איז אַדורך אַזוי פיל שטורעמס, האָט געראַטעוועט זיין פעל. וואָס האָבן זיי דען געוואָלט, די הענט ? זיי האָבן געבענקט נאָך ערלעכער מי.

זי האָט זיין קרומצן, פאַרשעמטן שמייכל נישט דערכאַפּט. זי האָט גאָר געהאַט אַ געפיל צו פאַרענטפערן זיך — כ'וויס... קליינע אומאָנגענעמלעכקייטן אין קיבוץ, פאַרביטערונג. ס'איז געוויינלעך, ווען מען באַגעגנט זיך יעדן טאָג אויף דער זעלביקער סטעזשקע, ביי דער זעלביקער אַרבעט, ביים זעלביקן טיש אין חדר־האוכל. ס'איז איר אויך נאָכגעגאַנגען די קלעמעניש, ווען ס'מיידעלע איז דאָ געבוירן געוואָרן און מ'האָט עס באַלד ביי איר אַוועקגענומען אין קינדער־הויז. פרעמדע הענט

האָבן זיך פאַרנומען מיט איר קינד. שעהן האָט זי זיך געדרייט הינטער די פענצ־טער פון קינדער־הויז. זי האָט געהערט די פריש־געבוירענע וויינען און פון אַלע געוויינען האָט זי אַזוי שטאַרק דערקענט ס׳געוויין פון איר עופהלע. מ׳האָט זי נישט אַריינגעלאָזן, ווען מ׳האָט די קינדער געבאָדן, ווען מ׳האָט זיי איבערגעטון די העמדעלעך, ווען מ׳האָט זיי געלייגט שלאָפן. זי האָט זיך דעמאָלט קוים איינ־געבעטן מ׳זאָל זי לאָזן אַרבעטן אין קינדער־הויז, כאָטש די אַרבעט איז איר אויס־געפאַלן שווער. זי האָט געוויינט אין די נעכט; און דוד, אָפגעמאַטערט פון טאָג האָרעוואַניע, איז געלעגן שווער אומגעדרייט צו דער וואַנט. כ׳ווייס... אפשר איז זי עמיצן גראָב פאַרגעקומען. די קליינע פאַרדרוסן האָבן געפרעסט דאָס האַרץ. ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז אַלע קוקן אויף איר קרום, אַז אַפילו דוד וויל איר נישט פאַרשטיין. פאַרן ברודער אהרון האָט זי זיך געשעמט אַראָפצורעדן זיך פון האַרצן. אהרון... ער האָט וויכטיקערע זאַכן אויפן קאָפּ. דער פאָרזיצער פון מזכי־רות האָט מאָדנע אַ קוק געטון אויף איר, ווען זי האָט אים דערציילט, אַז איר ברודער אהרון קומט.

— אהא... דיין ברודער אהרון... מיר האָבן געהערט...

און זי האָט גאָר אויף אַזויפיל נישט געוווּסט. זי האָט אים אָנגעקוקט, ווי צום סאַמע ערשטן מאָל. ער איז געזעסן אומגעדרייט, פאַרקוקט אין דער פינצטערער שויב. זי האָט פלוצים געהאַט אַ פאַרלאַנג צו פאַרענטפערן זיך פאַר אים. ער האָט געשוויגן. וואָס מער ער האָט געשוויגן, אַלץ מער איז דער אומרו אין איר גע־וואַקסן.

—טרינק, אהרון — האָט זי אים צוגערוקט דאָס אויסגעקילטע גלאָז טיי — כ׳ווייס... אפשר געפעלט דיר נישט ביי אונדז ?... איך מיט דוהן זענען דאָ שוין צו־געוווינט. און די קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין... מ׳אַרבעט און שויך. אַוודאי, ווען כ׳וואָלט געוווּנט האָבן אַ דירה אין שטאָט, וואָלט איך דיר אַנדערש אויפגענומען אין מיין הויז. אָבער מיר פאַרמאָגן גאָרנישט... און זענען צופרידן. ווען זאָלסט וויסן, ווי ס׳האָט אים געצויגן צו אַזאַ לעבן, דודן...

ער האָט זיך האַסטיק אומגעדרייט. זיין פנים האָט אויפגעלויכטן פון צעקרומטן שמייכל :

— פאַרענטפערסט זיך, שוועסטערל... האָסט זיך גאָרנישט וואָס צו פאַרענטפערן. ביסט קיינעם גאָרנישט שולדיק... פאַרקערט, כ׳בין דיר אפשר אַ סך מער שול־דיק... פאַר אַלעם, אַפילו פאַרן שטויב אויף מיינע קליידער, פאַר דער סטעזשקע, וואָס פירט צו דיין צריפל, און מיינע פיס טרעטן אויף איר...

זי האָט זיך דערשראָקן פאַר אַזעלכע רייד. זי האָט נישט פאַרשטאַנען.

— מיר זענען פשוטע לייט... — האָט זי געקוקט אַראָפּ, איר מויל האַלב־אָפן — דער מאַמעס שיטערע ציינער, צווישן דיקלעכע ליפן — געדענקסט — האָט זי זיך פלוצים דערמאָנט — ווי די מאַמע האָט אונדז פרייטיק פאַרנאַכט געפלעגט צו צוואָגן די קעפלעך ?... ווי פאַרהאָרעוועט זי איז נישט געווען אַ גאַנצע וואָך...

כ׳האָב דיר נישט דערציילט, ווי אַזוי די מאַמע איז אומגעקומען... ווען מ׳לאָזט אחנדז, וואָלטן מיר שוין אַזוי אָפּגעלעבט איך שטעטל. דאָרט זענען געווען קאַר־טאָפל־פעלדער, גריבנס, אַזויפיל גריבנס... דאָ שטיקט מען זיך פאַר אַ ביסל גריבנס. מען וואַשט דעם זאַמד, די שטיינדלעך, ס׳איז אָבער איגנס...

— מיט פשוטע ווערטער האָסטו מיר אַלץ געזאָגט, שוועסטערל... — ער האָט טיף פאַרצויגן, זיך פאַרהוסט — האַלטסטו מיך פאַר אַ כ׳ווייס וואָס... פאַר אַ הייליקן אפשר... ביסט הייליקער פון מיר... מיט דייַנע אויסגעהאָרעוועטע הענט... ווען דו ווייסט ווי מיר טוט וויי. אַ גאַנץ לעבן האָב איך געזוכט, און דו מיט דוזן האָבן עס פשוט, אָן גריבלעניש, געפונען. כ׳ביך איך מקנא.

— כ׳גיי דיר בעטן ס׳בעט, אהרן... — האָט זיך דבורל האַסטיק אויפגעריסן, אומגעדרייט צום אַנדערן חדר, ער זאָל נישט דערכאַפּן דעם פייכטן גלאַנץ הינטער אירע וויעס.

1957

די מעד.-שוועסטער מאַיאַ

.1

די ראָזע מויד אין פּעלצל, די מעד.־שוועסטער מאַיאַ מיראַנאָוואַ, מיטן בלאָנדן, שיקסעווואַטן לאָק פון אונטער דער פּילאָטקע, מיטן גראַד סערזשאַנט, דאָס איז דאָך געווען — די קליינע מאַיאַ. זי איז געווען צוגעטיילט צום מעד.־פּונקט פון סאַניטאַרנעם באַטאַליאָן, וואָס איז אין אומפאַרגעסלעכן זומער 1945 געשטאַנען אין דער באַמבאַרדירטער האַליע, אַרום „בראַנדענבורגער טאָר", אין בערלין.

די קליינע מאַיאַ האָט אין יענע האַסטיקע בהלה־יאָרן אַוודאַי באַדאַרפט געבוירן צו ווערן ערגעץ אונטערוועגנס, אָדער אויף דער עמיגראַציע — אין לעמבערג, צי אין ווין, אָדער גאָר אין בערלין. ווייל דער פאַר־לעצטער אָפּשטעל זייערער איז געווען אין פּאַריז. די חברטע רוזשקע איז אים דעמאָלט עטאַפּנוויז נאָכגעפאָרן, דעם חבר מאיר סטאָליאַר, דעם בונטאַר, דעם בלאָנדן, געזונטן בחור, וואָס געשטאַמט האָט ער פון אַן אָרעם שטעטל טלית־ים־מאַכערס אין מזרח־גאַליציע. ער איז נאָך געווען פאַרמישט אין דער „ספּראַווע" פון נפתלי באָטוויק, דעם העלד, דעם מאַרטירער, וואָס וועגן אים זינגען די פאָלקס־לידער. אין די לעמבערגער „בריגידקעס" האָט מאיר סטאָליער פאַרענדיקט אָפּזיצן זיין „ווירשאָק" אין די דרייסיקער יאָרן. לאַנג איז ער אָבער נישט פאַרבליבן אויף דער פריי; אַרויס פון תפיסה, אַריין אין תפיסה. לויפנדיק צו לעצט איבער דער „גרינער גרענעץ", איז ער קיין ווין אַריינגעפאַלן אין סאַמע פלאַקער פון אויפשטאַנד פון די „שוצבונדלער"; אין בערלין, ווידער, האָט ער נאָך באַוויזן צו דעמאָנסטרירן, צוזאַמען מיטן רויטן ווערדינג, „אונטער די לינדען", אַריינצופאַלן צו דער געשטאַפּאָ אין פעברואַר 1933; קוים מיטן לעבן אַרויסגעדרייט זיך פון זייערע לאַפּעס, איז ער קיין פּאַריז שוין געקומען אַנטזיצן צוזאַמען מיטן גאַנצן אַנגעלויף פון דער פּאָליטישער עמיגראַציע, מערסטנס יידן, אין די פּיערלאַכע טעג ערב פאָלקס־פראָנט. ער האָט מיטמאַרשירט אין די קילאָמעטער־לאַנגע מאַניפעסטאַציעס, מיט דער געהויבענער פויסט, איבער די הילכיקע ברוקן פון פּאַריז, פון נאַסיאָן ביז באַסטיל.

און אומעטום איז אים חברטע רוזשקע נאָכגעפֿאָרן, מיט דער קליינער מאַיאַ אויף די הענט. זי האָט אַנגעהאָדעוועט סיבלייכע מיידעלע אויף די פּערמאַנענצן און פאַך־פֿאַרזאַמלונגען אין די געדיכטע יידישע אַרבעטער־קלובן, געוואַלגערט זיך אומלעגאַל אין פֿאַרשטעקטן האָטעל אויפֿן בעלוויל, און נישט געוואָלט איבערטרעטן די שוועל ביי דער שוועסטער איהער, די „קליינבירגערין“, וועלכע האָט זיך שוין דאָ גע־האַט אַביסל איינגעאָרדנט אין פּאַריז, האָט צוזאַמען מיטן מאַן איהרן געפֿירט אַ קליינע אַטעליע פֿון דאַמען־טאַשן.

מאיר סטאָליער האָט אין פּאַריז אויך נישט גערוט. ער האָט זיך דאָ מיטגעפּאָרעט אין די קאָמיטעטן פֿון דער „רויטער הילף“, פֿון „געזערד“ און נאָך באַוויזן, מיטן לעצטן טראַנספּאָרט, צוזאַמען מיט אַ גאַנצער גרופּע באַלמעלאָכעס, אָפּצופֿאָרן קיין ביראָבידזשאַן, „אונטערשטעלן אַ פּלייצע“, אויפֿצובויען די יידישע אויטאָנאָמע רע־פּובליק אויפֿן ווייטן מזרח, ביים אַמור; ס׳איז געווען ערב דער באַרימטער דעקלאַ־ראַציע פֿון קאַלינינען, דעם דעקרעט פֿון מאַי 1934.

חברטע רוזשקע האָט זיך נאָך דאָ געמאַטערט אַ יאָר־אַנדערטהאַלבן, ביז מאיר סטאָליער האָט איר מיטן קינד, נאָך גרויסע באַמיאונגען, פֿאָרט אַריבערגענומען אַהין. צוערשט זענען דערגאַנגען גאַנץ גוטע גרוסן פֿון זיי : מאיר סטאָליער איז דאָרט געוואָרן אַ „העלד פֿון אַרבעט“, אַ שלאָגלער, אַ „סטאַכאַנאָוויעץ“. אָבער נאָכן טרוי־עריקן יאָר 1937, נאָכן קיראָוו־מאָרד, נאָך די „רייניקונגען“, נאָך די פּראָצעסן — ווי אין וואַסער אַריין, נישט פֿון אים און נישט פֿון חברטע רוזשקע, צוזאַמען מיטן מיידעלע זייערס, מאַיאַ.

מילא, זיי האָבן געטיילט דעם גורל פֿון אַלעמען, אָבער די קליינע מאַיאַ האָט איבערגעהאַלטן אַלע אומגליקן און וואָגלענישן; אַזוי האָט זיך דערנאָך אַרויסגע־שטעלט, לויט די אָפּגעריסענע גרוסן מיט יאָרן שפּעטער פֿון באַקאַנטע, וועלכע האָבן זיך מלחמה־צייט געראַטעוועט אין ראַטנפֿאַרבאַנד. די קליינע האָט זיך דאָרט אַרומגעוואַלגערט אין קינדער־יאַסלעס, אין קינדער־היימען, פּיאָנערן־לאַגערן, קאָמ־סאָמאָל־לאַגערן; און אין זומער 1945, אַ מויד פֿון אַ יאָר צוואַנציק אַוודאי, איז זי קאַפּויער־געקומען קיין בערלין, צוזאַמען מיט דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע־אַרמיי, מיטן סאַניטאַרנעם באַטאַליאָן, ווי אַ מעד.־שוועסטער, מיטן גראַד סערזשאַנט.

מען ווייסט נישט אַקוראַט ווי אַזוי ס׳איז דערגאַנגען צו רוזשקעס עלטערער שוועסטער קיין פּאַריז, אַז מאַיאַ לעבט, האָט זיך אָפּגעפֿונען, אַז זי איז אין בער־לין; ווייל אָפּגעראַטעוועטע יידן האָבן דעמאָלט כּסדר נאָכגעזוכט משפּחה דורך די קאָמיטעטן, דורך די צייטונגען.

בלאָנד, ווי מאיר סטאָליער, מיט אַ געשטעל, מיט רויטע, געזונטע באַקן, ווי ווינ־טער־עפּל, האָבן מאַיאַן די לייכט־פֿאַרוווּנדעטע רויט־אַרמייער, וועלכע האָבן געשטראָמט צום מעד.־פּונקט, גערופֿן זי „יאַבלאָטשקאָ“, ס׳הייסט עפּעלע, און האָבן געלאַכט מיט אַ ברייט רוסיש געלעכטער. זי האָט מיטגעלאַכט, דורכגע־ווערטלט זיך מיט זיי און איז גאָר פּלוצים בייז געוואָרן, געטריבן זיי פֿון זיך, ווי

נאָר זיי האָבן צופיל געגומען צושטיק. אַ מילך־בלאָנדע, מיט אַ פּאַרריסן נעזל, האָט זי זיך דווקא געלאָזן „אוכאַזשעווען״ פון שוואַרצן אָדעסיט סאַשקע פינקעלשטיין (מיטן טראָפּ אויפן שטיין), דעם דאָלמעטשער פון סאַניטאַרנעם פונקט. אַפילו אין זיין וואָכעדיקן רויט־אַרמייאישן שינעל, איז געלעגן אויף אים דער עלעגאַנט פון טאַנץ־זאַלן; אַפילו מיט זיין אָפּגעגאָלטן קאָפּ, האָט מען דערקענט זיין טיף־שוואַרצע ציגיינערישע שעוועליורע, מיט די דין־פאַרשניצטע פּיאהלעך. דערנאָך האָט זי אים אויך געשיקט צום טיוול. זי האָט זיך מיט אים צעקריגט, גערופן אים „קליינבירגער״, „בורזשוי״, „בורזשויסקאַיאַ דושאַ״; און אַלץ דערפאַר, ווייל ער האָט איר דאָרט איינמאָל אָנגעבראַכט אַ שיעור מציאות, מען ווייסט גאָרנישט פון וואַנען און — ווי אַזוי; זיידענע נאַכט־העמדער, אָדעקאָלאָן, שאָקאָלאַד, אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן, אַפילו אַ גאָלדן דאַמען־זייגערל. ס׳איז נאָר געווען אַ סוד, ווי אַזוי ער האָט עס אַלץ ערגעץ דערטאַפּט אין יענע טעג אין צעגראָמירטן בערלין. די אויגן ביי מאַיאַן האָבן אויפגעלויכטן — ווען האָט זי דען געזען אַזעלכע גוטע זאַכן? און פאַר דעם אַלעמען האָט ער פאַרלאַנגט ביי מאַיאַ מיראָנאָוונאַ נישט מער ווי — אַ קוש. האָט זי צוערשט געלאַכט און געשיקט אים צום טיוול. ס׳איז איר אָבער באַלד געוואָרן פאַרדעכטיק. ווהין איז ער עס ערגעץ אַרומגעקראָכן, סאַשקע? זי האָט אים אָנגעקוקט מיט חשד, דעם „הצלד״. מאַיאַ האָט געטרונקען בראָנפן, ווי אַ מאַנספּאַרשוין, און ער, סאַשקע, האָט זיך געקרעקט, איבערגעלאָזן אַ העלפט, אומבאַמערקט אויסגעגאָסן. זי האָט געלאַכט פון אים. אָבער אין סאַנ.־באַט. איז ער געווען דער „גלאַוונער״ דאָלמעטשער. מ׳האָט זיך אָן אים נישט געריירט, טאָמער איז אויסגעקומען אַ רעד צו טון אַמאָל מיט אַ דייטש; און סאַשקע האָט גערעדט צו די דייטשן עפּעס צו־פּליסיק, גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. אָבער גערעדט האָט ער איך דער אמתן אַ ריכטיקן אָדעסער יידיש... ווייל די צעשראָקענע דייטשן האָבן עפּעס געהערט, געהערט און נישט אַלץ אַזוי געגוי פאַרשטאַנען, וואָס מען וויל פון זיי. און זי האָט געלאַכט, מאַיאַ, פון דעם „אָדעסער שאַרלאַטאַן״. זיין „דייטש״ האָט איר אָבער מאָדנע קענטלעך אַ קלונג געטון אין די אויערן, ווי ווייטע מוזיק פון דער נעפּלדיקער קינדהייט; פונקט ווי די צעגראָמירטע שטאָט בערלין איז איר פאַרגעקומען קענטלעך.

טאַקע, צי האָט זי דען געקענט אַזוי געגוי געדענקען, אַז קינדווייז האָבן זי דורך דאַנען דער פאָטער און די מוטער געטראָגן, פאַרוויקלט אין שאַלן, אין זייער בהלהדיקער אַנטרינונג פון אַ שונא, וואָס האָט זיי אויף יעדן טריט פאַרפאָלגט? בערלין... ווין... פּאַריז... און דאָ האָבן זיך ערגעץ אָנגעהויבן די נעפּלדיקע דערמאָנונגען אירע. אויסער פון דער חברטע מאַשאַ, האָט זי פון דער היים פון קיינעם קיין בריוו נישט דערוואַרט. מאַשאַן האָט זי נאָך אין פּיאָנערן־הויז אַלץ געהאַט פאַרטרויט, אַלץ... כמעט אַלע אין סאַניטאַרנעם באַטאַליאָן, אין מעד.־פונקט, האָבן יעדן טאָג אומגעדולדיק אויסגעקוקט אויף דער פעלד־פּאָסט — פון די פאַרוואָרפענע דערפער אַרום לענינגראַד, כאַרקאָוו, סטאַלינגראַד. און זי? מאַשאַ האָט איר נישט לאַנג געמאָלדן אין אַ בריוו, אַז זי גייט זיך „פאַרשרייבן״ מיט קאָסטיאַ

פעטראָוויטשן; ער איז געקומען אויף אורלויב, מיט אַן אויסצייכענונג „העלד פון פאָטער־לאַנד".

— מאַיאַ מיראָגאָוואַ... — האָט איר סאַשקע, דאָס מאָל זייער ערנסט, איינגע־רוימט — כ'האָב דאָ אויפן „טאָלטשאָק" באַגעגנט איינעם אַ ייד... פון די לאַגער־מענטשן... האָט ער מיר אַ זאָג געטון: איר זעט? אַט די גאַס אַריבערצוגיק און די וועלט איז אָפן פאַר אייך...

האָט זי אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע ווילדע אויגן, אַז ער איז — שמייכלענדיק ממזריש — בלאָס געוואָרן. ס'האָט אים באַלד אויפן אָרט באַנג געטון, וואָס ער האָט זיך גאָר אַרויסגעכאַפּט. ס'איז געווען אין די ערשטע פּאָר חדשים, ווען די גרענעצן זענען נאָך געשטאַנען כמעט הפקר. פון דער פּוילישער זייט האָבן הימלאָזע יידן טאָג און נאַכט געצויגן דורכן „בראַנדענבורגער טאָר", אויף מיליטערישע אויטאָס, צו־פוס. אַזאַ פעלקער־וואַנדערונג האָט מען נאָך נישט געזען. אַנדערע זענען אויך גע־גאַנגען הין און צוריק, צו פירן שמוגל. עס זענען אַרום געשטאַנען רוסישע יידי־שע פליטים־פּונקטן, אכסניה'ס, „טאָלטשאָקן". ס'איז אָנגעגאַנגען אַ ווילדער האַנדל. מ'האָט געטוישט וועסט־מאַרקן אויף אָסט־מאַרקן, דאָלאַרן, פונטן, גאָלד־שטיקלעך, דיגערלעך. אויף איינער אַזאַ אכסניה האָט סאַשקע מאַיאַן איינמאָל פאַרפירט. ס'איז דאָרט פאָרגעקומען אַ יזכור־אָונט. יידן האָבן געוויינט, און זי האָט דאָ גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטייך.

קורץ דערנאָך איז סאַשקע ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַסער אַריין. אין מעד־פּונקט האָט מען מער נישט דערמאָנט זיין נאָמען; ווי ס'וואָלט קיינמאָל קיין סאַשקע פינקעלשטיין אויף דער וועלט נישט געווען. מ'האָט נאָר מאַיאַן אָנגעקוקט אַביסעלע פון דער זייט. זי האָט זיך אויסגעלאַכט פון זיי און אַ וואָרף געטון — „דער טייוול ווייס אים... אַ שאַרלאַטאַן"... אָבער ווען זי פּאַקט אים, וואָלט זי אים אַליין, מיטן נאַגאַן אין האַנט, אָפּגעפירט אין שטאַב אַריין. „אַזאַ סוואָלאָטש!"...

.2

פון דעמאָלט אָן האָט איר אָנגעהויבן צו לאָקן די אַנדערע זייט טראָטואַר, די מעטראָ, וואָס קען פאַרפירן. זי האָט געקוקט, געקוקט און האָט שנעל אויסגעשפּאַנט אויף אירע שלאַנקע פיס, איך די קורצע, עלעגאַנטע שטיוועלעך. איינמאָל האָט האָט איר אַ ייד פון לאַגער אָפּגעשטעלט אינמיטן גאַס.

— דאָס זענט איר מאַיאַ מיראָגאָוואַ? איר וועט זיך גאָרנישט ריכטן... כ'האָב פאַר אייך אַ גרוס...

— פון סאַשקען אוודאי... — האָט זי דעם קליינעם ייד אָנגעקוקט אָן אַ ברעקל צוטרוי — דער „פאַרשיווייעץ"...

— ניין, איר האָט נישט געטראָפן... פון אייער מומען אין פּאַריז... זי האָט געהערט, אַז איר זענט דאָ. זי ווייס שוין אַלץ... זי וואָלט געווען גליקלעך, זאָגט זי, איך צו זען. אייער מוטערס אַ ליבלעכע שוועסטער, מאַיאַ מיראַנאָווא ! זי האָט איך געטראָגן אויף די הענט, ווען איר זענט נאָך געווען גאָר אַ קליינינקע, אין פּאַריז טאַקע...

— בין איך, הייסט עס, אין פּאַריז אויך געווען... — האָט זי זיך פאַרגעסן, מאָדנע הויך אַרויסגעלאַכט און נישט געקענט איינהאַלטן זיך איבערצולאָזן דעם ייד, זי האָט עפּעס קיין כּוח נישט געהאַט באַלד צו אַנטלויפן.

— איר זעט די אַנדערע זייט טראָטואַר ?... — האָט איר דער קליינער לאַגער־ייד, נאָכלויפנדיק, געוויזן מיט אַ שעפּטש — מיר גייען אַריבער און — די וועלט איז פאַר איך אָפן...

האָט זי דעם ייד שאַרף אָפּגעמאָסטן מיטן בליק, האַסטיק אומגעדרייט זיך און איז, אָן איין וואָרט, אַוועק. זי האָט זיך אַפילו מער נישט אומגעקוקט. אָבער אײדער וואָס־ווען, איז איר אומגעריכט אַרויסגעפאַלן אויף האַלדז אַ פרעמדע פרוי, פאַרוויקלט אין טיכער, מיט אַ שלוכצן :

— מאַיעלע... דאָס בין איך... דיין מומע... דיין מאַמעס אַ שוועסטער...

— פון וואַנען ?... ווי אַזוי ?... ס׳איז סאַשקע...

דאָס מאָל איז זי געשטאַנען ווי צוגעשמידט און נישט געקענט רירן זיך פון אָרט. זי האָט זיך נאָר צעשראָקן אַרומגעקוקט, צי קיין זייטיק אויג באַמערקט זיי נישט; ווייל מ׳האָט איר שוין אַוודאַי נאָכגעקוקט אויך. זי האָט קיינעם נישט געזען אין שאַרפן בערלינער ווינטערדיקן נעפּל, אָבער זי האָט פאָרט געפילט. ווי אומזעעוודיקע בליקן שטעכן דורך איר רוקן. אומעטום האָט זי געפילט אויף זיך די בליקן. די פּילאָטקע פאַררוקט אין אַ זייט, מיטן קורצן פעלצל ענג פאַרשפּיליעט, האָט זי געשפּאַנט אויף אירע הויכע, שלאַנקע פיס. מ׳האָט זי אַלצאיינס אומעטום נאָכגעקוקט, דאָס שיינע סאַניטאַרן־מיידל, אין גאַס, אין קינאָ, אין שטאָב. זי האָט זיך מער ווי אַלעמאָל געפאַרכטן. „כ׳וואַרט אויף דיר, מאַיעלע“... — האָט זי נאָך געהערט הינטער זיך די פאַרחלשטע שטים פון דער פרעמדער פרוי, ווען זי איז שנעל אַוועק אַראָפּ טראָטואַר.

— דאָס מאָל, מאַיאַ מיראַנאָוואַ, זענט איר פאַרליבט... אויף אַן אמת... — האָט דער שעף פון סאַניטאַר־פונקט, אַ יונגער דאָקטער, זי אָנגעקוקט מיט שמייכלענדיקן חשד — דער גלאַנץ אין אייערע אויגן, און בכלל... נאַט, קוקט איך כאָטש אָן אין שפּיגעלע...

— גייט צום טייוול !... — האָט זי אים, לאַכנדיק נישט נאַטירלעך, אָפּגעשטופּט און איז אַנטלאָפן אין דער פאַלאַטע פון איר אָפּטיילונג.

ער האָט זיך נישט באַליידיקט אויף איר, דער יונגער סימפּאַטישער דאָקטער; ער האָט, ווי אַלעמאָל, געלאַכט מיט זיין פול מויל געזונטע ציינער. מ׳האָט זי שוין

געקענט, מאַיאַ מיראָנאָוואַ, מיט אירע פּלוצימדיקע אויסברוכן. אַ שטיקל צייט האָבן זיי דאָרט אַלע געמיינט, אַז אָט דער פֿלינקער אָדעסיט, סאַשקע פינקעלשטיין, וועלכער האָט צו אַלע סאַניטאַרן־מיידלעך גערעדט מיט די פּערזן פֿון „יעווגעני אָניעגין", האָט פֿאָרט געפֿאַנגען איר האַרץ. אָבער אָט איז ער גאָר אַליין פֿאַרשוווּנדן. און די זייטיקע האָבן דאָ גאָרנישט אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין. די זאַך איז, יעדנפֿאַלס, נישט אַזוי גלאַטיק — האָבן זיי באַשלאָסן.

ביז — מאַיאַ האָט זיך איינמאָל אומגעריכט דערזען אויף דער דער אַנדערער זייט טראָטואַר. די טראַמוויען איבערן ברייטן פּלאַץ פֿון „בראַנדענבורגער טאָר" זענען ווי אָוועקגעשווּמען אין ערבֿ־ניי־יאָר־נעפּל. זי איז געגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט און האָט נישט געוווּסט מער וווּהין זי גייט; ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט זי אָנגענומען און געפֿירט. נאָך די נעכט פֿון אַריינקלערן וועגן אירע טאַטע־מאַמע, וואָס זי האָט זיי אַזוי ווייניק געקענט, אַזוי ווייניק געוווּסט וועגן זייער לעבן; דאָס בילד זייערס איז אין איר זכרון פֿאַרבלייכט געוואָרן און האָט זיך אויפֿגעוועקט אין איר מיט אַ פֿרעמדן כּוח. זיי דאָרט — האָט זי זיך געזאָגט — ווייסן מסתּמא אַלצדינג. פֿאַרוואָס האָט מען עס פֿאַר מיר אויסבאַהאַלטן? און צום ערשטן מאָל, אויף דער זייט טראָטואַר, האָט זי געוואַגט זיך אַליין צו שטעלן די פֿראַגע — פֿאַרוואָס האָבן זיי ערגעץ באַדאַרפֿט פֿאַרלוירן ווערן, אָן אַ שפּור? די מלחמה איז פֿאַרענדיקט. צו וועמען וועט זי זיך אומקערן? ווייל יעדע איינע פֿון אירע חבֿרטעס, פֿון די חבֿרים, האָט פֿונדעסטוועגן ערגעץ־וווּ אַ מאַמע, אַ טאַטן, אַ פֿעטער, אַ „קליינע כאַטע מיט אַ בעריאָזע פֿאַרן פֿענצטער"... ווי ס'זינגט זיך אינעם ליד...

די האַנט, וואָס האָט זי געפֿירט אין דער פֿינצטער, אין ווינט, אין נעפּל, אין שניי פֿון ערבֿ־ניי־יאָר, איז געווען אַ וואַרעמע, אַ זאָרגעוודיקע, אַ ציטערדיקע. זי איז צוריק געוואָרן אַ קינד און האָט זיך מיט קינדערישן צוטרוי געלאָזן פֿירן פֿאַר אַ האַנט. עמיץ, האָט זי געפֿילט, זאָרגט פֿאַר איר. זי דאַרף נישט מער, ווי אַ קליין תּיהלץ, לויערן אויף אַ שטיקל ברויט, פֿאַרטיידיקן זיך, פֿאַרקריכן אין אַ נאָרע.

.3

ס'איז געווען אַ פֿינצטערער באַגינען, ווען מאַיאַ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט אין אַ צוג, וואָס איז געלאָפֿן דורך אומבאַקאַנטע וואָקזאַלן. די מומע, פֿאַררוקט אין אַ ווינקל, מיטן שוואַרצן ייִדישן שאַל איבערן שטערן, האָט געפּרוווּט רעדן צו איר:

— מאַיעלע, ס'אַרט דיר... ס'וועט דיר גאָרנישט פֿעלן ביי מיר... ווער איז מיר דען פֿאַרבליבן, נאָכן גרויסן בראַנד?...

— כ'בין נישט מאַיעלע... קיינער האַרף זיך פֿאַר מיר נישט צו זאָרגן... — האָט די מויד, מיטן פּנים אין דער שויב, טויב געבורטשעט.

און זי האָט זיך מער נישט אומגעקוקט צו דער פֿרעמדער, איבערגעשראָקענער

פרוי מיט די גרויע פּאַסמעס האָר פון אונטער דער אָנגערוקטער, אַלט־יידישער שאַל איבערן שטערן. זי האָט געקוקט אין דער פינצטערער שויב אַריין, פאַרוויקלט אין שויבער פון אירע בלאַנדע קוטשערן. די מומע האָט נאָר געציטערט, ס'זאָל איר אַמאָל נישט איינפאַלן, דער מויד, איינמיטן וועג אויפצוהייבן זיך און אַנטלויפן. דער צוג האָט געזאָלט אָנקומען קיין פאַריז צומאָרגנס פרי, אָבער ס'איז געווען אַ פאַר־שפּעטיקונג. מ'איז לאַנג געשטאַנען אויף עפּעס אַן אָפּגעלעגענעם וואָקזאַל. צו דער מומען און צו די עטלעכע יידן אין וואַגאָן האָט זיך מאַיאַ מער נישט אומגעקוקט. זי האָט געהערט, ווי פון זייער וויטן, זייערע פאַרשטעלטע רייד, זייערע שושקע־רייען און האָט זיך פלוצים געפרעגט: ווהיין בין איך דאָ אַריינגעפאַלן ?...

אין הויז אַריין צו דער מומען האָט מען מאַיאַן געבראַכט צופירן שפּעט אין אָוונט. זי האָט די גאַנצע צייט געקוקט דורך דער טאַקסי־שויב, ווי דורך אַ נעפּל, אויף די פאַרשטעלטע פייערן פון דער פרעמדער שטאָט. זי איז געווען פאַרטויבט, שלעפעריק. אין צימער מיט די פאַרהאָנגענע פענצטער האָט זי דערזען פאַר זיך אַ ברייט, ווייך בעט און איז באַלד אַוועקגעפאַלן שלאָפן אין די זאַכן, אין די שטי־וועלעך, אין פעלצל. די מומע איז אויף די שפּיץ פינגער אַרויס.

געשלאָפן איז דאָס מיידל לאַנג, אין אַ זיסן, פאַרטראָגענעם, קינדערישן שלאָף, אָן חלומות. אויפגעמאַכט די אויגן האָט זי שפּעט אין טאָג אַריין, אין אַ שטוב פול מיט ווינטערדיקער זון. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. קיינער איז נישט געווען. אין שאַפע־שפּיגל האָט זי זיך אומגעריכט דערזען אין איר הילוך — אַ צעקנייטשט כאַקי־קליידל, אַ צעכראַסטעטע בלוזע, די האָר צעוואָרפן אויף אירע פולע, קיי־לעכדיקע, בלעטדיק־אָפּגעדעקטע אַקסלען. ווער האָט אַראָפּגעצויגן פון איר דאָס פעלצל, די שטיוועלעך ? ס'איז איר באַפאַלן אַ ווילדער צו־להכעיס און זי האָט אַרויסגעשטעקט אין שפּיגל אַריין די צונג צו זיך אַליין, זיך פאַרקרימט, אַ באָר־וועסע, אַ לויף געטון צו דער טיר, ווי זי וואָלט זיך געשראָקן, צי די טיר איז אַמאָל נישט פאַרהאַמערט, ווי אין אַ תפיסה.

אָבער הינטער דער טיר איז שוין געשטאַנען די מומע, אַ פרימאָרגנדיק־צע־שמייכלטע, אין אַ זיידענעם שלאַפראָק, מיט אַ נעצל איבער די גרויע האָר. הינ־טער איר, אין סאַלאָן, פול מיט ווינטערדיקער זון, האָט זיך אויפן טיש געפאַרעט נאָרוואָס פאַרבריטע שמעקנדיקע קאַווע, ס'איז געשטאַנען פוטער, קעז, ס'איז גע־לעגן פריש ברויט, אויסגעבריונטע ראָגעלעך.

— דאָס אַלץ האָסטו איינגעהאַנדלט אויפן „טאָלטשאָק" ?... — האָט מאַיאַ זיך געוווּנדערט, אָנקוקנדיק דעם פול־אָנגעשטעלטן טיש, און האָט צום ערשטן מאָל געלאַכט מיט אַ מויל געזונטע, הונגעריקע ציינער — כ'שטויס זיך שוין אָן... כ'בין אַריינגעפאַלן צו די אמתע בורזשויען...

— נאַרעלע, נישט נאָר בורזשויען עסן פרישטיק... גיי, וואַש זיך כאָטש אָפּ ס'פּנים, קוק זיך איין אין שפּיגל, ווי דו זעסט אויס! ווען זאָלסט וויסן וואָס פאַראַ געסט מיר וועלן היינט האָבן אין אָוונט... זיי האָבן געקענט דעם טאַטן דיינעם און דער מאַמען...

געגעסן האָט דאָס מיידל מיט אַ וועלפֿישן הונגער, מיט גרויסע ביסן, מיט לאַנגע שלונגען. דערנאָך האָט די מומע געגומען זי אין וואַש־צימער אַריין, געהאָלפֿן איר אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך די אַלע פּראָסטע סאָלדאַטסקע זאַכן און אַרומגערגעשטעלט זי אונטערן וואַרעמען דוש. זי האָט פּאַרקיטלט ס'טירל, מיטנעמענדיק אירע זאַכן. פֿון די שאַפֿעס און קאָמאָדעס האָט זי איר דערנאָך אַריינגעבראַכט אַ פֿרישע „וויפּראַ־ווע," פֿון קאָפּ ביז פֿיס — אַ זיידן העמד, לייבעלעך, הייזעלעך, סטאַניקעס, זאָקן. נאָר מיטן קליידל איז זי געבליבן שטיין אַביסל צעמישט, אַנקוקנדיק די צעוואַק־סענע מויד.

— ס'וועט אפֿשר זיין אויף דיר צו קליין... כ'דערמאָן זיך גאָרנישט זיי זאָלן זיין אַזעלכע הויכע, דיינע טאַטע־מאַמע...

— טאַקע ?... איר האָט זיי געקענט ?... — האָט זיך מאַיאַ נאָך אַלץ נישט געוואָלט צוגלייבן.

די מומע האָט געמוזט שטיק דערביי און אַרויספֿציען יעדע זאַך באַזונדער אויפֿן מיידלס קלאָר, בלענדיק לייב. קיין שצמעוודיקע איז מאַיאַ נישט געווען. אין די פֿיאָנערן־לאַגערן האָט מען נישט געוווסט פֿון אַזעלכע העמונגען. זי האָט געדולדיק געלאָזן אַלץ טון מיט זיך, ווי אַ קינד. טרערן זענען פּלוצים דער מומען געקומען אין די אויגן; דאָס זענען דאָך געווען די זאַכן פֿון איר אייגן קינד, פֿון איר איידעלען. זי האָט דאָ געקעמפּט אין דער ווידערשטאַנד, געטראָגן אויף זיך דינאַמיט, בליצט־לעך, ביז זי איז אַריינגעפֿאַלן אין די מערדערישע הענט און זי האָט דער טאָטער שוין מער קיינמאָל נישט געזען. איצט האָט זי געהאַט דאָס געפֿיל, ווי זי וואָלט אָנ־געטון איר אייגן קינד.

— מאַיעשי, אַלץ קליידט דיר, קניינעהאָרע... ווי ס'וואָלט אויף דיר גענייט גע־וואָרן... אַ געשטעל — אַ נחת אָנצוקוקן...

מאַיאַ האָט האַסטיק אַ גיי געטון אין סאַלאָן אַריין, נישט די זעלבע ווי פֿריער. אַפֿילו אַ רויט סטענגעלע האָט די מומע פֿון ערגעץ אויסגעזוכט און אַליין אונטער־געבונדן איר דעם ביטש געדיכטע, בלאָנדע קרויזן, ווי אַ בינטל זאַנגען. אויף אירע געזונטע, שלאַנקע פֿיס זענען געווען אָנגעצויגן זיידענע זאָקן, אויף שיכלעך מיט הויכע קלעצער.

— קוק זיך כאָטש אָן, מאַיעלע... — האָט די מומע זי נאָך אַמאָל צוגעפֿירט צום שפּיגל — כ'פֿאַרשטיי, אסור, נישט, ווי אַזוי די יונגצליים דאָרט זענען פֿאַר דיר נישט געוואָרן די כּפּרה...

— כ'האָב זיי געטריבן ווי די הינט !... — האָט זי גיך געמאַלן מיטן חנוודיקן פּיסק.

— איך אָוונט וועלן קומען די קוזינען... זיי ווילן דיך אָנקוקן... טאַקע, פֿון וואַ־נען זאָלסטו זיי געדענקען ?

— זיי זענען אויך פֿון דער פֿאַרפֿוילטער בורזשואַזיע ?...

— וואָס רעדסטו, נאַרעלע ?... פאַרהאַרעוועטע שניידערס... זיי האָבן זיך דאָ, גלויב מיר, געגנוג אָנגעמאַרדעוועט אין די ערשטע יאָרן... זיי נעמען אַרויס אַביסל „פאַסאָן" פון אַ „הויז"...

— פון אַרבעטן ביי יענעם האָט מען עס אַזעלכע „ראַסקאַשנע" דירות ?... עסט מען אַזעלכע „בורזשויסקע" עסנס ?... נישט מיר וועט איר עס דערציילן ! עקס־פלואַטאַטאָרן, אָט וואָס איר זענט !...

און זי איז באַלד אַנטלאָפן אין אַנדערן צימער, געגומען אַראָפּוואַרפן פון זיך די זאַכן, איז צוריק אַריין אין איר קליידל פון גראָבן סאָלדאַטסקן געוואַנט, אין פעלצל, אין רויטן בערעט. די מומע איז איר נאָכגעגאַנגען, בלייך, צעטומלט, מיט אַן אָפן מויל.

— און איצט פיר מיך אָנקוקן אייער „בורזשויסקע" פּאַריזש... כ'שטעל זיך גאַרנישט פאַר ס'זאָל זיין שענער ווי ביי אונדז...

ביי דער מומען האָט געפלאַמט דאָס פּנים. זי איז דער מויד נאָכגעגאַנגען, ווי מען גייט נאָך אַ קינד, ס'זאָל נישט אָפּטאָן קיין שאָדן אין הויז. זי האָט אַלץ מורא געהאַט זי צו פאַרלירן. טאַקע, וואָס וועט איר דען נאָך בלייבן ? און זי האָט אַ ווייטן קלער געטון — אפשר עפּעס אַ יינגל, וואָס זאָל איר פאַרדרייען דעם קאָפּ...

צוריקגעקומען פון גאַס איז מאַיאַ פאַרנאַכט, אַ צעדרימלטע, אַ פריילעכע און אַ בייזע.

— ווער, זאָג מיר, פאָרט עס ביי אייך אַרום איך אַזויפיל שיינע „לימוזינעס" ?...
— האָט זי געפרעגט שטרענג, ווי אַן אויספאָרשונג־ריכטער — קיין אַרבעטער פאָרן נישט אַרום... דאָס איז זיכער !...

אָבער דאָס פאַרביקע, רוישיקע פּאַריז איז איר פונדעסטוועגן געפעלן: דאָס זעלבע אויך — דאָס באַשיידענע און פאַרכאַפּנדיקע אָנטון זיך, די מאָדנע עסנס. זי האָט עס אָבער בשום־אופן נישט געוואָלט מודה זיין. זי האָט מיט גרויס אַפּעטיט געשלונגען אַלץ, וואָס די מומע האָט אַוועקגעשטעלט פאַר איר אויפן טיש.

— און „וואָדקאָ"... — האָט זי איינמאָל פּלוצים לאַכנדיק אַ פרעג געטון — ביי אייך טרינקט מען נישט קיין „וואָדקאָ" ?...

די אַלטע האָט זיך געביסן די ליפּן; זי האָט דער מויד אַלץ געוואָלט איינצעמען. אונטער־צייט האָט דאָס גלעקל ביי דער טיר אַ קלונג געטון.

— ווער קומט ?... — האָט זיך דאָס ווילדלעכע מיידל אַ ריס געטון — פאַרוואָס קלינגען זיי אַזוי שטאַרק ?...

און זי האָט אַ לויף געגעבן צו דער טיר פון אַנדערן צימער.

— שרעק זיך נישט, נאַרעלע... — האָט די מומע זי איינגענומען — זיי האָבן געקענט דעם טאַטן דיינעם, און דיך מאַמען... ווען ביסט נאָך געווען אַ פּיצל...

— צי איז אַמאָל צו אייך נישט געקומען סאַשקע... סאַשקע פינקעלשטיין ?...

— ווער איז סאַשקע ?... כ'קען נישט קיין סאַשקע...

— איז עס אמת ? איר נאַרט מיך נישט ?... — האָט זי זיך נאָך אַלץ נישט גע־קענט צוגלויבן; אָבער עפּעס איז זי באַלד אויפן אָרט פריילעכער געוואָרן. די בלייכקייט פון איר פּנים איז אַראָפּ.

און די מומע איז הערווייל אַוועק אויפמאַכן די טיר. מאַיאַ האָט די געסט שטיל, אין בלייכן שמייכל, דערלאַנגט די האַנט, אַביסל מיט חשד, אָן איין וואָרט. זי האָט זיך געשאַרט צו דער טיר פון צימער. דעם ייִדערניקן, פעסטן יונגערמאַן, וואָס האָט גערעדט צו איר אַ פּאָר ווערטער רוסיש, האָט זי איינגאַנצן אויסגעמיטן, נישט מער געקוקט אין זײַן זײַט אַרײַן. ס'איז געוואָרן אַביסל נישט אָנגענעם פאַר די געסט; ווייל יעדער איינער האָט זי געוואָלט אָנקוקן, רעדן מיט איר אַ וואָרט, אויספרעגן זיך. דער מומעס האָבן געשלאָגן אַלע פאַרבן אין פּנים אַרײַן. זי איז אַרײַן נאָך מאַיאַן אין פינצטערן צימער און האָט זי געפונען פאַרשטעקט צווישן די פאָרהאַנגען, ווי יענע וואָלט גרייט געווען אַראָפּצושפּרינגען פון הויכן שטאָק.

— כ'וויל נישט !... — איז די מויד געבליבן פאַרעקשנט — כ'ווייס שוין ! ס'איז סאַשקעס שטיקל אַרבעט... ער וועט מיך פאַרקויפן, סאַשקע...

— וואָס רעדסטו, נאַרעלע ?... קיינער וועט דיר, חלילה, קיין שלעכטס נישט טאָן...

אָבער אַנקוקנדיק די ווילדע, אויפגעלויכטענע אויגן אירע, ווי ביי אַ קאַץ, האָט זיך די אַלטע אַליין אויך דערשראָקן. זי האָט פאַרשטאַנען, זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. זי איז צוריק אַרײַן צו די געסט אין ליכטיקן סאַלאָן, פאַרשעמט און צע־טראָגן. זיי האָבן אַלע באַלד שטיל פאַרלאָזט דאָס הויז.

4.

אַזוי איז דער נחת אין הויז צעשטערט געוואָרן. ס'האָט איר שוין אָנגעהויבן באַנג צו טון, דער אַלטער : נאָכוואָס האָט זי עס איינגאַנצן באַדאַרפט ? אָבער צוריקגערעדט — אייגן בלוט און פלייש ! עטלעכע טעג האָט דאָס מיידל מורא גע־האָט אַרויסצושטעקן די נאָז אין גאַס אַרײַן. זי האָט געוויינט פון שלאָף, געשריגן. די איז אַרומגעגאַנגען מיט שוואַרצע רעדער אונטער די אויגן, מיט אַ צעפלאָשעטן קאָפּ.

מ'האָט איר צוזעשט געצ'עצהט, דער מומען — אַ פּסיכיאַטאָר... דאָס זענען פון די מאָדערנע קרענקען... אַזאַ מיידל, אַ יתומה, האָט געקענט פאַרמאָגן אַלע קאָמ־פּלעקסן... מאַלע וואָס ?

אָבער אין די אויגן פון פאַרטייעטן יונגערמאַן, וועלכער איז געקומען צוזאַמען מיט די געסט, איז זי נאָך צוציענדיקער געוואָרן. ער איז שוין נישט אָפּגעטרעטן.

ער האָט געוואַרט אויף איר איר סאַלאָן און זי איז נישט אַריינגעקומען. ער האָט געוואַרט לאַנג, געדולדיק, עקשנותדיק. ער האָט געזאָגט צו דער מומען:

— לאָזט מיך צו... כ׳וועל שוין מיט איר אַ רעדטון... איך דוסיש...

ער האָט אָנגעבערנגט אַ פולע שטוב מיט הימלעכקייט. ער האָט געקאָנט אויסשפילן אויף אַ האַרמאָניקע אַלערליי רוסישע לידלעך, פון די פילמען, די רויט־אַרמייאישע. דערנאָך האָט זיך דער מומען אויסגעוויזן, אַז ס׳איז עפּעס נישט קיין פריילעכקייט, וואָס קומט ביי אים פון טיפן האַרצן. זי האָט זיך דערפילט אומהיימלעך.

— מאַיאַ, גייסט היינט מיט מיר אין סינעמאַ! — האָט דער יונגערמאַן, וואָס געזוכט האָט ער זיך דאַניעל, כמעט ווי באַפּוילן.

— כ׳וויל נישט! — האָט זי זיך געוואָרפן — מיך אינטערעסירן נישט אייערע בורזשויסקע שמאָכטעס...

אָבער ער האָט געוווסט, אַז זי וועט שוין דווקא יאָ גיין; און ער האָט דער מויד פשוט אויפ׳ס כוח אוועקגעשלעפּט פון הויז; איין אָוונט, נאָך אַן אָוונט. די מומע האָט אים אַזש געוואָלט כאַפּן קושן פאַר פרייד. מאַיאַ איז אַהיימגעקומען שפּעט; אַ צערוויטלטע, אַ פרישע, איז געגאַנגען איבער די צימערן שטיל, נישט אויפצוועקן דער מומען. זי האָט אָבער גוט געהערט, די אַלטע, איר צוריקקומען; זי האָט אַפילו געהערט, ווי דאַניעל האָט זיך מיט איר געזעגנט הינטער דער טיר. אָבער זי איז נישט אַריין צו איר. זי האָט נאָר געפילט, ווי די מויד טראָגט זיך איצט אַרום מיט אַן אייגענעם גרויסן סוד.

ביז זי איז איינמאָל געקומען צוזעצן זיך ביי דער מומען אויפן בעט און האָט זיך, צום ערשטן מאָל, צעוויינט, פשוט און קינדעריש צעוויינט.

אַזוי איז די מויד אין פּעלצל, אין די שטיוועלעך, מיטן רויטן בערעט, דעם פאַרביסן־שווייגנדיקן יונגערמאַן, וואָס איז ניצול געוואָרן פון די לאַגערן, אומגעריכט אַריין אין האַרץ אַריין; וויל ער האָט שוין אַליין נישט געגלויבט, אַז אים זאָל נאָך עפּעס רירן. זי איז אַריינגעפלויגן אין זיין פאַרביסן־שווייגנדיק לעבן ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער שיינער, ווילדער פויגל, מיט פאַרביקע, כישופדיקע פעדערן, מיט אַ שיין, קלינגענדיק קול. ער האָט פון דער זייט נאָכגעקוקט מיט פאַרדרוס, ווי זי טרעט געזונט אויף אירע הויכע, פעסטע פיס. דווקא אָט די ווילדלעכקייט האָט אים געריצט, האָט אים קיין רו נישט געגעבן. ער איז שטיל, אויף די שפּיץ פינגער, ווי אַ פאַרברעכער, געקומען אין אָוונט אין הויז אַריין; מיט אַ פאַרדעכטיק לאַכעלע, נאָכגעפרעגט זיך ביי דער אַלטער — ווו איז זי, מאַיאַ?

— זי טוט זיך איבער, די מוידטשיסקע... — איז די אַלטע געווען מער אויפגערייגט — ס׳האָט איר אָנגעכאַפּט אַ ניי משוגעת...

— זאָל זי זיך אָנטון ווי אַ מענטש... — האָט ער באַפוילן — כ׳וועל זי שוין ערגעץ אַרויסנעמען...

זי האָט גוט געוווסט, אַז ער וואַרט אויף איר. זי האָט אים אָבער לאַנג געלאָזן וואַרטן. נישט מיטאַמאָל האָט זי אַרויפגעצויגן אויף זיך די פאַריזער קליידער. זי

האָט נאָך אַלץ נישט געקענט צעשיידן זיך מיט די קורצע שטיוועלעך, מיטן קליידל פון גראָבן געוואַנט, מיט דער כאַקי־בלוזע, מיטן רויטן בערעט און מיטן פעלצל. אַנטוענדיק אַ פּאָר שיך אויף הויכע קלעצער, אָנציענדיק אַ דינעם זיידענעם זאָק, האָבן פּריש אַ שיך געטון אירע ראָזע, שטאַלטנע פיס. איר טראָט איז געוואָרן מילדער, וויגנדיקער, וויבלעכער און זי איז אַליין איבערראַשט געוואָרן, אָנקוקנדיק זיך אין די שפּיגלען. זי האָט זיך געוויטלט און אַרויסגעפּלאַצט:

— קיטשאַרטו מיט אייער פּאַריזשער בורזשויסקער עלעגאַנץ...

בײדע יונגע מענטשן האָבן זיך אָנגעקוקט, ווי הפקרדיקע הינט, וואָס באַשמעקן זיך. ער האָט געקוקט אויף איר פון אונטערן נידעריקן שטערן, מיט פאַרטיפטע אויגן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען, מאַיאַ. ווען זיינע אויגן וואָלטן נישט געשמייכלט, וואָלט זי זיך דערשראָקן פאַר אים.

— כ'בין אַ קאַצעטניק... — האָט ער געמאָלדן קיל — מיר איז שוין אַלץ־איינס...

און ס'האָט אַ ווײַע געטון פון זיינע פאַרשטשעמעטע באַקן־ביינער מיט הפקר און מיט נאָך עפּעס, וואָס זי האָט נישט באַלד געקענט דערכאַפּן; עפּעס אַזוינס מסתמא, וואָס מאַיאַ האָט ערגעץ־ווו פאַרגעדענקט פון די עוואַקואירטע קינדער־לאַגערן, שוין לאַנג, דאָרט, ווו מ'האָט זיך ווי די ווילדע קעץ געוואָרפן אויף אַ שטיקל ברויט, איינער ביים אַנדערן האָט עס אַרויסגעריסן, גיך אַראָפּגעשלונגען, מ'זאָל עס נישט אַוועקנעמען. זי האָט זיך אין אים שאַרפער איינגעקוקט. ס'האָט זיך איר מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז זי האָט אים שוין אַמאָל ערגעצוו באַגעגנט.

— ביסט קיינמאָל נישט געווען אין „קאָמסאָמאָל” ?... — האָט זי אים פּלוצים אַ פרעג געטון.

— כ'בין געווען אין ראַווענסברוק... — האָבן זיינע שאַרפע ציינער געלאַכט אומהיימלעך — מיין מאַמע און מיינע שוועסטערן זענען אַרויס מיטן רויך... דורכן קוימען...

און די מויד האָט זיך שוין מער נישט געפאָרכטן. זי האָט אַ וויטן קלער געטון — אַז ער האָט געקענט אַרויס פון דאָרטן... איז ער מסתמא אַ שטאַרקער. און ס'איז צוריק געווען קינדערישקייט אין דיין פאַרהויבענער ליפּ; און אין אירע בלויע אויגן — קינדערישער שמייכל און הפקר.

ער האָט מיט איר נישט גערעדט, פאַרשטייט זיך, ווען קיק ביכלעך, נישט גע־רעדט, ווי סאַשקע, מיט די פערזן פון „יעווגעני אָניעגין”. ער האָט זי גענומען אויף גענגסטער־פילמען, אויף באָקס־קאַטשן. אין אירע שטיוועלעך, די בלאָנדע טשופּריי־נע אין ווינט, האָט מען זיי אויפן האַלב־נאַכטיקן „פּיגאַל” שיער נישט אָנגענומען ווי איינענע. ער האָט איר געזאָגט, דאַניעל:

— ביי מיר ווערסטו נישט באַדאַרפֿן צו אַרבעטן... כ'פֿאַרדין, נישקשה, מיין שטיקל ברויט... כ'האָב פֿאַרשטאַנען...

אין מיטן הייסן טאַנץ זענען אַלע ליכטער אין ענג־געפּאַקטן זאַל אויפֿן „פּיגאַל“ פֿאַרטונקלט געוואָרן. ווען דער פֿאַרבענקטער טאַנגאָ, די פּייפֿלעך, די וויאָלאָנטשעלן, האָבן, ווי אין חלום, געשוועבט צווישן די נאָענט־צונויפֿגעפּרעסטע פּאָרלעך, האָט מיטאַמאָל אַ שווינדל געטון פֿאַר איר בליק אַ קענטלעך רוסיש פּנים: ברייטע קינען, אַ בלוי־וואַסערדיקער, שיכורלעכער גלאַנץ אין די שמאָלע אויגן, אונטער אַ מעשענעם לאָק. מיט וועמען ער האָט געטאַנצט האָט זי נישט דערבליקט. די מוזיק איז אָפּגעהאַקט געוואָרן זייער פּלוצים און זי איז צוגעפֿאַלן אין ווינקל, אונטערן באַלקאָן. איך זאַל איז צוריק ליכטיק געוואָרן, אָבער אַלץ האָט איר געשווינדלט פֿאַרן בליק. זי האָט דאַניעלן לעבן זיך מער נישט געפֿונען. ס'איז געווען מאָדנע; און אַז זי האָט זיך אומגעדרייט, האָט זי דערזען דעם קענטלעכן רוסישן פּנים. מען ווייסט נישט פֿאַרוואָס ער האָט גלייך גענומען רעדן צו איר אין רוסיש.

— פֿון וואַנען ?... — האָט זי, נישט אָן חשד, געוואָלט וויסן.

— בעסער, באַרישניאַ, אַז מען פֿרעגט נישט... — האָט יענער געלאַכט מיט אַ ברייט רוסיש געלעכטער.

און נאָך איידער די מוזיק האָט ווידער אַרויסגעפּלאַצט, האָט ער זי אומגעריכט פֿעסט געהאַלטן אַרום דער טאַליע. דער זאַל האָט אַוועקגעשווינדלט פֿאַרן בליק. זיי האָבן אָבער מער געפּלאָפּלט, ווי געטאַנצט. זי האָט דערפֿילט, ווי אַ פּאָר שטאַרקע רוסישע הענט קלאַמערן זי אַרום. זי האָט דערפֿילט אויף זיך דעם אַלט־באַקאַנטן הויך, וואָס האָט פֿאַרשיכורט. זי האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרגעסן. דאָס ליכט איז צוריק געווען טונקל, ראָזלעך. און ס'האָט זיך איר געדוכט — דער „אַפּיצערסקער וואַלס“ אין טאָג פֿון זיג... די מאַטראָסן, וואָס געזעגענען זיך אָפּ, איידער זיי גייען אַוועק אויפֿן ים... און זי האָט זיך פּלוצים שאַרף דערמאָנט — דאַניעל... ווו איז דאַניעל ?... זי האָט אים אַלץ נישט געזען צווישן די פֿאַרביישווינדלענדיקע פּנימער. צי איז ער אַוועק און איבערגעלאָזן זי אַליין ? זי האָט זיך געריסן פֿון דעם יונג, נאָר יענער האָט איר אַלץ פֿעסטער איינגעקלאַמערט אין זיינע הענט, געפּליסטערט איר צערטלעכע, אַזויפֿיל מאָל געהערטע רוסישע רייד. זי האָט שאַרף דערשפּירט דעם ריח פֿון בראָנפֿן, וואָס האָט פֿון אים געשלאָגן. זי האָט אים אָפּגעשטויסן און איז אַ פֿאַל געטון צום ווענטל הינטערן באַלקאָן. אָבער יענער איז נישט באַלד אָפּגעטראָטן.

אַזוי נידעריק און געפּאַקט, ווי ער איז געווען, איז דאַניעל פּלוצים אויסגעוואַקסן צווישןביידן. ער האָט זיך צו יענעם גאָרנישט אומגעקוקט, אויסגעדרייט זיך צו איר מיטן רוקן פֿאַרשטייפֿט, אַ בליק געטון פֿון אונטערן שטערן מיט אַ רויט־פֿאַרלאָפֿן אויג און — זי האָט אומגעריכט דערפֿילט אויף איר באַק זיין בינטל פֿאַרהילצערטע פֿינגער. זיין פֿעסטע האַנט האָט, ווי מיט קלעשטשעס, זי אָנגענומען און געפֿירט. אַזוי פּלוצים איז עס אַלץ געשען. ס'האָט אַ זיד־געטון אין איר דאָס הייסע

בלוט. זי האָט זיך באַלד געוואָלט אַ וואָרף טון אויף אים מיט די נעגל, צוריקדערלאַנגען, אָבער איר אָרעם איז געווען אונטערגעבראָכן, איינגעקלאַמערט, אַז זי האָט פאַרביסן אירע שאַרפע ציינדלעך אין די ליפּן. קיין איין וואָרט האָט ער צו איר נישט אַרויסגערעדט.

אין דרויסן האָט אַ קיל ווינטל אַרומגעלעקט איר צעפּלאָמט פּנים. זי האָט זיך דערזען זיצן אין וואָגן. דער וואָגן איז געפלויגן אַראָפּ בולוואַר. די נעאָן־פייערן האָבן געבליצט פאַר איר און הינטער איר. זי האָט אַריינגענומען דעם קאָפּ אין אירע ביידע הענט, מיט פאַרדרוס דערפילט, אַז ס'גלוסט זיך איר אַפילו נישט צו וויינען. דאַניעלס פעסטער קאַרק איז שטום געווען אומגעדריט, פאַרטון ביים רעדל פון דער מאַשין. דער לאַק איז אים געפאַלן אין די אויגן. זי האָט פאַרשטאַנען. זי האָט זיך געלאָזן פירן ביי דער האַנט; די האַנט איז געווען אַ פעסטע, אַ וואַרעמע, אַ שטאַרקע, אַ זיכערע.

זי האָט אים מער גאָרנישט איבערגעפרעגט. דאָס האָט זי שוין פון לאַנג פאַרשטאַנען — נישט צופיל באַפרעגן זיך; און זי האָט שטום, געהאָרכזאַם, ווי אַ קינד, געטרעטן ביי זיין זייט. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט זי זיך דערפילט פון עמיצן באַשיצט.

זי האָט זיך אַליין אויך גענומען פאַרכטן, די אַלטע, פאַרן יונגערמאַן, דעם צוריקגעקומענעם פון די לאַגערן. זיין קיל, קורץ־אָפּגעהאַקט געלעכטער, האָט געהילכט ווי פון דער ליידיקייט. „ער האָט שוין דאָרט אַוודאי אַלע שוידערן געזען"... — האָט זי זיך געזאָגט, די אַלטע. ווייל מ'האָט אים געהאַט אַרויסגענומען פון אַ קינדערהויז און דעפּאָרטירט. די איבעריקע קינדער זענען מער נישט צוריקגעקומען. קיינער האָט זיך שוין נישט געריסט אויף אים. צוריקגעקערט האָט ער זיך — נישט קיין קינד און נישט קיין מאַן; אַ נידעריקער, אַ ברייט־ביינערער, אַ שווערלעכער, דער קאָפּ אַרומגעגאָלט, מיט קורצע הענט, גרויסע, רויטע פויסטן, פאַרוואַקסענע. דער בליק האָט געקוקט פון אונטערן שטערן. צוריקגיין אין דער פּראָפעסיאָנעלער שולע האָט ער מער נישט געהאַט בדעה. ער האָט זיך אויסגעלאַכט. דאָס יינגל האָט זיך אַרומגעדריט פאַרטייעט הינטער די טירן פון אַלע קאָמיטעטן, אויף די פּליטים־פּונקטן, אויף אַלע בערזעס פון שוואַרץ־האַנדל. ער האָט קיינעם נישט געטרויט. מען ווייסט נישט פון וואַנען ער האָט געהאַט ביי זיך אַ פּולק טייסטער מיט טויזנטערס. ער איז אַרומגעפלויגן אין אַ וואָגן.

די אַלטע האָט זיך איצט געפאַרכטן פאַר ביידן. די מויד האָט איר געשראָקן און ווי געטון. מיט קיין שום צערטלעכקייטן, מיט קיין שום גוטע רייד האָט מען זי נישט געקענט איינעמען. זי האָט זיך געוואָרפן, נישט געענטפערט. זי האָט ביינאַכט נאָך אַלץ געשריגן פון שלאָף, געזידלט זיך מיט פרעמדע רוסישע ווערטער.

— מאַיעלע... — איז זי צוגעפאַלן צו איר — כ'האָב מורא זאָלסט אַרויסגיין מיט אים... עפּעס שרעקט מיר דאָס האַרץ...

מאַיאַ האָט אויפגעמאַכט די אויגן, אָנגעקוקט דער מומען מיט אַ פרעמדן, לייד־

דיקן בליק. זי האָט שוין דער מומען גאָרנישט געפֿרעגט. דער יונגערמאַן איז געקומען איינמאָל, האָט זי אויפֿגעקומען אין אַן אייגענער דירה פֿון די נייע הײַזער, ווייט פֿון די יידישע געגנטן. ער איז אַרײַנגעקומען אין הויז צו דער מומען, צוגענומען איר מאַגערע וואַליזקע און האָט געקלונגען אין די קעשענעס מיט די שליסלעך. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ פּולן טייסטער און געוואָלט באַצאָלן דער אַלטער, וואָס איר קומט.

— וואָס פֿאַלט דיר איין? — האָט די אַלטע זיך געקניפּן די באַקן — ביי מאַיעלען וועל איך נעמען געלט?...

— מומע — האָט ער זיך געשטעלט ברייט — ביי מיר שפּילט אַ טויזנטער נישט קיין ראָלע... כ'האָב פֿאַרשטאַנען! איר מעגט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן...

די אַלטע האָט אים שוין גאָר מורא געהאַט איבערצופֿרעגן מיט וואָס ער פֿאַרנעמט זיך. זי האָט געקוקט אויף אים, געקוקט אויף דער מויד און דאָס האַרץ איז איר שווער געווען. זי האָט נחת געהאַט, אָבער עפּעס איז איר גליק נישט גאַנץ געווען. זי האָט אינגאַנצן נישט פֿאַרשטאַנען דאָס נאָך־מלחמהדיקע יונגוואַרג. זי האָט זיך צופֿיל נישט געוואָלט נאָכפֿרעגן פֿון וואַנען עס קומט צו אים אַזאַ רחבות, דאָס וואַרפֿן זיך מיט געלט, דאָס אַרומפֿליען אין די וואָגנס, זיין פֿאַרשווינדן ווערן אין די דייטשע לאַגערן, צווישן די יידישע פּליטים; זיין פֿאַרשווינדן ווערן אויף וואָכן, ערגעץ אין מאַרסעיל, אין גענואַ, אין די פּאָרטן ביים מיטללענדישן ים. ווי גיך, האָט זי זיך געכאַפּט, מאַיאַ האָט זיך צוגעוווינט צו אַ לייכט לעבן, צו לוקסוס, צו באַקוועמלעכקייטן — אַ ליכטיק הויז, מעבל, דיוואַנען, בילדער, וואַרעמקייט. זי האָט נאָר געפּרוווט אַ מורמל טון:

— געדענקסט, מאַיעשי... ווען כ'האָב דיך ס'ערשטע מאָל געבראַכט צו מיר אין הויז אַריין, האָסטו געמיינט, אַז ביסט אַריינגעפֿאַלן צו בורזשויען... איך מיט מיין מאַן האָבן, גלויב מיר, שווער געהאָרעוועט פֿאַר דער מלחמה... האָט מען מיר אים צוגענומען... מיין אײדעלען צוגענומען... וואָלט כאָטש מיין אייזעלע געלעבט, וואָלט איך גליקלעך געווען מיטן ביסל אָרעמקייט...

— ביי אייך, מומע, איז טאַקע אַלץ אַלטמאָדיש... — האָט מאַיאַ געלאַכט.

— ווען, זאָג מיר, האָסטו געקריגן אַזעלכע געשמאַקן?

— אויף עפּעס גוטס ווערט מען שנעל אַ מבין...

זי האָט איר אָנגעקוקט מיט פֿרייד און מיט שרעק, די מומע. דער זיידענער שלאַפֿראָק האָט זיך אַראָפּגעגאָסן פֿון מאַיאַס גלייך־געשניטענע אַקסלען. איר בלאָנדער קאָפּ האָט זיך געכוואַליעט אין לאָקן און לעקעלעך. זי איז פֿולער געוואָרן. זי האָט נאָך אַלץ געגעסן אַ סך. זי האָט זיך גאָרנישט געקענט זאַט אָנעסן; און ס'געניטע אויג פֿון דער מומען האָט דערכאַפּט, אַז די מויד דאַרף שוין, דוכט זיך, באַלד זיין אין די הויכע חדשים.

.5

ווען מאַמע האָט אָנגעהויבן צו דערפילן איר אייגן קינד אונטערן האַרצן, האָט זי געהאַט דאָס געפיל צו אַנטלויפן, אַנטרינען, אַוועק, אויסבאַהאַלטן זיך. און דווקא דעמאָלט זענען, ווי פון נעפּל, אַרויסגעשוווּמען — דער טאַטע, די מאַמע. ווי ס׳וואָלט זיך ביי איר אין מוח אָפּגעדרוקט אַ ברעג פאַרהאַנג, און זי האָט אָנגעהויבן צו דערזען און געדענקען. זי האָט מיטאַמאָל דערזען אַזוי קלאָר, ווי די מאַמע פירט זי ביי אַ הענטל דורך אַ פרעמדער שטאָט, דער שאָל אָנגעדרוקט טיף איבערן שטערן. זיי איילן. עמיץ, אַן אומגעזעענער, יאָגט זיך נאָך זיי. מען דאַרף אַנטרינען וואָס פריער פון דער געפאַר, וואָס לויערט אויף זיי. אַזוי עלנט האָט זי זיך דערפילט.

דאַניעל, האָט זי געוווּסט, איז ערגעץ אין דייטשלאַנד, אין מאַרסעיל, אין גענוא, ביי די אומלעגאַלע שיפלעך אין די מיטללענדישע פּאָרטן, פון וואַנען ס׳גייט דער אונטערערדישער שטראָם עולים, קינדער־טראַנספּאָרטן, געווער־שמוגל, קאָנטראַבאַנדע. זיי קומען מיט שווערע לאַסט־וועגן פון אַלע ריכטונגען. די שוויגנדיקע, אומבאַקאַנטע יונגעלייט באַגלייטן זיי. זייער היץ־אָרט איז אין מאַרסעיל, אין דער קאַפּע, אין באַר ביים מאַראָקאַנער ייד אַלגאַזי, מיט הער בעלמע, מיט די פאַרשאַרצטע האַריקע הענט. די לייט באַוועגן זיך איבער גרענעצן, פלינק, מיט אַלערליי אויסגעשטעלטע פּאַפּירלעך, פּאַספּאָרטן, וויזעס, מיט טונקעלע פאַרבינדונגען און פאַראָלן. ס׳רינט איך זיי דאָס הייסע בלוט פון אינטערנאַציאָנאַלע אַוואַנטוריסטן, ווייל וואָס צו פאַרלירן האָבן זיי סיי ווי נישט.

דאַניעל איז יעדעס מאָל אומגעריכט אַריינגעפאַלן אין הויז, אויף אַ טאָג, אויף אַ פּאָר שעה, ווי אַ ווינט. ער האָט געשלאָסן די טיר מיטן שליסל, וואָס ער האָט געטראָגן ביי זיך, און האָט מאַיאַן געטראָפן אין שלאָף־צימער מיט רויטע אויגן. זי האָט צעשניטן אַלטע העמדער, צוגעגרייט ווינדלשנורן, לייבעלעך. זי האָט זיך אַ הייב געטון פון דער סאָפקע און איז אים אַנטקעגנגעגאַנגען, אַ פולע, אַ פרייכנדיקע. זי האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי עס אים צו זאָגן.

— די מומע איז דאָ געווען... זי האָט באַלד דערקענט...

— וואָס האָט זי דערקענט ?

— אַז כ׳וועל אינגיכן ווערן אַ מאַמע...

און זי האָט אַ כאַפּ געטון זיין שווערע האַנט און זי צוגעלייגט צו איר בויך.

— פילסט, דאַניעל, ווי ס׳וואַרפט זיך ?...

— זאָגסט ליגן !...

האָט זי געלאַכט, געלאַכט און פלוצים באַמערקט, ווי ער שטייט און קוקט אויף איר מיט אַ קילן בליק פון אונטערן שטערן. ווייל אים האָט זיך געדוכט, אַז דאָס לאַכט זי פון אים... אַז זי ווייסט אַלץ, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אין לאַגער; אַז דאָס האָט

אַז אַנדערער זיך אַריינגעריסן אין זייער לעבן. די שווערע הענט זיינע האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. זי האָט דערפילט, וואָס אין אים קומט פאָר. האָט זי מיטן אַמאָל מיט ביידע הענט פאַרשטעלט זיך דעם בויך.

— ניין! — האָט זי אַ קוויטש געגעבן — ניין!

און האָט אַ לויף געטון פון אים. זי האָט זיך דערשראָקן אומגעקוקט און דערזען, ווי זיינע פאַרשטשעמעטע באַקן גייען איבער פון ראָזע אין בלייכע פאַרבן; ווי זיינע אָנגעדראָלענע פויסטן גיסן זיך אָן און פאַלן אָנמעכטיק צוריק. זי האָט צום ערשט נישט פאַרשטאַנען. זי האָט אים פאַר דער צייט ליב באַקומען, אַזאַ ווי ער איז. ער איז צוריקגעפאַלן, קליין געוואָרן, געזוכט היטער זיך אַן אָנלען.

— זאָגסט ליגן!... — האָט ער שטיל געוואָיעט.

— אויסער דיר, האָב איך קיינעם נישט אויף דער וועלט... — זענען געוועזן פשוטע קינדערישע טרערן אין איר קול...

1961

גאָלדפאַדעניאַדע

.1

מיר האָבן זיך געקליבן צו דער לעצטער פאָרשטעלונג, די „גאָלדפאַדעניאַדע“, אין אַלטן „בוף קאָמעדיען“. אין דער האַלב־חרובער טעאַטער־געביידע זענען נאָך אַנהייב יאָרהונדערט געשפּילט געוואָרן פריילעכע, פאַרשייטע בולוואַר־אָפּערעטעס פאַרן פראָסטן פאָלק און פאַר די ווילדע יונגען מיט זייערע „כלות“, פון די אַרומיקע „פאָבורן“, די רוישיקע פאַריזער פאָרשטעט. ס'איז געווען אַ נאַכט פריער, איידער מ'האָט די געביידע אויפן קאַרעפור פון גאַסן און בולוואַרן, אַ טריט פון רוישיקן נאַכט־לעבן אויפן „פיגאַל“, לאַנגזאַם גענומען אַראָפּרוימען, דעמאָלירן. אָבער קיינער האָט זיך גאָר דערויף נישט געריכט.

מיר האָבן זיך דאָס מאָל געקליבן, ווי צו אַן עקספּעדיציע. אַלע אַלטע באַקאַנטע, וואָס מ'האָט שוין כמעט פאַרגעסן אין זייער עקזיסטענץ אין פאַריאַגטן פאַריז, האָבן זיך פון ערגעץ אַראָפּגעיאָוועט. אויך האָט קיינער פון די קאַפע־איינגייער אויפן פּלאַץ רעפּובליק נישט פאַרפעלט אַראָפּצוקומען. ווייל מיט דער פאָרשטעלונג איז אויסגעפאַלן דער לעצטער בענעפיס פאַר דער פרי־געעלטערטער אַקטריסע מאַניע לערנער פון דער אַמאָליקער „ווילנער טרופּע“. זי איז דאָ, אין פרעמדן און קאַלטן פאַריז, איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג; אַרומגעדרייט זיך, געל ווי וואַקס, ווי אויפן עולם התוהו. פון אונטערן הויך־אויפגעטורעמטן, עקסטראַוואַגאַנטן הוט האָבן זיך געשאָטן די האָר איר, ווי דראָטן. מ'האָט שטיל געשמועסט, אַז זי קרענקט אויף אַ ראַק. די דאָקטוירים האָבן עס אויסבאַהאַלטן פאַר איר אַליין. זי האָט געפלאַמט אין קראַנקן עקסטאַז; זי האָט געהאַט אַ פאַרלאַנג נאָך איין מאָל צו שפּילן אין אַלטן, ליבן גאָלדפאַדענס „באָבע יאַכנע“.

געפירט האָט אונדז יאָסל. ווער האָט נישט געקענט יאָסלען ? יאָסל איז נישט אָפּגעטרעטן פון דער אַקטיאָרן־קאַפע „צום גילדערנעם האָן“, ס'טעאַטער ליב געהאַט ווי ס'לעבן, געלאָפן, געשמייעט, געפלאַמט, געפאָלגט אַ גאַנג דעם דירעקטאָר גנענדלמאַן, געקלעפּט צו אַלע באַרימטע גאַסטראָלערן, וואָס זענען אַראָפּגעקומען. ער איז נישט געווען אַזאַ נאַר, ווי ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, מיט זיינע האַמעט־

נע ווייד און מיטן ווילדן אַרויסלאָכן. מיר האָבן יאָסלען, פֿאַרבייגייענדיק, אַ רוף געטון מיט אַ פֿייף. ער האָט באַלד אַרויסגעשטעקט דעם פֿאַרוואָקסענעם קאָפּ דורך דער אויסגעזעצטער שויב פֿון זיין גאָרן־שטיבל, די באַקן האַלב־איינגעזייפֿט; ער האָט געהאַלטן אין מיטן אַרומקראַצן זיך ווילדן אויסוווקס. אַן אים האָט זיך גאַרנישט אָנגעהויבן. אַפֿילו דער באַרימטער טעאַטער־דירעקטאָר און אימפּרעסאַריאָ גנענדלמאַן, אַ ברייטער, מיט אַ הויכער פּליִיצע, האָט זיך אָן אים נישט גערירט. יאָסל האָט נאָך דאָרט געהאַט מיטצושלעפּן בלעטלעך, שמאַכטעס פֿון דער גאַרדעראָבע, פֿון רעקוויזיט.

— ס׳האָט זיך געמאַכט אַ מעכיע... (מחיה) — איז ער באַלד געקומען אָנצולויפֿן פֿון די קרומע טרעפּ.

— וואָסי געשען ?

— ס׳טוט זיך חושך... וואָס ווילן זיי אַלץ פֿון דעם שלום־עליכמען האָבן ?... זיי גיבן אויס שווערע געלטער צו פֿייערן... און מ׳זאָגט גאָר, אַז שלום־עליכם אַליין איז געשטאָרבן אויפֿן שטרוי... ס׳איז טאַקע אמת ? — האָט ער געוואָלט וויסן.

ביז שפּעט בייַנאַכט איז ער אַרומגעלאָפֿן מיט אַ פּאַק אַפֿישן, מיט פּעק צייטונגען, מיט אַ פּולער טעקע ביכלעך אונטערן אָרעם. ער איז געריטן אויף אַן אַלטן וועלאָ. זיין מלוכה איז געווען דאָס גאָרן־שטיבל מיטן דאַך־פֿענצטער איבער דער ענגער, שטויביקער זעצעריי פֿון אַ ייִדיש בלאַט. דאָרט איז געשטאַנען אַן אייזערן בעטל, צווישן אַ באַרג פֿאַרגעלטע צייטונגען. די שיפּע ווענט באַצירט מיט די פּאָרטרעטן פֿון בן־גוריון, חיים ווייצמאַן, שלום־עליכם, אַפֿישן פֿון ייִדישן טעאַטער, אַרומגערינגלט מיט האַלב־נאַקעטע טענצערינס און סתם מיידלעך פֿון די טשיקאַווע פּאַריזער אילוסטרירטע זשורנאַלן. אין זייטיקן קעמערל האָט יאָסל באַלד באַגינען אויפֿגעטיקעט דעם בליי פֿאַר דער זעצעריי. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן צו די ייִדישע יאַטקעס, פֿיש־געוועלבן און שפּיז־קראָמען אויפֿן „פּלעצל“. פֿון דאָרט האָט ער אָנגעבראַכט אין אַ קויש קאַרפֿן־קעפּ, הינער־געדערעלעך, שטיקער לונג, שטיקער לעבער, קישקעס, מילץ, דרויב פֿון עופֿות, פֿעטע ביינער. ער האָט צוגעשטעלט דעם הויכן אַלומיניום־טאָפּ, אונטערגעהייצט ס׳אייזערנע און אונטערן דאַך האָט עס פֿאַרשמעקט מיט געשמאַקע ריחות. דערנאָך האָט ער, אַ האַלב־נאַקעטער, זיך אָרעקגעשטעלט פֿאַרן געפּלאַצטן שפּיגעלע אַרומקראַצן דעם רויטלעכן אויסוווקס, געקעמט די גזשיווע און צוגעזונגען :

אוי, ס׳האָט זיך געמאַכט אַ מלחמהלע...

דאָס איז יאָסל דעמאָלט דער ערשטער געקומען צולויפֿן :

— צ׳האָט שוין געהערט ? מאָריס שוואַרץ קומט אַראָפּ קיין פּאַריז מיט אַ נייער פּיעס... ער גייט שפּילן „די קאָנקורענטן“...

מאָריס שוואַרץ איז טאַקע איינגיכן אַראָפּגעקומען, אָבער מיט די „קאָנקורענטן“ איז באַלד נאָך די ערשטע פֿאָרשטעלונגען שלעכט אָוועק. דער עולם איז זאָל איז

געוועזן שיטערלעך. מ'האָט דערלייגט געלט. ס'איז אים געגאַנגען אין גאַנצן לעבן, מאָריס שוואַרצן; דערצו איז ער נאָך, ווי אַ סך אַקטיאָרן, געווען אַבערגלויביעריש. איז ער אים נאָכגעקראָכן, דעם קליינעם דירעקטאָר און אימפּרעסאַריאָ, גנענדלמאַנען, געחלשט פאַר אים, איינגעבעטן זיך ביי אים, געגלעט אים דעם הויקער — ער זאָל נישט אַראָפּנעמען די פאָרשטעלונג.

— ס'עט גאָרנישט העלפן, מיסטער שוואַרץ, דאָס גלעטן מיר דעם הויקער!... — איז דער דירעקטאָר גנענדלמאַן, אין שטרויענעם הוט, אין האַרטן קאָלנער, נישט געווען אויף אַ האָר סענטימענטאַל, אַרויפקוקנדיק צו מאָריס שוואַרצן מיטן גראָבן ציגאַר אויף זיינע ליפּן — ווי הייסט ער דאָרט... אייער ראָזענפעלד מיט די „קאָנקורענטן", מוזן אַראָפּ פון אַפיש... אַז דאָס „פּאָבליקום" הערט נאָר „ליטעראַטור", אַנטלויפט עס ווו דער פעפער וואַקסט...

— גזלן! מערדער! — האָט דער ריז מאָריס שוואַרץ געבעטן זיך ביים קליינעם דירעקטאָר, ווי ביי אַ קינד, געהילכט מיט זיך באַס־טעמבער, זיך שיער נישט צעוויינט — סמאָקע אויס אַ פליגעלע פון דער דרויבע, סמאָקע אויס... פאַר וועמען, כ'בעט דיר, וועל איך עס שפּילן?...

אַזוי איז אויך געווען נאָכן „בענעפיס" פאַרן אַלטן „ליבהאָבער" הערי פישלזאָן, וועלכער האָט שוין מער נישט געטויגט זוי אויף פאָטער־ראָלן און יענער האָט זיך דווקא איינגעשפּאַרט צו שפּילן אַ יונגפּרמאַנטשיק. דער עולם איז זאַל האָט זיך געקרימט, געווילט זיך אויף זיין חשבון. דירעקטאָר גנענדלמאַן האָט זיך צומאָרגנס באַוויזן אין דער קאַפע „צום גילדערנעם האָן", אַ פריש־אויסגעגאָלטער, מיטן גראָבן ציגאַר אויף די ליפּן. ס'איז געווען דער קליינער, היימישער קאַפע־רעסטאָראַן, באַלד הינטער די טעאַטערן „סען־מאַרטען" און „אַמביגי". דאָרט זענען זיך צוזאַמענגעקומען די פאַר פאַרוואָגלטע יידישע אַקטיאָרן אין פּאַריז.

— צ'עט ביי מיר שפּילן אַ נייע פּיעס... — האָט ער זיך געטון אַ שטעל־אַריין — אַ כאָליערע מיט אייער ראָזענפעלדן... מיט אייער שעקספּירן... מיט די אַלע לצים וועט עך מיר פאַריאָגן ס'גאַנצע „פּאָבליקום"... ווער צאָלט גאַזשע, ווער? איך, צי שעקספּיר?...

דעם אַלטן טעאַטער־זאַל „בוף קאָמעדיען" האָט דער דירעקטאָר גנענדלמאַן אָפּגעדונגען פון איין סעזאָן צום אַנדערן. יידן פון פּאַריז האָבן שוין געוווסט צו פאַרבלאָנדזשען אַהין, צווישן די פאַרדרויכערטע מעטראָ־בריקן. ביי יעדן אָנהייב פון סעזאָן האָט ער, פאַרן הייבן זיך פון פאָרהאַנג, אָנגעשטעלט זיך, מיטן גראָבן ציגאַר אויף די ליפּן, פאַרנייגט זיך פאַרן עולם און געהאַלטן אַזאַ מין סאָרט רעדע:

— געשעצטעס „פּאָבליקום"! היינט פיר איך אויף אַ נייע פּיעס... „יענקעלע ממזר"... צ'זעט? כ'האָב געלאָזן אויסמאַליעווען ס'טיאַטער...

— ווער האָט דיר געבעטן?!... — האָט אַ לאָבוסעוואַטע, לאַכנדיק קול אַראָפּגעשריגן פון דער גאַליאָרקע.

— דו, סמאַרקאַטש איינער, פאַרמאַך דאָרט ס'מויל!... — האָט זיך דירעקטאָר גנענדלמאַן אויפגערעגט — כ'על דיר באַלד לאָזן אַרויספירן!...

.2

מיר זענען געגאַנגען. יאַסל האָט אונדז געפירט. איבער די בריקן פון די צפון־און דרום־וואָקזאַלן האָט געבלאָזן אין רוקן אַ פײַכטער ווינט, דורכגעזאַפּט מיט קוילן־רויך. די פינצטערע באַן־פּלאַנטן, מיט די גרינע און רויטע פייערלעך, מיט די צעאָדערטע שינעס, וואָס לויפן אונטער די מעטראָ־בריקן, אונטערן ניוואָ, זענען פאַרווישט געוואָרן אין ווײַסן נעפּל פון רויכן. שאַרפע, רויטע פייערלעך האָבן זיך אין דער ווײַט געטוקט, אָנגעצונדן און פאַרלאָשן. אַ טיפע פײַפערײַ פון לאָקאָמאָ־טיוון האָט זיך געבוירעט אין חושך, האָט אַ דערמאָן געגעבן די פאַרוואָרפענע פּראָ־ווינץ, וווּ די באַן פליט פאַרבײַ איין מאָל אין מעת־לעת צו ווײַטע, רוסישע שטעט.

דער געעלטערטער פרימאַדאָנע יאַנטשע, וועלכע פּראָוועט זיך יעדעס יאָר, אַרום יום־טובים־צײַט, אַ „בענעפיס", און זי גייט אַרום איבער יידישע שטובן פאַרקויפן בילעטן, האָבן געשלאָגן פאַרבן אין פאַרפודערטן פויגל־פּנימל, ווי זי וואָלט דערפילט פריש בלוט אין אירע אָדערן. זי האָט געקלאַפּט אין ווינט מיט די טויטע ציינער:

— ציהערט, מעניטשן? געענעראַלן זענען מיר נאָכגעפאָרן, ווען כ׳האָב אין אַלטן „מוראַנאָווער טעאַטער" געשפּילט מירעלען... ווען דער דירעקטאָר קאָמפּאַניִעץ פאַרהאַקט נישט די ציוּרק־בודע, וואָלט איך הײַנט אפשר געווען אַ סאַראַ בערנאַר...

— טשאַקען זי נישט, מאַיאַ פּאַני!... כ׳האָב עס שוין וויפל מאָל געהערט פון דער פרימאַדאָנע לידיאַ זייטשיק...

— דו אַלטער פרייער, דו... — האָט זי, אונטערדלויפנדיק, געשאָלטן אים מיט טויטע קללות, דעם קליינעם געשטופּלטן סופליאָר — וויטער דראָנג!...

דעם שיכורן פּאָעט־טרובאַדור, מיט די ציגײַנערישע קרײַזלעך איבערן שמאָלן שטערן, האָבן צוויי באַיאָרטע אַקטריסעס, אויף דיקלעכע פיס, געברענגט צופירן גלײַך פון דער אַקטיאָרן־קאַפע „צום גילדערנעם האָן". זיי האָבן זיך מרחם געווען אויף אים און געפירט אים געאָרעמט, ער זאָל נישט אומפאַלן. ער האָט געשטעקט איבער ביידע ווײַבער, ווי אַן אויסגעבריקטע גלאָווניע, דער שוואַרצער, ברייט־ראַנ־דיקער הוט איז אים קרום געזעסן אויפן שפּיץ קאָפּ. זיי האָבן אים עטלעכע מאָל געמוזט נאָכלויפן כאַפּן אויפן טראָטואַר, דעם הוט, און געאַכצעט:

— קוקט עס נאָר אָן!... שיכור, ווי לוט... מישטיינסגעזאָגט...

— וווהין פירט עץ מיך, אַלטע קראָען?!... — האָט ער אײַנגאַנצן געהאַט פאַר־געסן, געריסן זיך פון זיי. ער האָט זיך מיטאַמאָל אָוועקגעשטעלט אין דער מיט טראָטואַר, די האַנט אויף דער ברוסט, און זיך צעזונגען:

אָ־אָ־אָ, דער ברונעם,
א־ד־ן און די קאַ־אַ־צע...

ער האָט געשטאַמט פון דער מאָלדאַוויע, אָדער וואַלאַכיע, וווּ די בראָדער זינ־

גער, ווו וועלוול זבאַרזשער, האָבן אַמאָל פאַרבראַכט אין די וויק־קעלער־שענ־קען; ווו גאָלדפאַדען אַליין האָט, ערגעץ אין די טיפע 80־ער יאָרן, אַרומגעשלעפּט זיך מיט זיין וואַנדער־טרופּע. די בראָדער זינגער, וועלוול זבאַרזשער, גאָלדפאַדען, האָבן געזונגען אין זייערע ציגיינערישע געבלוטן, אין זייערע באַלאַדן און סאָנעטן. אויך ער האָט זיך אַ שטיקל צייט אַרומגעדרייט, אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אויפן פאַריזער ברוק.

די רונדע לעמפּ האָבן שוין נישט געברענט פון פאַרנט, און פּאָיע, אָנגעזאַפּט מיט טונקלע ריחות, זענען נאָך געהאָנגען די זשאַווערנדיקע שפּיגלען און די אָפּגעקראַ־בענע אַפישן מיט די טעאַטער־סטאַרן, פון אַ פאַרגעסענעם סעזאָן; ווי מען וואָלט זיך נישט געקליבן אַ ליאַדע טאָג אַראָפּצוזוימען די גאַנצע בודע. פון אַלע עקן פאַריז האָט זיך אין דעם אומגעווייִנלעכן אָוונט צונויפגעקליבן אַן עולם יידן און ווייבער. די קאַסע איז אומגעריכט געווען באַלאַגערט ביז אַרויף. אַזוינס האָט מען שוין לאַנג נישט געזען. זיי האָבן פון גאַס אָנגעטראָגן אַ בלאָטע. ס׳איז גערונען פון זייערע שירעמס און רעגן־מאַנטלען. די טעאַטער־לייט, די היימישע, האָבן זיך קוים דורכגעשטופּט דורכן זייטיקן טירל, צום „איינגאַנג פון די אַרטיסטן". ס׳איז נאָך געווען אַראָפּצוגיין אין דער נידער אַ פּאָר טרעפּלעך, ביז צו די לאָזשעס. אייך רויט לעמפּל האָט דאָרט געגליט. די גאַלעריִעס איבערן אויסגעלאָשענעם זאַל זענען געהאָנגען נידעריק, האַלב־רונד, מיט די שטאַכעטן, גאַניקלעך, באַלקאָנד־לעך, שמאָלע טירלעך. פון הינטער דער פאַרלאָטשטער קורטינע, אַ בלוטיק־רויטע, מיט טראָלדן, פול אָנגעזעצט מיט שטויב, האָט זיך געהערט ווי מען רוקט שווערע מעבלען, דעקאָראַציעס, ווי מען קלאַפּט טשוועקעס, ווי מען סטראָיעט די אינסטרו־מענטן. ס׳האָט, דוכט זיך, אַ רגע אַ הילך געטון איבערן פוסטן זאַל פון אַ פייפל דער רעפּריק פון „פאַסטוך ביי די שאָף", אָדער „ס׳שפּינרעדל" פון „שולמית", צי „בר־כוכבא". אַלע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן. ס׳איז אַדורך אַ זיסער שוידער. יעדער האָט אַוודאי דערפילט מיטאַמאָל דעם פיבער פון דער אַמאָליקער פּייערלע־שער־שאָפע, אָדער פון איבערגעפאַקטן מהראַנאָווער טעאַטער, באַלאַגערט מיטן פראָסטן פאָלק.

פאַרשטייט זיך, אַז יאָסל האָט זיך שוין אַרומגעפּאָרעט אין די קוליסן. ער איז גע־לאָפן אַהין און אַרויס, געשלעפּט ברעטער, בענקלעך, שטיקער דעקאָראַציעס. ער האָט געפלאַמט און געשיינט. דער זאַל האָט זיך אָנגעפילט, מיטאַמאָל און רעשיק, דורך ביידע ברייטע איינגאַנג. קודם האָבן זיך אַראָפּגעשאָטן צום „בוף קאָמעדיען" אין זייערע לאַסט־מאַשינעס די הויכע, געזונטע „מאַרשאַנעס" פון „סענטואַן" — דער „פליי־מאַרק", ווו זיי שטייען אַ גאַנצע וואָך צווישן פאַרביקן יאַריד, פאַרקויפן אויס אַלערליי חפצים, שטוב־זאַכן, אָפּגענוצט מעבל, אַלטע, באַגילדעטע ראַמען צו ביל־דער, אָפּגעטראָגענע אָנצוגן, און זיי שרייען אויס זייער סחורה, ווי אַמאָל, אויף די וואַרשעווער „באַזאַרן" פון אַלטוואַרג, מיט אַ יידישלעכן ניגון. זיי האָבן צעעפנט די טויסטערס, אויסגעקויפט די ערשטע פּלעצער, באַצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט; פונאַנדערגעזעצט זיך אין זאַל משפחותוויז, מיט ווייבער און קינדער. און

נאָך איידער די קורטינע מיט די טראַלדן האָט זיך געשפּאָלטן צום זאַל, ווען די מוזיקאַנטן האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין סטראַיען זייערע כלים, האָבן זיי זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטלעך און וויצן, ווי אין די קליק־שטעטלדיקע פּייערלעשערשאַפּעס, אָדער אויף די פּראַגער מערק און אַרום מוראַנאָוו:

— געדענקסט כאַטש, מלך, די אַלטע קאַמינסקאַ?... אײַ־אײַ־אײַ, האָט זי עס אַוועקגעלייגט אַ „מירעלע אפרת" !...

— מיר דערציילסטו עס, דו אַלטער „שמאַציאַזש" ?... — האָט יענער ברייט געלאַכט מיט אַ מויל גאָלדענע ציין — ביסט נאָך געווען אַ יאַט, אַריינגעגנבעט זיך אין טיאַטער „אויף גאַפּע"... ווען ס'רבילע מיט דער באָרד, דער „סטאַיקאָווע", האָט אייך אַלעמען געיאָגט ביז צו דער פּרעטע־גאַס... יוליוס אַדלערן אַליין האָב איך געזען שפּילן אין „בר־כוכבא", אין דער „גרעפין טשאַרדאַש"...

ס'איז געקומען דער ייִד, דער בעקער, מיט די רויט־פאַרשוואָלענע אויגן, פון אויפזיין נעכט; ער האָט דאָ, אַרום בעלוויל, געבאַקן די געשמאַקסטע פּלעצל, בייגל, ראָגעלעך, געביקטלטן ברויט, באַשיט מיט קאַפּער. ער האָט נאָר וואָס פאַרדרוקט אין אויוון אַריין אַ געבעק, האָט זיך כמעט די הענט נישט אָפּגעקראַצט פון טייג און איז געקומען צולויפן. מיט קליינע טריטעלעך, ווי דער משולח אין „דיבוק", האָט זיך אין דער פּאַיע אַריינגעשטעלט דער אַנאַרכיסט בן־שושנים. דאָס סאַמעטענע קעלנערל פון אויסגעריבענעם פּאַלטן — אויפגעשטעלט.

— ווו ביסטו צרגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, אין די גרויסע פּרעסט ?... — האָט אים עמיץ פון דער זייט אַ פרעג געטון.

— פּאַרשטייסט... — האָט ער געקוקט אַ־אַפּ, געגראַבלט אין אויבערשטן קעשענקעלע, אַרויסצובאַקומען אַן אָפּגעברענט עקל פון אַ סיגאַרעט; ער האָט גערייבן שוועבעלעך נאָענט צו די פאַרסמאַליעטע ליפּן, מיט די פאַרגעלטע פינגער — כ'גיי אַצינד אַדורך אַ נייעם אידייאישן קריזיס...

דער פאָרהאַנג האָט זיך שוין געהאַט אויפגעהויבן; און ווען דער אַלטער סופליאָר עוזר איז באַלד דערנאָך, אין ערשטן אַקט, אַנטשלאָפן געוואָרן, איז אויף דער בינע געוואָרן טונקל, פיאַלעט־טונקל, פון אַ זייטיקן רעפלעקטאָר. דאָס פידעלע אין די קוליסן האָט געגומען אויסכישופן די אַלטע, זיסע גאָלדפאַדען־מעלאָדיעס. אויף דער בינע איז צוריק געווען ליסטיק, רעשיק, פאַרביק, לעבעדיק. ס'איז געווען האַצמאַך, זיינע טעכטער... אַ יאַריד... מירעלע מיט די צעפּלעך, איז געקומען צולויפן צו האַצמאַכן קויפן נאָדלען... מ'האָט ביי איר אַרויסגעגנבעט דאָס געלט פאַרן פלייש, וואָס די שטיפמאַמע האָט זי געשיקט קויפן אין מאַרק אַריין. איר זיסע סאָפּראַנאָ האָט זיך געבעטן:

אוי, איר ייִדן, בני־רחמנים...

ס'האָט אַריינגעהיפערט, אַנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן, די „באָבע יאַכנע". אַלע האָבן זי דערקענט, די אַמאָל באַרימטע אַקטריסע פון די „ווילנער". פון אונטערן

גרים האָט אַרויסגעשלאָגן די היץ אין איר מאָגער פּנים. דער „שיינער הערמאַן" האָט זיך אָוועקגעשטעלט און אָפּגעזונגען מיט אַ „מאָראַלישן" טעמבער ס'ליד צו די פּיגצלעך; דער פּאַריזער שוסטער־יונג, איינגעשטיפּט אין אַ האַרטן, פּאַרציי־טישן קראַגן, אַ פּאַטער־מערדער, האָט זעלטן געטריי אימיטירט דעם משכיל, דעם „אויפגעקלערטן", דעם „ליבהאָבער", דעם פּאַרליבטן אין דער שיינער יתומה מירעל־לע, וואָס מ'האָט זי, נעבעך, פּאַרפירט און פּאַרקויפט צו די טערקן... דער זאַל האָט מיטגעזיפצט. די בענקלעך האָבן געקרעכצט. אַנדערע האָבן שטיל אין זיך מיט־געזונגען, שטיל אָפּגעווישט אַ טרער. ס'איז אַדורך ווי אַ הייליקער, פאַרשטיקטער געמורמל איבערן זאַל.

און וווּ איז ערגעץ אַהינגעקומען יאָסל ? יאָסל איז פאַרפאַלן געוואָרן, ווי אין וואַ־סער אַריין. מ'האָט אים אַרומגעזוכט אין די קוליסן, אין זאַל און אין ערגעץ נישט געפונען.

יאָסל האָט זיך, אַביסל פריער, זייטיק דורכגעגליטשט אַלע קאָרידאָרן, אַלע דורכ־גענג הינטער די לאָזשעס, און האָט זיך פאַרקליבן אויף דער סאַמע העכסטער גאַ־לעריע, אין ווייטסטן פינצטערן ווינקל, צווישן יידן און יידענעס, וואָס האָבן אויס־געקויפט די ביליקסטע בילעטן. דאָרט איז אים גוט געווען. ער האָט צוריקגעזען ס'שטעטל קינסק... ער איז אַ יינגל, אַ יאַט... ער אַנטלויפט אַ באָרוועסער פון חדר, ווייזט זיך נישט אין דער היים דעם גאַנצן טאָג, ווייל ער האָט מורא פאַרן טאַטן, דעם כעסן. ס'איז אַראָפּגעקומען אַ טרופּע אין שטעטל אַריין. זיי שטייען איין אין דער אכסניה, ביי דער יידענע צירל, וואָס קאָסט געשמאַקע געקעכטסן... זיי גייען ביינאַכט שפּילן אין דער „סטראַזשאַצקע שאָפּע"... די שיינע מירעלע מיט די לאַנ־גע צעפּ... — — —

ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, איז דער עולם אין זאַל אַ לאַנגע רגע זיצן גע־בליבן ווי פאַרבלענדט. קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ערשט דערנאָך האָט עס גענומען הילכן פון האַנט־פּאַטשערייען, ווי מיט ברעטער. דער עולם איז לאַנגזאַם אַוועק צו די אַרויסגענג, איז ביסלעכווייז שטומער געוואָרן, אָבער מען איז זיך באַלד נישט צעגאַנגען. די גרויסע ליכטער, די רעפלעקטאָרן, האָבן זיך צו־ריק פאַרלאָשן. פון די אָפן־געלאָזענע טירן און שפּאַרעס האָט געצויגן אין זאַל אַריין אַ פייכטע קעלט. דער פינאַל, די כלים פון אָרקעסטער, איז פאַרשטומט גע־וואָרן, אָבער ביי אַלעמען אין די אויערן האָבן נאָך געקלונגען די זיסע, אומעטיקע מעלאָדיעס.

ערשט איצט האָבן זיך אַלע געכאַפּט, אַז דער פאָרהאַנג איז אַראָפּגעפאַלן פּלוצ־צים. וואָס איז געוואָרן מיט מירעלען ? מיטן שיינעם הערמאַן ? עפּעס איז דאָרט געשען מיט דער „באָבע יאַכנע". דער שטיק איז איר אַרויסגעפאַלן פון דער האַנט. מ'האָט זי אויפגעהויבן און געטראָגן צווישן די דעקאָראַציעס, טרעפּ, לייסטן, עלעק־טרישע אינסטאַלאַציעס פון די פּראָזשעקטאָרן, צו באַלייכטן. האָט מען געטראָגן אַנ־געצונדענע ליכט הויך איבערן קאָפּ. מ'איז געלאָפן פון אַלע זייטן, פון זאַל, פון

אָרקעסטער. ערשט דעמאָלט איז די מוזיק אין דער מיט אָפּגעהאַקט, אַנטשטומט געוואָרן. וואָס איז געשען? און פּלוצים האָט זיך ס'ליכט אין אַלע ווינקעלעך אײַנגאַנצן אויסגעלאָשן. מ'האָט געריבן שוועבעלעך, צינד־מאַשינקעס. אין דער אָנגעפּאַלצנער שטילקייט האָבן זיך הינטער די ווענט דערהערט טויבע, נאָכאַנאַנדיקע קלעפּ, ווי אַ געוויש פֿון דיזל־מאָטאָרן. און נאָך אײדער ס'איז צוריק ליכטיק געוואָרן, האָט מען ביים שיך פֿון טאַשן־לעמפּלעך, שמעלצנדיקע ליכט, אוועקגעפֿירט די פֿאַרחלשטע „באָבע יאַכנע". מ'האָט זי צום לעצטן מאָל אַוועקגעפֿירט פֿון טעאַטער־היכל; ס'איז אויסגעגאַנגען איר חלום פֿון אַ גאַנץ לעבן. דער שיטערער עולם אין זאַל האָט זי שטום באַגלייט.

שפּעטלעך האָט מען זיך אַרויסגעשאָטן פֿון דער אַלטער, אויסגעלאָשענער טעאַטער־געביידע. אין דער נאַכט זענען זיך אין פֿינצטערן דורכפּאָר, ביים „בוף קאָמעדיען", אָנגעפּאָרן און פֿאַרשטעלט די גאַס, שווערע לאַסט־קאַמיאָנען, רייס־ און גראָב־מאַשינעס, ווי ציין פֿון אַ רויב־חיה, טיף־עקבויערס, לאָקאָמאָבילן, הייב־קראַנקען, בעטאָן־מישערייען. רויטע לאַמטערלעך האָבן געטשאַדעט ביי די הינטערשטע רעדער.

מיר האָבן געפֿונען יאָסלען צווישן די אָנגעפּאָרענע מאַשינעס. אי יאָסל, אי די מאַשינעס, האָבן אין דער טונקל צפֿעס אויסגעקוקט ווי פּרעהיסטאָרישע באַשעפֿענישן. אויף זיין פּיר־קאַנטיק פּנים האָט זיך פֿאַנטאַסטיש אָפּגעשלאָגן די שיין פֿון אַ רויט לאַמטערל. באַלד דערלעבן, הינטער די בריקן, האָבן ווייטע באַנען אומעטיק געפּייפט אין דער פֿינצטערער, רעגנדיקער נאַכט אַריין.

— אוי, וויאַ בראָך... — האָט יאָסל אומגליקלעך צענומען די הענט — שוין!... מ'עט שוין מער נישט קענען שפּילן קיין ייִדיש טעאַטער...

1962

דער צוקער־בעקער פון „פּלעצל״

.1

אַ נגאָ 1629 האָט נאָך דעם פּריוואַט־האָטעל פון שפּעטן רענעסאַנס — אַ טיפער הויף־קאַסטן מיט געציינדלטע מורעמלעך, הויכע פענצטער, איינ־קרוסטירטע באַרעליעפן פון מלאכים און סאַטירן אויף די פּאַסאַדן — אַלע פליגלען פאַרנומען די אַמבאַסאַדע פון דער ווענעציאַנער רעפּובליק. איבער די פיר־קאַנטיקע ברוק־שטיינער צום ברייטן איינפאָר־טויער זענען פאַרצייטנס געפאַלן די ווייכע רעדער פון עקיפּאַזשן, פאַיעטאָנען, פאַרמאַכטע קאַרעטעס פון כיטרע דיפּלאָמאַטן אין פּאַרוקן, און קורטיזאַנקעס, אויסגעסטראָיעט אין זייד. אין 1829 האָט דער בירגער דע וועזעלי דאָ געגרינדעט די שול פאַר קונסט־געוועבע און קונסט־מאַנופאַקטור; און אין 1929 האָט אין קעגנאיבערדיקן דריי־שטאָקיקן מייערל פון דער שמאָלער גאַס אַ וואַרשעווער ייד פון פּעלצאָוויזנע, אַ צוקער־בעקער, ר׳ שמעיה, אויפגעבראַכן אין דער דיקער וואַנט געמעסטע שטיינער פון פאַסאַד אַ ברייט פענצטער מיט אַ שמאָלער שויבן־טיר. אויף דער טיר האָט דער ייד געלאָזן אויסמאָלן אַ געלן מגן־דוד. אין פענצטער האָט ער אָנגעלייגט אין הויכע שטויסן פאַרברוינטע יידישע חלות, קעז־קיכלעך, פּלעצלעך מיט מאָן, ראָגעלעך, געביילט און שוואַרץ ברויט, באַשאָטן מיט אַ סך קימל. די אויסטערלישע געבעקסן האָבן באַלד באַגינען פאַרשמעקט די ענגע יידן־גאַס.

איינגיכן האָט דער בעקער אַריבערגעבראַכט פון וואַרשע אַ פאַרגרינט ווייב און אַ דאַר, אויפגעשאָסן צעניעריק טעכטערל, וואָס מ׳האָט זי גערופן יעטל. מיט בלויען אויף טאָג איז דער ייד דורכגעלאָפן דאָס געסל אין די פאַרמעלטע הויזן, מיט אַ קויש געבעקס אויפן אַקסל, צו די יידישע רעסטאָראַנען און יידישע קאַפעס אויפן „פּלעצל״, דאָ באַלד דערלעבן. ער איז פלינק אונטערגעלאָפן איבער די פיר־קאַנטיקע ברוק־שטיינער, צווישן די בלינדע ווענט. אין לעצטן יאָרהונדערט האָבן זיך טייל פון די אַלטע, מאַסיווע, מוזעאַלע געביידעס אָנגעפּילט מיט פאַבריקן און אַטעליעס פון פרעציזע מעטאַלן, דרוקערייען מיט נידעריק־אַראָפּגעלאָזענע לעמפּ איבער די קאַסטנס שריפט; און אין די נאָך־מלחמה־יאָרן — מיט צערודערטע

יידישע קאָנפעקציע־אַטעליעס, וווּ די מאַשינען האָבן געבילט טאָג און נאַכט. די שטיבן זענען אומעטום געווען הויכע, גערוימע, מיט רונדע וועניציאַנישע פענצטער, אָבער באַשלאָגן מיט קראַטן; די אַרויפגענג דערפאַר זענען געווען דורך שמאָלע, געדרייטע שטיגן; אין די אַמאָליקע פערד־שטעלער פון די הייף — גאַראַזשן.

ס'פּאַרגרינטע ווייב דעם בעקערס, אין לויזן שייטל, האָט אין היינטערשטן שטיבל, אויפן גאָרן, פרייטיק פאַרנאַכט באַצייטנס געצונדן ליכט אין מעשענע לייכטערלעך, האָט פריי אָפּגעשפּאַרט די טיר צו דער גאַס, אונטערגעטריבן די לעצטע קונים און באַלד האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן די שווערע זאַלוזיעס. ביז זונטיק פרי האָט געהערשט שבתדיקע מנוחה אין די קליינע, אָנגעהייצטע שטיבלעך ביים בעקער. ער אַליין האָט אויך אַראָפּגעוואָרפן דעם וואָכעדיקן על. ער איז געווען געשטאַלטיק, מיט אַן אַליון־פּנים, מיט שוואַרצע, אָפּבריענדיקע אויגן. ער איז געגאַנגען אין שולכל אויף רי פּאַוועע, מיטגעבריינגט מיט זיך אַן אורח, געזונגען „שלום עליכם, עליכם שלום". דער ווייס־איבערגעדעקטער טיש איז געווען געגרייט מיט אַ פּאָר חלות און־טער אַ טישטעכל. די יידענע האָט אויפגעגעבן זיכע, שטאַרק־געפעפערטע פיש, היי־מיש־פאַרקנעטעטע לאָקשן מיט יויך פון אַ כשר־געשאָכטענער עוף, מייערן־צימעס. ר' שמעיה האָט געזונגען זמירות מיט זייער אַ באַהאַרצט קול. ס'מיידעלע, יעטל, האָט געמוזט פון אָנהייב ביזן סוף זיצן מיט אַלעמען ביים טיש, נאָכזאָגן אָמן, מיט־זינגען זמירות, בענטשן. די קליינע האָט מיטגעזונגען מיט אַ ריינעם אַלטאָ, זיס, ס'אַלטע יידישע געזאַנג האָט זיך געגאָסן פון איר דיך, אײדל העלדזל, אַז ס'איז צע־גאַנגען אין אַלע אברים. די פּראָנצויזישע שכנים האָבן די ערשטע ציַיטן אויפגע־שפּאַרט די פענצטער אין הויפּל און צוגעהערט זיך פאַרחידושט צום מאָדנעם געזאַנג. זיי האָבן גאָרנישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. ס'מיידעלע איז שוין דאָ גע־גאַנגען אין „עקאָל", געטרופן זיך זשאַקלין און האָט זיך אַביסל געשעמט פאַר אירע חבריטעס פון געסל.

לייזעכץ, קיין עין הרע, איז געווען בריוח. דעם גאַנצן טאָג האָט זיך געראַיעט אַ פול געוועלבל. נישט נאָר יידן, נאָר אויך די פראַנצויזישע שכנים האָבן זיך געפלעגט אַריינכאַפּן צום ייד, דעם בעקער, איינהאַנדלען אַן „אויסלענדיש" ברויטל, אַ קעז־קוכן. די קינדער פון געסל האָבן פאַרבייגייענדיק, צוגעקלעפּט די נעזלעך צו דער שויב. זיי זענען באַנדעסווייז אַריין קויפן אַ „גאַטאָ" מיט קעז, מיט ראָ־זשינקעס, מיט צעלאָזן, צוגעבריינטן צוקער, אָדער קאַראַמעל, וואָס זיי האָבן אַרומ־געלעקט מיט די ראָזע צינגלעך. די יידענע אין שייטל איז געזעסן ביים טיש־קעסטל. זי האָט זיך נאָך אַלץ נישט געקענט אַזוי געני אויסטענהן מיט די פראַנצויזישע קונים. אָבער אַז יעטל איז פריי געוואָרן פון דער שול, האָט איר דער טאַטע גע־הייסן זיצן ביים טיש־קעסטל, צונעמען ס'לייזעכץ, געבן אַ רעשט. די קליינע האָט עס געמאַכט מיט אַן אַ שיעור חן. נאָך יעדן מאָל באַצאָלן, האָט זי פאַרן קונה זייער שיין אויסגעזונגען: „מערסי מעסיע! מערסי מאַדאַם!". דער פאַרמעליק־טער ייד האָט שוין דעריבער געוואַרט, אַז זי זאָל וואָס גיכער פּטור ווערן דעם „עקאָל", ווערט איר ס'מיידל זיין אַ גרויסע הילף אין דער בעקעריי. די מויד האָט

געהאַט אַ געדיכטן קאָפּ פּעך־שוואַרצע האָר, פאַרצויגן מיט אַ רויטן סטענגעלע, אַן איידל אָליוו־פּנימל און לאַנגע פינגער, ווי ביי אַ פּיאַניסטקע. זי איז אָבער געווען אַביסל אַ ווילדלעכע. אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן האָט עס איר מיטאַמאָל אַ צי געטון צו די חברטעס פון געסל. ווי נאָר זיי האָבן אַ רוף געטון „זשאַקלין", האָט זי דאָרט אַלץ איבערגעלאָזן און איז אַנטלאָפן. די מיידעלעך האָבן זיך שוין באַצייטנס געסטראָיעט אין שמאָלע שיכלעך אויף הויכע קנאַפּל, שטיף־איינגעצויגענע קליידלעך אַרום דער דינער טאַליע, פלאַטערנדיקע בלוזקעלעך.

באַלד דערלעבן, אין אַ געסל אַרום באַסטיל, איז געווען אַ רוישיקער באַל־מיזעט; פילקאַליריק, דיסקרעט ליכט, אַקאָרדעאָן־מוזיק. פאָרלעך האָבן זיך ווילד געדרייט אין ראָזן האַלבן־טונקל. דעם 14־טן יולי, צום אָנדענק פון שטורעמען די באַסטיליע דורכן פאָלק פון פאַריז, איז די גאַנצע געגנט אַרום געווען פאַרצויגן מיט פילקאַליריקע לעמפלעך, לאַמפּיאָנען, פּאַפּיר־בענדער. היימישע אקאָרדעאָן־אָרקעסטערס האָבן געשפּילט די „קאַרמאַניאָלע", די „מאַרסעליעזע". פריילעכע וואַלסן, אומעטיקע טאַנגאָס און ווילדע „זשאַוואַס". אַלט און יונג האָט זיך צעפלאַמט מיטגעדרייט אינמיטן גאַס, אויף די פול־באַזעצטע טעראַסן פון די קאַפייען. אַ יום־טובדיקער עולם האָט געשטראָמט און איז געווען צעזעצט קאָפּ־אויף־קאָפּ לענגאויס דעם טראָטואַר, אַפילו אויפן מיטן ברוק.

זשאַקלין, אָדער יעטל, האָט זיך שפּעט אַריינגעשלייכט דורכן הויף צום גאָרן־שטיבל איבער דער בעקעריי. זי האָט פריער אַרונטערגענומען די שיך מיט די הויכע קלעצער און איז געטרעטן איבער דער סקריפּענדיקער שטיג אַ באָרוועסע, אין די זאָקן. פון אונטן איז אויפגעגאַנגען די היץ פון באַק־אויוון. דער טאַטע מיט די געזעלן האָט דאָרט געגרייט דאָס געבעקס אויף באַגינען. אָבער די מוטער, אין דער נאַכט־קופּקע, האָט גוט דערהערט אירע שטילע טריט. די יידענע האָט זיך געשראָקן פאַר מיידל'ס אַרומלויפן האַלבע נעכט. זי איז שוין געווען אויף־דער־צייט, איז אָפּגעלעגן האַלבע נעכט, קיין אויג נישט צוגעטון, געקרעכצט. זי האָט געליטן פון ווייבערישע קרענק; זי האָט זיך שוין גאָרנישט געריכט צו ברענגען נאָך אַ נפש אויף דער וועלט. ס'איז אויפן גאָרן געווען ענג און דושנע אין די צוויי קליינע שטיבלעך. ווו, איז זי געווען פאַרזאָרגט, וועט זי זיך אַהינטון אין דער ענגעניש ?

— יעטלשי... — האָט זיך די מוטער אָפּגערופן צו דער אונטערגעוואַקסענער מויד— ווו, זאָג מיר, לויפסטו עס ערגעץ אַרום האַלבע נעכט ?... אוי, ס'האַרץ איז מיר, נעבעך, שוואַך... דער טאַטע איז פאַרהאָרעוועט ביים אויוון... ווער וועט אים צוהעלפן פון דאַנען ביז אַהער ?...

ס'מיידל האָט געשוויגן. אַ וועלט אַ גאַנצע האָט געזונגען אין אירע יונגע, שיכורע געבלוטן. די פילפאַרביקע קאַרנאַוואַל־פייערן זענען געשפּרונגען פאַר אירע פאַרמאַכטע אויגן. פון איבער מויערן האָט נאָך אַלץ געהילכט די פריילעכע גאַס, ביז פאַרטאָג. זי האָט געפיבערט אויפן הייסן מיידלשן געלעגער.

באַגינען איז דער פאַרמעליקטער ייד אַרויפגעקומען, אָפּצורוען זיך אַ שעה־צוויי אין ברייטן, צעקנאָדערטן בעט. ס'ווייב איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. זי האָט

געקרעכצט. אויך דער ייד מיט די פאַרפראַשעטע רויטע אויגן האָט נישט געקענט שלאָפן. שווערע מחשבות האָבן אים געמאַטערט. ער האָט זיך קיין עצה נישט געקענט געבן. ס'איז געווען ערב יום־טובים. מ'האָט אין הויז געראַמט און געשייערט; האָט זיך די ייִדענע אויסגעגליטשט, איז אַראָפּגעפאַלן פון דער שטיג, האָט געבלויטיקט. מ'האָט אַפילו קיין דאָקטער נישט באַוויזן צו רופן.

.2

שטעלעכע וואָכן איז די בעקערײַ פון געסל געשטאַנען מיט אַראָפּגעלאָזענע זאַלוזיעס. שכנים האָבן זיך נאָכגעפרעגט, באַדויערט, די ווײַבער האָבן געשנײַצט די נעז איך די פאַרטוכצער אַריק; ווײַל מ'האָט דאָס פאַרגרינטע ווײַבל אײַנמיטן נאַכט אַוועקגעכאַפּט אין שפּיטאָל אַריין; מ'האָט אָפּגענומען בײַ איר ס'טויטע קינד; און זי אַליין איז, נעבעך, אָפּגעגאַנגען אין בלוט.

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אויף דעם אויסגעבליכטן ייִד געלייגט אַ שווער שווײַגן. ס'איז אַלץ עפּעס געשען אַזוי אומגעריכט און פּלוצים. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי מען גיט זיך אַן עצה איך אַזאַ אומגליק. דאָס מיידל, יעטל, וואָס איז שוין איצט געווען אַ גאַנצע פרײַלין, האָט זיך נאָך דער מוטערס אומגליקלעכן טויט נאָכמער אָפּגעשלאָסן אין איר אייגענער וועלט; אַפילו דעם אייגענעם טאַטן האָט זי אָנגעקוקט ווי אַ פרעמדן; איז אַוועק אויף גאַנצע אָוונטן, האָט זיך געלערנט שפּילן פּיאַנע, זינגען. זי האָט אַפילו די ערשטע צײַט דאָס גאָרן־שטיבל ריין געהאַלטן, אַביסל צוגעהאָלפן בײַם לייזעכץ. דער קאָפּ איז איר אָבער מער נישט געלעגן דערבײַ. ס'איז סײַ ווי נישט געווען קיין תכלית, נישט פאַרן טאַטן, נישט פאַרן מיידל. ער האָט באַדאַרפט צו האָבן אַ געהילף, ס'האָט אים געפעלט אַ ווײַב, אַ עוזר כנגדו; נו, און מ'איז נאָך אַליין אויך נישט קיין זקן. ס'איז פאַמעלעכערהייט אַזוי געהאַט איבערגעלאָפן אַ יאָר־אָנדערטהאַלבן נאָכן אומגליקלעכן טויט פון דער ייִדענע. ס'בעט איז געשטאַנען אויסגעקילט און ליידיק. ער האָט זיך פאַרטאָג אַרויפגעכאַפּט פון בעקער־אויוון און אַוועקגעוואָרפן זיך אַ דרעמל־כאַפּן אויף אַ פּאָר שעה.

זענען שכנות געקומען אים נאַראַיען, ער זאָל אַרײַננעמען אַן אָרעם פּויליש מיידל, צוצוהעלפן אין הויז, אין דער באַלעבאַטישקייט, אין דער בעקערײַ, נישט, חלילה, צום טיש־קעסטל. דאָ באַלד, אין דער אָרעמער געגנט אַרום סען־פּאָל, האָבן זיך אויפגעהאַלטן פּוילישע אַרבעטער־משפּחות, מיט אָן אַ שיעור קינדער. דאָס אונטערגעוואַקסענע פּוילישע מיידל פאָלע האָט שוין געקענט גאַנץ שיין צונויפקומען אין דער באַלעבאַטישקייט. זי איז געווען אַ שמאָלינקע, אַן אויפגעשאָסענע, מיט אַ ווילדן קאָפּ בלאָנדע קוטשערן, מיט פולע, רויטע ליפּן און העלע אויגן; אַ פלייסיקע, אַ פלינקע, ס'האָט געברענט אונטער אירע הענט. זי האָט דעם גאַנצן

טאָג, ביז שפּעט אין אָוונט, צוגעהאָלפֿן ביים אויוון, פֿונאַנדערגעטראָגן דאָס געבעקס, געקאָכט, געוואַשן, אויפֿגערוימט די שטיבלעך. דער ייד האָט פֿון דער זייט פֿון צייט צו צייט אַ בליק געטאָן אויפֿן מיידל. זי איז געווען אַן אויסגעהונגערטע, אַ זשעדנע. קיינער זאָל נישט באַמערקן, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן די פּאַרדאַרטע, אָלטגעבאַקענע קעז־קיכלעך, געקייט מיט אירע געזונטע ציינער, אונטערגעהאַלטן די האַנט, קיין קרישקע זאָל נישט אַראָפּפֿאַלן. זי האָט געהאַלטן אין איין קייען. די אויבערשטע שטיבלעך האָט זי דערפֿאַר ריין געהאַלטן, באָכמער ווי די יידענע, ווען זי האָט געלעבט. מיט דרך־ארץ האָט זי אַרומגעשטויבט דאָס שויבן־שענקל, די טיפֿע נישע, וווּ דער ייד האָט געהאַט פֿאַרשטעקט ביכלעך און ספֿרים. אין אַ פֿרייען טאָג האָט ער אין זיי אַריינגעקוקט. שפּעט אין אָוונט, ווען מ׳האָט אַראָפּגעלאָזן די זאַלוזיעס, איז דאָס מיידל אַוועקגעפֿאַלן אין אָפּגעצוימטן ווינקל פֿון דער בעקעריי, אויף אַן איזערן אויפֿשטעל־בעטל.

אין דער צייט, ווען דעם בעקערס טעכטערל, יעטל, איז אַרומגעגאַנגען אומעטיק, פֿאַרביסן, שווייגנדיק, פֿאַרטון אין זיך. פֿאַרענדיקט דעם „עקאָל“, האָט זי קוים צפֿעס צוגעהאָלפֿן אין שטוב. ס׳האָט איר אַרויסגעטריבן. זי האָט זיך אין אַ אָוונט־שולע געלערנט שפּילן פּיאַנע און זינגען. זי האָטווירקלעך פֿאַרמאָגט אַן אָנגענעם שטימעלע, דעם בעקערס מיידל. זי האָט פֿרייער געפֿלעגט אין הויז צו זינגען, ס׳האָט אַרויסגעזונגען פֿון דער קליינער, נאָר ווער האָט זיך דאָרט אומגעקוקט ? זי האָט געזונגען די לידער פֿון פּאַריזער ברוק, די לידער, וואָס האָבן געהילכט אויף די פּאַריזער פֿאַרשטאָטישע טומלדיקע פּלעצער, אויף די קרייצגאַסן פֿון די „פּאָבורן“, וווּ ס׳דרייען זיך קאַרוזעליעס, וווּ ס׳שטייען אויפֿגעשטעלט שיס־ביידלעך, וווּ ס׳דרייט זיך „דאָס ראָד פֿון מזל“ און מען קען געווינען אַ קילאָ צוקער. מ׳האָט אויף די קליינע פּלעצער אָפֿט געקענט זען אויסוואַקסן אַ טרופּע גאַסן־זינגער. אַרום האָט זיך באַלד צונויפֿגעקליבן אַן עולם. אַן אַקאָרדעאָניסט האָט באַגלייט, און דער עולם האָט מיטגעזונגען. דערנאָך איז איינער פֿון די מוזיקאַנטן אַרומגעגאַנגען צווישן די הויז־וועכטערינס, סאָלדאַטן, אַרבעטסלײַטע, מיידלעך און יונגעלייט, און האָט פֿאַרקויפֿט דאָס ליד מיט די נאָטן, געדרוקט אויף פֿאַרביקע בלעטלעך. די פּאָר מטבעות זענען געפֿאַלן אין אַ צעקנייטשטן קאַפּעלוש אַריין. ס׳האָט דעמאָלט געהילכט איבער די פֿרילינגדיקע ברוקן פֿון פּאַריז דאָס שיינע ליד וועגן „קאַרשן־צייט“.

ווען מ׳איז דעם פּאַרמעליקטן ייד, ר׳ שמעיהן, געקומען דערציילן, אַז די טאָכטער זיינע, יעטל, זינגט פֿאַר אַן עולם אין אַ קאַבאַרעט־קאַפֿע, און דער עולם וויל זי גאַרנישט אַראָפּלאָזן פֿון דער עסטראַדע, איז ער אינגאַנצן מבולבל געוואָרן, אַראָפּגעלאָזן צו דר׳ערד דעם הייסן, חסידישן בליק. ער האָט אָפּגעוואַרט ביז די מויד וועט שפּעט אין אָוונט זיך אַריינשטעלן. ער איז געווען אַזוי פֿאַרהאָרעוועט ביים אויוון, ביים טיש־קעסטל, ביי די קונים, וואָס האָבן דעם גאַנצן טאָג אָנגעפֿילט דאָס שמאָלע געוועלבל, אַז ער האָט זיך אויפֿן אייגענעם מיידל נישט אומגעקוקט, נישט נאָכגעקוקט אירע פֿירעכצן. ס׳האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ סך עגמת־נפֿש. ערשט

איצט האָט ער דערפילט, ווי שטאַרק די יידענע פעלט אים אין הויז. יעטל האָט געלעבט אָפגעשלאָסן אין אַנדערן צימערל, אויפן גאָרן, אָפגעטיילט מיט פאָרהענגלעך, מיט סערוועטלעך, האָט מער נישט אַריינגעשמעקט אין געוועלבל אונטן, נישט אין הויז, ווו דאָס פּוילישע דינסט־מיידל האָט געבאַלעבאַטעוועט. ווען יעטל האָט שפּעט ביינאַכט מיט איר אייגענעם שליסל אויפגעריגלט די טיר אין פינצטערן קאָרידאָר, האָט איר דער טאַטע שוין אָפגעוואַרט. אַ פאַרמעליקטער, מיט רויטע, פאַרפּראַשעטע אויגן, איך זיינע ווייסע אונטער־הויזן, איז ער שטיינגעבליבן אין ליכט פון מאַטן גלי־לעמפּל. ער האָט מיטאַמאָל זיך אייגענע טאָכטער מער נישט דערקענט. ס'האָט געשלאָגן פון איר מיט רייצנדיקע ריחות און פאַרפומען. דאָס גזשיווקעלע איבערן שטערן פאַרשווירן, אַ הויך־אויפגעשאָסענע, אויף אירע קנאַפּל, האָט ער זי אָנגעקוקט ווי אַ פרעמדע. דער ייד איז מבולבל געוואָרן פון זיין אייגענער טאָכטערס פרעמדער שיינקייט, מיט זיינע אייגענע שוואַרצע, אָפבריענדיקע אויגן, וואָס זי האָט פון אים געירשנט.

— כ'וואָלט געוואָלט וויסן — האָט ער אויסגעשאָסן — ווו דו לויפסט ערגעץ אַרום האַלבע נעכט ?... קיין מאַמען האָסטו נישט, אָבער אַ טאַטן האָסטו נאָך...

— אַ טאַטן ?... — איז געווען קילע, דורכגעוויטיקטע איראָניע אין אירע רייד — דאַרפסט מיך סיי־ווי נישט ! האָסט זיך, אַז די פאַלע קומט דיר גאַנץ גוט צונויף אין הויז... כ'על דיר שוין אַלצאיינס לאַנג נישט שטערן...

און זי האָט דעם אייגענעם טאַטן, סאַמע פאַר דער נאָז, אַ פאַרקלאַפּ געטון די טיר צו איר צימערל, איבערגעדרייט דאָרט דעם ריגל.

הייסט עס, אַז ס'איז גאָרנישט אויסצובאַהאַלטן ! ווייל ס'האָט טיילמאָל געטראָפן, אַז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון באַקאויגן צום גאָרן־שטיבל, איז ער פאַרבייגעגאַנגען מיט שטילע טריט, אין זיינע שטעק־לאַטשן, דאָס אָפגעצוימטע ווינקל, ווו הינטערן שפּאַנישן ווענטל איז געשלאָפן דאָס פרעמדע מיידל. ביים ייד אין קאָפּ האָט זיך עפּעס אַ מיש געטון. ער האָט געכאַפּט און אַ פאַרדריי געגעבן דאָס מאַטע גלי־לעמפּל צו דער שטיג און ס'האָט צו זיין אויפגעשפּיצטן חוש־הריח אַן אָטעם געטון אויף אים דער וואַרעמער, זיסלעכער אַראָמאַט פון יענער זייט ווענטל. דאָס מיידל איז פון אַ גאַנצן טאָג אָנגעהאָרעוועט זיך אין דער בעקעריי, אַוועקגעפאַלן אין אַ שווערן, געדיכטן שלאָף. זי האָט פון שלאָף עפּעס אַ מורמל געטון „אָ, יעזו“... זי האָט דערפילט זיינע פלאַטערנדיקע אָרעמס אַרום איר הייס לייב, האָט זיך קורץ איבערגעוועקט און נישט אָפגעשטויסן אים; פאַרקערט, אים צוגעצויגן צו זיך, דעם ייד מיטן אַליוור־פנים, מיטן הייסן, חסידישן בליק.

מיט אַ לייכטן גאַנג, ווי אַ יינגל, איז ער דערנאָך אין דער שטאָק־פינצטער, מיט איין שפּרונג אַרויף די שטיג, צום גאָרן־שטיבל, צום קאַלטן, ברייטן, אויפגעראַיעטן בעט.

אין דער פרי האָט ער באַמערקט, ווי דאָס מיידל גייט אים פאַרביי מיט אַ גע־

זונקענעם קאָפּ און ווי מיט אַ פאַרשטיקט לאַכן אין אירע העלע, אויפגעלויכטענע אויגן. דער ייִד האָט געקוקט זיטיק מיט זיין פאַרטראָגענעם בליק. ער האָט געהאָט אַ שאַרפן קוק, דער ייִד, און זי האָט דערפילט, ווי ער וואָלט זי אָפּגעבריט מיט זיין הייסן בליק. ער האָט זי פון דער זייט נאָכגעקוקט, ווי לאַנגזאַם און פאַרטראַכט זי פאָרעט זיך אין הויז; ער האָט נאָכגעקוקט מיט חידוש, ווי דאָס דאַרע, אויפגעשאָסענע מיידל איז פאַר דער צייט, וואָס זי איז ביי אים אין הויז, געוואָרן פולער, אירע גלידער האָבן זיך אָנגעגאָסן. זי האָט געגעסן אַ סך, מיט אַפּעטיט, האָט גערעדט מיט אַביסל אַ פאַרכריפּעט, פאַרגאַסט קול, איז געוואָרן שטאַלטנער, דאָס פּנים אויסגעגרונדיקט, אויסגעקלאָרט. אירע בלאָנדע האָר האָבן זיך געכוואַליעט, ווי זייד. די ייִדענעס, וואָס האָבן זיך אַריינגעכאַפּט קויפן אַ ייִדיש ברויטל, אַביסל געטרוקנטע פּערפּל, צוקער־קיכלעך, האָבן געלאָזן פאַלן, נישט אָן חשד:

— ר' שמעיה, מען זעט, אַז די שיקסע איז ביי אייך אַריינגעפאַלן אין אַ שמאַלץ־גרוב...

דער ייִד האָט זיך געמאַכט טויבלעך. ער איז געווען געגוג פאַרטון, פאַרפאַרעט. נייע זאָרגן זענען אים באַפאַלן. ער האָט זיך איצט פאַרן אייגענעם מיידל אין הויז באַדאַרפט אויסהיטן, ווי פאַר פייער. ס'איז אמת, ס'פּוילישע מיידל איז אים שטאַרק צונוץ געקומען. זי האָט שוין איצט מיט די קונים גערעדט אַ צעבראָכענעם ייִדיש, און ס'איז זיי דאָרט דווקא זייער געפעלן, מ'האָט געלאַכט. פריייטיק פאַרנאַכט, אַידער מ'האָט אָראָפּגעלאָזן די זאַלוזיעס, האָט זי די קונים געווונטשן „אַ גוטן שבת". ערב פּסח האָט זי געררימט, געשייערט, געוואַשן, אַז קיין קריש חמץ זאָל זיך אין דער בעקעריי נישט פאַרוואַלגערן. ס'געזוועלבל, ריין אויסגעקאַלכט, איז געווען פאַרלייגט מיט פּעקלעך מצות, באַשטעלט מיט בלעכן פּסחדיקע מאַקאַראָנדלעך, מיט פּסחדיקע לעקעכער, מיט סלאָיקלעך רויטע פּסחדיקע כריין. יום־כיפּור דערפאַר, ווען ס'געוועלבל איז געשטאַנען פאַרהאַקט, ווען דער בעקער איז דעם גאַנצן טאָג אָפּגעזעסן אין שולכל אויף ר' פּאָוע, איז זי אַוועק צו אירע עלטערן אויפן סט. פּאַל, באַלד דערלעבן. אַ גאַנצע באַנדע ברידערלעך און שוועסטערלעך זענען אָפּט אַריינגעפאַלן צו איר אין געוועלבל. ס'האָט אים נישט געאַרט, דעם בעקער. פון דער וואָך האָט זיך אַלעמאָל אָנגעקליבן אַביסל אַלט־געבאַקן ברויט, פּלעצלעך, קעז־קיכלעך, און ער האָט איר אַליין באַפוילן, אַז זי זאָל עס אַוועקגעבן איר אָרעמער משפּחה. ס'איז געקומען די מאַמע אירע, נאָך אַ גאַנץ יונגע, אויסגעקינדלטע, איבערגעוואַקסענע פּאָליאַטשקע. זי האָט גערעדט מיט אַ הילכיק קול און אַ פּויערישן לשון. זי האָט דעם ייִד, דעם בעקער, געהאַלטן אין איין דאַנקען און נייגן זיך פאַר אים, וואָס ער באַהאַנדלט די טאָכטער אירע אין זיין הויז, ווי אַן אייגן קינד, אַז ס'איז אים אַזש געוואָרן איבער דער טבע.

— פּאַניע שמאַיאַ... — האָט זי גערעדט צו אים מיט איר הילכיק פּויעריש לשון

— גאָט וועט דעם פּאַן באַצאָלן פאַר זיין גוטסקייט...

— ס'מאַכט נישט... ס'מאַכט נישט... — האָט ער זיך קוים אָפּגעטשעפּעט פון

איר, און איז צופרידן געווען, ווען זי האָט צוגענומען דאָס ביסל אַלט־געבאַקן געבעקס אין איר קויבערל און איז אַרויס.

.3

אין דעם זומער, ווען ס'איז אויסגעבראָכן די מלחמה, האָט מען שוין אין אַלע בלעטער געשריבן וועגן דער שאַנסאָניערקע זשאַקלין דירי. מ'האָט איר זיס שטורמעלע געהערט אין מוזיק־האַלן, אין ראַדיאָ, אין רעווי־טעאַטערן. זי האָט געזונגען פריילעכע און אומעטיקע לידער אין כאַראַקטעריסטישן פּאַריזערישן „אַרגאָ", אין פאָלקס־לשון. אירע לידער האָבן געהילכט אין אַלע באַל־מיזעטן; אַפילו דיסקן, מיט אירע שיינע פאָטאָגראַפיעס, זענען פאַרקויפט געוואָרן אומעטום, אויך אין דער בוכהאַנדלונג ביי שפּיזערן, אויף רי דע ראָזיע, אויפן „פּלעצל", ווו מ'האָט אויך געקריגן מזוזות, ציצית און סאָדע־וואַסער מיט כאַק. זי איז אַרומגעפאָרן אויף גאַסטראָלן. זי האָט שוין לאַנג מער צום טאַטן אין קליינעם מייערל אויף דער שמאָלער יידן־גאַס, זיך נישט געוויזן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז איר באַגלייטער, דער פּיאַניסט, איר מאַן, איז נישט קיין ייד.

יידענעס, וואָס זענען אַריינגעקומען אין געוועלבל, האָבן ר' שמעיהן געשדכנט אַן אלמנה, אַן קינדער.

— קיין עין הרע נישט... אין אַזאַ גוטסקייט אַריין, באַדאַרפט איר כאָטש צו האָבן אַ באַלעבאָסטע, ר' שמעיה...

דער ייד האָט זיך געמאַכט טויבלעך, אויסגעהערט מיט איין אויער, אוועקגעמאַכט — „עט"... ס'איז דאָ מער נישט געווען דאָס שמאָלע, פאַרפאַטשקעטע געוועלבל, ווי פריער. קיינער אפשר האָט די ערשטע צייט נישט געוווּסט, אַז דער בעקער האָט דאָס גאַנצע דריי־שטאָקיקע מייערל באַצייטנס אָפּגעקויפט אין אייגנטום. ער האָט איך די זומער־חדשים, ווען דאָס לייזעכץ ווערט געווייַנלעך קנאַפער, דורכגעפירט אַ גרינטלעכן רעמאָנט. מען האָט אַרויסגעשטופּט די ווענט אין דער טיף. די אינעווייניקסטע ווענט זענען געווען אַ געמיש פון געקרייצטע האָלץ־באַלקנס מיט קאַלך. איבערוואַרפנדיק די צעגעסענע פאָדלאָגעס, האָט ער דאָרט געפונען אַן אַלטע זילבערנע מטבע, מיט אַ קאָפּ פון עפּעס אַ קייסער; אַ סימן, אַז דאָס מייערל איז שוין געשטאַנען לאַנגע דורות. ער האָט אָנגעשטעלט גלעזערנע שאַפעס, געלייגט אַ נייע פאָדלאָגע פון געשפריצטע שטיינדלעך. אַלץ האָט געבלאַנקט פון גלאָז, ניקל און ווייסקייט. ער האָט אויבן, אויפן גאָרן, אַרויסגעוואָרפן די אַלטע פאָדלאָגעס, צענומען די ווענטלעך, ברייטער געמאַכט די פענצטער. מיט דער שמאָלער שטיג אַרויפצוגיין פון געוועלבל, איז דאָרט איצט געווען אַ שיינער, ליכטיקער סאַלאָן, ניי, העל מעבל.

נאָכן ווייבס אומגליקלעכן קימפּעט, איז ער אַלץ מער געוואָרן באַדאַכט, האָט זיך

פאַרטיפֿט אין די ביכער און ספֿרימלעך, וואָס זײַנען געווען אָנגעוואָרפֿן ביי אים אין די וואַנט־נישעס. ער האָט זיי נאָך צוביסלעך געהאַט איינגעהאַנדלט ביים אַלטן אַנאַרכיסט וואָלף שפּייזער און זיין ספֿרים־געוועלבל אויף רי דע ראָזיע. צום בעקער האָבן שוין אויך געוווּסט צו פֿאַרבלאָנדזשען מוכר־ספֿרימניקעס, מחברים. אינמיטן דער גרעסטער גראַטשקע אין געוועלבל האָט ער געקענט אַלעמען שטיין־לאָזן, אַרייַנרופֿן זיי אין הינטערשטן חדרל און איינהאַנדלען אַ ראַמש ביכער, ספֿרים, אַלטן ש״ס׳ן, יידיש־טייטש־ביכלעך. ער האָט זיי רעכט נישט באַקוקט, נישט געדונגען זיך. מיט די פֿאַרמעליקטע פֿינגער האָט ער אָפּגערוקט דאָס שופֿ־לעדל און באַצאָלט מיט אַ ברייטער האַנט. ס׳האָט געלעבט אין דעם ייד אַן אומ־באַוווּסטע ליבע צו ספֿרים.

ווען ער האָט אָפּגעפֿרישט דאָס געוועלבל, די צימערלעך אויפֿן גאָרן, האָט ער די וואַנט־נישעס באַדעקט מיט פֿאָליצעס, מיט גלאָז־טירלעך. זיי האָבן פֿאַרנומען כמעט אַ גאַנצע וואַנט פֿון אויבן ביז אַראָפּ. דאָס פּוילישע מיידל האָט געשטויבט מיטן פֿלעדערוויש די שויבן, אָנגעקוקט אים מיט מאָדנע־אויפֿגעריסענע אויגן, ווי דער פֿאַרמעליקטער ייד פֿאַרגראָבט זיך אינמיטן דערינען איבער די ספֿרים. אין אירע אויגן האָט ער אויסגעזען ווי אַ פֿרומער ייד, וואָס האַלט זיך אין איין „מאָדליען״...

זי איז שוין איצט געשטאַנען ביים טיש־קעסטל, האָט שנעל פֿאַרשטאַנען זיך אויפֿן גאַנצן מסחר. ס׳איז מער נישט געווען צו דערקענען דאָס אַמאָליקע אָרעמע פּוילישע מיידל פֿון סט. פּאָל. זי האָט געוויגט מיט די גאָלדענע אויערינגען, גע־וויגט מיט די פֿולע היפֿטן, פֿלינק געלאָפֿן אַריין און אַרויס, מיט איר קלאָר־ווייס, געצייכנדלט, חנוודיק פֿאַרטוכל, דער בלאָנדער קאָפּ הויך אויפֿגעטורעמט. זי האָט העפֿלעך און פֿריילעך אַרומגעפּלאַפּלט מיט די יידישע קונים, מיט איר פֿאַרנאַשט, אַביסל פֿאַרשלאָפֿן קול. זי האָט שיִער נישט אויסגעזען ווי אַ יידיש ווייבל. זיי האָבן זיך דאָרט שטאַרק געוויילט מיט איר פֿאַרדרייטן יידישן לשון.

דווקא אין יענעם יאָר, ערב מלחמה, איז אַריינגעקומען אַ גרויסע שפֿע אין הויז ביים בעקער. שכנים האָבן שוין אָפֿן געמורמלט, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק צווישן דער שיקסע מיטן בעקער ר׳ שמעיה. ער האָט עס מער אַזוי שטאַרק נישט אויסבאַהאַלטן אויך; ער האָט נאָר געלאָזן פּאַלן, אַז זי איז אַפֿילו גרייט זיך מגייר צו זיין. ס׳האָבן זיך גלייך געשאַפֿן צדדים. די מענער האָבן געווונקען מיט אַן אויגל: „פֿאַרלאָזט אייך... ער איז שוין גאָרנישט קיין פֿרייער, דער ייד״... יידענעס האָבן באַדויערט ס׳ווייב זיינס, וואָס איז, נעבעך, אַזוי יונג פֿון דער וועלט־געגאַנגען. זיי האָבן אַפֿילו דערציילט, אַז ער האָט דער אייגענער טאָכטער, יעטל, פֿאַרטריבן פֿון הויז.

— קוקט צ׳ס נאָר אָן !... מ׳קען מיינען, אַז ער קען קיין צוויי נישט ציילן...

ער האָט זיך שוין איצט מער נישט אַרומגעדרייט אין זיינע פֿאַרמעליקטע הויזן, שטענדיק מיטן פֿאַרוואַקסענעם, שטעכיקן קין, מיט רויטע, פֿאַרפֿראַשעטע אויגן. ביים

איווּן האָבן איצט געאַרבעט עטלעכע יידישע געזעלן און ער אַליין, אַז אויסגעדרייטער, אָנגעטאָן ווי אַ מענטש, איז אַרויס פאַרן הויז, מיט די אינזשיניערן, צו באַטראַכטן ווי אַזוי איבערצואַרבעטן דעם גאַנצן פאַסאַד פון געוועלב, וואָס איז געווען אַריינגעשטופּט צווישן די אַלטע היסטאָרישע געביידן פון געסל.

אָבער איידער וואָס־ווען, איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

.4

דאָס זיסע שטימעלע פון זשאַקלין דיורי האָט אָקופּאַציע־צייט געהילכט פון דער לאָנדאָנער בי־בי־סי־ראַדיאָ־סטאַציע, פול מיט היים־בענקשאַפט צו פּאַריז, צום „אַראָמאַט פון פראַנקרייך״; און איר טאַטע, דער צוקער־בעקער ר׳ שמעיה, איז געלעגן ערגעץ פאַרשטעקט, באַגראָבן, אונטער דער אפּוטרופּסות פון פּוילישן מיידל. כאָטש די טירן זענען געווען פאַרהעמערט, ווייל מ׳איז שוין עטלעכע מאָל געקומען נישטערן און אַוועקשלעפּן די יידן פון געסל, איז דאָס מיידל פאַרבליבן אין הויז איינע אַליין. קיינער האָט זי נישט באַמערקט אַרויסגיין און צוריקקומען. זי האָט זיך אין אָוונט דורכגעשלייכט דאָס הויפּל צו דער הינטער־טיר. דאָס הויז, די בעקעריי, איז געשטאַנען אויסגעליידיקט, צעריבט. קיינער האָט נישט געוווּסט ווו דער ייד באַהאַלט זיך אויס.

זעט אויס, אַז ס׳זענען נאָך דאָרט ערגעץ געווען פאַרשטעקט אַ סך זעק מעל, זעק צוקער, בשמים׳וואַרג; און דאָס אַלץ איז איצט געווען מיט גאָלד־גלייך. מיט אַ פּויעריש טיכל אַרומגעבונדן, אין אָפּגענוצטע קליידער, האָט זיך דאָס מיידל קיינעם נישט געוואָרפן אין די אויגן. דער שוואַרצער, טריפהנער מאַרק האָט געבליט. אין די דערפער אַרום די קוילן־ראַיאָנען, אין נאָרד, זענען געווען איינגענעסטיקט אַ סך פּוילישע פּויערים, קוילנגרעבער; אַהין איז זי אָפט געפאָרן מיט דער באַן. אַלץ, וואָס זי האָט געבראַכט, האָט מען אין פּאַריז צעכאַפּט, געצאָלט געזאַלצענע פּרייזן. ניין, זי האָט אים נישט געלאָזן פאַלן, איר באַלעבאָס.

אָפּגעטיילט מיט אַ ווענטל, איז ר׳ שמעיה געזעסן אין אַ ווינקל טאָג און נאַכט איבער די ספּרימלעך. ער איז געוואָרן דיקלעך, פאַרוואַקסן, די פאַרשוואָלענע אויגן האָבן אים ווייט געטון, געשטאָכן. די ראיה איז אים אינגאַנצן קאַליע געוואָרן. ער האָט זיך אָבער פון די ספּרימלעך נישט אָפּגעריסן. ווייל ער האָט דאָרט געפונען אַלערליי רמזים אויף זיין אייגן לעבן; און זיין לעבן איז איצט געווען אין מיידלס הענט. זי האָט געפלאַטערט איבער אים, האָט אים נישט פאַרפעלט צו ברענגען עסן, און איידער זי איז ווידער פאַרשוווּנדן אויף עטלעכע טעג, האָט זי אַ מורמל געטון:

— אָ, יעזו... ס׳איז נאָך אַלץ שלעכט פאַר די איירעקע...

זי איז שטיל געקומען צו אים און אים געהייסן אַרויפקריכן אויפן בוידעמל. דאָרט, צווישן די בעלקעס, אונטערן דעמפיקן דאַך, איז ער געבליבן פאַרשטעקט

לאַנג. ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן — אַן אייביקייט. ער האָט געהערט אירע שטילע טריט, ווי זי שלייכט זיך אַרויף, ווי זי שטעלט אַוועק פאַר אים אַ הייס טעפּל עסן און פאַרשווינדט. ער האָט זיך אַ סך מאָל אַליין געפרעגט: נאָכוואָס טוט זי עס? אַ יונגע מויד... זי האָט שוין אַוודאי דאָרט עמיצן אָפּגעפונען... דאָס קען זי נאָך קומען מיט אים אַהער, און יענער זאָל אויסגעבן זיין באַהעלטעניש. ער האָט שוין ביי איר גאָרנישט געפרעגט קיין חשבון. סוף כל סוף, איז ער געווען זיכער, וועט זי אים איבערלאָזן און ער וועט דאָ אויסגיין; אָדער מען וועט קומען און אַוועקנעמען אים, פּונקט ווי אַלע ייִדן, ווייל די מלחמה וועט זיך אַזוי גיך נישט פאַרענדיקן.

אונטן, אין די שטיבלעך, האָט זיך עפּעס שטיל און פאַרשטיקט גערודערט. ס'האָט זיך אַראָפּגעיאַוועט איר משפּחה, די ברידער, די שוועסטער. זיי האָבן דאָרט געהאַט אַלעריליי געטועכצן מיטן „שוואַרצן מאַרק". צי האָבן זיי געוווסט, אַז דער ייִד באַהאַלט זיך דאָ ערגעץ אויס, אין אָפּגעצוימטן ווינקל, אויפן בוידעם? עפּעס האָבן זיי נישט געקענט אַדורכקומען, און ער האָט געהערט ווי מען קריגט זיך, ס'פאַלן בענקלעך, טירן קלאַפּן, ווי דאָס מיידל פאַרטרייבט זיי אַלעמען פון הויז. ער האָט זיך געפילט פאַרלאָזן פון אַלעמען. דער דאַך איז געווען נידעריק און אָנגעגליט. שפּיציקע שטראַלן האָבן זיך דורכגעריסן פון אַ ווינקל. זיינע אָנגעשוואָלענע אויגן האָבן דאָס ליכט מער נישט געקענט פאַרנעמען. ער האָט צוגעלענט די ווייַס. ער האָט געפילט, אַז ער ווערט שוואַכער. דאָס תהילימל איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט. פיל טריט האָבן אונטן געטרעטן איבער דער פּאָדלאָגע. ער איז געווען זיכער, אַז מ'איז שוין געקומען נאָך אים; אַז דאָס וויל זי פּטור ווערן פון אים. ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן און געשעפּטשעט: „רבונו של עולם... אַלע האָבן מיך פאַרלאָזן נאָכן ווייבס אומגליקלעכן טויט... אַפילו יעטל, אייגן בלוט און פלייש, האָט מיך פאַרלאָזן... דערבאַרעם זיך, לאָז מיך בעסער דאָ אויסגיין"...

זי איז אָבער אומגעריכט געקומען צו אים אין אָוונט, דאָס מיידל. ער האָט דערפילט, ווי אַ וואַרעמע, צערטלעכע האַנט האָט גלייך געמאַכט דאָס קישן אונטער זיין קאָפּ, האָט אים אַרומגעצודעקט, האָט צוגעטראָגן צו זיינע פאַרשמאַכטע ליפּן אַביסל וואַרעמס. ער האָט זיך נישט אָפּגערופן, נאָר ער האָט דערפילט, אַז ער איז מער נישט אַליין, אַז עמיצער לאָזט אים נישט אויסגיין. אין דער טונקל האָט ער ווי דורך אַ שפּאַרע געזען איר העלע, שוועבנדיקע געשטאַלט, ער האָט געהערט אירע שטילע רייד:

— באָזשע... וואָס זיי האָבן אַלץ אָפּגעטון מיט די אייעריקע... איר וועט באַלד פריי זיין... זיי אַנטלויפן שוין, די דייטשישע רוצחים...

דער ייִד האָט געשטאַרט אין דער פינצטער מיט זיינע רויטלעכע אויגן. ער האָט שוין גאָרנישט מער געגלייבט. „הייסט עס"... — האָט ער זיך געזאָגט, פילנדיק לעבן זיך דאָס פרעמדע מיידל, זוכנדיק אין דער טונקל אירע פּראָסטע, אויסגעהאָרעוועטע, וואַרעמע הענט.

.1963

די כלה פון קאָלאָמב-בעשאַר

.1

אַרום 1903 איז דער ארץ־ישראל־ייִד ר' דן מיטעלעס איינמאָל אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז, אויפֿן „פּלעצל", אין אַ הויכן קאָלפּאַק, אין אַ צעאָדערטער זײַדענער זשופּיצע, די ווײַסע זאָקן אַרײַנגעלאָזט אין די ניִדעריקע שטיבעלעטן. די רויטע באָרד שיטערלעך, אויסגעפּליקט, די געדרייטע פּיאות האָבן זיך געבאָמבלט איבער די בלײַכע באַקן. געווען איז ער איינער פֿון די חלוקה־ייִדן, וואָס זענען אַרומגעפֿאָרן איבער די תּפֿוצות, אין שליחות פֿון מאיר בעל הנס, פֿון די ישיבֿות אין מאה שערים, פֿון די צפֿת'ער מקובלים. אין אָנגערויכערטן ייִדישן רעסטאָראַנדל אויף רי דע ראָזיע, וווּ ס'האָבן זיך אין יענע יאָרן געדיכט געקליבן די סאָציאַליסטן און די אַנאַרכיסטן פֿון רוסלאַנד, אין די סאַטינענע העמדלעך, מיט די פּלאָמיקע טשופּרינעס, אָדער ביים אַנאַרכיסט וואָלף שפּיזער אין ספֿרים־געוועלבל, וווּ די אָנגעלאָפֿענע יונגעלײַט האָבן געבלעטערט די בראָשורן פֿון קראָפּאָטקין און לעוו טאָלסטאָי, האָט דער ייִד באַלד נישט אַרײַנגעשמעקט, אויסגעמיטן, ווי אַ מושבֿ־לצים; ר'האָט זיך געפֿאָרכטן פֿאַר די מורדי־מלכות. זיי עסן טרפֿות ר'ל, זיי לייענען די ספֿרים חיצונים. ס'איז אין די דאָזיקע ערטער סתּם געווען אַ סכּנה אַרײַנצוקומען, ווײַל פּאָליציי, אין די קורצע, בלויע פּעלערינעס, איז אָפֿט אַהין אַרײַנגעפֿאַלן, געזוכט טעראָריסטן, אַוועקגעפֿירט די פֿאַרדעכטיקע יונגעלײַט און אַרויסגעשיקט זיי ביז צו דער שווייצאַרישער גרענעץ.

ס'איז געווען אַ ביטערע צײַט פֿאַר די אָנגעלאָפֿענע עמיגראַנטן פֿון רוסלאַנד און פֿון גאַליציע. כאָטש אַלץ איז געווען בזיל הזול, אַן אָקס פֿאַר אַ סו, נאָר ס'איז דער סו נישט געווען. די ייִדישע יונגעלײַט, די סאָציאַליסטן, די אַנאַרכיסטן, האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט ווי אויפֿן עולם התּוהו, געזוכט אַ טאָג אַרבעט בײַ די ייִדישע קאַסקעטערס, בײַ די ייִדישע שנײַדערס, בײַ די פֿוריערס, זענען באַגינען געגאַנגען טראָגן פּעק אין די האַליעס, זענען אָפּגעשטאַנען הינטער די פֿאַרהעמערטע טירן פֿון די ווילטעטיקע ביוראָען פֿון דער קאָנסיסטאָריע, פֿון דער ראָטשילד־הילפֿס־געזעלשאַפֿט „עזרא", אויסצובעטלען אַ פּאָר פֿראַנק, צו קענען פֿאָרן ווײַטער, קיין לאָנדאָן, קיין אַמעריקע.

ר׳ דן, וואָס האָט געלאָזן אין ירושלימער אַלט־שטאָט אַ קראַנק ווייב און אַ טעכ־טערל פון אַ יאָר 16, האָט דאָ די ערשטע צייט געלעבט עלנט, געגעסן טרוקנס, פאַרביסן מיט אַ ציבעלע, אַ קנאָבל, אַביסל ירקות, פאַרטרונקען מיט אַ שעפּ קאַלט וואַסער. ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן און געבענטשט לאַנג, מיט דביקות. קיין איבעריקע חיונה פון זיין שליחות האָט ער כיי־ווי נישט געצויגן. ער האָט זיך געוואַלט דאָ אַרומקוקן, אפשר וועט ער געפינען אַ שטיקל תכלית. ווייל ס׳האָט זיך אים גראָד געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט און ער האָט פאַר קליינע געלטער אָפּגע־דונגען אַ ראַגאָווע געוועלבל מיט אַ גאָרן־שטיבל, מיט פאַרשטויבטע פענצטער צו דער גאַס. ער האָט דאָרט פונאַנדערגעלייגט ספרים, מזוזות, געפלאָכטענע הבדלות, שמחת־תורה־פענדלעך פאַר קינדער, אַ חנוכה־לעמפל, אַ פלעשל כרמל־ווין. אָבער דאָס אַלץ איז נישט געווען ביי אים דער עיקר. גיווען איז ער אַ מומחה אויף אַלטע ספרים. צו אים אין געוועלבל האָבן מיט דער צייט אָנגעהויבן אַריינקומען הויכע גלחים, אַנטיקוואַרן, אַרכיוויסטן, קאָנסערוואַטאָרן פון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָ־טעק; ער איז אַפילו שפּעטער געשטאַנען אין קאָרעספּאָנדענץ מיטן בריטישן מוזיי, מיט די קעניגלעכע ביבליאָטעקן אין בערלין, אַמסטערדאַם, קאָפּענהאַגען. אין יענע יאָרן האָט ער באַצויגן ספרים פון פּיעטריקאָוו, פון לובלין, פון ווילנער דפוס ביי דער אלמנה והאחים ראָם; אויך עברי־טייטש־ביכלעך וועגן די מופתים ונפלאות פון גוטע־יידן, רביים, תחינות, זעלטענע רבנישע חיבורים. די אַנאַרכיס־טישע, ציוניסטישע און בונדישע בראָשורן און ביכלעך, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אויף דין פּליס־פּאַפּיר אין זשענעווע, אין לאָנדאָן, אין אַמעריקע, אַריינ־צושמוגלען זיי געהיים קיין רוסלאַנד, און וואָס זענען דאָ געגאַנגען פון האַנט צו האַנט אין די אָנגעפּראָפּטע יידישע רעסטאָראַנדלעך און קאַפייען אויפן „פּלעצל“, זענען צו אים נישט אַריינגעקומען. ער האָט אָוועקגעמאַכט — שטות׳ן... טריף־פּסול... אָבער אויף זעלטענע ספרים וועגן יהדות, מעג זיין אין דייטש, אין פראַנ־צויזיש, אין האָלענדיש, איז ער יאָ געווען אַ בעל און אַ גרויסער מבין. ביי אים האָט מען געקענט געפינען אַן אַלטן בראָקהאַוז, אַן אַלטן יאָסט, אַן אַלטן צונץ, פאַר־צייטישע ספרימלעך, דאָס שמאַטע־פּאַפּיר צוגעברענט, אָבער נאָך קלאָר און דייטלעך צו לייענען, אַפילו אָן אַ פאַרגרעסער־גלאָז.

אויף חיונה, ווי אויך אַ יידיש ברייטל צום ווייב מיטן טעכטערל, האָט ער באַ־זאָרגט דורך אַ געלעגנהייט מיט יידן, משולחים, וואָס זענען אָפּט געפאָרן הין און צוריק. וועגן אומקערן זיך אין מאה־שערים האָט ער שוין דערווייל נישט גע־טראַכט. דער יי״ישער גלות, האָט ער אונטערגערעכנט, איז נאָך לאַנג, זייער לאַנג, און דערווייל איז פּאַריז אויך, גאָט צו דאַנקען, אַן עיר ואם בישראל. די שול אויף רי פּאַווע, די מנינים אין די אַרומיקע געסלעך, זענען געווען איבערפול מיט יידן, פאַרבייוואַנדערער. פּרנסה, איז ווי אַמאָל, נישט צו פאַרזינדיקן. קיין גרויסער בעל־נצרך איז ער אויך נישט געווען; אַבי נישט אָנצוקומען צו דער ביטערער חיונה פון אָרעמען חלוקה־געלט; ווייל צווישן די חלוקה־יידן זענען געווען שטאַרקערע פון אים, איינרייסערס, מחוצפים, ביטערע לייט, וואָס האָבן געשאָלטן מיט פייער־

דיקע קללות; און ער איז געווען אַ שטילער ייד, ר׳ דן, אַן עניו, אַ ווילל־ערנער. ער האָט דאָ געהאַפּט סוף כל סוף צוצוקומען צו עפּעס אייגנס און דעמאָלט, האָט ער גערעכנט, וועט ער אַראָפּברענגען פון מאה שערים ס׳ווייב מיטן טעכטערל.

אָבער אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. ס׳איז נישט אַריבער קיין יאָר־אָנדערט־האַלבן, ווי די גלאָז־טיר פון ספרים־געוועלבל האָט זיך איינמאָל אויפגעמאַכט מיט אַ קלינגעריי און ס׳מיידל, סערל, איז שטיינגעבליבן אויף דער שוועל, מיט אַ קלומיקל ביי די פיס, אַרויפגעוואָרפן אַ דערקע אויף די אַקסלען. ר׳ דן מייטעלעס האָט אותו הרגע פאַרשטאַנען זייך גרויסע בראָך.

— ווען ?... ווי אַזוי ?... פאַרוואָס האָט מען מיר גאָרנישט געשריבן ?... — איז ער אַרויפגעפאַלן אויף דער טאָכטער.

דאָס מיידל מיט די בלאָנדע צעפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן קלומיקל און זיך ביטער צעכליפּעט.

— ס׳איז געשען פלוצים, טאַטע... זי האָט מער נישט געקענט כאַפּן דעם אָטעם... זי איז אויסגעגאַנגען, ווי אַ כשרע טויב...

פון דעמאָלט אָן האָבן פאָטער און טאָכטער אויפגעהאַלטן זיך אויפן גאָרן־שטיבל איבערן געוועלב. ס׳איז ר׳ דן מייטעלעס, אמת, מיט דער צייט, אַביסל לייכטער געוואָרן אויף. דאָס מיידל האָט פלייסיק געפירט די באַלעבאַטישקייט, האָט זיך אין געוועלבל אויסגעטויגט פונקט ווי דער פאָטער, ווען ס׳איז אַריינגע־קומען אַ יידענע נאָך אַ תחינה, נאָך אַ בענטשערל פאַר אַ ייִנגל; ווען אַ ייד איז אַריינגעקומען קויפן אַ טלית; איבערהויפּט אָבער ערב יום־טובים, ווען ס׳איז זיך אָנגעקומען אַ פול געוועלב יידן קויפן מחזורים, אַן אתרוג, און זיי האָבן זיך לאַנג אַרומגעדונגען. אויסער, ווען ס׳איז אַמאָל אַריינגעפאַלן אַ כומר, אָדער אַ קאָ־לעקציאָנער, אַן אַרכיוויסט, אַ קענער. דעמאָלט האָט זי דעם פאָטער אַ רוף גע־טון פון גאָרן־שטיבל, וווּ ער איז געזעסן און געלערנט. זיי האָבן גרויס דרך־ארץ געהאַט פאַר ר׳ דן מייטעלעס׳ רויטער באָרד, וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן גרוילעך, אָפּגעקראָכן; פאַר זיין תמימות, פאַר זיין טיפער בקיאות. געוויינלעך האָט ער איצט צייט געהאַט צו זיצן און אַריינצוקוקן אין אַ ספר, אָנגעזאָטלט מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז, ווייל די ראיה איז ביי אים אַלעמאָל געווען אַ שוואַכע. קיין אַנדער ווייב האָט זיך דער ייד מער נישט גענומען. ס׳איז אים פשוט אַ רחמנות גע־ווען אויפן קינד, אַריינצונעמען אין הויז אַ פרעמדע יידענע, אַ שטיפמוטער.

דערפאַר האָבן זיך אין געוועלב באַצייטנס גענומען דרייען שדכנים. די אונטער־געוואַקסענע מויד, סערל, איז, קיין עין הרע, געווען אַ יפת תואר, אַ בריה, אַן איינרייסעריין. די דיקלעכע ברילן, וואָס זי האָט געמוזט אָנטון, האָבן איר נאָך צו־געגעבן למדנישן חן. מ׳האָט זי אומעטום אויפן „פלעצל" שוין געקענט, ווייל זי האָט זיך געפלעגט אַרומדינגען ביי אַלע געשעלן, אין די שפּייז־געוועלבלעך; און דער פאָטער האָט זי אינגיכן חתונה געמאַכט מיט אַ שטילן יונגערמאַן, אַ דימענט־שלייפער, וואָס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן פאַר אַ חלוש. די שדכנים האָבן

דעם טייערן שטיק אוצר אראָפּגעבראַכט אַזש פון אַנטווערפּן, וואָס איז געווען אַ געדיכטע שטאָט מיט יידן, ברילאַנטן־הענדלער און גרויסע ירא שמים דערצו. ר׳ דן האָט דאָס יונגע פּאָרפּאָלק אָפּגעגעבן דאָס אַנדערע חדר אויפן גאָרן־שטיבל. קיין גרויסער אויסטויגער אין מסחר איז דער בלייכער יונגערמאַן נישט געווען. אין דימענט־שלייפערייי איז פּאַריז, ווידער, נישט געווען קיין צענטער. ער האָט פאַרדינט וואַסער־אויף־קאַשע. סערל האָט אָפּט געשריגן אויפן מאַן, געמאַכט אים אויסצודריייען, פּאַרוואָס ער איז נישט אַביסל ריהרעוודיקער. דער יונגערמאַן איז אַרומגעגאַנגען בלייך, שטום, געשאָרט זיך אין די ווינקעלעך. אויך קיין קינדער האָבן זיך נישט געווייזן. ערשט אַ שיינע פּאָר יאָר נאָך דער מלחמה איז אומגעריכט געבוירן געוואָרן דאָס יינגל יעקב׳ל, וואָס מ׳האָט אים דערנאָך אויפן „פּלעצל״ סיי־ווי גערופן זשאַק. דער פאָטער פון קינד איז אין זעלבן זומער אָפּגעשטאָרבן פון אַ פלעק־טיפוס, נישט־דאָ־געדאַכט.

גאָט זאָל איר נישט שטראָפן, נאָר קיין סך געקלאָגט נאָכן מאַן איז האָט זי נישט, סערל. זי האָט זיך גאַנץ גוט אַליין אַן עצה געגעבן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן ביי סאָרט יידן אויפן „פּלעצל״. זיי זענען געקומען אַנצולויפן פון רוסלאַנד, פון פּוילן, פון אונגאַרן, פון רומעניע. שדכנים האָבן דער יונגער אלמנה נישט איינמאָל נאָראַיצט אַ ווילן יונגערמאַן, פון די פריש־געקומענע, נאָר זי האָט מער נישט געוואָלט הערן דערפון. זי האָט מורא געהאַט פאַר די צעטראָגענע עמיגראַנטן, ווייל זיי קענען פון היינט אויף מאָרגן אויסגערונען ווערן; כאָטש די טויערן פון אַמעריקע זענען שוין געשטאַנען פאַרהאַמערט.

פאַרשטייט זיך, אַז יעקבל, אָדער זשאַק, איז געוואַקסן אונטער דער השגחה פון זיידן. דאָס יינגל איז געווען אַ יתום. ס׳האָט אים, נעבעך, געשניטן ביים האַרצן, דעם אַלטן ר׳ דן, סיי אויפן איניקל, סיי אויף דער באָכטער. ער איז געווען אַ שוואַך יינגל, זשאַק, ווי אַלע קינדער צווישן די ענגע שמאַטישע מויערן, בפרט אַז זיין פאָ־טער איז אויך נישט געווען קיין גבר. ער איז געווען בלייך, פּילבאַר צו אַ ליאַדע ווינטעלע. אין חדר, אין בית־מדרש ביים מלמד, אויף ר׳ דע ראַזיע, האָט ער נישט געהאַט קיין גרויסע פעולה. ס׳איז אויך, פון לאַנג שוין, געווען אַ געזעץ, אַז אַלע קינדער מוזן גיין אין אַ גוישער שולע. מלכות האָט מען זיך נישט געקענט אַנטקעגנשטעלן; און ס׳האָט אויך דאָס יינגל, חלילה, גאָרנישט געשאַדט; האָט ער זיך דאָרט אויסגעלערנט אַביסל פראַנצויזיש, וואָס? און אָט איז ער פונדעסטוועגן אונטערגעוואַקסן געשטאַלטיק, בלאַנד, ווי די מאַמע. ער האָט געטראָגן אַ קאַפּאָ־טע, אַ סאַמעטענעם קאַפּעלאַטש, פּונקט ווי דער זיידע. אָבער די פּיאות האָט ער אַרונטערגעקעמט. ווען ס׳איז אים אויסגעקומען אַמאָל אַ ריד צו טון מיט די מייד־לעך פון געסל, האָט ער זיך געדרייטלט, דעם הייסן בליק צו דר׳ערד. זיי האָבן אים שטיפעריש אַראָפּגעריסן דעם קאַפּעלאַטש, געצויגן אים ביי די לאַנגע, בלאַנ־דע פּיאות, האָבן געלאַכט און זענען אַנטלאָפן. דאָס יינגל האָט זיך דערנאָך אַ האַלבע נאַכט געוואָרפן אויפן געלעגער. די ליכטיקע פאַריזער נעכט האָבן דעם אונ־

טערגעצוואַקסענעם בחור מיט די אָנגעגאָסענע מוטקולן שיכור געמאַכט די געבלוטן, געלאָקט מיט אַלערליי עבירות.

ער האָט געוואָלט גיין לערנען זיך פֿאַר אַ בעל־מלאכה, נאָר די מאַמע מיטן זיידן האָבן זיך האַרב קעגנגעשטעלט, געזאָגט, אַז ס׳פּאַסט נישט. בעסער זאָל ער זיך לערנען צו זיין אַ שוחט. די שוחטים, וואָס דרייען זיך אַרום די כשרע יאַטקעס אויפֿן „פּלעצל״, האָבן שיין פּרנסה. ער האָט זיך טאַקע גיכער געפּאַסט צו זיין אַ שוחט. מ׳האָט אַריינגענומען אַ ייִד, אַ דייַן, וואָס האָט אים געלערנט די דינים פֿון שחיטה. ער האָט זיך געקרעפּטיקט, זשאַק. די גל־דער האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט רייפּקייט, נאָכדעם ווי די מאַמע האָט אים יעדן זומער געפּלעגט אַרויסצושיקן אין אַ דאָרף אַרייַן. פֿון אונטערן קאַפּעלאַטש ביי זשאַקן האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר פֿאַר־בלוטע אויגן, ווי פֿון אַ רוצח. זיינע הענט זענען שוין מער נישט געווען קיין בלייכע, אויסגעפּיינערטע, ווי ביי די ישיבֿה־בחורים, נאָר רויט־אָנגעגאָסענע, ווי ביי אַ באָקסער. אַ שוחט — דער חלף אין זיין האַנט האָט געשניטן העלדזער... דאָס בלוט, דאָס וואַרעמע, רויטע בלוט, האָט פֿון אונטער זיינע פֿעסטע הענט גע־שפּריצט פֿון קי, פֿון אָקסן, פֿון קעלבער, פֿון עופֿות. ער איז אויך מער נישט גע־ווען ווי די אַלע בטלנים, איז געלאָפֿן זען, בשתיקה פֿאַר דער מאַמען און פֿאַרן זיידן, פֿוטבאָל־מאַטשן, קאַטש־פּאַרמעסטונגען, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ טע־אַטער, אין אַ סינעמאַ. ביז ס׳איז אונטערגעלאָפֿן די מלחמה מיט היטלערן י״ש. צוריקגעקומען פֿון ווידערשטאַנד, האָט זיך זשאַק אַ שטיקל צייט אַזוי־ווי צעחושט אַרומגעדרייט אין ספֿרים־געוועלבל. צו דער שחיטה האָט עס אים מער נישט געצויגן.

— נעמסט — האָט די מאַמע געטענהט — אַזאַ גאָלדן פֿאַך און וואַרפֿסט עס אַוועק... אפֿשר מיינסטו, אַז זיי וועלן אַ „גאָלעבראָדניק״ צולאָזן צו דער שחיטה?...

— כ׳האָב זיי שוין גענוג, די גאָרגל־שניידערס מיט די ווילדע בערד... — האָט דער מאַמען געענטפֿערט טראַציק.

חתונה צו האָבן האָט ער זיך אויך עפּעס נישט געאיילט. זינט ווען ס׳איז ליכטיק געוואָרן אין געסל און דער שפּיל־קאַסטן האָט אַרויסגעהילכט מיט קולות, איז ער געוואָרן אַן איינגייער אין דער שכנותדיקער אַלזשעריאַנער יידישער קאַפֿע.

2.

די עטלעכע אַלטע, קרומע גאַסן זענען ווי אַן אָפּגעשלאָסן יידיש וועלטל. כאָטש ס׳שטייען נישט אַרום קיין געטאָ־מויערן. זעלטן ווען מען זעט אַ פֿראַנצויז אַריינגיין אין אַ יידיש געוועלב. אַז ס׳איז איינמאָל אויסגעקומען אַ געשלעג אויף מעסערס צווישן אַ קצב און אַ יידישן קאַפֿע־איינגנטימער, דאָ באַלד, אויף רי דע ריוואָלי, האָבן די פֿראַנצויזן באַלד אַרומגעשטעלט זיך. מיט די הענט אין די קעשענעס.

זיי האָבן, ווי ס'פּירט זיך, חלילה, זיך נישט אַריינגעמישט, נאָר זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין: „פאַרוואָס עפּעס שלאָגן זיי זיך דאָ ?... זאָלן זיי גיין זיך שלאָגן אויף זייער גאַס"...

זינט ווען פון די צפון־אַפריקאַנישע מדינות האָבן גענומען אַראָפּקומען די אַנטריבענע יידישע גזינדלעך, מיט אַן אַ שיעור קינדער, איז דאָ געוואָרן אַ מין „קאַזבאַ". זיי זענען אָבער אין צרגעץ נישט געגאַנגען זוכן אַ מקום־מקלט, נאָר זענען גלייך געקומען אַהער, צווישן יידן. זיי האָבן באַלד אויסגעפונען אַלע ענגע, פינצטערע דירות אין די הויפלעך, אויף די שטאָקן, וווּ ס'ברענט נאָך גאַז־ליכט; האָבן אָפּגעדונגען אַן ענג שטיבל אויף אַ בית־מדרשל; איבערגענומען די שמאָלע געוועלבלעך און אויסגעשטעלט זייערע מאכלים. די בעקערייען זייערע האָבן אין די פענצטער אויסגעלייגט הויכע שטויסן פאַרברוינטע האָניג־טייגלעך, געוויקלטע אין מאַנדלען, אין איילבירטן, אָנגעשטאָפּט מיט מאָן, אויסגעווייקט אין בוימל און אין זיסוואַרג, וואָס אַ ייד פון פוילן, צי פון רומעניע, וועט אין מויל נישט נעמען. אין די שפּייז־געוועלבלעך — קוס־קוס, געקאָכטע מאַיס־שטענגלעך, גרויסע באָבעס, וואָס מ'האָט זיי איך דער היים גערופן פערדישע באָבעס. זיי האָבן, אויסער זינגענדיקן פּראָנצויזישן דרום־דיאַלעקט, גערעדט אַ הייס, פרעמד לשון, מיט געדיכטע, אָפּגעהאַקטע האַלדז־טענער. אין זייערע בוימלדיקע אויגן איז געווען אַ ווייטע, פאַרגעסענע ביבלישע יידישקייט און — מעסער־גלאַנץ.

און צווישן די אַריינגעקוועטשטע געוועלבלעך, יאַטקעס, בעקערייען, אַלטוואַרגהענדלער, בשכנות פון ספרים־געוועלבל, האָבן אומגעריכט אַ שיך געטון די נעאָןליכטער פון אַ קאַפע־טאַבאַק, מיט אַ נייעם צינק, מיט ווייכע שטולן, דיסקרעטע נישעס פאַר סענטימענטאַלע פאָרלעך, מיט אַ שפּאָגל־נייעם שפּיל־קאַסטן, וווּ מ'האָט אַריינגעוואָרפן אַ מטבע און ס'האָט פאַרהילכט די שמאָלע יידן־גאַס מיט שפּאַנישע טאַנגאָס, דזשאַז, ראָקן־ראָל, טוויכט און גאָרגלדיקע, מאַנאָטאָנע אַראַבישע ניגונים. די קליינע, פלינקע סאַראַ, די עלטסטע טאָכטער, האָט פון הינטערן צינק גלייך צוגעצויגן אַ היימישע קליענטעל פון שנאַם־געסט, פון שטענדיקע אייגייערס, פון די אָנגעלאָפענע אַלזשעריאַנער, טוניסער און מאַראָקאַנער יידן; און נישט בלויז יידן. דאָס מיידל מיט די גרויסע אַ־ערינגען האָט עפּעס אויסגעקוקט ווי אַ שיינער, עקזאָטישער פויגל. אירע שמאָלע מאַנדל־אויגן, מיטן בליאַסק, האָט אָפּגעגעבן דעם הייסן אָטעם פון סטעפּעס און מדבריות. זי איז געווען — בלויז אויגן, פאַרשאָטנט פון אירע לאַנגע וויעס. זי האָט זיך אָבער אין דער ערשטער צייט עפּעס געפאָרכטן פאַר דער ליכטיקער שטאָט פאַריז. זי איז כמעט נישט אַרויס פאַר דער טיר; האָט דורכגעאיילט דאָס געסל, פאַרהילט אין אַ מאַנטיליע, אין אַ לאַנגן שאַל, ווי די אָריענטאַלישע פרויען, ס'פּנים פאַרהוילן. איר שמאָלע, גלייכע געשטאַלט האָט אים באַלד פאַרכאַפּט, זשאַקן. נישט איין מאָל איז ער איר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ לונאַטיקער. ער האָט געוואָלט זען איר פּנים, הערן איר קול. זי האָט זיך אָבער פלינק דורכגעשלייכט פאַרביי אים. ער האָט זי גערופן און זי האָט זיך נישט אומגעקערט.

באַוועגט אַרום טומבאַנק, אין דער קאָפּע, האָט זי זיך אָבער מיט אַזאַ געניטוקייט, ווי זי וואָלט געבוירן געוואָרן אין אַ פּאַריזער ביסטראָ, דאָ אַרום באַסטיל ערגעץ; ווייל אין דעם פּאַרוואָרפּענעם אָאַזיס פון סאַהאַראַ, אין קאָלאָמב־בעשאַר, האָט די משפּחה מיטן היפּשן געזינדל געהאַלטן אַ מין קאַנטינע, אָדער אַ באַר, פאַר די פּאַרבלאָנדזשעטע פראַנצויזישע באַאַמטע, אינזשיניערן, ספּעציאַליסטן, דער עיקר מיליטערלייט. ס׳זענען אַרום געווען קאַזאַרמעס, עקספּערימענט־צענטערן פון די באַפּט־ און אַטאָם־געביטן. דאָרט האָט מען דער קליינער סאַראַ, וועלכע האָט פלינק סערווירט אַרום די טישלעך אין דער קילער האַליע, דעם בליק אַרונטערגעלאָזן, גערופן זי „לאַ בעל קאַנטיניער״ (די שיינע קאַנטינערקע). זיי האָבן איר דאָרט נישט איין מאָל אַוודאי הייס געפּליסטערט אין אויער אַריין צערטלעכע רייד; און זי האָט ווילד געלאַכט, די מויד. היץ־קראַנקע, וואַנזיניקע, פון בענקשאַפט, פון פאַלהדיזם, זענען די פאַרבלאָנדזשעטע פראַנצויזן אין אָוונט געקומען אָנפילן דעם רוישיקן באַר אין אָאַזיס.

אַ סך פריער ווי ס׳איז הייס געוואָרן אין אַלזשיריע, האָט פּלוצים די היפּשע משפּחה זערביב דאָרט אַלץ איבערגעלאָזן אויף הפקר און איז באַצייטנס גע־קומען אַנצולויפן קיין פּאַריז; באַלד איינגעהאַנדלט אויפן „פּלעצל״ די אַלטע קאָפּע בשכנות, ווו זעלטן עמיצער האָט פריער פאַרבלאָנדזשעט אַהער. דאָ, צווישן יידן, האָבן זיי זיך דערפילט זיכערער. זיי האָבן דאָ אַלץ געלאָזן איבערמאַכן. ס׳האָט געפינקלט פון ניקל, פון שפּיגלען און פון נעאָן־ליכטער. דער שפּיל־קאַסטן האָט פאַרהילכט דאָס פינצטערע געסל.

זשאַק האָט שויך פון לאַנג געפילט, אַז עפּעס שטיקט אים, אייביק אַרומגע־רינגלט מיט די אַלטע לייט, מיט די אַלטע ספרים, צווישן וועלכע ער האָט זיך געהאָדעוועט ווי אַ בלייכע קעלער־פלאַנץ. דאָ באַלד, הינטער דער וואַנט, בשכנות, קאָכט זייער יונג, הייס בלוט; און ווי ס׳בלוט פון זיין משפּחה, די אַלטע ירו־שלים־יידן, וואָלט גערונען לאַנגזאַם און שווער; דער סקלעראָז דרייט זיי לאַנגזאַם אויס די פינגער פון די אָנגעדראָלענע הענט, געשווילט אָן און דעפאָרמירט זייערע שלעפּנדיקע פיס. סאַראַ האָט אים שיכור געמאַכט מיטן הייסן בליק פון אַ מדבר־אָדלער; דאָס מדבר־בלוט, האָט ער געפילט, רינט אין זיי האַסטיק, פול מיט פרעמדע אַראָמאַטן. ווי אַ בלייכע קלעטער־פלאַנץ האָבן זיך זיינע הענט געצויגן צום פרעמדן מיידל. דאָס קילע בלוט פון דורות בלאַסע בית־מדרש־יידן איז גע־רונען אין אים. אַ קאַלטער שווייס האָט באַשלאָגן דעם אויסגעאיידלטן שטערן זיינעם. ער האָט נישט געהאַט ווו אַהינצוטון זיינע הענט. ער האָט זי נאָכגעקוקט פאַר־גאַפט. אונטער אירע פאַרשאָטנע וויעס, אין הייסן בליק, האָבן זיך געביטן די אָפּ־שיינען — אָט גאָלדיק־געל, ווי די פאַרלוירענע זאַמדן, אָט אָפּגרונטיק־פינצטער, ווי די סאַמעטענע אַפריקאַנער נעכט.

און איינמאָל איז זי אַליין געקומען צו אים הינטערן דיסקרעטן פאָראַוואַן. „פּרינץ... פּרינץ מיינער... — האָט זי געפּליסטערט, ווי צו אונטערטעניק האַרעם־ווייב — ביסט אַ שפּרוך פון די וווּנדער־מעשיות... פון די אַלטע, הייליקע ספרים״...

און פלוצים, ווען די טיר אין דער קאַפּע האָט זיך אומבאַמערקט אויפגעריסן, אַ זעלנער האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט, איז זי צוריק אַנטלאָפן ארויף מיט די טרעפּלעך. ער האָט צוערשט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט זי נישט געפּרוווט מער נאָכלויפן. ער האָט געוווסט, אַז ער וועט זי מער נישט געפינען. ער איז אַרויס פון דער קאַפּע־טיר, צעשטריט געדרייט זיך איבער די פינצטערע געסלעך. ס'האָט אים געלאָקט און צוריקגעצויגן צו די ווילדלעכע לייט.

דער פלינקער גאַרסאָן, מיטן האַנטוכל, בערנאַרד, האָט שוין געוווסט אונטערצוטראָגן זשאַקן דאָס גלעזל „מאַרטיני”, ביים טישל, הינטערן דיסקרעטן פאַראַוואַן. ער האָט עס מיט איין צי אויסגעטרונקען און געהייסן זיך דערלאַנגען נאָך איינס. ער האָט אָוועקגעשמיסן אויף אַ שטול דעם קאַפּעלוש און ס'האָט זיך אַנטפּלעקט אַ פרישע, בלאָנדע שעוועליורע, אַרומגעצוימט מיטן בערדל. אַזוי האָט ער שיער נישט אויסגעזען ווי די הייטוועלטיקע יונגעלייט, מיט די בערדלעך, מיט די הויכע, אויסגעבעטע אַקסלען. ס'איז זיי אויך דאָרט עפּעס געפעלן, וואָס אָט דער בלאָנדער בחור, פון די אשכנזים, שדכנט זיך צו איינע פון זייערע. זיי האָבן אים מהנה געווען, געשטעלט אים גלעזלעך און געריסן זיך צו באַצאָלן.

— ס'איז אמת — האָבן זיי געפרעגט מיט דרך־ארץ — אַז דער זיידע דיינער איז אַ כאַכאַם?... (חכם).

הינטערן ווענטל איז דערווייל געגאַנגען אַ פריילעכער רעש, אַ קלאַפּן פון שפּיל־ביינדלעך, אַ געריידעריי אין זייער דזשודעאָ־אַראַביש, געמישט מיטן גאָרגלדיקן, קורץ־אָפּגעהאַקטן פראַנצויזיש. דער שפּיל־קאַסטן האָט אַלעמאָל אויפסניי אַרויסגעזונגען. עמיץ האָט דאָרט אַריינגעוואָרפן אַ מטבע.

סאַראַ האָט אָבער געפילט, אַז ער וואַרט אויף איר, זשאַק, נאָר זי האָט זיך נישט געאיילט. זי האָט דערווייל הייס אַרומגעפּלאַפּלט מיט די יונגעלייט, סערווירנדיק פלינק הינטערן צינק, בליקנדיק אַלעמאָל זייטיק צו דער טיר. זי איז געזעסן אויפן הויכן זעסל ביים טיש־קעסטל, געקלונגען מיטן קליינגעלט, געבנדיק אַ רעשט אין טעלערל אַריין. געלאַכט און געוויצלט זיך האָט זי מיט אַלעמען, זי האָט אָבער געוווסט צו האַלטן דיסטאַנץ, מיט פיל טאַקט, ווי די אַלע פלינקע פאַרייזער חנוודיקע קאַפּיי־ווייבלעך הינטערן קאַנטואַר. ס'איז געווען צו מערקן, אַז די קאַפּיי־פּראַקטיק ליגט אין איר יעדן זשעסט און באַוועג. ערשט ווען ס'יונגערע שוועסטערל מיט די דיקלעכע פיס איז אַרונטערגעקומען פון אויבן, האָט זיך סאַראַ אַ דריי געטון איבער דער קאַפּע און פלוצים אַריינגעשטעקט דאָס לאַכנדיקע פּנים הינטערן פאַראַוואַן. זי האָט דערזען, ווי זשאַק זיצט דאָרט איבער עטלעכע ליידיקע גלעזלעך, אין אַ טומאַן פון סיגאַרעטן־רויך. זי איז צו אים אַראָפּגעלאָזן זיך לעבן אים, אויף דער ווייכער באַנק.

— כ'ווייס שוין אַלץ... — האָט זי שעלמיש אָנגעבויגן דעם שוואַרץ־געקרויזטן קאָפּ פון אַ שעפּס אין זיין זייט אַריין — דיין זיידע און דיין מאַמע ווילן מיך נישט... ס'פּאַסט זיי נישט...

— רעד נישט, סאַראַ, רעד נישט...

— פאַרוואָס באַהאַלטסטו עס פאַר מיר ? — האָט זי אים אָנגענומען ביי דער שפּיץ גאָמבע, אַרויפלייגנדיק איר וואַרעם הענטל אויף זיין גרויסער האַנט, וואָס איז אומבאַהאָלפן געלעגן אויפן טישל.

— כ׳גיי באַלד רעדן מיט זיי... — האָט ער זיך אַ ריס געטון.

זי האָט שוין נישט באַוויזן אים נאָכצולויפן. ער איז אַרויס פון דער קאַפע און מיט קרומע שפּריזן געזוכט דעם וועג צו דער שויבן־טיר, צו דער שווינדל־שטיג פון גאָרן־שטיבל.

ס׳איז געווען פרייטיק, אַ שעה פאַר ליכט־צינדן. די טירן פון די יאַטקעס, פון די בעקעריען, פון די בשמים־געוועלבלעך, פון פיש־געוועלב ביי קלעפּישן, האָבן זיך אין דער שמאָלער יידן־גאַס גענומען פאַרהאַקן. צוויי יונגע שוחטים, מיט ווילדע בערד, פון די ליובאַוויטשער, וואָס האָבן געטריבן אַן אָפּגענוצטן „קאָטער שעווא״, האָבן צוריקוועגס פון שעכטהויז אויף לאַ־ווילעט, פאַרהאַלטן דעם וואָגן ביי דער נידעריקער טיר פון ספרים־געוועלבל. זיי זענען ווידער געקומען זשאַקן נאַראַיען אַ שותפות, כאָטש ער האָט זיי כסדר געטריבן פון זיך. ס׳האָט באַלד הינטער זיי אַ קלונג געטון די טיר און צוויי שיינע יינגלעך, מיט פּיאהלעך, זענען אַריינגעקומען נאָך אַ געפלאָכטענער הבדלה־ליכט. זשאַק האָט אָפּגעשטופּט די שוחטים, די יינגלעך און איז אַ גיי געטון צו דער שטיג. ער האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אין דער מוטער.

— גיי נישט. דער זיידע האָט זיך צוגעשפּאַרט. ער האָט זיך שוין נאָכגעפרעגט אויף דיר.

— זי איז אַ יידישע טאָכטער, מאַמע... כ׳וויל דערוועגן איבעררעדן מיטן זיידן...

— ניק, ס׳איז נישט קיין תכלית, זשאַקעלע... דער טאַטע האָט זיך נאָכגעפרעגט, פאַרוואָס מען זעט דיר מער נישט אַריינקוקן אין אַ ספר... ער דערזעט שוין נישט... ווען ער זאָל נאָך באַמערקן די געקירצטע קאַפּאָטע, די אונטערגעשניטענע פּיאות... עס מיר נישט אויף די גאַל... טרייב מיר נישט פרי אין קבר אַריין...

— טאָ וואָס זאָל איך טון, מאַמע ?...

— וואָס האָסטו זיך צפעס אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין ?... יענץ שטיק, זאָגט מען... די פאַרשייטע חצופה מיטן שפּיל־קאַסטן... לאָז מיך... איך וועל שוין איבעררעדן מיטן זיידן... עקשן ביטערער...

זי האָט שוין מער נישט געקענט אַריבערטראָגן. זי האָט געזען, ווי דעם יונג גייט אויס דאָס חיות.

אויבן, אויפן גאָרן־שטיבל, האָט דער זקן אויפגעכאַפּט עפּעס אַ גערודער. דאָס ספרל איז אים אַרויסגעפאַלן פון די הענט. אין פענצטער האָט געטונקלט. די צעשטעלטע רוקנס פון די ספרים האָבן זיך צוזאַמענגעזאָגט. ער וואָלט בלינדערהייט געטראָפן צו יעדן באַזונדער. דער בליק פון אונטער די דיקע ברילן איז געוואָרן צע־

שוומען. אָט זעט ער מער אינגאַנצן נישט די פֿעדער, און אָט זעט ער פּלוצים צוויי געשפּאָלטענע פעדערס. די פייערדיקע פליגעלעך פאַלן אַרום אים, ווי אַ שניי. דאָס ספֿרל, וואָס ער האָט נאָר וואָס געבלעטערט, איז געווען אַ יקר המציאות. אַ זעלטן ספֿרל. דאָס פּאַפּיר פון געפּרעסטע שמאַטעס, בלויליך פון דער צייט, דורכגעוועבט מיט רויטע און בלויע פעדעמלעך, איז נאָך געווען כמעט פריש. עכט האָלענדיש פּאַפּיר. ער האָט זיך לאַנג פאַרטיפט דערין. מיטן צופאַלנדיקן אָוונט, האָבן זיך אָבער אָנגעצונדן די רויטע נעאָן־ליכטער אַרום הינטערן פענצטער, הינטער די נאָנט־אָפּגעהאַקטע דעכער. דער זקן האָט זיך פאַרשטאָפּט די אויערן, נישט געקענט הערן, ווי ס'רייסן זיך פון אונטן די קולות פון שפּיל־קאַסטן אין דער אַלזשעריאַנער יידישער קאַפע. ער איז צו און פאַרשפּאַרט דאָס לופטשיקל.

ס'פאַלט באַלד צו די שעה פון קבלת־שבת, ווען יעדער איינער קערט זיך אום צו זיין שבתדיקן טיש, אַרומגערינגלט מיטן הויזגעזינד. היילקע אָרעמקייט — האָט ער זיך געזאָגט, דער זקן, גייענדיק אויף און אָפּ איבערן חדר, פול אָנגעשטעלט מיט ספֿרים — די הייליקע ביכער דרוקן זיך מערסטנס אויף פּאַפּיר, וואָס נאָך צען־צוואַנציק יאָר איז עס אַ קופּע געלער שטויב. ריירסט זיך צו דערצו, צעפאַלט עס אונטער די פינגער. וואָס־זשע איז דער תכלית? זיי זעען עס אָבער נישט, דאָס יונגוואַרג. פּאַריז — אַ כרך, אָבער אַ שטאָט פול מיט תאווה, טמאות, טרפות, יצר הרע; זיי זעען עס נישט די, וואָס זיצן אין די האָטעלן פון די גרויסע, רוישיקע האַנדלס־שטעט, ווו עס קיניגט דער גאָט פון געלט. זיי האַנדלען אויך מיט אידייען, אידעאָלאָגיעס, ביכלעך, רעדעס. מערקאַנטילע שטעט, האַנזעשטעט; מאַסיווע געביידן מיט קראַנען, ווי פעסטונגען. אָבער זיי טראַכטן נישט דערפון, אַז אַלץ צעפאַלט זיך מיט דער צייט אין שטויב... נאָר דאָס איינגעקריצטע הייליקע וואָרט גייט דורך אַלע פייערן און פאַרבלייבט...

ער ווייס דען נישט, וואָס ס'טוט זיך מיטן איניקל יעקב? ער ווייס. אוי, גוואַלדגעשריגן, דער יצר הרע שוויגט נישט, ער רוט נישט... ער פאַנגט איין נשמה נאָך דער צווייטער... דאָס שחיטות אָוועקגעוואָרפן, לויפט אַרום אין אַ כלי משחית, אַ וואָגן... אַז כ'על נאָר צומאַכן אַן אויג, וועט ער אינגאַנצן אַראָפּ פון דרך הישר, ווערן אַ גוי, ווי די הייַנטוועלטיקע. נישט אַנדערש, ווי די לילית מיטן שפּיל־קאַסטן האָט אים פאַרכישופט... שוין לאַנג צייט אַ שידוך צו טון מיט אים...

אַזוי ווי ס'איז שטיל געוואָרן אונטן, האָט ר' דן מייטעלעס זיך ווידער גענומען נאָכזוכן, נאָכקוקן אין דער קאָלעקציע מאַנוסקריפּטן. ער האָט געזוכט די באַשרייבונג פון ס. י. מולדער, אַ יידיש־האָלענדישער שרייבער פון 19־טן יאָרהונדערט. די באַשרייבונג איז וועגן אַ העברעאיש תפילה־ספֿרל, צעריסן, אָן פאָדער־בלעטלעך, אָן אַריינפיר. דאָס ספֿרל איז אים, מולדערן, באַוויזן געוואָרן, ער זאָל באַשטימען דעם אָפּשטאַם דערפון. עס איז אויך באַוויזן געוואָרן נאָך עטלעכע העברעאישע ביבליאָגראַפן, צווישן זיי שלמה דובנא; אָבער ס'האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן צו אידענטיפיצירן עס. נאָכן גענוי דורכשטודירן און פאַרגלייכנדיק עס מיט די אָנגאַבן פון איטאַליענישן ביבליאָגראַף יאה. בערן דע ראָסי, קומט מולדער צום

אויספּיר, אַז לויט זיין השערה, איז ער אַ „מחזור רומי", אַ תּפילה־ספר פון יידן פון גאַנצן יאָר, געדרוקט אין סוסינאַ־קאַסאַל, מאַדזשיאָרע, שנת 1486. כאָטש ס'איז געווען אַ יקר־ המציאות, האָבן ר' דן מייטעלעס גיכער אינטערעסירט די אויפשריפטן אויף די ליידיקע בלעטלעך פון פאָרנט און צום סוף פון ספרל, ווי דאָס ספרל גופא: אַן אויפשריפט אין העברעאיש פון איינעם אַ ייד יצחק לוי מירון, פון אינזל מאַיאָרקע, אַן אַ דאַטע. אַן אויפקלערונג וואָס שייך דעם ספר אין שפּאַניש, פון יאָר 1493. דריי אויפשריפטן אין העברעאיש וואָס שייך יהודה כהן און זיינע צוויי קינדער, וואָס די טאָכטער איז געבוירן אין מאַרסיאַ, אין 1625, און דער זון אין אַמסטערדאַם, אין 1629.

ס'הייסט, הונדערטער יאָרן יידישע וואָגלענישן, יידישער גייסט; און — אָט די פאַרגעלטע שימות פון די הייטנמאָדישע יידישע ביכלעך; ס'פּאַפּיר האַלט נישט לאַנג אויס, ווערט פאַרברוינט, ווי ס'וואָלט אַדורך אַ פייער. ווער וועט אין זיי אַריינקוקן? ווער, פרעגט זיך, וועט זיי לייענען? אַז אַפילו זיין אייניקל יעקב...

ווען ס'איז געוואָרן גוט טונקל, האָט ער איינגעגראָבן דאָס איינגעפאַלענע פּנים, ווי אַ פאַרדאַרטע פייג, אין אַ ים באָרד און פּיאות, אין פענצטער, אַ וויש געטון מיטן בלייכן הענטל, ווי ביי אַ קינד, די שויב און געשטעלט זיך מקבל שבת זיין. די טאָכטער, האָט ער געהערט, האָט אָפּגעשפּאַרט אונטן די טיר, איז באַלד דערנאָך געגאַנגען איבער דער שטיג. נאָך איר — זשאַק.

אַזוי האָט ר' דן מייטעלעס אַריינגעלעבט אין דער טיפער זקנה, פאַרגראָבן אין די אַלטע ספרימלעך. אַלערליי מלחמות און אַלערליי מהומות זענען איבער אים פאַרביי. אָבער זינט ווען ס'האָט געגומען הילכן פאַרן פענצטער דער שפּיל־קאַסטן פון דער אַלזשעריאַנער קאַפע, איז ער שוין מער נישט אַראָפּ אונטן, מיט דער שווינדל־שטיג, אין געוועלב אַריין. די פיס זענען אים שוואַך געוואָרן. די טאָכטער האָט אים אַרויפגעטראָגן אַ יאַיכל, אַ פליגעלע פון אַן עוף, אַ טעלערל ווייןטרויבן. אָבער דער זקן האָט זיך נישט צוגערירט דערצו ביז שפּעט נאָך האַלבן טאָג. ער האָט געפאַסט תעניתים; און נאָר דאָס, האָבן זאַכקענער געזאָגט, האָט אים אפשר נאָך אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטן. ער איז שוין אין דעם יאָר צו סליחות אויך נישט געגאַנגען. אין די עשרת ימי תשובה האָט ער זיך שוין מער נישט אויפגעהויבן. ער איז געלעגן אין שמאָלן בעטל, איינגעשרומפּן, אויסגעלאָשן און געמורמלט משונהדיקע רייד, עפּעס וועגן „הירטן, וואָס היטן פרעמדע ווייגערטנער"... פּונקט ערב יום־כּיפּור, אין טאָג, ווען ס'איז אונטן פאַרשטומט געוואָרן דער שפּיל־קאַסטן ביי דער חצופה אין באַר, האָט ר' דן מייטעלעס אומגעדרייט זיך צו דער וואַנט און, ווי אַ צדיק, פאַרמאַכט די אויגן.

.3

באַלד נאָך שבעה, האָט זיך זשאַק אָפּגעשוירן די באָרד, די פּיאות, איז אַוועק אין א קאָנפעקציע־געשעפט און אָנגעטון זיך אין אַן אָפּגעפּאַסטן אָנצוג, מיט הויך־אויסגעבעטע אַקסלען, איינגעשטייפט ביים דיך, ווי די אַלע היגעטיקע יונגעלייט. ס'איז אים בפירוש מער נישט געווען צו דערקענען. ער האָט פאַרכאַפּט ס'אויג — א שיינער, בלאָנדער, שטאַלטנער יונגערמאַן. די מאַמע האָט זיך געבראָכן די הענט, געזאָגט, אַז זי וועט עס נישט אַריבערטראָגן. אַ פּאָר וואָכן האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַזוי ווי צעחושט, אָדער איז אָפּגעלעגן אין דער קאַפּע דערלעבן האַלבע נעכט. ס'איז געווען אַן ענגשאַפט פאַר דער היפשער משפּחה. די שכנות פון ספרים־געוועלב איז זיי אַריין אין קאָפּ אַריין. נאָר א ווענטל דורכצוברעכן און — אַלץ וואָלט געוואָרן גערוימער. זיי האָבן, מיט איין וואָרט, שוין געהאַט גאַנצע פּלענער, ס'יונגוואַרג. ס'האָט אויסגעזען, אַז אַלץ איז שוין דאָרט באַשלאָסן, אָן דער מוטער סערל'ס וויסן אַפילו.

אָבער פּונקט ווי זשאַק האָט פריער נישט אַריינגעשמעקט אין ספרים־געוועלב, נישט קיין חשק געהאַט צו פּאַטשקען זיך מיט די שימות, האָט ער זיך אין איינעם אַ טאָג אַנידערגעזעצט הינטערן אַלטמאָדישן געשניצטן טיש, פול מיט שטויב אין אַלע שפּעלטעלעך. דאָרט זענען געווען אָן אַ שיעור שופלאָדן, געהיימע טירעלעך, באַהעלטערלעך, וואָס אַ זייטיקער וואָלט גאָרנישט אָנגעהויבן צו וויסן. ס'האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך געעפנט דורך אַ געהיימען שפּרונג. ער האָט אַרויסגעצויגן די קאַטאַלאָגן, די פאַרצייכענונגען און מקורות פון אַלערליי ביבליאָגראַפן און קליינערלעכע ביבליאָטעקן, וואָס דער זיידע און די מוטער האָבן זיך אַ לעבן לאַנג פאַרנומען דערמיט. ער האָט פּלוצים געוווּסט צו רעדן פאַכמעניש מיט א פאַרבלאָנדזשעטן קונה, אַן אַנטיקוואַר, וואָס איז געקומען נאָכפרעגן זיך. די אַלטע האָט שוין מער גאָרנישט גערעדט. זי האָט געוווּסט, אַז די רייד זענען אַרויסגעוואָרפן. זי איז אַפילו שטיל צופרידן געווען. זשאַק איז געגאַנגען אויף אַלע אויספאַרקויפן אין לאָמבאַרד; דאָרט זענען אַלעמאָל געווען איינצוקויפן בחצי חינם אַנטיקן, בילדער, פאָליאַנטן, וואָס האָבן זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן צו זיין פון אַ גרויסן ווערט. איז ער דאָך געבוירן און אויפגעצויגן אויפן „פּלעצל" אין דער „מאַרעי"־געגנט, צווישן מוזייען, שפּורן פון קעניגלעכע שלעסער, פּאַלאַצלעך פון קעניגלעכע קורטיזאַנעס; די שיינע אַקרוסטיק, די באַרעליעפן, האָבן זיך קאָנסערווירט, ליגן נאָך פאַרשטויבט איבער די קאַרניזן פון די אַלטע מויערן, וואָס זענען פאַר דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַנדלס־הייזער. ביינאַכט איז די אַרומיקע געגנט אילומינירט מיט רעפלעקטאָרן און ס'שיילן זיך בולט אַרויס די מיטאָלאָגישע און אימפּעריאַלע סצענעס, די געשניצטע טויערן. ס'קומען דאָ אָפט עקסקורסיעס פון סטודענטן און אויסלענדער אין די מוזייען, אין „מוזיי קאַרנאַוואַלע", אין נאַציאָנאַלן אַרכיוו, אין מוזיי פון וויקטאָר הוגאָ אויף פּלאַס דע וואָזש. און פּונקט אַזוי זענען

די צוויי־דריי יידישע ספרים־געוועלבלעך אויפן „פלעצל” נישט סתם קיין ביכער־געוועלבלעך. אָבער וואָס פאַרשטייען זיך דערויף די אָנגעלאָפענע יידן פון צפון־אַפריקע ?

ס׳איז טאַקע ביי אַלעמען אויפן „פלעצל” געווען אַ גרויס חידוש, דאָס מתחתן זייך זיך פון די צוויי משפחות פון אָפּגעפרעמדטע יידישע עדות. דער זמן־חתונה איז אָפּ־געלייגט געוואָרן אויף שבת נאָך שבועות, אָבער די תנאים זענען געפּראַוועט גע־וואָרן אין קורצן, ערב חנוכה. די היימישע שמחה איז געפּראַוועט געוואָרן אין די אויבערשטע צימערלעך פון דער קאַפע. די קאַפע איז, ווי אין אַלע וואָכנטעג, גע־ווען אָפן און אַלע היימישע געסט זענען געקומען אַרומשטעלן זיך אַרום טומבאַנק. פון חתנס צד איז מער ווי די מאַמע סערל נישט געווען; אויסער דאָס רב׳ל, אַ וויי־טער קרוב, וואָס איז געזעסן ביים טיש און אויסגעכתיבה׳ט דעם תנאים־אַקט מיט ספר־תורה־אותיות. אָבער די אלמנה סערל האָט זיך דאָרט געפילט זייער עלנט, פאַרלוירן. אין אירע אויגן האָבן די אַלע לייט עפּעס גאָרנישט אויסגעקוקט ווי קיין יידן. די דיקלעכע, אויסגעקינדלטע מחותנתטע, טונקל, פאַרשרפה׳ט פון דער אַפ־ריקאַנער זון, ווי איינגעריסט אין סאַדזע, איז געווען אויסגעפּוצט אין שוואַרצן אַט־לאַס, מיט אָן אַ שיעור בלישטשענדיקע און גילדערנע בראָשן, באַהאָנגען און באַ־שטעקט אַרום האַלדז, אין די אויערן, איבערן היפּשן בוזעם, ווי אַן אָריענטאַלישע קעניגין. דער מעסיע זערביב איז געזעסן שטייף, ווי אַ פּאַשאַ, מיט דער אָנגעבלאָזע־נער, גרוילעכער, נישט־יידישער וואָנץ, מיטן בערעטל אויפן שפּיץ קאָפּ, אַרום זיי — אָן אַ שיעור פּאַרסאַדזעטע, אָבער זייער חנ׳דיקע יינגעלעך און מיידעלעך, אייגנס קלענער פון אַנדערן.

— וויפל קינדערלעך, קיין עין הרע, זענען ביי אייך ? — האָט זיך סערל נאָכ־געפרעגט ביים מחותן.

— ניין, זאָלן געזונט זיין...

— צען !... — האָט אים פּלוצים איבערגעריסן די מחותנתטע, און אים אָנגע־קוקט מיט אַזעלכע גרויסע, שוואַרצע, בוימלדיקע אויגן, נאָר אים אויפצועסן.

— באַלד... — האָט דער מחותן, מעסיע זערביב, גענומען רעכענען אויף די דיק־לעכע, האָריקע פינגער, באַדעקט מיט מאַסיווע רינגלעך — סאַראַ... לעאַ... מאָשע... בערנאַרד... רבקה...

— צען, זאָגט מען דיר !... — האָט זי אים קורץ איבערגעריסן.

האָט ער לסוף אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט... און זיך אָפּגע־דרייט.

די לאַנגע טישן, צעשטעלט אַרום די ווענט, זענען באַלייגט געווען מיט כלי־ער גוטס. אין דער מיט — אַ הויך־אויפגעטורעמטער קוכן, וואָס פון אים האָט מען דערנאָך, ווען דאָס רב׳ל האָט מיט אַ ציקלדיקן ניגון, געלייענט די תנאים, אויס־געטיילט שטיקער, און אַלע האָבן זיך געקושט מיט חתן־כלה. זיי האָבן דאָרט גע־

לאָזט אָנדרייען אַן אַלטמאָדישן פּאַטעפאָן. די נידעריקע צימערלעך זענען פאַרקלונגען געוואָרן מיט גאָרגלדיקע, אַראַבישע קולות און געזאַנגען. דער צעזעצטער עולם אַרום האָט צוגעפּאַטשט מיט די הענט. מ׳האָט סערווירט אַ ווייס, שאַרף געטראַנק, וואָס מ׳רופט עס אַראַק, און געשניטן שטיקער פון דעם פּילגאָרנדיקן קוכן. דער האָניג איז געריבן איבער די פינגער. די כלה, אין ווייסן, איז געווען אַרומגערינגלט פון אירע שוועסטערלעך. „ווי איז מיר... — איר דער מחותנתטע דורכגעלאָפן אַ געדאַנק — אַן ערב־רב... דער טאַטע, עליו השלום, האָט עס נאָר באַדאַרפט אָנקוקן”...

האָט אין דעם פייערלעכן אָוונט פון די תנאים פונקט באַדאַרפט אָנטראָגן אַ טייוול, אַ שד, און צעשטערן די היימישע שמחה. נישט אומזיסט האָט סאַראַ אַלעמאָל אומרואיק געבליקט צו דער טיר. פון קאַלאָמב־בעשאַר, דער אָאַזיס אין סאַהאַראַ, איז אַנומלטן אַראָפּגעקומען קיין פּאַריז אויף אורלויב דער קליינער, קרעמפּער סערזשאַנט פון פרעמדן־לעגיאָן, סאַן בערנאַרדינאָ, אַ קאָרס, פון שפּאַנישער אָפּשטאַמונג. ס׳איז געווען אין די הייסע טעג פון די קאַמפן אין אַלזשיריע, ווען אין פּאַריז זענען יעדן טאָג פאָרגעקומען פּלאַסטיק־אַטענטאַטן. דער קליינער לעגיאָנער האָט זיך באַלד נאָכגעפרעגט ווו ס׳געפינט זיך דאָ די יידישע געגנט. ס׳איז, זעט אויס, געווען אַן אַלטע באַקאַנטשאַפט, נאָך פון דאָרטן. מיטלוווקסיק, אָבער פעסט, אָנגעצויגענע מוסקולן, אַ פאַרצויגענעם שניט אויף דער רעכטער באַק, האָט דער קליינער לעגיאָנער אָוונט־צייט פאַרבלאָנדזשעט אויף דער שמאָלער יידן־גאַס און האָט די קאַפּע באַלד דערקענט לויט די נעאָן־פייערן אין דער אַרומיקער חשכות, לויט די קולות פון שפּיל־קאַסטן. ער איז אַריין, דורכגעדרייט זיך צווישן געדיכטן עולם און פאַרקליבן זיך אין טיפסטן ווינקל, הינטער דער שלעכטער רעפּראָדוקציע פון „מאָנאַ ליזאַ”. ער האָט זיך קודם געהייסן דערלאַנגען אַ קאָקאַקאָלאַ. אויסגעטרונקען, האָט ער צעשפּיליעט דעם ענגן קאָלנער און געהייסן זיך דערלאַנגען אַ ווערמוט. ווען דער פלינקער גאַרסאָן האָט געהאַלטן אין דערגיסן דאָס גלעזל מיט דער גרינלעכער אַלקאָהאָל־פליסיקייט, האָט אים דער לעגיאָנער, עפּעס צו־היימיש, אַ פרעג געטאָן:

— ווו איז סאַראַ ?...

— זי איז דאָ נאָר וואָס געווען... כ׳ווייס נישט... — האָט דער גאַרסאָן בערנאַרד אים ערשט איצט באַטראַכט מיט חשד.

און ביידע האָבן זיי אומגעריכט אַ בליק געטאָן צו דער שטיג, צום גאָרן־שטיבל, אונטערן נידעריקן סופיט, ווו ס׳האָט אויבן געדרישט די היימישע שמחה. און ווען דער לעגיאָנער האָט געפּרווט צו שטעלן אַ טריט אויף די פּאָר טרעפּלעך, איז אים פּלוצים סאַראַ אַקעגנגעגאַנגען און פאַרשטעלט אים דעם וועג.

— כ׳האָב מיט דיר צו רעגולירן דעם חשבון... — האָבן ביים קליינעם לעגיאָנער געמיניעט די קרומלעכע שוואַרצאַפּלען, ווי די מעסערס.

— נישט איצט!... קום אַריין אַן אַנדערש מאָל...

זשאַקן האָט זי פֿאַרהאַלטן מיטן שאַרפֿן עלנבויגן:

— גיי אַרויף, זאָגט מען דיר! ס'איז גאָרנישט...

און ס'טירל אויבן האָט זיך פֿאַרקלאַפּט מיט אַ טראַסק. דער אונטערגעוואַקסענער ברודער איר, מאָשע, איז געשטאַנען און געזהיט.

און אַליין איז די כּלה אומגעריכט אַ שפּרונג געטון פֿון אַלע טרעפּלעך. מ'האָט איר ליידיק געמאַכט דעם וועג.

— נאָכוואָס ביסטו געקומען? ... — האָט זי זיך אָפּגעשטעלט מיטביידע הענט אויף די באָקעס פֿון איר ווייס כּלה־קלייד, אַרט קעגנאיבערן קליינעם לעגיאָנער.

זיי זענען שוין דאָרט סיי־ווי אַלע געווען צעקאָכט. די געבלוטן האָבן זיי געשלאָגן אין פּנים אַריין. דער גאַרסאָן בערנאַרד האָט זיך קודם אָפּגעשטעלט צווישן ביידן. ס'האָט דאָרט עפּעס אַ בליאַסק געטון. זי האָט זיך, ווייזט אויס, געריכט אויף דעם אויך. ס'איז געווען אַ מעסער מיט אַ שפּרינג־פֿעדער. זי איז געגאַנגען אויף אים. ווי אַ ווינט, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון צווישן לעגיאָנער און דעם גאַרסאָן. זי האָט אים פֿלינק אַ פֿאַרדריי געטון די הענט אויף הינטן, מיט איין געשיקטן זעץ, אָפּגעשליידערט אים, מיטן קאָפּ, צום ווענטל.

אינמיטן איז די מחותּנתטע אַראָפּ פֿון טרעפּל און אַרויפֿגעפֿאַלן אויף אים, ווי אַ שפּאַרבער. זי וואָלט אים זיכער אויסגעדראַפּעט די אויגן, ווען מען רייסט זי נישט אָפּ. זי האָט אים באַשאָטן מיט טויטע קללות, אין אַראַביש, אין פֿראַנצויזיש, מסתּמא אויך מיט קללות פֿון דער תּוכחה, אַז די מאַנסלייט האָבן זיך אַזש דערשראָקן פֿונאַנדערגערוקט אין די ווינקעלעך, מיט אָפֿענע מיילער. ווי אַן אַקראָבאַטין, האָט סאַראַ דעם קליינעם לעגיאָנער פֿלינק אַרויסגעדרייט פֿון דער פֿאַרשטייפֿטער פֿויסט דעם מעסער, אים אַ פֿאַרשטעק געטון ביי זיך, ע־געץ אין געפֿאַלדעוועטן, ווייסן כּלה־קלייד. זי האָט אים איצט פֿעסט געהאַלטן, מיט איין האַנט ביים רויטן קאַרק, מיט דער צווייטער ביים הויזן־פּאַסיק, פֿון הינטן. אַ צעשויבערטער, ווי אַ האָן, האָט ער זיך אַלץ ווילדער געריסן צו איר, אויסגעשפּיגן אַ פֿול מויל בלוט, צוזאַמען מיט זידל־ווערטער. זי האָט אים געפֿירט צום טונקלסטן ווינקל, צו דער הינטערטיר.

און געווען איז זי טייוולאָניש־שיין, מיט די גרויסע, אויפֿגעלויכטענע אויגן אונטער די שאָטנדיקע ווייעס, מיט די פֿעך־שוואַרצע קוטשערן. זי איז געשטאַנען פֿעסט אויף ביידע פֿיס, ווי אַריינגעוואַקסן אין דער פּאָדלאָגע. ס'איז געווען צו פֿאַרשטיין, אַז דאָרט, אין קאָלאָמב־בעשאַר, האָט זי אַליין אַוודאי נישט איין מאָל ליקווידירט אַזעלכע קליינע שיכּורים־סקאַנדאַלן. ס'האָט זיך איבער זיי געשאָטן צעפּיצלט גלאָז פֿון דער וויטרינע; טיש און בענקלעך זענען געלעגן איבערגעקערט. דעם טויט־איבערגעשראָקענעם גאַרסאָן, בערנאַרדן, מיט האַנטוכל, האָט זי באַפֿוילן:

— וואַרף אַריין אַ מטבע אין שפּיל־קאַסטן !...

— שוין... שוין... — האָט זיך צעפּלאָנטערט געגומען אַרומלויפן, נישט געוווּסט וואָס פריער צו טון.

און נאָך איידער פּאָליציי מיטן קעטשל איז אַנגעפלויגן פאַר דער טיר, האָט זיך איבער דער קאָפּ פון שפּיל־קאַסטן געטראָגן אַ ווילדער טשאַ־טשאַ־טשאַ. מ׳האָט געטאַנצט. ס׳האָט פאַרגלישט די אויערן. אַ קאָמיסאַר מיט זעקס מונדירטע און ציווילע זענען אַריין און הערזען, ווי די קליינע, פלינקע פּאַטראָנקע, אין איר ווייסן כלה־קלייד, טאַנצט מיטן גאַרסאָן. זיי האָבן זיך דורכגעשטופּט צווישן טאַנצנדיקן עולם, אַרומגעקוקט זיך. ס׳איז, דוכט זיך, גאָרנישט געווען צו דערקענען. אָבער אַרויפצו האָבן זיי באַמערקט, ווי די טישלעך און די שטולן וואַלגערן זיך אַרום די ווענט; ווי מען טרעט איבער צעפּיצלט גלאָז. און זי, סאַראַ, האָט, הריקענדיק זיך אין טאַנץ, געלאַכט ווילד, די מויד; און זיי האָבן אויך געלאַכט. פון לעגיאָנער איז שוין קיין שפּור נישט געווען. די היימישע חברה האָבן אים באַצייטנס געהאָט באַשטאַט דורכן הינטערשטן אַריינגאַנג. סאַראַ איז אַרונטער הינטערן טומבאַנק און, ווי קיינמאָל גאָרנישט, געפרעגט ביי זיי :

— וואָס וועט איר טרינקען, מעסיע ?...

האָבן זיי אויך געלאַכט, געטרונקען אַ „דיבאָנע“ און זענען אַוועק.

און אין די אויבערשטע, ענג־געפּאַקטע שטיבלעך איבער דער קאָפּ, איז די גע־דיכטע משפּחה, ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען, ווייטער געשוווּמען אין היימישן, הייסן גערודער פון דער דער שמחה. זיי זענען נישט איבערראַשט געווען פון די קליינע, אָפּטע קאָפּ־סקאַנדאַלן, נישט אין קאַלאָמב־בעשאַר, און אַוודאי נישט אויפן „פּלעצל“, אין כרך פּאַריז...

1963

„אַ גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן״...

.1

אַזוי האָט חברטע פּערעלע, די ליטוואַטישקע, אַריינגעלעבט אין עפּעס אַ פרעמדן דור אַריין.

זי איז שוין נישט געווען קיין מיידעלע; און ווי לאַנג די שווערלעכע פּיס האָבן איר נאָך געטראָגן, איז זי אַלץ פאַרבליבן אַ פאַרפלאַמטע אַקטיוויסטקע (פון דער באַזע) אין יידישן אַרבעטער־קלוב, אויפן בעלוויל. ווייל קיין יונגוואַרג איז לעצטנס מער נישט צוגעקומען. דער עולם האָט זיך צוביסלעך געעלטערט, אַלע וואָך כמעט זענען געווען לוויות אויפן בית־עולם באַניע. מ'איז אָוונט־צייט מערסטנס זיצן־געבליבן ביי דער טעלעוויזיע אין הויז. ס'איז אין די פאָר יאָר געוואָרן ווי אַ סעקטע, ווי איין גרויסע משפחה. אַלעמען האָט חברטע פּערעלע געקענט. אַלעמען האָט זי געזאָגט „דו״. אַלע האָבן זי גערופן „מאַמע פּערעלע״.

מאָדנע ליידנשאַפטן האָבן נאָך אַלץ געברויזט אין איר. זי האָט געוואָלט נאָכלויפן די צייט, דאָס אָפּגעפרעמדטע יונגוואַרג. זי האָט מער גאָרנישט פאַרשטאַנען. היימישע דאָקטוירים האָבן אַריינגערעדט אין איר: „איר דאַרפט מער נישט אַרומלויפן אַזויפיל... ס'איז נישט פאַר אייערע יאָרן״... אָבער ווי אַזוי האָט זי דען געקענט נישט צוהעלפן חיימען ביים שטריקער־מאַשינדל, נישט אַרומלויפן איבער די שטאָקן מיט די זאַמל־ליסטעס, מיט די פּעטיציע־בויגנס; נישט אַראָפּכאַפּן זיך געוויר ווערן צום אַלטן ד״ר כעמיע, נישט באַזאָרגן ס'אָרעמע קאַנאַריקל, וואָס האָט פריילעך אַרומגעפלאַטערט אין שטייג? דאָס טויבן־קעפּל אָנגערוקט איך דער אַלט־יידישער שאַל, האָט זי זיך אַלעמאָל געשטעלט אָפּרוען אויף אַ טרעפּל. ס'האָט איר געשטאָכן איך אַ זייט, ס'האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן, די פּיס האָבן זיך געזעצט. זי האָט געהאַט אַ צו־הויכן בלוט־דרוק. אַן אומבאַוווסטער כוח האָט איר געטראָגן.

חברטע פּערעלע האָט אָוועקגעגעבן איר לייב־און־לעבן פאַר דער „באַוועגונג״, פאַר קראַנקע, עלנטע לייט, אַפילו פאַרן קלייבעם, אָרעמען באַשעפעניש, ס'געלע קאַנאַריקל, צו וועלכן זי האָט אַזוי שטאַרק צוגעבונדן. ווייל ס'איז געווען אַזוי:

דאָס געלע קאַנאַריקל איז אין אַ ליכטיקן מאַי־פרימאָרגן אַריינגעפלויגן דורכן אויפגעשפּאַרטן קיך־לופטשיקל. ס'פייגעלע האָט אַ פלאַטער געטון אונטערן סופיט, איבער דער שאַפע, אָנגעשלאָגן זיך מיט צעטומעטע פליגעלעך אין שפיגל. דאָס איז פּערעלען באַלד איינגעפאַלן אַ לויף צו טון און פאַרשפּאַרן דעם לופטשיק. חיים איז דערביי געשטאַנען און איר אָנגעקוקט, ווי משוגע:

— וואָס ווילסטו דערמיט מאַכן?... ווייסט עס, גלויב מיר, אָפּקאָכן און מאַכן אַ בויאָן...

— זאָל עס שוין פאַרבלייבן... — האָט זי זיך דווקא איינגעשפּאַרט — אַזאַ נפשל...

דער אַלטער איז אַלע טאָג פאַרבייגעגאַנגען דעם הויף און געזוכט הענגען שטייגלעך מיט קאַנאַריקלעך ביי די שכנים. זיי האָבן דאָרט אויך געהאָדעוועט קעץ, היבש, קרוליקלעך, טויבן. דאָס, האָט ער געזאָגט, איז אַן אַרבעט פאַר לייכטע קעפּ. אָבער פּערעלע, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט לעבן פויגל־מאַרק, אין ווילנע, אויף זאַרעטשע, האָט זיך גיכער פאַרשטאַנען אויף די סאָרט זאַכן. זי איז אַרונטער אין פויגל־געשעפט אויף דער אַוועני און איינגעקויפט אַ שטייגל, מיט אַ הושטאַווקע, מיט אַ וואַנעלע, מיט אַ פאַרדאַרטן פיש, מיט אַ קליין עמערל קערנדלעך. זי האָט ס'פייגעלע, וואָס האָט אַרומגעפלאַטערט צווישן שפיגל און דער שויב, קונציק פאַרנאַרט אינעווייניק. זי האָט אָנגעגאָסן וואַסער אין וואַנעלע און אויפגעהאָנגען ס'שטייגל אין קיך אויפן פענצטער. פון צייט צו צייט האָט זי פון קיכל דערהערט אַ דערשראָקענעם פלאַטער מיט די פליגעלעך. אַ טאָג־צוויי האָט ס'פייגעלע איבגאַנצן נישט געלאָזן הערן פון זיך. ס'האָט אַוודאי געבענקט נאָך דער פריי. ס'איז געזעסן אין אַ ווינקל שטייגל, ס'קעפּל פאַרגראָבן אין די פליגעלעך, איז אַזוי ווי קלענער געוואָרן. די געלע, פוכיקע פעדערן — אָפּגעבליאַקעוועט, ברחדיק. אין דער שויב האָט געקלאַפּט אַ געדיכטער רעגן. דער הימל איז געווען פינצטער. אָבער ווען די זון האָט צומאָרגנס באַלד אין דער פרי ווידער אַ שיין געטון, האָט פּערעלע דערזען, ווי ס'פּעדערט זיך, ס'וואַשט זיך, ס'רירט איין מיט פאַרגעניגן דאָס קעפּל אין וואַנעלע און שפּרינגט דערנאָך אַרויף אויף דער הוידלקע, ס'וויגט זיך היין און צוריק, ס'זינגט מיט אַ ריינער קאָלאָראַטור. זי האָט זיך אַליין נישט צוגעגלויבט: „אַזאַ פּיצלס"...

און ווען זי האָט עס צומאָרגנס מער נישט געהערט זינגען, האָט זי אַ לויף געטון צום קיכל. ס'האָט שוואַך געפּישטשעט, ווי כ'וואָלט זי גערופן. זי איז צו און דערזען, ווי ס'שטייט ביים וואַנעלע און רירט זיך נישט צו צום אומריינעם וואַסער. האָט זי געכאַפּט און געטרישט דאָס וואַסער. האָט זיך עס באַלד דערנאָך גענומען פליעסקען, וואַשן, שיבערן די פעדערן, אַרומפלאַטערן פריילעך, וויגן זיך. זי האָט עס אַריינדערלאַנגט וואַסער, קערנדלעך און נישט באַמערקט ווי דאָס טירל איז לייכט געבליבן אָפן. און ווען זי איז דערנאָך צוריק אַריין אין קיך, איז דאָס

שטייגל געווען — ליידיק. דורכן אָפענעם פענצטער איז דאָס געלע גן־עדן־פייגעלע צוריק אַוועק צו דער פריליינגדיקער פרייהייט...

די אַלטע האָט זיך מער נישט געקענט שענקען. זי האָט זיך מער קיין אָרט נישט געפונען. זי איז באַלד אַרונטער, שטיינגעבליבן אַביסל דערשראָקן, איידער זי איז אַריין אין פויגל־געשעפט. אין דער ברייטער שויב זענען געהאָנגען אַן אַ שיעור שטייגלעך. קליינע פּאַפּוגייען, מיט בלויע, געלע און רויטע פעדערן זענען געשטאַנען אייגנגעקלאַמערט מיט איין פיסל אויף אַ צווייג. מילך־ווייסע טויבן מיט ראָזע דזשוביקעס האָבן געוואָרקעט, געפּיקט קערנער.

אינעווייניק איז געשטאַנען אַ פּיל־שטימיקע פּישטשערײַ, אַ זינגערײַ, אַ וואָר־קערײַ. אַ האָן, צעפּאַכעט מיט די פליגל, האָט זיך צעקרייעט פון אַ שטייג אַרויס, אַרום אים — אַ מחנה געלע הינדעלעך. הינטער אַ דראָטן־צוים האָבן ווייסע ים־חזירימלעך, קרוליקעס געשמאָרעט מיט די פּיכטע נעזלעך. דאָס דאַרע מיידל האָט פלינק באַדינט אַן עלטערע דאַמע; יענע האָט געהאַלטן איין אײַנהאַנדלען עפעס אַ גרינעם פויגל מיט אויגן פון אַ פּיצרדיקן געל. זי האָט דערציילט, מיט אַנגסט ממש, ווי אַזוי ער איז ביי איר, דער פּריצרדיקער, אָפּגעשטאָרבן; ווי אַזוי ער האָט אויסגעזונגען זיין שוואַנען־ליד... דאָס דאַרע מיידל האָט פאַרצויגן די ליפּן, בלוטלאָזע ליפּן, קונציק אַ רוף געטון דעם פויגל. דער גרינער פויגל האָט גענומען פריילעך אַרומצאַפּלען, אַרומפלאַטערן. זי איז צו און קונציק פאַרנאַרט אים אויפן לאַנגן פינגער, אַרום וועלכן ער האָט באַלד אַרומגעקלאַמערט זיינע נעגל. זי האָט גערעדט צו אים צערטלעכע רייד, ווי מען רעדט צו אַ קינד.

פּערעלע האָט זיך דערנאָך געכאַפּט, אַז דאָס מיידל, וואָס איז אַליין אויך ענ־לעך צו אַ פויגל, פרעגט איר וואָס זי פאַרלאַנגט. און ווען פּערעלע האָט גענומען שטאַמלען, אַז ס'קאַנאַריקל איז איר אַרויסגעפלויגן, האָט יענע געלאַכט מיט אַ ברייט מויל:

— מסתמא זענט איר עס נישט געפעלן געוואָרן... זיי האָבן זיך זייער געשמאַק, ווייסט איר...

און זי האָט איר פאַרהאַנדלט אַ שטיל קאַנאַריקל. זי האָט אַ רוף געטון דערצו און ס'האָט באַלד גענומען עפעס פלאַפּלען. ס'האָט זיך באַלד צוגעוווינט צום שטייגל, צו דער אַלטער. זי האָט שוין איצט געוווסט ווי אַזוי זיך אומצוגיין דערמיט. אַפילו חימעצן איז עס שוין דערנאָך אויך געפעלן געוואָרן.

— ס'זינגט ווי אַ ריכטיקער חזן... — האָט ער, ווי געווייינלעך, געשפּאַסט — ס'וועקט מיך אויף פון שלאָף באַלד באַגינען...

און ס'איז צוריק היימלעך געווען אין אומעטיקן גאָרן־שטיבל ביים אַלטוואַרג.

.2

אַ גאַנצע וואָך פֿאַרפֿאַרעט ביים ביסל וריקאַ, ביי דער קיך, ביים פֿייגעלע, האָט חברטע פּערעלע זונטיק באַלד אין דער פֿרי, מיט פֿרומען פֿלייס, אַ כאַפּ געטון אַ פּעקל פֿון דער אַרבעטער־צייטונג, אַ נעם געגעבן פֿון דער קאָמאָד די זאַמל־ליסטעס פֿאַר די קינדער־קאָלאָניעס, פֿון די פּרעסע־פֿריינד, די בילעטן צו דער אונטערנעמונג, די פּעטיציע־בויגנס, אונטערצושרייבן, קעגן מלחמה און פֿאַר שלום, און איז מיט אירע שווערלעכע פֿיס, דעם שאַל טיף אַנגערוקט איבערן טויבן־קעפּל, געקראָכן איבער די פֿינצטערע שטאָקן, אַנצוקלאַפּן אין יידישע טירן אויפֿן בעלוויל. מ'האָט זי אומעטום אויפֿגענומען ווי אַ היימישע קרובה. די קינדער האָבן געקלעפּט צו איר. זי האָט זיי אַלעמאָל אַריינגעשטופּט אַ צוקערל אין פּויסטל אַריין. זיי האָבן דאָרט געקויפֿט ביי איר די צייטונג, די בילעטן, אונטערגעשריבן אַלע פּעטיציעס; און פֿאַרן אַראָפּלאָזן זיך פֿון די שטיגן, האָט חברטע פּערעלע נישט פֿאַרגעסן אָנצוזאָגן דער פֿאַרפֿאַרעטער מוטער:

— זאָלסט מיר, למען השם, זען אויסשמירן דעם קליינעם אין העלדזל, דו הערסט? ער הוסט, דער ממזר...

זי איז אַראָפּ צום רוישיקן בולוואַר בעלוויל, וווּ יידן קומען זיך זונטיק אין דער פֿרי צונויף אויפֿן ברייטן טראָטואַר. זי איז נישט פֿריער אוועק, ביז זי האָט נישט אויספֿאַרקויפֿט כמעט אַלע צייטונגען. זי האָט קוים באַוויזן אַהיימצולויפֿן אָפּקאָכן דאָס ביסל עסן, באַזאָרגן דאָס פֿייגעלע, ווייל אין אָוונט האָט זי זיך, צוזאַמען מיט חיימען, געקליבן אַראָפּצופֿאָרן אויפֿן פּלאַס רעפּובליק צו דער פֿייערלעכער אונטערנעמונג. ביידע געעלטערטע לייט האָבן זיך געשלעפּט אין די פֿאַרפּאַקטע מעטראָס, אָפּגעשטעלט זיך אָפּצואָטעמען אויף יעדן שטיג.

ס'איז געוויינלעך אַ גאַנץ יאָר געווען וואָס צו טון, וווהין אַרומצולויפֿן — פֿאַרזאַמלונגען, זיצונגען, אונטערנעמונגען, פּראָטעסט־מיטינגען; ערב יום־כּיפּור — אויפֿן בית־עולם באַניע, אין גרויסן אויפֿמאַרש, צום קאָלעקטיוון מזכיר־נשמות, ווען אַלע סאָסיעטע־יידן קומען זיך צונויף מיט זייערע סאַמעטענע, געשטיקטע פֿענער; ווען חבר אַבּיש האַלט די רעדע אויף דער טריבונע וועגן דער ווידערבאַוואָפֿענונג פֿון די נאַציס; אָדער — צום וועלאָדראָם ד'היווער, ווען ס'פֿאַלט אויס דער יאָרטאָג פֿון 16־טן יולי 1942, ווען מ'האָט אַזויפֿיל יידן, פֿרויען און קינדער דעפּאָרטירט. אומעטום איז חברטע פּערעלע געקומען מיט פֿייכטע אויגן, מיט דער שוואַרצער יידישער שאַל איבערן שטערן, פֿרום, מיט גרויס צער, צוגעהערט זיך צו די רעדנער, געזיפֿצט — „רוצחים! אַזעלכע פֿיצלעך שוואַלבן, נעבעך... ווי איז מיר”...

די מאַמע פּערעלעס, זאָל זיין אָפּגעשיידט, טויבע די גענדזלערקע, וועלכע איז אַמאָל געשטאַנען אויפֿן ראָג סטראַשון־געסל, אין ווילנע, מיט אַ ביסל דרויב, איז אויך געווען אַ טייערע יידענע, אַ צדיקות. פֿרייטיק פֿאַר ליכט־צינדן, נאָך איידער זי אַליין האָט קוים אַריינגעבראַכט דעם שבת אין שטוב אַריין, האָט זי געפֿלעגט

אַרומצולויפֿן אין די בשמים־קליטלעך, ביי די בעקערס, אין די יאַטקעס, צונויפֿצונעמען אין פֿאַרטוך אַריין אַביסל שפּייז פֿאַר אָרעמעלייט, פֿאַר אָפּגעקומענע בעלי־בתּים, וואָס שעמען זיך מיטן דלות; באַזאָרגט יעדן איינעם אין שטוב אַריין, יעדן זאָלן נישט האָבן קיין פֿאַרשטערטן שבת. די טאָכטער פֿערעלע, די יתומה, די קאָר־סעטן־מאַכעריך, האָט זיך אויסגעלאַכט פֿון אָט דער „רעאַקציאָנערער שנאָרערישער פֿילאַנטראָפּיע". זי איז אין די פֿאַרנאַכטן „אַרייכגעגאַנגען" מיט חיים סטאָליער, וואָס איז דעמאָלט נאָך געווען אַ יונג. מיט אַ לאָק. זיי זענען געגאַנגען אויף דער אומלעגאַלער „בירזשע"; אָט דאָס האָט ער אַרייַנגערעדט אין איר, אַז מ'דאַרף נישט זיין אָפּגעשטאַנען... „דער פּראָלעטאַריאַט בטלט נישט... נאָר פֿאָדערט און קעמפֿט שטאָלץ"... זיי זענען נאָך דעמאָלט יונג געווען און אָנגעצונדן מיטן גרויסן פֿלאַם, מיטן גלויבן אין די „זינגענדיקע מאָרגנס". די „באַוועגונג", דאָס איז געווען דער גרויסער אַנאָנימער, מיסטעריעזער כּוח פֿון פּראָלעטאַריאַט, וואָס ווייס אַלץ, וואָס שענקט נישט קיין שום זינד, וואָס באַצאָלט סוף כּל סוף די ווידערשפּעניקע. אָך זיי האָבן אַליין נישט הערזען, אַז זיי זענען ביסלעכווייז דערגאַנגען ביז צו דער זעלבער מיסטישער גאָטהייט, ווי די מאַמע אירע, טויבע די גענדזלערקע.

אָבער דאָס איז געווען שוין לאַנג; ס'איז געווען דעמאָלט, ווען דאָס יונגוואַרג איז געלאָפֿן אין דער וועלט אַריין, ווו די אויגן האָבן געטראָגן. אין פּאַריז, ווידער, האָט פֿערעלע די ליטוואַטשקע, מיט שווערער מי, אויפֿגעהאָדעוועט אַ זון מיט אַ טאָכטער, האָט זיי דאָ געלאָזן לערנען, האָט זיי חתונה געמאַכט, און זי מיט חיימען האָבן זיך ווייטער געמאַטערט ביים ביסל טריקאָ.

אין הויפֿל, אויפֿן ערשטן גאָרן, ווו ס'שאָרעוועט דעם גאַנצן טאָג ביי זיי דאָס שטריקער־מאַשינדל, ווי נאָר דער טאָג האָט זיך געשטעלט, איז ליכטיק געוואָרן איןביידע פֿענצטער. אויף די מאָגערע פּלייצקעס פֿון דער גזעלטערטער ייִדענע איז געלעגן אַ וועלט מיט אַרבעט. אין קיכל האָט עס באַלד פֿאַרשמעקט מיט פֿריש אויפֿגעברייטע קאַווע. זי איז אַרונטער צום בעקער אויפֿן ראָג, אַרויפֿכאַפּן אַ וואַרעם ברויטל, ווען חיים וועט זיך אויפֿהייבן צו דער אַרבעט, זאָל שוין אַלץ שטיין גרייט אויפֿן טיש. איידער ער האָט איבערגעכאַפּט און געלאָזן אין גאַנג דאָס מאַשינדל, איז זי דערווייל אַראָפּגעלאָפֿן אין הויף, צום אַלטן, וואָס מען רופֿט אים ד"ר כעמיע, געוויר ווערן וואָס ער מאַכט, צי ס'פֿעלט אים נישט עפּעס. אַלעמאָל האָט זי געהאַט אַ שווער פֿאַרגעפֿיל, איידער זי האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר ביים זקן. זי האָט אים אָבער געוויינלעך געפֿונען פֿלייסיק פֿאַרטון אין בלעטערן די צייטונגען, די בראָשורן. דער זקן, נאָנט צו אַכציק, איז געווען ראָז, פֿריש און שמייכלענדיק, פֿאַרוויקלט אין רויך פֿון די סיגאַרעטלעך. אַן אַלטער מאַן; נישטאָ ווער ס'זאָל זיך אומקוקן. אַמאָל מאַכט זיך, אַ מענטש, זאָל נישט זיין אויסגערעדט, איז נישט מיט־אַלעמען, קען זיך נישט אויפֿהייבן פֿון בעט. דעמאָלט לאָזט פֿערעלע איבער די גאַנצע באַלעבאַטישקייט אירע, שטעלט זיך אַוועק מאַכן אים אַביסל וואַרעמס, לויפֿט נאָכן דאָקטער, אין אַפּטייק, רוימט צו אַביסל דעם אייביקן מושב ביי אים אין קעמערל. דער זקן ליגט אין צעפּאָרענעם בעט, און אַזוי, צעטראָגענערהייט,

איך היץ, פילט מען, אז ס׳טוט אים שטארק הנאה, וואס עמיץ פארעט זיך ארום אים. ער זעצט זיך מיט די לעצטע כוחות האלב אויף און מאכט איר דעם גרעסטן קאמפלימענט, אויף וואס ער איז אלע יארן געווען א גרויסע בריה. (ס׳איז טאקע נישט צו פארשטיין, פארוואס ער האט זיך קיינמאל קיין ווייב נישט גענומען).

— חברטע פערעלע... — מאכט ער — צווישן די זעלטענע קאמוניסטן, וואס געפינען זיך אפשר ערגעץ־ווו אויף דער וועלט, זענט איר זיכער אן אמתע צדיקות... כ׳מיין, אן אמתע קאמוניסטקע... כ׳וואלט אפילו געזאגט — אן אמתע אנארכיסטקע...

— בייסט זשיך בעסער אפ די צונג... אלטער אפיקורוס, וואס איר זענט !... אייך אויף צו להכעיס, וועט נאך קומען די וועלט פון זינגענדיקע מארגנס...

כאטש אליין איז חברטע פערעלע אין די לעצטע יארן, מ׳ווייסט נישט צוליב וואס, געווארן פרומלעך, געצונדן ליכט פריטיק־צונאכטס, אויפגעהאנגען א קאניצל, ווען ס׳איז אויסגעפאלן דער יארצייט נאך איר גאטזעליקער מוטער, און יום־כיפור האט זי, קיינער זאל, חלילה, נישט וויסן, דעם גאנצן טאג קיין לעפל וואַרעם וואַסער צום מויל נישט גענומען. זי האט אויך נישט געקענט מוחל זיין דעם אייגענעם זון אירן, שארלען, פארוואס ער האט זיך אין פאריז דווקא גענומען פאר א ווייב א שיקסע, נישט קיין ידישע טאכטער; אבער דער בלאנדער גוישער שנור מיטן זיסן אייניקל האט זי ליב געהאט ס׳לעבן...

— אידיאישע איינשטעלונגען — האלט ער זיך ביי זיינס, דער זקן, אין הויכער פאטעטיק — אדער אמונות, אפילו ווען זיי שפארן זיך שכלדיק אן אויף די סאמע רעאלסטע הנחות, ווערן סוף כל סוף רעדוצירט אין זייער אנטוויקלונג צו האלבע אמתן...

— טא וואס־זשע ווילט איר... — האט פערעלע עפעס נעפלדיק פארשטאנען, וואס ער מיינט מיט זיינע „טיף־אינטעליגענטישע רייד" — זאלן זיך די ידישע ארבעטער־ און פאלקס־מאסן אפשר אוועקזעצן מיט פארלייגטע הענט און לאזן דעם קלאסן־שונא טריאומפירן ?...

— ספקות קענען שפילן א קאנסטרוקטיווע ראלע. זיי קענען פארהיטן, אז אונדזער סוביעקטיווע אמתן זאל נישט פולשטענדיק פארטריקנט ווערן און אז זיי זאלן נישט איבעררייסן מיט אונדזערע מאראליש־עטישע פרינציפן...

— מיין מאמע, זאל זיין אפגעשיידט, וואלט אייך שוין דערציילט יענע מעשה ! זי וואלט אייך געזאגט, אז דאס אלץ איז זייער שיין און זייער וויל, נאר זאגן א קאפיטל תהילים שאדט נישט, פונדעסטוועגן...

דער אלטער הערט נישט מער, אין הויכער עקזאלטאציע, אין היץ :

— די ספקות ווערן אפשר אפשוואכן די נאטירלעכע טענדענץ, אז סאציאלע טעאריעס און הויכע וועלט־אנשויאונגען זאלן מיט דער צייט נישט פארוואנדלט ווערן אין דאגמעס, אין פרוסטלאזע אמונות, אין א טויטן גלויבן, מיטן, אדער אן א גאט...

— טא וואס־זשע... אין וועמען זאל איך גלויבן ?... — האט זי לסוף צענומען די הענט — אן א גלויבן איז א בעסערן מארגן, איז מיך לעבן פוסט און וויסט...

דער זקן פֿאַלט צוריק אין דער קישן, אַן אויסגעשעפּטער; און ס׳פֿאַרדריסט איר שוין, וואָס זי האָט גאָר ווידער אָנגעהויבן מיטן „אַלטן אַפּיקורוס" די אייביקע דיסקוסיעס, ווייל ס׳איז אַלצאיינס אַרויסגעוואָרפֿענע רייד — ער בלייבט ביי ס׳זייניקע, זי בלייבט ביי ס׳איריקע. חיים האָט איר אָבער נישט איין מאָל געוואָרנט: „מיטן אַלטן שמד׳ניק הייב נישט אָן... ער איז פֿון יענע לייט. מ׳זאָגט גאָר, אַז ער איז אַ מיסיאָנער"...

אין אָוונט, נאָך אַ טאָג אַרבעט, האָט פֿערעלע אָנגעזאָטלט אויף דער שפּיץ נאָז די ברויל אוּן געקוקט אַריבער זיי אין דער צייטונג אַריין. זי האָט עפּעס געלייענט, געלייענט און גאָרנישט מער פֿאַרשטאַנען אין דעם לייט־אַרטיקל פֿון חבר אַביש. עפּעס האָט ער געוואַלדעוועט, אַז „זיי זענען אַ חרפּה און אַ שאַנדע פֿאַרן יידישן פֿאָלק... פֿאַר די יידישע אַרבעטער־מאַסן... אַז מען דאַרף זיך אָפּטרייסלען פֿון זיי"... די ווערטער זענען געשפּרונגען, האָבן געשווינדלט פֿאַרן בליק; אָט זענען זיי געוואָרן גרין, אָט בלוי, אָט רויט, ביז די צייטונג איז אַרויסגעפֿאַלן פֿון איר׳ע הענט.

3.

דער זקן מיטן באַזילבערטן קאָפּ, מיטן שיק־אַרומגעזוימטן פֿליכל, האָט אַמאָל, אין די יונגע יאָרן געלעבט אין דער שווייץ, אין באַזעל, אין דער סאַמע געדיכטעניש פֿון דער רוסישער קאָלאָניע; צווישן קורסיסטקעס, סטודענטן מיט די ווילדע שעוועליורעס, אין די סאַטינענע העמדלעך; צווישן די אַנגעלאָפֿענע רוסישע קאָנספּיראַטאָרן, פּאָליטישע עמיגראַנטן. די מערסטע — דוכט זיך — יידן. ער איז אויך געווען איינער פֿון די, וואָס זענען אין לעצטן מאָמענט שיעור נישט מיטגעפֿאָרן אין היסטאָרישן פֿלאָמבירטן וואַגאָן, וואָס האָט אין 1917 לעניגען, צוזאַמען מיט זיין סוויטע, צוריקגעפֿירט איבער דייטשלאַנד, צו דער סאַמע שוועל פֿון רעוואָלטירטן פּעטראָגראַד פֿון אויפגעשטאַנענע אַרבעטער און מאַטראָסן. דאָס איז לידיאַ דמיטריעוונאַ, די טאָכטער פֿון לעבינס אַ מקורב, אין דער לעצטער מינוט געקומען פֿאַרלייגן אים, ד״ר כעמיץ, ער זאָל זיך אומקערן צוזאַמען מיט זיי קיין רוסלאַנד. זי האָט געהאַט העלע אויגן און אַ שווערן גרעק; און ער, ד״ר כעמיץ, וואָס האָט פֿאַרענדיקט זיינע שטודיעס אין דער שווייץ, איז געווען אַ זאַרגלאָזער, אַ פֿריילעכער, אַ וויצלער, און האָט זיכער נישט פֿאַרפֿעלט אַרומצופֿלאַפּלען און אַרומצופֿלירטעווען מיט די סימפּאַטישע רוסישע סטודענטקעס; איז ביי־געווען אויף אַלע דיסקוסיעס אין די טאַווערנעס, אויף די ליאַמעס, אויף די „וועטשערינקעס", איז, מיט איין וואָרט, געשטאַנען ביים וויגל פֿון דער שטורמישער געשיכטע פֿון אונדזער יאָרהונדערט. פֿאַרבליבן איז ער אָבער אַן אַלטער בחור, אַ קאָסמאָפּאָליט, אַ פֿריידענקער, אַ וועגעטאַריער, אַזוי ביז אין דער טיפֿער זיקנה. די פֿאַריזער פֿריינד זיינע האָבן אים אַפֿילו איינמאָל איינגעאָרדנט אין אַ מושב־זקנים. ער איז אָבער באַלד אויפֿן אַנדערן טאָג אַנטלאָפֿן:

— דארט זענען — איז ער שמייכלענדיק צוריקגעקומען — בלויז אלטע לייט...

ער האט זיך אומגעקערט צום פינצטערן קעמערל, אין הויף, ווו ס'האט דעם גאנצן טאג געשארעוועט דאס שטריקער־מאשינדל ווו ס'קאנאריקל האט געזונגען, צו זיין היימיש ווינקל, אנגעווארפן מיט פארשטויבטע ביכער, בראשורן, צייטונגען; ווו ס'האט געוויכערט דאס אלטע אייוועלע מיט דער רער דורך דער אויסגעהאקטער שויב. דארט, מיט זיך אליין, איז אים גוט געווען. אין די זוניקע טעג איז ער אפגעזעסן אויף א באנק אין ביטשאמאן־פארק. די טעג זענען אבער וואס אמאל געווארן קירצערע. א דינער נעפל איז הענגען געבליבן איבער דיביימער און אלייען. די זון האט נאך טיילמאל א שיין געטון. ארום, אויף די בענק, זיצן יונגע מאמעס מיט קינדער־וועגעלעך. ס'קלייגווארג טומלט ארום, יאגט זיך נאך א באלעם. „אזוי — טראכט ער, דער זקן — שפאנט די געשיכטע איבער אונדז אריבער... לאנגזאם, באדאכט, אומבאמערקט"...

פון אמאליקע גרויסע, שטורמישע באוועגונגען זענען פארבליבן און האלטן זיך אויף ביז היינט, מיט א מאדנער, אומפארשטענדלעכער עקשנות, פאראיינזאמטע גרופקעס. פון מאסן־באוועגונגען איז געווארן — א משפחה. דאס ווארט „חבר" קלינגט נאך אלץ מיט אלטן מעטאל אין זייערע איינגעפאלענע מיילער. די זקנים מיט די יונגע נשמות פייערן דעם 80־טן, דעם 85־טן געבוירנטאג איינעם פון זייערע מיט־קעמפער; און מיט א קורצער צייט שפעטער באגלייטן זיי אים, געוויינלעך, מיט מידע, געעלטערטע טריט צו זיין אייביקער רו. מען באגלייט זיי צו די בית־עלמינס, אדער צו די קרעמאטאריעס, ווו זיי ווערן, לויט דער צוואה, פארברענט נאכן טויט; און מיט אלטער פאטעטיק זינגען זיי, אונטער דער פלאטערנדיקער פאן, מיט אפגעדעקטע קעפ — „א, גוטע פריינד, ווען איך וועל שטארבן"... אין ניו־יארק, אין לאס־אנדזשעלעס, אין בוענאס־איירעס, אין לאנדאן, אין פאריז לעבן נאך די רעשטלעך פון אט דער משפחה. זיי לייענען מיט פארכט די מאגערע אויסגאבן, וואס פארבלאנדזשען פון ווייטע לענדער. מען שרייבט דארט נאך אלץ וועגן פרייהייטלעכן סאציאליזם, ווי אין די צייטן פון קראפאטקין, באקונין, רודאלף ראקער, אין סוף פון שיינעם 19־טן יארהונדערט; ווי אין די צייטן פון דוד עדעלשטאדט, מאריס ווינטשעווסקי, יוסף באוושאווער, וואס האבן אמאל געלעבט און געזונגען אויף זייער פאעטישער פרייהייטס־לירע אין די געדיכטע עמיגראנטן־קווארטאלן פון פארנעפלטן לאנדאן, אויפן וועג קיין אמעריקע. זיי לעבן נאך מיטן שיינעם פריילינג, מיטן חלום פון א סאציאליזם, לויט די אלטע יידישע נביאים. זיי האבן זיך אמאל, אין דער ווייטער יוגנט, באגעגנט אין לאנדאן, אין באזעל, אין פאריז, ווו עס זענען געזעסן די אויסלענדישע צענטראל־קאמיטעטן פון דער „באוועגונג" אין רוסלאנד; דארטן, אין פארשקלאפטן רוסלאנד, האט מען נאך דעמאלט אלץ „אוועקגעלייגט" צארישע גובערנאטארן, מיניסטארן, דורכגעפירט עקספראפריאציעס (אדער „עקסן") אויף בענק, אויף פאסט־וואגאנען; און אומהיימלעך־הייליקע, גאטלאזע, רעוואלוציאנערע לידער, האבן טויב, ווי תפילות, אין קייטן־קלאנג, געהילכט אונטער די אויסגעלאשענע הימלען איבער די וועגן קיין סיביר...

פון צייט צו צייט האָבן פאַרבלאָנדזשעט צום זקן אין קעמערל צווי עלטערע פרויען, געקליידט אין שוואַרצן, אלמנות נאָך אַנגעזעענע חברים פון דער באַוועגונג. די העכערע, די איבערגעוואַקסענע, מיט גלאַט־אָפּגעצויגענע האָר, האָט געהאַט אַ שאָטן פון טונקעלע הערעלעך אויף דער אויבערשטער ליפּ. די אַנדערע, מיט די קורץ־אונטערגעשניטענע האָר, האָט געטראָגן גרויסע ברילן. זיי האָבן נאָך אַלץ אויסגעזען ווי אַלטע פריילינס, אָדער ווי נאָנעס. זיי האָבן געבראַכט אַ באַשיידן בוקעטל בלומען, פאַרגעלטע ביכלעך און „די פרייע אַרבעטער־שטימע". דער זקן איז געווען זייער גערירט, צעטרייטלט. מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער קוים געטראָפן מיטן סיגאַרעטל צווישן די הי‍פּשע וואָנסן. זיי האָבן אַרויסגעצויגן אַ בריוו פון אַ לאַנגן קאָנווערט.

— דער חבר דזשייקאָב פון לאָס־אַנזשעלעס — האָבן זיי פייערלעך געמאָלדן — לאָזט אייך גריסן צו אייערע 80 יאָר...

— אַזוי ?... ער לעבט נאָך, דער אַלטער ?... — האָט ער געלאַכט פון זיין אייגענעם זאָג, ציטערנדיק מיטן סיגאַרעטל צווישן די פאַרגעלטע פינגער — ווייל כ'דענק, אַז כ'האָב, דוכט זיך, אַנומלטן געלייענט ערגעץ וועגן זיין לוויה...

— וואָס רעדט איר חבר כעמיע !... ער האָט ערשט געשפּענדעט 20 דאָלאַר פאַרן פאָנד אַרויסצוגעבן די ווערק פון חבר רודאָלף ראָקער...

— ס'איז אַ סימן, אַז דער חבר דזשייקאָב וועט לאַנג לעבן... — האָט די אַנדערע געלאַכט מיט דריי גאָלדענע ציין.

זיי זיצן נאָך אַביסל אונטער, דיסקרעט, טאַקע ווי אין די אַמאָליקע צימערלעך פון די אָרעמע סטודענטן, פאַרוויקלט אין רויך פון סיגאַרעטן.

— איר האָט שוין אַוודאי געהערט — רופט זיך אָפּ די הויכע — די סיעדאָוואַ איז דאָ געקומען אַהער, אַש פון ווייטן מעקסיקע. אויפן וועגן קיין מאָסקווע... זי האָט געוואָלט, זאָגט מען, פאָרן אַהין, פועלן מען זאָל רעהאַביליטירן טראָצקין און די זין זיינע... נעכטן ביינאַכט איז די אַלטע רעוואָלוציאָנערין געשטאָרבן... די לוויה־צערעמאָניע וועט פאָרקומען אין דער קרעמאַטאָריע, אויפן פּער־לאַשעז...

ווען פּערעלע האָט זיך צומאָרגנס אין דער פרי אַראָפּגעכאַפּט געוויר ווערן צום אַלטן, האָט ער זיך לאַנג געקרעקט, ביז ער האָט עס איר דערציילט. ער האָט פריער לאַנג און געדולדיק אויסגעהערט פון איר שווער געמיט. אויף אים האָט זי פונדעסטוועגן נישט געקענט זאָגן, אַז ער איז אַ קנעכט פון דער בורזשואַזיע... אים איז זי געקומען פאַרטרויען אַלץ. דאָס מאָל האָט ער לאַנג דורכגעטראַכט, ביז ער האָט עס איר פאַרטרויט :

— איר הערט ? כ'האָב מאָרגן אַ היימישע לוויה, פּערעלע...

— נישט־דאָ־געדאַכט... — האָט זי באַלד באַקומען פייכטע אויגן.

— די סיעדאָוואַ... איר האָט שוין אפשר געהערט... אַן אַלטע רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראַטין... כ'האָב זי אַמאָל באַגעגנט אין באַזעל... ס'האָט געקענט זיין אַזוי אַרום 1902, אָדער 1904... אויף אַ דיסקוסיע־אָוונט צוזאַמען מיט לענינען...

זי האָט אָבער אַלץ געפּאַרכטן זיך צו ברעכגען פאַרן מויל, אַז די סיעדאָווא איז געווען טראַצקיס אלמנה. גאָט באַהיט! זי וואָלט אויפגעשפּרונגען און באַלד אַ פאַרקלאַפּ געטון די טיר מיט אַ טראַסק...

.4

פונדעסטוועגן האָט זי צומאָרגנס, אין דער ביטערער קעלט, דעם אַלטן אַליין אַוועקגעפירט אויפן בית־עולם פּער־לאַשעז. כאָטש ס'האָט איר געשטאָכן אין אַ זייט, די ביינער האָבן איר געבראָכן. זי האָט אים פריער גוט אַרומגעהילט מיט אַ וואַרעמער שאַל, ווי אַ קינד, געפירט אים צום אויטאָבוס, וואָס איז געלאָפן אַראָפּ פון דער לאַנגער, ביימערדיקער גאַס. אין דער לעצטער מינוט האָט זי אויפגעכאַפּט עפּעס אַ מורמל, ווען מען גייט דאָ באַגלייטן צו דער אייביקער רו. די זאַך איז איר באַלד פאַרגעקומען פאַרדעכטיק. זי האָט כאָטש געוואָלט, אַז עמיצער פון די חברים זאָל איר דאָרט נישט האָבן באַמערקט. אָבער אַז זי האָט שפּעטער דערזען די אויפגעוויקלטע רויטע פאָן, מיטן האַמער און סערפּ, איז איר לייכטער געוואָרן אויפן האַרצן. זי האָט נישט פאַרשטאַנען: ווי קומט צו זיי די רויטע פאָן מיטן האַמער און סערפּ? זי איז נישט מסכים געווען מיטן אַלטן, ווען וואָס ער רעדט כסדר מיט זייער „אינטעליגענטישע" רייד, זי האָט אָבער דערפילט, אַז זי טוט דאָ אָפּ זייער אַ וויכטיקע זאַך. זי האָט גאָרנישט געפילט, ווי די אויגן זענען איר פייכט געוואָרן. זי איז לעצטנס לייכט געוואָרן אויף טרערן, חברטע פּערעלע.

ס'איז געווען איך מיטן יאַנואַר. די לופט — זוניק־קלאָר, פראָסטיק, אונטער אַ בלויען הימל, אַן אייך וואָלקנדל, ווי ס'גיט זיך אַמאָל אויס אין די פּאַריזער ווינטער־טעג. אונטער די טריט האָט די ערד אַזש אָפּגעקלונגען הויל. ס'איז אויסגעקומען צו וואַרטן לאַנג אין דער נאַקעטער אַלייע. ווער זענען עס געווען די אַלע, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אין פראָסטיקן יאַנואַר־פרימאָרגן, באַגלייטן די אַלטיטשקע רוסישע רעוואָלוציאָנערין, די סיעדאָווא, ביים קאָלאָמבאַריום אויפן פּער־לאַזשעז? דאָ און דאָרט האָבן אומגעריכט אַ שיין געטון אַ פּאָר העלע אויגן, טיפּיש־רוסישע אויגן, אונטער ווייסע ברעמען ביי אַן אַלטן מאַן מיט פראָסטיקע וואָנסן; ביי אַן עלטערער פרוי מיט אַן אָנגערוקטער פּאַטשיילע איבערן גרויען קאָפּ; אַ פראַנצויזישער אינטעלעקטואַל, פון אַלטן שניט, מיט אַ שפּיציק בערדל, מיט לענגלעכע האָר, מיט אַ בערעט; אַ יונגער פּראָפעסאָר מיט אַ זילבערנער בריל איבער דער איידל־געשניטענער נאָז; אַן אַריסטאָקראַטישע דאַמע, אָנגעטון זייער באַשיידן. עטלעכע געעלטערטע יידישע פרויען האָבן נאָך איך מאָל אַ גלאַנץ געטון מיטן אַמאָליקן יוגנטלעכן חן פון פּאַרביסענע, קאָנספּיראַטיווע קורסיסטקעס. צווישן די אַלע — גרויע ביירגער, וואָס קיינער וואָלט נישט געקענט זאָגן געווי ווער זיי זענען.

ס'איז אויסגעוואַקסן אין דער אַלייע אַ גרופּע יונגעלייט און מיידלעך, אין קורטקעס, אין בערעטן, די הערצער צעשפּיליעט. דאָס האָבן זיי פונאַנדערגעוויקלט די רויטע פאָן און ס'האָט אַ בלענד געטון דער האַמער מיטן סערפּ. ס'איז באַלד הינטער זיי פאַרפאָרן דער שוואַרצער לוויה־וואָגן; ער האָט זיך לאַנג געטרייסלט פון די ווייטע פאַרשטעט, אין וואָכעדיקן גערודער, צווישן אַ ים אויטאָס, ביז ער איז געקומען אָנצופאָרן איבער די שטילע, פראָסטיק־זוניקע אַלייען; ער איז געקומען אָנצופאָרן מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג צום טעמפּל פון קאָלאָמבאַריום, ביי דער קרעמאַטאָריע. די רויטע פאָן, געוויקלט אין קרעפּ, האָט זיך נידעריק פאַרנייגט איבערן סאַרקאָפאַג, באַלייגט מיט לעבעדיקע רויטע נעלקן, אַרומגערינגלט פון דער יוגנט אין די קורטקעס, אין די בערעטן.

און דעמאָלט האָבן זיך די פאַרזאַמלטע שווייגנדיק גענומען אויפהייבן די טרעפּ, צו די צעעפנטע האַלב־רונדע טירן פון טעמפּל. פערעלע האָט פאַרזיכטיק געפירט דעם אַלטן. ביידע זקנים האָבן זיך אויף יעדן טרעפּל אָפּגעשטעלט, אונטערגעהוסט. צווישן די הויכע קאָלאָנעס פון קאַלטן היכל איז געווען דיסקרעט־פאַרהוילן ליכט. אַן אָרגל האָט, ערגעץ אין דער טיף, געברומט. די פּייערלעכע טענער האָבן זיך צעשאָטן ווי אַ קאַסקאַדע. ס'האָט אַוודאי באַדאַרפט זיין — שאָפּען. דורך די וויטראַזשן־שויבן האָט זיך אַריינגעזופּט דאָס טאָג־ליכט אין צוויי שטויב־זיילן, ווי אין אַ קירך, זענען די לאַנגע בענק געווען צעשטעלט איןביידע זייטן פון דורכגאַנג, אונטער די קאָלאָנעס. די מאַרמאָר־שטיג האָט געפירט ערגעץ אין דער טיף.

פערעלע האָט געפלאַטערט ביי דער זייט פון אַלטן, דער שיינער, גרויער קאָפּ זייער אָפּגעדעקט. זי האָט אַליין נישט געוווסט, ווי אַזוי די טרערן האָבן איר פאַרכאַפּט ביים האַרצן. ס'האָט אויפגעטויכט אַן אַנדער צייט, אַן אַנדער דור, ווען אַלץ איז נישט געווען אַזוי וואָכעדיק, פאַרשוועכט, נאָר הייליק. און אפשר איז עס געווען דאָס ליד פון די מאַרטירער, וואָס האָט איר אַזוי פאַרכאַפּט ביים האַרצן? ווי אַ פּייערלעכע קאַסקאַדע, איז עס גערונען ערגעץ פון דער טיף:

פאַרמוטשעט אין פינצטערע תּפיסות,

אין קאַמף פאַר דער אַרבעטער־מאַכט...

די ברומעריי איז אַנגעפלאָסן הינטער די הויכע געוועלבן פון היכל. יונגע שטימען האָבן געזונגען אין כאָר. און עס האָט אויפגעטויכט פאַר איר פאַרשווומענעם בליק — סיביר... קייטן־קלאַנג... די פּייערלעכע אָרגל־מוזיק, די יונגע שטימען, האָבן ווי פון זייער ווייט, אין געדעמפּטע טענער, געזונגען דאָס ליד פון די מאַרטירער, געפאַלן אין שלאַכט. די פאַרבייגטע רויטע פאָנער, מיט האַמער און סערפּ, געוויקלט אין טרויער, האָבן איר געשווינדלט פאַרן פאַרטרערטן בליק און זי האָט דערזען אַזוי קלאָר — די זאַוואַלנע גאַס אין ווילנע... די אַנגעפלויגענע קאָזאַקן מיט די בלויזע שאַבלעס... אין אַזאַ פראָסטיקן טאָג, האָט זי געדענקט, האָט מען דאָרט איינמאָל, אין אַ לאַנג־פונאַנדערגעוואָרפענער לוויה, באַגלייט אַ חבר, וואָס איז פאַרפייניקט געוואָרן אין לוקישקער תּפיסה. אונטערן נידעריקן הימל האָט גע־

פלאַטערט די רויטע פאָן איבערן גרויען ים קעפ און ס׳האָט זיך שווער געקייקלט פון די העלדזער דאָס ליד וועגן „געפאַלענעם חבר אין שלאַכט״... מ׳האָט געשווירן נקמה צו נעמען פאַרן פאַרגאָסענעם אַרבעטער־בלוט...

זי האָט זיך אַרומגעקוקט דערשראָקן: וווּ בין איך דאָ? אויף דער באַנק לעבן איר איז דער זקן מיטן שיינעם באַזילבערטן קאָפּ געזעסן ווי אויסגעגאָסן. אונטער די געדיכטע ברעמען האָבן די אויגן זיינע, אין האַלבן טונקל, געלויכטן מיט אַ נישט־ערדיש ליכט. אָט דאָרטן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אויסגעזעצט אויף דער באַנק, אין פייערלעכן שווייגן, זענען די קורסיסטקעס מיט די גלאַט־אָפּגעצויגענע האָר, מיט די פאַרלייגטע צעפּ פון הינטן; די, וואָס האָבן אַמאָל געשמוגלט אומלעגאַלע בלעטלעך און דינאַמיט, אַרומגעוויקלט אַרום זייער לייב. ס׳איז באַלד הינטער זיי געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין דער מיטלסטער קאָלאָנע אַ מאַן, אַ ריז, אין זיין אַרבעטס־קאָמבינעזאָן, זעט אויס אַ מעטאַל־אַרבעטער פון די „רענאָ״־פאַבריקן. און אָט איז דער אינטעליגענט מיטן שיטערן קאָזע־בערדל, מיטן הויכן שטערן. ער קוקט קורצזיכטיק פון אונטער דער פינקלענדיקער בריל און דערמאָנט שיער נישט אין אים אַליין, אין לעוו האָווידאָוויטשן, וואָס זיין גייסט פּילט מען דאָ אַרומשוועבן. אַזוי האָבן זיי מסתּמא אויסגעזען, די פון שטאָל־געגאָסענע, פון ערשטן דור באָלשעוויקעס, ווען זיי האָבן געזונגען: „ניין, קיינער וועט אונדז נישט באַפרייען״... פלוצים, ווי ער וואָלט פאַרשטאַנען אירע רעיונות, האָט דער זקן לעבן איר אַ מורמל געטון:

— דער יידישער רעוואָלוציאָנער האָט דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז בלויז זיין קרבן ווערט אָנגענומען... אָבער אים, דעם יידישן אינטעליגענט, וועט מען סוף כל סוף עלימינירן, ווייל ער איז נישט מער ווי דער איל אויף די רעדער פון דער געשיכטע...

זי האָט נישט געהערט זיינע רייד, נישט פאַרשטאַנען. זי האָט נאָר, צום ערשטן מאָל אַ טראַכט געטון, אַז אויף אים אַליין, אויפן זקן, האָט די צייט אָוועקגעלייגט דעם שטויב פון עפּעס אַ פּראָפעסאָר, וואָס גריבלט זיך אין אַרכיוון. די בלייכקייט פון זיצן הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס, ביי עלעקטריש ליכט. די שטרענגע קורצזיכטיקייט פון טונקען כסדר דעם בליק אין אַלטע ביכער און כתבים. דער גלייכגילט צו אַלע געשיכטלעכע אויפטרייסלונגען. אָבער אונטער דעם אַלעם, ווייזט זיך אַרויס, איז געבליבן דער אַמאָליקער שאַרפער יידישער מוח.

ס׳האָט אים אויך אונטערגעהויבן, דעם זקן. ער איז געווען צוגעשפּאַרט צו דער קאָלאָנע אין היכל פון קאַלטן, פייערלעכן טויט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דעם נישט גרויסן זאַל, וווּ אַלע זענען געווען מיט אָפּגעדעקטע קעפּ. ער האָט זיי געזוכט אַרום זיך, די היימישע פּנימער. זיי האָבן דאָ נישט געקענט נ י ש ט זיין. ער האָט דערבליקט דעם הויכן מאַן אין רעכטן ווינקל, די פּרוי מיט דער אָנגעדוקטער שאַל איבערן קאָפּ. זיי זענען אים פּלוצים קענטלעך געוואָרן. יאָ, ס׳איז געווען דער זעלבער חבר מאיר, פון טראַנספּאָרט־פאַראיין אין וואַרשע. יאָרן תּפיסות, הונגער־שטרייקן. געשלעגן אין בלוטיקן 1־טן מאַי אויפן טעאַטער־פּלאַץ.

קאָמבונד... קאָשטשעוואַ און וואַרסקי... קאָלעקטיוויזאַציע און — טראָצקיזם... פעברואַר 1933 און די שטורמישע דעבאַטע אין דער יידישער פּאָליטישער סעקציע... קאַרטוז־בערעזע... ווער זאָל זיך עס געוועז ריכטן ?... אין פּאַריז האָט ער זיך אַרומגעדרייט אַ פאַרוואָגלטער, אַ באַשפּיגענער פון זיינע אייגענע חברים. די ברוטאַלע האַנט, וואָס זיי אַליין האָבן זי געשטאַרקט, האָט זיך צולעצט פאַרקראַמפּט אין אַ פויסט איבער יעדן איינעם, וואָס האָט געוואַגט צו דענקען.

אזוי — האָט ער זיך געזאָגט — לעשן זיך אויס אידייען און דורות. אַלטע, ביטערע אידייען־קאַמפן, אידייען־שלאַכטן, דעקט צו נאָר דער טויט אַליין. פיל טויזנטער זענען געפאַלן אין אידייען־געפעכט, וואָס זעט היינט אויס נאַריש אין אונדזערע אויגן. און צי איז דען נישט געשטאַנען ערגעץ־ווו הינטער דעם אַלעם פּערזענלעכע, קעגנזייטיקע פיינטשאַפט, שנאה, רשעות און — נאָך עפּעס ? מיר וועלן עס שוין אפשר קיינמאָל נישט וויסן. וואָס האָט זיך געענדערט אין גרונט ? גאָרנישט ! דער מענטש איז קיין איין טריט נישט נענטער געקומען צום אמתן, יושרדיקן סאָציאַליזם. וואָס איז געבליבן פון אַ מענטש, וואָס האָט דורכגעשטורעמט אונדזער דור ? — אַ ביסל אַש !

די פייערלעכע טענער האָבן זיך אויסגעלאָשן אונטערן געוועלבטן היכל. ס'איז ליידיקלעך געוואָרן. ס'האָט געצויגן אַ שאַרפע קעלט דורך די אָפן־געלאָזענע טירן. ס'איז צוריק געווען בית־עולם־שטילקייט איבער די ווינטערדיק־נאַקעטע אַלייען פון טויט.

.5

צוריקוועגס האָט פערעלע זיך אַליין, און אויך דעם אַלטן, געפרעסן לעבעדיקערהייט. ס'איז איר מיטאַמאָל באַפאַלן אַ גרויסע שרעק. „ווי איז מיר... וואָס האָב איך אָפגעטון ?... אַזאַ אַלטער שד... דער אַנאַרכיסט... דער טראָצקיסט... דער מיסיאָנער... האָט מיך פאַרשלעפּט אין כף־הקלע אַריין״...

— פערעלע... — האָט זיך דער זקן געבעטן מיט פאַרפרוירענע ליפן — וואָס איילט איר זיך אַזוי... די פיס זענען מיר ווי געליימט... כ'האָב נישט קיין כוח נאָכצולויפן...

טאַקע עפּעס אַ ווילדער כוח האָט איר געטראָגן. זי האָט זיך עס נישט געקענט שענקען. פון דער זייט האָט איר נאָך, אין דער לעצטער מינוט, עמיצער, אַ זייטיקער, צווישן עולם אַ מורמל געטון : „איר אויך, חברטע פערעלע ?... וואָס טוט איר עפּעס צווישן די־אָ ?... כ'האָב גאָרנישט געוווסט״... „אַז וואָס, האָט איר נישט געוווסט ?״... — האָבן איר די געבלוטן אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין. „גאָרנישט״... — האָט יענער געמאַכט קיל און באַלד זיך אָפּגעדרייט, פאַרשוווּנדן.

זי האָט אים געוואָלט באַכלויפן. זי האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אין אַלטן. דערנאָך

האָט זי זיך אומגעדרייט און דערזען, ווי ער איז פֿאַרבליבן אין דער פֿוסטער אַלייע, אָנגעשפּאַרט אין נאַקעטן בוים, די אויגן — פֿאַרגלייזערט, די וואָנסן — אַראָפּגעלאָזן. דער קורצער אָטעם שטיקט אים. זי האָט אַ לויף געטון, אָנגענומען אים אונטערן אָרעם, געפֿירט אים צום אַרויסגאַנג. דער זקן האָט אײַנגאַנצן געציטערט. ער האָט עפּעס געשטאַמלט מיט פֿאַרפֿרירענע ליפּן. איר צעמישטער בליק האָט דערזען די טאַקסי אויפֿן ראָג.

ס'פּנים האָט איר געפֿלאַמט, זי האָט גאָרנישט מער געזען פֿאַר זיך, ווען זי האָט אים צוריקגעבראַכט אין זײַן קעמערל אויפֿן הויף. זי האָט אים אַליין געלייגט אין בעט אַריין, אַרומגעדעקט אים, אָנגעצונדן דאָס אייוועלע, צודערלאַנגט אַביסל וואַרעמס, ביז ער האָט אײַנגעדרעמלט.

ווען זי איז אַרויף צו זיך אויפֿן גאָרן, האָט איר חיים באַגעגנט מיט אויסגעשרויפֿטע אויגן. זי איז געווען אַרומגעהילט אין דער שאַל, אויסגעפֿרירן, ווי אַן אײַנגעשרומפּן ווינטער־עפּעלע.

— וווּ, וואָלט איך געוואָלט וויסן, לויפֿסטו עס ערגעץ אַרום אין אַזאַ קעלט, מיטן אַלטן מיסיאָנער ?...

זי האָט אים געוואָלט עפּעס ענטפֿערן. איר'ע ליפּן האָבן זיך אויסגעקרומט. זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן בעט, אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, און איז באַלד אַנדערעמלט געוואָרן. דער ווינטער־טאָג איז אַ קורצער. באַלד פֿאַלט־צו די נאַכט. און ווען זי האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן, איז שוין געווען טונקל. דאָס פֿייגעלע אין קיכל האָט געפּישטשעט, געפּאַטשט מיט די פֿליגעלעך. זי האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז זי האָט נאָך הײַנט אַפֿילו די כלים נישט צעוואַשן, האָט ס'פֿייגעלע אין שטייגל נישט באַזאָרגט מיט אַ ביסל קערנדלעך. זי האָט זיך געוואָלט אויפֿרייסן, אָבער ווי די פֿיס וואָלטן געווען פֿון וואַטע. און אין אָוונט האָט זי זיך נאָך געקליבן צו דער יערלעכער אַלגעמיינער פֿאַרזאַמלונג פֿון בעלווילער קלוב. חיים האָט זיך שוין דאָרט באַצייטנס אַרומגעגאָלט דעם מאָגערן קין פֿאַר שפּיגעלע.

— חיים ! — האָט זי אים שוואַך גערופֿן — כ'ווייס נישט וואָס מיט מיר איז... כ'קען אַ טריט נישט שטעלן...

דער אַלטער האָט דערשראָקן אַ לויף געטון און האָט זי דערזען האַלב־אָנגעלענט, ווײַס ווי די וואַנט.

— צי מיינסטו, חיים, אַז דאָס הייסט פֿאַרראַטן די אַרבעטער־אינטערעסן ?... ס'לאָזט מיך עפּעס נישט רוען... כ'וועל איבעררעדן דערוועגן מיטן חבר אַביש... כ'וועל אים זאָגן דעם גאַנצן אמת... אַז כ'האָב פֿריער נישט אָנגעהויבן צו וויסן...

— אַ באַוווסטזיניקער חבר איז פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זײַנע מעשׂים... — איז דער אייגענער מאַן געווען אומברחמנותדיק — כ'האָב דיר אָבער אַלעמאָל געוואָרנט צו היטן זיך פֿאַרן אַלטן מיסיאָנער...

— כ'ווייס... כ'בין זינדיק...

— ווייסט כאָטש מיט וואָס דאָס שמעקט ? טראָצקיזם... אָפּאָזיציע...

— אפשר וועט דער חבר אַביש נעמען אין אַכט...

— הלוואי... נאָר כ'גלויב נישט... מיט אַזעלכע זאַכן שפּילט מען זיך נישט... ס'איז פייער...

ווי, פרעגט זיך, איז געלעגן דער כּוח, וואָס האָט די געעלטערטע לייט מיט די גרויע קעפּ, צוזאַמענגעבראָכענע, צוזאַמענגעבויגט און, ווי אין אַ תּפילה, אויסצוהערן די פאַרביסענע רייד פון חבר אַביש? ווייל זי האָט געפּרוווט אַ רעד טון דערוועגן מיטן חבר אַביש. ער איז עפּעס אַליין אויך געווען צעשטערייט, האָט איר געמוסרט, ווי אַן אַמאָליק רבּי'ל:

— לאָזט זיך נישט אריין מיט די אַלע אַנטי־סאָוויעטן...

פון זיינע רייד איז איר גאָרנישט קלאָרער געוואָרן. דער שטיין פון האַרצן איז איר נישט אַראָפּ. זי האָט געפילט, אַז מען וועט עס איר קיינמאָל נישט מוחל זיין. זי האָט זיי מער קיינס נישט פאַרשטאַנען, מיט זייערע געגנג, מיט זייערע פּירעכצן, מיט זייערע פאַרביסענע דיסקוסיעס.

6.

פערעלע איז געווען פאַרביי. זי איז געלעגן אין בעט אַ פאַרפלאַמטע, אַ קלע־נער־געוואָרענע. זי האָט געפילט, אַז דאָס מאָל וועט זי זיך שוין מער פון בעט נישט אויפהייבן. אַלץ אַלטע ווייטיקן האָבן זיך אָפּגערופן. ס'האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן, דערנאָך האָט זי פלוצים אָנגעהויבן צו זען מאָדנע־קלאָר. ווייטע בילדער פון אַמאָל האָבן זיך געוויגט אין איר קליינעם, אָנגעשרויפטן מוח. זי איז געשלאָפן מיט האַלב־אָפענע אויגן, פאַרטראַגן אין קראַנקע זעאונגען, קאָשמאַרן, חלומות. ווי פון זייער ווייט האָט זי געהערט דאָס פייגעלע פּישטשען, אַרומצאַפּ־לען מיט די פליגעלעך. זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן און נאָכגעפרעגט זיך אויפן אַלטן ד״ר כעמיע — וואָס ער מאַכט... צי ס'איז אים, חלילה, נישט ערגער גע־וואָרן... צי מ'האָט ס'פייגעלע אָנגעגאָסן וואַסער אין וואַנטעלע... צווישן טאָג און נאַכט האָט זי דערזען שאַרלען, דעם זון איירן, און בערטן, דער טאָכטער אירער. זי האָט די אייגענע קינדער אָנגעקוקט פרעמד, ווי זי וואָלט זיי נישט דערקענט. פּונקט אַזוי פרעמד ווי ס'איז געווען די וועלט, צו וועלכער זיי זענען אַוועק פון איר הויז. מיטאַמאָל האָט זי דערזען ווי די מאַמע אירע, טויבע די געגנדזלערקע, קומט אַריין, מיט אַ פולער שירץ שמעקנדיקע בייגל, אויסגעבריוונטע, באַשיט מיט מאָן. „פערעלע, מיין אָרעם קינד... — מאַכט זי — ווי בלאַס דו זעסט, נעבעך, אויס, ווי איז מיר״...

אַ ווייט, פאַרשטיקט, שווער און הייליק געזאַנג, ווי דאָס ווייטע באַסעווען פון גלע־קער, האָט געהילכט אין אירע אויערן, מיטן ליד פון די „געפאַלענע אין שלאַכט״. ס'געזאַנג איז געפלאָסן פון טויזנטער מיילער, אונטער אַ פאַרכמאַרעטן הימל... און

מיטאַמאָל — אַ גאַלאָפּ פון פערד... קאָזאַקן... נאַהייקעס... בלויזע שאַבלעס... דער מאַמעס פאַרשעמטע שבת־ליכט לעשן זיך אין זייגט פון די אַנגעלאָפענע ברוינע בעסטיעס... זיי פירן אַלעמען קיין פאַנאַר... ווי פון ווייט האָט נאָך אַלץ געהילכט דאָס ליד, וואָס מ׳האָט געפלצגט אַמאָל צו זינגען ביים אָפענעם קבר פון אַ געפאַלענעם חבר — „אַ, גוטע פריינד, ווען איך וועל שטאַרבן״...

ווען פערעלע איז אויסגעגאַנגען, האָט דאָס קאַנאַריקל אין שטייג לאַנג אַרומגעפלאַטערט, איז צוגעפאַלן צו די קראַטן. צוליצכע טעג האָט זיך מער קיינער אויף דעם נישט אומגעקוקט, ביז מ׳האָט עס געפונען ליגן מיטן בייכל אַרויף, מיט אָפענע, פאַרנעפּלטע אייגעלעך...

מיט דער חברטע פערעלע איז אָפּגעשטאָרבן אַ שיינע, הייליקע וועלט פון גרויסע האָפענונגען, פון „זיגגעבנדיקע מאַרגנס״. איר קליינער, גרויער טויבן־קאָפּ איז געלעגן איינגעשרומפּן אויף דער קישן. דער טיפער גלויבן פון דער אָרעמער מוטער אירער, די אלמנה, טויבע די גענדזלערקע, וואָס האָט זיך אַ גאַנץ לעבן אָפּגעמאַטערט מיט אַ ביסל חרויב, האָט זיך פון איר נישט אָפּגעטון. אַנדערש וואָלט זי דאָך נישט געקענט צומאַכן די אויגן.

ווען עמיצער פון הויפּל האָט דעם אַלטן ד״ר כעמיע באַלד אין דער פרי אָנגעזאָגט, אַז פערעלע איז אויסגעאַנגען, האָט זיך ביי אים אַ פאַרקרום געטון אַ ברעם; מיט ציטערדיקע ליפּן האָט דער זקן געשטאַמלט:

— ס׳איז געשטאָרבן אַן אמתע קאָמוניסטקע... כ׳מיין אַן אַנאַרכיסטקע... אַ צדיקות... ווייל איז די, וואָס לעשן זיך אויס און גייען אַוועק, גאַנץ אין זייער נשמה און אומגעבראָכן אין זייער גלויבן...

1963.

קאָסמאָפּאָליטן

ג'וואָלט זיך אפשר באַדאַרפט אומקערן צו די פריִע צוואַנציקער יאָרן, ווען אין די ראַיענדיקע, שאַרף־אילומינירטע קינסטלער־קאַפּייען אויפן מאַנ־פּאַרנאַס האָט זיך באַוויזן דאָס באַשיידענע יידיש־רוסישע מיידל, מיט אַ קרוין בלאָנדע צעפּ, אין פּלאַטערנדיקן קאָרסאַזש, די אויגן פּויעריש־פּאַרבלויט, ווי דער ערב־פרילינגדיקער הימל אין איר היימלאַנד. די קורצזיכטיקייט האָט דעם מיידל צוגעגעבן דעם חן פון גייסטיקייט. נינאַ יעפימאָוונאַ, וואָס האָט צוביסלעך שטודירט, געמאָלן, איז אָפט געקומען צוזעצן זיך אין דער קאַפע „ראָטאָנד״, אויף דער טע־ראַסע, ביים טישל פון ברייט־באַרימטן באָהעם־קאָסמאָפּאָליט און עמיגראַנט גריגאָ־רי אַדלער. ער איז שוין דעמאָלט געהאַט ווייט אַוועק פון זיין עקסטראַוואַגאַנטער סימבאָליק פון אַ באָרוועסן קלויסטער־ברודער, האָט בכלל פאַרוואָרפן די פערזן; ער האָט שוין געהאַט אָפּגעווישט, נאָך אַלע זיינע צו לייכטע אַנטוישונגען, נאָכן אַנטלויפן פון דער רעוואָלוציע, צוריק צום דעקאַדענטישן „איראָפּע״.

גריגאָרי אַדלער האָט דאָס באַשיידענע מיידל לאַנג געלאָזן וואַרטן ביי זיין טישל, נישט אויפהייבנדיק דעם בליק פון די צעקנייטשטע סערוועטקעס, אויף וועלכע ער האָט מיט אַ קרומלעכער האַנטשריפט אָנגעוואָרפן זיינע צינישע ראָמאַנען, פול מיט ביטערן יידישן עספּרי. ער האָט אָבער באַצייטנס דערשמעקט דעם נייעם נאָך־מלחמה־ווינט. פון צייט צו צייט האָט זיך אָפּגעביסענע פּייקע פון ווילדן קאַרשן־האָלץ פאַרוויקלט אין קליינע רינגעלעך רויך. דאָס מיידל איז אָבער זיצן־געבליבן געדולדיק און שמייכלענדיק. אויך זי האָט. קענטיק, געהערט צו די פאַר־צרערינס פון דעם ציניקער־עסטעט; אויך זי האָט, קענטיק, פּונקט ווי ער אַליין, געזוכט דעם נייעם אָנהאַלט אין דער קאָמפּליצירטער עקזיסטענץ, אין דער קאַלטער פרעמד. קוביזם... דאַדאַאיזם... סירעאַליזם... — די אַלע „איזמען״, פון וועלכע ס'איז דערנאָך פאַרבליבן נישט מער ווי אַ פאַרביקער, געפּלאַצטער זייפן־בלאָז; און גריגאָרי אַדלער איז אין יענע יאָרן, צוזאַמען מיטן טאַבאַק־רויך, געשווומען אין דער מיט פון די אַלע „איזמען״, אין די באַריִמטע, ראַיענדיקע וועלט־קיבעצאַר־ניעס.

דאָס מיידל האָט, פֿאַרשטייט זיך, געשריבן פֿערזן. זי האָט זיך אָבער געשעמט צו לייענען זיי פֿאַר גריגאָרי אַדלער. ער האָט עס קלוג פֿאַרשטאַנען, דער ביטערער פֿוקס. מיידלעך, וואָס שרייבן פֿערזן, מאָלן, קליינע מאָדעלקעס פֿון די אָרעמיקע קינסטלער־אַטעליעס, פֿאַרשטעקט אין די טיפֿע הייף, אָדער דראָבנע, אומבאַקאַנטע באַלעט־טענצערינס, הפקר־געוואָרענע טעכטער פֿון דער אַנגעלאָפֿענער רוסישער עמיגראַציע, זענען דעמאָלט מיט אַ סך נייגער און האָפֿענונג געקומען צוזעצן זיך אין דער קאַפֿע „ראָטאָנד”. ער האָט זיך שוין אויף זיי כמעט נישט אומגעקוקט. נאָר ביים מיידל מיט די פֿויערישע־פֿאַרבלויטע אויגן, ביי נינאַ יעפֿימאָוונאַ, האָט ער איינמאָל קורץ אַ פֿרעג געטון, אויפֿהייבנדיק אומגעריכט פֿון די פֿאַרשמירטע סערוועטקעס דעם פֿאַרחידושטן בליק פֿון אונטערן לאָק:

— איז נאָך, הייסט עס, מאַיאַקאָווסקי דאַרף אַלץ אייער אָפּגאָט?... נו, און יעסיענין, למשל... און אַלעקסאַנדער בלאָק... זאָגט דעם אמת, נינאַ יעפֿימאָוונאַ, אין וועמען פֿון זיי זענט איר אַ קליין ביסעלע פֿאַרליבט... כ׳מיין אונטער וועמענס איינפֿלוס זענט איר?...

— גריגאָרי דאַווידיטש... כ׳שעם זיך... — איז דאָס מיידל האָט זיך לאַכנדיק אָנגעגאָסן מיט ראָזע פֿאַרבן — ניין, כ׳וועל אייך נישט לייענען מיינע נאַיווע פֿערזן פֿון אַ גימנאַזיסטקע...

פֿאַרוויקלט אין קניילעכלעך רויך, האָט ער ביטער געשמייכלט מיט אַלע זיינע קנייטשעלעך, זיך מער נישט אָפּגערופֿן, נאָר קלוג געזשמורעט די אויגן אונטערן קאַשטאַנעוואַטן לאָק. איר אומגעריכט ענטפֿערן איז אים דאָס מאָל, זעט אויס, געפֿעלן.

געוויזן אירע פֿערזן האָט זי אַן אַנדערן, אַ פּראָווינציעלן פּאָעט, אַ סירעאַליסט. ער האָט נישט אַזוי געגנוי פֿאַרשטאַנען, ער האָט דערפֿילט דעם פֿלאַטער פֿון היים־בענקשאַפֿט אין אירע שורות. דאָס איז געווען פּיער לענאָרמאַן, דער שפּעטער באַרימט־געוואָרענער פּיער לענאָרמאַן, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט ברייט געבאָהעמעוועט אין די אָנגערויכערטע קאַפֿייען פֿון מאָנפּאַרנאַס, צווישן די קוביסטן, דאַדאַיסטן, סירעאַליסטן. ער האָט געהאַט אַ שמאָל, ייִנגלש, אויסגעהונגערט פּנים פֿון אַ סטודענט, אַן עקשנותדיק שויבערל אין ווינט. דאָס שטאַרקע, עקזאַלטירטע וואָרט איז אין זיין מויל האָט געפֿלאַמט. פֿון פֿרעמדן רוסישן מיידל איז ער שוין פֿון דעמאָלט אָן מער נישט אָפּגעטרעטן. דאָס האָט זי דאָך אים שפּעטער אַריינגעפֿירט אין דער צויבער־וועלט פֿון דער גרויסער רוסישער ליריק. אין זיינע אויגן איז זי דעמאָלט שיער נישט געווען — דאָס אידעאַליזירטע פֿאָלקס־מיידל, די סטודענטקע, וואָס איז אַוועק, אַרומגעוויקלט דעם גוף מיט באָמבעס און דינאַמיט, אין אַלע פֿייערן, אין אַלע שטורעמס קעגן צאַריזם; זי איז אין זיינע אויגן שיער נישט געווען — אַ סאָפֿיאַ פּעראָווסקאַיאַ... גאָרקי׳ס „מוטער”... כאָטש דער אייגענער פֿאָטער האָט זי פֿון סאַמע רעוואָלוציע־פֿלאַקער, אין איינער אַ ווינטערדיקער נאַכט, אַרויסגעפֿירט דורך די פֿינישע ברעגן.

דאָס מיידל איז געווען עלנט אין גרויסן און פרעמדן פּאַריז. זי האָט איבערגעלאָזן דעם פּאָטער, וועלכער איז זיך דאָ צולעצט צונויפגעגאַנגען מיט אַן אַנדער פרוי, אַן אַלמנה, עפּעס אַ ווייטע קרובה פון די בראָדסקיס; ווייל די מוטער, איך לייבלעכע מוטער... דאָס איז געווען זייער אַן אומעטיקע דערמאָנונג פון די ווייטע קינדער־יאָרן. זי איז שוין דאָרט פאַרבליבן, די אָרעמע, ביי די קרובים אין מאָסקווע. מ׳דאַרף וויסן, אַז דער פּאָטער האָט אָנגעהערט צום באַרימטן שטאַם פון די מיכלסאָנ׳ס, די „פּאָדריאַטשיקעס", וואַלד־סוחרים, בויער פון דער מזרח־סיבירישער אײַזנבאַן. מיט דער מוטער האָט ער שוין לאַנג נישט געוווינט בײַזאַמען. אין די הייסע טעג פון דער פעברואַר־איבערקערעניש האָט דער פעטער וואָוואַ, דעם פּאָטערס ייִנגערער ברודער, נאָך איין מאָל באַוויזן זיך אין הויז ביי די קרובים אין מאָסקווע. ס׳האָבן זיך מיטן שניי־שטורעם, געטון אַ שיט אַרײַן פרעמדע, ווינטיקע לייט, אין לעדערנע קורטקעס. דין, ווי אַ סילועט, אין אַ לאַנגן שינעל ביז צו די טריט, מיט אַ פאַרגרויזטן שפּיץ־בערדל, אין אַ באַראַשקענער פּאַפּאַכע, האָט ער זיך מיטן עטאַפּ נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון פאַרשיקונג, ערגעץ אין ווייטן צפון. אויפן „בראַטאַקל", אויף יעפימען, וועלכער האָט די לעצטע יאָרן איינער אַליין געלעבט אין זיין רחבותדיקער בחורישער קוואַרטיר אין פּעטראָגראַד, האָט ער זיך אַפילו מער נישט נאָכגעפרעגט. צעשפּיליעט די דריי קנעפּעלעך פון זיין כאַקי־רובאַשקע, האָט ער ביים פאַרעדיקן סאַמאָוואַר געזעדט צו דער פרי גרוי־געוואָרענער מוטער:

— ווי דו זעסט, שוועסטערל, האָט אונדז די רעוואָלוציע באַפרייט... „ניטשעוואָ"... מירן שוין אַצינד וויסן ווי אַזוי צו לעבן...

און באַלד איז ער צוריק אַוועק, פאַרשוווּנדן צוזאַמען מיט די פרעמדע לייט אין די לעדערנע קורטקעס, אין דער ווינטיקער, פאַרשנייטער מאָסקווער נאַכט.

זי און לענאָטשקאַ, ביידע בלאָנדע טעכטער, זענען קורץ דערנאָך אַריבערגעפאָרן צום פּאָטער, אין פּעטראָגראַד. פון דער אַמאָליקער רחבותדיקער קוואַרטיר, קעגנאיבער די פינישע אינדזלען, האָבן זיי אָבער צולעצט זעלבעדריט פאַרנומען נישט מער ווי אַן ענג צימערל פון דער דינערשאַפט, צום הינטערשטן אײַנגאַנג.

אַזוי איז מען שוין אויך מיט מוטער אומגעריכט געבליבן צעשיידט.

דער פּאָטער איז אין די אָקטאָבער־טעג שוין מער נישט געפאָרן אין די שליטנס, מיט די „איזוואָשטשיקעס", מיט דער פאַרריסענער, ברייט־צעקעמטער באָרד, אין סקאָנסק־פוטער, מיט דער פּאַפּאַכע אויפן קאָפּ, אָנגערוקט אין אַ זייט. נאָך דער פעברואַר־איבערקערעניש, האָט ער באַלד געכאַפּט און אַרומגעשוירן די באָרד. אין יענע טעג האָט ער דאָס שיין־פאַרשינצטע, גרוי געוואָרענע קלין־בערדל אויך אַרונטערגענומען; זייטיק געשלייכט זיך דורך ד פּראָספּעקטן, צווישן באַוואָפנטן המון אַרבעטער, מאַטראָסן, רויט־אַרמייער, אין אַן אויסגעריבענעם פּאַלטאָ, דאָס אויסגעקראָכענע קעלנערל אויפגעשטעלט. ס׳איז גלייכער געווען וואָס ווייניקער צו וואַרפן זיך אין די אויגן. ער האָט גיכער אויסגעקוקט ווי עפּעס אַ קליינער, דע־

גראדירטער „טשינאווניק״, לאיאל, אדער גלייכגילטיק, צו די אלע „וולאסטן״, וואס קומען און גייען. ער האט אבער שנעל דערכאפט דעם ווינט פון די נייע ציטן. דאס האט ער באצייטנס געזוכט א שפארע ווי אזוי אנטרינען צו ווערן פון דעם גאנצן פלאנטער, וואס זיי האבן דארט אנגעארבעט...

די צלטערע שוועסטער, ליענאטשקא, האט אבער בשום אופן נישט געוואלט מיטמאכן. זי איז געווען עקזאלטירט פון פוטוריזם און — פון איינעם א באטשופרינעטן פאעט, א פוטוריסט.

אין א ווינטערדיקער ווייסער נאכט האבן זיי ביידע, דער פאטער מיט דער יונגערער טאכטער, מיט בינאן, לאנג געטרייסלט זיך אין אן אפענער לאסט־מאשין, פארשטעקט אונטער ברעזענטן, דורך די באן־ליניעס מיט אויסגעלאשענע סאמעפארן, ווייט אראפצו, ביזן פינישן איינגוס. יעפים איסאקאוויטש האט די טונקעלע לייט, די שמוגלערס, זעט אויס, געהאט אפגעשטעקט א היפשע מטבע; און זיי זענען טאקע בשלום אריבער.

דערנאך — די אויפגעלויכטענע נאך־מלחמהדיקע שטעט פון איראפע... קאבארעטן... נעאנען... נעגערישע בויך־טענץ... פאריזער שאפערן, נעכטיקע רוסישע גענעראלן... דער אלטער האט זיך נאך אפילו אין פאריז פארמאסטן אויף גרויס: ווערט־פאפירן... וואגאנען צוקער... טייערע פעלצן... מ׳האט געלעבט אויף פאסי, ווו די „ווייסע״ רוסישע עמיגראציע — צווישן זיי נישט וויניק יידן — האט זיך איינגענעסטיקט. דער פאטער האט זיך דא אבער לסוף מיאוס פארדרייט, פארפלאנטערט, און א שטיק צוליב דער פארכאפנדיקער, מיטליאריקער אלמנה, מיט וועלכער ער איז זיך דא צונויפגעגאנגען.

פון צייט צו צייט איז נינא געקומען אויפזוכן דעם פאטער, ערגעץ אויף פאסי. זי האט זיך שטיל ארויסגעשלייכט פון הויז. פ׳ער האט עס נישט באדארפט צו וויסן. דאס קורץ־פארשווירענע בערדל ביים אלטן יעפים איסאקאוויטש איז געווארן שיטערלעך, שניי־ווייס. זי האט שוין געוווסט אים אויפצוזוכן אין דעם רוסישן טראקטיר, אין היטנטערשטן זאל. ער האט דארט געשפילט אין ביינדלעך, אין שאך, עפעס גע׳מסחרט דארט. אין ביידע נידעריקע זאלן האט עס פארשמעקט מיט בארשט, מיט קרויט, מיט בלינעס און וואדקא. אין טיפן זאל האט דער אלטער סאשקע, א געוועזענער דענשטשיק און קוטשער ביי א גענעראל, געשפילט אויף א באלאלייקע, אונטער די איקאנעס און אונטער די רוסישע לאנדשאפטן פון לעוויטאן און שישקין. דער היימישער עולם, מערסטנס שאפערן, איז אין פאדערשטן זאל געזעסן צעשפיליעט, צערויטלט, מיט אפגעדעקטע פליכן און טשופרינעס, געלאזן זיך סערווירן „זשארקאיע״, שאשליק, געריסן די שטיקער פלייש מיט די הענט, געכלאפטשעט דעם רוסישן „שטשי״. פון צייט צו צייט האט דארט עמיצער פון זיי אריינגעשריגן:

— היי, סאשקע! אן אומעטיקס... אז די נשמה זאל צעגיין...

אין אט דער געזעלשאפט פון די „געוועזענע״ איז אבער יעפים איסאקאוויטש

אַלץ מער צנלעך געוואָרן צו אַ צעבראָכענעם ייִד, מיט אַ הויכער פּלייצע. די קרובה בראָהסקיס האָט אים סוף כל סוף רואינירט און איבערגעלאָזן אים אַליין. אַזוי האָט ער שוין דערצויגן ביז צו דער מלחמה.

פּאַר פּיצרן האָט זי וועגן איר פּאָטער קיינמאָל נישט גערעדט. דאָס איז געווען איר סוד. פון אַ סך ריוואַלן האָט ער ניבאַן, פּאָרזיכטיק און מיט עקשנות, אַרויסגעפירט, פּיער לענאָרמאַן; און גריגאָרי אַדלער אַליין איז געווען זייער גרויסמוטיק, זייער פּאָטערלעך. ער האָט געלייגט ביידע הענט אויף פּיערס שמאָלע, ייִנגלשע אַקסלען:

— הער מיך צו פּיער... — האָט גערעדט מיט אַן אונטער־טאָן — נינאַ איז אַן אײדל געוויקס... כ׳קען די עלעמענטן, וואָס באַשאַפן אַזעלכע אײדעלע געוויקסן... כ׳האָב צו דיר צוטרוי, פּיער... דו הערסט?

עס זענען דעמאָלט געווען די אַנטשיידענע שפּרונגען אין שטורמישן לעבן פון גריגאָרי אַדלער. ער איז געווען אויף וועלט־רייזעס, איז מיד געווען פון די אַלע „אײזמען״, האָט וויניקער שוין געבאַהעמעוועט, איז כמעט פּאַרקליינבירגערלעכט געוואָרן, האָט עס געהייסן; אָבער אַלעמאָל האָט עס אים פון דער וועלט צוריקגעפירט צו דער שטאָט פון ליכט, ווײַן און קונסט, אין וועלכער ער איז אַזוי פּאַרליבט געווען.

די נאָך־מלחמהדיקע מידע דעקאַדענץ, די זוכער פון נײַע פאָרמען, האָט זיך דעמאָלט גרופּירט אַרום די „בלויע הצפּטן״. די קאַפּייען אויפן מאָנפּאַרנאַס האָבן צוביסלעך געגומען פּוסטעוועז. זיי האָבן זיך דערנאָך אַריבערגעטראָגן אין די עקסטראַוואַגאַנטע קאַפּייען, אין שאָטן פון דער קירכע סען־זשערמען־דע־פּרע, אין „דוע מאַגאָ״, אין „פלאָר״. דאָרט איז געשטורעמט געוואָרן נישט בלויז די קלאַסיק, נאָר אויך די אימפּרעסיאָניסטן אין דער מאָלערײַ. צווישן ניי־צוגעקומענעם יונגוואַרג, וואָס אַ סך פון זיי האָבן זיך שפּעטער פּשוט אַרויסגעוויזן פאַר יידן־אַפּשטאַמיקע, פּאַרדעקט מיט אַ דינעם עמאַל, האָט זיך אין די קאַפּייען דעמאָלט אויך באַוויזן אַנדריי מערלאָ, נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אַ העל־בלאָנדער, אַביסל אַ קרענקלעכער. ער איז געווען לאַנג און דאַר, פּאָעטיש־בלייך, כמעט געל פון פיבער, מיט אַ נערוועזאישן צוק אַרום האַלדז, אַרום די מויל־ווינקלען, אַרום די אַקסלען. ער האָט געליטן פון פּאַלודיזם. געשטאַמט האָט ער פון אַ משפּחה פּראָפעסיאָנעלע מיליטערלייט, וואָס האָבן יאָרן געלעבט און געהערשט אין די פראַנצויזישע קאָלאָניעס; איז אַליין אויפגעצויגן געוואָרן אין ווייטן סייגאָן, אינדאָכינע. אין דער פּאַריזער סאָרבאָנע האָט ער שטודירט אַרכעאָלאָגיע. ער איז שוין דעמאָלט פּאַררעכנט געווען ווי איינער פון די וויכטיקסטע, ניי־אויפקומענדיקע פון דער יונגער פּלעיאַדע סיר־ריאַליסטישער פּראָזע.

אָבער דאָס האַרץ פון נינאַ יעפּימאָווגאַ האָט שוין אויף שטענדיק געהערט צום עקזאַלטירטן דרום־פראַנצויז, דעם פּאָעט פּיער לענאָרמאַן. אין אָט דער ראַפּינירטער, איבערגעזעטיקטער געזעלשאַפט האָט נינאַ די סענטימענטאַלע אַלבום־פּערזן

אינגיכן פארוואָרפן. אין די „בלוע העפטן" האָבן זיך באַוויזן קליינע, ציכטיקע עסייען וועגן דער ביַיער רוסישער דיכטונג, געצייכנט מיט איר אַדאָפּטירטן נאָמען נינאַ קאָרדי. דאָס האָט זי אויפסניי אַנטדעקט פאַר די פראַנצויזן גאָגאָלן, טשעכאָוון, אין וועלכן זי איז פאַרליבט געווען צוליב זיין טיפן קריטישן רעאַליזם. זי האָט זיך אויך פאַרנומען מיט טעאַטער־קריטיק, האָט ביי דער געלעגנהייט געשריבן מיט פאַטאָס וועגן די טשעכאָוו־אויפפירונגען פון אַן עקספּערימענטאַלער רוסיש־פראַנצויזישער טרופּע, וואָס האָט אויפגעפירט אויף אַ קליינער קאַמער־בינע „פעטער וואַניאַ", „דער קאַרשן־גאָרטן", „די מעווע", „דריי שוועסטערן". זי האָט אויך באַוויזן צו פאַרצייכענען עטלעכע אומעטיקע, בלוטלאָזע ביכלעך וועגן עפּעס קרענקלעכע אינטעליגענטן, וואָס ציען די יניקה פון קיין שום באַשטימטן באָדן נישט.

ס'איז געווען די שיינע, גליקלעכע עלטער, ווען געשוועבט האָט דער זיסער, יונגער סוד צווישן די אַרומיקע היימישע, אָרעמלעכע סטודענטן־האָטעלן, אין די אַלטע, היסטאָרישע זייטן־געסלעך פון לאַטיינישן קוואַרטאַל, מיט די ריינלעכע טרעפּלעך אַרויפצוגיין, מיט די האַלב־פאַרצויגענע פאָרהענגלעך צו דער גאַס. אויף דער טעראַסע פון „דע מאַגאָ", אין דער פרייַלעכער געזעלשאַפט פון די דאַמען, האָט אַנדריי מערלאָ, פאַרוואַרפנדיק זיין בלאָנדע טשופּרינע אַהינטער, צוקנדיק מיטן אַקסל, מיטן האַלדז, מיטן ווינקל מויל, ברייט זיך געוויצלט:

— איר וועט זען, מ'עט נאָך אין איינעם אַ טאָג אַנטדעקן, אַז דער אַנטיסעמיט שאַרל מאָראַס, למשל, האָט אויך פאַרמאָגט אַ יידישע באָבע...

ער האָט נאָך, דוכט זיך, נישט חושד געווען דעמאָלט, אַז נינאַ קאָרדי איז טאַקע אַ יידן־אָפּשטאַמיקע.

— פון וואַנען נעמט איר עס, אַנדריי? — האָט איין נינאַס הימל־בלויע אויגן געשפּילט אַ פאַרדעכטיק אויפלאַכן.

— זייך עספּריי... מיט איין וואָרט — זיין גאַרנישט־פראַנצויזישע בייסיקייט...

די דאַמען אַרום די טישלעך, פאַרוויקלט אין ציגאַרעטן־רויך, האָבן געפּלאַפּלט, געלאַכט, אָבער פייער לעאָנאַרמאַן, דער עקזאַלטירטער, דער טעאָרעטיקער פון סיר־רעאַליזם אין די „בלויע העפטן", דאָס שויבערל אין ווינט, האָט ברייט אַנטוויקלט זיינע טעאָריעס, דווקא וועגן אינטערנאַציאָנאַליזם, אַפילו וועגן קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט דעמאָלט אין די ראַדיקאַלע קרייזן געהערט צו די גאָר הויכע באַגריפן. ער האָט באַוויזן, אַז דווקא נישט־פראַנצויזן האָבן באַרייכערט דעם פראַנצויזישן גייסט; ער איז צוריקגעגאַנגען וויט, אַזש ביז מאָנטעין, וועלכער האָט געלעבט אָנהייב 16־טן יאָרהונדערט, און זאָל האָבן געשטאַמט פון פאָרטוגעזישע יידן; ביז בערגסאָן, אַן אָפּשטאַמיקער פון פוילישע יידן; ביז שאָפּען, ביז גיאָם אַפּאָליניער, אָפּשטאַמיקע פון פּאָליאַקן; אַפילו ביז עמיל זאָלאַ.

— ס'איז די גליקלעכע קרייציקונג, מיינע פריינט — האָט ער זיך געקאָכט — וואָס געבוירט נייע פאָרמען, נייע אידייען...

ער האָט שוין דעמאָלט, אין די פּוסטלעד־געוואָרענע קאַפּיטן פון מאַנפּאַרנאַס, געצויגן צום ראַדיקאַלן פליגל. ער איז בכלל געווען ראַדיקאַל. בלאָנדזשענדיק מיט אים ענג־געאָרעמט דורך די שמאָלע האָטעל־געסלעך, האָט זיך נינאַ מער ווי אַלע־מאָל געטוליעט צו פּיערן. זי האָט פאַרריכט די גלאַט־פאַרצויגענע פריזור מיט די פאַרלייגטע צעפּ און האָט פלוצים ביידע שלאַנקע הענט אירע פאַרוואָרפן אַרום זיין האַלדז.

— פּיער... — האָט זי געפּליסטערט, און מער האָט זי נישט געקענט.

זיי האָבן זיך ביידע דערפילט ווי פאַרבלאָנדזשעטע קינדער פון פאַריזער ברוק, וואָס טוליען זיך אומעטום — אין גאַס, אין מעטראָ, אין שאָטנדיקן ווינקל פון אַ הויז. זי האָט אים נישט אַלץ געזאָגט, פּיערן, נאָר זי האָט געפילט, אַז זי בינדט זיך נאָכמער צו צו אים; און גלייבן האָט זי געמוזט — אין אידייען, אין מענטשן. זיי זענען ביידע געווען כמעט פון זעלבן עלטער. זי האָט אים געקוקט אין מויל. ס'האָט פאַרבאָרגן, ערגעץ טיף, געלעבט אין איר אַ קאָמפּלעקס, אָבער זי האָט עס נאָך דעמאָלט פאַר זיך אַליין מורא געהאַט מודה צו זיין. זי האָט עס גיכער פאַר אַנדערע פאַרשטאַנען, אַרויסגעפילט, פאַרוואָס, למשל, אין די ראַדיקאַלע קרייזן באַגעגנט מען אויף טריט און שריט — יידן. זי האָט גענומען חושד זיין אַפילו אַזעלכע, וואָס זענען עס באמת נישט געווען. ס'האָט געלעבט אין איר אַ שטילע פאַרכט — האַלטן זיך אַביסעלע פון דער ווייטן, אין שאָטן, שוין צופיל דיסקרעט, אָבער נאָר זי האָט זיי געקענט דעשיפרירן, ווי אַ געהיימע שריפט, האָבן זיי געמעגט זיין ווי פאַרהוילן פאַרן פשוטן אויג. פון וואַנען האָט זיך דערנומען צו איר אָט דער חוש? דעמאָלט איז איר אויך געקומען אויפן זינען, פאַרוואָס דאָרט, פון וואַנען דער פאָטער האָט זי אין איינער אַ פינצטערער ווינטער־נאַכט אַרויסגעפירט דורך די פּוילישע ברעגן; פאַרוואָס אויך דאָרט, אין אויפגעשטורעמטן לאַנד פון דער רעוואָלוציע, שפּילן יידן אַזאַ גרויסע, אָפט דעציזירנדיקע ראָלע.

איינעם פון דער באַנדע, דעם דאַדאַ־פּאָעט, וועלכער טראָגט אַזאַ פרעמדלעכן נאָמען, אַ ייד פון דער בוקאָווינע, האָט זי אומגעריכט איינמאָל אַ פרעג געטון, ס'הייסט, ס'האָט זיך ביי איר גיכער אַרויסגעכאַפּט:

— זאָגט מיר, כ'בעט אייך, ווי אַזוי טראָגט איר עס אַריבער?... כ'מיין, לויט אייער וואָרט־מייסטערשאַפט, זענט איר דאָך אַ פראַנצויז... אַן אויטענטישער, פון דור־דורות...

יענער, מיטן טיפן יידישלעכן שטערן, מיט די אַנגעצויגענע מויל־ווינקלען, מיט די קרענקלעך־אויפגעלויכטענע אויגן אונטער דער בריל, מיט די איידל־גע־שניטענע, נערוועזע הענט, איז נישט געווען קיין נאַר. ער האָט אויפן ווונק פאַר־שטאַנען וווהין זי צילט; און ער האָט איר געענטפערט, פונקט אַזוי האַסטיק, אומ־געריכט, אַפילו ברוטאַל:

— מיין טייערע נינאַ, זיי ווייסן עס נישט אויף אַזויפיל... זיי שטויסן זיך אפשר אָן... אומזיסט, מיינט איר, זענען מיר אומעטום פאַרקאָכטע רעוואָלוציאָנערן,

אפילו אויפן געביט פון פרעציזן ווארט?... מיר ווילן אלץ פארמישן די קארטן... געפינען א שטיקל באדן אונטער די פיס... אינטערנאציאנאליזם... קאסמאפאליטיזם... אבער ס׳איז, גלויבט מיר, נישט דאס. אפילו שמד איז אויך נישט קיין לייזונג, בפרט — אינטעגראציע... איך גלויב נישט מער...

און ווען קיין פאריז האבן אין יענע יארן געהאלטן אין איין אנפליסן יידישע עמיגראנטן, פארפאלגטע, אומלעגאלע, מיט א פייערל פון שרעק אין די אויגן, האט פיער לעבארמאן נישט איינמאל דערפילט, אז דאס הארץ איז ביי איר שווער, ביי בינאן, אז זי באהאלט עפעס אויס טיף אין איר געמיט, אומצוטרייסלעך, פאר קיינעם נישט. ער האט נישט פארשטאנען: ווער זענען זיי, סוף כל סוף? ס׳בלייבט אלעמאל ביי זיי עפעס אויפן דעק, נישט דערפארשט.

אין הייסן יולי־אוונט האבן זיי זיך, ווי די קינדער, ארומגעפירט איבער די בולווארן. די זומערדיקע שטאט האט אין דעמפיקן אוונט געזשומעט. אויפן אלטן מאנמארטר, אין שאטן פון דער סאקרע־קער־קאטעדראלע, האבן זיי לאנג געבלאנדזשעט צווישן די קליינע, נידעריקע ביידלעך, אימפראוויזירטע קאפייען, פארצויגן מיט פאפיר־קרענץ, צווישן די טעראסן צום טראטואר, ארומגעהאנגען מיט פילקאליריקע לאמפיאנען, צווישן די פול־באזעצטע טישלעך. אלץ האט דא אויסגעקוקט ווי א דעקאראציע פון א מיסטעריע, אויפן פאן פון וויט־פונאנדערגעווארפענעם פאריז. ארום דער הארמאניקע־מוזיק, ארום די גאסן־זינגער, האט זיך געזאמלט א לוסטיקער עולם, יונגעלייט אין קאלירטע פאפיר־מיצלעך, א רויז אין לאץ; מיידלעך מיט נאקעטע פלייצעס, האבן הייס געלאכט. מ׳האט געטאנצט אין מיטן גאס. נידעריקער, אויפן בולוואר, זענען געווען אויפגעשלאגן די וואנדערנדיקע ציירק־ביידלעך אויף רעדער, וווּ מען ווייזט א פרוי מיט צוויי קעפ, ווו א מאן מיט א טורבאן, מיט בליציקע אויגן, ווי די מעסערס, שלינגט שווערדן...

ס׳איז געווען אנהייב יולי. די רוישיקע קאפיי־טעראסן, די רעדאקציעס, האבן זיך גענומען אויסליידיקן. די גרויסע, פארוויכערטע פאריזער זענען אנטלאפן פון די אנגעגליטע שטאטישע ברוקן, פון די דושנע קווארטאלן, נאך א ביסל גרינס; האבן מאסנווייז געצויגן אויפן לאנד, אויסצוברייטן דעם נאקעטן גוף אויף דער זון, אפצוהוסקען זיך אין פרישע וואסערן, ביי די ברעגן פון די טייכן, פון די ים׳ען, פון אקעאן. אויך פיערן האט עס איין דעם זומער שטארק א צי געטאן צו די היימישע, צום קליינעם שטעטל מיטן האן אויפן שפיץ קלויסטערל, מיטן פארוואקסענעם דענקמאל פאר די געפאלענע אין 18־1914. ס׳איז געווען וויט, אין דער געגנט פון בארדא, צווישן סאסנעס, זאמדן און אקעאן, אין דער געגנט פון די לאנדן. ער האט זיך אין די לעצטע פאר יאר זעלטן ארויסגעוויזן פון דער גרויסער שטאט צו דער פארצווייגטער קאטוילישער משפחה פון גרויסע ערד־באזיצער, וויין־פראדוקטארן און רענטיערן. די גרייסע שטאט, דער אייביקער טומל אין די רעדאקציעס, די קינסטלער־קאפייען, האבן אים אלץ מער איינגעשלונגען מיט אן אומגעשטילטער ליידנשאפט. דעם זומער האט ער באשלאסן אומבאדינגט ארויספצוכאפן זיך אהיים, צו די זייניקע.

— וועסט מיטפארן, קליינע ?... — האט צו זי ענג געהאלטן ארום דער טאליע, אויפן שטייגער פון די פאריזער יונגעליייט.

— און וועסט מיך טאקע מיטנעמען, פיער ?... — האט זי געפרעגט, נישט איינגאנצן זיכער, ווייל זי האט באלד דערפילט אין איר א מין נישט־אנטשלאסנקייט.

זיי זענען געגאנגען לענגאויס די קאנאלן, ביי לא־ווילעט. דאס מוטנע וואסער, באדעקט מיט פעטע פליאמעס, איז באליגט געווען מיט אויסגעלאשענע טראנספארט־בארקעס; אבער אין בלויען זומער־אוונט האט עס, מיט די איבערגעווארפענע בריקלעך און גאז־לאמטערן, דא שיער נישט דערמאנט אין ווענעדיק. זיי זענען אביסל פריער ארויס פון דער אנגעפראפטער ארבעטער־פארזאמלונג אין סינדיקאט־הויז אויף גראנזש־א־בעל. פאליציי אויף ראווערן, און זייערע קורצע פעלערינעס, האט אין די ראגן געדיסט ארומגעשטעלט די ארויסגענג, קאנטראלירט די דאקומענטן. ס'האט זיך דעמאלט געקאכט מיטן שטרייק אין די „רענא״־פאבריקן.

אין דושנעם אוונט האט מען ביי די מוטנע קאנאל־וואסערן נאך אלץ געאטעמט מיט די הייסע, אנגעגליטע שטאטישע ברוקן. משפחותווייז איז מען דא געזעסן פונאנדערגעזעצט לענגאויס די אנקער־טראטוארן, די בארוועסע פיס אין וואסער. די אלטע הייזער פון די פאבריק־קווארטאלן, צעשווומען, מיטן קאפ־אראפ אין וואסער, האבן זיך פון ביידע זייטן קאנאל הויך געטרעמט איינס איבערן אנדערן, אויסגעלאשענע, דראענדיקע.

— ביי אונדז איז די געגנט פון געדיכטן, אפגעשטאנענעם וויק... — איז פיער געווען סענטימענטאל — מ'דארף אים פארזוכן אין די וויק־קעלטערן ביי אונדז... וואו דו ווייסט, קליינע...

— און וועגן מיין היים האב איך א סך צו דערציילן און — גארנישט... — האט זי מיטן שפיץ שיכל געגראבן אין זאמד. זיי האבן זיך אראפגעלאזן אין דער טונקעלער אלייע אויף א באנק — כ'בין א פאריזערין... — האט זי זיך אומגעריכט פונאנדערגעלאכט, מיטן אן אפהילך פון אומבאשטימטן אומעט.

— דערפאר מסתמא זענען אויך די, וועגן וועלכע דו דערציילסט, קאסמאפאליטן, אן א באשטימטן באדן... און אפשר איז עס דער מענטש פון מארגן...

— ס'איז אמת, פיער — האט זי גערעדט מיט נידעריקע טענער — האסט מיר געזאגט דאס סאמע ריכטיקסטע...

— פונדעסטוועגן בין איך אייך מקנא... איר זענט וועלט־בירגער, איר זענט אומעטום — ביי זיך...

— אז מען וויל...

ס'האט זיך שויך אבער אין דער לעצטער מינוט אזוי באקומען, אז נינא איז נישט מיטגעפארן מיט אים. זי איז פארבליבן איינע אליין אין פאריז. זי האט אומגעבלאנקעט איבער די גאסן, איבער די סקווערן. ס'איז איר געקומען אויפן געדאנק,

אַז אפשר דאַרף מען נישט אַריינרייסן זיך אין שטייגער פון מענטשן, אין דורותדיקן לעבן זייערן. כאָטש זי האָט דאָ אַזוי ליב באַקומען דאָס פשוטע פאָלק פון די פאָר־שטעט, דעם בלאַסן פאַריזער הימל, וואָס אין ערגעץ איז נישטאָ אַזאַ. זי האָט אים פאַרשטאַנען, פיערן — ער האָט זי אפשר נישט געקענט מיטנעמען צו זיין משפחה. וואָס וועט ער זיי זאָגן? צפעס איז ער אין לעצטן טאָג געוואָרן דענערווירט, האָט אומרואיק געשוויגן. ער האָט איר געשריבן פון דאָרט לאַנגע בריוו מיט לאַנגע פאַרענטפערונגען, אַז ס'איז אַ רחמנות געווען אויף אים. נאָכוואָס?

ער האָט נישט אויסגעהאַלטן. נאָך איידער ס'זענען אַוועק די צוויי וואָכן, איז ער, אין דער תמימה, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער דער שטאָט, צוריק געקומען אַנצולויפן קיין פאַריז.

1960

סענטימענטאַלע רייזע

ד'איז די געשיכטע פֿון איינעם, וואָס איז געפֿאָרן אין אַ שליחות און איז קיינמאָל נישט דערפֿאָרן; ווייל אונטערוועגנס האָט ער נאָך אַמאָל, אומגעריכט, אַנטדעקט די אונטערגעגאַנגענע וועלט זיינע.

ס'האָט זיך שוין אַזוי געמאַכט, אַז פֿאָרנדיק זומער 1956, צוזאַמען מיט אַ פֿראַנצויזישער סינדיקאַלער דעלעגאַציע, צו וויזיטירן די פּוטילאָווער מעטאַל־זאַוואָדן אין לענינגראַד, האָט ער זיך אויף אַ גאַנצן מעת־לעת פֿאַרהאַלטן אין וואַרשע. שולדיק זענען געווען די האַרציקע יידישע חברים פֿון אַמאָל. זיי האָבן אים גאָר נישט געוואָלט אָוועקלאָזן. צומאָרגנס, אַרום צוויי נאָכמיטאָג, האָט ער זיך אויפֿן מזרח־וואָקזאַל, אין פּראַגע, אַריינגעזעצט אין עקספּרעס וואַרשע־מאָסקווע. בשעת־מעשה האָט ער אינגאַנצן נישט געדענקט, אַז דער וועג קען אים אַמאָל פֿירן דורך זיין אַלטער היים־שטאָט, אויפֿן בוג.

נאָך דער סטאַציע טערעספּאָליע, אויף דער פּוילישער זייט, האָט די באַן גענומען גיין לאַנגזאַמער. אויפֿן טראַקט וואַרשע־מאָסקווע, איז דער בוג, די נייע גרענעץ־ליניע, אַן אָפּהאַלט פֿון בערך 10־11 שעה. דאָ, אויף דער קנופּ־סטאַציע, איז די פּעסער־קאָנטראָל, דאָ ווערן געטוישט די באַן־רעדער, ווייל די שינעס אויף די סאָוועטישע שטחים זענען, ווי באַוווּסט, פֿיל ברייטערע, ווי אין גאַנץ אייראָפּע.

דער פּאַסאַזשיר, אַ מאַן אין די עטלעכע און פֿערציקער, איז פּלוצים געוואָרן אומרואיק, האָט נערוועז גענומען שפּאַנען איבערן האַלב־ליידיקן וואַגאָן, פֿון איין פֿענצטער צום אַנדערן. די עטלעכע שעה זינט ער איז אַרויסגעפֿאָרן פֿון וואַרשע, האָט ער צוביסלעך אונטערגעדרעמלט; אָדער אפֿשר האָט ער גאָר זיינע עמאָציעס געוואָלט דערשטיקן אין זיך. פֿאַר די צוגעלענטע אויגן זענען אַרויסגעשווומען ווייטע, נעפּלדיקע בילדער. אָבער ווען דער צוג האָט גענומען קריכן זייער לאַנגזאַם אויף דער בריק, איבערן ברייטן, געל־וואַסערדיקן בוג, האָט ער זיך נאָך אַמאָל האַסטיק געוואָרפֿן צום אָפֿענעם פֿענצטער. דער נאָכמיטאָג פֿון סוף סעפּטעמבער האָט זיך געזעצט אין ראָזע, געלע און פֿייערדיקע קאָלירן. די ווערבע־וועלדלעך, די זילבערדיקע בערעזעס, די ווילד־צעוואַקסענע טאָפּאָלן, זענען אים פּלוצים אַזוי ווי

קענטלעך געוואָרן. אַ מחנה קראָען האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון די צווייגן אויף די ווייסע קופּעס אין דער מיט פֿון רייסנדיקן טייך.

מען זאָגט, אַז אין איין בליץ־רגע, פֿאַרן שטאַרבן, זעען מענטשן פֿאַרביישוויִמען אין דמיון ס׳גאַנצע לעבן זייערס. עפּעס ענלעכס איז געשען מיט אים אין דעם ראַזן סעפּטעמבער־פֿאַרנאַכט.

אין בערשטער־שטעטל מעזריטש, ווו די קליינע משפּחה איז פֿאַרוואָגלט געוואָרן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער איינמאָל, אין אַ אלולדיקן שבת־פֿאַר־נאַכט, אַנטשלאָפֿן געוואָרן אויפֿן הילצערנעם טרעפּל, פֿאַרן פֿעטער משה־אהרנס „קאַמעניצע״, ביי דער מאַמען אין שויס. ער האָט געקענט אַלט זיין אַ יאָר פֿיר. אַרום האָט געזשומעט אַ שבתדיקע שטאָט מיט יידן. ס׳האָט פֿאַרוויגט דער ראָזער, סוף־שבתדיקער הימל, איבער וועלכן ס׳האָט געהויערט אַ מנוחהדיקער, זילבערנער וואָלקן, ווי אַ סטאַדע געקרייזלטע שאָף. ס׳האָט זיך געטראָגן פֿון ערגעץ דאָס שלוש־סעודות־געזאַנג פֿון אַ חסידים־שטיבל.

יענע מלחמה זעט היינט אויס אין אונדזערע אויגן ווי אַן אידיליע. דאָס איז האָט געגנומען שמעלצן. די פֿראָנטן האָבן זיך אומעטום איינגעבראָכן. ערגעץ אויף מזרח, אין ראַסיי, האָט געפֿלאַקערט די רעוואָלוציע. די דייטשע „לאַנדשטורמערס״ האָבן זיך נאָך אַרומגעדרייט מיט די לאַנגע פּיקעס, ווי אָפּגעפּאַרענע אַקטיאָרן, האָבן זיך אַ ליאַדע טאָג געגרייט צוריקצופֿאָרן צו דער „היימאַט״. דער טאַטע, אַ מעזריטשער אידעם, האָט שוין אומגעדולדיק אויסגעקוקט דעם טאָג, אומצוקערן זיך צו זיין וואַרשטאַטל, צו זיינע מסחרים מיט די פּאַליעסער פּויערימלעך, אין זיין היים־שטאָט בריסק, פֿון וואַנען די מלחמה האָט אַלעמען פֿאַרטריבן.

צווישן צוויי געדיכט־צעוואַקסענע משפּחה־דינאַסטיעס געזונטע, פּשוטע יידן, באַלמעלאָכעס, האָט זיך דאָס יינגל געהאָדעוועט — בריסקער רימאָרעס און מעזריטשער בערשטער. ביידע משפּחות געדענקט ער ווי דורכן חלום, מער פֿון דעם, וואָס די מאַמע האָט זיך אַנדערציילט, קוקנדיק אַריבער דער בריל פֿון אויפֿגעמישטן משניה־ביכל; הערפֿון, וואָס דער טאַטע האָט יעדן איקנצע פֿון דער „משפּחה׳טע״ לעבעדיק „אָפּגעשפּילט״, מיט זייערע געגנגעלעך, מיט זייערע רייד, אַזוי אַקוראַט־נע, אַז די מאַמע האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן צו שמייכלען, אַנגעגאָסן זיך מיט ראָזע קאָלירן, געשאָקלט מיט די דימענטענע אויערינגלעך אין דער בריט:

— ער איז שוין דאָ מיט זיינע שטיק... — האָט זי פֿאַריבל געהאָט, וואָס ער מאַכט זיך נאַריש, אָבער אין דער אמתן האָט זי הנאה געהאַט דערפֿון — גיי, ביסט, אויף מיין וואָרט, אַ לץ...

אַרום ווינטערדיקן נאַפּט־לאָמפּ, ווען הינטערן לאָדן האָט געדרייט אַ שניי־זאַ־ווייערוכע, האָט מען, דורכן טאַטנס „אָפּשפּילן״, דערזען דעם פֿעטער שמערל, ווי ער טוט אָן אַ קאַזע אַ כאָמוט אויפֿן האַלדז און די קאַזע אַנטלויפֿט... ווי אַזוי די שכנותדיקע געזונטע יידישע דינסט־מיידן, וואָס זיינען פֿון די אָרעמיקע דערפֿער גע־קומען דינען אין שטאָט אַריין, האָבן זיך אַלע פֿאַרקליבן ביים זיידן אין דער לאַנ־

גער קיך, אויפן פּיעקעליק, אין פּאַרנאַכט, ווען אַלע אין הויז זענען אוועק צו כל־בדרי. ס'האָט זיי אוודאי געמוזט זיין זייער באַנג אויף דער נשמה. דער בלוטיק־רויטער פּאַרנאַכט האָט זיך געזעצט אין די שייבלעך... די גראָבע יום־כּיפּור־ליכט האָבן שטיל און הייליק געפלעמלט, געשמעלצט זיך... און ווי זיי האָבן אַלע אין אַ ווייטיקדיקן כאָר זיך צעקלאָגט... חד־גדיא...

אין ליבדן נאָך־פּורים 1918 איז אַ האַלב־מיליטערישער דייטשער צוג געפאָרן אויף דער פּראָוויזאָרישער בריק איבערן פאַרפרוירענעם בוג. דער טייך האָט שוין דאָ און דאָרט געגומעט לאָזן. דאָס ייִנגל איז געזעסן צוגעקלעפּט צו דער פאַרקאָוועטער שויב, וווּ ס'איז געווען אָפּגעהויכט אַ קליין לעכעלע. אויף דער לעצטער סטאַציע, צווישן אָנגעשליידערטע באַן־שפּאַלן, צעבראָכענע סעמאַפאָרן און שווימענדיקע רויכן, אין בלויען פאַרנאַכט, האָבן עטלעכע בערדיקע דייטשע „לאַנדשטורמערס", די פאַרשטעקטע ציבעקעס איך די ציק, אַראָפּגעטראָגן אַ טרומבע פון רויע ווייסע ברעטער מיט זייערס אַ „קאַמעראַד". די באַן האָט באַלד דערנאָך געריִרט. זי האָט זיך לאַנגזאַם געגליטשט איבער דער פּראָוויזאָרישער בריק. אונטן איז געלעגן דער פאַרפרוירענער בוג. אָבער מ'האָט שוין געפילט, אַז ער וועט אַ ליאַדע טאָג רירן, אַז ער וועט פאַרגיסן די וויסטע ברעגן, פאַרפלאָנטערט אין שטעכל־דראָט, די האַלב־פאַרלאָזענע, אויסגעהונגערטע דערפער פון אָרעמען, זומפּיקן פּאָליעסער פּלאַכלאַנד.

אין יענעם פרילינג, באַלד נאָכן „בריסקער שלום", האָבן עשאַלאָנען מיט דייטש אָפּטרעטנדיק מיליטער, שוין געצויגן אויף מערב, צום „פּאַטערלאַנד", אין פלאַקער פון דער רעוואָלוציע. אויפן אויסגעברענטן וואָקזאַל, ווי אַ לאַמטער מיט אויסגעזעצטע שויבן, צווישן דייטשן מיט ווייסע אָרעם־בענדער, מיט רויטע שלייפלעך, „פּלעניקעס", דעזערטירן, האָבן זיך שוין אַרומגעדרייט די אָנגעפּעלצטע ייִדישע באַלעגאָלעס; ייִדן האָבן געטוישט אַלערליי וואַלוטעס — צאַרישע רובלס, אוקראַיִנישע „קאַרבאָוואַנצעס", „קערענקעס", דייטשע אָסט־מאַרקן, עסטרייכישע קראָנען. אַ קליין שליטל האָט אַוועקגעגלעקלט לענגאויס דער באַן־גאַס. בישט ווייט פון „דומסקי פּלאַשטשאַד", דער סקווער, האָט זיך דאָס שליטל פאַרהאַלטן ביי די פאַרנטיקע טרעפּלעך פון אַן איינשטאָקיק געמויערט הויז.

די וועלט איז נאָר וואָס אָפּגעגאַנגען אין בלוט. אָבער דאָס ייִנגל האָט געשוועבט ווי אַ שוואַלב אין פרילינג, כאָטש ס'איז נאָך געווען טיפער ווינטער אויף דער וועלט. דער הימל איבערן קאָפּ — זייַנער, די ערד אונטער די פיס — זייַנע. ער האָט גיריק איינגעזויגן אין זיך די ליבדע פרילינג־זון, דעם הפקרן ווינט פון די חרובע פּליינען, דעם זינגענדיקן רעגן, וואָס האָט אַלץ אָפּגעשווענקט. די קליינע וועלט איז געווען — דאָס רוישיקע פּראָווינצער געמויערטע הויז, אין פרעמדן סטיל, פון פאַרגאַנגענער שפּע, געלאָזן דורך עמיצן אויף הפקר. די ברייטע ייִדן, די אייַנרייסערס, וואָס זענען דאָ רייך געוואָרן פון די גרויסע מסחרים מיט די קאָרומפּירטע רוסישע גענעראַלן, אין דער פעסטונג ביים בוג, האָבן געהאַט די פאַרפירערישע אילוזיע צו בויען איז דער אייביקייט אַריין: רחבות־

דיקע זאַלן, קאַכלנע אויוונס, ברייטע פענצטער, גאַניקעס, וועראַנדעס מיט קריכנ־דיקע פלאַנצן, אין שאָטן פון אַקאַציעס און טאָפּאָלן. הינטערן הויז האָט זיך אויס־געשפּרייט דער טיפער הויבסט־סאָד.

נאָך פיר יאָר וואָגלעניש, האָט מען זיך אומגעקערט צו דער פאַרברענטער היים. מ'האָט אָנגעצונדן בייגאַכט ליכט אין פלעשלעך, אָנגעוואַלגערט שטרוי אין גרויסן קאַלטן זאַל, פאַרריגלט טיר־און־טויער; ווייל די נעכט זענען געווען אימה'דיקע. הפקר׳ע באַנדעס זענען באַפאַלן, באַרויבט, געמאָרדעט.

אין ערב־פּורים האָט דער טיפער שניי נאָך אַלץ פאַרדעקט די חרובע שטאָט, דעם אויפגעבראָכענעם הויף, דעם אויבסט־סאָד, די גאַניקעס, די פענצטער־פאַ־ראַפּעטן. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך באַגינען געפּעדערט אין דער לאַנ־גער, פינצטערער קיך. טירן האָבן געסקריפּעט. דער אינעווייניקסטער לאָדן איז גע־ווען קוים אָפּגעשפּאַרט. אויף די פּראָסטיקע שויבן, מיט בלימעלעך, האָבן זיך געבראָכן פריילעכע קאָלירן. אין די ווינקלען פון געשניצטן סופיט — אַ שטיקעלע זון, וואָס איז געשפּרונגען פון אָרט צו אָרט, ווי אַ העזעלע.

וואָס טוט אַ ייד אין אַזאַ צייט ? ער הענגט אַרויס אַן אויסגעצוירעט שטיקל פּאַפּיר פון פאָרנט, אַז דאָ קריגט מען אָפּצועסן אַ היימישן וואַרעמס, אַ שטיקל פיש, געפילטע מילץ, קישקע, אַ הייסן קרופּניק. באַגינען האָבן קצבים און בע־קערס, אָנגעטראָגן לונג־און־לעבערס, שטיקער געפרוירן פלייש, קוישן ברויט, זעמל. עס האָבן געזידט די גרויסע סאַגאַנעס אויף דער פּליטע. עס האָבן געשמעקט געשמאַקע ריחות פון אויוון. דורך די אָפענע הינטער־טירן, דורך דער פאַראַדנער טיר צום גאַניק, זענען אַלערליי לייט געקומען פון ווינטיקן, נעפּלדיקן דרויסן. די חרובע שטאָט איז פול געווען מיט היימלאָזע, אָנגעלאָפענע, פאַרדעכטיקע לייט פון דער פרעמד. די מאַכט אין שטאָט איז נאָך נישט געווען קיין סטאַבילע; דייטשן, רוסן, אוקראַינער; מ'האָט געשמועסט, אַז די פּאָליאַקן...

דער ווינטער האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. דאָס יינגל האָט צוגעשטעלט אַ בענקעלע צום הויכן פענצטער, אַרויפגעדראַפּעט זיך, אָפּגעהויכט אַ לעכעלע. אַ גע־דיכטער שניי האָט ווידער געקרייצט דעם סאָד. די ביימער האָבן אויסגעקוקט ווי לאַנגע, דאַרע יידן, אויסגעקרומטע, איינגעהילט אין טליתים. אַ קאַלטע פאַנטאַס־טישע וועלט. דער רייסנדיקער ווינט האָט פאַרטראָגן די שמעקנדיקע רויכן פון סאָס־נע־האָלץ פון בעקערס קוימען. און ס'האָט זיך אים געחלומט — פרילינג... ער וועט נישט דאַרפן קיין שיך אַרויסצולויפן אין דרויסן. דאָס שלוש־סעודות־געזאַנג, צווישן טאָג און נאַכט, האָט פאַרוויגט, פאַרוויגט. ער האָט געציילט די טעג, ביז די זון וועט אויפשיינען.

די ווינטערן זענען געווען לאַנגע און ביטערע. די אייז־צאַפּנס פון דאַך זענען אַראָפּגעהאָנגען, ווי ציין פון אַ ריזיקער חיה. דער שניי פאַרן גאַניק איז געווען ברודיק, פון די פאַמעשאַפּן, וואָס די ווייבער פון גאַנצן הויז האָבן געגאָסן פון גאַניק אַראָפּ. קראָען זענען אָנגעפלויגן, געפּיקט אין גליווער דעם אָפּפאַל.

ער האָט אַרומגעניסטערט צווישן די ספרים אין שענקל — אַ פאַרגעלטער טייטש־חומש, אָנגעטריפט מיט ליכט ביי „איכה“, וואָס די מאַמע האָט תשעה־באָב פאַרנאַכט געפלעגט צו לייענען, זיצנדיק לעבן אויוון אויף אַ בענקעלע; ביי דער טרויעריקער געשיכטע פון די עשרה הרוגי מלכות. דאָרט זענען געווען אַלטע גראַווירן, ווי אברהם אָבינו, אַ ייד אַ הדרת־פּנים, מיט אַ גרוי, פאַרשפּיצט בערדל, שטייט מיט אַן אויפגעהויבן מעסער איבער יצחקלען, מיט די פיסלעך אַרויף, און אין געצוויג דערלעבן — אַ ציקעלע; ווי יעקב און עשיו שטייען ביים געלעגער פון אַלטן פאָטער יצחק. עשיו שטייט מיט אַן אויפגעריסן מויל, מיטן טעפּל אָפּגעקאָכטן געווילד, וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַרן פאָטער נאָכן יאַגד; אַ מעשה־ביכל וועגן מהר״ל פון פּראָג; אַ רוסיש ביכל דערציילונגען פון טשעכאָוו; אַ צעפּליקטע כרעסטאָמאַטיע „זשיוואָיע סלאָוואָ“, פאַרבליבן פון דער עלטערער שוועסטער, וואָס איז אַמאָל געגאַנגען אין „קאָמערטשעסקע“. די שוועסטער האָט אין דער קאַלטער קיך אַריינגעבראַכט אַ ברעמיע האָלץ, וואָס זי האָט צעהאַקט אין דרויסן. זי איז געווען אַ געזונט, ראָז מיידל, האָט געהאָרעוועט אין דער באַלעבאַטישקייט. מיט אָנגעפּוישטע באַקן האָט זי צעבלאָזן אַ פייער אין דער פּליטע און צוגעשטעלט דעם שוואַרצן טאָפּ און די קופּערנע באַנקע אויף טיי.

ביז פאַרנאַכט איז דאָס יינגל אָפּגעזעסן אויפן פענצטער. אין טיפן סאָד זענען די ווענט פון דער שטאַל געווען אָפּגעגאָסן מיט ראָזיקייט. ער האָט זיך מיטאַמאָל אין עפּעס דערמאָנט. ס׳האָט אים אַזוי שטאַרק צי געטון. ער איז אַראָפּ, אויסגעזוכט אַ דראָט, אַרומגענומען די שיך, די פאָדעשוועס זאָלן נישט אַראָפּפאַלן, אַרויסגעצויגן דאָס אויסגעקראָכענע פוטערל און זיך שטיל דורכגעגנבעט די קיך. די שוועסטער וואָלט אים אַזוי־אָ נישט געלאָזן אַרויסלויפן. ער איז מיט איין שפּרונג אַרונטער פון גאַניק און דורך די אויפגעבראָכענע הויפן געלאָזן זיך לויפן אַראָפּ גאַס.

דאָס ברייטע איינפאָר־הויז, נומער 10, מיט די אויסגעוואַשענע שויבן פון דער יידישער פאָלקס־שול, איז ער פאַרביגעלאָפן אין איין איילעניש, פאַרפלאַמט. ער האָט נישט געוואָלט מ׳זאָל באַמערקן זיינע צעריסענע שיך, פאַרבונדן מיט אַ דראָט. אוי, ווי ער האָט געבענקט נאָך די ליכטיקע צימערן, נאָך די שול־בענק! דורך די צעעפנטע פענצטער, אָנגעשטעלט מיט בלומען און וואַזאָנען, האָט ער זומער־צייט געהערט זינגען די קינדער אין כאָר. ער איז אַריבערגעשפּרונגען די בריקלעך. ס׳האָבן געלויכטן די שויבן פון „גריַנעם בית המדרש“. זיין נשמה האָט צעריסן. וווהין זאָל ער גיין? אויך אַהין ציט עס אים. צווישן מנחה ומעריב רוקט דער שמש ר׳ שמואל צונויף צוויי טישן. ס׳קומען אַריין פּראָסטע יידן, באַלמעלאָכעס, געוועלב־לייט, שטיל און מיט דרך־ארץ זעצן זיי זיך אַרום. די יידן אין די אויסגעקראָכענע פוטערס, אין די שווערע פאַלטנס, מיט די היטלען און אויערן־לאַפּן, מאַכן אויף די מיילער; פאַרדאגה׳טע מאַרק־יידן, לאָזן זיי אַלץ איבער און קומען הערן אַ שטיקל תורה. די שטים ביים אַלטן שמש איז אַ טיפע. ער ציט אַן אַלטן ניגון. ער פאַרטייטשט פּירוש המילות. ער ברענגט דערביי וווּנדערלעכע משלים און מעשיות פון רש״י, פון תוספות, פון מדרש.

ביז דער עלטערער ברודער האָט אים איינמאָל גענומען ביי אַ האַנט — ס'איז געווען אין מיטהדיקן נאָך־פּסח — און אַוועקגעפירט אין דער שולע אויפן נאָמען פון בער באָראָכאָוו. ס'איז געווען נאָך לאַנגן, שווערן ווינטער זיצן פאַרשפּאַרט אין שטוב. ער איז אין יענעם ווינטער קראַנק געווען אויף שקאַרלאַטינע. די שיך זענען געווען צעריסן, ער האָט נישט געהאַט קיין פּאַלטן. ביז נאָך סוכות איז ער געגאַנגען אין דער מזרחי־שול. ס'איז געווען מצד חדר, ווי שול. מ'האָט דאָרט געלערנט חומש, תנ"ך, מ'האָט אָנגעהויבן לערנען „בבא קמא". דער חומש און דער תנ"ך זענען אים אַריק אין האַרץ אַריין, אָבער נישט די גמרא. דער בייזער ייד, דער מלמד, מיט די קרומלעכע אויגן, האָט אַלץ געזיצן. איז ער איינמאָל האַסטיק צו און געכאַפּט, אַז אָנשטאָט אין דער גמרא, קוקט ער אַריין אין אַ העפטל לידער, וואָס ער האָט איבערגעשריבן פון דער יידישער כרעסטאָמאַטיע „דאָס לעבעדיקע וואָרט". דאָס ליד „בעמילע" פון לייב ניידוס. יידיש איז דאָ געווען טריף. „יידיש... יידיש"... — האָט דער רבי אַרויסגעריסן דאָס העפטל פון זיין האַנט, און האָט אים אַרויסגעשיקט פון שול. דאָס יינגל איז געווען פאַרשעמט, געהאַט גרויס עגמת־נפש. אין דער היים האָט ער גאָרנישט דערציילט. ער האָט זיך אַזוי איבערגענומען, אַז בייניאַכט האָט ער געהאַט קאַשמאַרן. די מאַמע האָט אים געטאַפּט דעם שטערן. ער האָט געברענט אין היץ.

אין דער יידישער פאָלקס־שול זענען געווען הייכע צימערן, פאַרגאָסן מיט זון, אויף די ווענט די פּאָרטרעטן פון זיידן מענדעלע, פון י. ל. פּרץ, פון שלום עליכם. אַן אַלטע פּיאַנע האָט אין גרויסן זאַל אַקאָמפּאַנירט דאָס ליד פון מאָריס ראָזענפעלד „ווידער איז דער מאַי געקומען". אַרומגעשוירענע קינדערישע קעפּלעך, שמייכלענדיקע פּנימער. דער שיינער, פּשוטער קלאַנג פון יידיש האָט ווי מוזיק אַ קלונג געטון אין זיינע אויערן. ער האָט דערפילט, אַז פון דאַנען וועט ער שוין קיינמאָל נישט אַוועקגיין. דער לערער משה'ל האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אַריינגעפירט אים אין 3־טן קלאַס, צו דער לערערין חיה'לע.

מיטן אלולדיקן רויש פון די טאָפּאָלן, איז אַדורך דער זיסער שוידער פון די ווייטע יינגל־יאָרן.

ער האָט שוין דעמאָלט אין אַלטן יידישן גאָט נישט געגלויבט, אָבער דאָס האַרבסטיקע רוישן פון די טאָפּאָלן האָט זיך אויסגעמישט מיטן פּחדימדיקן שופר־בלאָזן פון די הינטער־געסלעך אלול־צייט; מיטן ליפּן־מורמל פון די יידן, אָנגעטון אין ווייסן, צו נעילה, אין פאַרגייענדיקן פלאַקער פון דער זון, וואָס איז איך שטויביקע סנאָפּעס געפאַלן דורך די בית־מדרש־שויבן, פון די אויבערשטע רויטע, בלויע, גרינע שייבלעך, אונטערן סופיט מיט די פאַרשוואַרצטע געמעלן. דער קילער, אלולדיקער רויש פון די טאָפּאָלן אויף דער גאַס פון זיין קינדהייט, האָט זיך אויסגעמישט מיט די זיסע שניידערישע לידער אויפן אַרומגעבראָכענעם סקווער, מיט די אַרבעטער־לידער פון אָפענעם פענצטער ביי דער בונדאָווקע

סימע. דאָרט איז מען דעם גאַנצן יום־כּיפּורדיקן טאָג געזעסן אויפן טיש, אויפן בעטל, מ׳האָט געדיכט געראַכעוועט, דיסקוטירט. די זון האָט זיך געזונצט אין פלאַקער ערגעץ אַראָפּ־גאַס, אַרום די פּאָרטן פון דער אַלטער פעסטונג ביים בוג; דאָרט, פון וואַנען די רויטע קאַוואַלעריע איז אין יענע ימים נוראָים׳דיקע טעג אַריינגעריטן מיטן קאָבריגער שאָסיי, פון דער קיעווער סלאָבאָדקע. אין די פאַרוואַקסענע, אויפגעבראָכענע סעדער הינטערן הויז האָבן נאָך בישט געהאַט דעררייפט די רויטע ווינטער־באַרן. די לענגלעכע, האַרטע, טערפּקע באַרן האָבן געהאַט פאַרפלאַמטע באַקן, ווי פראָסט און זון וואָלטן געלעגן אויף זיי. זיי זענען ערשט געוואָרן ווייכלעך און זיס, ווען מ׳האָט זיי געלייגט אין היי, ווינטער־ציַיט. דער שאַרפער אַראָמאַט פון די באַרן איז דער אַראָמאַט פון דער וויַיטער קינדהייט. אונטער אָט די קאַרשן־ביימלעך, עפּעל־ביימער, באַרן־ביימער און שווערע ניס־ביימער, צווישן די קוסטן, זענען די באָרוועסע רויט־אַרמייער פאַרפאָרן מיט זייערע צוויי־רעדערדיקע קיביטקעס, האָבן אויסגעשפּאַנט די פאַרמאָרעטע פערד, צעלייגט זיך, צעבראָכט שייטערס פון דאַרע צווייגן, געוויקלט קאַרשן־בלעטער אין צייטונגס־פּאַפּיר און פאַרצויגן. ביינאַכט האָט זיך פון סאָד הינטערן הויז אויפגעהויבן אַ שווער כאָראַל געזאַנג.

אין „רעווקאָם" פון שטאָט זענען שוין געזעסן די שוואַרצע יידישע בחורים, אין פרענטשן, גימנאַסטיאָרקעס און סאַטינענע העמדלעך, אין אָפּגעבליאַקעוועטע גימנאַזיסטישע היטלען. דאָס פיר־שטאָקיקע הויז האָט געררישט מיט יונגוואַרג, אין קלוב מיט די צעצונדענע שויבן האָט אַ כאָר געזונגען:

אַ שאַנד׳ צו די רוימער, אַ שאַנד צו די מערדער,
וואָס האָבן פאַרוויסט אונדזער לאַנד...

מ׳האָט געפילט — אַ נייע וועלט ווערט געבוירן, אין ליידן, אין בלוט־פאַרגיסונג, אָבער אַ פרייע, גליקלעכע וועלט. לאַנג האָבן זיך די רויט־אַרמייער אין שטאָט נישט אויפגעהאַלטן. ווי די שענסטע דערמאָנונג זענען זיי פאַרבליבן פאַרן אונטערגעוואַקסענעם דור, וואָס זייערע עלטערע ברידער און שוועסטער זענען מיטגעלאָפן מיט די באָרוועסע רויט־אַרמייער, ווען די וויַיסע פּאָליאַקן האָבן צוריק אַ שפּאַר געטון פון הינטער וואַרשע, פון יענער זייט בוג.

ס׳איז נאָך געווען העלער טאָג און ס׳איז פאַרכאַפּט געווען מיטן אָנפלייץ פון אַ סך עלעקטריש ליכט. ס׳איז געווען דער נייער וואָקזאַל, אַ געביידע אין אַ פרעמדן סטיל. דער „זיס" האָט אים געפירט לאַנגזאַם. דאָ באַלד איז געווען דער „פרייהייט־פאַרק", אַ גרויסער שטח מיט טיפע, שאָטנדיקע אַלייען, מיט וואַסערלעך, וואָס האָבן געריזלט, מיט סאַזשלקעס, אַרומגעשמעלט מיט אַלטע דעמבעס, טאָפּאָלן, סאָסנעס, קאַשטאַנען. ער האָט זיך געצויגן אין דער ריכטונג צו דער פעסטונג.

— דאָ איז אונדזער „פאַרק פאַר קולטור און אָפּרו"... — האָט דער שאָפער פריילעך דערציילט — און דאָרט זענען די בולוואַרן... דער „ניעווסקי פּראָספּעקט"...

ס'איז, ווי אַמאָל, צוגעפֿאַלן אַ לעבלעכער פֿאַרנאַכט. די טאָפּאָלן זענען דאָ, אַראָפּ גאַס, אין משך פֿון דער צייט ווונדערלעך זיך צעוואַקסן. ער האָט געשפּריזט איך צעשפּיליעטן האַרבסט־מאַנטל, מיט האַלב־פֿאַרלענטע אויגן און זיך דערזען — אַ ייִנגל. דער אָוונט פֿאַלט באַלד צו. ער האָט זיך שטיל אַרויסגעגליטשט אויפֿן גאַניק און איז דורכן סאָד, דורך די הינטער־הויפֿן, אַרויס אויף דער פֿאַרנאַסטי־קער גאַס, צווישן אָנגעפֿאַלענע האַרבסט־בלעטער. פֿון אַלע פֿענצטער שיינען אָנ־געצונדענע ליכט. ייִדן, ווייבער, אָנגעטון אין שוואַרצן, פֿירן קינדער ביי די הענט־לעך, ציען מיט געבראָכענע, לאַנגזאַמע טריט צום אַלטן „גרינעם בית מדרש“. ס'איז פֿאַרטיקע לייִדיקייט אַרום. ער גייט נאָך מיטן טאַטן אין בית מדרש. ער שטייט מיטן טאַטן אין ווינקל, הינטערן אָרון קודש. אַלטע, אורהאַלטע מעלאָדיעס זינגען אין אים. די עלטערע שוועסטער און דער ברודער זענען איך דעם כל־נדרי־אָוונט אויפֿן אַרומגעבראָכענעם סקווערל, צווישן יונגוואַרג. אַלע ליכט און אַלע לייכטערס ברענען אין גרויסן בית מדרש. ייִדן שטייען אין די זאָקן, אין קיטלען, אין טליתים. דעם גאַנצן וואָכעדיקן עול אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך, אויסגעטון פֿון אַלע ערדישע מעשים. זיי שטייען גרייט צום משפּט. און דאָס ייִנגל פֿילט די זעלבע פֿאַרטיקייט דווקא אינעם אַפּיקורסישן ביכל, וואָס דער עלטערער ברודער האָט געבראַכט אין שטוב אַריין; אַ ביכל פֿון אַ ייִדיש־סאָוויעטישן פּאָעט פֿון מינסק, איזי כאַריק. דאָרט זינגט זיך וועגן אַזאַ־אַ פֿאַרטיקן ערב־יום־כיפּור־אָוונט אין אַ ייִדיש שטעטל, אין סאָוויעטישן ווייסרוסלאַנד:

דורכזיכטיק. אומעטיק.
אין שיין דערברענען שוין די אָוונטיקע ליפּעס.
וואָס וועט זיין? ס'וועט באַלד יום־טוב זיין,
און הייזלעך גיסן אָן זיך מיט יום־כיפּור.
אין גרויע הייזלעך ברענען ווייסע ליכט
און ווייסע ייִדן גייען צו כל־נדרי.
עס האָט די לערערין דערפֿילט זיך אומגעריכט —
אַזוי אַליין.
עס יום־טובן נאָך ייִדן!
באַלד וועט ביי די ווערן העל אין שול,
און אויפֿן גאַס איז אויסגערוט און ליידיק.
זי האָט זיך מיטאַמאָל אַ ריס־געטון פֿון שטול,
ווי ס'וואָלט זי עמיץ ווייטיקדיק באַליידיקט.
אין אויסגערוטער בלויקייט פֿון דער נאַכט
שטייען קאָמיוגיסטן אין אַ בינטל.
— פֿאַרוואָס האָט מען קיין אָוונט נישט געמאַכט?
— וווּהין זאָל מען זיך, חברטע, אַהינטון?
— אַזוי־אַזוי, און עפּעס מוז מען טון,

היי, חברים, ברידער מײַנע, יאַטן !
זי איז אַוועק, געבראַכט מיט זיך אַ פּאַן,
און ס'האָט די פּאַן, ווי זי אַליין, געפלאַטערט.
און איינס נאָך איינס, און איינס נאָך איינס,
האָט מען צעשטעלט זיך אין אַ ריי.
און איינס נאָך איינס, און איינס נאָך איינס,
פאַרזינגען זיך שוין אַלע,
אַז ס'האָט דער הימל הויך, אַ בלוילעכער, געבענטשט,
און שטערן זשנען, בלוילעכע, געפאַלן.
נאָר שפּעט, ווען יידן זשנען זיך פון שול צעגאַן
האָט זיך יעדערן געדאַכט —
אין אויסגעגרוטער בלויקייט פון דער נאַכט
גייט אויף אַ ליכטיקע פאַלאַנגע,
גייט אום אַ ליכטיקע פאַלאַנגע
אין אויסגעגרוטער בלויקייט פון דער נאַכט,
און — ס'האָבן יידן זיך פאַרטראַכט...

מאַדנע, ער האָט זי נאָך אַלץ געדענקט, די פּערזן. אָט דאָ, אונטער די אַקאַציעס, האָט ער זיי געלייענט אין ביכל פון יידיש־סאָוו־עטישן פּאָעט, איזי כאַריק. און ער האָט די בענקשאַפט נאָך אַמאָל שאַרף איבערגעלעבט. הצמאָלט... דעמאָלט האָט נאָך איזי כאַריקס שטעטעלע, זרגעץ־ווו, אויך עקזיסטירט אויף דער ווייסרו־סישער ערד, כאָטש דער דיכטער האָט מיט ווייטיק און צאָרן געדונערט — „שטע־טלע, פאַרשווינד !"... די „ליכטיקע פאַלאַנגע" פון דער יוגנט האָט זיך געריסן צום ביקעם, צום שײַנעם. און אויך אָט די גאַס, וואָס ער טרעט אויף אירע גרויסע ברוק־שטיינער, אונטער די ווונדערלעך־פונאַנדער־געוואַקסענע טאָפּאָלן, האָט נאָך עקזיסטירט, מיט טרוימען, מיט ווייטיקן, מיט גרויסע האָפענונגען, מיט אַן עקזאַל־טירטער יוגנט.

ליכט־שפּאַרעס רײַסן זיך דורך די לאָדן. אָט וועט זיך באַלד אויפן גאַניק אויפ־מאַכן אַ טיר. אַ שלאַנק מיידל מיט צעפּלעך, וועט זיך אַרויסשלײַכן און אַוועקזעצן אויף דער נידעריקער באַנק, אונטער די אַקאַציעס. ווי דעמאָלט, שווימט אַרויס די פולע לבנה פון אונטערן שאַרפן אָפּריס פון דאַך. די גאַנצע גאַס ביז אַראָפּ ליגט אין לבנה־שײַן. אַ העלע לבנה־נאַכט איז חודש אלול. ס'איז לינד אין דרויסן. די מאַמע מיט ביידע אונטערגעוואַקסענע טעכטער גייען מיט באַזאַכטע טריט גע־אַרעמט איבערן טראָטואַר, אונטער די טאָפּאָלן. די מאַמע איז פאַרוויקלט אין דער שוואַרצער יום־טובדיקער שפּיצן־שאַל אויף די אַקסלען און ביידע טעכטער קלאַ־מערן זיך צו דער מאַמען. מיט די טעכטער ביי די זײַטן, איז צוריקגעקומען צו איר די מיידלשע בענקשאַפט. זי איז בלייך, די מאַמע, פון פאַסטן, פון פאַרען זיך ביים אַריבערגעבן דעם יום־טוב אין שטוב אַריין. אַ פאַרבענקט געזאַנג טראָגט זיך

פון סקווערל. דאָרט זינגט די יוגנט, צעוואָרפן אויף די בענק, אויפן גראָז. „ס'וועט שפּעט" — זאָגט די מאַמע און זי הייבט זיך אויף מיט די טרעפּלעך צום גאַניק. איר בלייכע געשטאַלט, אין דער שאַל, גליטשט זיך אַדורך דער טיר.

ער האָט אַליין נישט געפילט, ווי ער איז שטיין געבליבן ביים גאַניק, אונטער די אַקאַציעס. ליכט־שפּאַרעס דרינגען אַרויס פון הינטער די לאָדן. אַ פרעמדער גאַניק. פרעמדע אַקאַציעס. און ס'האָט אויפגעטריכט:

אַ דושנער פאַרנאַכט אויף די בולוואַרן... דאָרט האָבן זיי זיך אַמאָל געזאַמלט, די געזעלן און די בייטערקעס, די „צער בעלי חיים" פון 5־טן יאָר... די „זאַבאַסטאָווקעס"... דער אַוועקגעלייגטער פּאָליצמייסטער... דאָ האָבן זיי געחלומט, די באַל־מעלאָכעס, פון אַ שיינער וועלט... דערנאָך — אַן ענלעכער דושנער פאַרנאַכט אין 1931. וואַרעמע טראָפּנס פאַלן. אויף אַ באַנק, אין דער אַלייע, קוקט אַ בלאָנד מיידל פון אַ יאָר זיבעצן אומרואיק אויפן האַנט־זייגערל. דער פאַרבינדלער פון ראַיאָן־קאָ־מיטעט דאַרף אָנקומען. זי איז זיכער, אַז דאָ, אין די נישט־יידישע געגנטן, וועלן די „קאַנאַריקעס" זי נישט נאָכשפּירן. אַ ראַנדעוו־פּאָרל. ווער מען וועט איינפאַלן? דאָ, פון דער זעלבער באַנק, האָט מען זיי אַוועקגענומען. צום לעצטן מאָל. ס'מיידל איז אַלט געווען נישט מער ווי זיבעצן פרילינגען. זי איז געווען ווי אַ פלאַטער פון צאַרטקייט און אומברחמנותדיקער עקשנות. „אוי, ווי איר זענט מיר אַ שאָד פאַר אייער נישט־אויסגעלעבט לעבן"...

איך צופאַלנדיקן אָווונט האָט ער געבעטן דעם שאָפער צו פאַרהאַלטן דעם „זיס".

— זעסט דעם סקווער? — האָט ער אים געוויזן — כ'וועל דאָ אָפּשטייגן. פאָר לאַנגזאַם. וועסט מיך דעריאָגן אויף יענער זייט.

— אַזוי? איר קענט דעם וועג?

— כ'בין, מאָלט איך, אַ היגער...

— אַ היגער?... — האָט אים דער ברייט־פּנימדיקער רוס פלוצים אָנגעקוקט פאַרוונדערט, מיט אַביסעלע חשד, און ער האָט מער גאָרנישט איבערגעפרעגט.

דאָס שטאַכעטן־טירל האָט זיך שטיל פאַרלענט הינטער אים. די קאַשטאַנעס, די קליאָנען (די אַמאָליקע!) זענען געשטאַנען אָפּגעשאָטן אין וווּנדערלעכן האַרבסט־גאָלד. די אַלייען — פּוסט. די פיס האָבן ווייך געשאָרשעט אין אָנגעפאַלענעם גאָלד. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן איז ער געגאַנגען, געגאַנגען, צעזעצט ליינקס, פאַרנו־מען זיך אין דער מיטלסטער אַלייע. ער האָט בלינדערהייט געוואָלט צוקומען ביז צו דער באַנק; די באַנק אָן פאַרענטשעס, אַ געשפּאָלטענע, דאָס האָלץ שוואַרצלעך פון רעגנס און שנייען, פון אַלטקייט. זי איז געשטאַנען צווישן די צוויי אַקאַציעס. די ווייסע בליטן זענען אים אַמאָל געפאַלן אין די האָר. זיי האָבן געהאַט אַ זיסע יאַדרע. אָוונטן און נעכט האָט מען זיך געקליבן אַרום דער באַנק. דאָס שול־גלעקל

האָט לאַנג שוין געהאַט פאַרקלונגען. דער לערער משה׳ל, די לערערין חיהלע האָבן זיך געזעגנט מיט די קינדער אויף דער לעצטער שול־פאַרווײלונג, פאָרן לעצטן אַרויסלאָז. „אַצינד, קינדער, גייט איר גלייך אין לעבן אַריין״... „אין לעבן אַריין״... קיינער האָט אָבער נישט געוווּסט צו וואָס מען נעמט זיך. מ׳האָט געמוזט צוהעלפן אין דער היים צו דער ביטערער חיונה.

ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן פון צופיל פאַרנאַכטיקער שטראַלונג, פאַררוקט זיך איבעוויניק, אין שאָטן פון ווייכן „זיס״.

„אַלצדליי מאַכטן — איז אים ס׳ערשטע מאָל געקומען אויפן זינען — האָבן זיך דאָ געביטן — באַלאַכאָוצעס, פעטליוראָווצעס, פאָליאַקן, באָלשעוויקעס. אַלע האָבן זיי דאָ געלאָזן זייערע שפורן. זיי זענען, באַוואָפנטע, אין די אויגן — מאָרד, געגאַנגען אויף אָט דער ערד, ביי זיך. די יידישע טירן און לאָדן זענען אַלעמאָל געשטאַנען פאַרהעמערט. פאַר אַלעמען האָבן זיי געציטערט, די איבערגעשראָקענע יידן, כאָטש זיי זענען אויף דער דאָזיקער ערד געבוירן געוואָרן, צווישן די הילצער־נע, אַרומגעוואַשענע גזסלעך, און זענען לסוף פאַרשוואונדן, אויף אייביק פאַר־שוואונדן״...

צווישן קרייץ אָפגעמעקטע גאַסן האָט ער דעם שאָפער געבעטן צו פאַרהאַלטן. אַ מייערל מיט אָפגעפאַלענעם טינק. ער האָט מיטן אויג געפרווט אויסמעסטן דעם שטח — דאָ האָט עס באַדאַרפט צו שטיין, דאָס הויז פון זיינע עלטערן. אָבער ביי וועמען פרעגן? ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין דער ליידיקייט און באַ־שלאָסן צו גיין אָנקלאַפן אין אַ נידעריק, הילצערן הויז. אַ ציג האָט זיך איבער־געשראָקן ביים פליקן די יונגע בלעטלעך פון אַביימל הינטער די וואַנט. זי איז אַ שפרונג געטאָן. די נידעריקע טיר האָט זיך אויפגעמאַכט. אויף דער שוועל איז געשטאַנען אַ בלייכע פרוי, די האָר פון אַ מידן בלאָנד, מיט אַ טיכל פאַרבונדן אונטערן האַלדז. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַן אומרואיקן בליק.

— כ׳פאַרשטוי... — האָט זי זיך די ערשטע אָפגערופן — איר זענט אַוודאי געקו־מען זוכן די אייעריקע... פון די וויטע שטעט קומען זיי דאָ אַראָפּ אַהער פון צייט צו צייט... פרעגן זיך אויס... דרייען זיך דאָ אַרום אַ טאָג־צוויי און פאָרן צוריק אַוועק...

— דאָ איז אַמאָל געשטאַנען דאָס הויז פון מיינע עלטערן... — איז ער איר שטיל נאָכגעגאַנגען אין דער טיר אַריין.

— מיר זענען נישט קיין היגע... קויבישעווער... מיין מאַן אַרבעט דאָ אין „עלעקטראָסטראָי״...

צוויי בלאָנד־האָריקע קינדער, אַ יינגעלע און אַ מיידעלע, זענען געזעסן ביים טיש און געזופט פון זעלבן טעלער מילך. די געלע קאַץ, מיט אַן אויפגעשטעלטן עק, האָט זיך געריבן אַרום זייערע אַראָפּהענגענדיקע באָרוועסע פיסלעך.

— זיצט! — האָט זי ליבלעך געבעטן — באַלד וועט מיין מאַן קומען פון דער

וואַכטע. איך ווייס נישט מיט וואָס איך צו טרייסטן. די מלחמה האָט אחנדז, ווי איר זעט, אַלעמען אויסגעוואָרצלט און פאַרוואָרפן ווייט פון דער היים...

די קינדער האָבן זיך בייגעריק אַרומגעשטעלט, איינגעקוקט זיך אין אים מיט אויפגעריסענע אויגן. די מוטער האָט זיי געגלעט די בלאָנדע קעפּלעך.

— מאַמינקע... — האָבן זיי אָנגעקוקט דעם פרעמדן — ווער איז ער, דער דיאַדיאַ ?...

ער איז נאָך אַביסל אומטערגעזעסן, שטיל אויפגעהויבן זיך און איז שטיל אַרויס. ער איז אַוועק צוריק דורך די גאַסן פון זיין קינדהייט, צום נייעם וואָקזאַל, וואָס האָט אים, דאָסמאָל אויף שטענדיק, צוריקגעפירט, ווייט אַוועק פון זיין אונ־טערגעגאַנגענער וועלט און פון זיין יוגנט.

1957

מיט שלום אַשן אין ניס

כ'האָב לייכט צוגעלענט די אויגן קעגן נאָכמיטאָגדיקן בלענד פֿון דער מיל־דער דרום־זון. זי האָט זיך געגאָסן אין בריטע זיילן דורך די הויכע פֿענצטער אין רחבֿותדיקן זאַל פֿון „האָטעל קאָנטינענטאַל", אין ניס. דער פּאַרטיער האָט מיר נאָרוואָס פֿייערלעך געמאָלדן, אַז שלום אַש וועט באַלד אַרונטערקומען.

מיט אַ טאָג פֿריִער זענען מיר געזעסן אויף אַ שטול, ביים ים, ווו ס'רוישט לענג־אויס דעם ברעג די פּילפּאַרביקע „פּראָמענאַד דעז אַנגלע". דער סילועט פֿון דער גלייך־צעשטעלטער פּאַלמען־אַליי האָט אַוועקגעפֿירט צום טיפֿן פּאַרק, האָט זיך ערגעץ פֿאַרלוירן, און כ'האָב אַ רגע, צום וויפֿלטן מאָל שוין, איבערגעלעבט יענעם ווייטן כישוף, וואָס צאַפּלט אין יעדן פֿון אונדז ביים געדאַנק פֿון לאַנג־דורכגעלייענטע ביכער, צו וועלכע מען פֿאַרכט זיך נאָך איין מאָל צוצורירן; ווייל מ'האָט אַלץ מורא זיי זאָלן נישט פֿאַרלירן עפּעס פֿון ווייטן, האַלב־פֿאַרגעסענעם יוגנטלעכן אַראָמאַט, אין וועלכן זיי האָבן זיך אַמאָל פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט. ווייל ביכער פֿון אַלץ — טרוימען מיר דאָך איבער די ביכער. אָן שום ספֿק האָט יעדער פֿון אונדז, ווען ס'איז, איבערגעלעבט עפּעס ענלעכס.

און וואָס, האָב איך זיך פֿונדעסטוועגן געפֿרעגט קיל, איז פּאָרט באַשטאַנען יענער כישופֿדיקער בלענד פֿון שלום אַש'ס רעאַלער און אויסגעטראַכטער וועלט, ווו מיר זענען פֿאַרכאַפּט און געפֿאַנגען געוואָרן ? ס'איז געווען די ווייסל־לאַנדשאַפֿט, די ברעגן ביי די סלאַווישע טייכן, וואָס שלומערן אין יעדן ייד פֿון פּוילן, ליטע, פֿון אוקראַינע, צי פֿון ווייסרוסלאַנד. ער איז געווען די אַנטפּלעקונג, וואָס דורות יידן האָבן טיף אין זיך געטראָגן. אפֿשר נישט אַזויפֿיל די רעאַלע אַנטפּלעקונג, ווי די געשיכטלעך־אויסגעחלומטע, וואָס גרענעצט זיך מיט פֿאָלקס־לעגענדע. אַש האָט די שענסטע פֿון זיינע ווערק פֿאַר אַלעם אויסגעחלומט, אַרויסגעזונגען פֿון זיך, ווי אַן העראָישן פֿאָלקס־עפּאָס. ער איז דער עפּיקער און דער חלום־דיכטער פֿון ייד ביי די אַלטע סלאַווישע טייכן. כאַפּט מען זיך אויף אַ ביסל ניכטער, קוקט מען מיט אַנדערע אויגן אויף אָט דער וונדערלעכער, אויסגעטראַכטער וועלט, וועלכע דער מייסטער האָט באַשאַפֿן.

זיך מער ווי א האלבן יארהונדערט ווי שלום אש שטייט אין דער סאמע מיט פון האסטיקן, אימפעטיקן גאנג אין אונדזער ליטעראטור. ער האט אין סך־הכל פון זיין רייך, פילפארביק שאפן כולל געווען דורות יידיש לעבן, פון אונדזער צייטאלטער און אין צוריקבליק אויף אונדזער געשיכטע. ער טרעט נאכאנאנד אויס בייע שליאכן, טראגט זיך מיטן אימפעט פון א מעטעאר און מיטן הייסן טעמפעראמענט פון געדיכטן, טויזנט־יאריקן פוילישן יידנטום. זיין קינסטלעריש אויג רוט נישט. ער כאפט ארום אלץ נייע שטחים, און ביז אין די טיפע זיבעציקער פון זיין רייך, שאפעריש לעבן האט ער נאך אלץ איינגעהאלטן אין זיך דעם גאנצן אימפעטיקן יוגנטלעכן פלאם.

אין זיין גאנץ שאפן פילט מען די גרויסע ליבע צום פאלק, נישט געקוקט אויף אלע זייטיקע השפעות, סיי אין זיין נאאיווער סענטימענטאליטעט, סיי אין זיין אידייאישער נישט־קאנסעקווענץ. און כאטש שלום אש איז לאנגע יארן געווען אפגעריסן פון די שפרודלדיקע קוואלן פון יידישן פאלקסטום, האט עס נאכאנאנד געיערט אין אים. אין די דרייסיקער יארן, ביי דער געלעגנהייט צום פארעפנטלעכן זיין „תהילים־ייד", האט ער עס אליין אפן מודה געווען, אז ער קערט זיך אום צו דער פארגאנגענהייט פון פוילישע יידן נאר הערפאר, ווייל ער איז וועגן דער טרויעריקער קעגנווארט פון יידן אין פוילן נישט בכוח צו זאגן זיין ווארט און אוודאי נישט צו געפינען קיין לייזונגען.

ער איז דער צפיקער און דער חלום־דיכטער פון יידן ביי די סלאווישע טייכן. ס'איז אונדז גוט צו חלומען מיט האלב־צוגעלענטע אויגן און זען — דאס הייזל ביי דער ווייסל אין ווינטערדיקן, פארוויקעטן טאג, ווי איינגעהילט אין א טלית; דאס הייזל אין שבתדיקן זומער־טאג, ווען אפילו דער טייך פליסט אין שבתדיקער מנוחה; דעם שליאך הינטער די ווערבעס. זיי ציען זיך אויסערן שטעטל, ערגעץ אין דער וויטער, אומבאקאנטער וועלט אריין; די געזונטע, איינפאכע יידן, פישער, טראגטוע־טרייבער; די ווזיע פון לובלינער יאר־יריד און פון מיסטישן שניידערל, דעם ל"ו־ווניק, וואס האנדלט מיט בטחון; די ראזע פארנאכטיקע הימלען איבער אלט־לובלין אין 17־טן יארהונדערט. עס בושעווען איבער אוקראינע און פאדאליע כמעלניצקיס קאזאקן; ווען ס'קומט זיך צונויף דער וועד ארבע הארצות, צו באטראכטן אנגעוויטיקטע יידישע ענינים, פון אלע וויט־צעווארפענע יידישע קהילות; די עדה בגילופנדיקע יידן, וואס לאזט זיך אוועק אין דער פול־איבערגעפאקטער בויד מיטן ערב־שבועותדיקן, הויך־אויפגעגאנגענעם סטעפ, אויף א חתונה...

שלום אש האט, מיין איך, טיפער ווי אנדערע, באנומען פרצ'ן. פאר אש'ן איז פרץ דער גרויסער שבת־יום־טובדיקער ייד, וואס האט זיך ארויסגעהויבן איבער דורות און איבער בערג־שפיצן. פרץ איז פאר אים דער נישט־געקרוינטער פאלקס־טאטע. מיר געפינען די דאזיקע טיפע שעצונג, סיי אין זיין בוך „ווארשע", סיי אין זיין „בוך פון צער", וווּ ער באשרייבט דעם שטראם פליטים בעת יענער וועלט־מלחמה, צווישן דער אנגעלאפענער עדה יידן, אנטרונענע פון זייערע הפקרע היימען, אין הויף פון דער גמינע; די בליכע יידישע קינדער; און אין דער מיט — פרץ. יעדעס

מאָל, ווען ער רירט זיך צו אין זיין שאַפן צו דער פּוילישער ערד, פילן מיר אין אים אָט דעם ציטער. אַש איז נישט קיין אויסגעטראַכטער פּרצ׳יאַנער, וועלכער לייגט אַריין אין אים כליערליי, אָפּט אויסגעמוטשעטע אידייען, נאָר ער טראָגט אים טיף אין זיך, אין זיינע דינסטע פילונגען און שפּירונגען.

פּרץ איז געווען דער פּריליגדיקער קנאַפּ פון יידישן קולטור־רענעסאַנס, די ריפּצ, פונאַנדערגעוויקלטע בלום איז — שלום אַש. נישט ה. ד. נאָמבערג, נישט אברהם רייזען, זענען די אייגנטלעכע תלמידים פון פּרצ׳ן. נאָמבערג איז נאָך אין יונגע יאָרן, אַרום 1905, גיך אַריינגעפאַלן אין שוואַרצן פּעסימיזם, אונטערן איינפלוס פון די דייטשע אידעאַליסטישע פילאָזאָפן, אַפילו אונטערן איינפלוס פון דער אַרציבאַשעווישטשינע; רייזען האָט צופיל רעאַל, אָרעמאַנסקע אויסגעדריקט די וועלט פון ניכטערן ליטווישן ייד. די נשמה פון די שבת־יום־טובדיקע יידן, אין זייער הויכער עקזאַלטאַציע, אין זייער אַלץ־פאַרברענענדיקער התלהבות, האָט אַש גע־טראָגן אין זיך. פּרץ אַליין האָט זיך אַ לעבן־לאַנג געמאַטערט, כסדר איבערגע־שטראָכן און איבערגעאַרבעט און איז סוף־כל־סוף נישט געבליבן צופרידן מיט זיינע אידייען־דראַמען „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, די גאָלדענע קייט״; ער האָט זיי פּאַקטיש קיינמאָל נישט פאַרענדיקט. זיינע ר׳ שלמה׳ס זענען פאַרבליבן שאָטנס, סילועטן פון אידייען. אַש האָט צוזאַמען מיט פּרצ׳עס שבת־יום־טובדיקע יידן, אַריינגעשפּאַנט אין אַ פרעמדן יאָרהונדערט. אָבער אַנטלויפנדיק פון דער ישיבה־באַנק, האָט באַלד דערנאָך אַש׳ן פאַרלאָקט דער ראָמאַנטישער יאַגד־האָרן אין מיצ־קעוויטש׳ס „פּאַן טאַדעאוש״, דער אַלטער בראַנז פון מאַטעיקאָ׳ס לייוונטן אין די קראָ־קעווער און וואַרשעווער מוזייען, די רייכע, שיינע קולטור־וועלט, אויסערן יידישן תחום. ער האָט זיך דערפילט גלייך מיט אַנדערע. אויך ער האָט געגאַרט אויסצו־שטורעמען זיין ליבע צו דער פּוילישער ערד, מיטן זעלבן כוח און מיט די זעלבע רעכט, ווי באָלעסלאַוו פּרוס, ווי וולאַדיסלאַוו רעימאָנט, ווי סטעפאַן זשעראָמסקי. ביז אַש האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגעריסן פונם גורל פון פּוילישן ייד.

נאָך ביז היינט פילט מען נאָך ביי אים אָט די בענקשאַפט; כאָטש ער האָט זיך אַרויסגעריסן, איז אַוועק, האָט פאַרמאַכט די אויגן, נישט געוואָלט, אָדער נישט געקענט מער הערן די טיפע, אינערלעכע טראַנספאָרמאַציעס פון זיין פאָלק ביי די טייכן פון פּוילן אין משך פון די לעצטע יאָרן. ער האָט זיך, אמת, פון מאָל צו מאָל אומגעקערט, אַ כאַפּ צו געבן אַ שטיק רוישנאַף. כדי עס צו פאַרצערן אין זיינע אָפּגעשלאָסענע ד׳ אמות, כדי עס אויסצוטוישן אויף די געמאַרקן פון דער וועלט, אָבער אויך כדי צו באַווייזן די אומות העולם — זעט פון וואָס פאַראַ ווונדערלעכן שטאָף מיר זענען געקנעטן! דאָס איז דער אַספּעקט פון אַש׳ן פאַר די לעצטע עט־לעכע צענדליק יאָר.

ער האָט זיך דורכגעטראָגן ווי אַ מעטעאָר און זיין פייער־וועג וועט אייביק פאַר־בלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור. די צייט, וואָס איז דער שטרענגסטער, אומ־ברחמנותדיקסטער און יושרדיקסטער קריטיקער, וועט זיכער אויסשיילן און אַוועק־

נעמען אַלע צופעליקייטן אינם גרויסן, רייכן שאַפן פון שלום אַש; און דעמאָלט וועט זיך קלאָר אַרויסהייבן דאָס מאָנומענטאַלע פון אַ דורותדיק ווערק, ווי ביי די מייסטער פון אַלע ליטעראַטורן.

דער הויפּט־שטריך אין אַש׳ס שאַפן איז די סטיכיע, די אינטואיציע זיינע. דער פּלאַסטישער אָנגעהויף פון בילדער פאַרפאָלגט אים נאָכאַנאַנד. ער גיסט אים אויס פון זיך מיט שטורעם, מיט איבערמענטשלעכן טעמפּעראַמענט. די מענטשן באַוועגן זיך פאַר אים, און אים דוכט זיך אַלץ, אַז ער גייט זיי נאָך טריט ביי טריט, ער הערט אונטער זייערע רייד, פאָרשט נאָך זייערע באַוועגונגען, פרייט זיך מיט זייערע פרייד, ליידט מיט זייערע ליידן. ער איז איבערגענומען ביז אין די טיפענישן, לויט זייער געמיט־צושטאַנד; ער איז טרויעריש־פאַרליבט און ביז־פאַרהאַסט, ער איז פּאָליטיקאַנער און פילאָזאָף, דילעטאַנט און ערודיט, לעסטערער און הייליקער, שטומער שוויגער, און — פול־איבערגעגאָסן מיט רייד. ער האָט דעריבער נישט קיין צייט און איז אומגעדולדיק צו צערטלען דאָס וואָרט, צו שמידן עס איך פייער, ווי דער גאָלדשמיד, אָדער ווי דער אַלטער האַנטווערקער־מייסטער, דעם איידעלן מעטאַל אויסצופּאָלירן. ער איז אַלץ־מיטרייסנדיקער שטראָם, גליאיקע לאַווע.

ס׳איז אפשר אין אורשפּרונג געווען אַ טיף געפיל, וואָס האָט שלום אַש׳ן, נאָך אין סאַמע אָנהייב פון זיין שעפערישן וועג, געבראַכט אויפן פשוטן געדאַנק וועגן דער אומזיניקער קריג צווישן מענטשן און געטער. דאָס איז טאַקע געווען זיין שיינע דערציילונג „מענטשן און געטער״, וו ס׳דערציילט זיך וועגן צוויי אָרעמע אלמנות, אַ יידישע און אַ פּוילישע. זיי וווינען אונטער איין האַלב־איינגעפאַלענעם דאַך, אין אַ קרום פישער־הייזל ביי דער ווייסל. זייערע מענער זענען אין אַ שטורעם־נאַכט דערטרונקען געוואָרן; זייערע זין זענען אַוועק קיין אַמעריקע. יעצן ס׳רעגנט אַריין, ביי דער יידענע ווערן דורכגענעצט די ווענט, נעמט זי איר אַריין צו זיך, די פּוילישע שכנטע. ס׳איז אָבער פרייטיק־צונאַכטס. די יידישע פרוי בענטשט ליכט, עסט איר אָרעמען שבתדיקן מאָלצייט און קען נישט אויפהייבן דעם קאָפּ צום הייליקן בילד, וואָס, האָט זי מורא, וועט פאַרשוועכן דעם הייליקן שבת פון איר יידישן גאָט. די געטער זענען נאַריש צעקריגט, אָבער וואָס זענען די מענטשן דאָ שולדיק ?...

דער דאָזיקער מאָטיוו חזרט זיך אַ סך מאָל, אין אַנדערע וואַריאַנטן, איבער ביי שלום אַש׳ן; אין „איסט־ריווער״ — די טיף־מענטשלעכע פאַרבינדונג פון דער פרומער קאַטוילישער שנור מיטן פרומען ייד, וואָס דאַוונט צו זיין יידישן גאָט און האָט אַזוי שטאַרק ליב דאָס האַלב־יידישע אייניקל. דאָס האָט אַש׳ן אָן שום ספק אויך געפירט ביז צו זיין גרויס, פאַרשריגן ווערק וועגן „נוצרי״.

דער ייד, אין די אויגן פון אונדזערע שכנים, איז נאָך אַלץ מיסטעריע; אָבער שלום אַש האָט זיי געוויזן דעם ייד אין זיין שווערער מי, אין זיין פשטות, אין זיין אָרעמקייט און אין דער גרויסער רייכקייט פון זיין גייסטיקער וועלט. פאַר די

אומות העולם איז אש כולו־עקזאטיק, אבער פאר אונדז בלייבט ער לעבעדיקע לעגענדע פון שענסטן יידישן קולטור־רענעסאנס.

דאס אלץ איז מיר געקומען אויפן רעיון, ווען כ׳בין אין גאלדיקן, דרומדיקן דעצעמבער־נאכמיטאג געזעסן אין רחבותדיקן האל פון „האטעל קאנטינענטאל", אין ניס; איך האב מיטאמאל דערזען פון טיף זאל, הינטער די קאלאנאדעס, לאנגזאם ארונטערקומען פון די טרעפ דעם מייסטער. כ׳האב געכאפט א בליק אויפן שיינעם גרויען קאפ פון שלום אש׳ן. ס׳איז געווען צער און פארטראגנקייט אין די קישעלעך אונטער זיינע אויגן, אין זיין גאנצער זקנישער, אבער פארט יונגער געשטאלט. איך האב זיך אויפגעשטעלט און בין אים אקעגנגעגאנגען.

אין גאלדיקן נאכמיטאג האט אונדז דער וועג, ווי געווינלעך, אראפגעפירט צום שטראנד, ביים מיטללענדישן ים, וואס ביי זיינע ברעגעס האט ער אלעמאל אזוי ליב געהאט צו חלומען, שלום אש. ס׳איז צוריק געווען אין אים די פלינקייט פון א יונגערמאן, ווען ער האט האסטיק א גיי געטון צום עק טראטואר, אריבערצואיילן די גאס, פארשטעלט פון א לאנגער קייט וואגנס. ער האט די פרוי זיינע דערזען פון דער ווייטן, אין דער פאלמען־אליי, און זיין ווארעמער שמייכל האט א בלאנדזשע געגעבן אריבערן שטראם אויטאס. „קומט" — האט ער געזאגט, און מיר האבן פלינק דורכגעשניטן די רוישיקע ארטעריע.

אין זיין פארטראגן רעדן האב איך נאך אלץ, מיט אומבאוווסטער פרייד, ארויסגעפילט דאס, אביסל שאקירנדיקע פאר מיין אויער, געדיכטע יידישע לשון פון יענע פוילישע שטעטלעך אויף דער פעטער מאזאווישער און קויאווער ערד; דאס לשון פון די געזונטע סעדער־יידן, די פערד־הענדלער, די טראטווע־טרייבער אויבער דער ווייסל, די פארפעדערטע קרעטשמערס, די בלייכע בית־מדרש־יידן, די פשוטע תהילים־זאגערס, וואס האבן זיך שווער און שטומפיק געמאטערט איבער א בלעטל עברי. פון דער דאזיקער ראסע יידן וואקסט ער ארויס, שלום אש. א סך שטומע גייסטיקע און פיזישע ענערגיע האט זיך אוודאי באדארפט האבן אנגעזאמלט ביי די יידן אויף הער דאזיקער ערד, זיבט דורות. ס׳האט געמוזט קומען איינער פון זיי, וואס זאל די דאזיקע שטומע ענערגיע ארויסשטורעמען פון זיך.

קיין ניס האט ער זיך צוריקגעקערט נאך די אלע טראגישע יארן. ער האט געמיינט, אז די ווארעמע, צויבערדיקע פלארידע, אין אמעריקע, וועט שוין פארבלייבן זיין היים. אבער אט האט עס אים פון דארט אויך ארויסגעטריבן.

די טראנספארט־ און יאכט־שיפן, וואס ציען פארביי פון די איטאליענישע ברעגן קיין מארסעיל, פארשווינדן אין פלאקער פון דער זון, וואס נייגט זיך. די „פראמענאד דעז אנגלע" איז, ווי דעם גאנצן טאג, שטארק באלעבט. דא זיצט שלום אש פארמיטאג געמיטלעך אויף א בענקל, ציט פאוואליע ארויס די בריל אויפן שניירל פון אויבערשטן וועסטל־קעשענע און בליקט אריין אין א יידישער צייטונג פון פאריז. ער שמועסט זיך געמיטלעך אויס מיט די יידן, וואס כאפן זיך אראפ אהער אויפן קאטן ד׳אזיר. צווישן מנחה און מעריב קומט ער צוגיין אין שולכל. דער

שמש, אַ דייטשער ייִד מיט אַ בערעטל, טראָגט אים אונטער אַ בענקל. אַש זיצט לאַנג, שווייגנדיק. ס׳קומען ייִדן אָפּזאָגן אַ וואָכעדיקן קדיש; ס׳קומט אַ ייִד פֿאַרהערן זיך בר־מצווה־ייִנגל, ווי ער לייענט אין ספר. אַש קוקט לאַנג אין דער מתנקל אַריין. טרערן רינען אים איבער די אָנגעלאָפענע קישעלעך אונטער די אויגן.

ער הייבט זיך אויף און לאָזט זיך גיין אין גאָלדענעם פֿלאַקער פֿון דרומדיקן זון־פֿאַרגאַנג; דער טראָט זיינער — אַביסל געבויגן, ווי ער וואָלט געטראָגן אויף די אַקסלען די שווערע לאַסט פֿון דורות ייִדיש לעבן.

ניס, 1954

וועגן די ווערק פון ב. שלעווין

דער צווישן־מלחמהדיקער דור יידישע שרייבער אין פוילן איז, דירעקט, אָדער אומדירעקט, געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון די הייסע רעוואָלוציע־וויבטן אין רוסלאַנד און פון יידיש־וועלטלעכן קולטור־רענעסאַנס. ס'איז געווען די קורצע איבערגאַנג־עפּאָכע פון גרויסע אידייען און פון טיפן יערן אין יידישן לעבן. דער דור איז טרויעריק פאַרשניטן געוואָרן. ער האָט אָבער געלאָזן נאָך זיך אומפאַרגעסלעכע שפּורן אין אונדזער גייסטיקן שאַפן.

ב. שלעווין איז אַ פּראָדוקט פון אָט דער עפּאָכע. אין זיין שאַפן קומען צום אויסדרוק די אידייען־שטרייטן פון זיין צייט, דאָס שטורמישע געמיט פון פּשוטן יידישן מענטש און פון דער יידישער אינטעליגענץ.

„צווישן ווענט", דערציילונגען, וואַרשע, 1933

מיט זיין ערשטן בוך נאָוועלן „צווישן ווענט" האָט ב. שלעווין זיין יונגן שאַפן פאַרבונדן מיט די געשעענישן פון אונדזער צייט, מיטן שטייגער, מיט דער מיליע, מיט די שטימונגען און סאָציאַלע שטרעבונגען; מיט די, וואָס זייער סאָציאַלער פּראָטעסט איז „צווישן ווענט" דערשטיקט. זיינע פּערסאָנאַזשן באַוועגן זיך אין אַן אַטמאָספער פון שוואַרצער פּראַצע, עקספּלואַטאַציע, טיפע מענטשלעכע ליידן און פאַרדריגעטן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. ס'איז די אַטמאָספער, ווו „ס'הילכט דאָס מעטאַלענע געשריי פון צעגליטן אייזן אונטער די פּודיקע האַמערס", ווו „ס'זייען זיך קללות דורך פאַרפּרעסטע ציין" און ווו אויסגעהאָרעוועטע הענט — „זענען לעבעדיקע עדות פון זייער תמימותדיקער אומשולד". שלעווינס טיפּן: יידישע יוגנט, „טאָג־מענטשן", פּויערים, אַרבעטער, וואָס קומען אָפּ זייער לעבן אַרום בריקן און גאַרבאַרניעס, אין די קיכן פון רייכע הייזער, אָדער אין קאַזאַרמע. אין דער אַטמאָספער פון פאַריאָכונג, הויבן זיך אָן אין הערצער און מוחות דערוועקן: קלאַסן־אחריות, קאַמף.

אויף שלעווינס דערציילן ליגט נאָך דער לייכטער השפּעה־הויך פון בערגעלסאָנישער שטימונג, פון זיין ליריש־אימפּרעסיאָניסטישן מאַניר. די דערציילונגען פאַרמאָגן שפּאַנונג, עקספּרעסיע, דינאַמיק. אין דער דערציילונג „אַן איינקל" באַ־

ווייזט שלעווין, אַז ער האָט אַן אָפֿן אויער פֿאַרן פֿאָלקסטימלעכן דיאַלאָג. די דערציילונג אָטעמט מיט דינעם, שטילן טראַגיזם. דאָס מיידעלע ראַיאַ וואָלט מיט דערפֿאָלג געקענט אַרײַן אין אונדזער אָרעמער קינדער־לעקטור. אין דער דערציילונג „אין שרעק" — אַן אייגנאַרטיקער טאָן, טרעפֿלעכע אָבסערוואַציע. אַן אינטערעסאַנטער פּסיכאָלאָגישער פּרוּוו צו שילדערן אַן אַלטע אַריסטאָקראַטיש־מאַניאַקאַלישע פּריילן, וואָס לעבט איינזאַם אין איר פֿאַרלאָזן הויז.

ב. שלעווינס ערשט בוך איז אַן אָנזאָג אויף אַ נײַעם פּראָזע־טאַלאַנט. פֿון דער פּלעיאַדע יונגע פּראָלעטאַרישע בעלעטריסטן צייכנט זיך ב. שלעווין אויס מיט זײַן קלאָרער, אָפּגעהיטער שפּראַך, מיט זײַן פֿײַנעם קאָנצענטרירטן סטיל.

(מיכאל נאַטיש)

די טעמאַטיק פֿון דער היינטצײַטיקער ליטעראַטור באַוועגט זיך דער עיקר אַרום דער אַקס פֿון אַזוי גערופֿענער לאָיאַליטעט פֿון דער אָרדענונג. עס איז אָבער נאָך נישט געווען אויף דער וועלט אַ געזעלשאַפֿט, וווּ אַ טייל, ווייניקסטנס, זאָל נישט טראַכטן „אומלעגאַל". די הינטער־קוליסן־טעמעס רײַסן זיך אַרײַן אין דער נײַער ליטעראַטור. דער באַנד נאָוועלן פֿון ב. שלעווין איז איינער פֿון די סימפּטאָמען אין דער ליטעראַטור.

ב. שלעווין איז דער עיקר אַ רעאַליסט. עס אינטערעסירן אים אויסשליסלעך פּראָבלעמען פֿון דער ווירקלעכקייט. עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די רײַפֿע פֿאָרם ביים אָנפֿאַנגער. ער צילט אויך צו קאָמפּאָזיציע. די קאָמפּאָזיציע פֿון אַ נאָוועלע איז, ווי באַקאַנט, דאָס סאַמע שווערסטע. (לעאָ פֿינקעלשטיין)

ב. שלעווינס טעמאַטיק נעמט אַרום דאָס דאָרף, די קאַזאַרמע, די תּפֿיסה, דעם הינטערגרונט פֿון די שלאַכטן בעת דער מלחמה; דאָס זענען פֿאַרשיידענע אָפּשניטן פֿון איין גרויסן פֿראָנט. פֿון דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז שלעווינס בוך איינהייטלעך. עס מערקט זיך אַן אינערלעכער סטיליסטישער גרענעץ צווישן נאַטוראַליסטיש־אימפּרעסיאָניסטישן סטיל־נעפּל און דער דינאַמיק פֿון דערציילטן. זײַן שפּראַך איז זאַפֿטיק, קלאַנגפֿול, ריטמיש. דער שרײַבערישער רוי־שטאָף איז טעכניש באַהערשט. שלעווינס פּסיכאָלאָגישער דעטאַל קריצט זיך אײַן אין זכּרון; אָריגינעלע ווערטער־קאָנסטרוקציע, געזונטער בוי פֿון זאַץ; ריכטיקע פּסיכאָלאָגיע, סבֿיבֿה און שטימונג, סובטעל, נישט מעלאָדראַמאַטיש. (ב. מאַרק)

אין די נאָוועלן קען מען לײַכט אויסטיילן און אָפּזונדערן די רײַן־בעלעטריסטישע עלעמענטן פֿון יענע, וואָס זענען בלויז טראַקטאַט. ב. שלעווין הויבט אָן נישט דרייסט, פֿאַרטשעפּעט זיך טעמע פֿון אַלע זײַטן. ער איז דורכאויס אַ סאָציאַלער שרײַבער. ער זעט קודם־כּל מענטשן אין געזעלשאַפֿטלעכע קאַטעגאָריעס. מען דערפֿילט, אַז מ'האָט דאָ צו טאָן מיט אַ קינסטלער, וואָס זעט. אין די בעסערע ערטער הערט דער לייענער אויך אויף צו לייענען און ער הויבט אָן צו זען. דאָס איז דער סימן מובהק פֿון אַ קינסטלער: ער באַנוצט זיך מיט די חושים און ווירקט אויך אויף די חושים פֿון אַ צווייטן. (שמואל זאַראָמב)

ב. שלעווין טיילט זיך אויס פֿון זײַנע צײַט־חבֿרים דערמיט, וואָס ער איז לגמרי פֿרײַ פֿון דער רעוואָלוציאָנערער פּראַזע, הגם זײַן טעמאַטיק איז דורכאויס אַ סאָציאַל־רעאַליסטישע. זײַן ציל איז נישט צו גיין אויף אויסגעטרעטענע וועגן, נאָר

אויסצוטרוקנען ייִע וועגן, וואָס דאָס לעבן אַליין צייכנט אָן. ס'איז די טראַגיק פון אַ עפּאָכע, מיט וועלכער די פּויליש־יידישע ווירקלעכקייט איז דורכגעדרונגען. ער וויל אונדז נישט נעמען מיט פאלשן, שרייענדיקן פּאַטאָס.

(אהרן בעקערמאַן)

„גרויע פּראָפילן", דערציילונגען, פּאַריז, 1937

די אַכט דערציילונגען פון „גרויע פּראָפילן" געהערן יעדע פון זיי צו אַ באַשטימטער וועלט און כאַראַקטעריזירן אַ געוויסן סאָציאַלן שטריך. די דערציילונגען: „שטייערן", „די, וואָס קומען", „אַ פּראָטאָקאָל" און „דער הייצער אַנדריי גראַמאָוו" האָבן אַ שייכות צו פּוילן; בעת די דערציילונגען „קריינדל", דער „אַלטער טאַטע", „פּאַריזיאַדע" און „דאָס פּעטערל", זענען שוין פּרוּוון צו געשטאַלטיקן דאָס לעבן, די יידישע ווירקלעכקייט אין פּאַריז. „גרויע פּראָפילן", אָבער מיט אַ קעמפערישן גייסט. ס'איז דער רעאַליזם פון סאָציאַלן לעבן און ביי די ראַנדן פון לעבן בלאָנקען אום די גרויע מענטשן; און ב. שלעווין האָט זיי אויפגענומען נישט בלויז אין בילד, נאָר אויך אין זייער טיפקייט; אַן אייגענער טאָן, אַן אייגענער ניגון, מוזיקאַלישקייט אין דער שפּראַך, אַן צלעגיש נאָטקעלע טראָגט זיך צווישן די שורות. לייענענדיק דאָס בוך, האָבן מיר דעם איינדרוק, ווי ס'וואָלט געקאַפּעט נאָכאַנאַנד אַ דראָבנער האַרבסטיקער רעגן.

די פּאַריזער דערציילונגען זענען דער קרומער שפּיגל פון אונדזער לעבן, וואָס איז אַן עמיגראַנטיש, נישט נאָרמאַל לעבן. דאָס יידישע לעבן אין פּאַריז האָט נאָך נישט געפונען ביז איצט אַזאַ קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג. (וו. וועוויאָרקע)

אויסגעוואָרצלטקייט, געראַנגל פאַר עקזיסטענץ — די דאָזיקע מאָטיוון באַהאַנדלט ב. שלעווין אין זיין בוך „גרויע פּראָפילן". און כאָטש אויך אין פּאַריז זענען די באַדינגונגען פאַר זיין שאַפן געווען שווערע, האָט ער געפיילט און געשניצט זיינע „העלדן פון דער צייט" מיט אַ סך התמדה. אין זיין קינסטלערישער וויזיע האָבן זיך שוין אָנגעצייכנט די נאָכקומענדיקע, ברייט־ליריונטיקע ראָמאַנען „דער מאַרש אויף בריסק" און „די יידן פון בעלוויל", וואָס האָבן קלאָר אַוועקגעשטעלט זיין פּאָזיציע אין דער יידישער ליטעראַטור. (ש. מיצמאַכער)

„דער מאַרש אויף בריסק", ראָמאַן, פּאַריז, 1938

ס'איז געווען אַן אַנדערע, אַ גליקלעכע צייט. ס'האָט נאָך געלעבט אַ געזונט יידיש פאָלק אין מזרח־אייראָפּע. די היטלערישע חיה רעה האָט שוין געשטשירעט די ציין, אָבער די האָפענונגען זענען געווען גרויס, פאַר דער צוקונפט, אַז ס'וועט העלער און ליכטיקער ווערן אויף דער וועלט, און אויך אין יידישן לעבן.

ב. שלעווין האָט אין פּאַריז פאַרענדיקט זיין ערשטן ראָמאַן „דער מאַרש אויף בריסק"; אַ שטיק צאַפּלדיק לעבן פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט אין יענעם צווישן־מלחמהדיקן פּוילן. דעם 8־טן יוני 1938 האָט די „פראַנצויזישע סעקציע ביים אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד" איינגעאָרדנט אַן אָוונט צום דערשיינען פון בוך. אין דעם אָוונט האָבן אָנטיילגענומען: זלמן שניאור, דניאל טשאַר־

בי, ה. סלאָוועס, א. גאַליציק (מוניע נאַדלער, וועלכער איז אין 1942 דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן אויפן מאָן וואַלצריען), דער קריטיקער אַהרן בעקערמאַן (דעפּאָרטירט אין 1943). אין זיך אַרויסטריט אויפן אָוונט האָט ב. שלעווין געזאָגט:

„וואָס פּאַרא אומרו האָט מיר געטריבן צו שרייבן מיך ראָמאַן „דער מאַרש אויף בריסק״? די איבערלעבונגען זענען נאָך וואַרעם. עס וועט נישט שווער זיין נאָכצוגיין די שלאָפלאָזע נעכט ביים פאַרשרייבן דאָס איבערגעלאָדענע געמיט, ווען עפּעס לויכט אין דיר אויף מיט אַזאַ שטילער, ווילדער פרייד. דער היימישער שטייגער, פון וועלכן מיר אַלע וואַקסן אַרויס, סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין לעבן, רוקט זיך ביסלעכווייז אָפּ. איך האָב געזוכט „דעם העלד פון אונדזער צייט״ אין די ביכער און האָב אים נישט געפונען; און דער העלד פון אונדזער צייט איז דער אַנאָנימער מענטש פון פאָלק. ער ראַנגלט זיך פאַר אַ ביסל זון, פאַר אַ שטיקל ברויט, פאַר זיין נאַציאָנאַלער קולטור, פאַרן רעכט איינצואָטעמען לופט, אויסער די תפיסות, געטאָ׳ס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

„מיך האָט געטריבן דער אומרו פון דער יוגנט, וואָס ס׳איז זיי פאַרבאָטן יונג צו זיין. זיי פאַרגרעסערן טאָג־טעגלעך די גרויסע אַרבעטסלאָזע אַרמיי. זיי דרייען זיך אַרום איבער די האַרבסטיק־אויסגעליידיקטע שטעטלעך. אין די פאַרשטיקטע בוידעם־שטיבלעך פיבערן זיי מיט דער שעה פון אויסלייזונג. זיי חלומען זיך הונגער־מאַרשן איבער די ברוקן. אָבער אויך דאָס רעכט צו חלומען נעמט מען ביי זיי אַוועק. אין אויסגעלאָשענע נעכט קלאַפּט מען ביי זיי אין די הינטער־טירן, און, געשמידטע אין קייטעלעך, פירט מען זיי אַוועק אויף לאַנגע יאָרן אין די תפיסות, אין קאָנצענטראַציע־לאַגער קאַרטוז־בערעזע. זיי, די אַנאָנימע העלדן פון אונדזער צייט, ווידמע איך מיין בוך, ווייל זייער אומרו איז מיין אומרו״.

זלמן שניאור האָט געשריבן וועגן בוך, ווען ס׳איז דערשינען מיט זיין דירעקטער, וואַרעמער מיטהילף:

„נאָך אַמאָל איבערגעלייענט דאָס בוך. עס איז נישט צו פאַרגלייכן דאָס לייענען שטיקלעכווייז אין אַ צייטונג, ווי דאָס לייענען מיט איין אָטעם, פון טאָוול ביז טאָוול. עס איז ווי עסן סאַנדוויטשעס, ווען מען איז הונגעריק (אין גייסטיקן זינען) און עסן אַ געזונטן מאָלצייט ביי אַ גוט־געגרייטן טיש.

„מיין מיינונג וועגן בוך ווייסט איר דאָך — ס׳איז געזען מיט אָפענע אויגן, אונטערגעכאַפּט מיט אַ פאַרשאַרפטן געהער און די שפּראַך איז געזונט און פולבלוטיק. עס איז אַ ווערק, וועגן וועלכן די בעסערע יידישע קריטיק וועט זיך באַשטימט אָפּרופן מיט סימפּאַטיע, און אויך דער ברייטער יידישער לייענער אין דער גאָרער וועלט״. ז. שניאור, פאָנטעניי סיר בואַ, 15־טער אָקטאָבער 1938.

„דער מאַרש אויף בריסק״ איז אַ דרייסטער פּאַרמעסט, צו פיקסירן קינסטלעריש אונדזער היינטציטיקע רעאַליטעט. די טעמע איז ממש — אונדזער לעבן. דער מחבר בלאָנדזשעט נישט. אין דער גאַנצער צייט פון דער לייזונג־פונאַנדערוויקלונג פילט זיך דעם שרייבערס קאַמף מיט דער איבערגעלאָדנקייט פון מאַטעריאַל און עפּיזאָד. דאָס בוך איז איינגעטיילט אין פיר גרויסע קאַפּיטלען, ריינגען: „איזגאַנג״, „אויף דער קיעווער סלאָבאָדקע״, „בלעטלעך פון אַ יוגנט״ און „וועלדער ברענען״. די טיפן וואַקסן אַרויס שטאַרק און רעליעף, זיי שפּאַרן פונאַנדער די ראַ־

מען פון ווערק. די דינאַמישקייט הערגרייכט דעם הויכפּונקט אין לעצטן קאַפּיטל „וועלדער ברענען“. דאָס איז אַ שטילער ראָמאַן, וואָס פּלאַקערט אויף מיט קראַפט אין מענטשלעכע הערצער, צו אַ נייער וועלט“. (משה גראָסמאַן)

אַט איז אַ קאָמפּלעקס פּראָבלעמען און דערשיינונגען פון אַ לעבנס־שטייגער, וואָס איז נאָך אין דער יידישער ליטעראַטור נישט באַרירט געוואָרן. אין ליכט פון דער רעאַליטעט אין אונדזער לעבן, באַקומט שלעווינס ראָמאַן אַ באַזונדערע באַדייטונג. דער יונגער שריפטשטעלער האָט זיך מיטן גאַנצן ברען פאַרמאָסטן צו געבן אַ קונסטווערק פון דאָזיקן לעבן. שלעווין אַנטפּלעקט פאַר אונדז אַ געוועב פון העראָיזם, עקספּרעסיוו, קלאָר, פּשוט. זיינע טיפּן זענען אוממיטלבאַר, רויע, פּראָסטע, אומגעהובלעוועטע. מיר דערקענען דאָ די אַלט־באַקאַנטע שטעטל־טיפּן, די אַזוי באַזונגענע אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר איצט זעען מיר זיי אין שווערסטן פּעריאָד, אין פּראָצעס פון אונטערגאַנג, פון פונאַנדערפאַל, פון צעשטערטער עקזיסטענץ, פון פאַרצווייפלטן געראַנגל פאַר קיום. (אהרן בעקערמאַן)

די יונגע יידישע פּראָזע אין דער תקופה צווישן ביידע וועלט־מלחמות איז טעמאַטיש רייך אין שילדערונגען פון יידישן לעבנס־שטייגער. אַלע דערשיינונגען, וואָס זענען געווען פאַרוואָרצלט אין דער יידישער טראַדיציע פון דורות, ווערן דינאַמיש אַרויסגעשטויסן פון זייער אַלטער לעבנס־פאָרם, בעת די עלעמענטן פון נייע אידייען זענען נאָך אָן אַ באַשטימטן אויסבליק. ס'איז אַ געראַנגל אויפן שיידוועג פון סאָציאַלן אויפברויז פון די אַרומיקע פעלקער, ווען דער יידישער מאַסן־מענטש מיט זיין באַזונדערן און אָפּגעזונדערטן אופן לעבן, מוז אַנטשיידן זיין גורל, וואָס ליגט נישט מער אין זיינע אייגענע הענט. עס איז דער מידת הדין פון דער נייער צייט, וואָס גייט מיטן אייזערנעם טראָט פון מרידה און קאַמף איבער דער בלוט־אָנגעטרונקענער ערד פון מזרח.

בנימין שלעווינס ראָמאַן „דער מאַרש אויף בריסק“ געהער צו דער יידישער פּראָזע־ליטעראַטור פון יענער גורל־שווערער תקופה פון איבערברוך אין יידישן לעבן, געשריבן אין ניכטערנעם סטיל פון דער רעאַליסטישער פּראָזע־קונסט, מיט אַ רייכן פאַרנעם פון האַנדלונג און באַוועגונג פון די פּאַרשוינען. כאָטש שלעווין איז אין זיין אופן שרייבן מער מאָלער פון בילד, איז אָבער די האַרמאָניע פון דעם ווערק אַ פּסיכאָלאָגישע גאַנצקייט. ס'איז ביים סוף פון דער דייטשער אָקופּאַציע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, און אין סאַמע ברען פון בירגער־קריג אין רוסלאַנד. די רעוואָלוציע שטורעמט און וואַרפט אירע כוואַליעס איבער די גרענעצן קיין פּוילן און פאַרכאַפּט דעם קעמפערישן אימפּעט פון דער אידעאַליסטישער יידישער יוגנט. דער אַלטער אידילישער לעבנס־שטייגער איז צעשטערט, דער אַלטער דור בלייבט אָן אַ באָדן אונטער די פיס, אין אַ שנאהדיקער סביבה, בעת די יוגנט זוכט איר נייעם וועג, ראַנגלט זיך. בריסק איז די גרענעץ־שטאָט צווישן ווייסרוסלאַנד און פּוילן. אין דער אוקראַינע בושעווען די פּעטליורישע באַנדעס, בעת די רויטע אַרמיי מאַרשירט צום טייך בוג. אַלץ איז חרוב פון קריג. אָט ווי שלעווין וויקלט אויף די פּאַנאָראַמע:

„די פריליגדיקע געוויסערן האָבן פיר יאָר נאָכאַנאַנד געשווענקט דעם פּאַרלאָזענעם ברעג, אַלע צעלעכצטע שליוזן און אַלע אויפגעריסענע בריקן פון טאָליקן, נישט־רעגולירטן טייכן־סיסטעם, האָט דאָס אומרואיקע וואַסער מיטגעשלעפּט אין געלן, מוטנעם בוג אַריין. די פינצטערע קופּע הייזער אויפן ליימיקן אַראָפּשיט, אומ־

געדרייט מיטן רוקן צום אָפענעם ווינט, איז געשטאַנען פאַרגאָסן ביז אין דער העלפט״.

אין תוכן־רייכן בוך האָבן מיר אַן אויסשניט פון דער אויפגעטרייסלטער צייט מיט אַלע הפקרותן אין די פוילישע גרענעץ־געביטן. דער הויפט־פאַרשוין פון ראָמאַן, שיע, איז אַ בעל־חלומות. ער איז טראַגיש פאַרוויקלט אין שווערן געראַנגל. די פייך פון זיין יידישער נשמה איז אַ שווערע ירושה פון זיין אומעטיקער בעל־מלאכה׳שער היים, פון די אַלע פאַרלוירענע יידישע מענטשן, וואָס פלאָנטערן זיך אין דער טונקעלער אָרעמקייט פון זיין סביבה און ווערן דערדריקט, געשליידערט און געשטויסן אין געווירבל פון קאַמפן.

די טיפן פון דעם בוך, אויפן פאָן פון דער פאַליצסער לאַנדשאַפט, זענען געשטאַלטיקט פלאַסטיש. די האַנדלונגען וויקלען זיך אָפּ אויף אַ ברייטן פאַרנעם. דאָס איז אַן ערלעך־פאַראַרבעטער וואָרט־קינסטלערישער סטיל פון דער רעאַליסטישער שול. דאָס בוך איז אַ דערגרייכונג נישט נאָר פאַרן יונגן שלעווין, נאָר אויך פאַר אונדזער יידישער ליטעראַטור. „דער מאַרש אויף בריסק״ איז אַ קלאָר־געשריבענער, גוט־קאָנסטרואירטער, געזונט־פאַרטראַכטער, געזעלשאַפטלעכער ראָמאַן. אַ קערנדיק ווערק, גריינטלעך און ערלעך, אין די בעסטע טראַדיציעס פון אונדזערע קלאַסיקער. דער סטיל דערמאָנט ווערטערווייז אין מענדעלעס סטיל. (א. מ. פוקס)

„די יידן פון בעלוויל״, ראָמאַן, פאַריז, 1948

יאָרנלאַנג זענען דעם בעלוויל פאַרבייגעגאַנגענע גרויסע מייסטער פון יידישן וואָרט, שלום אַש, זלמן שניאור, יחזר וואַרשאַווסקי, און קיין טיפיש לעבן נישט דערזען. געציילטע פרווון זענען געמאַכט געוואָרן פון ייִנגערן דור שרייבער, צווישן זיי דער קרעפטיקער דערציילער יאָסל צוקער, פון וועמען מ׳האָט געקענט זייער פיל דערוואַרטן און וועלכער איז אַזוי יונג, קוים עטלעכע און דרייסיק יאָר אַלט, פאַרצוקט געוואָרן דורך דער היטלערישער חיה־רעה. יאָסל צוקער האָט דאָס דאָזיקע לעבן געשילדערט ווי עפעס פרעמד׳ס, „אַ פרעמד לעבן״. ער האָט אָבער שוין דעמאָלט, שטויבענדיק־אינטואיטיוו, פאָראויסגעפילט דעם גאַנג און די אַנטוויקלונג פון אַלע אונדזערע אַנגעוויטיקטע פראָבלעמען. ווי אַ שטרענגער רעאַליסט, האָט ב. שלעווין אויפגעכאַפּט אויך דאָס פאָזיטיווע, דאָס דויערנדיקע, דערזען דעם שטייגערלאָזן שטייגער, האָט געפונען נייע קאָלירן און באַזונדערקייטן. פאַר זיין קינסטלערישן שפיגל גייט פאַרביי דער גאַנצער קאָכיקער שטראָם פון פיזישער און גייסטיקער אויסגעוואָרצלטקייט, ווי דער קאָנטראַסט מיט דער ברייטער, טיף־קוועלנדיקער פראַנצויזישער קולטור. ב. שלעווין האָט מיט פלייס און גלויבן געזאַמלט זיין קינסטלערישן מאַטעריאַל, איז נאָכגעגאַנגען מיט עקשנות די געשעענישן, אויסגעמישט זיך מיט זיי, מיטגעלעבט מיט זיי און אַלץ אויפגעהיט מיט געדולד פון אַ קינסטלער, וואָס קיין שום איינדרוק גייט ביי אים נישט פאַרלוירן.

די יידן פון בעלוויל האָבן איך מאָמענט פון גרויסן נסיון אַרויסגעגעבן פון זיך נישט בלויז האָס קעגן מענטשלעכן שונא, נאָר אויך באַוווסטזיניקן אָרגאַניזירטן יידישן קאַמף. דערפאַר וועט זיין בוך פאַרבלייבן ווי אַ גרויסער קינסטלערישער דאָקומענט פון אַן עפּאָכע.

ב. שלעווין בויט אויף אין זיינע ווערק גאַנצע לעבנס, צומאָל גאַנצע עפּאָכעס.

ער נעמט דאָס רויִע לעבן ווי אַ באַזע און פֿורעמט עס אויס לויט זײַן אימאַזשינאַציע. דאָס לעבן קריגט בײַ אים אַן אייגענעם אָטעם, אַן אייגענעם טעמפּעראַמענט, אַן אייגענעם שטילן הומאָר. שלעווין האָט געלערנט בײַ די גרויסע פֿראַנצויזישע מײַסטער, זאָלאַ און באַלזאַק, סטענדהאַל און אַנאַטאָל פֿראַנס. „די ייִדן פֿון בעלוויל" איז געשריבן געוואָרן אין אַ צײַט פֿון גרויסע אומרוען, צווישן די יאָרן 1939 און 1945. און דאָך איז פֿאַראַן שטרענגע רואיקייט אין זײַן טאָן. דער שטורעם, פֿילט זיך, איז אַן אינעווייניקסטער, דאָס האַרץ ציטערט, אָבער נישט די האַנט.

אַ פֿערטל יאָרהונדערט ייִדיש לעבן שפּילט זיך אָפּ אין דעם בוך. עס הייבט זיך אָן אין פּוילן, וואַרפֿט זיך אַריבער קיין דײַטשלאַנד און פּאַריז. מען דערזעט, ווי דאָס נײַע ייִדישע עמיגראַציע־לעבן בויט זיך, וואַקסט, פֿורעמט זיך. הונדערטער טיפּן און פֿאַרשווינען גייען פֿאַרבײַ אין דעם ווערק; אַלע האָבן זיי זייער אייגן פּנים, זייער אימפּעט, זייער שפּראַך און זייער געדאַנקען־גאַנג. מיר זעען ווי מענטשן גייען צום אומקום, אָבער מיר הערן שטענדיק אַרויס דעם גלויבן אין מענטש, ווי דער העלד זשאַק ענדיקט דעם שלוס־אַקאָרד:

„פֿאַרגעסענע קברים וועט מען מיט הונדערטער יאָרן שפּעטער געפֿינען נאָך זיי און מיר — מיר וועלן ווײַטער לעבן". (פּיניע קאַץ)

דאָס איז אַ בוך, וואָס ווײַזט ווי מען האָט דעם ייִד אין אייראָפּע געשלאָגן, אָבער נישט דערשלאָגן. אין אַן אַרטיקל „אַ וואָרט צו מײַנע רעצענזענטן" האָט ב. שלעווין געפֿונען פֿאַר נייטיק אויפֿצוקלערן:

„וואָס שייך די אָפּהאַנדלונגען איבער מײַן בוך „די ייִדן פֿון בעלוויל", האָב איך אַ פֿאַרלאַנג צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פֿון אונדזער ייִדישן ישוב. אַן אָפּהאַנדלונג איבער אַ בוך איז פֿאַר מיר אַלעמאָל אַ טעזע: די אַבסאָלוטע דעפֿיניציע פֿון דעם בוך און פֿון דאָזיקן מחבר. דאָס הייסט, מיט וואָס איז דאָס בוך אַנדערש פֿון דעם איבעריקן מיליאָן ביכער און דער מחבר — פֿון איבעריקן מיליאָן מחברים. דער שרײַבער, וואָס איז פֿאַרבונדן מיטן פֿאָלק, פֿילט זיך ווי אַ פֿאָרזעצער פֿון דעם, וואָס איז שוין ביז אים געזאָגט און געשריבן געוואָרן. אין יעדער ליטעראַטור, בײַ יעדן נאָרמאַלן פֿאָלק, קייטלען זיך די שרײַבער־דורות. עס געשעט אָפּט, אַז דער געדאַנקען־גאַנג, וואָס איז דורך די פֿאָרגייער ערגעץ שטיינגעבליבן נישט פֿאַרענדיקט, ווערט ווײַטער געפֿירט דורך די יורשים אין דער ליטעראַטור. מיר אָבער גייען פֿון איין קאַטאַסטראָפֿע צו דער אַנדערער; און פּונקט ווי ס'איז געשען די צו־ראַשע אַנטוויקלונג פֿון אונדזער ליטעראַטור אויף ייִדיש אין משך פֿון איין דור, שטייען מיר אַצינד ווידער אין אונדזער געשיכטע פֿאַר אַ נײַעם שפּרונג, וואָס איז נאָך פֿאַר קיינעם נישט קלאָר, וווּהין ער וועט דערפֿירן.

„די ייִדישע פּראָזע לעבט אַדורך אַ טיפֿן קריזיס. זי איז פֿאַרבליבן עקסטעריטאָריאַל. זי קען נישט, ווי דאָס ליד, לעבן מיטן פֿלאַטער און מיט די ריטמען פֿון איין טאָג. אַלץ, וואָס איז אין אונדזער ליטעראַטור קלאַסיש, איז פֿאַרבונדן מיט אַ פֿעסטן באָדן, מיט אַ דורותדיקן שטייגער־לעבן. אויף אונדזער דור איז אויסגעפֿאַלן די טראַגישע מיסיע נאָכצוגיין דעם נײַעם פֿונאַנדערפֿאַל, אָבער אויך די פּערספּעקטיוו פֿאַר אונדזער ווײַטערדיקן קיום. עס איז די געבראָכענע ליניע, וואָס צייכנט דעם וועג פֿון אונדזער שאַפֿן. עס שטייט דערפֿאַר נישט מער די פֿראַגע פֿון שטעטלדיקייט, אָדער נישט־שטעטלדיקייט. מיר זענען שטעטלדיק און גלײַכצײַטיק אויף די שליאַכן פֿון דער ברייטער וועלט. שוין די ערשטע וועלט־מלחמה

האָט געברענגט דעם טיפֿן איבערברוך אינעם קוק אויף אונדזער אַמאָליק טראַדיציאָנעל ייִדיש שטעטל, איינגעוויגט אין אידיליע פֿון ראָמאַנטיזם. עוזר וואַרשאַווסקי, א. מ. פֿוקס, י. י. זינגער, ש. האָראָנטשיק און אַנדערע, זענען געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור מיט זייער שניידנדיקן, שיִער נישט ברוטאַלן רעאַליזם. צי איז זייער שאַרפֿער, קריטישער רעאַליזם געווען קאָנסטרוקטיוו? זיי האָבן אַנטשפּראָכן די ווירקלעכקייט און געוועקט דערמיט די געזונטע קריטיק. אַפֿילו די ייִדישע ליטעראַטור, געבוירן אין קאַמף, איז היינט אַוועק פֿון יענעם רעוואָלוציאָנערן ראָמאַנטיזם. די צייט איז מער נישט דערפֿאַר, ווען אַלץ אַרום איז אַזוי ברוטאַל־נאַקעט.

„מיר לעבן אפֿשר בכלל אין אַן אומקינסטלערישער צייט. נישט אַנרירנדיק אונדזער טיפֿסטן גלויבן אין אַ בעסערער וועלט, זענען אָבער — מוזן מיר מודה זיין — ביזן גרונט צעטרייסלט געוואָרן אַ סך פֿון אונדזערע שיינע האָפֿענונגען. עס שאַדט נישט דערפֿאַר צו זען דעם מענטש קריטיש, וואָס נענטער צו דער רעאַליטעט. ווי שאַרף, ווי קריטיש אונדזערע פֿאָרגייער האָבן נישט געזען ייִדיש לעבן, איז עס נאָך אַלץ נישט געווען פֿונאַנדערפֿאַל, פֿיזישער, מאָראַלישער. זיי זענען נאָך געזעסן אויף אַ באָדן. געזונטע, פֿולבלוטיקע, אינערלעך־גאַנצע מענטשן זעען מיר נאָר אַרומגייק אויף דער ערד, ווו זיי בויען מיט פֿרייד און קעמפֿן מיט האַס.

„אַוודאי איז דאָס ייִדישע פּאַריז, די עמיגראַציע, נאָך אַלץ די שטאָט און דאָס שטעטל פֿון דאָרט. קיין שום עמיגראַציע קען אַנדערש נישט זיין. און ווי ביי אַלע עמיגראַציעס, גייט דער יונגער דור אַוועק פֿון אונדז. אין אַלע עמיגראַציע־לענדער זענען מיר נישט מער ווי דאָס ליים, וואָס ווערט אַריינגעקנעטן אין די נאַציעס, צווישן וועלכע מיר לעבן. מיר פֿאַרלירן אונדזער נאַציאָנאַלן אייגנאַרט און זענען ווי די בלעטער־פֿוילונג, וואָס באַפֿרוכפּערט נייע פֿלאַנצן.

„אויף אַזאַ שאַרפֿן רעאַליזם פֿון אונדזער צייט האָב איך אין מיין בוך נישט געקענט פֿאַרבייגיין. כ'בין ווייט פֿון הוראַ־אָפּטימיזם, פֿון וועלן פֿאַרשרייען זיך אַליין. נישט מיט איראָניע האָב איך געשריבן, נאָר מיט ווייטיק. אונדזער זיידע מענדעלע איז זיכער געווען אַ גרעסערער „אַנטיסעמיט" ווי איך, וואָס שייך ייִדישע שוואַכקייטן. אָבער אויך זיין שאַרפֿע סאַטירע — די סאַמע שאַרפֿסטע — איז געווען קאָנסטרוקטיוו. דער ייִדישער אַרבעטער, דער ייִדישער פֿאָלקס־מענטש, בלויז ער טראָגט מיט זיך פּראָגרעסיווע אידייען, סיי נאַציאָנאַלע, סיי סאָציאַלע. ער ווייטיקט אַמטיפֿסטן איבערן צעפֿאַלונגס־פּראָצעס. ער האָט דאָ איבערגעפֿלאַנצט זיינע קאַמפּס־טראַדיציעס פֿון אונדזערע אַלטע היימען. דאָס שיינע איך אים איז דאָס, וואָס ער האָט אויפֿגעהאַלטן געוויסע נאַציאָנאַלע פֿאָרמען פֿון ייִדישע אַרבעטער, פֿון דער רומפֿולער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. שניידעריי איז נאָך אַלץ פֿאַרבליבן אַ ייִדיש פֿאַך. דערפֿאַר האָב איך דעם ייִדישן אַרבעטער נישט געקענט ווייזן ווי אַן הערקולעס, מיט אָנגעצויגענע מוסקולן. דאָס וואָלט געווען מעלאָדראַמאַטיש, פֿאַלש. דער טיפּ פֿון ייִדישן אַרבעטער און אַרבעטער־אינטעליגענט — אַן אויסגעמאַטערטער פֿון תּפֿיסות, וואָגלענישן. ער איז אַ גריבלער, אַ גרויסער אידעאַליסט, אַן ערלעכער אינטערנאַציאָנאַליסט. צו זיין אַ פֿרייער ייִד, האָט ער אומעטום געקעמפֿט, אויף די באַריקאַדן אין 1905, אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין 1917, אויף די באַריקאַדן אין 1934 אין פּאַריז, אויף די פֿראָנטן אין שפּאַניע, אין דער פֿראַנצויזישער אַרמיי, קעגן פֿינצטערן היטלעריזם, אין דער ווידערשטאַנד. די דאָזיקע גאַנצע מענטשן זענען נאָך אָבער אַלץ אַ פּראָדוקט פֿון דאָרט".

דאָס וואָרט פֿון ב. שלעווין האָט אַרויסגערופֿן אַ גרויסע פּאָלעמיק. אין דער „נײַע פּרעסע" זענען געווען פֿאַרעפֿנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען, פֿון מ. ליטוויץ, אין זשורנאַל „אויפֿסניי" אַן אַרטיקל פֿון לילי בערגער. עס זענען זייער כאַראַקטעריסטיש זייערע דעמאָלטיקע אַרגומענטן:

דאָס ייִדישע אײַנגעוואַנדערטע פּאַריז האָט געהאַט ווייניק מזל אין דער ייִדישער ליטעראַטור. געוויס זענען דאָ דורך גרויסע ייִדישע שרײַבער, אָבער זיי האָבן זעלטן געוואָרפֿן אַ בליק אינעם פּאַריז פֿון דער ייִדישער אימיגראַציע. „די ייִדן פֿון בעלוויל" פֿון ב. שלעווין איז אַ ראָמאַן פֿון גרויסן פֿאַרמעסט, דער ערשטער אויף דעם געביט. עס איז אַ גרויס־פֿאַרטראַכטער און מיט התמדה אויסגעפֿירטער געמעל, וואָס שטרעבט אַרומצונעמען אַ גאַנצע עפּאָכע פֿון אונדזער לעבן — און וואָס פֿאַראַ עפּאָכע! — פֿון אַלע טיילן און אַלע שאַטירונגען. פֿאַר שלעווינען הייבט זיך אַלץ אָן אין דער אַלטער היים. דאָס גאַנצע ווײַטערדיקע געשעען איז פֿאַר אים, אין תוך גענומען, נאָר אַ זיך פֿאַרזעצנדיקע ווירקונג פֿון די אין דער אַלטער היים אַנטשטאַנענע כוחות, נאָר צום טייל מאָדיפֿיצירט דורך די נײַע באַדינגונגען. עס איז דערפֿאַר קיין וווּנדער נישט, וואָס ער הייבט אָן זײַן דערציילונג אין די אָנהייב 20־ער יאָרן אין פּוילן. ער ווײַזט זײַן העלד גאָר יונג, שילדערט זײַן סביבה, זײַן גאַנג, דעם סאָציאַלן באָדן און די אידעאָלאָגישע השפּעות. דאַן לאָזט זיך דער מחבר אַוועק מיט אים אויף עמיגראַציע. די דאָזיקע שילדערונג דינט אים אָבער, כּדי צו מאָלן די גאַנצע אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער אימיגראַציע. פּאַמעלעך, בילד נאָך בילד, בויט ער אויף אײן פּעריאָד נאָכן אַנדערן: די ליידן פֿון ייִדישן אימיגראַנט. די סאָציאַלע דיפֿערענצירונג, דעם קאָנטאַקט מיט דער נײַער, פֿרעמדער קולטור און מיטן פֿרעמדן לעבנס־שטייגער, די אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. ב. שלעווין פֿירט אונדז אין די אָרעמע האָטעלעכלעך, אין די פֿאַרוואָרפֿענע געסלעך, וווּ עס וווינען די ייִדן, אָן „פּאַפּירן". ער פֿירט אונדז אין די קליינע ייִדישע אַטעליעס, אין די בעלווילער קאַפֿעס, אין די סאַלאָנען פֿון די אַרויפֿגעאַרבעטע „פּאַמאַלניקעס", אין די אַרבעטער־קיכן, אין דער „קולטור־ליגע". ער שילדערט די מאָמענטן, וואָס האָבן אויפֿגעטריסלט די וועלט און דאָס ייִדישע פּאַריז: דער 6־טער פֿעברואַר 1934, ווען פּאַריז האָט זיך געשלאָגן קעגן די לאַראָק־פֿאַשיסטן, שפּאַניע, ביזן לעצטן טראַגישסטן קאַפּיטל, ביז צו דער מלחמה.

ב. שלעווינס ראָמאַן שטרעבט צו געבן דעם ערשטן סינטעז פֿונעם דאָזיקן נאָך נישט דערפֿאָרשטן טייל פֿון אונדזער פֿיל־געשטאַלטיק ייִדיש לעבן. אַ גרויסער פֿאַרמעסט. דער מחבר וויל נישט בלויז געבן אַ סטאַטיש בילד, נאָר ער וויל אונדז ווײַזן די אינערלעכע דינאַמיק, זײַנע אַנטוויקלונגס־טענדענצן. די טרעגער פֿון אָט דער דינאַמיק, דאָס זענען בײַדע הויפּט־העלדן פֿון ראָמאַן: בעני גרינבערגער, דער „פּאַמאַלניק", דער אַרויפֿגעאַרבעטער, אינדיווידואַליסט, אָן סקרופּול, מיט פֿעסטע צילנבויגנס; און זשאַק, דער שטילער, דער באַשיידענער אַרבעטער, דער איבערגעגעבענער קעמפֿער פֿאַר די אידעאַלן פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג. בײַדע שטאַמען זיי פֿון דער זעלבער סביבה. אָבער פֿונעם ערשטן טריט, וואָס זיי שטעלן אויפֿן „פֿאַרוויכערטן גאַר די נאָר", צעשיידן זיך זייערע וועגן. יעדער פֿון זיי ווערט אַ צוציאונגס־פּונקט, אַרום וועלכן עס גרופּירן זיך אַנדערע טיפּן פֿון ראָמאַן, און עס קריסטאַליזירט זיך אויס אַ באַזונדער וועלטעלע.

ב. שלעווין איז שטאַרק אין דער באַשרײַבונג פֿון אַ „וועלטעלע". ער האָט אַ

שארף אויג פארן דעקאר, כאפט אלץ אויף מיט עטלעכע קארגע, אבער כאראקטעריסטישע שטריכן. כאטש דער ראמאן שפילט זיך אפ אין דער וועלט־שטאט פאריז, איז עס אבער אין תוך נאך אלץ דער ראמאן פון דער „אייביקער" יידישער טעמע: פונם שטעטל. אמת, ביי שלעווינען איז עס דאס אויסגעוואקסל־טע, דאס צעפאלענע, ארויסגעריסענע שטעטל, דאס שטעטל אויף עמיגראציע — אבער פארט דאס שטעטל. און שלעווין האט א שארפן חוש און אן אויג פאר צע־פאל; פארן צעפאל פון אלטן שטייגער, וואס קומט דא פאר נישט אויף דעם בהדרגה׳־דיקן, אזוי צו זאגן, „קלאסישן" אופן, ווי אין די אלטע היימען, נאר ברוטאל, איינ־מאליק. פארן צעפאל פון כאראקטערן, ארויסגעריסן פון זייער נאטירלעכער סבי־בה, פארן צעפאל פון אידעאלן און לעבנס־אינהאלטן, וואס ווירקן נאך א צייט־לאנג מיט זייער אינערציע, אבער פון וועלכע די אינעווייניקסטע נשמה איז שוין אוועקגעפלויגן.

אונדזער יידישע קינסטלערישע פראזע לעבט איבער א קריזיס; א קריזיס פון נאכוווקס, א קריזיס פון טעמאטיק, א קריזיס פון געשטאלטערישער פעאיקייט פון אונדזער הייַנטיקן לעבן. מיר האבן, לפי ערך צו די טענדענצן פונם קלאסישן פע־ריאד אין דער יידישער ליטעראטור און אין פארגלייך צו דער ליטעראטור פון אנ־דערע פעלקער — אן איבערפראדוקציע פון פאעזיע לגבי דער קינסטלערישער פראזע. אויב ס׳איז נאך נישטא קיין „איכה", קיין „שחיטה־שטאט", נישט דער „נחמו" פון אונדזער עפאכע, האבן מיר שוין היינט א דיכטונג, וואס אין איר צער און צארן, באווייזט זי, אז דער קוואל פון אונדזער פאעטישן שאפן איז נישט פאר־שאטן געווארן. טאקע אין ליכט פון דער דאזיקער דערשיינונג ווערט בולטער דער קריזיס פון אונדזער פראזע. איך מיין דא קודם כל דעם גרויסן ראמאן, וואס נאר ער איז מסוגל ארויסצוברענגען די צענטראלע פראבלעמען, אנטפלעקן די טיפע אינערלעכע פראצעסן, די סאציאלע און גייסטיקע פארענדערונגען. מען פרוווט אפ־צופטרן זיך מיט מפורסמע פראזן — עס פעלט „אפשטאנד". מען דארף האבן דעם אפשטאנד, כדי צו געשטאלטיקן אין א ראמאן די עפאכע, ווייל די געשעענישן זע־נען נאך אין פליסיקן צושטאנד. אבער ביים שאפן א ראמאן האנדלט זיך עס בלויז וועגן דעם, אז דער ראמאניסט מיט אפשטאנד וועט אנדערש באטראכטן די עפא־כע, ווי דער, וואס שרייבט אין פייער פון דער עפאכע גופא. יעדער פון זיי וועט אנדערש צוגיין צו געוויסע דערשיינונגען.

דאס צייט־געשעען, דאס צייט־געפיל איז דעטערמינירנדיק פאר יעדן ראמאן. די גאנצע ליטעראטור־געשיכטע באווייזט עס. נאך מער. דווקא די גרויסע שריי־בער זענען די, וואס שפיגלען אמטיפסטן אפ זייער אייגענע צייט, אירע פראבלעמען, סתירות, געראנגלען. זענען באלזאקס ראמאנען דען נישט קיין געניאלער סינטעז פון זיין צייט? זענען זיי געשאפן געווארן מיט אפשטאנד? און זאלא? און טורגע־ניעוו? דער שאבלאנער ענטפער וועגן „אפשטאנד" ווי א נויטיקע הנחה פארן גרוי־סן ראמאן, איז זייער אפט דער אויסדרוק פון גאר אן אנדער דערשיינונג.

צומאל איז עס א תירוץ פאר די, וואס ווילן אנטלויפן פון לעבן, זיך אפשליסן אין אויסגעטראכטע „העלפאנט־ביין־טורעמס", אדער אפלענקען פונם רעאלן גע־ראנגל. אן אלט־באקאנטער פאקט: ס׳איז לייכטער צו שרייבן דורכשניטלעכע פאעזיע, ווי גוטע קינסטלערישע פראזע.

אין דער יידישער ליטעראטור קאמפליצירט זיך אבער די דאזיקע דערשיינונג

דורכן שוידערלעכן פאַרנעם פון דער היטלער־מגפה. פ אַ ר איר האָט די יידישע ליטעראַטור פאַמעלעך געגומען אַריבערוואַקסן איר ערשטע וועזנטלעכע סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַזע — דאָס שטעטל — און פלאַנצן נייע וואָרצלען אין אַ נייער, מאָדערנער, סאָציאַל־שאַרפער קאָנטורירטער סביבה פון דער שטאָט. געוויס איז די אידעאָלאָגישע איבערשטעלונג געגאַנגען פאַמעלעכער ווי די סאָציאַל־עקאָנאָמישע שנויים. טאַקע אָט די פאַרפלאָנטערונג, צוזאַמענשטויס און קעגנזייטיקע דורכדרינגונג פון אַלטן און נייעם, האָט שוין אָן און פאַר זיך געשאַפן אַ צענטראַלע טעמאַטיק און פראָבלעמאַטיק פאַר אַ גאַנצער עפּאָכע אין אונדזער ליטעראַטור, וואָס איז נאָך געווען פאַרענדיקט ערב דער מלחמה.

די מלחמה און די נאַצישע באַרבאַריי האָבן אויף אַ שרעקלעכן אופן ליקווידירט אָט די באַזע פאַר אונדזער ליטעראַרישן שאַפן. דאָס שטעטל איז פאַרברענט געוואָרן צוזאַמען מיט די יידן. און די לעבן־געבליבענע האָבן זיך דערפילט אויסגעוואָרצלט. דערפון זייער בענקשאַפט צו דער פאַרגאַנגענהייט. מען מערקט עס אַפילו זייער אָפט ביי שרייבער און דיכטער, וואָס זענען פאַר דער מלחמה געווען באַשעפטיקט מיט גאָר אַנדערע פראָבלעמען. מיט איינמאָל אַנטדעקן מיר נייע ווערטן, דאָרט, וווּ פריער האָבן מיר געזען בלויז הויפנס שטויב. עס מערקט זיך: אײנע, וואָס אידעאַליזירן דעם עבר און זעען אַלץ אין זיין ליכט; די אַנדערע, וועלנדיק קאָנסערווירן דאָס אַמאָליקע בילד, שילדערן עס געטריי, כמעט נאַטוראַליסטיש. אָבער אַ ליטעראַטור, וואָס זעט איר אויפגאַבע בלויז אין שטעלן מצבות, איז נישט בלויז אין סכנה צו פאַרלירן דעם כוח פאַר נייע בנינים — אַפילו די מצבות גופא וועלן נישט זיין אויף דער הויך פון די, וועמען זיי זענען געשטעלט געוואָרן.

ווו איז דער אויסוועג? מען קען דערפאַר נישט געבן קיין אַלגעמיין־גילטיקע רעצעפּטן. דער ענין איז צו קאָמפּליצירט, צו טראַגיש. מיר האָבן אָבער נישט קיין צייט צו וואַרטן. איין זאַך איז קלאָר: ווייל מען זוכן אַ וועג אַרויסצוקומען פון קריזיס, קען מען עס בלויז אויפן וועג, וואָס פירט צום לעבן. נאָר דורך פּרובירן אַרײַנצודרינגען אין תוך, אין זין פון אונדזער הייַנטיקן געראַנגל פאַרן קיום, קען דער יידישער ראָמאַן געפינען טעמאַטיק, סטימול. דער ראָמאַן מוז פּרוּוון אַרויסצוגעפינען, צו אַנטפּלעקן, צו פאָרמולירן די נייע גייסטיקע ווערטן פון אונדזער פאָלק.

די פראַגן זענען אַרויסגעשווומען איך שייכות מיטן אַרויסטריט פון ב. שלעווין „אַ וואָרט צו מיינע רעצענזענטן". איך בין דאַנקבאַר ב. שלעווין, וואָס ער האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט אַוועקצושטעלן די דאָזיקע קערן־פראַגן. פון אָט דעם קוקווינקל האָב איך אויך אָפּגעשאַצט זיין ראָמאַן „די יידן פון בעלוויל". אַ ראָמאַן, וואָס בלייבט אַ גרויסער און פאַרדינסטפולער פאַרמעסט צו געבן אַ קינסטלערישן תיקון אַ גאַנצע עפּאָכע איך יידישן לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער שרייבער קען האָבן זיין מיינונג וועגן אָט דעם צוגאַנג. איינע פון שלעווינס הויפּט־הנחות איז: דאָס לעבן פון דאָרט. „עמיגראַציע — זאָגט שלעווין — איז בלויז פּנאַנדערפאַל". שלעווין זעט דעם טיפּ פון יידישן אַרבעטער און אַרבעטער־אינטעליגענט ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטן, אַ מידן גריבלער, וואָס באַוועגט זיך, אייגנטלעך, בלויז מיטן כוח פון אינערציע. געוויס זענען פאַראַן אַזעלכע; און דער שרייבער קען דווקא זיי נעמען צום טיפּ פון דער גאַנצער

יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. שלעווין גייט נישט דעם וועג פון קלענסטן ווידער־
שטאַנד. ער שטרעבט צום גרויסן און קרעפטיקן. שלעווין האָט דערצו כּוח.

(מ. ליטווין)

ב. שלעווין האָט גענומען צעאַקערן אין דער טיף און אין דער ברייט דאָס יידי־
לעבן אין פראַנקרייך און עס געבן אַ קינסטלערישן תּיקון. דאָס איז אַ גאַנצע היס־
טאָרישע תּקופה פון אונדזער היינטצייטיקער געשיכטע.

ווער קען נישט דאָס יידישע ווינקל פון פּאַריז, דעם בעלוויל? דער גרויער
חשכות עסט זיך אײַן אין בליק. אַזאַ זוערק מוזן מיר, נאַטירלעך, נעמען ביי זיין
שורש, פֿרי דאָרט, ווו דאָס לעבן האָט נאָך געהאַט סטאַבילע פאָרמען, אָבער ווו די
ערד האָט שוין געברענט אונטער די פיס. דורכן בעלוויל זיפּט זיך דורך דער
גאַנצער עמיגראַנטישער עמך שער־און־אייזן. דאָס געשיכטע, דאָס סקרופּוללאָזע,
באַקומט דאָס ערשטע זיך אַרויס פון זיפּ־פילטער. נאָך אַ פּאָר יאָר, וועט אויף די
„גרויסע בולוואַרן" צוקומען אַ „מעזאָן גרינבערזשעי", אָבער דירעשטע וועט פאַר־
בלייבן אויפן גרויען בעלוויל. זיי וועלן בלייבן מאַשינערס, פּרעסערס, אָדער אַר־
בעטסלאָזע. פון דער דאָזיקער שיכטן־פילטרירונג וועט אויסוואַקסן אַ גאַנצער
קאָמפּלעקס: קאַריערע און קנאה, היימישער קלאַסן־קאַמף און נאָך נישט איבער־
געריסענע גוט־ברודערשאַפט. די וועגן פון די בעני'ס און זשאַק'ס צעגייען זיך.
דאָס איז אַ סוזשעט, וואָס איז בכוח צו לאָקן און צו רייצן אַ שעפערישע נאַטור.
דער קינסטלער קען נעמען אַ לעבעדיקן יחיד, גאָר דערפאַר, ווייל ער פאַרקער־
פּערט אין זיך אַ סך בולטע אייגנשאַפטן. שלום אַש, ווען ער וויל וואַרפן אַ שיין
אויף דער יידישער עמיגראַנטישער מאַסע אין אַמעריקע, שטעלט ער אָן זיין
קינסטלערישן פּראָזשעקטאָר אויף כאַראַקטעריסטישע יחידים. דערפון קומט שוין
דער קאָלעקטיוו אַליין אַרויס אין דער ריכטיקער שיין. רעאַליזם שליסט נישט אויס
פאַנטאַזיע. דער קינסטלער, אַפילו דער נאַטוראַליסט, גיט נישט דאָס לעבן „פּונקט
אַזוי ווי עס איז", נאָר אַזוי ווי עס איז וואַרשיינלעך. זאָלאַ האָט אויסגעפילט די
סיטואַציעס מיט אַלערליי קאָמפּליצירטע וואַרשיינלעכקייטן; ער האָט באַרייכערט
די ווירקלעכקייט מיט אַלערליי פאַנטאַסטישע מעגלעכקייטן. (מימי פינזאָן)

איך וואָלט פאַרגליכן ב. שלעווין צו אַ בין. ער איז אַ האָרעפּאַשניק פון דער
יידישער פּראָזע. דער פּראָזאַאיקער מוז האָרעווען. אין דער גרויסער פּראָזע האָט
פון תמיד אָן געהערשט די טראַדיציע פון בזעת אפּיך תּאכל לחם. נישט אומזיסט
איז שלעווין אַ געוויסע צייט געווען אַ נאָענטער ליטעראַרישער מיטאַרבעטער פון
זלמן שניאור, פון אָט דעם ריז פון דער יידישער פּראָזע. שלעווינ'ס אַרבעטס־גירי־
קייט איז, חוץ אַלעמען, געווענדעט איך אַ באַשטימטער ריכטונג — דראַנג צו געבן
ברייטע ליוונטן, צו פאַרזיגלען אַן עפּאָכע. שלעווין איז שנעל איבערגעגאַנגען פון
נאָוועלע צו ראָמאַן. נאָך די נאָוועלן־בענדער „צווישן ווענט" און „גרויע פּראָפילן",
האָט אונדז שלעווין געגעבן דעם ראָמאַן „דער מאַרש אויף בריסק"; מיט עטלעכע
יאָר שפּעטער, דעם ראָמאַן „די יידן פון בעלוויל". ב. שלעווין איז נישט סתם קיין
שילדערער. זיין עפּיק איז עפּעס מכוון. עס איז מיר אויסגעקומען נאָכצופאָלגן
שלעווינס שרייבערישע אַנטוויקלונג און צו זיין פון זיינע ערשטע רעצענזענטן אין
דער אַמאָליקער „ליטעראַרישע טריבונע", און ס'איז אָנגענעם פעסטצושטעלן, אַז
ער האָט זיין אידייאישע נשמה נישט פאַרלוירן. עס האָבן זיך אָנגערוקט פרישע
טעמעס, עס האָבן אויפגעטויכט נייע געשטאַלטן, עס האָבן זיך אויסגעלעבט אַלטע
פאָרמען, אָבער דער צוגאַנג צום מענטש און צו זיין גורל אין דער געזעלשאַפט איז

ביי שלעווינען געבליבן דער זעלבער. אין די נאָוועלן פון „צווישן ווענט״ איז אויפגעקומען דער פּראָטעסט פון דעם יונגן מחבר קעגן דער דערדריקטקייט פון אַמאָליקן פּוילן. אין „מאַרש אויף בריסק״ ברויזט אויף דער רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס פון קאָברינער פּויערים־אויפשטאַנד. אין די „יידן פון בעלוויל״ דערשיינט שלעווין באַגייס ווי דער אַנטשיידענער רעוואָלוציאָנער, ווי דער באַזינגער פון יידישע אַרבעטער־עמיגראַנטן, וואָס שטרעקן זייער לעבן אויף די שפּאַנישע שלאַכט־פעלדער און אין די טראַנשייען בעת דער מלחמה.

די צוויי קינסטלערישע צילן — געבן אַן עפּאָכע און ווירקן מיט דער רעוואָלוציאָנערער אידייע — גייען ביי שלעווינען געפּאָרט. שלעווין האָט, ווי ס׳רוב פון זיינע שרייבערישע בני־גיל, געפונען זיך אונטערן איינפלוס פון בערגעלסאָנישן אימפּרעסיאָניזם, פון איין זייט, און פון נאַטוראַליזם פון א. מ. פוקס — פון דער צווייטער זייט; אין דער שילדערונג איז ער שוין פון זיינע ערשטע נאָוועלן אָן געווען עכט, געדיכט, אָנגעלאָדן; שוין דעמאָלט האָט שלעווין געהאַט וואָס צו זאָגן, נישט בלויז טעמאַטיש און אידעאיש, נאָר אויך פּסיכאָלאָגיש. ער האָט שוין דעמאָלט געוויזן זיין קינסטלערישן נאָגל ביים אויסשניצן אַ כאַראַקטער.

ווייזט אויס, אַז ערגעץ אין די טיפענישן פון מחבר בינדט זיך דאָס געדעכעניש פון פיינלעכן מיליטער־לעבן, תפיסה־לעבן פון אַמאָליקן ענדעקיש־סאַנאַטאָרישן פּוילן, מיט נאַטוראַליסטישער שפּירונג. און ווען ער שילדערט אין פּראָלאָג פון „די יידן פון בעלוויל״ יענע צייט, קען ער עס נישט אַנדערש טאָן, ווי דורך נאַטוראַליסטישער שטימונג און אימפּרעסיאָניסטישן נעפּלדיקן געמעל. אָבער וואָס מער ער ציט אונדז אַריין אין דער אַקציע, פאַרכאַפּט אַלץ שטאַרקער דער ראָמאַן־עלעמענט. זיין טאָן נעמט אָן אַלץ מער טעמפּאָ. שלעווין האָט זיך גוט איינגעלעבט אין עיקר־כאַראַקטער פון אָט דעם לעבן. שוין בלויז פון שטאַנדפּונקט פון שטודירן דאָס יידיש־עמיגראַנטישע לעבן אין פּאַריז, פאַרמאָגט שלעווינס ראָמאַן אַ געוואַלטיקן ווערט. אָבער דאָס בוך איז עפּעס מער און עפּעס העכערס. ס׳איז דאָס גורל־בוך פון יידישן אַרבעטער און פון פּוילישן ייד, פון זיין אָפּרייסן זיך פון שורש. אין „די יידן פון בעלוויל״ זענען פאַראַן פראַגמענטן און בילדער, וואָס בעטן זיך אַריינצושטעלן זיי אין אַ כרעסטאָמאַטיע. דער ראָמאַן ווירקט מיט זיין פּשטות, מיט זיין אוממיטלבאַרקייט, מיט זיין אינטערעסאַנטער און פאַרשיידנאַרטיקער טיפּן־גאַלעריע, מיט זיין מענטשלעכער אידייע. עס דאָ אין בוך אַ סך ביטערניש — פּערזענלעכע ביטערניש פון מחבר, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין ביטערניש פון כלל, פון אַ שיכט. עס איז דאָ אויך אַ סך פאָלקסטימלעכקייט, געמיט און הומאָר. עס פילט זיך פּאַריז — דורך דער שפּירונג פון דעם אָהער אַריינגעשטויסענעם נע־ונד׳ניק. מען זעט מענטשלעכע געפאַלנקייט און מענטשלעכע דערהויבנקייט; און אַלץ ווערט געגעבן דורכן ברען־פּונקט פון זיינע העלדן, נישט בלויז דעמאָלט, ווען ער ווערט דורך זיי אַנטציקט, נאָר אַפילו ווען ער מוסרט זיי און שמייסט זיי. אָבער קיין שנאה פילט ער צו קיינעם נישט. אַלע זענען זיי — אַפילו אין זייער אילוזיאָנערישן גליק — קרבנות פון שגעונדיקן סיסטעם. קעגן אָט דעם סיסטעם הויבט אויף, אין גרונט גענומען, זיין שטים דער ראָמאַניסט ב. שלעווין. (ב. מאַרק)

ב. שלעווינס דערציילונגען האָבן פון סאַמע אָנהייב געהאַט אַ באַשטימטע אייגנאַרטיקע פאָרם, אַ באַשטימטן אייגענעם נוסח. ווי אַן עכטער פּראָזאַאיקער, האָט ער נישט בלויז יעדן העלד זיינעם געגעבן דורך זיינע קאָנקרעטע נויטווענדיקע מעשים, אַרויסגעהויבן אין זייער טיפן אינערלעכן צוזאַמענהאַנג, נאָר אַלץ צוזאַמען אַליין

דערזיזן און געמאַכט אַנדערע זען, אין דער אייגנטימלעכער אַטמאָספער, אַן וועלכער עס איז נישט מעגלעך דער אינטימער קאָנטאַקט צווישן שרייבער און לייענער.

די בלויזע שילדערונג פון געשעענישן, אָדער מענטשלעכע האַנדלונגען, ווען אַפילו זיי זענען לאָגיש און פּסיכאָלאָגיש באַגרינדעט, קען אין בעסטן פאַל אונדז געבן אַ וואַרשיינלעך בילד וועגן אַ לעבן, וואָס געפינט זיך אויסער אונדז און בלייבט אויסער אונדז. אָבער די ספּעציפישע אויפגאַבע פון קונסט, אין אַלע אירע זשאַנרן, באַשטייט גראָד אין מאַכן אונדז אַזוי אייגן און אינטים איבערלעבונגען, פּונקט ווי זיי זאָלן האָבן מיט אונדז געטראָפן; און קונסט, עכטע קונסט, הייבט זיך פּאַקטיש אָן דאָן, ווען דער געניסער הייבט אָן דאָס אויסגעדיכטעטע, אין ליד, צי אין פּראָזע, איבערלעבן ווי אַן אייגענעווירקלעכקייט.

ב. שלעווין האָט פון דער ערשטער מיגוט אָן באַזיצט די אייגנשאַפט קינסטלעריש אַרויסצוהייבן מענטשן און געשעענישן, צוזאַמען מיט דער אַטמאָספער, וואָס רינגלט זיי אַרום. דער שרייבער פאַרשפּאָרט אונדז איינגאַנצן צו אַגיטירן קעגן דעם „סאָטאַציע"־רעזשים, ווייל דורכגענומען מיטן קלעמענדיקן טרויער פון דעמאָלטיקן לעבן, איז שוין במילא אַלץ אין אונדז אָנגעשטעלט און אָריענטירט.

אַזאַ ווייטן וועג האָט ב. שלעווין דורכגעמאַכט, ביז זיין ווערק „די יידן פון בעלוויל". ער האָט געפונען דעם קינסטלערישן סינטעז צווישן אינדיווידועלן און טיפּישן, צו דערגייך צום קינסטלערישן אמת. אַז וואָס מער אַ טיפּ ווערט אינדיווידואַליזירט, אַלץ מער דעקט ער אויף הערמעט דאָס וועזנטלעכע און כאַראַקטעריסטישע פון זיין גאַנצן שיכט.

די אָנגעקליבענע רעוואָלוציאָנערע ענערגיע פון דער „מוראַנאָווער הושעלניצע" האָט אויפגעריסן אויף די גאַסן פון פּאַריז ביי די, וואָס זענען שטענדיק גרייט געווען זיך מפקיר צו פּאַר דער „זאַך". שלעווינען איז געלונגען מיט אויסערגעווינלעכער קאָנסעקווענטקייט אויסצושטעלן נישט בלויז זייערע סאָציאַלע טענדענצן, נאָר — וואָס פאַר אַ קינסטלעריש ווערק איז פיל וויכטיקער — אויסשטעלן זיי לויט זייער גאַנצער מיליע־שטימונג און לויט דער אינערלעכער אַטמאָספער. די דאָזיקע ספּעציפישע אַטמאָספער וואַקסט אָן אין בוך פון בלעטל צו בלעטל און דערגרייכט אין דער צווייטער העלפט, ווו ס'ווערט דערציילט וועגן פּריוווילקן אָנטייל פון די בעלווילער יידן אין קאַמף מיטן דייטשן אָקופּאַנט, צו אַ בולטער, געדיכטער שילדערונג און וואָרהאַפטיקער בילדלעכקייט.

שלעווינס פריערדיקע ווערק „צווישן ווענט", „גרויע פּראָפילן", „דער מאַרש אויף בריסק", זענען אין זייער טעמאַטיק נאָענט, אָדער צו „צווישן ווענט", אָדער צו „די יידן פון בעלוויל". „דער מאַרש אויף בריסק" איז איינס פון די געציילטע ווערק, און אפשר דאָס איינציקע, אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ברענגט אַרויס מיט אַזאַ פּאַרנעם און מיט אַזויפיל קינסטלערישן אמת, דאָס לעבן פון דער יידישער און ווייסרוסישער אָרעמקייט אויף די „מזרח־קרעסן". פון זיין ערשט בוך אין 1933 איז שלעווין געוואַקסן, סיי לויט דער קלאָרקייט און פּאַרטיפּטקייט, סיי לויט די קינסטלערישע מיטלען, מיט וועלכע ער מאַכט אונדז דעם מענטשן נאָענט און אייגן.

(דוד ספּאַרד)

ב. שלעווין האָט געהאַט אַ נאָענטע שייכות צו דער גרופּע שרייבער אַרום דער „ליטעראַרישער טריבונע", וועלכע האָט אין יענע יאָרן געשטורעמט די באַסטיאַ־

נען פֿון דער „אָפֿיציעלער" יידישער ליטעראַטור. אין פּאָליטיש־פּערספּעקטעטן פּוילן איז פֿאַר אים קיין אָרט נישט געווען מער, אויסער אין בערעזע. ער פּאַקט דעריי־בער איין זיין נעבעכדיק „האָב און גוטס" און ווערט פֿאַרוואָגלט קיין פּאַריז, מיט־פֿירנדיק דורך די גרענעצן אַ גרויסע קאָנטראַבאַנדע: זיין ליבע צום פֿאָלק. ב. שלעווין האָט די אויטענטישע סיטואַציעס און מענטשן פֿאַראייביקט אין זיין ראָמאַן „די יידן פֿון בעלוויל", מיט אַ גרויסער ליידנשאַפֿט און עפּישן פּאַטאָס, מיט דער אומ־מיטלבאַרקייט פֿון אַ נוגע בדבר. שלעווין האָט אינטואיטיוו פֿאַרבאַהאַלטן אין זיין קינסטלערישן זכרון לעבעדיקע טיפּן. זיינע טיפּן זענען אין ווערן. מיר פֿאָלגן נאָך זייערע פֿאַרוואַנדלונגען, זייער דינאַמישקייט. די עקסקורסיעס אין דעם בוך וועגן יידישקייט זענען אַ רעזולטאַט פֿון שטימונגען, וואָס באַהערשן דעם מחבר גופֿא.

דער מחבר האָט אַ סך געוואַגט. ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן אָפּצושפּיגלען אַ גורל־דיקע תקופֿה פֿון אונדזער געשיכטע און דעם גורל פֿון אַ דור. ער איז געוואָרן דער טרובאַדור פֿון לעבן און קאַמף. געשריבן איז דער ראָמאַן מיט שווערער מי, מיט שאַרפֿער אָבסערוואַציע, מיט גרויסער מייסטערשאַפֿט, וואָס זאָגט עדות וועגן גרויסן טאַלאַנט. (נח גריס)

אָנהייבן הייבט זיך די אַקציע אָן אין וואַרשע, אין 1920, און אויסלאָזן לאָזט זי זיך אויס אין בייערן, אין 1945, מיט דער מפּלה פֿון די נאַצישע האָרדעס. דאָ איז טרעפֿלעך און אַריינדרינגענדיק אַרויסגעבראַכט דאָס טיף־מענטשלעכע, אַז דער ראָמאַן וואָלט געקענט איבערגעזעצט ווערן אויף וועלכער נישט איז נישט־יידישער שפּראַך און דערמיט באַקענען די וועלט מיט אַ טייל פֿון יידישן פֿאָלק. דאָס גיט דעם ראָמאַן וואָגיקייט און איבערצייג־קראַפֿט. אַז מען וועט אַמאָל וועלן קענען דאָס לעבן פֿון יידן אין פֿראַנקרייך, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, וועט מען מוזן אָנקומען צו דעם ראָמאַן.

ב. שלעווין איז אַ פֿיינער אַריינדרינגער אין דער אינערלעכער וועלט פֿון זיינע העלדן, ער וויזט זייערע דינסטע שטריכן. פֿאַראַן איבערן גאַנצן בוך אַ דורכזיכ־טיק־דין שלייערל פֿון אומעט. מען פֿילט אָבער בפֿירוש, אַז דאָס איז דעם מחברס אייגן שלייערל. פֿאַראַן אויך אַזוינס, וואָס מען מוז אָנרופֿן „יידישער מאָמענט". איך זשאַק'ס מוח און אויך אין אַנריס, הייבט זיך אָן עפּעס רירן. ביז דעמאָלט איז פֿאַר זיי אַ ייד — אַ קולטור־ביך, אַ קולטור־קלויבנדיק, קולטור־פֿאַרשפּרייטנדיק פּלאַ־נעטל אין אַלוועלט־גאָרטן פֿון נאַציאָנאַלע קולטורן. ביידע, זשאַק און אַנרי, אַנען נאָך נישט, אַז יידן זענען פֿאַר אַלעמען ערדישע מענטשן פֿון בלוט און פֿלייש, וואָס דאַרפֿן ווי אַלע מענטשן שטיין מיט די פֿיס אויף אַ באָדן. ערשט דאַן וואָלט זייער קולטור־שעפֿערישער אומרו באַקומען דעם אמתן זין, ווייל ער וואָלט אַריינגעגאָסן געוואָרן אין אייגן־נאַציאָנאַלע פֿורעמס. מען זעט בפֿירוש, אַז ביז איצט האָבן די באַוווסטזיניקע העלדן פֿון בוך געלעבט זייער חיה־שעהדיק מענטשלעך לעבן, אָן שום קשיות וועגן זייער יידישן „פֿון וואַנען" און „וווהין". ערשט די נייע לאַגע ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט זיי אַ טרייסל געטאָן. (י. ווײַנשענקער)

דאָ האָט איר פֿאַר זיך נישט בלויז די אומהיימלעכע יידישע צופּאַסונג צו אַ פֿרעמדער וועלט, צו אַ פֿרעמדער קולטור און צו אַ פֿרעמדן לעבנס־שטייגער. דאָ האָט איר אַ טומלדיק יידיש ווענטל אין טומלדיקן פּאַריז. דער אייביקער וואַנדער־ער כאַפּט גיך אויף די שפּראַך פֿון נייעם לאַנד, ער כאַפּט אויף דעם שטייגער,

דערשפירט דעם עקאנאמישן פולס און זוכט אויס פאר זיך ספעציעלע עקאנאמישע פאזיציעס. און דאס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואס ער אסימילירט זיך נישט. ניין. ער קען שאפן זיין אייגענעם לעבנס־שטייגער אין א פרעמדן שטייגער. ער קען זיך איינלעבן אין דער ארומיקער פרעמדער וועלט און אין דער זעלבער צייט בלייבן דאס, וואס ער איז. די פעקלעך, וואס די דאזיקע מאסע האט מיטגענומען פון פוילן, זענען ארעמע, אבער יעדער ברענגט מיט זיך זיין גייסטיקע וועלט, זיין פילאזאפיע, זיין גוסט, זיין באציאונג צו דער וועלט, זיינע פאליטישע חלומות און אספיראציעס.

דאס ברענגט ארויס ב. שלעווין ביז גאר קלאר.

אויפן היימיש־יידישן וועלטל וועט באלד ארויפגעצויגן א דין הייטל פון פראנצויזישן שטייגער. און ביידע לעבן זיך איין. דאס יידישע לשון וועט באלד א שותף, א לייבלעכער קרוב מיטן פראנצויזישן לשון. ס׳יידישע לשון הייבט אן אויסצובארגן ביים פראנצויזישן לשון ווערטער און גאנצע זאצן אפילו; די פראנצויזישע זאצן ווערן באלד פארייִדישט ממש, אזוי ווי אייך יידישע מאמע וואלט זיי געהאט. געלט אסימילירט יידן אין די לעצטע וואנדער־יארן פון די יידישע מאסן. אמאל פלעגט בילדונג זיין דער שדכן, וואס פלעגט צונויפפארן דעם יידישן אינטעליגענט מיט א פרעמדער קולטור. די דייטש־יידישע אסימילאציע איז געווען אן אסימילאציע דורך בילדונג. דער געבילדעטער ייד האט אנגענומען די פרעמדע קולטור און זי געמאכט פאר זיין קולטור. געלט איז אבער א פאקטאר, וואס אסימילירט אויבערפלעכלעך. דאס איז אן עם־הארצותדיקע אסימילאציע, א גראבע, אן אפשטויסנדיקע.

זיי דערפילן, שלעווינס העלדן, מיט זייער שארפן חוש, אז פון שפאניע רוקט זיך אן א חושך אויף דער וועלט, דער עיקר אויף יידן; אז פון שפאניע וועט קומען דאס פייער, וואס וועט אונטערצינדן די וועלט. זיי גייען קיין שפאניע, די יונגע עמיגראנטן, קומען אום, אדער קערן זיך אום צעבראכענע. עס קומט דער היטלער־קאשמאר און ס׳ווערט שטיל אויפן יידישן „פלעצל“ און עס ווערט שטיל אויפן בעלוויל... איר קענט נישט פארבייגיין די גרויליקע געשיכטע, זי לאזט אייך נישט אפ. בפרט, אז קיין יידישער שרייבער וויל עס גארנישט. מיר האבן א פערזענלעכן צוגאנג, ריכטיקער, א היסטאריש־נאציאנאלן צוגאנג צו זיי, און דער דאזיקער צוגאנג מוז בלייבן. די געשיכטע באשטימט דעם גורל פון די מענטשן. ב. שלעווינס מענטשן זענען גענוג שטארק און גרויס, זיי פארטונקלען אבער נישט מיט זייער העראאיזם דעם היטלער־גרויל. טויט איז קיינמאל נישט קיין עלעמענט אין דער מענטשלעכער דראמע. טויט איז אי צו שרעקלעך, אי צו געוויינלעך. היטלער פארענדיקט שלעווינס ראמאן, דער פארפלוכטער דייטש האט אפילו דעם טויט געלעסטערט, דעם טויט פארשוועכט. ער האט דערמארדעט די מענטשלעכע פיעטעט פארן טויט, און ער האט דערמארדעט די שיינקייט פון לעבן. מיר קענען אפילו נישט געניסן דאס שיינע פון נייעם יידישן לעבן אין דער גרויסער, וווּנדערלעכער שטאט פאריז, ווייל מיר ווייסן דעם סוף פון די דאזיקע לעבעדיקע, הארעווענדיקע, שמייענדיקע מענטשן. אונדזער קינסטלערישן שאפן איז אין א קלעם.

(ד״ר ל. מוקדוני)

ב. שלעווין איז געלונגען צו פילמירן דאס איף־און־אפ פון דער כוואליע פון די צוויי צענדליק יארן יידיש לעבן אין פאריז. די תושבים האבן נישט אימיגרירט

קיין פראַנקרייך, נאָר זיך „אַריינגעשוואַרצט" אַהין, און געלעבט און געאַרבעט האָט מען נאָר אַ דאַנק אונטערקויפן די פּאָליציי, זייטיק, דורך „מאַכערס" און היינטער־טירן. אַזאַ היינט־פּורים־מאָרגן־אויס־ישוב האָט נישט געקענט בויען קיין סאָליד לעבן, נישט געקענט בויען קיין סאָלידע אינדוסטריע, ווי אין אַמעריקע די שניידער־אינדוסטריע, נאָר כאַפּנדיקע קליין־אינדוסטריע — שניידעריי, קאַסקעטן־מאַכעריי, דאַמען־טאַשן־מאַכעריי, מאַכעריי... אָבער אויך דאָ האָבן יידן באַוויזן אַ סך וויטאַליטעט.

לייענען מיר דאָס בוך מיט אַ שטייגנדיקן אינטערעס, וואָס ווערט נישט שוואַכער דורך דער גאַנצער ציים. עס ווילט זיך וויסן וואָס מער פּרטים פונם לעבן פון די דאָזיקע יידן. עס ווילט זיך וויסן און דערוויסן דעם „ווי אַזוי" איז דאָס אַלץ געשען. און די עובדה פונם שרייבער — דעם פאַראַנטוואָרטלעכן און קולטור־ווירקנדיקן — איז דאָך: אויפדעקן, שילדערן, פאַרפיקסירן דאָס אַלץ, וואָס בילדעט דעם „וואָס", דעם „ווי אַזוי" און איבערהויפּט דעם „פאַרוואָס" פון דער נעכטיקער גרויליקער נאַכט. ב. שלעווין האָט אַלע נויטיקע עלעמענטן צו אַ גוטן שטייגער־ראָמאַן. ער קען אויסגעצייכנט די סביבה, וועלכע ער שילדערט, ער קען זיינע העלדן. פון ב. שלעווין האָבן מיר אַ רעכט צו פאָדערן אַלץ מער. ער פאַרמאָגט אַ קרעפטיקן דערציילערישן שטייגער אין זיין נאַראַטאָרישן טאָן, דעם כוח אויסצוזאָגעכטאַלטיקן אַ טיפּ, וואָס קריצט זיך איין אין זכרון. עס שאַפט דעם איינדרוק, אַז דער מחבר האָט אין געשפּאַנטער, שאַפערישער איבערגעאיילטקייט, אָנגעפירט מיט די אַלע ווערטפולע מאַטעריאַלן — מענטשן, סביבה, טיפּן, סאָציאַלע, געזעלשאַפטלעכע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע געשעענישן — און אַזוי אָנגעהויפטערהייט, מיט פיבערדיקער אַקטיוויטעט, זיך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט, קנעטנדיק, געשטאַלטיקנדיק, אָפּקלייבנדיק דאָס אַלץ מיט זיין קינסטלערישער סעלעקציע. פאַראַן ווערק, וווּ מען פילט צופיל די האַנט פון מחבר. אַן אַנדערש מאָל לייגט זי זיך אַפילו צו שווער אויף זיינע העלדן, זיי טראָגן צופיל דעם יאָך פון אויספילן זיין רצון. ביי שלעווינען פילן מיר פונקט דעם היפּוך. מיר האָבן אַפילו תרעומות צום שרייבער: עס ווילט זיך ממש דאָ און דאָרט אויספירלעכער און לענגער אָפּשטעלן, דעם אָטעם אָפּציען און גרינטלעך פילן דעם טעם פון דער סיטואַציע, פון דער שילדערונג.

די צוויי פאַרשוינען, כעמיצלע און זיין טאַטע, זענען די געלונגענסטע און, דוכט זיך, אויך די דאַנקבאַרסטע פאַרן שרייבער. בלויז אַ שטאַרקער ווילן צום לעבן טליעט אין אָט דעם ייד. ער האָרעוועט אַ גאַנצע וואָך ביז דערשעפּונג און טראַנספיגורירט זיך אינגאַנצן, בעת ער זינגט די שבתדיקע זמירות אין זיין בוידעמשטיבל אויפן בעלוויל. ער איז שלעווינען אויף אַזויפיל געלונגען, אַז די לופט, דער „קלימאַט" אַרום אים איז ממש אָנצוטאַפּן: ער זינגט, דער צעבראָכענער ייד. אים איז קוים מיט צרות ענדלעך געלונגען אַראָפּצוברענגען פון גאַליצישן שטעטל זיין קליינע משפּחה. זינגט ער זיינע פאַרדבקה׳טע זמירות. הערן דאָס די נישט־יידישע שכנים פון אָפענעם פענצטער אַרויס און חידושן זיך: וואָס האָט ער זיך עפּעס מיטאַמאָל צעזונגען, אָט דער שטענדיק מרה־שחורהדיקער מענטש? און זיי קומען אַפילו צום אויספיר: „פונדעסטוועגן זינגט ער נישט שלעכט, דער ייד"... זיין יינגל, כעמיצלע, אָדער אַנרי, איז אַ טיפּישער פּראָדוקט פון דער פּאַריזער גאַס — פון גאַסן־יינגל ביזן באַוווסטזיניקן קעמפער. ער איז אונדז סימפּאַטיש, אייגן. פונקט אַזוי סימפּאַטיש איז אונדז דאָס מיידל בערט — אַ טיפּ פון אַ פּאַ־

ריזער מיידל, וואָס ווערט אַריינגעצויגן אין דער ווידערשטאַנד — פריער צוליב איר ליבע צו כעמיעלען, דערנאָך גייט זי מיט פעסטע, זיכערע טריט אויף איר מאַרטירער־וועג, ביז זי קומט אום, ווערט אויפגעריסן מיט די באָמבעס, וואָס זי טראָגט אויף איר לייב.

דער שטאָף, דער מאַטעריאַל איז פאַרכאַפנדיק: דער עקאָנאָמישער אויפשטייג פון אַ שיכט איז אין דער שילדערונג ברייט אַרויסגעפירט. די האַנדלונג גייט ממש קינאָ־מעסיק, אין ריטם פון די געשעענישן. מען זעט, אַז דער שרייבער האַלט די פעדים פעסט אין זיין האַנט און ציט זיי ביז צום סאַמע שלוס־קנופ. „די יידן פון בעלוויל" איז אַ וויכטיקער בייטראָג צו אונדזער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. (מלך ראַוויטש)

מיין ליבער ב. שלעווין,

אַ דאַנק פאַר „די יידן פון בעלוויל". כ'האָב איבערגעלייענט און גרויס הנאה געהאַט. וואָס ס'איז צוגעקומען נאָך אַ ראָמאַניסט. איר קענט דערציילן אַ מעשה. און דאָס איז אַ סך. אייער קאַפּיטל וואַרשע איז גאָר גוט. גרינבערגער און זשאַק — לעבן. דערצו האָט איר מחיה־מתים געווען אַ שטיק לעבן פון פראַנצויזישן יידנטום. אייער מיט פריינטשאַפט י. אָפּאַטאָשו.

צו דער פראַנצויזישער איבערזעצונג פון ראָמאַן „די יידן פון בעלוויל", דערשינען אין 1956, האָט דער לאַורעאַט פון דער גאָנקור־פרעמיע פון יאָר 1955, ראָזשע איקאָר, געשריבן אין זיין פאָרוואָרט:

„דער פראַנצויזישער אַנטיסעמיטיזם מאָלט זיך גערן אויס אַ גאַנץ אויסטער־ליש בילד פונם ייד: אָט איז ער אַ שמוציקער פּראָצענטניק, אָט אַ רייך־אָנגע־שטאָפּטער באַנקיר; אָט — אַן אינטעלעקטואַל, אַ דילעטאַנט; דער לעצטער ווערט אומבאַדינגט פאַרגעשטעלט ווי אַ מין פּאַראַזיט, אומפעאיק צו אַרבעטן מיט זיינע אייגענע הענט, אומפעאיק אויך צו לעבן און צו שטאַרבן פאַר אַן אידעאַל.

„קעגן די דאָזיקע געפערלעכע נאַרישקייטן שטעלט ב. שלעווין אַוועק די רוי־קע קראַפט, גאָר פשוט — די רעאַליטעט. די סביבה, וווּ ער פירט אונדז אַריין, וויניק באַקאַנט די פראַנצויזן, שטעלט אָבער פאַר מיט זיך אַ וויכטיקן אָפּשניט פונם יידנטום. עס האַנדלט זיך וועגן די צאָלרייכע יידישע אַרבעטס־מענטשן, אויסלענדער, אַנטלאָפענע פון די פּאָגראָמען אין מזרח־אייראָפּע, צווישן ביידע וועלט־מלחמות, וואָס זענען געקומען זוכן ביי אונדז אין לאַנד אַן אַזיל — מער ווי אַן אַזיל: די געלעגנהייט צו לעבן ווי אַ מענטש. דאָס זענען אַרבעטס־מענטשן, וואָס האָרעווען שווער מיט זייערע אייגענע הענט. דאָס זענען אויך אַזעלכע, וואָס ווערן טיילמאָל געטראָגן דורך דער ליידנשאַפט פון מענטשלעכער ברידערלעכ־קייט און גרייט אַלץ מקריב צו זיין פאַר אַן אידעאַל. פאַרפאָלגט פון דער פּאָליציי, געטריבן, באַהאַנדלט ווי פּאַריאַס, האָבן זיי זיך ביי אונדז דאָך דערפילט אויפגענו־מען, טאָלערירט. זיי האָבן — מער, אָדער ווייניקער אינסטינקטיוו — באַנומען די טיפקייט פון דער פראַנצויזישער פרייהייט און האָבן מיט לייב און נפש זיך צוגעבונדן צו פראַנקרייך.

„זיי זענען, נאַטירלעך, נישט אַלע קיין הייליקע; ב. שלעווין, חזר איך איבער, פאָלגט בלויז דאָס געזעץ פון דער ווירקלעכקייט. (און אַלס אַזעלכער טאַקע טראָגט

ער מיט רעכט דעם טיטל שרייבער). ער פרווט אונדז נישט ווייך צו מאַכן דורך מאָלן אידילישע בילדער. ער שטעלט נישט קעגן דעם באַנאַלן אַנטיסעמיט דעם באַנאַלן פראָ־סעמיט. גענומען פון שפּרודלדיקן לעבן, זענען זיינע טיפן געטריי, נישט אַלעמאָל סימפּאַטיש; מיר זעען דעם אידעאַליסט ביי דער זייט פון ספּעקולאַנט, דעם ערלעכן מענטש ביי דער זייט פון אויסוואורף. דער נעסטיקער עקספּלואַטירטער ווערט טיילמאָל מאָרגן פאַרוואַנדלט אין אַן עקספּלואַטאָר. אָבער אַזוי איז שוין געמאַכט די וועלט! שלעווין מאָלט אונדז מענטשן, נישט קיין איבער־מענטשן, נישט קיין אונטער־מענטשן; און אָט די מענטשן — ליכט און שאָטן — פאַרשפּרייטן, ווי אַלע מענטשן, מער ליכט ווי שאָטן. ווי אַלע מענטשן — אויף צו־להכעיס דעם אַנטיסעמיטיזם — האָבן זיי רעכט אויף גלייכקייט, אויף אַכטונג צו זיך.

„ב. שלעווין איז אַליין איינער פון זיינע „יידן פון בעלוויל". מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק איז ער אַוועק פון פּוילן, איז געקומען לעבן אין לאַנד פון מענטשן־רעכט, פון פרייהייט און פון ווירדע. און אַלס דרוקער־אַרבעטער פאַרדינט ער זיין ברויט. יאָ, דער סטודענט, דער שרייבער, וואָס האָט שוין הינטער זיך אַ רייך ליטעראַריש פאַרמעגן, איז אַן אַרבעטער. ער האָט געלעבט און לעבט ביזן היינטיקן טאָג דאָס לעבן פון זיינע פּערסאָנאַזשן; אויב עמיצער קען רעדן אין זייער נאָמען, איז עס ער אַליין. זייער סאַמע עקזיסטענץ איז זיין אייגענע, ער דריקט אויס זייערע אינטעלעקטועלע אַספּיראַציעס, קלאָר און געוויסנהאַפט.

„אין יאָר 1939 אַנגאַזשירט זיך ב. שלעווין אין דער פראַנצויזישער אַרמיי און מאַכט דורך די מלחמה אין 23־טן אויסלענדער־אינפאַנטעריע־רעגימענט. דערנאָך די געפאַנגענשאַפט ביי די דייטשן ביז מאַי 1945 אין אַ לאַגער אין בייערן. אויך דאָ דערזעען מיר דעם שרייבער פאַרזענלעך. קיין שום דיסאָנאַנסן צווישן אים און די אויסלענדער, וועלכע ער מאָלט; קיין שום דיסאָנאַנס צווישן אים און דער פראַנצויזישער מאַסע. זייער גורל איז אַ געמיינזאַמער.

„ווי אַ שרייבער, האָב איך געזאָגט, האָט שוין שלעווין אַ רייך ווערק הינטער זיך. אָבער דאָס דאָזיקע ווערק איז געשריבן אין יידיש און איז דערפאַר נישט צוטריטלעך פאַר דער גרויסער מערהייט צווישן אונדז. מיר באַרירן דאָ זייער אַ דעליקאַט פּראָבלעם. יידיש איז אַן אוניווערסאַלע, און צו דער זעלבער צייט, אַ לאָקאַלע שפּראַך; אוניווערסאַל, ווייל עס ווערט גערעדט אין אַמעריקע, אַזוי גוט ווי אין פראַנקרייך, אָדער אין ראַטנפאַרבאַנד. מיר זעען דערפון וואָס פאַראַ פּובליקום די יידישע ליטעראַטור האָט פאַר זיך — קודם־כל די אימיגראַנטן, מייסטנס פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן אַ גרויסן קולטור־דורשט. דערפון דרינגט אַרויס די דראַמע פון אַזעלכע שרייבער ווי ב. שלעווין, וואָס טראַכטן נאָר אין יידיש, אָבער וועלכע באַדאַרפן, ווי יעדער שרייבער, ליפּט, אַ סך לופט. מיר דוכט זיך, אַז מיר האָבן נישט קיין רעכט זיי צו דערשטיקן: מיר דאַרפן זיי געבן אַ געלעגנהייט אויסצולעבן זיך. די איבערזעצונג איז אַ וויטאַלע נויטווענדיקייט.

„בעלוויל... ביי אונדז רופט דער נאָמען אַרויס דאָס בילד גופא פון פאָלקס־און אַרבעטער־פּאַריז, מיט זיין פאָרשטאָט־דיאַלעקט, מיט זיין ספּעציפישן זשאַרגאָן, וואָס איז טיפּיש פראַנצויזיש. פאַר ב. שלעווין און זיינע חברים דערמאָנט עס די אַמאָליקע קוואַרטאַלן פון יידישן תחום, אַ מיליע, אַ סביבה, וווּ עס הערשט דאָס יידישן לשון. „די יידן פון בעלוויל" : דער צונויפבונד פוןביידע

ווערטער איז מער ווי ליטעראַטור. באמת — די פראַנצויזישע איבערזעצונג פון חזיקן בוך הייבט אַרויס אַ מאָראַלישן ווערט; זי היילט א לעגיטימען זיווג פון קולטורן".

דער וואָכן־זשורנאַל „עטיד" שרייבט : „דער ראָמאַן פון ב. שלעווין, וועלכער איז איצט דערשינען אין פראַנצויזיש, באַווייזט אונדז אין סאַמע מיטן פּאַריז אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטע, פּיטאָרעסקע עדה פון יידישע עמיגראַנטן, אין דער עפּאָכע צווישן 1920 און די דעפּאָרטאַציעס בעת דער מלחמה. ב. שלעווין איז נישט סענטימענטאַל : ער שילדערט עדלעכע מענטשן, פּונקט ווי אומצרלעכע, ווי ביי אַלע פעלקער. מיר ווינטשן זיך, אַז די אַנדערע ראָמאַנען פון ב. שלעווין זאָלן איבערגעזעצט ווערן אין פראַנצויזיש. זיי וועלן אונדז פיל לערנען".

רענע באַסק.

אין דער סינדיקאַלער צייטונג פון דער ס.זש.ט. „ווי אוווריער" שרייבט ג. בלאַש : „עס זענען פאַראַן ראָמאַנען, וועלכע באַרייכערן, וואָס מען לייענט זיי, נישט בלויז צוליבן פאַרגעניגן, וואָס זיי האָבן אייך פאַרשאַפט, נאָר ווייל זיי האָבן אייך געעפנט אַ נייע טיר, ווייל זיי האָבן אייך אַנטדעקט מענטשן, וועלכע איר באַגעגנט יעדן טאָג, נישט קענענדיק זיי. דורך די גוט־געצייכנטע כאַראַקטערן, אַנטדעקט דער לייענער, אַז די יידישע אימיגראַציע איז נישט האָמאָגען דורך זייער רעליגיע, אַז אויך ביי זיי איז פאַראַן אַ קלאַסן־צעטיילונג. דער מחבר ברענגט אַרויס די טיפע סאָלידאַריטעט, די געמיינזאַמקייט פון טראַכטן ביים יידישן אַרבעטער, צוזאַמען מיט זיין פראַנצויזישן חבר.

„ס'איז די גרויסע קוואַליטעט פון ראָמאַן, וועלכן באַלזאַק וואָלט באַצייכנט : סצענעס פון יידישן לעבן. צום אונטערשייד פון „אברהמ'ס זון" פון ראָזשע איקאָר, איז דאָס בוך טיף דורכגעדרונגען מיטן היסטאָרישן. דאָס איז מער ווי אַ ראָמאַן, דאָס איז אַ כראָניק פון דער יידישער אימיגראַציע. שלעווין האָט געהאַט דעם מוט צו באַרירן אָט דעם דעליקאַטן פּראָבלעם. ער האָט אים באַהאַנדלט אָן שום קאָנצעסיעס. עס גייען אַרום אין דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט אַזויפיל אומבאַגרינדעטע קלאַנגען וועגן לעבן פון אָט די מענטשן, אַז עס איז נוצלעך געווען אַז אָט דאָס פאַרכאַפּנדיקע בוך זאָל אונדז באַווייזן זייער לעבן פון אינעווייניק. ב. שלעווין שרייבט אין יידיש, אין דער שפּראַך האָט ער אַליין אויך איבערגעזעצט באַלזאַק און אַראַגאָן. אָט דער פּאַריזער ראָמאַן וועט אויפקלערן אַ סך סתירות. ער ברענגט דאָ אַרויס אויך דאָס פּיטאָרעסקע און דאָס הומאָריסטישע. דער פּרעציזער ווערט פון דעם בוך, איז די זיכערקייט פון אָפּשאַצן מענטשן, געשעענישן, פאַקטן. די מענטשן זענען אַלע טיף צוגעבונדן צו דער פרייהייט, צו דער גערעכטיקייט, צו מענטשלעכער עמאַנציפּאַציע. מיר וואַרטן אויף די וויטערדיקע איבערזעצונגען פון זיינע ווערק. איינער פון זיינע העלדן, בענני גרינבערגער, איז אַ שטאַרקער, עקשנותדיקער כאַראַקטער. זיין אַמביציע איז פון אַ ראַסטיניאַק (אַ באַקאַנטער העלד פון באַלזאַק'ס „מענטשלעכער קאָמעדיע"). עס שווייבלט און גריבלט מיט שאַרפזיניקער אָבסערוואַציע; אַ וועלט, וועמענס ריטם ב. שלעווין האָט באַוויזן אויפצולעבן אין איר באַוועגלעכקייט, אין אירע קאָלירן, אַנטפּלעקנדיק פאַר אונדז איר טיפע רעאַליטעט".

אין גאַליסטישן „קאַרעפור" האָט ראַבער גאָון געשריבן, נישט אָן אַנטיסעמיטישן בייגעשמאַק : „אָט דער ראָמאַן, איבערגעזעצט פון יידיש, ברענגט אַרויס די פּראָב־

לעמען פון די יידן־עמיגראַנטן איך פאַריז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. נאָכדעם ווי די סאָוויעטן זענען באַזיגט געוואָרן אין 1920 הינטער וואַרשע, איז פאָרגעקומען אַ פּאַציפישע אינוואַזיע פון יידן קיין פראַנקרייך, פון שניידערס, מאַראָקיניערן. דער מחבר שטעלט זיך, פאַרשטייט זיך, אויף דער זייט פון זיינע קאָרעליגיאָנערן און באַמיט זיך אויף אַן אמת צו זיין אָביעקטיוו. אָט די אַלע „פּאָליאַקן" זענען נישט אַלע קיין הייליקע, נאָר טראָץ אַלעמען — אידעאַליסטן. „אין אונדזער אומגליק זענען מיר אַלעמאָל סאָלידאַר מיט די, וואָס ליידן, צו וואָס פאַראַ געמיינשאַפט זיי זאָלן נישט געהערן" — זאָגט איינער, און אַן אַנדערער גיט צו: „אַזוי לאַנג ווי מיר וועלן לעבן, וועט אונדזער איבעריקער געפיל פאַר יושר אונדז נישט לאָזן רוען". איבעריק צו זאָגן, אַז אָט די נביאות ווערט אַדרעסירט צו אַ „גוי". מען דאַרף דאָס בוך שטעלן אין די ביבליאָטעקן צווישן... די ברידער טאַראָ"...

דער אַסימילאַטאָר אַנדרייווירמסער האָט געשריבן אין „לעטר פראַנסעז":

„צי דאַרף מען נאָך איבערחזרן? — די יידן זענען געגליכן צו פּאַרליבטע: זיי מיינען, אַז זיי זענען איינציק אויף דער וועלט... אָט דער גאַנצער בעלוויל, אין גאַנצן אַ יידישער, איז אָפּטמאָל קאָמיש און — בנאמנות — אַרויסרופּעריש. דער טעות ווערט בולט, ווען עס רייסן זיך אַריין די פּאָליטישע געשעענישן פון אונדזער צייט: דער 6־טער פעברואַר 1934, דער פאָלקס־פראָנט, די שטרייקן, דער שפּאַנישער בירגער־קריג, די היטלער־אינוואַזיע. בלויז די יידן דערשיינען אויף דער סצענע, און דאָס רופט אַרויס דעם געדאַנק, אַז די גאַנצע וועלט־פּאָליטיק, די לינקע פּאָליטיק קודם כל, איז געמאַכט דורך ייד,. דאָס הייסט — אומעטום יידן. נאָכוואָס שטופּט איר זיך אומעטום?".

אין אַ בריוו צום רעדאַקטאָר פון „לעטר פראַנסעז", אַראַגאָ, שרייבט ב. שלעווין:

„כאָטש ס׳פּירט זיך נישט געוויינלעך צו אָפּענירן אויף אַן אָפּשאַצונג איבער אַ בוך מצד אַ מחבר, וויל איך אָבער דאָס מאָל אָפּענירן אויפן אַרטיקל פון אַנדרע ווירמסער. דער פאַל איז אַ גאַנץ באַזונדערער; ער איז ענג פאַרבונדן מיט די גרויסע אומגליקן, וואָס אונדזער יידישע ליטעראַטור, אונדזער לעבן בכלל, האָט געליטן, אָדער ליידט שוין זיבן יאָרן.

„אין מיין בוך „די יידן פון בעלוויל" האָב איך געשילדערט די יידישע אַרבעטער־אימיגראַציע, וואָס איז געווען געצוווּנגען צו אַנטרינען פון פּוילן צוליב ראַסיסטישע און פּאָליטישע פאַרפאָלגונגען. במשך פון די יאָרן האָבן זיי ליב באַקומען פראַנקרייך, זיך געשלאָגן פאַרן לאַנד און עס אַדאָפּטירט פאַרן צווייטן פאָטערלאַנד. די אימיגראַנטן האָבן ליב באַקומען פראַנקרייך, זיי האָבן אָבער פיינט דעם פאַשיזם. אַקסל־ביי־אַקסל מיטן פראַנצויזישן פאָלק, האָבן זיי אין די פעברואַר־טעג איך 1934 געקעמפט אויף די באַריקאַדן אויף רי דע ל׳אַריאָן, אויף פּלאַס דע לאַ רעפּובליק, צו פאַרטרייבן די פאַשיסטן פון לאַנד. דאָס אַלץ געפינט אַנדריי ווירמסער „אומדיסקרעט" פון מיין זייט, צו דערציילן וועגן דעם. ער געפינט פאַר „אומדיסקרעט", ווען איך ווייז ווי יידישע אַרבעטער נעמען אָנטייל אין די שטרייקן פון 1934, ערב דעם פאָלקס־פראָנט; ווען איך ווייז ווי יידישע אַרבעטער ציען מאַסנווייז פון אַלע עקן אייראָפּע, צו פאַרטיידיקן די שפּאַנישע רעפּובליק קעגן פראַנקאָ־פוטש. פאַר מיר, ווי אַ פּראָגרעסיווען יידישן שרייבער, איז עס מער ווי נאַטירלעך צו ווייזן יידן אין די ראַמען פון אָט די גרויסע היסטאָרישע געשעענישן. אָבער אַנדריי ווירמסער געפינט עס אַלץ פאַר „אומדיסקרעט" און ער

באַמערקט דערביי איראָניש, אַז ביי יידן איז דאָס געמיינזאַמע מיט די פֿאַרליבטע דאָס, וואָס זיי מיינען, אַז זיי זענען איינציק אויף דער וועלט... דווקא הערפּאַר, ווייל מיר מיינען נישט אַזוי, נעמען מיר אָנטייל אין אַלע קאַמפֿן. צי האָבן מיר דען נישט דאָס רעכט אויסצושרייען אונדזער וויטיק, פּונקט ווי אַלע? צי ברענגען נישט אַזעלכע באַמערקונגען אויפֿן געדאַנק דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, וואָס מען געפֿינט דווקא ביי אַזעלכע יידן־אָפּשטאַמיקע, ווי אַנדריי ווירמסער?

„איינצושטעלן זיך פֿאַרן כבוד פֿון יידישן אַרבעטס־מענטש, פֿון יידישן שפּאַניע־קעמפֿער, האָט מיך באַוויגן צו שרייבן אייד די דאָזיקע ווערטער; פֿאַר דער גרויסער יידישער ליטעראַטור, וואָס לעבט און וועט לעבן (כאָטש אַנדריי ווירמסער פֿאַראורטיילט זי), טראָג דעם גרויסן מאָרד איבער אונדזער פֿאָלק, איבער אונדזער פֿאָלקס־קולטור און אירע שעפֿער".

„געווען איז עס נעכטן", ראָמאַן, פּאַריז, 1951

דער ראָמאַן „געווען איז עס נעכטן" איז געווען דער ערשטער טייל, און אויך דער ערשטער וואַריאַנט, פֿון דעם ווערק, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער — אין אָנבליק פֿון די טרויעריקע אויפֿדעקונגען איבערן מאָרד פֿון די יידישע שרייבער און קולטור־שעפֿער אין ראַטנפֿאַרבאַנד — רייף געוואָרן ביים שרייבער. דאָס איז דער ערשטער אָנוואָרף פֿון זיין ראָמאַן „חברים פֿון מוראַנאָווער ראַיאָן". אָבער שוין אין דעם ערשטן וואַריאַנט קומט בולט צום אויסדרוק דער גאַנצער קאָמפּלעקס פּראָבלעמען, וואָס זענען אַרויפֿגעשווומען אין די לעצטע יאָרן. שוין דעמאָלט מאַטערן דעם שרייבער חרטה־געפֿילן לגבי יידישע פּראָבלעמען, וועלכע ער ברענגט אַרויס דרייסט, אָן שום פּניות. שוין דעמאָלט ווערט ער שאַרף קריטיקירט דורך זיינע אידייאישע חברים. עס אַנטשטייט אַ פּאָלעמיק צווישן אים און די, וואָס טראַכטן נאָך אַלץ מיט אַבסטראַקטע, קאָסמאָפּאָליטישע קאַטעגאָריעס, אָדער זיי זענען פּשוט נישט אויפֿריכטיק, נישט וועלנדיק דערזען דעם נייעם קער אין אונדזער געשיכטע.

שוין לאַנג, אַז עס האָט זיך געבענקט נאָך אַ בוך, וואָס זאָל דורך געטרייער שילדערונג דערציילן פֿון אונדזער נאָענטן עבֿר, צווישן די יאָרן 1920 ביז נאָך אונדזער חורבן. מיר האָבן אָפּט דעם איינדרוק צו וואַרפֿן דאָס גאַנצע ליכט אויף איין געשטאַלט, אויף איין שיכט, אַ מין אָנשטרענג צו צייכענען אין העלע פֿאַרבן, אין דער צייט, ווען אַ ביסל טונקעלע פֿאַרב וואָלט בפֿירוש נאָך העלער געמאַכט דאָס אַלגעמיינע בילד. עס שמעקט אָפּט פֿון די מעמואַריסטן מיט סענטימענטאַליזם. נישט דער פֿיבער פֿון טיפֿער איבערלעבנדיקער בענקעניש רופֿט אין דער וויזיע אַרויס דעם שיינעם נעכטן, נאָר עפּעס אַ מין גייסטיקע פֿאַרגליווערונג. דאָס איז להיפּוך צו דער קינסטלערישער עמאָציע, וואָס צינדנדיק זיך אין בענקשאַפֿט, לעבט זי אויף און געשטאַלטיקט אַ לעבנס־וועלט פֿון נעכטן. און כאָטש ב. שלעווין דער עכטער דערציילער, שילדערט נישט דווקא דאָס גאַנצע בילד, דאָך האָט ער געפּרוווט זען דעם גאַנצן אַרום. אין זיין געמיט פֿיבערן די מענטשן פֿון פֿאַרשיידענעם גייסטיק־אידייאישן איינשטעל, פֿון פֿאַרשיידענע סביבות, און ער באַמיט זיך צו געבן זיי אַ קינסטלערישן תיקון. ער דערציילט און ער שילדערט דעם נעכטן, וואָס אין זיינע טיפֿן איז אָנגעגאַנגען אַ מעכטיקער געראַנגל צווישן די נייע, יונגע, רעוואָלוציאָנערע כוחות, מיט אַ וועלט, פֿאַרזונקען אין האַס און אכזריות. די רע־

וואָלוציאָנערע יידישע יוגנט איז פול מיט אימפּעט און גלויבן. זי איז זיך מקריב. די ברוטאַליטעט פון דער פּוילישער פּאַנישער רעגירונג ברעכט נישט דעם גייסט און דעם מוט זייערן. זיי זענען געליטערט אין ליידן און זיגעגען אין פּיין, דורכגעשטראַלט דורך דער וווּנדערלעכער שיינקייט פון קאַמף.

ב. שלעוויק פאַרכלינעט זיך נישט. פאַרקערט, ער איז שטיל, ער דערציילט און מאָלט מיט טיפער, רירנדיקער בענקשאַפט, דורך זיין קרעפטיקן אויסטיילן די הערלעכע געשטאַלטן. שטעט, שטעטלעך, גרויס־שטאָט פּראַלט ער אויף און לאָזט אונדז אין זיי אַריינקוקן. דערנאָך הייבן מיר אָן, גאָרנישט פילנדיק, אַליין מיטצושפּאַנען. לאַנג האָט געוואָרט די יידישע יוגנט פון יענעם פּוילן עס זאָל קומען איר שילדערער און דערציילער. און ב. שלעוויק, וואָס איז געווען איינער פון דער גרויסער מתנה, האָט דעם קינסטלערישן כוח פון די ליכטיקע און גלייכצייטיק אויפטרייסלענדיקע איבערלעבענישן, צו וועבן אויף אַ ברייטן געוואַנט דאָס צאַפּלדיקע לעבן פון אַ גרויסן, העראָישן נעכטן.

אַ „פרעמדער" קומט אָנצופאָרן אין אַ שנייאיקער נאַכט מיט אַ פויעריש שליטל און פאַלט אַריין אין אינטערנאַט פון יידישן לערער־סעמינאַר, אין ווילנע. ס'איז סוף צוואַנציקער יאָרן. אַ יונג יידיש מיידל, אַ שיקלדיקע, פירט אים איבער, אין גרעסטער קאָנספּיראַציע, קיין וואַרשע. מיר באַקענען זיך מיט דער אומלעגאַלער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, מסירת נפש, לעגענדאַרישע העלדן. עס שטראַלט די שיק פון ווייטיק, שרעק, ליכטיקע האַרציקייט. די ליבשאַפט פון פּאָעט אהרן איז גאַנץ און ריין, כאָטש מיר הערן ווינציק רייד וועגן ליבע — אין קאַמף איז נישטאָ קיין צייט, אָבער די הערצער זענען אָנגעצונדן. די שיקלדיקע סטערקע פירט אַרויס אהרנען פון דער צירלעך־מאַנירלעכער סטודענטישער סביבה. זיין ליד ווערט באַזעלט.

ס'איז אויפגעשטאַנען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַ פּוילן, באַהערשט פון פּריצים, פון גענעראַלן, פון קלער, פון קוילן־באַראָנען און פאַבריקאַנטן, אין שפּיץ מיטן רעאַקציאָנער פּילסודסקי. די עקאָנאָמיע איז רואינירט. אונטערדריקונג, הונגער, תפיסות, טויט־אורטיילן — פאַר פּאָליאַקן, ווי פאַר די מינדערהייטן. די יידן זענען רעכטלאָז. אַן אויפרודערונג איז פאַרגעקומען אין די יידישע שטעט און שטעטלעך — ציוניסטישע, יידישיסטישע, פאָלקיסטישע, קאָמוניסטישע שטרעמונגען, אַרבעטער־פאַראיינען. די יוגנט שמאַכט אין די תפיסות.

ב. שלעווין איז קודם אויסן צו שילדערן די יידישע יוגנט אין פּוילן, די שטייגעריש־געזעלשאַפטלעכע, די אַרבעטערשאַפט, די אינטעליגענץ. דורכן געוואַגטן מיידל סטערקע גייען דורך די פאַרבינדונגס־פעדים. זי גיט צו עפּעס אַ פייערלעכקייט איר הייליקע עבודה. זי איז פול מיט ברען און מיט מיידלערישער צאַרטקייט. איר געפעלט וואָס אהרן איז אַ פּאָעט. די לעגענדע פון מוראַנאָווער ראַיאָן איז דער חבר זלמן. ער איז ערגעץ פאַרשטעקט אין אָטוואָצק. סטערקע ברענגט איינמאָל אַהין אומגעריכט אהרנען און דאָרט, אויפן פּאָן פון די אָטוואָצקער וועלדער, וויקלט זיך אויף אַזוי שיין זייער ליבע. זיי ווערן שפּעטער ביידע פאַרוואָגלט קיין פּאַריז. דער חבר זלמן פאַלט ווידער אַריין אין תפיסה. אַן עפּאָכע האָט זיך מיט אים אָפּגעשלאָסן. ס'בלייבט ווי אַ דערמאָנונג, ווי דער סקולפּטאָר שמואליק האָט אים אויסגעקנעטן אין ליים: „ס'איז דער חבר זלמן! ס'איז מער, ס'איז דער פּראָמעטעאוס, צוגענאָגלט צום פעלדז... דער בליק קוקט, ווי דורך קראַטן"...

דורך אהרנען וויזט דער שרייבער די סביבה פון ליטעראַטן־פּאַראיץ אויף טלאָמאַצקע 13. מיר הערן דעם אָפּהילך פון יענע אויפרודערנדיקע טעג צווישן די יידישע אינטעלעקטועלע, די וויכוחים ביי די טישלעך, צווישן ציניקער, דעביוטאַנטן. אַלע האָבן זיי נישט קיין באָדן. עפּעס אַ נאָכגעמאַכטע באָהעמיע.

אַדאַם באַטאַנזאָן איז די שיינע, ליכטיקע געשטאַלט פון יידישן פּוילן. ער איז אַ מענטש פון יושר און טאָלעראַנץ. ער ווערט צוגעדריקט אין טעגלעכן קאַמף אין זיינע לייט־אַרטיקלען און דער יידישער און יידיש־פּוילישער פּרעסע, אויף דער סיים־טריבונע. ער איז אָבער אַן עקשן, ער גיט זיך נישט אונטער. צו אים ווענדן זיך אַלע, פון אַלע שיכטן און גרופּירונגען. צו אים קומט חבר זלמן, אין שייכות מיטן קאָברינער פּראָצעס, אין שייכות מיט זיי, באַטאַנזאָנס, דעלעגירט ווערן צו קאַלינינען וועגן דעקרעט פון דער סאָוועטישער רעגירונג צו שאַפן אַ יידישע אויטאָנאָמע געגנט אין ביראָבידזשאַן. דער חבר זלמן, דער קאָמוניסט, זעט נישט די יידן־פראַגע ווי עפּעס אַ באַזונדערקייט, נאָר געבונדן מיטן גאַנצן וועלט־געראַנגל.

צווישן די געשטאַלטן, וואָס בלייבן אומפאַרגעסלעך, איז אויך דער יידיש־דייטשער שוישפּילער, קורט ווינקלער. דער גאַנצער טראַגיזם אונדזערער איז איינגעקריצט אין זיין לעבנס־וועג. ווען ער איז שוין געשטאַנען אויפן העכסטן שטאַפּל פון באַרימטקייט, איז ער, מיט היטלערס פאַרכאַפּן די מאַכט, צוריק פאַרטריבן געוואָרן איך גלות־פּוילן. קורט ווינקלער איז אַ קעמפערישע פּערזענלעכקייט. דער מאַן פון שטימונגען פילט, אַז דאָס, וואָס האָט אים געטראָפן, איז נישט עפּעס דרויסנדיקס. ער איז צוריק צווישן זיינע „אָסט־יודען", צו טיילן מיט זיי דעם יידישן גורל. פינצטער איז דעמאָלט געווען אין פּוילן. „אַ קליינער, שטרענגער פּולקאָווניק" האַלט אין זיינע בלוטיקע לאַפּעס דאָס לעבן פון יעדן. פּאָגראָמען. דער „קליינער פּולקאָווניק" מאָרדעט די איידלסטע זין פון פּוילן אין קאַרטוז־בערעזע. קורט ווינקלער איז דער אָנזאָגער פון דער קאַטאַסטראָפע, וואָס רוקט זיך אָן. ער איז פול מיט צווייפל, אָבער נישט פאַריאושט. ער איז דער גייסטיקער אָנלען אהרנ'ס אומעטום, ווו זייערע וועגן קרייצן זיך. אין פּאַריז צווישן די אינטעלעקטועלע, אַנטרונענע אין „דער לעצטער פעסטונג פון דעמאָקראַטיע, אין פראַנקרייך". זיי ווערן דורך ב. שלעווין אַזוי רעאַל געמאָלן, אַז מיר קענען זיי אָנרופן ביי די נעמען. אין דער סביבה פון מאָנפּאַרנאַס, אַנטלאָפענע פון פּוילן, באַגעגענען מיר אויך לסוף אַדאַם באַטאַנזאָנען. אָבער דאָ, אין גלות, ווערט די שטראַלנדיקייט ווי אָפּגעטאָן פון אים. ער איז אַלט און מיד. עפּעס לאָזט ער דעם איינדרוק פון איינעם, וואָס האָט געטראָגן אַ קרוין און די קרוין ליגט צעבראָכן ביי זיינע פיס.

אהרנס אָרעם שטיבל אויפן בעלוויל ווערט נישט די וואַרעמע נעסט פאַר אים און סטערקען. זי פאַרלאָזט אים, פאַרשווינדט, דווקא דעמאָלט, ווען ער ברעכט זיך צוזאַמען אונטער דער לאַסט פון איבערלעבונגען און עקבערנדיקן צווייפל. ער איז אַ קינד פון דער דזשיקע און זיין גאַנצע בענקשאַפט ציט אַהין, צום גרויסן העראָאישן נעכטן. ער געפינט זיך אין שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע, ווען די נאַציס טרעטן שוין מיט זייערע שווערע שטיוול איבער די גאַסן פון פּאַריז; און אויך אהרן פאַלט לסוף אַריין אין אַ געפאַנגענען־לאַגער.

דאָס איז געווען דער ערשטער וואַריאַנט, דער ערשטער טייל פון שלעווינס שפּעטערדיק גרויס ווערק „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן". אין אַ וועלט פון ליידן און שחיטות, בלייבן די גלויביקע און קעמפנדיקע דאָך גאַנץ. אַ גרויס שטיק לעבן איז דאָ געשטאַלטיקט געוואָרן.

(שלום שטערן)

ב. שלעווין כאַפּט אָפּט אויף געשטאַלטן, אין עטלעכע שטריכן, דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע. דער דיאַלאָג איז אַ נאַטירלעכער, דרינגט אַרויס פון דער געשילדערטער פּערזאָן. ב. שלעווין געהער זיכער צו די ווייניקע יידישע שרייבער, וואָס ברענגען ניקע מאָטיוון אין דער יידישער ליטעראַטור. מיט גרויסן כוח צייכנט ער דעם אונטערגייענדיקן באַלעבאַטיש־גבירישן לעבנס־שטייגער, די קרעמער, די הענדלער, יורדים. דער קינסטלער האָט זיך שאַרף צוגעקוקט, איינגעהערט. ער שטעלט אויף אַן אייגענע וועלט, מיטן עכטן וואָרט, מאָלערישקייט און שפּילעוודיקייט פון פאַרב. דאָס איז אַ קינסטלערישער דאָקומענט פון דער צייט.

יעדע אַקטיווע, לעבעדיקע געשטאַלט שאַפט אַרום זיך אַ באַזונדערע, נאָר פאַר איר אייגנטימלעכע, אַטמאָספער. יעדע כאַראַקטעריסטישע, טיפּישע געשעעניש בילדעט אַ באַשטימטן קלימאַט. די דאָזיקע אַטמאָספערע און דער דאָזיקער קלימאַט שאַפן עס יענע קינסטלערישע באַווירקונגס־קראַפט פון יעדן עכטן ווערק, וואָס פירט אַריבער דעם לייענער אין אַ נייער רעאַליטעט.

ב. שלעווין זעט לכתחילה דעם מענטש אין אַ באַשטימטער אַטמאָספער און הייבט אים אַרויס צוזאַמען מיט איר ווי איין גאַנצעס. אין זיינע ווערק, אָנהייבנדיק פון די סאַמע ערשטע, זעען מיר דעריבער נישט בלויז דעם געמיט־צושטאַנד און די איבערלעבונגען פון איינצלנע מענטשן, נאָר פון אַ גאַנצער סביבה, די שטימונג פון דער צייט. די אינדיווידועלע איבערלעבונגען פון די העלדן, זייערע האַנדלונגען און שטימונגען, טויכן אויף פון דער טיף פון דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער, וואָס ביי זייער גאַנצער פאַרשיידנפאָרמיקייט און פאַרענדערלעכקייט, זענען זיי אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיטן גאַנצן מאַסיוו, פון וועלכן זיי קומען אויף און צו וועלכן זיי קערן זיך צוריק אום. אויף אַ קורצע ווײַלע קאָן זיך אונדז אויסדוכטן, אַז מיר זעען עפּעס אַן אָפּגעזונדערטע דערשיינונג אין איר אינדיווידועלן בונט; ווי נאָר אָבער מיר הייבן אויף אונדזער בליק אַ ביסל העכער, דערזעען מיר גלייך דאָס גאַנצע בילד, דעם שטורעם אין זיין גאַנצן פאַרנעם. מיר זעען די רעוואָלוציאָנערע געשטאַלטן, פולשטענדיק איינגעפאַסט אין די שטימונגען, אין דער אַטמאָספער, וועלכע האָט געהערשט צווישן דער קליינבירגערלעכער יידישער אינטעליגענץ, פאַראַרעמטן קליינבירגערטום און טיילווייז אויך צווישן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין וואַרשע, אין די דרייסיקער יאָרן. ביי דער גאַנצער פאַרשיידנאַרטיקייט פון זייערע קורץ־געצייכנטע כאַראַקטערן, ביי דער גאַנצער אינדיווידועלער אַנדערשקייט, מיט וועלכער זיי ברענגען צום אויסדרוק זייער בונט און פּראָטעסט, זעען מיר דורך זיי די אַטמאָספער פון דער צייט. פּסיכאָלאָגיש־אמתדיק שילדערט שלעווין די איבערגעשטאַלטיקונג־ און אַסימילאַציע־פּראָצעסן פון דער יונגער גענעראַציע. (דוד ספאַרד)

דער פראַנצויזישער ראָמאַניסט אַנדריי שאַמסאָן האָט אין אַן עסיי פאָרגעוואָרפן די הײַנטצייטיקע פראַנצויזישע ראָמאַניסטן, אַז די געשטאַלטן, וואָס זיי ברענגען אַרויס, האָבן גאָרנישט צו טון מיטן אַרומיקן לעבן, אַז זיי זענען אַפילו אין סתירה מיטן לעבן גופא. אַנדרע שאַמסאָן פירט אויס, אַז ווען מען לייענט די מעמוואַרן און זכרונות פון 18־טן און 19־טן יאָרהונדערט און ווען מען בלעטערט די ראָמאַנען פון דער זעלבער עפּאָכע, דערזעט מען, אַז די העלדן, אין זייער פּסיכיק און מענטאַליטעט, אַנטשפּרעכן פולשטענדיק די געשטאַלטן און טיפּן פון די מעמוואַרן. די העלדן פון באַלזאַק'ס און סטענדהאַל'ס ראָמאַנען, למשל, געפינט מען אין די מעמוואַרן פון זייער צייט. דער אונטערשייד צווישן מעמוואַרן און ראָמאַן איז, נאַ־

טירלעך, דער טאַלאַנט, אָדער טײלמאָל די גאונות פֿון שרײבער. די קונסט פֿון מעמוארן, דאָס איז די ערלעכקייט פֿון דער קונסט פֿון ראָמאַן.

„ערלעכקייט פֿון ראָמאַן", דאָס איז די ריכטיקע באַצייכענונג פֿון ב. שלעווינס ראָמאַן „געווען איז עס נעכטן". עס איז די כראָניק פֿון אונדזער צייט, געשטאַלטיקט דורך אַ קינסטלער מיט זיין קלוג, עמפּינדלעך אויג. מיט אַ פּאָר קאָנדענסירטע שורות פֿירט אונדז שלעווין אַריין אין געמיט פֿון דער צייט:

„צווישן טראַקטן און אומעטיקע בעריאָזעס האָט געסקריפּעט דאָס פּויערישע וועגעלע צום זאַמדיקן שטיקל ערד, וווּ דאָס אָרעמע ברויט איז אויפֿגעגאַנגען שפּעט אין זומער אַריין. די מאַיאָנטקעס פֿון פּריצים און פּוילישע „אָסאַדניקעס" האָבן געבליט דורך האַלב־אומזיסטער פּויערישער פּראַצע. פֿאַרשטומט זענען געווען די פֿריילעכע און פֿאַרבענקטע ווייסרוסישע לידער; נישט קיין האַרמאָניקע און נישט קיין ציטער פֿון אַ מאַנדאָלינע אין זומערדיקן אָוונט־בלוי, צווישן בליענדיקן יאַשמין, צעזעצט אויף די נידעריקע בענק, אין די שטומע, אויסגעלאָשענע דערפֿער. פֿאַרשטאַרקטע מיליטערישע גאַרניזאָנען און פּאָליציי־פּאָסטערונקעס — צעשטעלט אויף אַלע קרייץ־וועגן"...

מאָלעריש־פּלאַסטיש, אַ רעאַליזם, באַהויכט מיט ליריזם, אַן אומעט וועבט אַרום די נשמה. דער פּוילישער האַרבסט — די טאָפּאָליעס, דער דינער נעפּל. די נאַטור גיסט זיך אוממיטלבאַר צונויף מיט זיינע מענטשן, געצייכנט און אויסגעהאַמערט ווי אין מעטאַל. די אינדיווידועלע פּאָרטרעטן כאַראַקטעריזירן די יידישע אינטעליגענץ. זייער גייסט ווערט געפּייניקט דורכן שיקזאַל פֿון יידן. אָט איז חבר זלמן — „זיינע איינפֿאַכע יידן זענען פֿול געווען מיט לעבעדיקע ביישפּילן, מיטן קלאָריט פֿון זיין מוראַנאָווער ראַיאָן. ער האָט געוואָרפֿן די ווערטער, ווי שווער־פֿאַרהאָרעוועטע מטבעות"...

דער ראָמאַן איז אַ מין פּועל יוצא פֿון צוויי ליטעראַרישע קולטורן: די גריכטלעכע קענטעניש פֿון דער יידישער ליטעראַטור און דאָס טיפֿערע באַקענען זיך מיט די פֿראַנצויזישע מייסטער. נעמט, צום ביישפּיל, די חתונה פֿון זיינוולען מיטן פֿראַנצויזישן מיידל — דיינער הומאָר, עלעגאַנץ, גראַציע פֿון די גרויסע פֿראַנצויזישע דערציילער. אין איר קורצקייט און קאָנדענסירטקייט, האָט די שפּראַך פֿון ב. שלעווין דעם פֿליסנדיקן ריטם פֿון יידיש־פּוילישן גערעדטן מאַמע־לשון; אַ קאָליר־פֿולער, בילדערישער, קלאָרער יידיש פֿון אונדזערע אַלטע היימען, ביי דער ווייסל, ביים ניעמאַן, ביים בוג. ער מיידט שאַרף אויס אָרנאַמענטאַלע, מליצה׳דיקע אָפּווייכונגען. דורך דער זעלטענער עמפּינדלעכקייט פֿון יידישן וואָרט, דורך זיין פֿאַרבאָרגענער מעלאָדיע, ריטם, וואָג, דורכן פֿאָלירן און שלייפֿן דעם זאַץ, דערהייבט זיך אָפּטמאָל די שפּראַך פֿון ב. שלעווין צו דיכטערישער פּראָזע. פֿון זיין שאַפֿן פֿליסט די גרויסע ליבע צום פּשוטן ייד, ווי צו דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס זענען אונדז אויסגערונען. נישט ווי אַ זייטיקער צושויער איז דער שרייבער. ער האָט דורכגעוויטיקט און דורכגעפּייניקט זיין דור און האָט געפֿונען אין זיך דעם כוח צו שילדערן לירי ש און עפּיש דעם טראַגישן ווענד־פּונקט אין דער יידישער געשיכטע.

(כיל אַראָן)

האַלטנדיק פֿון דער גמרא, וואָס זאָגט: אין מוקדם ומאוחר בתורה, איז, לויט אונדזער מיינונג נאָך, אויך אין קונסט נישטאָ קיין פֿריער און שפּעטער. הגם פֿאַר דער געשיכטע איז אלף שנים כיום אתמול. נעמענדיק אָבער אין באַטראַכט די גע־

וואַלדיקע געשעענישן פון דאָזיקן צייט־אָפּשניט, איז עס שוין גאָרנישט ווי אַ „נעכטיקער טאָג“, כאָטש ב. שלעווין האָט אַ נאָמען געגעבן זיין בוך „געווען איז עס נעכטן“, דאַרף מען עס פאַרשטיין בלשון סגי נהור. די דערשיינונגען, ביז די קלענסטע ניואַנסן, ווערן נישט פאַרהוילן פונעם שרייבערס שאַרף־באַאָבאַכטעריש אויג, ווערן פון אים אַרויסגעפירט אין אַ הויך־קינסטלערישער פאָרם, רעאַל און קאָנקרעט. ב. שלעווין יאָגט זיך נישט נאָך קיין ביליקע עפעקטן. ער זוכט נישט געקינצלט אַרויסצורופן געשפּאַנטקייט. ב. שלעווין איז אַ רעאַליסט, לויטן אינהאַלט, און אַן עקספּרעסיווער קינסטלער, לויט דער פאָרם. ער שעפּט מאַטעריאַל ביים שפּרודלדיקן לעבן. ער שילדערט זיינע העלדן געטריי, אמתדיק, יעדן לויט זיין טעמפּעראַמענט. עס שלאָגט ערטערווייז אַרויס אַ געוויסער סקעפּטיציזם.

מען קען נישט פאַרבייגיין די פּערלדיקע שפּראַך, דעם געשמאַקן, זאַפטיקן, פאָלקסטימלעכן יידיש. ב. שלעווין האַלט זיך אפילו נישט אָפּ צו געבן בירגעררעכט געוויסע סלאַוויזמען, ווי: סטרעכע, בידנע, אומישנע. אָבער ביי שלעווינען באַקומען די דאָזיקע סלאַוויזמען אַ יידישן קאָלאָריט. די יידישע שפּראַך איז יונג און עלאַסטיש, זי איז נישט געפּענטעט מיט קיין „חוק ולא יעבור“, ווי אין אַנדערע שפּראַכן. שאַפֿן זיך ביי שלעווינען נייע פאָרמען פון זאַכנעמען, אָדער אַדווערבן, ווי צום ביישפּיל: געצווינטלט, געקלעפּלט א. אַ.ד.

אויף וויפל די גרויסע געשעענישן אין ערשטן העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט וועלן ווערן געשיכטע, אין יידישן, ווי אין נישט־יידישן לעבן, וועט דאָס שאַפֿן פון ב. שלעווין בלייבן אַ העכסט־קינסטלעריש היסטאָריש ווערק לדורות.

(ב. אַלפּעראָוויטש)

די טרילאָגיע „די ברידער כייקין“, ערשטער טייל:
„דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס“

אָנהייב 1955 איז דערשינען דער ערשטער טייל פון דער טרילאָגיע „די ברידער כייקין“, דער ראָמאַן „דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס“. פרייטיק דעם 2־טן מערץ איז פאָרגעקומען אַ פייערלעכער ליטעראַרישער אָוונט לכבוד דעם בוך, צו וועלכן עס זענען געקומען שרייבער, קינסטלער און לייענער. ח. סלאָוועס האָט אין זיין אַרויסטריט אָנגעוויזן:

ב. שלעווין שאַפֿט זיינע געשטאַלטן אויף דער הייסער מינוט, ווען דאָס לעבן האַלט נאָך אין ווערן. ער פירט מיט זיך אַליין אַ וויכוח, ער וואַרט נישט אויף קיין דיסטאַנץ, ווייל אַזאַ איז זיין קינסטלערישער טעמפּעראַמענט, מיט וועלכן ער באַלעבט און באַהויכט זיינע העלדן. דער מצב פון יעדער ליטעראַטור קען געוויגן און געמאָסטן ווערן לויטן מצב פון דער קינסטלערישער פּראָזע. פּראָזע איז דער פונדאַמענט פון ליטעראַרישן שאַפֿן, זי איז אָרגאַניש געקניפּט מיט דער רעאַליטעט און ווערט כסדר דורך איר געפורעמט. דעריבער אפשר האָבן אויף דער פּראָזע אַמווייניקסטן אַ שליטה די כלערליי פאָרמאַליסטישע עקספּערימענטן. דער קריזיס פון דער יידישער ליטעראַטור קומט אַמבולטסטן צום אויסדרוק אין אונדזער פּראָזע. עס דערשיינען זייער ווייניק אָריגינעלע פּראָזע־ווערק. דער גרעסטער טייל פון דער מאָדערנער יידישער פּראָזע האָט זיך אָפּגעריסן פון דער רעאַליטעט און

איז געוואָרן כמעט אויסשליסלעך רעטראָספּעקטיוו. נאָך פֿאָלקס־חורבן אונדזערן האָבן דאָס רוב לעבן־געבליבענע פּראָזע־שרייבער זיך אומגעקערט מיטן רוקן צו דער קעגנוואַרט. אין דער יידישער ליטעראַטור איז דורכגעלאָזן געוואָרן אַ דור — דער דור פֿון מאָדערנער, יידיש־וועלטלעכער יידישקייט, וואָס איז אויפֿגעוואַקסן אין די צוואַנציקער יאָרן.

ס׳איז דער אומגעהויערער פֿאַרדינסט פֿון ב. שלעווין, וואָס האָט, כמעט דער איינציקער אין אונדזער ליטעראַטור, געשטאַלטיקט דעם דאָזיקן דור, דערצויגן אין און אַרום דער יידישער פֿאָלקס־שול, איז רייף געוואָרן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין די תּפֿיסות און האָט שפּעטער זיך אַ לאָז געגעבן איבער דער וועלט. קיין שום פֿאָרשער וועגן יידישן לעבן אין פֿראַנקרייך וועט נישט קאָנען זיך באַגיין אָן שלעווינס ווערק. קיינער, ווי שלעווין, האָט אַזוי נישט אויפֿגעכאַפּט און געמאָלט דעם טיפּישן פּאַריזער פּיזאַזש, די אויסטערלישקייט פֿון נייעם יידישן שטייגער, די שפּרודלדיקייט פֿון יידישער ענערגיע. ב. שלעווין האָט מיט אַ סך טאַלאַנט אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור דעם הייסן אָטעם פֿון אונדזערע טעג, אונדזער אינטענסיווע, שאַפֿערישע און בלוטנדיקע ווירקלעכקייט. ער האָט זיך דערמיט דערוואָרבן אַ וויכטיקע, אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דער מאָדערנער יידישער פּראָזע.

(ח. סלאָווועס)

עס איז געווען דער פֿרילינג פֿון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור און פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין דער אַלטער היים. אָבער נאָך איידער דער פֿרילינג איז פֿאַרביי, איז דאָס יידישע פֿאָלק אויסגעהרגעט געוואָרן. ווען ב. שלעווין באַשרייבט די יוגנט פֿון די בונדישע כייקין, שילדערט ער נישט בלויז זיין אייגענע יוגנט, נאָר אונדזער אַלעמענס יוגנט. אויף שלעווינען האָט אין זיין יוגנט געמאַכט אַ טיפֿן רושם „דאָס שטעטל" פֿון שלום אַש, דאָס אָרגאַנישע צוזאַמענבינדן די געשטאַלטן מיט דער שיינער פּוילישער לאַנדשאַפֿט. מיר זעען ביי שלעווינען דעם דאָזיקן מאָלערישן צוגאַנג. ער איז אַ מאָלער־אימפּרעסיאָניסט אין יידישן ראָמאַן, ער ברענגט אַרויס זעלטן־טרעפֿלעך, סובטעל די אַטמאָספֿער פֿון פּאָלעסיע אין געפּרעסטער בילדלעכקייט. דורך זיין קאָליריפֿולער שילדערונג איז ב. שלעווין דער המשך פֿון דער יידיש־פּוילישער בעלעטריסטיק פֿון פֿאַרן גרויסן חורבן. אָבער ער ציט אויך זיין פֿאָדעם פֿון די גרויסע פֿראַנצויזישע רעאַליסטן: באַלזאַק, פֿלאָבער, זאָלאַ. דאָס לעבן, דאָס האַנדלען פֿון זיינע העלדן איז דערקלערט דורך היסטאָרישע געשעענישן. מיר געפֿינען אין שלעווינס העלדן דעם לעבנס־שוווּנג, וועלכן אַנרי בערגסאָן רופֿט אָן „עלאַן וויטאַל". אפשר איז דערין פֿאַראַן דער טיפֿער סוד פֿון יידישער עקזיסטענץ דורך אַזויפֿיל יאָרהונדערטער ליידן?

(כיל אַראָן)

די פֿראַגע פֿון דיסטאַנץ אין קינסטלערישן שאַפֿן, איז קודם כל פֿאַרבונדן און אָפּהענגיק פֿון זיינע אַסאָציאַציעס און ס׳איז נישט שייך צו רעדן וועגן אַ כלל. איטלעכער שאַפֿט זיינע ווערק לויט די אַסאָציאַציעס, וועלכע עס רופֿט אַרויס ביי אים דאָס לעבן און די דערפֿאַרונג. איך האָב נאָך געקענט שלעווינען אין אַמאָליקן וואַרשע, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער אָנהייבער. זאָל ער ווייטער גיין מיט זיין שאַפֿערישן וועג און ער וועט ברענגען שיינע, געזונטע ביכער. ב. שלעווין איז אַ שרייבער פֿון אַ שווערן קאַליבער. אַ ראָמאַניסט. ער האָט אַן אויסמעסט אויף מאָרגן, און מאָרגן וועט מען נאָך מער וועגן אים רעדן. (אפרים קאַגאַנאָווסקי)

ב. שלעווין זעט דאָס, וואָס אַנדערע ווילן נישט זען. ווען מען לייענט די יידישע ליטעראַטור אין די לעצטע יאָרן, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז גאַנץ פּוילן איז אַמאָל געווען „דאָס שטעטעלע בעלז". מ׳האָט איינזייטיק ראָמאַנטיזירט און פאַרשלייערט די פאַרגאַנגענהייט, געזען אָדער אידיליעס, אָדער פּאָגראָמען, אָבער נישט די אַרבעטסלאָזיקייט, נישט דאָס איבערקלאַפּן זיך אין די תפיסה־ווענט. דאָס זעלבע אויך — דער אופן פון באַלייכטן נישט־יידן. שלעווינס מאַניער פון שרייבן איז ענלעך צו אַ רייסנדיקן באַרג־טייך: ער פאַרכאַפּט מיטן שטראָם אַלץ, וואָס ליגט אויפן וועג.

(נח גריס)

ב. שלעווין איז אַ שטילער, אַ שווייגער, אָבער דערפאַר איז ער געבענטשט מיט אַן אויסגעצייכנטער ראיה; און נישט בלויז זיין ראיה, ווי זיין טביעת־עין פון אַ קינסטלער, אַ רעאַליסט, אַ מאָלער. ער כאַפּט אויף אייער כאַראַקטעריסטישן זשעסט, אייער באַזונדערן הולך, אייער בליק און ער איז שוין גרייט אַריינצונעמען אייך אין זיין גאַלעריע געשטאַלטן, מיט וועלכע ער טראָגט זיך אַרום אין זיינע דמיונות און מחשבות. ער שווייגט און לאָזט אַנדערע רעדן, און דאָס, וואָס ער הערט, ווערט פאַר אים נישט פאַרלוירן. אין דער אמתן זענען די „ברידער כייקין" מער ווי אַ משפחה־כראָניק. ס׳איז אַ לעבן פון אַ גאַנצן דור צווישן ביידע וועלט־מלחמות. דער טאָן איז געדעמפּט, ווי זיינע העלדן וואָלטן געווען אַרומגעהילט אין אַ נעפּל פון דער זומפּיקער פּאָליעסער ערד. זיינע געשטאַלטן זענען אָבער קרעפטיקע, אמתדיקע. דער סטיל איז — דער מענטש. דער שטילער, אין זיך פאַרטראַכטער, עטוואָס איראָניזירנדיקער פון דער זייט און פון דער זייט־קוקנדיקער ב. שלעווין, מיט זיין שאַרפן טביעת־עין און פאַרשפּיצן געהער, איז אין זיינע ווערק אין תוך גענומען קודם כל געטריי צו זיך, צו זיין געמיט און צו זיינע דערינערונגען. און ווייל זיין אייגנס איז נישט געבליבן פאַרהוילן אין זיין געמיט, איז עס געוואָרן אונדזער אַלעמענס אייגנס. זיין טרילאָגיע איז נישט סתם אַ „מעשה ב׳ג אחים", ס׳איז די געשיכטע פון אַ דור און זיינע ראַנגלענישן.

(משה גאָלדין)

ב. שלעווינס פּראָזע האָט איר אייגענעם ריטם. דאָס זענען בלעטלעך וועגן דעם אייביקן וואַנדערער, וועלכער האָט אויפגעוויקלט זיין קלומיקל, מיט זיינגעריס נייי־מאַשין, און פאַרפלאַנצט אַ דור פון עמך שער־און־אייזן. ביכער שרייבן זיך נישט אַליין. מען מוז איבער זיי האָרעווען. דערצו איז שלעווין אַן אַרבעטער. ער איז אַ רעאַליסט, מיט ביידע פיס אויף דר׳ערד, מיט פיל געשמאַק און שאַרפזיניק.

(אלחנן וואָגלער)

„דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס" פון ב. שלעווין איז אַ שטיק צעאַקערט רויערד, אַ שטיק יידיש לעבן, וואָס איז נאָך ביז אים נישט דערציילט געוואָרן, נישט געשילדערט געוואָרן, יעדנפאַלס, נישט אין אַזאַ פאַרנעם. אין די זעקס ראָמאַנען פון ב. שלעווין האָבן מיר פאַר זיך שטיקער יידיש לעבן, פון פּוילן און וועגן אונדזער ישוב. ב. שלעווין האָט דעם זעלטענעם כוח אויסצושניצן יעדן פון זיינע העלדן מיט זיין אייגן פּנים. מען ווערט אָפּטמאָל פאַרבלענדט פון דער עשירות פון שפּראַך, פון דער אָנגעלאָדנקייט פון שילדערונג, ווו די אַקציע שפּרייט זיך אויס אויף טויזנטער קילאָמעטער, אויף צענדליקער יאָרן. עס איז אַ טעמע פאַר ליטעראַטור־קריטיקער צו שטודירן און געבן אַ סך הכל פון דער נייער טעמאַטיק, פון די נייע טיפּן און געשטאַלטן, פון די נייע פּראָבלעמען, וואָס שלעווין האָט

אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אויך פון זיין באַרייכערן דעם יידישן שפּראַך־אוצר.
(ג. קעניג)

ב. שלעווין איז אָן שום ספק איינער פון די פּרוכטבאַרסטע יידישע שרייבער אין אונדזער צייט. ער זעצט פּאַר שטיל, אָן געשריי, אָן טומל, אָבער עקשנותדיק, זיין שאַפן. אַ ברייט־אָטעמדיקער שרייבער מיט אַ גרויסן פאַרמעסט, וואַקסט אויס שלעווין פון איין ראָמאַן צום אַנדערן, צום מאָלער פון איינעם פון די וויכטיקסטע פּראָצעסן אין אונדזער עקזיסטענץ, דעם פּראָצעס פון איבערפלאַנצונג אין אַן אַנדערן קלימאַט, אויף אַן אַנדערן היסטאָרישן באָדן. פאַר שלעווינען, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין דער פּויליש־יידישער ליטעראַטור, וועמענס וואָרצלען שטעקן טיף אין אָט דער טאָפּאָלן־גאַס, ביים ברעג פון בוג, איז אָט די איבערפלאַנצונג, דוכט זיך מיר, דער תוך גופא פון זיין שאַפן.

אַ שאַרפער באַאָבאַכטער, אַ טאַלאַנטפולער דערציילער, מיט כוח צו גרויסע לייוונטן, איז שלעווין באַזונדערס עמפּינדלעך צו אָט דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון אונדזער זיין. ער ווייזט די פּלאַסטן פון דאָזיקן איבערפלאַנץ, ווי ס'וואָלטן פאַרן שרייבער זיך געצויגן אַזויפיל פעדעם פון בוג ביז צו דער סען. נאָכגיין די דאָזיקע פעדעם, זיי אויפפּלאָנטערן, וויקלען זיי אין זייערע נייע פאַרפלעכטונגען, אָט איז די אַרבעט, וואָס דער שרייבער ווערט נישט מיד תמיד אויפסניי דורכצופירן. אַזוי אַרום וואַקסט אויס דאָס בוך „די ברידער כייקין" צו אַן עפּאָפּייע פון אַ גרויסן פאַרמעסט, פון איבערפלאַנץ, וואָס ליגט אויפן הויפּט־שליאַך פון שלעווינס שאַפערישן וועג.
(מ. ליטווין)

עס איז שוין פאַראַן אַ געוויסער נוסח אין דער יידישער ליטעראַטור, לויט וועלכן מען שילדערט דאָס יידישע שטעטל. אַן אידילישע שטעטל, ווי שלום אַש האָט עס געזען. ווינציקע האָבן געזען דאָס שטעטל אין גייסט פון רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד פון 1905, ווי י. מ. ווייסענבערג אין זיין קראַפּטפולן, רויען לעבנס־שטייגער פון זיין „שטעטל". אין יענער צייט איז עס געווען אַ קינסטלערישער ענטפער פון שטרענגן רעאַליסט י. מ. ווייסענבערג אויף שלום אַש'ס אויסגוס פון בענקשאַפט. אָבער ביידע זענען זיי געווען צוויי אַספּעקטן פון זעלבן פאַרגאַנגענעם יידישן לעבן.

יעדער איינער, וואָס פאַרמעסט זיך צו שילדערן יענעם היסטאָרישן פּעריאָד אין שטייגער־לעבן פון יידישן פּוילן, מוז קודם וויסן, אַז דער ערשטער האַרמאַט, וואָס האָט זיך צעדונערט באַלד ביים אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט געענדערט דאָס פּנים פון שטעטל, האָט צעטרייסלט די איינגעזעסנקייט, אַרויסגעהויבן די רויע כוחות, אי די שמוגלאַרעס, אי דעם הויכן אידעאַליזם פון דער יידישער יוגנט. עס איז געווען דער גרויסער גלויבן אין זיג פון דער רעוואָלוציע. די העראָאיק פון אַ יוגנט אין קאַמף.

ב. שלעווין, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אַרויסצוהייבן יענע העראָישע עפּאָכע, האָט טיף באַגריפן די אַנדערשקייט פון שטעטל, ווו ס'הדרינגט אַריין דאָס וואַכע, זוכנדיקע אויג פון שרייבער.
(שלום שטערן)

„דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס" איז אויסגעפּיבערט אין קאַמף און אין שווערד. אַ גאַנצע ריי אייגנאַרטיקע שטריכן פון ב. שלעווינס פּראָזע האָבן זיך ווי קאָנצענטרירט אין דאָזיקן בוך. אונטער דעם איז פאַראַן נאָך אַ סך נישט־דערזאָגטס, עפּעס אַזוינס, וואָס עקזיסטירט נאָך שטומערהייט, ווי געדאַנקלעכער און עמאָציאָ־

נעלער שטאָף. אַלדאָס איבעריקע געפינט זיך ווי אויף אַ צווייטן וווייטערדיקן פּלאַן, וועלכן מיר זעען נישט, נאָר מיר פילן אים אַרויס פון גאַנג פון די געשעענישן. דעם דאָזיקן אייגנאַרטיקן שטריך פון שלעווינס פּראָזע איז צו באַמערקן אין פיל פון זיינע ווערק; אָבער באַזונדערס בולט טרעט ער אַרויס אין דאָזיקן בוך, וווּ ער שאַפט דעם גרונטיקן טאָן און קאָליר פון דער געשיכטלעכער סביבה. אויפדעקנדיק טיילמאָל בלויז אַ שמאָלן אַריינבליק אין אינערלעכן לעבן פון מענטש, הייבט דער מחבר אַרויס דאָס סאַמע כאַראַקטעריסטישע און טיפּישע.

די שפּראַכלעכע און אינהאַלטלעכע קאָנדענסירטקייט שאַפט אַן אַטמאָספער, פול מיט אָנלאָדונג, שפּאַנונג. ווי קאַרג, סילועטן־מעסיק שלעווין זאָל אונדז נישט געבן די מענטשן, זענען זיי אָבער געגעבן מיט אַזאַ אינערלעכער וואַרעמקייט און נאַטירלעכקייט, מיט אוממיטלבאַרער פּשטות:

„זאַלקע... — האָט דינה געזאָגט און געקוקט אַראָפּ צו דר'עיר — כ'האָב אין תּפיסה אַ סך געטראַכט... וועגן וואָלפן, און וועגן דיר האָב איך געטראַכט"... „און וואָס האָסטו אויסגעטראַכט?"... „אַז מיר זענען אַלע עפּעס טראַגיש... כ'ווייס, כ'בין אפשר נישט גערעכט... זאָג דו, זאַלקע"...

„יאָ, מיין יינגל... — זאָגט דער לערער ישראל — מיר דוכט זיך, אַז קיינער פון די יידישע היסטאָריקער האָט נאָך ביז היינט ריכטיק נישט דעפינירט — וואָס מיר זענען אין תּוך"...

אַפילו פון אַזאַ איינפאַכן ייד, ווי אהרן־לייב, אַ שווייגער, רייסט זיך איינמאָל אַרויס: „זיי האָבן זיך אָבער געבראָכן די קעפּ — האָט ער געלאַכט פּויעריש־הילכיק — און מ'ווייסט גאָרנישט פון וואַנען אַזעלכע מיני רייד האָבן זיך דערנומען צום ייד — צו לייזן די יידן־פראַגע אין אַלוועלטלעכן מאַסשטאַב... אָט האָסטו דיר... געהערט אַ לשון?"...

שלעווין אַליין איז אימשטאַנד צו פאַרענטפערן די דאָזיקע אויסערגעוויינלעכע צייט מיט איר גרוילן און מענטשלעכער דערהויבנקייט, מיט זיין אייגנאַרטיקער פאַרבן־גאַמע, וועלכע וועקט שטענדיק אין אונדז אַזאַ אינערלעכן אומרו. דאָס איז די שפּראַך פון עכטער קונסט, וועלכע מאַכט אונדז יעדן אמת פון לעבן נישט נאָר פאַרשטענדלעך, נאָר צווינגט אונדז איבערצולעבן דעם דאָזיקן אמת אויף אַ ניי־עם, אַנדערשדיקן אופן.

(דוד ספאַרד)

קיין שום יידישער שרייבער קען נישט צוגיין צו דער דאָזיקער תּקופה, נישט זאָגנדיק זיך אַפריער, ווי דער שליח־ציבור אַמאָל: ווער בין איך און וואָס בין איך צו קומען נישטערן אין די טואונגען, הערצער און געמיטער פון די פאַרפּייניקטע און געלייטערטע? צי ווען מיר נישט אַמאָל פּוגע בכבוד זיין דעם, אָדער יענעם פון דער עדה, וואָס קאָן אונדז נישט אָפּענטפערן? ב. שלעווין האָט מסתּמא אַזוי באַדאַרפט פילן, ווען זיין שרייבערישער חוש האָט אים דיקטירט אָנצוהייבן דאָס בוך מיט אַן אַריינפיר־קאַפּיטל, געשריבן פּשטותדיק און דערביי גאָרנישט באַנאַל, ווי אַ מין התנצלות, פאַר דעם זיך געגומענעם רעכט קינסטלעריש מחיה־מתים צו זיין דעם פאַרשניטענעם דור. אָט איז די התחלה:

„ווער פון אונדז טוט דען נישט אַמאָל, אַזוי אומגערן, אַ רוק אויף דאָס אונטערשטע שופלאַדל, און צווישן אַ באַרג אַלטע פּאַפּירלעך, קומט אומגעריכט אין

דער האָט אַריך אַ האַלב־פאַרגעסענע פאָטאָגראַפיע ? — משפחה, פריינט, חברים, באַקאַנטע״...

„אַ נייע יוגנט האָט זיך געהאָט אויפגעהויבן, מיט מוט, מיט ברויז, מיט ברען און מיט ליכטיקע האָפענונגען איך יענע געדיכט־צעזייעטע יידישע שטעט און שטעטלעך. ס׳איז געווען דער פריער, שיינער צייטאַלטער פון אונדזער נעפלדיקער קינדהייט. און די אָבות אונדזערע האָבן נאָך אַלעמאָל געלעבט מיטן בטחון, אַז אַלץ איז זיכער, ווערטיק, אייביק און באַשטענדיק. און איידער מען האָט זיך נאָך רעכט אַרומגעקוקט, איז אַ גאַנצע אַלטע וועלט צעטרייסלט געוואָרן, פאַר אונדזערע אויגן כמעט, איז אַ פיל־דורותדיקער יידישער לעבנס־שטייגער פונאַנדערגעפאַלן זיך אין שטויב״.

דער שרייבער פרווט אַרומנעמען אַלע קרייזן פון שטאָט און דאָרף : „דעם פאַרריסענעם יידישן יחוס און פאַרדאַגהיטע באַלמעלאָכישקייט, וואָס פון דער געדיכטעניש פון זייערע משפחות זענען עס געקומען די, וואָס האָבן געהאַפט אַריינצולאָזן אַביסל זון אין אונדזערע אָרעמע, פינצטערע געסלעך״.

ב. שלעווין גיט אָפט דעם מיקראָקלימאַט פון אַ מענטש דורכן מיקראָקלימאַט אין דרויסן, וואָס ער באַשרייבט אַזוי בצימצום, אַריסהעלפנדיק זיך בעיקר מיט זיין אייגנאַרטיקן פלאַסטישן און סוגעסטיוון סטיל. דערצו איז ער אָפגעהיטן־ערלעך. מען האָט כסדר דעם איינדרוק, מישנדיק די בלעטלעך, ווי דער שרייבער וואָלט אַזוי פאַר אונדז געגישטערט אין זיין אַפעקטיוו־אַנגעלאָדענעם זכרון, פון דאָרט אַרויסצוואַרפן אויפן פאַפיר שטיקער לעבן, אַזוי ווי זיי שטייען פאַר זיינע אויגן, מיט דער זכיה נאָר שפּעטער געריכט צו ווערן פון זיין אומגעהייער צניעותדיקער פען. טיילמאָל וואָלט זיך געוואָלט, אַז די „מעשה״, וואָס ער האָט אונדז צו דערציילן, זאָל זיין אַ שענערע, מער צוגעפוצט־פאַטאָגענישע, זאָל אונדז אַ נעם טון. אָבער ניין, טריי און ערלעך וועט ער נאָכגיין די „שטיקער לעבן״, ווי ער האָט זיי געזען און אָפגעפילט. „זו ראה ומקדש״, דאָס זע איך און הייליק עס. ווי אין אַ נעאָ־רעאַליסטישן פילם שווימען פאַרביי בילדער, סצענעס און עפּיזאָדן, וואָס ברענגען אונדז אַריין אין מצב־הרוח פונעם געניטן שילדערער.

ב. שלעווין ראָמאַנסירט בכן גאָר אַ מינימום, און גיט אונדז דאָס שטעטלדיקע לעבן אַזאַ, ווי ער האָט עס געזען, טאַקע דברים כהוויתם. און וווּנדער זאָל מען זען : נישט געקוקט אויף דעם פראַגמענטאַרישן אופן פון דערציילן, ווו דער מוקדם ומאוחר איז נישט אַלעמאָל אָפגעהיטן, באַקומט זיך פונדעסטוועגן אַ גאַנץ בילד פון אַ גאַנצער עפּאָכע, קאָנצענטרירט דורכאויס אויפן אַוואַנגאַרד פון דער יידישער אַרבעטער־אינטעליגענץ. עס קלאַפּט דעם שרייבערס האַרץ האַסטיקער און וויטיקלעכער פאַר „זיין אָרעמער יידישער גאַס״ אין דער שטאָט ביים בוג, מיט דער יידישער שולע און ביבליאָטעק א. נ. פון יצחק לייבוש פרץ, וואָס צו איר אויפבוי האָבן יידישע אַרבעטער און פאָלקס־אינטעליגענטן צוגעטראָגן אַ ציגל צו אַ ציגל. עס ווילט זיך אַזוי דעם געוועזענעם שילער פון דער יידישער פאָלקס־שול — וואָס איז דורך דער צייט אויסגעוואַקסן צו אַ מייסטער פון יידישן וואָרט — אָפּגעבן פלאַץ צום אייביקן רום פון זיין געאַכפּערטן „לערער ישראל״, וואָס האָט געהאַלטן, אַז „נאָר וויסן, נאָר בילדונג, האָט קאַרל מאַרקס געזאָגט, איז מאַכט״, און וואָס האָט טאַקע זוכה געווען אויפצוציען אַ דור פון „באָנטשע שריי״, נישט „באָנטשע שווייג״, אַ דור אַ פאַרהאַרטעוועטן, וואָס איז זיך געווען באַוווסט,

„אַז ער איז נישט גלייך מיט אַלעמען“, וואָס האָט פאַרשטאַנען פועל־יוצא׳דיק דעם קאַמף צו פירן אײנאײנעם מיטן אונטערדריקן נישט־יידישן דאָרף.

אידייאיש, בכן, איז דער ראָמאַן געהייליקט „די געזעלן און ביטערקעס, וואָס האָבן פאַרטייעט געטראָגן צווישן זיך אַ גרויסן סוד“. דער סוד איז געשריבן געוואָרן אויף ביבולע־פּאַפּיר, מיט דעם סוד האָט מען זיך געטיילט אויף די „סכאָדקעס“, דעם סוד האָט מען נישט אויסגעזאָגט ביזן טויט.

זאָל עס זיין אָט די סודותדיקייט, וואָס האָט באַווירקט דעם שרייבערס סטיל ? מען ווייסט, אַז שלעווין איז, קיין עין־הרע, אַ בעל יכולת, אַז ער האָט אונדז אין דעם ראָמאַן געגעבן קאַפּיטלעך, נישט נאָר טאַלאַנטירטע, נאָר בפירוש אינספּירירטע, וועגן וועלכע ס׳וועט אונדז נאָך אויסקומען צו רעדן.

דער ראָמאַן איז בעיקר אָנגעשטעלט אויף די טואונגען פון דער העראָישער אוואַנגאַרד־יוגנט. עס רעדט זיך אַלץ וועגן „שויבע־דיקע“ (אָדער פאַרברוינטע) בחורים, „וואָס האָבן אַלץ און אַלעמען באַטראַכט פון אונטערן שטערן, אַזוי ווי מיט לויער“; וועגן „יינגלעריש־אונטערגעשוירענע מיידלעך, וואָס האָבן זיך געוויקלט אין קורצע זשאַקעטקעס“. ס׳איז אָבער שווער אָנצוהאַלטן המשך, ווען מען באַשרייבט מענטשן, וואָס האָבן אין זייערע לעבנס נישט געהאַט קיין מינימום באַשטענדיקייט; לעבנס, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין יעדער רגע אומגעבראַכט צו ווערן. מען האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף אַ אַקסל, געטראָפן זיך אומגעריכט, אָדער אויף אַ „פּאָדפּונקט“, און נישט געוווסט, צי מען וועט זיך נאָך אַמאָל זען. שלעווינס באַשרייבונגען פון אָט דעם קאָנספּיראַטיוון אוואַנגאַרד זענען, דוכט זיך, איינציק אין אונדזער ליטעראַטור. דער שרייבער געפינט נישט קיין יחידישס אין לעבן פון אָט די מענטשן. דער קאַמף פאָדערט קרבנות.

דאָס איז וועלט־ליטעראַטור. דאָס איז עפּישע פּראָזע. אַזאַ געמעל קען מאָלן אַ פּראָזאַאיקער, וואָס האָט נישט נאָר באַהערשט די טעכניק, נאָר אויך אין זיך האַרמאָניזירט די באַגריפן נאַטור־מענטש־פאָלק. מיט קראַפט זענען געשריבן די קאַפּיטלעך וועגן ווייסרוסישן דאָרף, וואָס וואָלט זיך פאַרדינט אַ באַזונדערע באַטראַכטונג, מיט טיפער געזעלשאַפטלעכער אַחריות. עס קאָן קיין ספק נישט זיין : ב. שלעווין איז אויפן וועג צום וואָרן עפּאָס, וואָס איז אין זיך כולל אַלץ, וואָס איז מענטשלעך דערהויבן. דער עפּישער כוח שלעווינס איז אַ פועל־יוצא פון זיין פאַרבונדנקייט מיטן פאָלק. ציען ציט שלעווין זיין יניקה פון אַלעם בעסטן, וואָס איז געווען ביז היינט אין דער יידישער קולטור, וואָס עס האָט פאַר אים, פאַר אונדז, געלייטערט פון פסולת דער וויזיאָנער און לערער אונדזערער יצחק לייבוש פּרץ. דער לערער האָט אים געלערנט קיינמאָל זיך נישט לאָזן פּענטען פון דעם פאַרגאַנגענעם, נאָר דעם עבר צו שטעלן אין דינסט פון עתיד. אָט דער מוט, אָט די פאַרעקשנטקייט קיינמאָל זיך נישט מיאש צו זיין, נישט צו ווערן זיין קיין מקונן, דערלויבט אונדז צו זאָגן, אַז ב. שלעווין איז איינער פון די זעלטענע, באמת פּראָגרעסיווע ראָמאַן־שרייבער, וואָס מיר פאַרמאָגן היינט.

אַ וואָרט נאָך וועגן שלעווינס שפּראַך און סטיל. אָט דער בריסקער פאָלקס־שולע־תלמיד ווייס אַלץ נישט באַכצוטראַכטן, ווי אַזוי מען זאָגט עס אויף יידיש, דאָס, וואָס עס איז אַ זעלטנקייט אַפילו ביי שרייבער. ער באַהערשט אַלע סטילן און ריידאַרטן אין יידיש, און ווענדט געשיקט און מיט מאָס אָן דעם, אָדער יענעם נוסח, מיט אַ מייסטערשאַפט, וואָס דערגייט צו נאַטירלעכקייט. נאָך אַלעם אָבער

האָט דער קינסטלער זיך באַשאַפן זיין ביז גאָר אייגענעם סטיל, וואָס ס'איז שווער צו באַשרייבן. מען דאַרף אים לייענען. הערט נאָך, צום לעצט, דאָס געוויין פון אַ יונגער פויערטע:

„מען האָט אויסגעבעטן פאַר אים דאָס לעבן... נישט ער, נישט איך וועלן עפּעס האָבן דערפון.. אין דער כאַטע וועל איך אים שוין נישט זען... און זיין קינד, וואָס דאַרף געבוירן ווערן, וועט ער שוין אויף די הענט נישט טראָגן, קיינמאָל נישט... עך, דאָליע ביטערע!... אַז ס'וועט אויסוואַקסן, וועל איך עס דערציילן... כ'וועל עס... — און זי האָט זיך ביטער צעכליפּעט אין דער פאַטשיילע אַריין"...

(ל. בערנאַרד)

דער מחבר פון „מאַדאַם באָוואַרי", גוסטאַוו פלאָבער, האָט געזאָגט: „מאַדאַם באָוואַרי" — דאָס בין איך. שלעווין קען זיכער זאָגן וועגן זיך: „די דאָזיקע קעמפּערישע יוגנט — דאָס איז מיין אייגענע יוגנט". אין דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור וועט מען נישט געפינען קיין מער געוויסנהאַפטע שילדערונג. פון דער עפּאָכע. אין זיין פיינעם עסיי איבער „דעם עפּיקער פון פוילישן ייד", האָט ב. שלעווין אַרויסגעבראַכט דעם קלימאַט פון שלום אַש'ס וועלט. אַש איז דער מאָלער פון דער מאַזאָווישער און קויאַווער ערד, פון די לאַנדשאַפטן ביי דער ווייסל; און זייער טרעפלעך שרייבט שלעווין: „דער פּלאַסטישער אָנגעהויף פון בילדער פאַרפאָלגט אים, אַש'ן, אָן אויפהער". דאָס „שטעטל" איז אַ סימפאָניע פון מענטש און נאַטור. ב. שלעווין פאָלגט נאָך די דאָזיקע שיטה. אויב אַש איז פאַרליבט אין דער מאַזאָווישער און קויאַווער ערד ביי דער ווייסל, איז ב. שלעווין דער מאָלער פון די לאַנדשאַפטן ביים בוג, פון די פּאָליעסער וועלדער, אַרומגערינגלט מיט זומפּן, צו וועלכע מען קען בלויז צוקומען אום ווינטער, ווען זיי זענען געפרוירן. יעדער עכטער רעאַליזם ברענגט אַרויס דעם סוביעקטיוון אַקצענט. דאָס פילן מיר אַרויס פון די שטימונגספולע באַשרייבונגען. ער האָט באַזונדערס ליב צו מאָלן די אומעטיקע, פאַרנעפּלטע טעג, דעם ציטער פון אָנהייב פרילינג. אַזוי ווי אַן אימפּרעסיאָניסט אויפן ליוונט ברענגט אַרויס מיט קליינע פאַרבן־פלעקן דאָס ליכט, די לופט, די אַטמאָספער, אַזוי ברענגט שלעווין אַרויס זעלטן־עמפינדלעך, סובטעל זיין לאַנדשאַפט מיט געפּרעסטע, טרעפלעכע, בילדלעכע אויסדרוקן. דער באַרימטער פראַנצויזישער מאָלער פערנאַן לעזשע האָט געזאָגט, אַז דער אימפּרעסיאָניזם האָט די פראַנצויזישע מאָלעריי נישט בלויז באַרייכערט קאָלאָריסטיש, נאָר האָט אויך אַריינגעבראַכט אין דער לאַנדשאַפט־מאָלעריי אַן אומבאַקאַנטע ביז אים מוזיקאַלישע נאָטקע. די נאַטור־שילדערונגען אין שלעווינס מאָלעריי מאַכן אויף אונדז דעם איינדרוק ווי אַ מוזיקאַלישע באַגלייטונג צו די באַשריבענע געשטאַלטן און געשעענישן:

„ס'האָט געבלאָזן אַן אומעטיקער ווינט פון אַסיען. דער אויפגעבראָכענער אויבסט־סאָד איז געלעגן צעטרעטן. דער פריער אָקטאָבער האָט באַגינען אוועקגעלייגט אַ ווייסע ראָסע אויף די נידעריקע העכער. פון בעקערס קוימען איז אויפגעגאַנגען אַ געדיכטער רויך פון סאָסנאָווע האָלץ. אין דער לופט האָט זיך געפילט אַ זויערקייט פון פאַרקנעצטן ברויט. די נידעריקע זון האָט קאַרג געוואַרעמט. געזונטע ריחות פון בלעטער־פוילונג און דער ווייניקער ריח פון ווינטער־עפּל, האָבן זיך דערטראָגן צו די אָנגעשפּיצטע נאָזלעכער".

אַ קינסטלער ווייזט זיך טיילמאָל אַרויס אין באַשיידענע טעמעס. לייענט די

זעלטן־דיגע שילדערונג פון הונט און פון דעם הונגעריקן באַלעגאַלישן פערד,
וואָס ציט אויס די קאָפּיטעס. די שפּראַך פון ב. שלעווין איז אַ שמעלץ פון פאָלקס־
רעדנס־אַרטן, געפלעגט און דורכגעזיפּט דורכן געמיט פון קינסטלער. ער איז דורכ־
געדרונגען מיט פאַרבאָרגענעם ליריזם, מיט אינערלעכער עמאָציע, וואָס באַוועגט,
סטימולירט דעם אינטעלעקט, טיף־אָנגעלאָדענעם תוכן. (כיל אַראָן)

די לעצטע צוויי ביכער פון דער טרילאָגיע „די משפּחה כייקין":

2. „אויפן פאַריזער ברוק", 3. „דאָס צוגעזאָגטע לאַנד"

מיר ווערן אַריינגעפירט אין דער אַטמאָספער פון טיפן הומאַניזם, אין דער האַנד־
לונג פון פּשוטע פראַנצויזישע פאָלקס־מענטשן, וועלכע רייסן אַרויס פון „וואָלפס
ציין" אַ יידיש מיידעלע. דער פאָטער פון דעם קינד איז וואָלף כייקין, אַ קעמפער
פון דער באַטוויך־קאָמפּאַניע אין שפּאַניע, אַ קעמפער אין דער ווידערשטאַנד־באַ־
וועגונג אין פראַנקרייך. דאָס קינד ווערט ביי אים צוגערויבט, און עס איז דער גע־
ראַנגל, שוין נאָך דער מלחמה, ביז ער באַקומט צוריק זיין קינד.

איך לייען — שרייבער ז. וויינפּער — מיט אינטערעס אַלץ, וואָס עס שרייבט ב.
שלעווין. איך באַטראַכט אים פאַר איינעם פון אונדזערע קרעפטיקסטע שילדערער
און דערציילער. ער איז נישט ביי אונדז קיין גלאַט אַזוי פאַרבייגייער, וואָס אָבסער־
ווירט און פאַרצייכנט. נאָר ער שפּאַנט מיט געזונטע טריט אינמיטן פון אונדזער
שליאַך און איז פאַרוויקלט אין אונדזערע אַלע שווערע געראַנגלענישן. נאָר וואָס
פאַרענדיקט לייענען זיין בייסטן ראָמאַן „דאָס צוגעזאָגטע לאַנד", און איך בין פול
מיט אים. סאַראַ לעבעדיקער ריטם עס שלאָגט פון זיינע שילדערונגען ! עס איז
די געזונטע שילדערונג פונם „בראשית" אין דער פאָרמירונג פון מדינת ישראל.
איר האָט דאָ אַ גאַלעריע פון יידישן מענטשן, וואָס כאָטש זיי זענען גענומען פון
אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן, דערזעט איר זיי דאָך איבעראַניים אַזוי קלאָר. טאַ־
טיאַנאַ איסאַקאָוונאַ ! מיר האָבן אַזעלכע אויך אין ניו־יאָרק, אין מעקסיקע, בו־
ענאָס־איירעס, מאָנטעווידעאָ, אָבער דורך שלעווינס טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ דער־
זעען מיר קלאָרער זיי אַלע. און מיכלסאָן איז פונקט אַזאַ ניו־יאָרקער, ווי אַ
פאַריזער. דאָס אייגענע דער אַמעריקאַנער דייוויד מאָרגען, וואָס איז אַן אומעטור־
מיקער און דאָך אין ערגעץ נישט ! אָט דער דוב איז אַ פּאַס געלייטערט ליכט אין
געווירבל פון דער גאַנצער שילדערונג; אַזוי אויך זיין ברודער וואָלף.

מען וועט דאַרפן ביי אַ געלעגנהייט זיך אָפּשטעלן ברייטער און אַרומנעמיקער
אויף דעם שאַפן פון ב. שלעווין. אין איצטיקן מאָמענט וויל איך אָבער שטאַרק
באַטאָנען, אַז אונדזער יידישע בעלעטריסטיק האָט אין אים אַן ערנסטן, וויכטיקן
און הויך־קינסטלערישן כוח. אַזאַ כוח ווי ב. שלעווינס דאַרפן מיר, אין די איצטיקע
טעג פון ווינטיקייט און מטושטשדיקייט אַרום אונדז".

ב. שלעווין איז דער אמתער יורש פון די בעסטע טראַדיציעס פון קאָנסטרוק־
טיוון רעאַליזם ביי די יידיש־פּוילישע בעלעטריסטן. ער געהער צו די שרייבער,
וואָס האָבן אַמבעסטן פאַרשטאַנען דעם עצם־מהות פון די גרויסע פראַנצויזישע
רעאַליסטן, איבערהויפּט פון די מייסטער פון 19־טן יאָרהונדערט, באַלזאַק, סטענד־
האַל, עמיל זאָלאַ. דאָס באַשטעטיקט די טרילאָגיע „די משפּחה כייקין". די יידישע

ליטעראַטור נאָכן חורבן האָט אַן אויסדריקלעך רעטראָספּעקטיוון כאַראַקטער. דאָס רוב שרייבער שטייען מיטן רוקן צום לעבן, וואָס שטראָמט אַרום זיי.

די לעצטע צוויי בענדער פון דער טרילאָגיע, „אויפן פּאַריזער ברוק" און „דאָס צוגעזאָגטע לאַנד" פירן אונדז אַריין אין אַ נייער סביבה. די געשעענישן פון צווייטן טייל שפּילן זיך אָפּ אין פראַנקרייך, באַלד נאָך דער באַפרייאונג. דער דריטער טייל — אין מדינת ישראל. דאָס קומען אין באַרירונג פון וואָלפן מיט די פאַרשיידענע סאָרטן כלל־טוער אין יידישן פּאַריז, האָט שלעווינען געגעבן די מעגלעכקייט אויפצוּוויקלען אַ ברייטע, פאַרכאַפּנדיקע שילדערונג פון די דאָזיקע מיני אינסטיטוציעס אָך די טיפן, וואָס ווימלען דאָרט. דאָס זענען „פאַרזאָרגערס", וואָס פאַרזאָרגן קודם כל זיך אַליין, ביים פאַרוואַלטן מיט קהלשע געלטער. אַזאַ שילדערונג איז איינציק אין דער יידישער ליטעראַטור: הומאָר, סאַרקאַזם, שלאָגפערטיקער דיאַלאָג; דאָס זענען די דאַנציגערס, די מיכלסאָנס, די אַמעריקאַנער דעלעגאַטקע טאַטיאַנאַ איסאַקאָוונאַ, די ביילי סעס. די קונסט פון געשטאַלטיקן איז בעראַשט אונדז דורכן אַרויסברענגען דעם קאָנטראַסט פון כאַראַקטערן און שיטות. די מענטשן ווערן געגעבן אין צוויי אויסמעסטונגען — פּסיכאָלאָגיש און מאָראַליש. אָט די מאָראַליש־פּסיכישע אינטראָספּעקציע גיט דאָס בוך אַ דערהויבענעם טאָן.

יעדער סאָציאַלער ראָמאַן איז אַ צייט־ראָמאַן, יעדער קינסטלעריש־סאָציאַלער ראָמאַן מאַכט געשיכטע. מען פילט ממש מיט וויטיקלעכער פּינקטלעכקייט דעם גאַנג פון דער צייט, אירע אומוואַנדלונגען און טעמפּן. לייענט דאָס קאַפּיטל „דאָס אַלטע זינגער־מאַשינדל", ווו עס דערציילט זיך, ווי וואָלף האָט „מירלען אָפּגעגעוואָרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויפן ראָג פון די געסלעך". דאָס איז דער ריכטיקער אַקצענט פון די פּאַריזער ליבעס, וועגן וועלכע עס זינגט זיך אין פאָלקסלידער. מען קען דרייסט זאָגן, אַז שלעווין איז צו קיינעם נישט ענלעך, סיי אין דער פאָרם, סיי אין דער עקספּרעסיע. מען וואָלט פיל געקענט ציטירן, כדי צו דערקענען אין שלעווינען אַ יונגן מייסטער, וואָס טראָגט אין זיך בנשמה דעם ריטם, די פאַרבאָרגענע מעלאָדיע פון אונדזער מאַמע־לשון. יעדער נייער ראָמאַן זיינער איז אַ באַשטעטיקונג דערפון. (כיל אַראָן)

ב. שלעווין איז געווען אין ישראל בלויז אַ קורצע צייט און באַוויזן צו דערזען דאָס עיקרדיקע. די העלדן פון ב. שלעווין, דוב כייקין און די אַנדערע פון קיבוץ, זענען אין אַ גרויסער מאָס ענלעך צו די העלדן פון העבראַישן שרייבער י. ח. ברענער. (י. פורמאַנסקי)

שלעווינס טרילאָגיע „די ברידער כייקין" איז אַ ווערק פון דער צייט. די, וועלכע האָבן מיט אָפענע אויגן געקוקט אויף דער היסטאָרישערווירקלעכקייט, האָבן דורכגעמאַכט דעם שוידער, געפינען אין די אינערלעכע איבערלעבונגען, געזעלשאַפטלעכע געראַנגלען פון שלעווינס רעליעף־געצייכנטע העלדן, די אָפּשפּיגלונג פון זייער אייגן לעבן און קאַמף. דער לייענער דערקענט דאָרט זיך אַליין.

שלעווין פאַרכאַפּט מיט דער רייכער, איילי־אויפגעכאַפּטער פאַקטור. וויכטיק איז דאָ דאָס באַדאַכטע איבערגעבן, אויף אַ פּאַראַלגעמיינערטן אופן, די מענטשלעכע איבערלעבונג, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרגעסן. דער לייענער פילט צום אייגנ־

אַרטיקן קינסטלער ב. שלעווין אַ טיפֿע דאַנקבאַרקייט פֿאַר זיין ערלעכן אַרויסברענגען דעם יידישן פֿאָלקס־מענטש, וועלכער איז אַלעמאָל דער ערשטער קרבן פֿון קאַטאַסטראָפֿעס און קאַטאַקליזמען. (ש. מיצמאַכער)

„די גאָלדענע אילוזיע“, ראָמאַן, 1958

ווי אין די פֿריערדיקע ראָמאַנען פֿון ב. שלעווין, געפֿינען מיר דאָ אין פֿאָדערגרונט אַ ריי עיקרדיקע פּראָבלעמען פֿון יידן אין פּאַריז, פֿון זייער סאָציאַלער איבערשיכטונג, פֿון זייערע גייסטיקע ראַנגלענישן. דאָס בוך עפֿנט זיך מיט אַ הקדמה, אַ ווײַ־געשריי וועגן אומקום פֿון דער יידישער קולטור אין ראַטנפֿאַרבאַנד. דאָס בוך דערציילט וועגן גלגול פֿון אַ יידישער משפּחה, וואָס האָט זיך געפּרוּווט „פֿאַראַנקערן ביי די רווישיקע ברעגן פֿון דער וועלט־שטאָט“; די משפּחה פֿון לייבוש שניידער. דער הויפּט־העלד איז זיין זון, אַנרי. דאָס האָט ער אַרויסגעצויגן די משפּחה פֿון דער אָרעמקייט, דאָס האָט ער געשטוויסן „אַרויפֿצואַרבעטן זיך“. זיי ציִען זיך ענדלעך אַרויס פֿון אָרעמען בעלוויל צו אַ ליכטיקן קוואַרטאַל מיט גרויסע צימערן. אָבער אַנריין, אָנגעזאַפּט מיט אידייען וועגן סאָציאַליזם, מאַטערט דאָס געוויסן. אים ציט צוריק צום בעלוויל, צו די אַמאָליקע חברים, צום מקור. ער חלומט נאָך אַלץ וועגן אַ בעסערער וועלט. אין זיין צעטומלונג, שלעפּט ער זיך אַרום איבער די באָהעמע־קאַפֿייען פֿון מאָנפּאַרנאַס און סען־מישעל, מיטן אַנאַרכיסט, פּאָעט און קונסט־פֿאַרמיטלער בן־שושנים. אין די דאָזיקע קרייזן פֿאַרפֿלאָנטערט זיך אַנרי אין אַ ליבע מיט אַ געוויזענער מאָדעלקע, די רויט־האָריקע לאָטע. ער חלומט „אויפֿצושטעלן אַ קליין אינזעלע אין דער מיט פֿון צעבושעוועטן ים, ס׳זאָל זיין בלויז יום־טוב“... כדי צו פֿאַרווירקלעכן עס, האָט אַנרי אָפּגעקויפֿט אַן אַלט, פֿאַרלאָזן הייזל נישט ווייט פֿון פּאַריז, געלאָזן עס אויסרעמאָנטירן און עס אַ נאָמען געגעבן „די אָדלער־נעסט“. ער האָט געחלומט דאָרט איינצופֿירן אַ מין קאָמונע. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון דעם אַלעם לאָזט זיך אויס אַ ווינט.

אַ מאָהנע געשטאַלט מאָלט פֿאַר אונדז שלעווין אין אָט דעם אַנרי. אַזוי פּראַקטיש און פֿעאיק ווי ער איז אין געשעפֿט־ענינים, אַזוי אומזיכער און אומרעאַל איז ער אין זיין אייגן לעבן. ס׳דערציילט זיך דאָ וועגן אַ קליין, פּשוט יידיש מיידל סאָפֿי. זי האָט נישט קיין רעכט צו זיין אין לאַנד, זי איז אומלעגאַל. אַנרין ציט צום דאָזיקן מיידל, אָבער ער פֿאָרכט זיך אָנצורירן איר. ער זעט אין איר „די לעבעדיקע פֿאַרקערפּערונג פֿון מאַרטירער“. אַנרי׳ס חבר, דער פֿראַנצויז, פֿירט דורך מיט איר אַ פּיקטיווע חתונה און בלייבט לסוף מאַקע ווױנען מיט איר.

(וואָלף יאַסני)

דער ראָמאַן „די גאָלדענע אילוזיע“ איז דערשינען אין פֿאַרלאַג „אַליק“. וואָס פֿאַר אַ גרויסע, פֿאַראַנטוואָרטלעכע פֿירמע! אַליק! ווי גוט מען פֿילט זיך, נאָך אַזויפֿיל געפֿילדער, ענדלעך צו זען אַליק מיט זיך, מיטן אייגענעם שווערן געוויסן.

ב. שלעווין האָט שוין פֿיל מאָל אַרויסגעבראַכט וואַריאַנטן פֿון דער דאָזיקער מיליע, זוכנדיק צו באַווייזן אַלע אַספּעקטן פֿון די דאָזיקע אויסגעוואָרצלטע, אָבער דאָס מאָל זענען עס מענטשן מיט אַן אויסגערונענער אילוזיע. מען האַרף פֿאַרשטיין „די גאָלדענע אילוזיע“ נישט בלויז רעאַליסטיש, נאָר סימבאָליש. ס׳האַנדלט זיך אין געבן דעם אונטערשייד פֿון בעלוויל פֿון אַמאָל און דעם בעלוויל פֿון היינט; דער

בעלוויל של מעלה ושל מטה. מען מוז האָבן געקענט דעם דעמאָלטיקן יידישן פּראָלעטאַריאַט אין פּאַריז, מ׳זאָל קענען ריכטיק אָפּשאַצן אַזאַ ליטעראַריש־קינסטלערישע אונטערנעמונג, ווי שלעווינס.

אַלץ דרייט זיך דאָ אַרום אילוזיעס; אילוזיע פון יידישער עשירות, אילוזיע פון צוזאַמענלעבן מיט נישט־יידן, אילוזיע פון דאָגמאַטיזירטע אידעאָלאָגיעס און איבער זיי — די אילוזיע פון גאָלד.

אַלץ איז דאָ, ווי אין שלעווינס סטיל, קאָנדענסירט. דער שרייבער האָט דעם קינסטלעריש־אַנטוויקלטן חוש פאַר מענטש, בילד, פאַר קאָמפּליצירטע סיטואַציעס און קאָנסטרוקציע. ב. שלעווין געהער צו דער קליינער צאָל ראָמאַניסטן, וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָס באַהעפטן זיך אין זייער שאַפן מיט דער גאַנצער גרויסער טראַגישער תקופה.
(ל. דאָמאַנקעוויטש)

דער אופן פון שלעווינס דערציילן איז אַ האַסטיקער. פאַראַן אַ פּסיכאָלאָגישע סיבה, וואָס באַווירקט שלעווינס שרייבערישן סטיל. די טאָג־טעגלעכקייט יאָגט מיט אַ גרויסן אימפּעט. זיינע איילנדיקע, קורץ־געפּאַסטע שילדערונגען לאָזן איבער אַ דויערנדיקן איינדרוק.

דער פאָלקס־אינטעליגענט וויל זיך נישט אויסטון פון דעם אַלעם, וואָס איז אים געווען אייגן. אים מאַטערן האַרבע פראַגן: „מען האָט זיך בלויז איינגערעדט צו זיין בשלום מיט זיך און מיט דער וועלט". עס איז אַ בוך פון מענטשלעכע בלאָנדזשענישן און אידייאישער צעטומלטקייט פון אונדזערע שווערע טעג.

(דר. ל. מוקדוני)

געווען ציטן, ווען מען פלעגט כסדר איבערחזרן, אַז די ראָל פון שרייבער איז נישט בלויז אָפּצושפּיגלען דאָס לעבן, נאָר אויך עס העלפן פאַרמירן, וואָס דאָס איז זיכער ריכטיק. פון אַ ריכטיקן געדאַנק, אָדער פּרינציפּ קען מען אָבער, ווי מיר ווייסן עס היינט, מאַכן אַ שלעכטע פּראַקטיק. און אין דער פּראַקטיק האָט מען געוואָלט, אַז דער שרייבער זאָל פאָרשטעלן די ווירקלעכקייט נישט אַזוי ווי זי איז, ווי ער זעט זי, נאָר ווי מען וויל. היינט ווייסן מיר וויפל אַזאַ צוגאַנג האָט געקאָסט, און נישט בלויז דער ליטעראַטור, ווייל די ראָל פון ליטעראַטור איז נישט בלויז צו גלעטן, נאָר אויך צו שמייסן. די אויפגאַבע פון שרייבער איז נישט בלויז צו ווייזן דאָס שיינע און דערהויבענע, נאָר אויך, און אפשר אין דער ערשטער ריי, אויפצודעקן, סיי אין דער מענטשלעכער האַנדלונג, סיי אין געזעלשאַפטלעכן מעכאַניזם, דאָס מיאוסע, דאָס בייזע. שעקספּיר, טאָלסטאָי, הוגאָ און זאָלאַ, מענדעלע און שלום עליכם, מיט זייער גאַנצער ליבע צום מענטש, האָבן געוווּסט זיך אַראָפּצולאָזן אין די טונקלקייטן פון דער מענטשלעכער נשמה. זיי זענען געווען גלייכצייטיק אי באַשולדיקער, אי פאַרטיידיקער, זיי האָבן געשטראָפט און געטרייסט.

ב. שלעווין איז געבליבן געטריי זיין געזונטן חוש פון אַ רעאַליסטישן שרייבער. ער האָט נאָכגעפאָלגט די שענסטע טראַדיציעס פון די רעאַליסטישע מייסטערס. נישט פאַרגלעט, נישט פאַרפּוצט, האָט ער געוויזן די האַרטע ווירקלעכקייט, אַרויסגעבראַכט שטיקער צאַפּלדיק לעבן אין היסטאָרישן פּראָצעס. באַלזאַק האָט אַמאָל געזאָגט וועגן זיך גופא, אַז ער איז „דער סעקרעטאַר פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט". געמיינט האָט ער צו זאָגן, אַז ער איז דער כראָניקער פון זיין צייט.

ס'איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, ווען דער מחבר פלעכט אַריין אין יידישן געמיט אויך אומדזעריע הייניטיקע ווייטיקן, אומדזערע הייניטיקע בלאָנדזשעניש; „דער קלענסטער דיאַלעקט וויל אויך נישט שטאַרבן, בפרט די שפּראַכן פון אַלטע קולטור־פעלקער“. אָדער: „די חורבות און די טעמפּלען פון האַלב־פאַרגעסענע פעלקער ווערן אַנטדעקט און אויסגעגראָבן. די שפּורן פון פּוילישן ייד, אָדער פון יידישן פאָלק אין פּוילן, ווערן לייכט פאַרווישט“.

דאָס איז אַ ראָמאַן, וואָס שפּרייט פונאַנדער אַ געשיכטלעכע פּאַנאָראַמע פון נעכטן, אָבער וואָס אָטעמט מיטן היינט. מען פילט בחוש, ווי דער מחבר, מאָלנדיק די נישט־ווייטע פאַרגאַנגענהייט, איז באַהערשט פון אומרו פון אונדזער קעגנוואַרט און צוקונפט. טאַקע אין צונויפבונד פון נעכטן מיטן היינט און מיטן מאָרגן, קומט צום אויסדרוק סיי די קינסטלערישע שלימות, און דאָס, וואָס מען רופט געוויינלעך: די שליחות פון שרייבער. עס גייט דאָ נישט, ווי אַמאָל, אין ווערלן געפינען דעם „פּאָזיטיוון העלד“; עס גייט אין אַ סך מער.

„די גאָלדענע אילוזיע“ איז אַ בוך, וואָס צווינגט נאָכצוטראַכטן. פאַר מיר קלינגט דער טיטל פון בוך ווי אַ סימבאָל. מען קען אָבער נישט, און מ'טאָר נישט שרייבן וועגן שלעווינס בוך, נישט דערמאָנענדיק די הקדמה, וועלכע מען לייענט מיט אַ טיפן אינערלעכן ציטער:

„...איך ברענג דאָס דאָזיקע בוך פון יידישער צעטומלטקייט, פון יידישע בלאָנדזשענישן — אָנשטאָט אַ באַשיידן בינטל בלומען אויף די פאַרשוועכטע, אומבאַקאַנטע קברים פון דער עליטע און פון אַ דור יידישע אַרבעטער־טוער, יידישע שרייבער, יידישע שוישפּילער, יידישע קולטור־שעפער, אין לאַנד פון דער ערשטער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע“. (לילי בערגער)

„חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן“, ראָמאַן, פאַריז־תל־אָביב, 1961

„...ס'איז אים מיטאַמאָל אַ גרויס רחמנות געווען אויף אָט די אַלע; ווען זיי וויסן כאָטש וואָס פאַראַ רוצחים עס לויערן אויף זיי; און ער אַליין האָט זיך אויך דערפילט מיטשולדיק. אַלע האָבן מיר אפשר געזינדיקט קעגן די יידן פון די געוועלבלעך, פון די בתי מדרשים, אַפילו פון די אומלעגאַלע פאַראיין־בעריזעס. זיי שטורעמען, זיי קעמפן, זיי וועלן זיך אַוודאי נישט לאָזן... ווער אָבער, פרעגט זיך, וועט זיך איינשטעלן פאַר זיי? צי וועלן זיי העלן אַליין זיין בכוח? אַלע ווילן זיי, אָן שום ספק, פאַרקירצווען דאָס יידישע לעבן אין אַ ליכטיקער געסל, אָבער וועלכער וועג איז דער ריכטיקער? דאָ שטיקט מען זיך. נישטאָ מער קיין לופט צו אָטעמען. זאָלן יחנגע מענטשן לויפן אין דער וועלט אַריין, אָבי נישט דאָ. ס'איז קיין גוטס נישט צו דערוואַרטן. אפשר איז טאַקע הערצל אין אורשפּרונג גערעכט געווען מיטן אוגאַנדאַ־פּלאַן? הלוואי וואָלט געזיגט דער אוגאַנדאַ־פּלאַן, וואָלט אפשר א״י־ישראל... און ער האָט שוין מער אַזוי ווייט נישט געוואָלט נאָכטראַכטן. זאָל זיין ביראָבידזשאַן, זאָל זיין עק וועלט... זאָל דאָס יונגוואַרג פאָרן, אָבי אַוועק פון דאַנען. זאָלן זיי צעאַקערן די ווילדעניש, די טייגע, זאָלן זיי אויפבויען אַ הויז, זאָלן זיי לעבן מיט אַן אייגן לעבן, ווייל — אַפילו ווען מיר ווילן עס שוין יאָ — צי לאָזט מען אונדז דען לעבן מיט אַ פרעמד לעבן? צי האָט עס דען הערצלען אַליין, דעם אַסימילירטן ווינער זשורנאַליסט, נישט צוריקגעטריבן צום פאָלק, ווען ר'איז

געשטאַנען צווישן ווילדן המון און צוגעקוקט זיך, ווי מ׳האָט דעם פראַנצויזישן קאַפּיטאַן דרייפוס אַרונטערגעריסן די עפּאָלעטן, דעגראַדירט, באַשפּיגן, געקרופן „פאַררעטער", נישט צוליב עפּעס אַנדערש, ווי נאָר ווייל ער איז געווען אַ ייד ? ס׳איז קלאָר. און די דייטשע יידן... וואָס איז פון זיי געוואָרן ? מענדעלסאָן, די יידן־עמאַנציפּאַציע... די טעריטאָריאַליסטן און די אַלע איבעריקע דאָרט"...

ס׳איז אַ ציטאַט און אַ בילד־כאַראַקטעריסטיק, אין וועלכן עס שפּיגלט זיך אָפּ ווי אין אַ טראָפּן וואַסער, דער שווערער געמיט־צושטאַנד פון די יידן אין פּוילן ערב דעם גרויסן בראַנד. מ׳זעט דעם אחריותדיקן יידישן כלל־טוער, דעם טיפּ פון אַמאָליקן וואַרעמען ייד, וואָס האָט געזאָרגט פאַר כלל־ישראל, וואָס שטייט אין צענטער פון ברענענדיקן אומרו, וואָס פאַרצערט די יידישע מאַסן, קעגן פּאָגראָמשטשיק און צעיושעטן היטלעריזם, ביי דער סאַמע גרענעץ פון יידישן פּוילן. זיין היים איז אונטערמינירט; און פון דער צווייטער זייט — די אידייען פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זיי האָבן פאַרכאַפּט זיין אייגענע היים. דאָס פאָלק. ער ווערט צעטראָגן, צעריסן פון אייגענע סתירות. איין זאַך איז ביי אים זיכער — יידן האָבן נישט מער קיין אָרט אין פּוילן. אַדאַם נאַטאַנזאָן איז אַ שליח פון יידן אין פּוילישן סיים, וווּ מ׳חוזקט אָפּן פון דער יידישער בויט, וווּ מ׳גרייט געזעצן, וואָס גראָבן אונטער די לעצטע האָפענונג אויף יידיש לעבן אויף דער פּוילישער ערד. אַרום ברענט אַ פייער. מילא, די אַנדערע פעלקער זיצן פעסט אויף זייער ערד. אָבער יידן ? אונדז וויל מען איך ערגעץ נישט. די יידישע יוגנט ראַנגלט זיך. אַנדערע ציט עס צו דער „פּוילישער גאַס". אין אינטערנאַציאָנאַליזם זעט זי די גאולה. אויסמישן זיך ? אַסימילאַציע ? די טראַדיציאָנעלע יידישע היים ווערט געוואָרפן אין קאָנוואולסיע פון אידעאַלן, וואָס אירע קינדער ברענגען און טראָגן זיי פונאַנדער צווישן די שכנים. די יידישע יוגנט פילט אָן די תפיסות, אין נאָמען פון דער רעוואָלוציע. די יידישע יוגנט גייט לייגן די קעפּ פאַר דער באַפרייאונג פון שפּאַניע, פאַר דער באַפרייאונג פון אַלעמען... עס איז אַן אומפאַרגלייכלעכע, גרויליק־פאַרכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמע פון יידישער מאָראַלישער דערהויבונג און פיזישער פּיין.

ב. שלעווין האָט זיך פאַרמאָסטן צו געבן אַ פאַרנעמיק קינסטלעריש בילד פון דער עפּאָכע, וואָס האָט גענומען אויף איר וואָגשאָל דעם גורל פון גרויסן פּוילישן יידנטום. עס איז אים גליקלעך געראָטן דער פאַרמעסט. אין דעם בוך האָבן מיר דאָס פולע בילד פון פּוילנס פונאַנדערפאַל, אָבער נאָכמער — דעם אונטערגאַנג פון פּוילישן יידנטום. עס זענען די דרייסיקער יאָרן פון יידישן בין־השמשות אין פּוילנס מעטראָפּאָליע, אין די פּוילישע ראַנד־געביטן. דערנאָך די זעלבע דרייסיקער יאָרן אין פּאַריז. די שפּאַנישע בלוט־באָד, די היטלערישע נאַכט און דער צומאַרגנס נאָכן טאָטאַלן חורבן — דאָס איז די ראַם פון דער קאָנדענסירטער שילדערונג, די גליענדיקע עפּיק, וואָס דער טאַלאַנטפולער שרייבער. ב. שלעווין וויקלט פונאַנדער אין זיין בוך „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן".

דער שרייבער באַצייכנט דאָס בוך ווי אַ ראָמאַן. עס איז אָבער מער ווי אַ ראָמאַן. ווייל אין די גרענעצן פון אַ ראָמאַן וואָלט געווען צו ענג פאַרן לעבן פון אַזאַ מאַסע געשטאַלטן, טיפּן און שטורמישע געשעענישן און ברויזנדיקע אידייען, וואָס דער מחבר פירט פאַרביי פאַר אונדז. ב. שלעווין האָט געוואָלט פאַראייביקן אַ גרויסע און הייסע תקופה, לאָזן די שפּורן פון יידישן גאַנג איבערן הערנער־וועג, וואָס איז געשטאַנען אין נעפּל פון נישט־באַנעמען, נאָר איז עפּעס עמאָציאָנעל געווען

פאַרכאַפּט. דערפאַר איז אַזוי גרויס דער בלוט־קרבן אין דעם דאָזיקן גאַנג, דער־
פאַר אַזויפיל ספקות און אַזויפיל אַנטוישונגען.

אויפן מוראַנאָוו איז געווען איינגעבעסטיקט אַ גאַנץ יידיש פאָלק אין מיניאַ־
טור. אויפן מוראַנאָוו האָט געשוויבלט און געגריבלט מיט גייסטיקן יידישן אומרו.
יידישע יוגנט האָט געזוכט אַ בשותפותדיקן וועג מיט פוילישע האַרעפּאַשניקעס,
מיט פּוילישע אינטעליגענטן. יידישע קינדער האָבן זיך פאַרברידערט מיט פּוילישער
יוגנט אויף אומלעגאַלער פּאָליטישער אַרבעט. „מורדזשיעל״, מוראַנאָווער ראַיאָן,
איז געווען דער סימבאָל פון קאַמפּס־גרייטקייט, פון יידיש־פּוילישער אחדות.

אין אַ געצוימטן ריטם און בולטע עפּיזאָדן, ברענגט שלעווין צום אויסדרוק
אָט דעם אַנטשלאָסענעם געראַנגל. עס איז נישט וויכטיק אָנצורופן דעם, אָדער יע־
נעם נאָמען פון שלעווינס עפּאָפּייע. ווייל מיר האָבן פאַר זיך סימבאָלישע געשטאַלטן
פון אַ מאַסע. אַ שלל הערלעכע צייכענונגען און סילועטן איז צעזייט איבערן בוך.
פייגעלע, דאָס מיידל פון קראָקעווער יידישן ספרים־דרוקער; די רעוואָלוציאָנער־
קע, וואָס גייט דורך די פייער־פּראָבע פון פיזישע און גייסטיקע יסורים, פון ליבע־
אַנטוישונגען, פון וואָגלעונישן. דאָס אומפאַרגעסלעכע אין דעם לאַנגן, פייגלעכן מאָ־
נאָלאָג, וואָס ב. שלעווין לייגט אַריין אין מויל פון זיינע געשטאַלטן, רעדט אָבער
דער עיקר אַרויס פון אַדאַם נאַטאַנזאָן. ער לויפט צום לעצטן ציוניסטישן קאָנ־
גרעס אין דער שווייץ, צו אַלאַרמירן דאָס וועלט־יידנטום. עס איז שוין אָבער
שפּעט. ערשט איצט זעט ער, אַז הערצל איז געווען גערעכט: זאָל זיין דערווייל אַ
וועלכע עס איז טעריטאָריע, אַבי צו לאָזן איבערנעכטיקן דאָס געפּלאָגטע פאָלק; אין
דער צייט, ווען זיין זון, יאַנעק נאַטאַנזאָן, ברענגט מיטן פלאַם פאַר וועלט־דערליי־
זונג, ביז ער ווערט לסוף אַליין אויך דערדריקט. די ווילקירלעכע פּאַרטיי־מאַשין
נעמט אים אַריין אין איר קאַרבן און וואַרפט אים דערנאָך אַרויס אַ גייסטיק און
פיזיש צעבראָכענעם. איבערגעטראָגן אַלע מענטשלעכע און אוממענטשלעכע יסורים,
נישט וועלנדיק וויסן פון דער אַזוי גערופענער „יידישער פראַגע״, כאַפּט ער זיך
ערשט, יאַנעק, ווו ער האַלט אין דער וועלט. אים היט די כיטרע סעקרעטאַרשע
זאָשע, אַ בלאָנד־האָריק פּויליש מיידל, און עס דרינגט אים דורך דער בליק פון
„ספּעציעלן באַפּולמעכטיקטן״, נעסטאָרענקאָ. יאַנעק באַווייזט וווּנדער דורך זיין
ענערגיע ביים צוריק אויפשטעלן די פּוילישע עקאָנאָמיע אין נייעם פּוילן, ער
שלאָגט זיך ווייטער פאַרן נצחון פון פּוילישן סאָציאַליזם, אָבער די מעשה־קעלץ,
דאָס וואַרפן ייִדן פון לויפנדיקע באַנען, דער בלוט־בלבול קעגן די יידישע דאָקטוי־
רים אין מאָסקווע, די אַלע אויגן־רייסנדיקע געמיינקייטן, האָבן אים ענדלעך אַ ריי־
געטון. „אפשר — זאָגט ער זיך שטיל — איז דער טאַטע גערעכט געווען״... און די
נידערגעשלאָגנקייט פון אַלטן חבר זלמן. מען האָט אומגעבראַכט נישט נאָר זיינע
נאָענטסטע, נאָר מען טייטלט נאָך מיט שנאה אויפן ייד. פאַרוואָס? איז דאָס דער
שכר פאַר די, וואָס האָבן אָפּגעגעבן זייערע לעבנס? שווערע ספקות צעפרעסן יאַ־
נעקן, דעם אַסימילאַטאָר. קענטיק, ס׳איז יאָ עפּעס אַנדערש, באַזונדערס, וואָס
האָט במשך פון דורות זיך אויסגעקאָכט אויף דער פּוילישער ערד. ס׳איז מער ווי
געשיכטע, דאָס, וואָס האָט די יידן אויפגעהאַלטן. ס׳איז געראַנגל פאַר די אידל־
קייטן, וואָס קענען וואַרעמען דעם מענטש.

עס איז פאַראַן עפּעס טראַגישס אין דער גרויסער נאַראַציע, ווען ב. שלעווין
וויקלט פונאַנדער דעם מוראַנאָווער קאַמף־קאָרדאָן פון דער רעוואָלוציע, וועל־
כע האָט געוואָרפן אירע בעסטע קינדער אויף די פייערן פון נסיון. די, וואָס האָבן

נאָך געקענט אויפהייבן די קעפּ, שטעלן זיך אַוועק פאַר אונדז ווי סימבאָלן, אומפאַרגעסלעכע סימבאָלן, וואָס מאָנען חשבון פון אונדזער שוואַכן זכרון. אַצינד וואַלגערן זיי זיך צעטראָטענע פון דעם געץ אַליין. ווי ווייטיקלעך! אויב דאָס בלויז זאָל זיין דער פאַרדינסט פון ב. שלעווינס „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן", איז דער אויפטו פון מחבר אַ גאָר גרויסער. אָבער שלעווינס דערגרייך איז ווייט גרעסער. אין די דריי טיילן פון בוך האָט ער געגעבן אַ וווּנדערלעכע און פּסיכאָלאָגישע בילדער־גאַלעריע פון יונגע יידישע מענטשן, וואָס האָבן מיט לייב און לעבן זיך געלייטערט פאַר דער אידייע פון מענטשלעכער לויטערקייט. אהרן איז די שיינע געשטאַלט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין יידישער נויט, האָט זיך געשטרעקט צו די הויכן פון שיינקייט. דער חבר זלמן איז אַן אויסגעפּרוווטער אַלטער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט זיך דערזען אַן עלנטער, איינזאַמער מענטש, און ער בענקט נאָך אַ שמייכל פון אַ פרעמד, פאַריתומט קינד. מען וויל מער נישט האָבן קיין יידן. זיי לויפן איבער גרענעצן. אויך אהרן, דער וויזיאָנער, לאָזט זיך צוריק אַוועק אין דער פרעמד. יידן קוקן אָבער מיט בענקשאַפט אויף דער לאַנדשאַפט, וואָס איז זיי איינגעבאַקן אין האַרצן. זיי זעען ווי — די זון פאַרגייט אין פוילן...

ס'איז סימפּטאָמאַטיש פאַר דער אויסנעמלעכער אויטענטישקייט פון ב. שלעווינס ווערק, וואָס די הויפּט־געשטאַלטן זיינע דערמאָנען אין אָנגעזעענע יידישע פיגורן, וואָס האָבן באמת געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין יידישן לעבן אין פוילן. די מענטשן באַוועגן זיך אויפן עיקר פון דער דערציילונג. דאָ און דאָרט ווילט זיך אויסרופן אַ נאָמען. טייל לעבן נאָך היינט אין פוילן, טייל אין ישראל. ב. שלעווין האָט זיי אַרויסגעבראַכט מיט קינסטלערישער עכטקייט. ס'איז אַ גוט געבויט, אינהאַלטלעך אָריגינעל און צייטלעך יידיש ווערק. (י. אָקרוטני)

מען קען ב. שלעווינס „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן" נישט מעסטן מיט די געוויינלעכע ליטעראַרישע קאַטעגאָריעס: רעאַליסטישער ראָמאַן, פּאָעטישער, פּסיכאָלאָגישער. זיכער איז ער מער רעאַליסטיש, ווי עפּעס אַנדערש, אָבער ווען מען רעדט וועגן ראָמאַן, באַקומט דאָס וואָרט „רעאַליסטיש" אַ גאַנץ אַנדערע באַדייטונג, ווי אין טעגלעכן לעבן. אָפּהענגיק פון דער מאָס פון זיין שעפערישער מאַכט, קען דער מחבר אָנגעבן זיין ווערק אַ באַזונדערן כוח, וועלכן ער שעפּט נישט נאָר פון זיין טעמע, נאָר פון זיין אייגענער טיפעניש גופא. ס'איז אַ „ראָמאַן־טייך" אינם אוצר פון רעאַלע פאַקטן, געשעענע אין לעבן, מיט אַן אומגעהייערער עשירות פון דראַמאַטישער אַקציע, מיט אוצרות פון אידעאָלאָגישע און פילאָזאָפישע געדאַנקען, וואָס האָבן יאָרנלאַנג געגורנטעוועט אין געוויסע יידישע קרייזן, מיט וועלכע ב. שלעווין איז נאָענט געווען, פון וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן.

ב. שלעווינס וועג אין דער יידישער ליטעראַטור פאַלט זיך טאַקע צונויף מיט דער תקופה, וועלכע ווערט באַשריבן אין דאָזיקן ראָמאַן. די דאָזיקע יונגע קאָמוניסטן, וועלכע ער ברענגט אַרויס, האָבן געהאַט אַ פאַרשיידנאַרטיקן צוגאַנג צו יידישע פּראָבלעמען, ד. ה. זיי זענען נישט געווען קיין האָמאָגענע איינהייט: קעמפער פאַר דער פרייהייט, מיט אַן אַלגעמיין־מענטשלעכער באַפאַרבונג, אָרגאַניזאַטאָרן פון שטרייקן מיט אַ סאָציאַלן, אָבער בעיקר פּאָליטישן כאַראַקטער, געשולטע פאַרטייער, בעלי־חלומות, האָרעפּאַשנע אַרבעטער און האַלב־אינטעליגענט. עס פאַראייניקט זיי דער טרוים פאַר אַ בעסערן מאָרגן פון דער מענטשהייט, דער קאַמף פאַר „אייער און אונדזער פרייהייט" און שליסלעך — דער יידישער גורל.

עס מאַטערט זיי „די יידן־פּראַגע", דער דראַנג נאָך גאולה, אויף זייער אופן, זאָל עס זיין בירָאָבידזשאַן, ארץ ישראל, אָדער עק וועלט. און אויב דער מחבר פירט זיינע העלדן דורך אַלע וואַנדערונגען, פון גאַליציישן שטעטל קיין וואַרשע, קיין פּאַריז, אויף די באַריקאַדן קיין מאַדריד, אויף דער פּוילישער ערד, דאָסמאָל אויף דער פאָלקס־דעמאָקראַטישער, מיט איר סטאַליניזם און קעלצער פּאָגראָם, מיט בידערשלעזיע און די יידישע קאָאָפּעראַטיוון, און שליסלעך צו דער עליה פון פּוילן, ווערט קלאָר ווי דער טיפע אַנטוישונג האָט די דאָזיקע יידן, פאַרפירטע אידעאַליסטן, אָפּגענאַרטע קעמפער, געפירט.

זיכער איז שווער אָפּצוטיילן אין אַזאַ פּאַנעמיק ווערק אַקציע פון דיאַלאָג; בפרט ווען אונדזער אַזוי געראָפענע חורבן־ליטעראַטור איז נישט געשריבן אויף דער גרענעץ צווישן טרוים און וואָר, נאָר אויף דער גרענעץ צווישן לעבן און טויט. דאָס צווינגט צו פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען. די אָפּקלאַנגען פון אידעאָלאָגישע וויכוחים פּאַסן זיך אָרגאַניש אַריין אין דער קאָנסטרוקציע פון בוך. ס'איז שווער דעם לייענער אָפּצורייסן זיך. די אידיי טויכט אויף, און נאָך דיטלעכער זאָגט זיך עס אין די לעצטע זייטלעך פון בוך: עס האָבן נישט געהאָלפן די אָנשטרענגונגען פון יידן אין פאַרשיידענע עפּאָכעס אומצוואַרפן די מויער צווישן ביידע פעלקער. יידישע יונגע מענטשן האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון זייער אַלטער געשיכטע, פון די אייביקע אידעאַלן פון זייער אַלט, אויסגעפּרוווט פאָלק, נישט געוואָלט מער וויסן פון דער רייכער יידישער פאָלקס־יצירה. זיי האָבן צוליב אויסגעטוישט אויף אַ היסטאָרישן מאַטעריאַליזם. דער ניצער אָפּגאָט האָט אָבער גאָרנישט געלייזט. יידן זענען געבליבן מיט זייער „פּראָבלעם". אויך די שנאה צו די יידן איז געבליבן אומגעענדערט, האָט נאָר אָנגעטאָן אַ מאַרקסיסטישן לבוש און געשאַפן נייע אַנטיסעמיטישע עפּיטעטן — נאַציאָנאַליזם... שאָוויניזם... קאָסמאָפּאָליטיזם... עס פילט זיך פון די בלעטער אַן אויפריכטיקער באַדויער. (משה לבני)

ב. שלעווין האָט רעסטאַווירירט אַן עפּאָכע מיט אירע ראַנגלענישן און פּראָבלעמען. ער איז אין דעם געוויזבל גופא. ער שרייבט און מאָלט פון אינעווייניק. ער איז טאַקע איינער פון די „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן". אידייאישע עקזאַלטאַציע פון איין זייט און טראַגישע אַנטוישונגען פון דער צווייטער זייט. פון דער גאולה איז געוואָרן אַ קאָמעדיע. תפיסות אין די לענדער פון פרייהייט, אַנטיסעמיטיזם, באַשולדיקן זיך אַליין אין נישט־באַגאַנגענע פאַרברעכנס. עס ליגט שוין אין יידישן בלוט צו דינען אַן אידייע מיט לייב־און־לעבן. ווער פאָלק? וואָס טראַדיציע? נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייטן, קולטור־ווערטן פון דורות — ווער דאַרף זיי, ווען עס שטייט אַזאַ גרויסע אידייע פון וועלט־באַפרייאונג? און עס גייט אויף פאַר די אויגן דאָס בילד פון פאַרשווונדענעם פּוילישן יידנטום — נאַציאָנאַלע פאָלקס־באַוועגונגען, ציוניזם, פאָלקיזם, די ייִדיש־וועלטלעכקייט, די יידישע ליטעראַטור, דאָס יידישע שול־וועזן, די אַרבעטער־באַוועגונגען.

אין דעם בוך זענען דאָ קאַפּיטלען, וואָס זענען ממש אַ מאָנומענט פאַרן יידישן לעבן אין פּוילן. צום שבת זאָל אויך צוגערעכנט ווערן ב. שלעווינס געצוימטער טאָן. ער שרייבט מיט אַ צעוויטיקט געמיט, און דעריבער לעבן מיר איבער מיט אים צוזאַמען אַלע עליות און ירידות פון זיינע העלדן און מיר ווערן מיט־שפּילער אין די דראַמאַטישע האַנדלונגען פונם יידישן לעבן אין לעצטן פערטל יאָרהונדערט, ווייל ס'איז דאָך אונדזער דראַמע. מען מוז אָנערקענען, אַז ב. שלעווין איז געווען דער ערשטער יידישער שרייבער, וואָס האָט געוואַגט צו צוימען די ברענענדיקע

לאָזט, צונויפֿנעמען די הייסע געשעענישן פֿון אונדזער צייט און זיי צו פֿורעמען קינסטלעריש. אַוודאי, ביים פֿורעמען קאָכעדיקע לאַווע פֿון אַ וווּלקאַן, ברענט מען אַ ביסל אָפּ די פֿינגער. אָבער ס'האָט געלוינט. עס איז דאָס ערשטע גרויסע ווערק, וואָס באַהאַנדלט דאָס יידישע מאָדערנע וועלטלעכע לעבן מיט אַלע זיינע סאָציאַלע און גייסטיקע מאַניפֿעסטאַציעס. און פֿאַר דעם זאַגן קומט אים אונדזער אָנערקענונג. ס'איז אַ געזעלשאַפֿטלעכער ראָמאַן; דער העלד איז אַ קאָלעקטיווער — די אויפֿגעשטורעמטע, רעוואָלטירטע יוגנט. סאָציאַלער ראָמאַן מיינט אין תוך שילדערן אַ געזעלשאַפֿט און אַ תקופֿה, דורכגעדרונגען און דורכגעטרייסלט פֿון באַוועגונגען און אידייען. זייער מקור — די אומשטענדן, זייער מהות — רעוואָלט; רעוואָלט קעגן שנאה, נויט, אויסזיכטלאָזיקייט, יאוש. אַפֿילו די יידיש־פּוילישע פֿרומקייט איז אין איר תוך געווען אַ בונטאַרע; זי האָט אירע ביטערע טענות געשליידערט צו די הימלען. דער ציוניזם, דער סאָציאַליזם האָבן אַלע געוואָרצלט אין ווילן איבערצורייסן מיט דער האָפֿענונגסלאָזער איצטיקייט. אויך דער יידישער קאָמוניזם האָט זיין קנאות, זיין קרבנות־גרייטקייט געשעפּט פֿון זעלביקן מקור, פֿון רעוואָלט פֿון יידישן מענטש, צו אַקצעפּטירן די באַדינגונגען — סאָציאַלע, מענטשלעכע און נאַציאָנאַלע — וואָס זענען אים פֿון רשעותדיקע רעזשימען אויפֿגעצוווּנגען געוואָרן. די פּלוגתא איז בלויז געווען: צי דאַרפֿן מיר אַ באַזונדערן אויסלייז, אָדער איז אונדזער גאולה איינגעוויקלט אין דער וועלט־גאולה און מיר דאַרפֿן זיך אינטעגרירן אין אַלגעמיינעם רעוואָלט.

וויל איך נישט זאָגן, אַז ב. שלעווין האָט געשריבן אַ טעזע־ראָמאַן. צו גוט איז דער ראָמאַן געשריבן, צו לעבעדיק און קינסטלעריש באַהאַפֿטן מיט דער ווירקלעכקייט, מיטן קאָנקרעטן. דאָס צי איך, דער לייענער, אַרויס די טעזע, דעם סך־הכל, פֿון די סיטואַציעס, פֿון די פּערסאָנאַזשן, פֿון די דיאַלאָגן, וואָס ב. שלעווין האָט מיט אַזאַ קראַפֿט אָנגעהויפֿט אין זיין ברייט־פֿאַרמאָסטענעם, געזעלשאַפֿטלעכן ראָמאַן. אין דיסטאַנץ פֿון צייט, שילדערט ער אַלץ מיט ליבשאַפֿט און באַדויער. דער טאָן איז טיילווייז אַן עלעגישער, האַרמאָניזירט מיט די טייכן בלוט און טייכן אילוזיעס. מיט אַ סך געפֿיל און קינסטלערישער ערלעכקייט מאָלט ער אונדז דעם גלויבן, מאַרטיראָלאָגיע און עקשנות פֿון דער יוגנט, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין די פּוילישע תּפֿיסות, אין די פֿאַרשטעקטע האָטעלן פֿון דער עמיגראַנטישער פּאַריזער אומלעגאַליטעט, אויף די שלאַכט־פֿעלדער פֿון שפּאַניע, אַריינצופֿאַלן אין געוועב פֿון דער נאַצישער שפּין.

איך האָב צום בעסטן ליב אין שלעווינס ראָמאַן, ווו ער שילדערט דעם אַנאָנימען העלד, די מאַסע, די קנאים, די קינדער פֿון עם קשה עורף, וואָס גייט מיטן זעלביקן ברען און זעלביקער עקשנות ווי זייערע אָבות, אויף אַלע פֿייערן, פֿרייוויליק. אָבער אויך די יחידים אין דעם ווערק זענען נישט קיין אַבסטראַקטע פֿאַרקערפּערער פֿון טעאָריעס, נאָר מענטשן פֿון בלוט און פֿלייש, רירנדיקע, נאַיווע, קרבנות פֿון אַ ספּעציעלער פּסיכיק, וואָס זעען נישט, ווילן נישט זען, אַזוי לאַנג, ווי מען לאָזט זיי, פֿאַרמאַכן די אויגן אויפֿן פֿאַקט. אַז ייד און מענטש הייבן זיך אָן צוזאַמען, און ענדיקן זיך צוזאַמען; דאָרט, ווו מען צווינגט זיך אָפּצוזאָגן פֿון איינס, זענען ביידע אָפּגעפֿרעגט.

ער קען זיי גוט, שלעווין, די סטערקעס, די רוטקעס, די פֿייגעלעך, די אינטעליגענטקעס, די „העגט" און „מאַשינערקעס" פֿון בעלוויל, גערודפֿטע, פֿאַרפֿאָלגטע. אַ רייכע, פֿילפֿאַרביקע וועלט גייט דאָ דורך.

(ל. דאָמאַנקעוויטש)

ב. שלעווין איז נישט נאר איינער פון די פראדוקטיווסטע שרייבער פון יונגערן דור, נאר אויך — איינער פון די זעלטן־געטרייסטע קינסטלערישע באגלייטערס פון זיין דור. זיינע ביכער זענען, דוכט זיך, שטענדיק אקטועל. ער שרייבט זיי דאן, ווען דער „רוי־מאטעריאל" איז נאך הייס, קאכט נאך, איז נאך אין פראצעס פון ווערן. ער איז שטענדיק פון ביידע זייטן — אי דער געפורעמטער, אי דער פורעמער. שלעווינס גרויסער פארדינסט איז אויך צו האבן אונדז געגעבן דעם „פראנצויזישן פליגל" פון דעם בנין, וואס הייסט יידישע ליטעראטור. אלע פארבנשפילן, די גאנצע מענטאליטעט, אטמאספער פון דעם פאריז, וווּ עס לעבן די לעצטע דריי־פיר צענדליק יאר מזרח־אייראפעאישע יידן. ער האט עס אנגעהויבן מיט „די יידן פון בעלוויל" און דערפירט ביז די „חברים פון מוראנאווער ראיאן".

אויב שלעווין איז שטענדיק געווען א באגלייטער פון זיין דור, איז ער עס נאך טיפער און טראגיש־נענטער ווי שטענדיק אין אט דעם בוך, וואס איז אייגנטלעך א מין ווידוי. דער ווידוי פון א דור. עס איז אבער אויך אנקלאג. און הגם עס דרינגט ארויס פון בוך — ווי פון לעבן — אז עס איז נישטא וועמען אנצוקלאגן, ווייל באנקראטירט האט פשוט דער מענטש אליין, איז אבער דאך פאראן אינם בוך אן ערלעכע אויפקלערונג, פארוואס מען האט געגלויבט.

עס איז א טראגיש בוך, אבער אן ערלעכס; און ערלעכער חשבון־הנפש איז עס, ווייל ס'איז א קינסטלערישע אנטבלויזונג פון אלץ קנייטשעלעך פון דער מענטשלעכער נשמה. זעסט דא, ווי אונטערן ליכט פון א שטארקן שיין־ווארפער, פאר וועלכן מען קען גארנישט באהאלטן, די מענטאליטעט פון נייעם מענטש אין פוילן און אין רוסלאנד. זעסט דעם פוילישן קאמוניסט, אדער דעם רוסישן, מיט וועלכן דער ייד איז אינאיינעם געלעגן אין תפיסות, און איצט „צעגייען זיך די וועגן". דער סלאוו איז צוגעקומען צום אויסגעקעמפטן; און דו, דער ייד, וואס קיינער וועט נישט באדויערן דיין פארלאזן ס'לאנד, ווייל דו פלאנטערסט זיך צווישן די פיס, מיט דיין טיפישער טראגעדיע, מיט דיין מרויער, מיט דיין באנגדיקער בענקשאפט און מיט דיינע „פערזענלעכע געוויסן־חשבונות".

דאס בוך טראגט אויף זיך דעם טיפישן שלעווינישן חותם; א חותם פון א מאדערנעם יידישן שרייבער, מיט וועלכן יעדע ליטעראטור וואלט שטאלץ געווען. ס'איז פשוט שוידערלעך צו טראכטן, אז א שפראך, וואס גיט ארויס אזעלכע קינסטלער ווי שלעווין, איז א שפראך פון לעצטן דור, וואס רעדט זי. איז טאקע דער גורל פון יידיש אומפארמיידלעך דער זעלבער, וואס פייגעלעס ? אויב דאס זאל אזוי זיין, איז עס נאר דערפאר, ווייל דער היינטיקער ייד האט פארלוירן די קראפט צו לעבן „פארזיכיק", ווי אברהם גאלאמב רופט עס אן. הונדערטער יארן איז די חכמה פון זיין א ייד באשטאנען אין קענען פירן א גייסטיקן לעבן, טראץ דעם פיזישן ארום, וואס וויל עס אונדז אפזאגן. דאס איז אפשר אן אפגייג פון דער עצם־טעמע, אבער די אסאציאציע מיט אזעלכע שיינע קינסטלער און דערציילער ווי ב. שלעווין, ברענגען צו אט די טרויעריקע מחשבות.

פאראן אין דעם בוך א נישט־דערזאגטקייט. עס ווייעט אזא מין בענקשאפט, אז זי דרינגט אין דיר אריין און ווערט דייך אייגנס. גלייך ווי עס וואלט זיך אפגעשפילט עפעס א קאנספיראטיווע מיסטעריע. דאס בוך איז א געזעגענונג מיט פוילן. ס'טוט באנג. קראקע, די ווייסל, זענען פונקט אזוי יידיש, ווי פויליש. אבער יידן צעפארן זיך, ווייל — „ווי לאנג איז דער שיעור צו זיין אפהענגיק פון בייזע ווינטן ?"

(י. ווײנשענקער)

וועגן ב. שלעווינס שאַפן בכלל, דער עיקר וועגן „די חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן", מעג געזאָגט ווערן דאָס, וואָס דער זיידע מענדעלע האָט אַמאָל געזאָגט צום גרויסן יידישן געשיכטע־פאָרשער שמעון דובנאָוו, אַז ער, דער שרייבער, איז אויך אַ היסטאָריקער. אויב דער קומענדיקער געשיכטע־פאָרשער וועט וועלן געבן אַ ברייט־אַרומנעמענדיק היסטאָריש בילד פון אונדזער צייט, וועט ער זיך דאַרפן ווענדן צו די ווערק פון ב. שלעווין. (ש. מיצמאַכער)

מיר זענען זיך מודה ומתודה: דער פּאָראורטייל לגבי יידיש־קאָמוניסטישע שרייבער איז טיף איינגעוואָרצלט ביי אונדז, אַז אַפילו צו די, וואָס האָבן באַוויזן גרויסן מוט, האָבן מיר לכתחילה אַוועקגעקוקט; אַפילו אַזאַ שרייבער ווי ב. שלעווין האָבן מיר נישט נאָכגעפאָלגט אין זיין ליטעראַרישער אַנטוויקלונג; נישט געהאַט באַמערקט די שפּאָרע ביכער, אייניקע אַפילו אין פראַנצויזיש איבערגעזעצטע. דערפאַר איז פאַר אונדז אַן אמתע איבערראַשונג: דאָס ווערק „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן", וואָס איז פון אַלע קוק־ווינקלען אַ גרויס ווערק, געשריבן פון אַ געניטן, רייפן מייסטער. אַ בוך, וואָס פיל בלעטלעך זענען פון אַ הויכער מדרגה, די העלדן געצייכנט מיט צאַרטע, אָבער בולטע שטריכן; ווו די מחשבה איז שטענדיק אויף אַ הויכן ניוואָ; ווו עס איז קיינמאָל נישט געשטרויכלט געוואָרן די צניעות, די דיסקרעציע; ווו באַנאַלקייט האָט קיינמאָל נישט גענומען די אויבערהאַנט. ס'איז די ראָמאַנטיק פון יענער מאַסיווער באַוועגונג, וואָס האָט פאַרכאַפּט די יוגנט פון אַ גאַנצן דור. די יונגעלייט און מיידלעך פון דער פּראָווינץ זענען ווי פּאַרוויעטע בלעטער אין האַרבסט, וואָס באַוועגן זיך טאַקע איבער דער דזשיקע גאַס, אָבער אָן אַן אָרגאַנישן וואָרצל אין איר. יעדער פון זיי איז געשניצט און געטאָקט איינציק־אָריגינעל. עס זענען נישט קיין סטאַנדאַרט־העלדן, הגם יעדן פון זיי פּרעסט די זעלבע בענקשאַפט. דאָס איז ריינע, געטרייע רעסטאַווירונג פון דער מוראַנאָווער „דזשעלניצע". עס איז געווען אַ אהבה שלא תלויה בדבר. ווי עס וואָלט געשריבן געוואָרן היינט, ווי צווישן מחבר וואָלט נישט געווען קיין דיסטאַנץ פון אָרט און פון צייט. די וואַרשעווער עלעגאַנץ, די ראָמאַנטיק, די עקזאַלטאַציע פון דער יוגנט, מיט איין וואָרט, די „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן" קענען זיך, אין קינסטלערישן זין, שטעלן אין איין שורה מיט די באַרימטע וואַרשע־ווערק פון: אַש, זינגער, באַשעוויס.

עס בעט זיך צו זאָגן וועגן די פיגורן פון טלאָמאַצקע 13, וועלכע זענען געצייכנט מיט באַזונדערן שאַרם, אַז עס וואָלט נישט פאַרלוירן פון דער דיסקרעציע, ווען זיי וואָלטן געצייכנט געוואָרן אין זייערע פּרטים מיט מער היסטאָרישער פּינקטלעכקייט. די וועלט איז דאָך סיי־ווי אַ פאַרשווונדענע. אָבער דאָס פאַרמינערט גאָרנישט דעם ווערט פון בוך. עס ווערט אָפט דערמאָנט אין די דיאַלאָגן — וואָס כאָטש זיי טראָגן דעם קאָמפּלעקס פון אַנטשלאָסענע רעוואָלוציאָנערן, זענען זיי אין תוך צעפּליקטע יידישע אינטעליגענטן, בערגעלסאָנ'ישע, צי נאָמבערג'ישע — וועגן קריזיסן. מיר זענען בפירוש אַנטציקט פון דעם הויכן ניוואָ און פון גייסטיקן אַספּעקט פון דער דערציילונג, פון די אינהאַלטרייכע דיאַלאָגן, פון דער אומפאַרמיידלעכער נטיה צו פּאַראַדאָקסיזם, ווי דער שטייגער ביי אַבסטראַקטן אינטעלעקטואַליזם; די צאַרטע, אָבער נישט באַשטענדיקע און נישט דויערנדיקע ליבעס, וועדליק דאָס לעבן פון קאָנספּיראַטיווע און געיאָגטע מענטשן, איז צו באַוווּנדערן די דיסקרעציע און דאָס צניעות, מיט וועלכער דער קינסטלער האָט געשאַפן אַזעלכע קרעאַציעס, ווי פייגעלע, ווי אַזאַ סטערקע. דער מחבר גייט נישט אַרום די העלדן, נאָר

ער שוועבט אַרום זיי. די אידעלע איראָניע בנוגע די באַלעבאַטישע ייִדישע טעכטער, וואָס זענען זיך מתבטל לגבי „פּוילישע פּירער", איז געמישט מיט לייכטן מיטגעפיל. עס איז נישט קיין געשיכטע פון אַ פּאַרטיי, אַן אידייע, נאָר פון אַ מין פּסיכאָז, וואָס האָט געהאַט באַהערשט גרויסע טיילן פון דער ייִדישער יוגנט, דעקלאַסירטע, דענאַציאָנאַליזירטע, אָפּגעטריסלטע און אויסגעליידיקטע פון יעדער ייִדישער אידייע און לחלוטין איגנאָרירנדיק די ייִדישע היסטאָרישע פּראָצעסן; ניהיליסטיש צו אַלץ, וואָס איז ייִדיש. שלעווינען געלינגט אָפּט, אגב אורחא'דיק, און זייער דיסקרעט, אַרויסצוברענגען, אַז אויפן דנאָ פון יעדנס נשמה טאָטשעט אַ מין בענקשאַפט, וואָס מען האָט אין זיך אַליין פאַרשריגן.

אין בוך שפּילט זיך אָפּ אַ מין אָפּטישע אילוזיע. דעם מחבר דוכט זיך איצט, אַז שוין דעמאָלט האָט זיך ביי די חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן אָנגעהויבן אַ חשבון הנפש. אַ סך טינט און אַ סך ברודער־בלוט וואָלט איינגעשפּאָרט און די געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג וואָלט אַנדערש געשריבן געוואָרן.

אָך אָט איז דער פּריילינג אויף דער פּוילישער ערד. ער דערגייט דאָ צו זיין העכסטער קינסטלעריש־הומאַניסטישער מדרגה. פון די לאַגערן און פון די פראָנטן קומען זיך צונויף די אַמאָליקע פון מוראַנאָוו. אַ נייע אָרדענונג, נייע אידייען, אָבער דער ייִדישער גורל איז פאַר'קנסט מיט זיי, צי זיי ווילן עס יאָ, אָדער נישט. מיט פיינער איראָנישער פאַרביטערטקייט שרייבט דער מחבר אָט די שורות. עס פעלט אָבער דער נאַציאָנאַלער גורל פון מוראַנאָווער מאַסיוו. זיי פילן, די אהרנ'ס, די יאַנעק'ס, דעם אומקום פון דער דזשיקע גאַס, אָבער עס פעלט אַלץ די היסטאָרישע פּערספּעקטיוו. פייגעלע איז די קלאָרסטע און אויסגעהאַלטנסטע פון די העלדן, הגם דער אייגנטלעכער אַקס פון דער דערציילונג איז אהרן, דאָס געוויסן פון דעם דור; און דורך אים איז געלונגען שלעווינען צו געבן אַ מין גייסטיקע רעהאַביליטאַציע דעם טיפּ ייִדיש־קאָמוניסטישן מענטש בכלל. (מאיר קוטשינסקי)

איך לייען זייער ווייניק די ייִדישע שיינע ליטעראַטור. צום באַדויערן האָבן איך ווייניק צייט צו לייענען, און דער עיקר — איך געפין נישט אין אונדזער ליטעראַטור דאָס, וואָס איך בין געוווינט צו געפינען אין אַ ליטעראַטור: איך בין נישט מסכים מיט די, וואָס האַלטן, אַז קונסט איז פאַר קונסט אַליין, און מיט קינסטלערישקייט איז איז זי שוין יוצא. ליטעראַטור, ווי קונסט בכלל, מוז האָבן אַן אידייע, מוז האָבן פּראָבלעמען און זוכן פאַר זיי אַן ענטפער. און דער ענטפער מוז זיין אַן אידייע, אַן אידעאַל. איבערהויפּט איז עס געזאָגט צו אונדז, צו אונדזער צייט. דורות איבער דורות האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ צייט ווי איצט, וואָס איז מיט אונדז? וואָס וועט זיין מיט אונדז מאָרגן? ווער וועט טראָגן אָט דעם מאָרגן? וועלן מיר מאָרגן אויך זיין אַ פאָלק צווישן פעלקער, אָדער מיר וועלן צעריבן ווערן צווישן די רעדער פון דער געשיכטע?

אָט זענען עטלעכע, בלויז עטלעכע פון דעם קנויל ביטערע פראַגן, וואָס שטייען פאַר אונדז, וואָס דאַרפן אונדז מאַטערן אין דער וואָכן און אין יום־טוב. און אין אַזאַ צייט טאָר די שיינע ליטעראַטור ביי אונדז זיך נישט פאַרנעמען מיט סתם שיין־שרייבעריי. האָב איך דערוואַרט, און איך וואַרט אויף דעם אמתן ייִדישן ראָמאַן פון אונדזער גורלדיקער צייט. געוואַרט, ביז איך האָב אים געקראָגן.

איך רעד דאָ וועגן דעם ראָמאַן פון ב. שלעווין „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן", וואָס האָט דאָ נישט לאַנג צוריק געקראָגן אַ האַלבע פּרעמיע פון קעסעל־

פֿאַנד. און איך זאָג גלייך — עס איז באַגאַנגען געוואָרן אַן עוולה: דער ראָמאַן איז ווערט צוויי פּרעמיעס, צוויי גאַנצע פּרעמיעס, נישט קיין האַלבע. וואָלט ביי אונדז געווען היינט די אַמאָליקע יוגנט, וואָס האָט געלעבט מיט ליטעראַטור, וואָלט קינד־און־קייט געהאַלטן אין איין רעדן, אין איין דיסקוטירן וועגן אָט דעם ראָמאַן. איז אָט צו די פֿריערדיקע לעבנס־פֿראַגן, וואָס איך האָב אָנגעוואָרפֿן, צוגעקומען נאָך אַ קשיא: וואָס איז די פּעולה, וואָס מען לערנט ליטעראַטור, אַז מען לעבט נישט מיט איר? זאָג איך:

פֿון יענער צייט, ווען עס זענען אַרויס אָפּאַטאָשו׳ס טרילאָגיע, שלום אַש׳ס טרילאָגיע, ז. שניאור׳ס „קייסער און רבי“, האָבן מיר נישט געהאַט אַזאַ ראָמאַן, ווי דער אָנגערופֿענער. אפֿשר איז דער מחבר אַליין אויך שולדיק, וואָס ער האָט אַ נאָמען געגעבן אַ סך אַ שמעלערן, ווי דער אינהאַלט. עס איז אין בוך ניט דער מוראַנאָווער ראַיאָן, נאָר עס איז די גאַנצע יידישע אייראָפּע. אונדזער לעבן האָט אַרויסגעריסן זיך פֿון שטעטל, דאָס איינגעזעסענע יידישע פֿאָלק איז געוואָרן אַ וואַנדער־פֿאָלק. איז אָט דער גאַנצער יידישער וואַנדער־שטח פֿאַראַן אין דעם ראָמאַן. פֿון פּוילן, פֿון רוסלאַנד ביז די גרענעצן פֿון שפּאַניע און איטאַליע, מיט אַ שפּרונג קיין ארץ־ישראל. דאָס האָט „מוראַנאָווער ראַיאָן“, ריכטיקער, אונדזער טויזנט־יאָריקע איינגעוואָרצלטקייט, זיך צערויעט, ווי אַ בינשטאָק, וואָס זוכט נייע ערטער.

און אַזאַ תקופֿה — פֿון יענע יאָרן, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ווערסאַיל האָט אונדז באַזאָרגט אויפֿן פּאַפּיר מיט מינדערהייטס־רעכט, כדי די מלוכות זאָלן דאָס באַלד אויסבײַטלען און אויסלאַכן, און ביז נאָך דער צווייטער מלחמה, ביז נאָך אונדזער חורבן. די יידישע יוגנט איך יענער צייט, אָן אַ באָדן און אָן אַן אויסזיכט, האָט גענומען גלויבן אין דער קאָמוניסטישער רעליגיע, געהאָפֿט און געגלויבט: אָט דער משיח, וואָס וועט ראַטעווען די וועלט און במילא וועלן שוין אויך מיר געראַטעוועט ווערן. געוואָלט נישט צו לעבן, נאָר מיטצולעבן, נישט גיין אַליין, נאָר מיטצוגיין מיט אַנדערע פֿעלקער, אונטערצופּאָרן אויף אַ פֿרעמדן וואָגן, האָט מען געהאָפֿט אויך געראַטעוועט צו ווערן פֿאַרבייגייענדיק, דער סאָציאַליזם און דער קאָמוניזם, וואָס וועט ראַטעווען לענדער און פֿעלקער, וועט שוין אונדז אויך איינאָרדענען...

איך באַשולדיק ניט: מיר זענען אַלע געווען יונג און יינגער, און מיר האָבן געגלויבט, און... אַ ברירה האָבן מיר געהאַט? און ביז נאָך דעם גרויסן חורבן, האָט מען ווייטער געגלויבט, געגלויבט אין אידייען און אין פֿעלקער, געגלויבט און זיך ווידער אָפּגענאַרט. די וועלט האָט אונדז אָפּגענאַרט, אַלע געטער האָבן זיך אויסגעלאַכט פֿון אונדז און אַלע רעליגיעס האָבן באַנקראָטירט קעגן אונדז. און די פֿריערדיקע איינגעגלויבטע יוגנט, וואָס איז שוין אין צווישן עלטער געוואָרן, איז געבליבן מיט דעם באַוווסטזיין: געקעמפֿט, אַוועקגעגעבן אַ לעבן, אַזוי פֿיל קרבנות און — אויף פֿרעמדע מזבחות, צו פֿרעמדע געטער, פֿאַר פֿרעמדע אידעאַלן. און אַליין געבליבן, אַליין, אָפּגענאַרטע, פֿאַרלאָזטע, אויסגעלאַכטע, שטיפֿקינדער פֿון אַלע רעוואָלוציעס.

דאָס איז דער ראָמאַן. ווי זאָגט טביה דער מילכיקער וועגן זיינע טעכטער: אַז זיי פֿאַרקאָכן זיך, איז עס מיט לייב־און־לעבן. און אָט זענען זיי אין דעם ראָמאַן אויך דאָ, טביה׳ס טעכטער און אייניקלעך. די פֿייגעלעך מיט די סטערקעס און

נאָך און נאָך, וואָס גיבן אַוועק זייער לעבן אויף אַלע פראָנטן און... מען וואַרפט זיי אַרויס פון וואַגאָן־פענצטער... זאָגט טאַקע איי העלד צום סוף פון בוך:

„צוויי פעלקער האָבן געלעבט טויזנט יאָר אויף דער דאָזיקער ערד, ביי די זעל־ביקע טייכן, געגעסן דאָס זעלביקע קאָרנברויט, און מיר זענען פאַרבליבן פאַר זיי עקזאָטיק“. מען דאַרף נאָר אומבטייטן, נישט עקזאָטיק, נאָר — אַ בראָדעווקע אויף אַ פרעמדער גאַז...

אָט זענען די רייד, וואָס פייגעלע, דאָס קראָקעווער מיידל, רעדט צום אַסימילירטן חבר, וואָס איז אויף אַ וויל עולה לגדולה געוואָרן, כדי מען זאָל אים באַלד אַרויס־שליידערן ווי אַ בעטלער פון אַ פרעמדער חתונה; אָט זענען די רייד אירע ערב איר לעצטער רייזע אין דער פוילישער באַן, ווען די, וואָס זי האָט פאַר זיי אַ לעבן גע־קעמפט, שליידערן זי אַרויס דורכן פענצטער פון לויפנדיקן צוג. אַ שאָדן, וואָס מען קען דאָ נישט ברענגען די גאַנצע עקזאַלטירטע רעדע. „דורות יידן האָבן געטראָטן אויף דער דאָזיקער ערד, קינדער געבוירן, קינדער חתונה געמאַכט, געלעבט מיט בטחון... איצט שטייען חורבות נאָך אַ פאַרגאַנגען לעבן. בלאָנדע, בלוי־אויגיקע קינדער לויפן אַרום איבער די זעלביקע געסלעך... אין די דאָזיקע געסלעך האָט דאָ ערגעץ אַמאָל געוווינט מרדכי געבירטיג. ווייסט כאָטש ווער ס'איז געווען מרדכי געבירטיג?“...

— כ'ווייס נישט... — ענטפערט איר דער אַסימילירטער חבר, וואָס האָט נישט געוווּסט און נישט געוואָלט וויסן, פאַרוואָס אַנדערע יידישע יוגנטלעכע טראַכטן און בויען צפעס פאַר־זיך. ער ווייסט ניט. און זיין חברטע זאָגט אים:

— קעגן דעם פשוטן ייד, דעם סטאָליער, מרדכי געבירטיג, וועלכער האָט מיט פשוטע רייד געזונגען פשוטע יידישע לידער — אויך קעגן אים שעם איך זיך...

...און עס ווילט זיך פרעגן די זעלביקע פראַגע, און אַלע ענלעכע פראַגעס, ביי מייַנע תלמידים, וואָס מיר באַרימען זיך מיט זייערע צאָלן, ביי דער גאַנצער יידישער יוגנט, ביי די גליקלעכע אונדזערע יונגע דאָקטוירים און אינזשיניערן, ביי די, וואָס מען טרייבט זיי נאָך ניט, וואָס פאָרן אויף פרעמדע וועגענער — צי ווייסט איר פון אָט דעם פראָסטן יידישן סטאָליער, וואָס האָט מיט פראָסטע יידישע ווערטער גע־זונגען פראָסטע יידישע לידער? —

עס ברענט, ברידערלעך, עס ברענט...

און נאָך איין פראַגע:

ווי מאַכט מען יידן זאָלן לייענען אָט דעם ראָמאַן? (אברהם גאָלאָמב)

ביבליאָגראַפיע

ווערק פון ב. שלעווין

1. צווישן ווענט, דערציילונגען, פאַרלאַג „נײַ־בוך", וואַרשע, 1933.

2. גרויע פּראָפילן, נאָוועלן, פּאַריז, 1937.

3. דער מאַרש אויף בריסק, ראָמאַן, פּאַריז, 1938.

4. די יידן פון בעלוויל, ראָמאַן, פאַרלאַג „אויפסניי", פּאַריז, 1948.

5. געווען איז עס נעכטן, ראָמאַן, פאַרלאַג אויפסניי, פּאַריז, 1951.

6. רות און נעמי, דערציילונג, פאַרלאַג „נידערשלעזיע", ווראָצלאַוו, 1951.

7. דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס, טרילאָגיע, 1־טער טייל, פאַרלאַג „אויפסניי", פּאַריז, 1955.

8. אויפן פּאַריזער ברוק, 2־טער טייל, פאַרלאַג „יידיש בוך", וואַרשע, 1956.

9. דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, 3־טער טייל, פאַרלאַג „אויפסניי", פּאַריז 1956.

10. לע זשוויף דע בעלוויל, פראַנצויזישע איבערזעצונג פון „די יידן פון בעלוויל", פּאַריז 1956.

11. די גאָלדענע אילוזיע, ראָמאַן, פּאַריז, 1957.

12. חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן, ראָמאַן, י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, פּאַריז־תל־אָביב, 1961.

„צווישן ווענט", נאָוועלן, וואַרשע, פאַרלאַג „נײַ־בוך", 1933.

13. בעקערמאַן אהרן. וועגן אַ יונגן יונגן שרייבער. — ניו־יאָרק, פרייע אַרבעטער־שטימע, 1934.

14. ברינמאַן י. ר. „צווישן ווענט" פון ב. שלעווין. — בלעטער פון מאַרמאַרעש סיגעט, 1934.

15. ווינאָגוראַ, ברוך. צווישן ווענט — פּאַריז, נײַע פּרעסע, 1934.

16. זאַראָמב, שמואל. ב. שלעווין : צווישן ווענט. — וואַרשע. אונזער וואָרט, 1933.

17. מעדעם, גינאַ. אַ זיי געזונט. — וואַרשע, פריינד, 1934.

18. נאַטיש, מיכאל. צווישן ווענט. — וואַרשע, ליטעראַרישע בלעטער, 1934.

19. פינקעלשטיין, לעאָ. אויסערן גוטן און שלעכטן. — וואַרשע, נאַש פּזשעגלאָנד, 1934.

20. קאָוואַלסקי, מ. (ב. מאַרק). צווישן ווענט. — וואַרשע, ליטעראַרישע טריבונע, 1934.

21. קראַטקין, א. — „צווישן ווענט", „פאָלקס־קולטור", סאַן פּאולאָ. 1934.

„גרויע פראַפּילן“, נאָוועלן, פּאַריז, 1937.

22. בעקערמאַן, אהרן. — ב. שלעווינס גרויע פּראָפּילן, פרייע ארבעטערשטימע, ניו יאָרק, 1937.

23. וועוויאָרקע, וו. — גרויע פּראָפּילן, פּאַריזער היינט, פּאַריז, 1937.

24. זשיטניצקי, ל. — פון פוילן ביז פּאַריז, דורך בירגער־קריג, די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, 1937.

25. מיצמאַכער, ש. — גרויע פּראָפּילן, מאָנטרעאַל.

26. צוקער, יאָסל — גרויע פּראָפּילן פון ב. שלעווין, פּאַריזער זשורנאַל, פּאַריז, 1937.

„דער מאַרש אויף בריסק“ ראָמאַן, פּאַריז, 1938.

27. בעקערמאַן, אהרן. — די מאַסע אַלס העלד, נייע פּרעסע, פּאַריז, 1938.

28. באַטאַשאַנסקי, יעקב. — וועגן „דער מאַרש אויף בריסק“, די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, 1938.

29. גראָסמאַן, משה. — אַ נייער דערציילער, פּראָלעטאַרישע יוגנט, וואַרשע, 1938.

30. דלוזשנאָווסקי, משה. — דער מאַרש... (פריינטלעכע פּאַראָדיע), נייע פּרעסע, פּאַריז, 1938.

31. גלאַזמאַן, ברוך. — דער מאַרש אויף בריסק, ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע, 1939.

32. עסטערמאַן, מ. — דער מאַרש אויף בריסק, מאָמענט, וואַרשע, 1939.

33. יעליך, חיים. — אונדזער יוגנט, קאָוונער פאָלקסבלאַט, קאָוונע, 1939.

34. פּאָמעראַנץ, גרשון. — דער מאַרש אויף בריסק, יידישע קולטור ניו־יאָרק, 1939.

35. פוקס, א. מ. — דער מאַרש אויף בריסק פון ב. שלעווין, לשון און לעבן, לאָנדאָן, 1945.

36. מאַרק, ב. — וועגן ב. שלעווין, ליטעראַרישע בלעטער, 1939.

37. מאַניטש, י. — ב. שלעווין, נייע פּרעסע, פּאַריז, 1945.

38. מוקדוני, ד״ר ל. — דער מאַרש אויף בריסק, מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, 1939.

39. שניאור, זלמן — וועגן ב. שלעווין דער מאַרש אויף בריסק, נייע פּרעסע, פּאַריז, 1939.

„די יידן פון בעלוויל“, ראָמאַן פּאַרלאַג „אויפסניי“, פּאַריז, 1948

40. אַמסטער, פּ. — די יידן פון בעלוויל, אונזער שטימע, פּאַריז, 1948.

41. בערגער, לילי. — די שאָטנס טאָרן נישט פאַרשטעלן דאָס ליכט, אויפסניי, פּאַריז, 1949.

42. גריס, נח. — די יידישע עמיגראַציע אין פראַנקרייך, אין שפּיגל פון אַ ראָמאַן, נייע־וועלט, תל־אָביב, 1949.

43. גריס, נח. — מהגרים באספקלריה של רומאן, על־המשמר, תל־אביב, 1949.

44. דאָמאַנקעוויטש, ל. — דער ראָמאַן

פון די יידן פון בעלוויל, אַרבעטער־וואָרט, פּאַריז, 1948.

45. ווײַנשענקער, איציק. — אַ ראָמאַן לדורות, איקוף, מאָנטעווידעאָ, 1949.

46. טורקאָוו, י. — די יידן פון בעלוויל, ניידערשלעזיע, ווראָצלאַוו, 1949.

47. מאַרק, ב. — אַ ראָמאַן וועגן פּוילישע יידן פון בעלוויל, דאָס נייע לעבן, וואַרשע, 1948.

48. מוקדוני, ד״ר ל. — אַ ראָמאַן וועגן יידן אין פּאַריז, מאָרגן־זשורנאַל, ניו יאָרק, 1950.

49. ספאַריד, ד. — דער שעפערישער וועג פון ב. שלעווין, פאָלקס־שטימע, לאָדזש, 1948.

50. פוקס, א. מ. — די יידן פון בעלוויל, לשון און לעבן, לאָנדאָן, 1950.

51. פינזאָן, מימי. — ב. שלעווינס „די יידן פון בעלוויל״, איקוף, בוענאָס איירעס, 1950.

52. מילנער, יוסף. — די יידן פון בעלוויל, נייע פּרעסע, פּאַריז, 1949.

53. מאַנדעל, זשאַן פּיער. — שמועסנדיק מיט ב. שלעווין, דרוא ע לי־בערטע, פּאַריז 1945.

54. ליטווין, מ. — דער נייער ראָמאַן פון ב. שלעווין, נייע פּרעסע, 1949.

55. לעיעלעס־גלאַנץ. — וועגן די יידן פון בעלוויל, דער טאָג, ניו יאָרק, 1949.

56. קאַץ, פּיניע. — ב. שלעווין, די פּרעסע, בוענאָס איירעס, 1947.

57. ראַוויטש, מלך. — אַ ראָמאַן וועגן אַ צווייַ צענדליק פּאַריזער יידישע יאָרן, קיום, פּאַריז, 1950.

58. שטריגלער, מ. — אַ תיקון פאַר אַ יידיש ווינקל אין פּאַריז, אונזער וואָרט, 1948.

59. שוואַרץ, מ. — די יידן פון בעלוויל, אונזער פריינד, מאָנטעווידעאָ, 1951.

„לע זשויף דע בעלוויל״, („די יידן פון בעלוויל״, פראַנצויזיש), פאַרלאַג

„נוועל עדיסיאָן לאַטין״, פּאַריז, 1956.

60. איקאַר, ראָזשע, פּאַרוואָרט.

61. באַסק, רענע — מיר ווינטשן, אַז אַלע זיינע ביכער זאָלן איבערגעזעצט ווערן, זשורנאַל „רעווי״, פּאַריז 1956.

62. ליבר בעלזשיק — כדי צו דערנענטערן אַלע מענטשן, 1956.

63. בלאָך, ג. — די יידן, וואָס מיר קענען נישט, „ווי אוווריער״, 1957.

64. ביטאָוו, זשאַק. — בעלווילער יידן, אין בולגאַריש, סאָפיע, 1957.

65. בראָשאָן, פּיער. — די יידן פון בעלוויל, „איראָפּ״, 1957.

66. בוויע, עמיל. — ראָסן־קאָנפליקטן, „מאַרסעיל״, 1957.

67. גאָט, ראָבער — „קאַרעפור״, 1956.

67. ביבליאָגראַפישע העפטן. — סורזשענט און וואַלטער. 1958

68. דאָבזשינסקי, שאַרל. — די יידן פון בעלוויל — „לעטר פראַנסעז״, 1956.

69. וואָלמאַן, וועראַ. — די יידן פון בעלוויל, „נוועל ליטערער״, 1956.

70. ע. ראָלאַנדט. — ב. שלעווין, האָלענדישע צייטונג „פּורים״, אַמסטערדאַם, 1957.

71. מילנער, י. — די יידן פון בעלוויל. פראַנצויזישער ביולעטין, 1960.

72. ווירמסער, אַנדריי — יידן זע־

נען ווי פאַרליבטע... — „לעטר פראַנ־סעז״, 1956.

73. לעקטיר פון טאַג. — פאַרי־פרעס.

74. ציטריק, ל. — וועגן ב. שלעווין, פראַנצ. ביילאַגע צו דער „נייע פרעסע״, 1956.

75. קלער, אַנדרעי. — וועגן די יידן פון בעלוויל, „הימאַניטע״, 1957.

76. מאַלע, גי. — די יידן פון בעל־וויל, „דראַפּאָ רוזש״, בריסל, 1957.

„געוועז איז עס נעכטן״ ראָמאַן, פאַרלאַג „אויפסניי״, פאַריז, 1951

77. כ״ל אראָן. — ב. שלעווינס ניי ווערק וועגן יידישן פאַריז, „יידישע קול־טור״, ניו יאָרק, 1953.

78. אַלפּעראָוויטש, ב. — „געווען איז עס נעכטן״, „דרום־אַפריקע״, יאָהאַנעס־בורג, 1952.

79. גאָלדין, מ. — אַ שמועס מיט ב. שלעווין וועגן זיין ניי ווערק, „יידישע קולטור״, ניו יאָרק, 1952.

80. וואַגמאַן, י. — געווען איז עס נעכ־טן, „אַרבעטער וואָרט״, פאַריז, 1952.

81. ספאַרד, ד. — וועגן ב. שלעווינס געווען איז עס נעכטן, „פאָלקס־שטימע״,

„יידישע שריפטן״ און אין בוך „יידישע שרייבער״, וואַרשע, 1955.

82. קעניג, ג. — וועגן נייעם ראָמאַן פון ב. שלעווין, „נייע פרעסע״, 1951.

83. שטערן, שלום. — פון טיפער בענקשאַפט, קאַנאַדער „וואָכנבלאַט״, מאָנטרעאַל, 1951.

84. אַליצקי, ל. — ב. שלעווין, אונ־זער ליבער גאַסט , „יידישע שריפטן״, וואַרשע, 1956.

85. אַראָנסאָן, כ״ל. — אַ סאָציאַלער עפּישער ראָמאַן, „נייע פרעסע״, 1955.

„דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס״ טרילאָגיע, פאַרלאַג „אויפסניי״ פאַריז, 1955.

86. אַראָנסאָן, כ״ל. — ב. שלעווינס מאָלערישער אימפּרעסיאָניזם, „נייע פּרע־סע״, פאַריז, 1956.

87. אַראָנסאָן, כ״ל. — אַ קאָנסטרוק־טיווער, אָפּטימיסטישער ראָמאַן, „יידי־שע קולטור״, ניו יאָרק, 1956.

88. ביק, אברהם. — ב. שלעווין, דער שטימונגספולער פּראָזאַאיקער, „זאַמ־לונגען״, ניו יאָרק, 1957.

89. בערנאַרד, ד״ר, ל. — „ב. שלע־ווין אין גאַנג צום עפּאָס״, „פאַריזער צייטשריפט״, פאַריז, 1957.

90. ביאַלאָסטאָצקי, י. — אַ גאַסט אין שול, „קליינע פאָלקס־שטימע״, וואַרשע, 1956.

91. גאָמזער, ש. — אַ שעה מיט ב. שלעווין, „נייע פרעסע״, פאַריז, 1956.

92. גראָס, ב. — דער וועג פון ב. שלעווין, „פריי ישראל״, תל אָביב, 1949.

93. גרוס, ב. — דרכו של ב. שלבין, „קול העם״, תל אָביב, 1949.

94. גאָלדין, מ. — אַ שמועס מיט ב. שלעווין וועגן זיין טרילאָגיע „די משפּחה כייקין״, „נייע פרעסע״, פאַריז, 1955.

95. גאָלדין, מ. — שלעווין שווייגט און לאָזט אַנדערע רעדן, „נייע פּרע־סע״, 1955.

96. גריס, נח — דאָס, וואָס אַנדערע ווילן נישט זען, „נייע פּרעסע", 1955.

97. גאָלדקאָרן, י. — מיט ב. שלעווין איבער פּוילישע שטעט און שטעטלעך, „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, 1956.

98. גאָמזער, ש. — אַ לויפנדיקער אינטערוויו, „נייע פּרעסע", 1955.

99. ווײַנפּער, ז. — ב. שלעווין, „יידישע קולטור", ניו יאָרק, 1956.

100. וואָגלער, אלחנן. — אַ דור פון שמך שער־און־איזן, „נייע פּרעסע", 1956.

101. ווילקאָמירסקי, ב. — דער פּייערלעכער אָונט לכבוד ב. שלעווין, צום דערשיינען פון זיין טרילאָגיע „די ברידער כייקין", „נייע פּרעסע", 1956.

102. וועבער, א. — צונאָמענטרעף מיט יידישע ארבעטער, „נייע פּרעסע", 1956.

103. זאָבעל, זשאָזעף. — די דעמאַרקאַציע־ליניע צווישן דער רעאַליטעט און דעם וווּנדערלעכן, „נייע פּרעסע", 1956.

104. חלמיש, מרדכי — עם הסופר ב. שלבין, „על המשמר", תל־אָביב, 1957.

105. ספּאַרד, דוד. — וועגן „דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס", „יידישע שריפטן", „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, 1956

106. סלאָוועס, ה. — דער כראָניקער פון אַ גאַנצן דור, „נייע פּרעסע", 1956.

107. לעווו, אברהם. — „דאָס הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס", „אויף דער וואַך", תל־אָביב, 1957.

108. ליטוויק, מ. — עקשנותדיק און אומדערמידלעך, „נייע פּרעסע", 1956.

109. מיצמאַכער, ש. — „אַ הויז אין דער טאָפּאָלן־גאַס", „זאַמלונגען", ניו־יאָרק, 1956.

110. מילראַד, דר. ש. — מיט ביידע פיס אויף דער ערד, „נייע פּרעסע", 1956.

111. קאַגאַנאָווסקי, אפרים. — אַ שרייבער פון אַ שווערן קאַליבר, „נייע פּרעסע", 1956.

112. קעניג, ג. — אַ שטיק אויפגעאַקערט רוי־ערד, „נייע פּרעסע", 1956.

113. קוואַטערקאַ, א. — אַלטע פריינד באַגעגענען זיך, „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, 1956.

114. קוואַטערקאַ, א. — אויף אַ צונויפטרעף מיט ב. שלעווין אין וואַרשע, „פאָלקס־שטימע", 1956.

115. שושקין, מ. — די טאָפּאָלן־גאַס — די גאַס פון י. ל. פּרץ, „נייע פּרעסע", 1956.

116. שטערן, שלום. — ב. שלעווין און זיין נייער קינסטלערישער פאַרמעסט, „מאָרגן־פרייהייט", ניו יאָרק, 1955.

„די גאָלדענע אילחיע", ראָמאַן", פּאַריז, 1957.

117. בערגער, לילי. — דער ווייגעשריי פון יידישן שרייבער, „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, 1957.

118. גראָסמאַן, משה. — וועגן ב. שלעווין, „היימיש", תל אָביב, 1957.

119. דאָמבּאָנקעוויטש, ל. — די גאָלדענע אילחיע, "אונזער וואָרט", פּאַריז, 1958.

120. חלמיש, מרדכי. — לאחר „אשלית הפז", „על המשמר", תל־אָביב, 1958.

121. יאַסני, וואָלף. — די גאָלדענע

אילוזיע, „לעצטע נייעס", תל - אָביב, 1957.

122. לעוו, אַברהם. — בנימין שלעווין, „ישראל־שטימע", תל־אָביב, 1957.

123. מ. ל. — דער נייער ראָמאַן פון ב. שלעווין, „פּאַריזער צייטשריפט", פּאַריז, 1956.

124. מוקדוני, דר. ל. — אַ חורבן־בוך, „צוקונפט", ניו יאָרק, 1959.

125. מיצמאַכער, ש. — ב. שלעווינס „די גאָלדענע אילוזיע", „יידישע קולטור", ניו יאָרק, 1957.

126. פּאַגעל, א. — אשלית פז של ב. שלבין, „דרכנו", תל־אָביב, 1957.

127. פּאָמעראַנץ, ג. — די גאָלדענע אילוזיע, „יידישע צייטונג", טאָראָנטאָ,

„חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן, ראָמאַן, פאַרלאַג י. ל. פּרץ

תל־אָביב – פּאַריז, 1961.

128. אייכענבוים, י. — די טראַגעדיע פון אַן אידעאַליסטישן דור, „לעבנס־פּראַגן", תל־אָביב, 1962.

129. איוואַן, וואָלף הערש. — נאָטיצן פון אַ לייענער, „לעצטע נייעס", תל־אָביב, 1962.

130. אַקרוטני, י. — די זון פינצטערט אין פּוילן, „יידישע צייטונג" בוענאָס־איירעס", 1962.

131. אַבראַמאָוויטש, בינה. — אין „ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ", 1962.

132. — באַיאָן, ל. — וועגן ב. שלעווין, צו דער פּרעמיע פון צבי־קעסעל־פאָנד, „פאָראויס", מעקסיקע, 1962.

133. בער, מאיר — וועגן ב. שלעווינס „חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן", „אונדזער איינקייט", פּאַריז, 1962.

134. גאָלאָמב, אַברהם, — דער גרויסער ראָמאַן פון אַ שוידערלעכער תקופה, „אונדזער לעבן", מעקסיקע, 1962.

135. דאָמאַנקעוויטש, ל. — דער לעצטער ראָמאַן פון ב. שלעווין, „אונדזער וואָרט", פּאַריז, 1962.

136. דלוזשנאָווסקי, משה. — אַ גרויסע דערגרייכונג, „אונדזער איינקייט", פּאַריז, 1962.

137. ווײַנשענקער, י. — ערלעכער חשבון הנפש, „היינט", מאָנטעווידעאָ, 1963.

138. טורקאָוו, יצחק. — דער ראָמאַן פון בלאָנדזשענדיקן דור, „פאָלקסבלאַט", תל־אָביב, 1963.

139. ווייץ, אַברהם. — חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן, „אונדזער שטימע", פּאַריז, 1962.

140. טשעמני, י. — וועגן די מוראַנאָווער חברים, „אייגנס" , תל אָביב, 1963.

141. יאַסני, וואָלף. — אַ בוך פון גלויבן און אַנטוישונג, „לעצטע נייעס", תל־אָביב, 1962.

142. לבני, משה. — חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן, „קיום", פּאַריז, 1962.

143. מירסקי, מ. — ווו איז פאַרגאַנגען די זון ? , „פאָלקס־שטימע", וואַרשע, 1962.

144. קוטשינסקי, מאיר. — אין דינסט צו אָפּגעטער, „היינט", בראַזיליע, 1962.

145. עמיאָט, ישראל. — חברים פון מוראַנאָווער ראַיאָן, „קענעדער אָדלער", 1963.

146. קולטור און דערציאונג. — וועגן ב. שלעווין, 1964.

147. **פענסטער, הערש** — אַ ווערק, אַ חשבון־הנפש, „פרייע אַרבעטער־שטי־מע“, ניו יאָרק, 1964.

147. סדן, י. — ראַדיאָ־עמיסיע אין פראַנצויזישן ראַדיאָ, 1964.

148. ליסקי, י. א. — ליבע צום מיט־מענטש, „לאָנדאָנער ידישע שטימע“, 1963.

149. **שמייער, פּ.** — ב. שלעווין, „אונ־זער שטימע“, פּאַריז 1963.

150. **שולמאַן, אליהו**, — יידיש לעבן אין פוילן ערב דעם חורבן. „דער ווע־קער“, ניו יאָרק, 1961. „אויפן שוועל“, מעקסיקע, 1962.